STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09302

# ARNOLD LEVENBERG

David Pinski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד פינסקי

# ארנאלד לעווענבערג

(דער צוריסענער מענטש)

ראמאן

ארויסגעגעבן דורך
דוד פינסקי ביכער קאמיטע אינק.

PRINTED IN POLAND
by
*Farlag CH. BRZOZA, WARSZAWA*

D. PIŃSKI: ARNOLD LEWENBERG
*WDAWNICTWO CH. BRZOZA, WARSZAWA*

*Drukarnia „Grafia".*

# פעלער־אויסבעסערונג.

---

זייט 24. 1־טע און 8־טע שורה פאַרווענדט: 1־טע שורה איז די 8־טע, און אומגעקערט.

״ 42. 2טע שורה אויבן: יצום צוקישן — דאַרף שטיין: „צום צוקושן״.

״ 120. 8טע ״ אונטן: פווכט — ״ ״ פייכט.

״ 148. 13טע ״ אויבן: דדרכצורעדן — ״ ״ דורכצורעדן.

״ 200. 3טע ״ אויבן: רעק — ״ ״ שרעק.

״ 209. לעצטע ״ אויבן: אויף נימער — ״ ״ אויף נומער.

״ 299. 2טע ״ אונטן: איז אַן איבעריקע.

״ 303. 10טע ״ אויבן: צוקלאַפּט געוואָרן דאָס וואָרט מיר.

״ 321. 2טע ״ אויבן: פּאַרקער — דאַרף שטיין: פאַרקער.

״ 410. 3טע ״ אונטן: איוף — ״ ״ אויף.

״ 459. 8טע ״ אונטן: מעטמענטשן — ״ ״ מיטמענטשן.

---

אויפן שער־בלאַט איז אויסגעלאָזן געוואָרן דאָס דאַטום (1919—1925).

# ערשטער טייל

# I

ארנאָלד לעווענבערג, דעם ייִנגסטן מיטגליד פון דער רייכער מאַשנטוך־פירמע „לעווענבערג ברידער און קאָמפּאַניע", האָט זיך געחלומט אַ גאַנץ מערקווירדיקער חלום.

אַ גרויסע עפּידעמיע האָט געהערשט אין דער וועלט, אַ מין שוואַרצע פּעסט, און אין איין שיינעם טאָג איז גאַנץ ניו־יאָרק אויסגעשטאָרבן. ער אַליין איז לעבן געבליבן. דאָס האָט ער דייט־לעך געוווּסט. גאַנץ ניו־יאָרק איז טויט, און ער איז דער איינ־ציקער לעבעדיקער מענטש.

ער איז געשטאַנען אין אַ מיטן גאַס — געגוייער, ער איז גע־שטאַנען אין מיטן זיין אייגענער גאַס, אין איינער פון די זיבעציק־סטע גאַסן נישט ווייט פון מעדיסאָן עוועניו, אָבער אין דער איי־גענער צייט האָט ער געזען פאַר זיך גאַנץ ניו־יאָרק. די אונטן־שטאָט און די אויבן־שטאָט, בראָנקס און ברוקלין, מזרח און מערב, די הויכבאַנען און די אונטערגרונט־באַנען, און אומעטום איז געווען שטיל. די שטילקייט פון טויט.

עס איז געווען בייטאָג, אַ פרילינגסטאָג, אָבער דער גאַנצער דרויסן איז עפּעס געווען פאַרצויגן מיט אַ נעפּל. עס האָט אויסגע־זען פאַרטאָגיק, זונטיק, אין אַן איינזאַמער גאַס פון אַ שטילן שטעטל.

און אים איז געווען עפּעס אַזוי שווער אויפן האַרצן, אַזוי טרויעריק, צום שטאַרבן טרויעריק. וואָס זאָל ער טאָן איינער אַליין?

איז אים איינגעפאַלן, ער וועט צוגיין צום גרענד סענטראַל. אפשר קומען אָן צוגן מיט לעבעדיקע מענטשן פון אַנדערע שטעט. ווערט ביי אים א געוויסהייט, אַז אויך אויסער ניו־יאָרק זיינען אַלע אויסגעשטאָרבן. דער גאַנצער קאָנטינענט איז טויט, אין זיין גאַנצער לענג און ברייט, פון פּאָלוס צו פּאָלוס, פון סאַן פראַנציסקאָ ביז ניו־יאָרק.

אַלע טויט. נאָר ער אַליין איז געבליבן, דער איינציקער לעבעדיקער אויפן גאַנצן קאָנטינענט.

פּלוצלונג דערפילט ער, אַז פון ערגעץ א גאַס קומט אָן א יונגע פרוי. אָט זעט ער זי שוין, ווי זי וואָלט זיך ארויסגעטיילט פון א לופט־שלייער, די שלאַנקע בויגזאַמע געשטאַלט פון קעטרין שופּרא, מיט אירע שוואַרצע קלוגע אויגן, וועלכע קוקן אויף אים אַזוי האַרט. זי איז געגאַנגען צו אים מיט איר קאָקעטישן גאַנג, וועלכער האָט אויף אים שטענדיק געווירקט ווי פאַרשיכורנדיק.

ער האָט זיך דערפרייט. א גליקזעליקייטס־געפיל האָט זיך איבערגעגאָסן איבער אים. איצטער האָט ער געוווּסט, וועמען זיין האַרץ האָט באַגערט. ווי גליקלעך, וואָס זי איז איבערגעבליבן!

ער איז געגאַנגען איר אַנטקעגן. ער האָט געשוועבט איר אַנטקעגן. און עס האָט זיך אים געלאַכט פאַר גליקזעליקייט, וואָס נענטער ער איז צוגעקומען. אָבער דאָס איז נישט געווען קעטרין שופּרא, נאָר טערעזע קעלערמאַן, מיט איר רייצנדיקער בלאָנדער שיינקייט און אירע לאַנגזאַמע פּוילע באַוועגונגען. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אירע גרויסע גרויע אויגן, און ער איז געווען אַזוי איבערגליקלעך.

אָבער ווען די מיידלגעשטאַלט, וועלכע איז געווען אָט קעטרין שופּרא און אָט טערעזע קעלערמאַן, איז צוגעקומען גאַנץ נאָענט און האָט אויפגעמאַכט איר מויל צו זאָגן עפּעס, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט מיט א שוידער איבערן גאַנצן קערפּער. עפּעס איז עס געווען גאַנץ משונהדיק, וואָס דיביידע געזיכטער האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איינעם, און דאָס מויל האָט אויסגעזען אַזוי אומגעלומפּערט אומאָנגענעם און שרעקלעך...

ער איז געלעגן אויפן רוקן, און דער קאָפּ איז אים געווען שווער, און אין האַרצן האָט געקלעמט. ביסלעכווייז איז אים באַ־

ווּסט געוואָרן, אַז ער ליגט אויפן רוקן. „אָבער שטענדיק, ווען אויפן רוקן," האָט ער אַ טראַכט געטאָן און איבערגעלייגט זיך אויף דער רעכטער זייט. אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם חלום. ער האָט געוווּסט, אַז ער שלאָפט נישט און דאָך פאָרטגעזעצט דעם חלום. עס איז אים עפּעס געפעלן געווען דאָס אַליין־זיין. דאָס אַליין־זיין אין דער ריזיקער שטאָט, אין גאַנץ אַמעריקע, פיליכט אין דער גאַנצער וועלט. ער האָט געזען די אויסגעשטאָרבענע הייזער, די טויטע גאַסן, די מתים־שטעט. ער האָט געהערט די גרויסע שטילקייט פון דעם גרויסן שווייגער— דעם טויט.

ער איז געגאַנגען איבער די גאַסן, גאַס־איין, גאַס־אויס, באַזוכט פאַרשיידענע הייזער, אומעטום שטיל און טויט. אין לאַנגע שלאַנגען זיינען די צוגן געשטאַנען אויף זייערע רעלסן, אומבאַוועגלעך, אויסגעשטאָרבן, שטיל. די גאַסן זיינען פול געווען מיט איינגעשלאָפענע טראַמס, אויטאָמאָבילס, אָמניבוסן, פורן.

פּלוצלונג האָט ער זיך דערמאָנט אויף דער איינציקער פרוי, וועלכע איז לעבן געבליבן, די טאָפּלטע מיידל. ער האָט זיך נישט געקאָנט מער דערמאָנען אויף דאָס שרעקלעכע טאָפּל־פּנים מיט דעם משונהדיקן מויל, וואָס דער חלום האָט אים אויסגעקאָמבינירט. ער האָט געזען ביידע געזיכטער, אָפּגעזונדערט, אָבער ער האָט געוווּסט, אַז נאָר איין מיידל איז לעבן געבליבן.

דאָס איז אַמוזאַנט. וועלכע פון די ביידע, וואָלט ער געוואָלט, זאָל לעבן בלייבן? מיט וועלכער פון די ביידע וואָלט ער געוואָלט בלייבן איינער אַליין אויף דער גאַנצער וועלט, אדם און חוה, אָנהייבער פון אַ נייעם לעבן, פון אַ נייער מענטשהייט?

די בעסטע לייזונג: ביידע. אָבער דאָס איז נישט ריכטיק. דאָס איז קעגן דעם חלום. דער חלום האָט אים נישט געצייגט, אַז ביידע זיינען לעבן געבליבן. איינע בלויז, נאָר האָט דער חלום נישט געקאָנט אויסמאַכן ביי זיך, וועלכע פון זיי — גראָד ווי איצטער אויפן וואָר.

מיט וועלכער, אַלזאָ? ער האָט געזען פאַר זיך ביידע שיינע געזיכטער, דאָס איינע מיט די ברענענדיקע שוואַרצע אויגן און דער רייצנדיקער האַרטקייט, דאָס אַנדערע מיט דער בלאָנדער

רואיקייט און אפּאטישקייט. אָבער ער האָט נישט געקאָנט טראַכטן, נישט געקאָנט אַנאַליזירן. ער איז נאָך געווען שלאָף־שיכור. ער האָט נאָר געקאָנט אַרויסרופן זיי פאַר זיך, קוקן אויף זיי. און געוואַרט אויף עפּעס אַן אויפלייכטונג, עפּעס וועט אים אַ זאָג טאָן, מיט וועלכער ער זאָל בלייבן. אָט אַזוי, אין דעם האַלב־באַוווּסטן צושטאַנד — עפּעס — אַ פּראָפעטישע שטימע. אפשר נאָך אַמאָל דער חלום.

מיט וועלכער פון די ביידע — —

האָט זיך אַריינגעמישט אַ דריט געזיכט: מעריאָן העריס — דר. מעריאָן העריס, די העל־בלאָנדע, די ווייסע, מיט די גרויסע העל־ברוינע, פיל־וויסנדיקע אויגן.

ער האָט געמוזט אויפלאַכן. ער האָט זיך איבערגעדרייט אויפן רוקן, געצויגן זיך און געשמייכלט איבער די פאַרפּלאָנטער־נישן. דערנאָך האָט ער זיך ווידער אַוועקגעלייגט אויף דער רעכ־טער זייט, די אויגן אָפן צו די אָפענע פענסטער, אין וועלכע עס האָט אַריינגעקוקט אַ יונגער ליכטיקער טאָג.

דער חלום און דער האַלב־חלום האָבן אים געבראַכט צו דער שווערער פּראָבלעם, וועלכע איז שוין לאַנג געבאָרן געוואָרן אין אים, אָבער וועלכע ער האָט נאָך נישט געהאַט אַרויסגעבראַכט פון דער טיפעניש פון זיין אונטערבאַוווּסטזיין. דער חלום האָט זי אַרויסגעשלעפּט פון דער טונקעלער פאַרבאָרגנהייט, אַוועקגע־שטעלט זי קלאָר, שאַרף־ווינקליק. דאָ, נאָ, ביזט דער איינציקער מענטש אויף דער גאַנצער וועלט, ביזט אדם, ביזט אַ נייער נח נאָך אַ נייעם מבול. זוך דיר אויס דיין חוה אָדער דיין נחטע פון די צוויי אָדער פון די דריי. מיט וועמען פון זיי וואָלסטו געוואָלט בלייבן און פאָרטזעצן דיין חלום?

אפילו איצטער מיט אָפענע אויגן, אונטער די בליקן פון דעם יונגן טאָג, האָט ער געזען און דורכגעלעבט דאָס אַליין־זיין אין די טויטע גאַסן פון דעם אויסגעשטאָרבענעם שטאָט־ריז. ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון דעם בילד. ער האָט צוגע־מאַכט די אויגן — אום בעסער צו „זען". אָט איז זי, די גאַנצע אויסגעשטאָרבנקייט, צווישן די שטיינערנע הייזער־ריזן, די גרויסע שטילקייט און רואיקייט, און ער איינער אַליין. אָבער מיט איר.

מיט וועמען? ווער איז זי? ווער זאָל זיין די מוטער פון א נייער מענטשהייט?

ער האָט איבערגעחזרט די לעצטע פראגע עטלעכע מאָל. ער האָט דערפילט, אז ער דארף זיך אָנהאלטן אָן איר. פון איר ארויס קאָן ער קומען צו דער לייזונג, ווער פון די דריי זאָל זיין די מוטער פון א נייער מענטשהייט? ווער — די פּאָסיקסטע — אין דער גרויסער איינזאמקייט און אין דער גרויסער ארבעט, וועלכע שטייט זיי פאָר?

אָ, איצטער איז שוין לייכט פאנאנדערצוקלייבן זיך און צו דערשלאָגן זיך צו א טאָלק!

וואָס זאָל ער אָנהייבן מיט קעטרין, וועלכע מוז האָבן א העל־פערין צום אָנטאָן זיך? דאָס איינציקע גוטע — ער וועט נישט דארפן אייפערזיכטיק זיין, עס וועט נישט זיין, אויף וועמען איי־פערזיכטיק צו זיין... דאָס וואָלט געווען א גליק, א פרייד־אויסגע־שריי, צו באזיצן קעטרין שופרא און נישט דארפן אייפערזיכטיק זיין... קעטרין שופרא, די צולאָזענע, די זינדיקערין, מיט איר גאנצן רייץ און לײדנשאפט... אָ!

אָבער ווי וועט זי גאָר קאָנען לעבן? ווי וועט זי קאָנען אר־בעטן, פירן א ווירטשאפט, קאָכן, באקן, וואשן, דערציען קינדער? אוממעגלעך!... אוממעגלעך!

טערעזע וואָלט עס אפשר יאָ געקאָנט. זי האָט איצטער אויך ליב צו מישן זיך אין באלעבאטישקייט. סאָליד, רואיק. באלעבאָסטע און מוטער. ער קאָן זי זיך גאנץ גוט פאָרשטעלן, ווי זי וועט אר־בעטן אין דער גרויסער איינזאמקייט, אין דער אומענדלעכער אר־בעט. זי האָט אפילו ליב צו באפעלן, און אנדערע זאָלן טאָן די ארבעט... דאָך... דאָך...

מעריאן!... דאָקטאָר מעדיצין מעריאן הערים מוז בלייבן לעבן. דאָס וועט זיין א גליק פאר דער קומענדיקער מענטשהייט. זי וועט היילן אים און די קינדער, ווען זיי וועלן קראנק ווערן. זי וועט איבערגעבן די קינדער איר וויסן. זי וועט פארשפּאָרן דער נייער מענטשהייט דורכצומאכן אלע אנטוויקלונגען, וועלכע די אויסגעשטאָרבענע מענטשהייט האָט געמוזט אויסליידן, ביז זי איז געקומען צו דעם איצטיקן צושטאנד פון דער מעדיצין.

און וועדליק ער האָט אזוי געטראַכט, ליגנדיק אין בעט און קוקנדיק דעם יונגן טאָג אין די אויגן אריין און נישט זעענדיק אים, האָט א געדאַנק אָנגערירט אים ערגעץ ווייט אין קאָפּ — א געדאַנק, פון וועלכן ער האָט דערפילט אַן אומרואיקייט און אַן אומעטיקייט. ער האָט אים געלאָזן ליגן, ווו ער האָט זיך באַוויזן, און געטראַכט וועגן די דריי מיידלעך, פון וועלכע ער דאַרף זיך אויסקלייבן איינע. אָבער די גאַנצע צייט האָט ער געוווּסט, אַז דער געדאַנק ליגט דאָרטן, קוקט אַרויס מיט זיין אומרואיקייט און וואַרט.

ענדלעך האָט ער זיך אומגעקערט צו אים, אַרויסגענומען אים פון זיין פאַררוקטקייט. דאָס איז געווען א געדאַנק וועגן זיין אייגענער ראָלע אַלס דער איינציקער מענטש אין דער אויסגעשטאָרבענער וועלט. וואָס וועט ער טאָן מיט דער גאַנצער ירושה פון דער טויטער מענטשהייט — ער, וועלכער קאָן א קאָץ קיין עק נישט פאַרבינדן? וואָס וועט ער מאַכן מיט דער גרויסער וווּנדערוועלט, וועלכע די וויסנשאַפט האָט באַשאַפן — די וויסנשאַפט, וועלכע ער ווייס כמעט ווי נאָר אין נאָמען? ער, וועלכער טויג זיך נישט צו קיין אַרבעט, אַן אומגעשיקטער, גאַנץ אומניצלעכער, אַן אויפגעצויגענער ביכער צו לייענען, און וועלט און מענטשן ווי א בוך צו געניסן?

אַן איינפאַכער אַרבעטער, וועלכער ווייס ווי צוצוגיין צו א מאַשין, וואָלט געווען ניצלעכער פאַר אים. זיין שאָפער, א גרויסער שיכור און א געניטער מעכאַניקער, וואָלט געווען ניצלעכער פאַר אים.

עס איז אים זייער טרויעריק געוואָרן פאַר זיך אַליין, פאַר זיין נוצלאָזיקייט. ניין, אויב דער חלום זאָל ווען עס איז ווערן א ווירקלעכקייט, איז גלייכער אַן אַנדערער זאָל בלייבן. איינער מיט א סך וויסן און גרויסן קענען...

אָבער עס איז אזוי אָנגענעם געווען אַריינצוקוקן אין דעם חלום! ער האָט צוגעמאַכט די אויגן. אַליין אין ריזיקן ניו־יאָרק. אַליין מיט די וואָלקן־קראַצער, מיט די אייזנבאַנליניעס, מיט דעם האַפן, אין וועלכן די וואַסערן האָבן נישט אויפגעהערט צו באַוועגן זיך, מיט די גרויסע בענק, די ריזנגעשעפטן, דעם אומגע־

הייערן רייכטום... און מיט איינער פון די דריי מיידלעך... דאָ קומט זי, אַן אומבאַשטימטע, פון ערגעץ אַ שווייגנדיקער גאַס... ווי פאַרשלייערט...

ער האָט אויפגעעפנט די אויגן. ער האָט נישט געוואָלט אָנ־הייבן פון אָנהייב.

די זון האָט אַריינגעשיינט אין פענסטער, אָפּגעשלאָגן זיך אָן שפּיגלטיר פון זיין קליידערשראַנק און געטראָפן אים אין די אויגן. דאָס האָט אים געבראַכט אינגאַנצן צו זיך. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער, וועלכער איז געלעגן אויף זיין בעטטישל. אויף־ף־ף! שוין אַזוי שפּעט... ער האָט זיך אויפגעזעצט.

און פּלוצלונג האָט ער דערפילט די טרויעריקייט, וועלכע איז געווען זיין באַגלייטערין פאַר די לעצטע צוויי און אַ האַלב יאָר, זינט דער וועלטקריג האָט אויסגעבראָכן. ער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ צום נאַקן, צוגעמאַכט די אויגן, געזען פאַר זיך אַ מלחמה־סצענע, ווי ער האָט זי געזען אויף אַ מלחמה־בילד ערגעץ אין אַ צייטונג. אויפן האַרצן איז אים געוואָרן שווער און דורך אים איז עס דורכגעגאַנגען שמאַרצפול און ביטער: „און דאָרטן, ווייט איבערן אָקעאַן, גייט אָן די בלוטיקע הריגה!"

אַרנאָלד לעווענבערג איז אויפגעצויגן געוואָרן אין אַ הויז, וווּ די ווערטער עטיק און מאָראַל זיינען געווען נישט בלויז ווערטער, וועלכע געפינען זיך אין ווערטערבוך און ווערן קיינמאָל נישט אָפּגעקוקט. זיי זיינען געווען די שטרענגע סיסטעם פון זיין דערציאונג. זיין פאָטער, דער זון פון אַ דייטשן רעוואָלוציאָנער־אימיגראַנט, איז אויפגעוואַקסן אויף די אידעאַלן פון אמת און יושר און פּאָליטישער פרייהייט פון 1848 און אויף דעם אידעאַ־ליזם, וועלכער האָט דיקטירט די אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייטס־דערקלערונג. דיזאָזיקע אידעאַלן האָט ער אויך אַריינגעפלאַנצט אין זיין זון, אין אַרנאָלדן, אַלס אידעאַלן, וועלכע זיינען אויסגע־קעמפט און כמעט אינגאַנצן דערגרייכט געוואָרן. די הערשאַפט פון מאַכט איז אָפּגעטאָן געוואָרן — איר פּלאַץ האָט פאַרנומען די הער־שאַפט פון גערעכטיקייט. אַלע פעלקער גייען איצטער ביים ליכט־שיין פון איין וויסנשאַפט, באָדן זיך אין די שטראַלן פון איין קול־טור. די צייט פון מלחמות איז אַריבער, שלום איז דער האַר פון

דער וועלט, און זיין הויפטשטאָט איז האאג. ווייל דעם אייניקל, וועלכער דאַרף שוין נישט קעמפן, נאָר בלויז געניסן, וואָס די זיידעס האָבן אויסגעקעמפט פאַר אים!

אין 1911, ווען ער איז געווען אין זיין איינאונצוואַנציקסטן יאָר, און ערשט פון קאָלעדזש, האָט אַרנאָלד געמאַכט אַ לאַנגע רייזע איבער אייראָפּע. ער האָט באַזוכט די קולטור־צענטרען: ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד און איטאַליע. אין די קרייזן, אין וועלכע ער האָט פאַרקערט, האָט ער געפונען באַקרעפטיקונג צו זיין טאַטנס לערע, וואָס איז געווען זיין גלויבן, זיין וועלט־אָנשויאונג, זיין וועגווייזער אין לעבן. עס האָט געהערשט גרויסער אָפּטימיזם אין די קרייזן, אין וועלכע ער האָט פאַרקערט. דאָס זיינען אַלץ געווען מענטשן, וועלכע האָבן פּראָפּאַגאַנדירט דעם אייביקן שלום און געגלויבט אין אים. וועלטבירגער אַלע מיט אַנאַנדער. ענגלענדער, פראַנצויזן, דייטשן, איטאַליענער, וועלכע האָבן צוואָרפן די גרענעצן פון זייערע לענדער און אויפגעהויבן איין פלאַג: דעם מענטשנס. טויבע און בלינדע! האָבן נישט באַמערקט דעם קאָכעדיקן ווולקאַן, אויף וועלכן זיי זיינען געשטאַנען, צוויבלענדיק דעם אייביקן שלום.

אַרנאָלד איז געקומען פון אייראָפּע קורץ פאַר זיין פאָטערס טויט אין אָנהייב 1913. דער פאָטער איז געשטאָרבן פון קרעבס אונטער שרעקלעכע יסורים. אָבער דער שווער־ליידנדיקער האָט צוזאַמענגעביסן די ציינער, איינגעהאַלטן זיין קרעכצן און מיט גליקזעליקער פרייד אויסגעהערט זיין זונס באַריכט איבער זיין אייראָפּע־רייזע. גאַנץ קורץ פאַר זיין טויט, אויפגעוואַכט פון הי־נערפלעט, ווען די שמערצן האָבן אַביסל אָפּגעלאָזט, האָט ער אָנגעקוקט זיין זון מיט אַ גליקלעכן שמייכל.

„יאָ", האָט ער געפליסטערט, „זי קומט, זי קומט, די צייט... איין גאָט, איין מענטשהייט... אייביקער שלום... אָן גרענעצן... אָן פאַרשיידענע פלאַגן"...

ער האָט געגלעט זיין זון פול ליבע.

„דו וועסט וואָס הערלעכס דערלעבן!"

ער איז געשטאָרבן אַ גליקלעכער.

און אַרנאָלד האָט זיך צוגעקליבן דורכצולעבן זיין לעבן אין

דער הערלעכקייט, וועלכע זיין פאָטער האָט פאָראויסגעזען. די הענט פאַרלייגט אויפן רוקן, דעם קאָפּ הויך אויפגעהויבן, די אויגן אומגעזעטיקט פון די דערגרייכונגען פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס, די ברוסט אויסגעברייט פון דער שיינקייט פון איי־דעלער מענטשלעכקייט.

און פּלוצלונג די מלחמה, די וועלט־מלחמה. די שרעקלעכסטע פון אַלע מלחמות און די געמיינסטע פון אַלע מלחמות. קיינמאָל זיינען נישט געברויכט געוואָרן אַזעלכע טויט־אינסטרומענטן. קיינ־מאָל זיינען נאָך נישט אויסגעהרגעט און פאַרקריפּלט געוואָרן אַזויפיל מענטשן — און אַזויפיל פון די בעסטע, פיל־פאַרשפּרעכנ־דיקע יונגע מענטשן. אָבער אויך קיינמאָל איז נאָך נישט געברויכט געוואָרן אַזויפיל צבועסטווע. קיינמאָל איז די וועלט נאָך נישט פאַרפלייצט געוואָרן מיט אַזויפיל ליגן און בלבולים. קיינמאָל נאָך זיינען אַזוי נישט געברויכט געוואָרן די ווערטער פון ערלעכן אי־דעאַליזם אויף צו פאַרדעקן די שאַנד פון מאָרד און רויב און אימ־פּעריאַליסטישע פאַרכאַפּונגען.

אַרנאָלדס וועלט־אַנשויאונג איז אונטערגעגראָבן געוואָרן, זיין וועגווייזער איז אַראָפּ פון וועג, זיין גלויבן איז צעטרייסלט גע־וואָרן. דער עיקר נאָך, ווען ער האָט צווישן די מלחמה־שרייער, ליגן־פאַרשפּרייטער און גיפטמישער אַנטדעקט די נעמען פון גאָר אַ סך, וועלכע האָבן צו אים באַגייסטערט גערעדט פון אייביקן שלום, פון פעלקער־ברידערשאַפט און וועלט־בירגערשאַפט. ער האָט זיך געפילט אָפּגענאַרט, אין זיין ליכטיקן אָפּטימיזם האָט זיך איינ־געביסן אַ פינסטערער פּעסימיזם, ווי אַ קראָקאָדיל, פאַרשלינגענ־דיק אים שטיקערווייז. די פרייד, וועלכע ער האָט שטענדיק גע־טראָגן אין זיין הארצן, איז אַוועק פון אים. איר אָרט האָט פאַר־נומען אַ דריקנדיקער אומעט — אַ בענקעניש נאָך דעם פאַרלאָ־רענעם גלויבן, אַ ברענענדיקער האַס צו דער מלחמה.

ער האָט נישט געגלייבט די מלחמה־באַריכטן. אים איז נישט געווען וויכטיק, ווער שלאָגט וועמען. אים האָט געשווינדלט פון דעם ביידערזייטיקן מאָרד. און יעדן פרימאָרגן, ווי ער פלעגט נאָר אַראָפּטרייסלען פון זיך דעם שלאָף, פלעגט ער אויסגעפילט

ווערן פון דעם גרויסן טרויער איבער דעם אומענדלעכן מאָרד, און דער טרויער פלעגט אים שוין נישט אזוי שנעל אפּלאָזן.

אָבער אין דעם מאָרגן נאָך דעם מערקווירדיקן חלום האָט דער טרויער נישט לאַנג אָנגעהאלטן. ווען ער האָט אראָפּגעשטעלט די פיס אויף דער דיל, האָט ער זיך דערמאָנט אויף דעם חלום. ער איז געבליבן זיצן אומבאַוועגט, אריינגעקוקט אין דעם חלום. באלד האָט ער אָפּגעשמייכלט.

ווען דער חלום וואָלט געווען אמת, וואָלט די פאַסיקסטע חוה געווען דר. מעריאַן העריס, אָבער די וועלט לעבט און וועט לעבן —

איז וועמען זאָל ער אויסקלייבן?

## II

די וואָר האָט אויפגעכאַפּט דעם חלום, וועלכן אַרנאָלד לע־וואַנבערג האָט געחלומט, און אים ווייטער געפירט.

ביים מיטאָגעסן אין רעסטאָראַן איז דערמאָנט געוואָרן קעטרין שופּרא.

דריי זיינען זיי געזעסן ביים טיש. אַרנאָלד און זיינע צוויי שוועסטערקינדער דזשאַן און בוירט. מען האָט גערעדט מלחמה — וועגן דער שיף לאַקאַניאַ, וועלכע די דייטשע סובמארינס האָבן דערטרונקען; וועגן די באַציאונגען צווישן אַמעריקע און דייטש־לאַנד, וועלכע זיינען געהאַנגען אויף אַ האָר. דאָס געוויינלעכסטע און נישט־אויסצומיידנדיקע געשפּרעך אין פאַרלויף פון די קריגס־יאָרן. און פּלוצלונג האָט זיך דזשאַן צערעדט וועגן קעטרין שופּרא.

אַ קליינער איבעררייס איז איינגעטרעטן אין דעם פּאָליטישן געשפּרעך. דזשאַן האָט אַריינגעשטעקט אַ פּאַפּיראָס אין מויל. ווען ער האָט אָנגעצונדן דאָס שוועבעלע, האָט ער זיך געווענדט צו בוירטן:

„דילאַן האָט נעכטן אַ סך געוווּנען. קעטרין שופּרא איז געווען זיין שותפטע און איז אים זייער מזלדיק געווען. איך וועל זי אויך אַמאָל איינלאַדן צו זיין מיין שותפטע. אָבער זי טרינקט שוין צופיל."

אַרנאָלד איז רויט געוואָרן, דערשראָקן זיך פאַר זיין רויט ווערן, פאַרלעגן אָנגעקוקט דזשאַן און בוירט. זיי האָבן נישט גע־

קוקט אויף אים. ער האָט זיך באַרואיקט, באַזיגט די פּאַר־רעטערישע רויטקייט.

ביז דעם מאַראַלישן קריזיס, וועלכער איז איינגעטראָטן אין אים דורך דער מלחמה, איז אַרנאָלד לעווענבערג געווען אַ שטרענגער מאַראַליסט. זיין אינטימסטער חבר איז געווען זיין פאָטער זיין בעסטער צייטפאַרטרייב זיינען געווען זיינע ביכער און זיין פּיאַנאָ, וועלכע ער האָט געשפּילט כמעט אַרטיסטיש. ער האָט נישט געהאַט קיין סך פריינד, און די איינציקע יונגע פרויען, מיט וועלכע ער איז געווען נאָענט, זיינען געווען זיינע קוזינען, אָבער ער איז צו זיי קיינמאָל נישט געווען מער ווי אַ קוזין.

ווען די מלחמה האָט אים אַרויסגעשלאָגן פון זיין גלייכגעוויכט, איז ער אַ שטופּ געטאָן געוואָרן צו פרויען. ער האָט זיך אָנגעהויבן צוצוקוקן, אינטערעסירן, מיט אַ געוויסער שעמעוודיקייט, אָפט רויט ווערנדיק פאַר זיך אַליין. זיין קוקן איז געווען אַ בגנבה־קוקן. שטענדיק מיט דעם געפיל, אַז ער טוט עפּעס אומרעכטס.

און מערקווירדיקערווייזע איז קעטרין שופּרא געווען איינע פון די מיידלעך, וועלכע ער האָט געשענקט זיין גרעסטע אויפמערקזאַמקייט, די גרעסטע צאָל פון זיינע בגנבה־קוקן.

זי איז געווען די טאָכטער פון דעם באַנקיר עדוואַרד שופּרא. אַ פאָטער, וועלכער האָט געבראַכט מיט זיך אַהיים זיינע געליבטע און די שענערע און יינגערע פון זיינע דינסטמיידלעך געמאַכט פאַר זיינע קעבסווייבער. אָבער אויך איר מוטער, אַ פרוי פון נאָענט צו פופציק, נאָך פון זייער יונגן אויסזען, האָט געהאַט אין קאָפּ בלויז יונגע פאַרגעניגנס און פרייליכע געזעלשאַפט. גע־האַט געליבטע און געשפּילט אַ סך אין קאָרטן, פאַרשפּילנדיק גרויסע סומעס געלט, וועלכע איר זון האָט באַצאָלט פאַר איר, ווייל דער מאַן האָט זיי נישט געוואָלט באַצאָלן. און קעטרין איז געווען אַן עפּל, וועלכער איז אַראָפּגעפאַלן נישט ווייט פון בוים. מיט איינאונצוואַנציק יאָר אַ קאָרטנשפּילערין, וועלכע האָט געשפּילט אויפן געלט פון אירע באַקאַנטע מענער, אַ טרינקערין און אַ העלדין פון אַ סך אינטריגעס און סקאַנדאַלן. אָבער פּאַרפירעריש־שיין, פון מיטעלן וווּקס, זייער שלאַנק — אַ יינגלשע פיגור, אַן

אָוואַל ברונעט געזיכט, געדיכטע לאַנגע פּעכשוואַרצע האָר, איבער די אויגן דינע האָרשנירלעך, וועלכע זיינען זיך צונויפגעגאַנגען אי־בער אַ גלייכער, דינער, שטאָלצער נאָז, און צוויי טיף־שוואַרצע, האַרטע אויגן מיט בליקן, ווי טאָלעדאָער קלינגען, פון אונטער לאַנגע ברעמען.

אַרנאָלד האָט זיך עטלעכע מאָל אָנגעטראָפן מיט אירע באַ־קאַנטע. איר פאָטער איז אויך געווען דער ברודער פון איינער פון זיינע מומעס. איר שיינקייט האָט געמאַכט אויף אים אַ שטאַרקן איינדרוק. ער האָט אויף איר אַ סך געקוקט, דאָך נישט געהאַט וואָס צו רעדן מיט איר. און זי האָט געהאַט פאַר אים פולסטע פאַראַכ־טונג — אַ מאָראַלישער יאָלד! ער האָט זיך געהאַלטן פונדער־ווייטנס, אָבער דאָך אַרומגעטראָגן זי אין זיך. אָט האָט זי זיך אים שוין געחלומט, און ווען מען האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן איר, איז ער רויט געוואָרן.

אָבער דאָס איז שוין געווען אויך פאַר איבעררעשונג. ווי מערקווירדיק! ביי דער נאַכט אין חלום, ביי טאָג אין צופעליקן געשפרעך.

ווען ער איז געקומען פון מיטאָג אין אָפיס, האָט אויף אים דאָרטן געוואַרט די צווייטע איבעררעשונג: טערעזע קעלערמאַן. אין אַ שיקן ווינטער־אַנצוג, אַ פעלצקראַגן איבערגעוואָרפן איבער די אַקסלען, רויט אין די באַקן, אַ שטיק שיינע בלאָנדע געזונט־קייט אין אָנהייב פון די צוואַנציקער.

אַרנאָלד האָט אַזש פאַנאַנדערגעעפנט דאָס מויל. די וואָר רייצט זיך מיט אים, ווי דער חלום!

זי האָט זיין איבעררעשטן בליק נישט באַמערקט. זי איז געקומען מיט אַ צוועק און געווען שוין אומגעדולדיק, וואָס זי האָט געדאַרפט אויף אים וואַרטן. עסט ער שטענדיק אַזוי לאַנג?

ער האָט זיך אַנטשולדיקט. ער איז היינט אַוועקגעגאַנגען צו מיטאָג שפּעטער ווי אַלעמאָל, אַביסל פאַררעדט זיך, אָבער ער וווּנדערט זיך, פאַרוואָס מען האָט אים נישט טעלעפאָנירט. מען ווייס אין קאַנטאָר, וווּ ער איז צו מיטאָג.

עס האָט זיך אויסגעלאָזן, אַז זי וואַרט נאָר אַ פינף מינוט.

מען האָט אויפגערופן דעם רעסטאָראַן, איז ער שוין געווען אונטערוועגס.

ער האָט זי געבעטן זעצן זיך, אָבער זי האָט זיך אָפּגעזאָגט. זי האָט זייער קיין צייט נישט. זי איז אַרויסגעגאַנגען קלייבן נדבות פאַר די בעלגישע קינדער.

אָ, ער האָט נישט געוווּסט, אַז זי גיט זיך אָפּ מיט קהלשער אַרבעט!

„עס ברעכט מיין האַרץ, ווען איך טראַכט פון די קינדער אין בעלגיע," האָט זי געזאָגט, אָן קיין שום באַזונדערן רחמנות־אויסדרוק אויף איר געזיכט. „איך האָב שוין געוויינט ווי אַ בי־בער. וואָלטער ווייגגוט איז קעפּטן. ער רעדט אַזוי שיין. ניין זענען מיר, און איך וויל מאַכן מער פאַר אַלעמען."

ער האָט נישט אַראָפּגענומען פון איר די אויגן. ער האָט געדענקט, אַז ער האָט היינט ביי דער נאַכט געזען זי אין חלום, איז געבליבן מיט איר די איינציקע מענטשן אויף דער גאַנצער וועלט. זי — די איינציקע פרוי, ער — דער איינציקער מאַן, און ווילנדיק נישט־ווילנדיק, וואָלטן זיי זיך געמוזט געהערן. אָט שטייט זי פאַר אים און ווייס נישט, ווי נאָנט זי איז אים געווען. זי — דער פולער קעגנזאַץ פון קעטרין שופּרא. זי — די קאַלטע שיינ־הייט, וועלכע האַלט אַלע מענער אויף אַ געוויסער דיסטאַנץ פון זיך. די שטאָלצע טאָכטער פון זייער רייכע עלטערן, צו וועלכער מען האָט געדאַרפט ווייסן, ווי צוצוגיין. אַרנאָלד האָט זי אַ סך מאָל געטראָפן. זיי האָבן געהערט צו איין קרייז: זיין מוטער איז אפילו געווען די קעלערמאַנס אַ קרובה. ער האָט זי באַווונדערט ווי אַ שיין בילד, אַנטציקט געווען פון איר, געוואָלט זיך אפילו דער־נענטערן צו איר, אָבער נישט געפונען דעם וועג. נישט אַזוי דורך איינענער אומגעשיקטקייט, ווי דורך דעם, וואָס זי האָט געהאַלטן איר קאָפּ פאַררייסן צו הויך.

איצטער האָט ער געהאַט חשק צו דערציילן איר זיין חלום. עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו זען, ווי זי וואָלט אויפגענו־מען דעם חלום. און דאָס וואָלט געווען אַ גרויסער שריט צו דערנענטערונג. אָבער ער האָט זיך נישט געפונען דאָס צו טאָן. די צונג האָט זיך נישט באַוועגט. דאָס וואָלט געווען פאַר איר עפּעס

אזוי פלוצלונג, אזוי אומדערוואַרט און אומגעבעטן. דאָך האָט ער נישט געוואָלט, זי זאָל שנעל אַוועקגיין. ער האָט געוואָלט קוקן אויף איר און עפּעס זיך דערקוקן. דאָך גאַנץ מערקווירדיק, וואָס דער צופאַל האָט זי גראַד היינט אַריינגעבראַכט.

ער האָט איר נאָכאַמאָל אָנגעבאָטן אַ שטול און פאַרשפּראָכן, אַז זי וועט דערפון געווינען.

„פאַרוואָס ווילט איר מיך פאַרהאַלטן, אַרנאָלד?" האָט זי געפרעגט, צוזעצנדיק זיך.

„אָ, אַן אָנגענעמער איבעררייס אין דער רוטינע פון דער אָפיס־אַרבעט. זעלטן, ווען עס מאַכט זיך אַזאַ איבעררייס."

„און דאָס אַלץ?"

„נישט אַלעמען קאָן מען עס זאָגן."

ווען ער וואָלט געווען געשיקט, וואָלט ער איצטער געקאָנט אזוי ענטפערן, אַז ער וואָלט מיטאַמאָל דערנענטערט זיך צו איר. ווערטער, וועלכע זיינען ווי אַ באַרירונג. אָבער ער האָט זיך נישט געפונען אַרויסצורעדן זיי. אויסערדעם, האָט זיך קעטרינס געזיכט אַריינגעמישט, און ער האָט געזען פאַר זיך דעם משונהדיק־גע־מאָפּלטן מויל פון חלום.

טערעזע האָט זיך ווייטער געהאַלטן אויף איר אופן: טרוקן, אָן אַ שמייכל, אָן אַן אויגנשפּיל, פון אויבן אַראָפּ.

„אַ דאַנק אייך פאַר האַלטן מיך צווישן אייערע אויסגע־ווײַלטע. זיינען זיי אַ סך?"

ער האָט אויפגעלעבט, איז שיר נישט רויט געוואָרן פון פאַרלעגנהייט. אָבער געכאַפּט זיך אין צייט און רואיק געזאָגט:

„איך ווייס נאָר, אַז איצטער בין איך זייער צופרידן, וואָס איר גראַד האָט מיר איבערגעריסן די אָפיס־רוטינע."

זי איז געווען אומצופרידן, וואָס ער האָט געפונען אַזעלכע ענטפערס. זי האָט אים גאָרנישט געהאַלטן פאַר אַזוי געשיקט! זי האָט זיך נענטער צוגעקוקט צו אים. איר איז אויסגעקומען, אַז ער איז אויך שענער, ווי זי האָט אים שטענדיק גערעכנט. זי האָט געמאַכט אַ געשפּרעך וועגן זיין רוטינע. צופעליק געפרעגט עס, גאָרנישט פאַראינטערעסירט. און ער האָט קורץ, מיט געציילטע

ווערטער און מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל אויף זיינע ליפּן, איבער־געגעבן איר, וואָס ער טוט אין אָפּיס.

זי האָט אים שלעכט געהערט. זי האָט געקוקט אויף אים, געטראַכט, צי איז ער שיין און צי איז ער קלוג, אויפגעשטעלט פאַרגלייכונגען מיט אַנדערע יונגעליט, וועלכע זי האָט געהאַלטן אָפּגערוקט פון זיך, און פּלוצלונג אויפגעשפּרונגען אינמיטן פון זיינעם אַ זאַץ, איבערגעריסן אים און קורץ געזאָגט:

„נו, איצטער אַרויס מיט דער נדבה!"

„און נישט מער בלייבן, אַפילו ווען איך וועל גוט באַצאָלן?"

„ניין."

ער האָט געזוכט זי צו פאַרהאַלטן.

„איך בין, דאַכט זיך, גאָר אַ פּראָ־דייטש."

איר געזיכט איז געוואָרן שטרענג, דער אויסדרוק פון אירע אויגן קעלטער.

„דאָס איז גאָרנישט קלוג!" האָט זי געזאָגט מיט אַביסל פאַראַכטונג.

„פאַרוואָס?"

זי האָט נישט געענטפערט, נאָר פאָרטגעזעצט אירס:

„און איר וועט זיך עס נישט דערוועגן צו זיין, ווייל איך וועל אייך נישט וועלן אָנקוקן. און אויב איר זייט אַ פּראָ־דייטש, האָט איר מיר עס צוערשט געדאַרפט זאָגן. אָבער מיך אַרט נישט, וואָס איר זייט — איר האָט מיר פאַרשפּראָכן."

ווען זי האָט גערעדט, האָט ער אויסגעשריבן אַ טשעק. ווען ער האָט אים איר איבערגעגעבן, איז זי אַזש רויט געוואָרן. אירע אויגן האָבן וואַרעם אויפגעשיינט. זי האָט אים געגעבן די האַנט

„אַ דאַנק. דאָס איז זייער פיין."

ער האָט איר וואַרעם געדריקט די האַנט, נישט אַרויסגע־לאָזן זי און אָנגעבאָטן אַ געוויסע צאָל טאַשנטיכער פאַר די בעל־גישע קינדער.

„די דייטשן האָבן מסתמא נאָך נישט אַלע נעזער אָפּגע־שניטן."

„ווילט איר, איך זאָל אייך אָנקוקן?"

אירע אויגן האָבן אויפגעשאָסן. זי איז געווען אַזוי שיין

אין דעם מאָמענט, אַז אַמבעסטן װאָלט ער זי אָנגענומען פאַר בײדע הענט און צוריק אַװעקגעזעצט... און ער נאָענט לעבן איר... זײער, זײער נאָענט... באַהױכט מיט דעם פּאַרפיום פון אירע האָר און באַקן, דורכגעצוקט פון דער רױטער װאַרעמקײט פון אירע ליפּן... און ער װעט אַרױסברענגען פון זיך די װערטער, װעלכע זײנען, װי אַ באַרירונג... און זײ װעלן זײן באַרירונג... זי װעלן װערן אומאַרמונג, קוש...

אָבער אין אַ װינקל פון זײן אָפיס האָט זיך אַרומגעעוסקט אַ יונגער אָנגעשטעלטער מיט איבערלײענען און איבערקוקן פּיר־קאַנטיקע שאַכטלעך. שטאַרק פאַרטאָן אין זײן אַרבעט מיט קאָפּ און אױגן, בלינד און, דאַכט זיך, אױך טױב צו דעם, װאָס איז פאָרגעקומען אין דער אַנדער זײט פון דעם אָפיס.

און אַרנאָלד האָט דעריבער נישט געטאָן, װאָס עס האָט זיך אים געװאָלט אַמבעסטן. אָדער נישט דעריבער, װײל ער װאָלט עס סײ־װי־סײ נישט געטאָן. עפּעס אין אים איז געװעזן געבונדן, אומ־באַװעגלעך. עפּעס אין אים האָט זיך געשעמט, געגרױיטלט. ער האָט נאָר געקוקט אױף טערעזען, געשמײכלט, נישט געפונען זיך אַפילו צו זאָגן איר װאָס אױף איר כעס.

זי האָט אַװעקגענומען איר האַנט, קורץ אַרױסגערעדט „גוד באַי!“ און איז אַװעק. איבערגעלאָזן אין צימער דעם צאַרטן גע־רוך פון איר פּאַרפיום און אַ גרױסע װײכקײט אין אַרנאָלדס האַרץ, װעלכע האָט זיך צעלײגט אױף זײנע ליפּן אין אַ זיסן, גליקזעליקן שמײכל.

דער אָנגעשטעלטער האָט אַ װאָרף געטאָן אױף אַרנאָלדן אַ בליק פון װינקל פון זײן אױג און געװוּסט באַשטימט, אַז מר. לעװענבערג איז פאַרליבט אין טערעזע קעלערמאַן. אָבער אַרנאָלד האָט זיך אָנגעהױבן אױסצוניכטערן. ער האָט צוגעמאַכט די אױגן און צוגעהערט זיך צו זײן האַרץ, דעם נעסט פון ליבע און בענ־קעניש. זײן האַרץ האָט נאָרמאַל געקלאַפּט. דאָס נעסט איז נאָך געװעזן לײדיק, אָבער פאַר זײנע צוגעמאַכטע אױגן האָט זיך גאָר באַװיזן קעטרין שופּרא.

ער האָט אױפגעשמײכלט. װאָס פאַר אַ צופאַל! די אײנע איז דערמאָנט געװאָרן אין געשפּרעך, די צװײטע איז דערשינען!

ליבהאפטיק. איצטער האָט נאָך געדאַרפט געבן פון זיך א צייכן מעריאָן העריס. א בריוו. א טעלעפאָן.

אים איז עפּעס איינגעפאַלן, וואָס האָט אויפגערודערט זיין בלוט. ער וועט טאָן עפּעס, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געטאָן. ער וועט זיך דערוועגן. ער וועט באַזוכן מעריאָן העריס. זי איז א דאָקטאָר מעדיצין, האָט איר אָפיס און אירע שפּרעכשטונדן. דאַרף ער זיך נישט אָנזאָגן. וועט אָנקלינגען, אַריינקומען, זי וועט דאָרטן זיין... און אויך קעטרין וועט ער היינט זען. גאַנץ באַשטימט. ער וויים, ווו ער קאָן זי טרעפן... אַלע דריי מוז ער היינט פילן לעבן זיך. דורכעקזאַמינירן זיך מיט זיי...

ווען ער האָט פאַרלאָזן זיין אָפיס נאָך די געשעפטסשטונדן, איז נאָך געווען צו פרי פאַר א באַזוך ביי דר. מעריאָן העריס, וועלכע האָט געהאַט איר שפּרעכשטונדע צווישן זעקס און זיבן. ער האָט אָפּגעשטעלט זיין שאָפער ביי דער נייצאָונפופציקסטער גאַס, איז אַרויס פון אויטאָמאָביל און אַוועק צו פוס איבער דער פינפטער עוועניו אַרויף צו די אַכציקסטע גאַסן. דער גרויסער שפּאַצירגאַנג וועט אים גוט טאָן. וועט אים אָפּפרישן. אויסערדעם, טראַכט זיך אים בעסער אין גיין.

ער איז געגאַנגען מיט די אויגן אַראָפּ צו דער ערד, נישט געלאָזן זיך צושטרויען פון דעם, וואָס ער וואָלט געזען אין דעם קאַלטן פאַרנאַכט צווישן דעם צענטראַל־פּאַרק און די רייכע פּאַלאַצן פון דער פינפטער עוועניו. ער האָט געמוזט אין עטוואָס קלאָר ווערן, און נאָך זיין געוויינהייט נאָך האָט ער זיך שטיל צוזונגען, נישט ווויסנדיק אייגנטלעך, וואָס ער זינגט, פון מאָטיוו איבערגייענדיק צו מאָטיוו, א פּאָפּורי פון פאַרשיידענע ווערק פון פאַרשיידענע קאָמפּאָזיטאָרס.

ער האָט געטראַכט לאַנגזאַם. אָפט איבערגעחזרט איין געדאַנק עטלעכע מאָל, געצוווּנגען זיך נישט אָפּצולאָזן דעם פאָדעם פון זיינע געדאַנקען.

פאַרוואָס האָט ער זיך קיינמאָל נישט פאַרליבט? ער האָט זיך נישט געוווּנדערט, פאַרוואָס מען האָט זיך אין אים נישט פאַרליבט. ער איז אין זיך נישט געווען גענאַרט — ער האָט דערפילט א שטאָך אין האַרצן און א מין פוסטקייט. ער איז געוואָרן

מרויעריס. אָ, יאָ, ער האָט נישט די מעלות, וועלכע רופן ארויס ליבע. ער איז נישט קיין ראָמאַן־העלד, ער איז אַ מיטלמעסיקייט. אין אַלץ מיטלמעסיק. אַפילו פון מיטעלן וווּקס. ער האָט געוווּסט, ווי לייט קוקן אויף אים. זיי זאָגן: ער איז נישט קיין נאַר, אָבער נישט איבעריק קלוג. און די מיידלעך געפינען, אַז ער איז נישט קיין מיאוסער. און דאָס איז אַלץ. נישט קיין מיאוסער. אַלץ אין אים איז אַזוי געוויינלעך. זיינע אויגן האָבן קיינמאָל נישט פאַר־אינטערעסירט, מען זאָל וועלן וויסן זייער פאַרב. ווען ער האָט איינמאָל אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ער האָט בלויע אויגן, האָט מען זיך פאַרוווּנדערט. דאָס איז געווען פאַר אַלעמען אַן אַנט־דעקונג. וועגן זיין נאָז זיינען געווען פאַרשיידענע מיינונגען. גאָר־נישט געווען וואָס אויסצוזעצן קעגן איר, אָבער זי וואָלט זיכער אַ סך געוווּנען, ווען זי וואָלט געזעסן אויף אַן אַנדער פּנים. דער שפּיגל האָט אים באַוויזן, אַז ער האָט אַ הויכן, שיינעם שטערן אונטער געדיכטע, כמעט בלאָנדע האָר, אָבער קיינער האָט אים קיינמאָל נישט געלויבט שטערן און האָר. זיינע קרעפטיקע ווייסע ציינער וואָלטן זיכער באַוווּנדערט געוואָרן אין אַן אַנדער מויל. ביי אים האָט מען אַפילו נישט באַוווּנדערט דעם שיינעם שניט פון זיינע דינע, צאַרטע ליפּן. נישט קיין מיאוסער און דאָס אַלץ. ביי אַלע שיינע איינצלהייטן.

אָבער פאַרוואָס האָט ער זיך נישט פאַרליבט? נאַטירלעך, נישט אין די אַלע יאָרן, ווען ער האָט אויסגעמיטן מיידלעך. אָבער אַפילו איצטער, ווען ער האָט אויפגעעפנט די אויגן...

וואָס איז עס געווען פריער צו טערעזען? איז עס נישט גע־ווען ליבע, פאַרליבטקייט? האָט ער נישט געפילט, ווי ער וואָלט זי געוואָלט אַריינגעמען אין זיינע אָרעמס? איז אים נישט איבער־אָנגענעם געווען איר בלייבן? שוין האָט זי אויסגעזען... אָבער אַז ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, האָט ער געזען קעטרין. מערקוויר־דיק: ווען ער טראַכט פון קעטרין, דערפילט ער אַ מין אויפציטערן. וואָס איז דאָסדאָזיקע אויפציטערן? איז דאָס אפשר ליבע, פאַר־ליבטקייט? אָדער אפשר קומט עס דערפון, וואָס ער וויל — זינדיק ווערן? דאָס איז דער רייץ, דער זינענרייץ. קעטרין רופט אים ארויס אַמשטאַרקסטן.

ער איז געשטאַנען פאַר איר הויז. אין פענסטער האָט זיך גע־האַט אַ סוק געטאָן אויפן זייגער. אַ פּאָר מינוט נאָך זעקס. זאָל ער טאַקע אַריינגיין? וואָס איז ער אויסן מיטן אַריינגיין? וואָס דער־וואַרט ער? מעריאַן הערים איז צו ערנסט. וויל העלפן דער ליידנ־דיקער מענטשהייט, גיט זיך אָפּ מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט... ווען ער וואָלט געטראַכט פון איר אַמאָל... פריער... מיט דריי יאָר צוריק...

ער איז שוין געווען נישט ווייט פון מעריאַנס וווינונג. ער ווייסט אַ שילד „דר. מעריאַן הערים". ער האָט געקוקט אויפן שילד, מיישב געווען זיך, געוואָלט חרטה האָבן, נישט אַריינגיין. אָבער ווי עמעצער וואָלט אים אַ שטופּ געטאָן, איז ער אַרויף אויף די עטלעכע טרעפּלעך און האָט אָנגעקלונגען. זי וועט דאָס אַביסל איבערראַשט זיין! האַ־האַ!...

## III

דר. מעריאַן העריס, וועלכע האָט געענדיקט איר מעדיצין מיט אַ יאָר צוריק, האָט געהאַט שפּרעכשטונדן אָן פּאַציענטן. זי האָט זיך אויך נישט געניטיקט אין פּריוואַטער פּראַקטיק. זי איז געווען אַ רייכע יורשטע. מעדיצין האָט זי אויפגענומען, צו קאָנען העלפן דער ליידנדיקער אָרעמקייט. און זי האָט איר געהאָלפן שטונדנלאַנג יעדן טאָג אין אַ קליניק צווישן די אָרעמסטע אין דער אונטן־שטאָט. אָבער די שטונדן אין איר רייכן היים־אָפיס האָט זי אויך שטרענג אָפּגעהיט. ווען עס האָט אַ קלונג געטאָן אין טיר, איז זי נייגיריק געוואָרן. ווען זי האָט דערזען אַרנאָלד לעווענבערג, איז זי טאַקע איבערראַשט געוואָרן.

ער האָט געלאַכט:

„נישט קיין פּאַציענט.“

„אַ שאָד,“ האָט זי אויך געלאַכט, אָבער זי האָט אים פּראַגלעך אָנגעקוקט, דערוואַרט פון אים אַ דערקלערונג וועגן זיין באַזוך.

„איך בין פאַרבייגעגאַנגען — צופעליק,“ האָט ער געלייגט און בשעת־מעשה געטראַכט: ווי, ווען ער זאָל נעמען און זאָגן איר דעם אמת? און האָט פאַרטגעזעצט: „איך שטער דאָך נישט? ווי? איך האָב, דאַכט זיך, ריכטיק געטראָפן — קיין פּאַציענטן זיינען דאָך נישטאָ?“

„דאָס וואָלט איר שטענדיק ריכטיק געטראָפן.“

ווייל ער איז נישט קיין פּאַציענט, האָט זי אים איינגעלאַדן

אין איר ביבליאָטעק-צימער, געגעבן אים א פאפיראָס און זיך אליין גענומען א פאפיראָס. פארוויכערט, אנגעוויזן אים אויף א שטול. אליין האלב-אוועקגעלייגט זיך אויף דער מיט קישעלעך באלאָדענער סאָפע, די פיס אונטער זיך, און געוואַרט אויף א דער-קלערונג פון זיין אומדערוואַרטעטן, נישט אנגעזאָגטן באזוך.

זיי האָבן זיך שוין געקענט לאנג, אָבער זיי האָבן זיך שטענ-דיק געטראָפן אין הייזער פון געמיינזאַמע פריינט און קרובים, און קיינמאָל נאָך איז זי נישט באַערט געוואָרן פון זיין באזוך. זי האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, אז זי האָט אים ווען איינגעלאַדן. זי האָט זיך אָפילו געוואָלט דערמאָנען, צי איז ער לאנגווייליק צי נישט.

ארנאָלד האָט געוואוסט, אז ער דאַרף איצטער רעדן, זיין זייער אינטערעסאַנט, דערקלערן זיין „איבערפאל". און זי דאַרף נישט באמערקן, אז ער קוקט זי איצטער אָן מיט אנדערע אויגן, ווי אלע-מאָל, אז ער קוקט זי איצטער אוים. ער האָט שנעל א וואָרף געטאָן א בליק אויפן צימער: שאַפעס מיט ביכער ביי צוויי זייטן, עטלעכע קליינע ראדירונגען אויף די ווענט. עטלעכע אויטאָגראַפירטע פאָטאָגראַפיעס אויף די ביכערשאַפעס, א פּאָר טישלעך מיט ביכער און בלומען. איצטער דאַרף מען עפעס זאָגן

ער האָט אָנגעהויבן ווידער מיט אנטשולדיקונגען, אומגע-שיקט.

„איך האָף, אז איך האָב נישט געשטערט."

זי האָט דערפילט אָן אומגעדולד און ארויסגערעדט מיט האלבן מויל:

„דעם דאָקטאָר האָט איר נישט געשטערט."

„נאָר?"

„איך האָב געלייענט עטוואָס אינטערעסאַנטעס."

ארנאָלד האָט א וואָרף געטאָן א בליק אויף אָן אָפן בוך. וואָס איז געלעגן ביי איר צופוסן אויף דער סאָפע. ער האָט אויפ-געשמייכלט.

„א פאַציענט וואָלט געמעגט אייך אוועקרייסן פון דעם?"

„א פאַציענט וואָלט מיר כמעט אזוי אינטערעסאַנט געווען, ווי דאָס בוך."

„מוז איך זיך מאַכן אינטערעסאַנט, לכל־הפּחות, ווי אַ פּאַ־ציִענט... האַ־האַ... איר קוקט מיך אָלץ אָן מיט אַ פֿראַגעצייכן אין אייערע אויגן: וואָס עפּעס פּלוצלונג? און דאָך נישט מער, ווי אין פאַרבייגיין אַ שטופּ אין זייט: „קלינג־אַן! און אַז מען וועט אויפֿעפֿענען די טיר, גיי אַריין, זיי אַמאָל אַן אַריינדרינגלינג.“ אָט האָט איר פּאַר זיך אַ בוך. אַ פאַרמאַכט בוך. די נשמה פֿון אַ מענטשן, וועלכער האָט געקראָגן אַ שטופּ אין זייט און אַזוי ווייטער...“

זי האָט זיך געוווּנדערט: זי האָט אים קיינמאָל נישט געהערט אַזוי רעדן. און ער האָט זיך אויך געוווּנדערט: ער האָט גאָר גע־האַט עטוואָס אַנדערש צוגעגרייט אַלס אַן אַריינפֿיר אין דעם גע־שפּרעך. אָבער עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער האָט עס גוט געמאַכט.

זי האָט זיך אָפּגעוויצלט:

„אַ מענטש, וועלכער קריגט אַ שטופּ אין זייט און קומט צו אַ דאָקטאָר, איז געווויס אַ פּאַציִענט.“

זיי האָבן זיך ביידע פֿריילעך צולאַכט, אָבער אין אַרנאָלדן האָט עס אין דער אייגענער צייט געשריִען: רעד, רעד, אונטער־האַלט, ווער נישט לאַנגווייליק. עפּעס האָט זיך אָנגעצונדן אין אים, אויפֿגעפֿלאַקערט:

„אפשר בין איך טאַקע אַ פּאַציִענט?“ האָט ער אַרויסגע־רעדט. „מיין קרענק וואָלט איך אַ נאָמען געגעבן: נישט וויסן, וואָס מיט זיך צו טאָן.“

זי האָט זיך פֿאַרוווּנדערט. אין אַזאַ צייט, ווי די איצטיקע, נישט צו וויסן, וואָס צו טאָן מיט זיך?

ער האָט אויפֿגעזיפֿצט. דווקא אין אַזאַ צייט, ווי די איצ־טיקע. ווען די וועלט האָט זיך איבערגעקוליעט מיטן קאָפּ אַראָפּ, וואָס בלייבט איינעם צו טאָן — איינעם, וואָס זעט עס אַזוי קלאָר, אַזוי שאַרף?

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז אַ פּאַציפֿיסט. אָבער ער האָט פּראָטעסטירט קעגן פֿאַרשידענע אָנרופֿונגען. וואָס ער לעבט איצטער איבער, איז מער ווי דאָס, וואָס עס לעבט איבער אַ פּאַר־טיי־מאַן, וועמעס פּאַרטיי איז געשלאָגן.

„און איך האָב שיר נישט פאַרגעשלאָגן איך צו טאָן עפּעס פאַר די מלחמה־געליטענע,‟ האָט זי געזאָגט מיט אַן אויפלאַכן.

ער האָט אויך אויפגעלאַכט.

„צו קלייבן אויף די בעלגישע קינדער, ווי טערעזע קעלער־מאַן?‟

„טערעזע? אפילו זי?‟

„די מלחמה האָט אויפגעוועקט אין איר אַ געזעלשאַפטלעך געוויסן, און וואָלטער ווײַנגוט איז קעפּטן און רעדט אַזוי שיין...‟

ער האָט פּלוצלונג דערפילט אין זיך אַ מין אײַפערזוכט צו וואָלטער ווײַנגוט. אָבער ער האָט זיך אויך גלייך געכאַפּט, אַז עס איז נישט געווען שיין פון אים אַזוינס צו זאָגן. עס האָט אויס־געזען, ווי לשון־הרע. ער האָט געפילט, אַז ער מוז פאַרבעסערן דעם אײַנדרוק, וועלכן אַזאַ באַמערקונג קאָן מאַכן.

„איז עס נישט מערקווירדיק,‟ האָט ער געזאָגט, „וואָס דאָס גרעסטע אומגליק איז ווייניק אויף אויפצוּוועקן דאָס קהלשע גע־וויסן און אויפצוטרייסלען די מענטשן צו טאָטן. עס מוזן נאָך קומען דערקלערער און פּאָפּולאַריזירער, וועלכע ווייסן פון דער גע־שעעניש נישט מער, ווי יעדער צייטונגס־לעזער, און מוזן פאַנאַנ־דערלייגן די געשעעניש אויף טעלערלעך, אַריינלייגן זי דעם עולם אין מויל אַריין, און דעמאָלט, ערשט דעמאָלט...‟

ער האָט גערעדט, און זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פראַגע־צייכן אין אירע העל־ברוינע אויגן. ער האָט עפּעס אויפן האַרצן. ער איז געקומען מיט אַ ציל. פאַרוואָס זאָגט ער נישט, וואָס עס האָט אים געבראַכט? אָבער זי האָט עס נישט געוואָלט פרעגן. זי האָט באַשלאָסן צו וואַרטן — מיט דעם פראַגעצייכן אין אירע גרויסע אויגן.

אַרנאָלד איז אַ ווײַלע געזעסן שטיל, אָנגעקוקט זי, ווי ער וואָלט זי שטודירט, דערנאָך אויפגעלאַכט און אַרויסגערעדט:

„איך האָב היינט געהאַט אַ מערקווירדיקן חלום...‟

ער האָט דערציילט זיין חלום — ביז דער דערשיינונג פון דער פרוי. ער האָט דערציילט פון דער גרויסער איינזאַמקייט, אויסגעשטאָרבנקייט און שטילקייט, און אין איר איז ער איינער אַליין אין דער גאַנצער וועלט. וואָס וואָלט ער געטאָן, ווען דאָס

וואָלט געוועזן וואָר? און ער האָט געענדיקט מיט דעם, אַז ער האָט זיך דערטראַכט צו אַ נייער דערציאונגס־סיסטעם: יעדער איינער און יעדע איינע זאָלן דערצויגן ווערן, ווי ווען עס וועט זיי אויס־קומען צו בלייבן איינע אַליין אין דער וועלט.

ווען ער האָט געענדיקט, האָט זי שטיל אַרויסגערעדט:

„אָ, איר זייט געקומען, איך זאָל אייך פּותר־חלום זיין!"

ער האָט זיך צולאַכט. זי האָט אויפגעכאַפּט דאָס לאַכן. זי האָט געלאַכט גערן, מיט אַ געזונטן האַרציקן געלעכטער, וועלכער איז אים שטענדיק געפעלן געוועזן און האָט אים שטענדיק געוווּנ־דערט: ווי קומט ער, דערדאָזיקער געלעכטער, צו דער ערנסטער, געלערנטער מיידל, וועלכע איז נאָך פאַרטאָן מיט געזעלשאַפט־לעכער אַרבעט?

ווען זי האָט אויפגעהערט צו לאַכן, האָט ער געזאָגט:

„עס וועט טאַקע באַלד אויסזען, אַז איך בין צוליב דעם געקומען. אָבער דאָס וואָלט נישט געוועזן אמת. און איצטער וועל איך אייך זאָגן אַ גוטע נאַכט."

ער איז אויפגעשטאַנען. זי האָט זיך אויפגעזעצט. און אַז ער האָט איר געגעבן די האַנט, האָט זי אים אָנגעקוקט גאַנץ פאַר־וווּנדערט, וואָרטלאָז.

ער האָט געלאַכט.

„איך זע, אַז מיר איז נישט געלונגען צו דערקלערן אייך די רעטעניש פון מיין איבערפאַל. אפשר וועל איך זיך דערלויבן נאָך אַזאַ איבערפאַל — אָט ווען איך וועל ווידער פאַרבייגיין און קריגן אַ שטוים אין זייט..."

זי האָט אים באַגלייט ביז צו דער טיר, שווייגנדיק, וועדליק ער איז געוועזן זייער אויפגעלעבט. ביים צומאַכן די טיר, האָט ער נאָך געזאָגט:

„מערקט זיך, מיר האָבן נישט גערעדט וועגן די לעצטע נייעס פון דער מלחמה."

זי האָט זיך אומגעקערט צו זיך אין ביבליאָטעק־צימער, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן אין געדאַנקען, קלאַפּנדיק מיט דער רעכטער פויסט אין דער לינקער האַנט. אין די פליגלווערטער פון די גע־דאַנקען האָט עס געהייסן: אַרנאָלד לעווענבערגס נשמה האָט ער־

געץ־ווּ געפּלאַצט. ער טראָגט אין זיך אַ טראַגעדיע. אים איז שווער, ער איז געקומען אויסצורעדן זיך, ער האָט געזוכט דער־לייכטערונג. אָבער ער האָט זי ביי איר נישט געפונען, ווייל זי האָט אים נישט פאַרשטאַנען.

אָבער ער איז געגאַנגען אַן אויפגעלעבטער, צוגעזונגען זיך עפּעס אַ פרייליכס. ער איז געווען צופרידן. עס מאַכט נישט אויס, וואָס ער האָט גערעדט. די הויפּטזאַך, ער האָט געפונען אין זיך דעם קוראַזש אַנצוקלינגען, אַריינצוקומען, געהאַט דעם מוט אויס־צופירן, וואָס אים איז איינגעפאַלן.

און ער האָט זיך געשאַפן אַביסל זיכערקייט. מעריאַן איז שיין און געלערנט און אַ זייער פיינע נשמה. אָבער זי אינטערע־סירט אים ווייניק. נישט איין מאָמענט האָט ער דערפילט צו איר, וואָס ער האָט געפילט צו טערעזען. עפּעס ווי אַ נעפּל האָט זיך אַראָפּגעלאָזן צווישן אים און איר. אַ קאַלטער נעפּל, ביי וועלכן דו וויקלסט זיך איין אין דיין מאַנטל, שטעלסט צו דיינע פיס צום פייער אויף דעם פייער־פּלאַץ, און קימערסט זיך ווייניק, ווער עס זיצט לעבן דיר.

און ווען ער איז אַוועק פון איר, איז אים געווען פריילעך. ער האָט אַפילו צונויפגעלייגט די ליפּן און אָנגעהויבן צו פייפן. אַז ער וויל, האָט ער מוט!

## IV

און איצטער — קעטרין.

טערעזע, צו וועלכער ער האָט געפילט אַ וואַרעמע דערנענ־טערונג, מעריאַן, וועלכע האָט אים מער נישט אינטערעסירט, און איצטער — קעטרין.

אָבער ווען ער האָט אָנגעשטעלט זיין דענק־אַפּאַראַט אינ־גאַנצן אויף קעטרין, איז ער ווי אַריינגעפאַלן אין אַ פיבער. זיין בלוט האָט אָנגעהויבן שנעלער צו לויפן, דאָס האַרץ שטאַרקער צו שלאָגן, ווי פון אַ שטאַרקן וויין. ער האָט זי געזען פאַר זיך מיט אַלע אירע באַוועגונגען, מיט דעם גאַנצן רייץ פון איר בויגזאַמען, שלאַנגענאַרטיקן קערפּער, מיט די פאַרשלינגענדיקע פלאַמען פון אירע אויגן, און געפילט, ווי אַ בענקעניש, אַ פאַרלאַנג גיסט זיך אים אין די אָדערן אין הייסן שטראָם.

קעטרין... קעטרין...

איז זי געווען אין דער געזעלשאַפט, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען, האָט ער זיך שטענדיק אומרואיק געפילט. ער האָט געמוזט קוקן אויף איר. בגנבה, נאַטירלעך. פון די ווינקלען פון די אויגן, פון הינטער עמעצנס פּלייצע, אָדער שנעל דורכלויפן מיט די אויגן, ווי אין פאַרבייגיין.

ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן, אָפּהאַלטן. אַזוי שטאַרק האָט עס אים געצויגן צו קוקן אויף איר. און יעדעס מאָל, ווען קעטרין פלעגט צוווענדן צו אים אירע אויגן, האָט זי זיך גע־מוזט אָנטרעפן מיט זיין בליק. אָבער זי האָט זיך, קענטיק, נישט אויסגעמאַכט דערפון, אפשר דערפאַר, וואָס זי איז געווינט גע־

ווען, אַז מען זאָל אויף איר קוקן, אַז אַלע מענער זאָלן אויף איר קוקן.

ווי די בינען, זענען די מענער געווען אַרום איר, די קלוגע און די נאַרן, די עלטערע און די יינגערע, די באַדייטנדיקע און די אומבאַדייטנדיקע. ער האָט זיך געפרייט, וואָס זי איז אַזוי אַרומגערינגלט געווען — ער האָט דערווייל געקאָנט קוקן אויף איר פון הינטער אַ פּלייצע. וואָס וואָלט ער געטאָן, ווען ער וואָלט זיך מיט דעם שטיק פייער אָנגעטראָפן געזיכט צו געזיכט, גאַנץ אַליין, אָן אַן עולם אַרום איר? ער האָט שטענדיק מורא געהאַט פאַר דעם.

היינט וועט ער נישט מורא האָבן. ער ווייס עס באַשטימט. היינט וועט ער נישט מורא האָבן. ער וועט זיך נישט באַהאַלטן הינטער קיינעמס רוקן. ער וועט נישט אַריבערוואַרפן קיין פאַרגנבעטע בליקן. ער וועט זיך דורכשניידן אַ וועג דורך דעם עולם אַרום איר, שטיין מיט איר געזיכט צו געזיכט, זיין מיט איר אַליין. היינט וויל ער זיין אַ העלד. ער וועט זי דערפילן נאָענט, גאַנץ נאָענט. דורכלעבן זי אַלס אַ מעגלעכקייט, אַלס די איינציקע... פילן זי אויפן וואָר, ווי אין חלום...

איז ער גאָר פאַרליבט אין איר? ער האָט זיך פאַרטראַכט, צוגעהערט זיך צו עפּעס אין זיך. ניין, ער איז נישט פאַרליבט, גאַנץ באַשטימט נישט. דער באַווייז: ווען ער זעט זי נישט, פעלט זי אים נישט. דאָס איז דאָך נישט פאַרליבט! נאָר ווען ער זעט זי...

ער האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו פייפן און צו זינגען, ווי דער אָטעם וואָלט אים פאַרכאַפּט. זיין שריט איז פאַרשנעלערט געוואָרן, ווי עמעצער וואָלט אים אונטערגעטריבן. און דער שטאַרקער ווינט איז געפלאָסן, געפלאָסן אין זיינע אָדערן. דער שוואַרצער ליפט־יונג, וועלכער האָט אים אַרויפגענומען צו זיין אַפּאַרטמענט, האָט באַמערקט, אַז מר. לעווענבערג איז אויפגערעגט און פריילעך, ווי ער וואָלט אויסגעטרונקען איינס צופיל. ער האָט געקוקט אויף אים איבער דער פּלייצע און געהיט זיך צו שמייכלען.

אַרנאָלד האָט גענומען אַ וואַנע, אָפּגעפרישט זיך, אָנגעטאָן זיין טאַקסידאָ־אַנצוג, איבערגעציילט זיין גרייט געלט, אַריינגעקוקט אין זיין טשעק־ביכל, אַריינגעלייגט עס אַ צופרידענער אין קעשענע און איז אַרויסגעקומען צום אָוונטברויט.

די מוטער, וועלכע האָט גלייך ביי זיין אריינקומען באַמערקט זיין אויפגעלעבטקייט, האָט ביי אים גאָרנישט געפרעגט. דאָס האָט זי ביי זיך שוין לאַנג אָפּגעמאַכט: נישט צו פרעגן וועגן זיינע האַרץ־אָנגעלעגנהייטן. און זי האָט אים איצטער אויך לייכטער געמאַכט מיט דעם, וואָס זי האָט ווייניק גערעדט מיט אים. ער האָט נישט געדאַרפט איבעררייסן זיינע געדאַנקען. זי האָט נאָר געפרעגט, צי גייט ער היינט ווו. און ווען ער האָט געענטפערט: יאָ, האָט זי נישט געפרעגט, וווהין און צו וועמען, נאָר זי האָט געוווסט, אַז איר שטילער, באַשיידענער זון איז קרוב צו פאַרליבן זיך, אויב ער איז שוין נישט פאַרליבט. זי האָט אים באַגלייט מיט בענטשנדיקע אויגן, ווען באַלד נאָך דעם עסן איז ער אַוועק — דורכצושניידן זיך אַ וועג דורך דעם עולם ארום קעטרין שופרא. ווען די אַלטע פרוי וואָלט דאָס געוווּסט...

אין דעם קלוב־הויז, צו וועלכן ער איז איצטער געפאָרן, איז ער שוין לאַנג נישט געוועזן נאָך דעם איינציקן באַזוך, וועלכן ער האָט דאָרט געמאַכט. ער האָט דאָרטן נישט געהאַט וואָס צו טאָן. די געשפּרעכן זיינען געוועזן נישט זייער אונטערהאַלטנדיק פאַר איינעם, וועלכער האָט געקאָנט ליידן פון וועלט־שמערץ. און די פאַרשיידענע גליק־שפּילערייען זיינען נישט געוועזן נאָך זיין געשמאַק און זיינע נייגונגען. אָבער קעטרין איז דאָרטן זייער אָפט געוועזן, און ער האָט געהאַט די זיכערקייט, אַז ער וועט זי דאָרטן היינט טרעפן.

ער האָט נישט געהאַט קיין סך צייט זיך איבערצולייגן: זיין אויטאָמאָביל האָט אים שנעל צוגעבראַכט צום הויז. נאָר ווען דער טיר־שטייער האָט אויפגעמאַכט די טיר פון דעם אויטאָמאָביל, האָט ער דערפילט אַ מין באַקלעמעניש ביים האַרצן. אַ מין מורא, אַ מין חרטה. אָבער ער איז אַרויסגעשטיגן פון אויטאָמאָביל, אָנגעזאָגט דעם שאָפער, אַז ער זאָל נישט וואַרטן, אויפגעהויבן הויך דעם קאָפּ און שנעל אַריינגעשפּרייזט אין הויז. מוטיק, אַנטשלאָסן. ער וועט זיך נישט באַהאַלטן הינטער עמעצנס רוקן, נאָר געזוכט צו געזיכט, און אויג אויף אויג.

ער האָט זיך אָנגעטראָפן מיט באַקאַנטע, געזאָגט אַ פּאָר ווערטער, מיט די אויגן געזוכט קעטרין. ווען מען האָט אים גע־

וואָלט אַריינציען אין אַ געשפּרעך וועגן די לעצטע מלחמה־נייעס, האָט ער זיך מיט שרעק אָפּגעראַטעוועט. אַנטלאָפן פון די מלחמה־מענטשן צו די צימערן מיט די גרינע טישלעך. ווען ער איז דורכ־געגאַנגען אַ פּאָיע, האָט זיך אַ טיר אויפגעעפנט, און קעטרין האָט זיך באַוויזן.

זי איז געווען אין אַ בלוט־רויטן טיף־אויסגעשניטענעם גע־זעלשאַפטס־קלייד. אירע שוואַרצע האָר, אונטער אַ גרויסן רויטן הוט, פאַרקעמט מיט אַ ברייטן שרונט, טיף אַראָפּגערוקט איבער ביידע שטערן־ווינקלען, איבערלאָזנדיק אומפּאַרדעקט דעם מיטן שטערן און אַ פינגער־ברייט איבער די דינע ברעמען־שנירלעך. אירע אויגן זיינען געווען אַביסל אונטערגעפּירט — זייער שוואַרצ־קייט האָט דורכגעשטאָכן און דורכגעדרונגען. אירע ברונעטע באַקן זיינען געווען ווייס־באַפּודערט איבער אַ דינעם אויפליייג פון רוי־טער פאַרב, די יונג־רויטע ליפּן נאָך רויטער געמאַכט מיט ליפּן־רויט. אויפן האַלז האָט זי געטראָגן רויטע קאָראַלן. אויף די פיס — רויטע סאַפּיאַן־טופלעס איבער העל־ראָזע זאָקן.

זי איז געבליבן שטיין אין דער טיר, האָט אַרומגעקוקט זיך. זי האָט עמעצן געזוכט. אַרנאָלד האָט שיר נישט אויסגעשריען פון דעם גליקלעכן צופאַל. ער איז אַ ווײַלע געשטאַנען, ווי געבלענדט, אָבער באַלד געלאָזן זיך צו איר. אַז זי האָט אים באַמערקט, האָט זי אים צושטרויט באַגריסט. ווען זי האָט געזען, אַז ער גייט גלייך צו איר, שמייכלענדיק איבערן גאַנצן פּנים, האָט זי געמאַכט אַ פאַרוווּנדערט געזיכט, אַפילו אויפגעצוקט מיטן קערפּער. און אין דעם אויפצוקן איז געווען: וואָס וויל דער לאַנגווייליקער מענטש? זי האָט שוין געוואָלט אַוועקקוקן פון אים.

אָבער ער האָט איר מוטיק און לעבעדיק געגעבן די האַנט און געזאָגט:

„אייך זוך איך טאַקע."

„איר — מיך?"

ער האָט זיך צוגעהערט צו דער באַרירונג פון איר האַנט אין זיין האַנט, געשמעלט זיך גאַנץ נאָנט צו איר, אַריינגעקוקט איר גאַנץ טיף אין די אויגן.

„יאָ,‟ האָט ער געענטפערט, „איך וויל היינט שפּילן, און איר זאָלט מיין שותּף זיין, מיין מזל, מיין גוטער שטערן.‟

„אָ!‟ האָט זי אויסגערופן. זי האָט נישט געוווּסט, ווי דאָס צו נעמען. זי איז אַרויסגעקומען אין טיר, אויסצוקוקן איינעם, וועמען זי האָט געוואָלט אָנבאָטן צו זיין זיין מזל. אָבער זי האָט נישט דערוואַרט אַרנאָלד לעווענבערג, און זי וואָלט דאָס פון אים קיינמאָל נישט דערוואַרט. זיין אָנבאָט האָט זי גאַנץ איבערראַשט. און די אַרט, ווי ער האָט איר האַנט נישט אַרויסגעלאָזן, און זיין קוק, און זיין גאַנצע האַלטונג.

ער האָט איר אונטערגעשטעלט זיין אָרעם, אין וועלכן זי האָט ווי נישט-ווילנדיק אַריינגעלייגט איר האַנט, אָפּגעפירט זי פון דער טיר, גייענדיק צוגעקערט צו איר, אַריינקוקנדיק איר אין די אויגן.

„איר האָט זיך מיר היינט געחלומט,‟ האָט ער געלאַכט.

„נישט מיין שולד,‟ האָט זי בייזיק און קורץ אַרויסגערעדט.

„אפשר יאָ, נאָר איר ווייסט פון דעם נישט... און איך האָב באַשלאָסן אייך צו זען...‟

„אום פאַרטצווזעצן דעם חלום?‟

„מיט אייער דערלויבעניש.‟

„האָט זיך אייך געחלומט, אַז איר האָט געווונען מיט מיר אַ סך געלט?‟

„ניין, דעם שפּיל-אָנבאָט האָב איך געמאַכט, אום צו דערנענטערן זיך צו אייך. מאַכט עס אייך אויס?‟

זי האָט אויף אים געקוקט מיט דעם שוואַרצן שטאָל פון אירע אויגן. האַרט, קאַלט, גרייט צו בייזע איראָניעס. ער האָט זי קיינמאָל נישט אינטערעסירט, דער טרוקענער מענטש, וועלכער האָט קיינמאָל נישט געהאַט וואָס צו רעדן מיט איר און מיט וועלכן זי האָט נישט געהאַט וואָס צו רעדן. און איצטער האָט זי אים נישט פאַרשטאַנען. ענדלעך האָט זי אַרויסגערעדט:

„דאַרף איך וויסן אייער חלום?‟

„ניין, נישט איצטער. שפּעטער. אַן אַנדערש מאָל. עס איז אַ צו לאַנגע געשיכטע. איצטער ווילט איר דאָך מסתמא שפּילן?‟

אָדער האָט איר עפּעס אַנדערש פאַר? איר האָט אויף עמעצן גע־וואַרט?״

זי האָט אַרויסגענומען די האַנט פון אונטער זיין אָרעם און אַ קוק געטאָן אויף אים, גרייט אויסצובייזערן זיך.

„ווער האָט אייך געזאָגט, אַז איך האָב געוואַרט? פונוואַנען ווייסט איר, אַז איך וויל שפּילן? ווי קומט איר מיר אָנצובאָטן, איך זאָל זיין אייער מזל?״

זי האָט זיך געוווּנדערט, וואָס אָט דער מענטש, אויף וועלכן זי האָט שטענדיק פאַרבייגעקוקט, ווי אויף אַ שאָטן אויף דער וואַנט, זאָל פּלוצלונג צוקומען צו איר מיט אַזאַ זעלבסטפאַר־שטענדלעכקייט און זיכערקייט. און זאָל טאַקע זיין, אַז זי האָט געוואַרט אויף עמעצן, ביי וועמען זי וואָלט זיך איינגעבעטן אַלס שותף אין שפּיל, וועט זי דאָך נישט דערלויבן יעדן איינעם... אירע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן, און ווערליק ער האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ פאַרלעגענעם שמייכל, נישט געפינענדיק גלייך קיין ענטפער אויף אירע דריי פראַגן, האָט זי אים צוגעוואָרפן אַ פערטע, ווי אַ באַליידיקונג:

„האָט איר זיך מיט עמעצן געוואַט, אַז איר וועט מיך קריגן פאַר אַ שפּיל־שותף?״

אָבער די פראַגע האָט וואָס אָנגעצונדן אין אים.

„האַלט איר מיך פאַר פעאיק אַזוי צו באַליידיקן אַ פרוי — און דער עיקר אייך?״

דאָס לעצטע האָט קאַליע געמאַכט. איצטער האָט זי גע־מיינט, אַז ער איראָניזירט זי.

„וואָס מיינט איר: דער עיקר מיך?״

„וועגן דעם אויך אַן אַנדערש מאָל. פאַרשטייט עס אָבער אין בעסטן זין. על־כּל־פּנים, איך האָב דעם שפּיל־אָנבאָט געמאַכט, צו דערנענטערן זיך צו אייך. זאָגט איר זיך אָפּ, האָב איך דעם שריט סיי־ווי־סיי געמאַכט, און אַן אַנדערש מאָל וועט איר דעם אָנבאָט דאָך אָננעמען.״

זי האָט אים אָנגעקוקט, דורכגענומען מיט אירע שאַרפע בליקן, געוואָלט אַרויסלייענען די רעטעניש.

„שפּילט איר אָפּט?"
„קיינמאָל נישט."
„ווי וואָלט איר איצטער געוואָלט שפּילן?"
„איר וואָלט געשפּילט פאַר מיר."

זי האָט אויפגעלאַכט, געכאַפּט אים אונטערן אָרעם און איז אַריין מיט אים אין שפּילצימער.

מען האָט זיי נייגיריק אָנגעקוקט. ווען מען האָט דערקענט, מיט וועמען מים שופרא איז אַריינגעקומען געאָרעמט, האָט מען זיך פאַרוווּנדערט. עטלעכע האָבן זיך עפּעס צוגעשעפּטשעט. עס איז געווען קשהדיק, ווי אַזוי האָט זי אים אַריינגעקראָגן. זי האָט באַמערקט די פאַרוווּנדערונג און די צושעפּטשעניש און געזאָגט, צו קיינעם נישט ווענדנדיק זיך און מער פאַראינטערעסירט אין די פּלעצער, וועלכע זי און לעווענבערג האָבן פאַרנומען ביים שפּיל־טיש:

„איר דאַרפט מיך אין גאָרנישט חושד זיין. דאָסמאָל האָב איך זיך נישט איינגעבעטן. מר. לעווענבערג האָט זיך ביי מיר איינגעבעטן. און זייט אַלע פאַרזיכטיק: איך וועל היינט גאַנץ באַזונדערס מזלדיק זיין, ווייל איך האָב זיך אים געחלומט."

מען האָט אויפגעלאַכט. אַרנאָלד האָט פאַרלעגן און נאַריש געשמייכלט, אָבער גלייך געכאַפּט זיך, אַראָפּגעשלונגען דעם שמייכל און אַרומגעקוקט זיך בגנבהדיק, צי האָט מען דעם שמייכל נישט באַמערקט. נאָר נישט אַריינפאַלן אין זיין שטענדיקער אומגעשיקטקייט און וועלט־פרעמדקייט!

„מיר וועלן זיי באַווייזן, די לאַכער," האָט ער געזאָגט צו קעטרין.

זי האָט אַראָפּגענומען פון זיך דעם הוט, איבערגעגעבן אים אַרנאָלדן און אַריינגעטאָן זיך אין שפּיל. ער האָט אַוועקגעטראָגן דעם הוט אין דעם גאַרדעראָב־צימער און געאיילט צוריק, אומגעדולדיק, נישט צו פאַרלירן קיין צייט אין אַוועקזיין פון איר.

זי איז געווען איינגאַנצן אין דעם שפּיל. אירע באַקן האָבן געפלאַמט פּורפּור־רויט, אירע שוואַרצע אויגן אונטער די גרויסע ברעמען האָבן געברענט, איר שלאַנקער קערפּער איז געווען באַ־

וועגלעכקייט. אירע ליפּן זיינען געווען איינגעצויגן און פאַנאַנ־דערגערוקט און האָבן אויפגעדעקט צוויי רייען פּערל־ציינער, צו־נויפגעקלאַפּטע איינע אויף די אַנדערע, צונויפגעדריקטע דורך אַן אינערלעכער אומגעדולד. אירע גערדיכטע שווארצע האָר האָבן דורך איר אַפּטן אומוואַרפן מיטן קאָפּ ארויסגעריסן זיך פון דעם קעמל־צוים, אין וועלכן זיי זיינען געהאַלטן געוואָרן, אראָפּגעלאָזן זיך נאָך טיפער איבער די אויערן אין גערדיכטע כוואַליעס און רייצנ־דיק אָפּגעשאָטנט דעם פּורפּור פון די באַקן. אירע לאַנגע, דינע, פראַכטפול־מאַניקירטע פינגער האָבן נערוועז ארומגעשפּילט, ארומגעלאָפן איבער די גודלען. זי האָט ווייניק גערעדט, נאָר פון צייט־צו־צייט צוגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער, הויך אויפלאַכנדיק, ווען זי האָט געווונען, ביז אַ קלאַפּ־טוענדיק מיטן פוס, ווען זי האָט פארלאָרן. אָבער די רעזולטאַטן זיינען איר נישט וויכטיק גע־ווען. דער עיקר — שפּילן, שפּילן! דער פּראָצעס פון שפּילן איז געווען אַ הויפּטזאַך. אָטעם־פארכאַפּנדיק, האַרץ־באַוועגנדיק, דער גרויסער גענוס, די שיכרות.

ארנאָלד האָט נישט אַראָפּגענומען פון איר די אויגן. ער האָט אָפּט פארגעסן שפּיל און שפּילער. דעמאָלט האָט ער זי און זיך געזען אין דער גרויסער איינזאַמקייט אַליין מיט אָט דעם פייער, מיט אָט דער הערלעכער אומגעדולד, מיט אָט דער ליידנ־שאַפט. ער האָט נישט געוווּסט, צי געווינען אָדער פארלירן זיי. ער האָט פארלאָרן די רעכענונג פון געלט, ער האָט אויך פארגעסן די רעכענונג פון צייט. ער האָט נאָר געהאַט אַ פאַרלאַנג ארומצו־נעמען זי, פילן איר קערפּער אין זיין אומארמונג, באַרירן איר גע־זיכט, גלעטן אירע האָר. ווען איר פוס האָט זיך צוגעדריקט האַרט צו זיינעם, האָט ער דערפילט אַ גליקזעליקן שוידער איבער זיין גאַנצן קערפּער. אָבער ער האָט באַלד אָפּגערוקט זיין פוס. זי האָט נישט געוווּסט, אַז איר פוס איז צוגעדריקט צו זיינעם. דאָס איז געשען אין דער שיכרות פון דעם שפּיל. האָט ער נישט געוואָלט דידראַזיקע אומבאַוווּסטע לאַסקע. ער האָט נישט געוואָלט גנבענען. דאָך געוואָרט אויף יעדער צופעליקער באַרירונג.

עס איז געוועזן שוין זייער שפּעט, ווען דאָס שפּיל איז אָפּ־געבראָכן געוואָרן.

„שוין? אויס?" האָט זי אַרויסגערעדט אומצופרידן. אָבער איצטער האָט זי זיך פּאַראינטערעסירט אין די רעזולטאַטן. איצטער איז זי געוואָרן געשעפטסמעסיק. דאָס שפּיל־פייער איז פאַרשוווּנדן פון די אויגן, דאָס מויל איז צוגעמאַכט געוואָרן, די לאַנגע פינגער האָבן זיך גענומען צום ציילן. די רעזולטאַטן זיינען געווען גלענצנ־דיקע, און, דאַכט זיך, איצטער האָט זי זיך דערמאָנט, אַז זי האָט געשפּילט נישט אויף איר אייגענעם געלט און אַז אין די רעזול־טאַטן מוז זי זיך טיילן. זי האָט פאַרשפּירט אַן אומצופרידנקייט. און איצטער אויך האָט זי זיך דערמאָנט, אַז איר שותּף איז איר פרעמד, איז איר קיינמאָל נישט געווען סימפּאַטיש. מיט אַ מין בייזקייט און גיריקייט האָט זי אויפגעהויבן אויף אים די אויגן און אַ פרעג געטאָן, קורץ און טרוקן:

„ווי וועלן מיר זיך צוטיילן?"

ער האָט זיך צוגערוקט גאַנץ נאָענט צו איר, מיט פייער אין די אויגן, און צוגעשמייכלט:

„אייך דער געווין, מיר דער קרן."

עס האָט זיך איר נישט געוואָלט גלויבן. זי האָט כמעט אויס־געשריען פאַר איבערראַשונג. ער איז איר מיטאַמאָל זייער נאָענט געוואָרן און זייער סימפּאַטיש.

„איר זייט אַ וווילער!" האָט זי געזאָגט און אין אַנטציקונג אויסגערופן: „מיר דער גאַנצער געווין! איז נישט מר. לעווענבערג אַ וווילער?"

פאַרשיידענע שפּילער האָבן זי אַרומגערינגלט, אַלטע פריינט און באַוווּנדערער, אָבער אַרנאָלד האָט זיך נישט געלאָזט אָפּשטופּן אָן אַ זייט.

„איך וועל אייך נעמען אַהיים, יאָ?" האָט ער איר צוגעפּליסטערט.

זי האָט אים צוגעווונקען מיט די אויגן, וועלכע האָבן שוין נישט איין האַרץ פאַרווונדעט, אונטערגעכאַפּט אים אונטערן אָרעם און מיט אַ קלינגענדיקן, פריילעכן געלעכטער אַרויסגעלאָפן מיט אים פון דעם קרייז, וועלכער האָט זי אַרומגערינגלט, און פון דעם צימער.

## V

דרויסן האָט ער איר אַ זאָג געטאָן:

„איך וועל אייך נאָך נישט נעמען אַהיים... מיר וועלן זיך נאָך אַריינכאַפּן אין אַ רעסטאָראַן."

„גרויסאַרטיק!" האָט זי אויסגערופן און אָנגעהאַנגען זיך שטאַרקער אָן זיין אָרעם. זי איז טאַקע געווען זייער דורשטיק. און אויך אַביסל הונגעריק. וואָס זי האָט געטרונקען און צוגעביסן ביים שפּילן, איז געשען אין אַ צושטאַנד פון באַוווּסטלאָזיקייט.

ער האָט אָפּגעשטעלט אַ טאַקסי, אָנגערופן אַ רעסטאָראַן און אַריינגעשטיגן נאָך איר אין דעם אויטאָמאָביל.

„איך קען נישט דעם פּלאַץ," האָט ער זיך ווי אַנטשולדיקט. „אָבער איך ווייס, אַז ער איז אָפן די גאַנצע נאַכט."

„איך קען דעם פּלאַץ זייער גוט," האָט זי געזאָגט. „גוטער וויין. — אַך, דאָס איז גרויסאַרטיק!"

זי האָט אים ווידער גענומען אונטערן אָרעם און געטוליעט זיך צו אים, און באַלד האָט זי זיך צורעדט:

„בין איך אָבער רייך! בין קיינמאָל אַזוי רייך נישט געווען. געווען אפשר שלעכט פון מיר, וואָס איך האָב צוגענומען דעם גאַנצן געווין... אָבער איר האָט אים מיר דאָך אַליין אָנגעבאָטן... אפשר האָב איך דאָך נישט געדאַרפט, ווי?... ווען איך וואָלט פאַרלוירן, וואָלט איך דאָך פאַרלוירן אייער געלט... איר ווייסט, וויפל איך וואָלט געקאָנט פאַרלירן?... איך וואָלט אייך אפשר אין באַנקראָט אַריינגעטריבן... מען זאָגט, אַז איר זייט זייער רייך... פאַר־

וואָס האָט איר זיך שטענדיק געהאַלטן פֿונדערווייטנס?... איר ווייסט, מען דערציילט אויף אייך, אַז איר האָט נאָך קיינמאָל נישט געקושט קיין מיידל... ווי אַזוי האָט איר איצטער גאָר פּלוצלונג?... אַך, יאָ, דער חלום!... האָט זיך אייך טאַקע וואָס געחלומט?... אָ, איר וועט מיר מוזן דערציילן דעם חלום!... וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן?... איר קאָנט מיך דען גוט זען?... איך מוז איצטער זייער מיד אויסזען... איך בין טאַקע זייער מיד... ווי שפּעט איז עס איצטער?״

זי האָט אָוועקגעלייגט איר קאָפּ אויף זיין פּלייצע, צוגעמאַכט די אויגן.

איצטער האָט ער געדאַרפט אַרויפלייגן זיין האַנט אַרום איר טאַליע און צודריקן זי צו זיך. זיין האַנט האָט אויפגעציטערט, אַ באַוועג געטאָן זיך און געבליבן ווי געלעמט. אַ מין שעמעוודי־קייט און אומגעשיקטקייט האָט זי צוריקגעהאַלטן. דער ברייטער נאַקן פֿון דעם טאַקסי־פֿירער, די פּאַסן ליכט, וואָס זיינען אַריינ־געפֿאַלן אין דעם אויטאָמאָביל פֿון די גאַס־לאָמפּן, פֿאַר וועלכע זיי האָבן זיך פֿאַרבייגעטראָגן, די אָפֿענע גאַס, די צופֿעליקע בליקן פֿון פֿאַרבייגייער, דער עיקר אָבער — אַ ציטער אין זיין אייגענעם האַרץ. אַ פֿאַרלאָרנקייט. אַ מוטלאָזיקייט. זיין דערציאונג, דאָס „דו זאָלסט נישט״, וואָס איז נאָך געווען אַזוי שטאַרק אין אים, אָבער אויך אַ מורא פֿאַר קעטרין, אַן אָפּשיי פֿאַר איר. ער וועט זי באַ־לייַדיקן, ווען ער וועט זי אַרומנעמען. זיי זיינען דאָך ערשט נאָר אַביסל מער באַקאַנט געוואָרן... ער האָט געפֿילט איר וואַרעמקייט, זיין האַרץ האָט געקלאַפּט פֿון איר נאָענטקייט, אָבער ער איז גע־זעסן באַשיידן, שעמעוודיק, הילפֿלאָז. אַ קישעלע פֿאַר איר קאָפּ, וועלכער האָט גערוט האָבן רו. ער האָט געוואָלט פֿאַררויכערן און נישט אַ ריר געטאָן זיך אָפֿילו, אַרויסצונעמען זיין פּאָרט־ציגאַר. ער האָט נאָר פֿאָרזיכטיק אַריבערגעבויגן דעם קאָפּ, אום אָנצוקוקן זי. זי איז געווען אָן דעם היטעלע, וואָס איז געלעגן אויף איר שויס, די האָר־כוואַליעס נאָך אַריבערגעגאָסן איבערן געזיכט. ער האָט געפֿילט אַ נערוון־וועקנדיקן גערוך פֿון אירע האָר, אָבער איר געזיכט נישט געזען. פֿון דער טונקלקייט פֿון דעם אויטאָמאָביל האָבן אַרויסגעקוקט צו אים דער שפּיץ פֿון איר נאָז און די רעכטע

העלפט פון איר געשלאָסענעם מויל. אָבער ער האָט געוווּסט, אַז דאָס אַלץ איז שיין אין איר. צום צוקישן שיין.

„פאַרוואָס שווייגט איר? זאָגט מיר עפּעס,“ האָט זי אַ זאָג געטאָן. „דערציילט מיר דעם חלום.“

„איך האָב אייך געוואָלט לאָזן רוען.“

„אָ, יאָ, איך בין אַביסל מיד. אָבער מיר וועלן באַלד טרינקען. אָ, מיר וועלן באַלד טרינקען!“

זי האָט הארציק געלאַכט, און געדריקט און געטוליעט זיך צו אים, און פּלוצלונג האָט זי זיך אָפּגעוואָרפן, אָפּגערוקט, צוגעשפּאַרט זיך צו דער אַנדער זייט פון דעם אויטאָמאָביל און צוגעמאַכט די אויגן.

ער האָט זיך פאַרוווּנדערט, קשהדיק אָנגעקוקט זי פון דער זייט, געווינטשט זי זיך צוריק אויף דער פּלייצע. ער איז געווען אומצופרידן. איצטער אָבער וועט ער פאַררויכערן. ער האָט אַרויסגענומען זיין פּאָרט־ציגאַר.

„ווילט איר אַ פּאַפּיראָס?“

זיי האָבן פאַררויכערט. ביים ליכט פון דער אָנגעצונדענער שוועבעלע האָבן זיי זיך ביידע אָנגעקוקט, פרעגנדיק, פאַרשנדיק. איר שטערן איז געווען אָנגערוקט, אירע אויגן ברוגזדיק. זי האָט זיך צוריק אָנגעשפּאַרט אָן ווענטל פין דעם אויטאָמאָביל, און זיי האָבן געררויכערט שווייגנדיק. ער האָט געווּסט, אַז ער דאַרף עפּעס זאָגן, אָבער ער האָט נישט געפונען, וואָס צו זאָגן איר. אַלץ אַזעלכע נאַרישע, טאַקטלאָזע באַמערקונגען האָבן זיך געדרייט אויף דער צונג. און ער האָט זיך באַצייטנס אָפּגעהאַלטן פון פרעגן זי, צי איז זי אָפּט אויסן אַזוי שפּעט, אָדער צו דערציילן איר, אַז ער וויים פון איר נעכטיקן שפּילן און טרינקען.

„איך ווייס נישט, פאַרוואָס איך פאָר מיט אייך,“ האָט זי אַרויסגערעדט פון איר ווינקל. „געדאַרפט בעסער אַהיים.“

„מיר זיינען שוין ביי אונזער ציל,“ האָט ער געזאָגט, אַרויסקוקנדיק אינדרויסן.

זי איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם אויטאָמאָביל ווי נישט ווילנדיק. אין רעסטאָראַן זיינען געווען ווייניק מענטשן, נאָר ביי איינצלנע טישלעך זיינען געזעסן ביי זייער וויין פאַרשיידענע פּאָר־

לעך, געאָרעמט און צוגעדריקט און צונויפגעגאָסן אין אַ קוש, נישט אויסמאַכנדיק זיך פון דעם אָרום.

אַרנאָלד האָט אויסגעקליבן אַ טיש אין אַ רואיקן ווינקל און באַשטעלט אַ געוויסן סאָרט שאַמפּאַניער, נאָך איידער ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם ווײַן־צעטל. קעטרין איז דורכגעלאָפן די שפּייז־קאַרטע נישט פאַראינטערעסירט, באַשטעלט עפּעס ווי גע־נויטיקט, אַרויסגענומען דאָס שפּיגעלע, פאַרריכט זיך די האָר, באַ־פודערט זיך דאָס געזיכט, איינגעקלעמט דעם קאָפּ צווישןביידע הענט, וועלכע זי האָט אָוועקגעשטעלט מיט די עלנבויגנס אויפן טיש, און אויסגעגלאָצט די אויגן אויף אַרנאָלדן. אַרנאָלד, פאַרטיק ווערנדיק מיט דעם קעלנער, האָט נאָכגעקוקט אירע באַוועגונגען. איצטער האָט ער אויך געטאָן דאָסזעלביקע, וואָס זי: איינגעקלעמט דעם קאָפּ צווישן ביידע הענט מיט די עלנבויגנס אויפן טיש און אויסגעגלאָצט אויף איר די אויגן. ער האָט געוואָלט מאַכן אַ וויץ פון דער פּאָזע און דער אויגנגלאָצעניש, אָבער זי האָט געקוקט, ווייל זי האָט געוואָלט עפּעס באַגרייפן, קלוג ווערן אין אים. און ער האָט עס נישט ווייניקער געוואָלט וועגן איר. אַ ווײַלע זײַנען זיי אַזוי גע־זעסן שווײַגנדיק, און דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן:

„מיר האָט זיך געחלומט...‟

ער האָט איר דערציילט דעם גאַנצן חלום, נאָר האָט ער פאַר־לייקנט טערעזען. ער האָט דערציילט לאַנגזאַם, רואיק, קלייבנדיק די ווערטער, אין בעסטן ענגליש, ווי ער וואָלט געדיכטעט אין דער הויך. און זי האָט אים צוגעהערט, צוערשט אָנגערוקט, געלאַנגווייַ־ליקט, דערנאָך גאַנץ אויפמערקזאַם און אויפגעלעבט. און ווען ער האָט געענדיקט, זײַנען זיי נאָך געזעסן, ווי פריער, נאָר האָבן די אויגן געפלאַמט און די ליפּן געשמייכלט. ווען דער קעלנער האָט געבראַכט דאָס באַשטעלטע, האָבן זיי אַראָפּגענומען די עלנבויגנס פון טיש, און ביידע פאַנאַנדערגעלאַכט זיך. איצטער איז זי ווידער אויפגעלעבט געוואָרן. אויף גיך דעם שאַמפּאַניער! טרינקען! טרינ־קען! און זי האָט געטרונקען מיט דער גרעסטער גיריקייט. אַ־אַ־אַ־אַ־אַ! און נאָך! און נאָך!

און דאַן ווידער צולאַכט זיך.

„איך איינע אַליין מיט איך איינעם אַליין אין דער גאַנצער

וועלט! די גאַנצע וועלט אויסגעשטאָרבן, און מיר בײדע זײַנען געבליבן!... אוף, ווי שרעקלעך! ווי שרעקלעך! ווי שרעקלעך!... ווען מיר חלומט זיך עס, וואָלט איך אין חלום זעלבסטמאָרד באַגאַנגען... אײנע אַלײן מיט אײַך... מיט אײַך!...״

עס איז געוועזן עפּעס באַלײדיקנדיקס, פאַרעכטלעכס, ווי זי האָט געשריען „מיט אײַך!״. ער האָט געפילט די באַלײדיקונג און געשמייכלט גוטמוטיק־נאַריש. און זי האָט ווײַטער גערעדט, ווי היסטעריש:

„אָ!... אָן שפּילן, אָן טרינקען, אָן מענער אַרום מיר... מיט אײַך אַלײן... איך וואָלט דערשטיקט געוואָרן פאַר לאַנגווײַליקײט... איך וואָלט אַ טאָג נישט איבערגעלעבט...״

פּלוצלונג האָט זי אויסגעשאָסן אַ געלעכטער, אַרויסשפּריצנדיק דעם ווײַן, וועלכן זי האָט אַ זופּ געטאָן.

„אָ, אַנטשולדיקט! אָבער עס איז אַזוי הויכקאָמיש... איך האָב זיך פאָרגעשטעלט: איך — חוה... מיט אַ פייגנבלאַט...״

זי האָט נישט געקאָנט ווײַטער רעדן. דאָס בילד — זי אַלס חוה מיט אַ פייגנבלאַט — איז געוועזן צו זײער קאָמיש, זי זאָל נישט קוויטשען פאַר געלעכטער. און ער האָט זיך אויך אָנגעשטעקט מיטן געלעכטער און מיט דער הויכקאָמישקייט פון דעם בילד. באַלד איז ער אויך זיך פאַרגאַנגען אין געלעכטער, געשאָקלט זיך מיטן גאַנצן קערפּער, פאַרדעקנדיק זיך דאָס מויל מיט דער סערוועטקע.

די איבעריקע געסט האָבן געמוזט אַריבערטראָגן אויף זיי די בליקן, פאַרגעסן אויף אַ ווײַלע זײערע אײגענע האַרץ־אָנגעלעגנהייטן. באַלד האָבן זיי זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטן און געמוזט מיטלאַכן.

אפילו די מידע, פאַרשלאָפענע קעלנער האָבן געמוזט קעמפן מיט דעם דרך־ארץ, וועלכן זיי זײַנען שולדיק די געסט, און אַנטאָן זיך אַ כוח און בלויז שמייכלען. נאָר אײניקע האָבן נישט אויסגעהאַלטן. זיי זײַנען אויף גיך אַרויסגעלאָפן אין קיך, אום דאָרטן אויסצולאַכן פראַנק און פרײַ דעם איבערוועלטנדיקן געלעכטער.

אַרנאָלד האָט ענדלעך באַמערקט דעם אַרומיקן געלעכטער און די אַלע אַריבערקוקנדיקע אויגן. ער האָט זיך פאַרשעמט, צוזאַמענגענומען זיך און אויפגעהערט צו לאַכן. ער האָט נאָר נאָך גע־

שמייכלט, מיט קליינע געלעכטער־אויפצוקונגען, ארויפגעלייגט זיין האַנט אויף קעטרינס האַנט, געפּעטשלט און געגלעט. קעטרין זאָל זיך באַרואיקן און אויפהערן צו לאַכן.

זי האָט זיך צוגעדריקט דאָס מויל מיט דער סערוועטקע און קייכנדיק גערעדט:

„אָ, דאָס איז אַזוי אורקאָמיש! איר — אדם, איך — חוה, ביידע מוטער־נאַקעט, וואָרום אויסער אַ פאַרטוך פון פייגנבלעטער וואָלטן מיר ביידע נישט געקאָנט אויפנייען... אָדער זייט איר אפשר אַ גרויסער בריה?‟

„צום באַדויערן!‟

„און איך וואָלט דאָס געדאַרפט קאָכן און וואַשן און... און אַי!... און אַי!... און — קינדער האָבן!... אַ נייע מענטשהייט ארויס־ברענגען!...‟

זי האָט עס ארויסגערעדט מיט גרויסן שרעק אין די אויגן און אין דער שטימע, ווי דאָס ביזסטע, וואָס קאָן איר פּאַסירן.

ער האָט אָנגעפילט איר גלאָז.

„טרינקט און פאַרטרינקט די שרעק.‟

זי האָט אויסגעטרונקען דאָס גלאָז אָן אַן אָפּשטעל, אַ שמיץ געטאָן די סערוועטקע און איז אויפגעשפּרונגען.

„איצט אַהיים, אַהיים, אַהיים!...‟

אין דעם אויטאָמאָביל האָט זי זיך ווידער צולאַכט. אים איז עס שוין אומאָנגענעם געוואָרן. ער האָט צונויפגעדריקט די ציי־נער, אָבער זי האָט עס נישט געזען. זי האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און געלאַכט, געלאַכט. ענדלעך האָט ער אָנגענומען איר האַנט, גע־דריקט זי שטאַרק, צוגערוקט זיין געזיכט צו איר געזיכט, פעסט אריינגעקוקט איר אין די אויגן.

„גענוג!‟

זי האָט אויפגעאָטעמט.

„אוּפפפ, איר טוט מיר וויי!‟

„נישט מער לאַכן,‟ האָט ער געזאָגט, האַלב־בעטנדיק, האַלב־באַפעלנדיק.

„גיט מיר אַ סיגאַרעט.‟

זיי האָבן פאַררויכערט. ער האָט זיך צוגערוקט האַרט צו איר, געקוקט איר אין די אויגן.

„נישט מער לאַכן — יאָ?"

„אָ, דאָס איז אַזוי קאָמיש!"

„גענוג!"

„ו ו ע ן איך וועל זיך דערמאָנען, וועל איך לאַכן... ו ו ע ן איך וועל דערציילן, וועל איך לאַכן..."

זי האָט באַמערקט, אַז ער האָט זיך אַ קרים געטאָן.

„איר ווילט נישט, איך זאָל עס דערציילן? אָבער עס איז צו קאָמיש, איך זאָל זיך קאָנען איינהאַלטן. וואָס איז דאָ אַזוינס, אַז איך וועל דערציילן? דאָך בלויז אַ חלום..."

„דער חלום..."

ער איז שטיין געבליבן. ער האָט שיִר נישט געזאָגט, אַז דער חלום איז פאַר אים אַ מין דערוואַכונג. אָבער ער האָט זיך פאַרכאַפּט. ער וואָלט דאָך נאָך לעכערלעכער געוואָרן אין אירע אויגן. עס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס ער האָט איר דערציילט דעם חלום.

זי האָט נייגיריק געוואַרט, ער זאָל ענדיקן, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, אָבער איז נישט באַשטאַנען דערויף, נישט אויפגעפּאָדערט אים. נאָך אַ קורצן שווייגן און אָנקוקן זיך איינס דאָס אַנדערע, האָט זי געפרעגט, קורץ און ערנסט:

„און איר וואָלט געוואָלט בלייבן מיט מיר איינער אַליין אין דער גאַנצער וועלט?"

ער האָט זיך נענטער צוגערוקט, טיפער אַריינגעקוקט איר אין די אויגן:

„און ווען איך וואָלט געוואָלט?"

אין אירע אויגן האָט אויפגעשיינט אַ שאַרפקייט, אַ שטעכיקייט, וועלכע איז געלעגן אויך אין איר שטימע.

„אָ, דערפאַר זייט איר עס געקומען? דערפאַר פּלוצלונג די דערנענטערונג? איר גלויבט אין חלומות!..."

זי האָט אויפגעלאַכט, אָבער אָנגעשטרענגט, געמאַכט.

ער האָט ווידער אָנגענומען איר האַנט.

„נישט דריקן!" האָט זי שטרענג געזאָגט, איבעררייסנדיק איר לאַכן.

ער האָט אָנגענומען איר האַנט מיט זיינע ביידע הענט און געגלעט.

„איך גלויב נישט אין חלומות. איך ווייס באַשטימט, אַז די וועלט וועט נישט אויסשטאַרבן, און מיר וועלן נישט בלייבן די איינציקע אין דער גאַנצער וועלט. אָבער פאַרוואָס האָט איר זיך מיר געחלומט?״

„טאַקע, פאַרוואָס האָב איך זיך אייך געחלומט? פון אַלע אייערע באַקאַנטע מיידלעך איך גראָד! און מיר זיינען דאָך געווען אַזוי ווייט... איר פלעגט מיך שטענדיק אויסוויכן... איך בין גע־ווען זיכער, אַז איר פאַראַכט מיך. און מיך גראָד האָט אייער חלום... האַ־האַ...״

„פאַרוואָס־זשע? ווי קומט עס?״

„אַ שלעכטער חלום. קיין ערגערס האָט ער פאַר אייך נישט געקאָנט אויסקלערן. היט זיך, אויב איר זעט אין אים עפּעס אַ צייכן, אַן אָנווייז... טוט פונקט פאַרקערט.״

„פאַרוואָס בין איך אין חלום געווען אַזוי גליקזעליק, אַזוי איבערגליקלעך?״

ער האָט נאָך נענטער צוגערוקט זיין געזיכט צו איר געזיכט געפילט איר אָטעם. זיין האַרץ האָט שטאַרקער געשלאָגן.

אַ ווײַלע האָט זי אים אָנגעקוקט מיט שטעכיקער איראָניע אויף אירע ליפּן. באַלד האָט דער לאַך־טייוול אויפגעבליצט אין אי־רע אויגן.

„רעדט מיט מיין כאַמאַ!״

זי האָט זיך צולאַכט. אין לאַכן האָט זי אַרויסגערעדט: „אַ, וואָס פאַר אַ וויץ!״ און האָט זיך נאָכמער צולאַכט.

דער אויטאָמאָביל איז שטיין געבליבן. זיי זיינען אָנגעקומען צו איר הויז. אַ לאַכנדיקע, איז זי אַרויסגעשטיגן נאָך אים, פאַר־ביינגעלאָפן פאַרביי אים, שנעל אַרויפגעלאָפן אויף די טרעפּלעך און איז פאַרשוווּנדן אין הויז — אָן אַ האַנט־דרוק, אָן אַ „גוד־באַי״.

ער האָט זיך געפילט, ווי אָנגעפּאַטשט, געשעמט זיך פאַר דעם טאַקסי־פירער, באַצאָלט אים, געמאַכט אַ פּאָר שריט צו די טרעפּלעך, כדי דער טאַקסי־פירער זאָל מיינען, אַז ער געהערט אויך צום הויז, און איז אין כעס געוואָרן אויף זיין אייגענער קליינלעב־

קיט. ער האָט זיך אַ קרים געטאָן מיט פאַראַכטונג צו זיך אַליין, איז אַראָפּ פון דעם טרעפּל און אַוועק אין גאַס. נאָך עטלעכע טריט האָט ער אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ צו קעטרינס הויז. אין אַ פענסטער, אויבן, אין דריטן שטאָק, איז ליכטיק געוואָרן. ער איז אַריבער אויף דער אַנדער זייט גאַס, אָבער דאָס פענסטער איז געווען צו הויך און, אויסערדעם, פאַרצויגן מיט אַ העל־ברוינעם פאָר־האַנג. קיינער האָט זיך ביים פענסטער נישט באַוויזן, נישט אַרויס־געקוקט. נאָך אַ ווײַלע אומזיסטן וואַרטן איז ער אַוועק אַהיים. איצטער איז ער נאָך אין כעס געווען, פאַרוואָס ער איז אַריבער־געגאַנגען די גאַס, אַ קוק צו טאָן אין איר פענסטער.

ער איז געגאַנגען באַליידיקט, פאַרשעמט, אין כעס, פאַרוואָס ער האָט זיך גאָר אָנגעהויבן מיט איר. ער איז געווען זיכער, אַז זי האָט זיך אויסגעלאַכט פון אים. זי איז אַנטלאָפן פון אים אָן אַ „גוטע נאַכט״, אום צו ציינן, אַז ער עקזיסטירט נישט פאַר איר, אַז ער האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן, ווי ער האָט פריער נישט עקזיסטירט. דאָס האָט זי אַרויסגעצייגט איר פולע פאַראַכטונג צו אים. זי האָט זיך אָנגעשפילט און אָפּגעטרייסלט אים פון זיך מיט אַ זשעסט פון פאַראַכטונג.

ער האָט זי געוואָלט אויסזידלען, אָבער ער האָט די ווערטער נישט אַרויסגערעדט הויך און גלייך חרטה געהאַט, פאַרוואָס ער האָט זיי געטראַכט. ער האָט דערפילט די אַלטע אויפרעגונג און געטראַכט, אַז ער דאַרף דעם אָוונט נישט באַדויערן. עס איז גע־ווען גרויסאַרטיק. זי איז געווען אַנטציקנדיק. אַנטציקנדיק בשעתן שפּילן, אַנטציקנדיק אין דעם אויטאָמאָביל, אַנטציקנדיק אין רע־סטאָראַן. ער האָט געפילט איר קאָפּ אויף זיין שולטער, איר לאַסקען זיך, איר צוגעלאָזנקייט.

און פּלוצלונג איז אים געוואָרן קלאָר, אַז זי האָט זיך אָפּ־געררוקט פון אים אין אויטאָמאָביל אויפן וועג צום רעסטאָראַן און אָנגעבלאָזן זיך, נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט קיין שכל נישט גע־האַט, און נישט געהאַט אין זיך גענוג מענלעכקייט אויף אַרומ־צונעמען זי, אַרויפצוליגן זיין האַנט אַרום איר טאַליע און צודריקן זי צו זיך. און פּלייכט נאָך אַ קוש טאָן... יאָ, פּילייכט אויך אַ קוש

טאָן... אָ, וואָס ער האָט פאַרלאָרן!... וואָס ער האָט פאַרלאָרן!... ער וואָלט זי געהאַלטן אין זיינע אָרעמס. זיינע ליפּן אויף אירע ליפּן... זי מוז קענען גוט קושן... זי האָט אַזאַ קוש־מויל... וואָלט זי זיך געלאָזן קושן?... אָ, יאָ, זי וואָלט זיך אַזוי געטוליעט און גע־לאַסטשעט צו אים... און געוואַרט... געוואַרט... אָ, געוויס גע־וואַרט!... און ער, דער נאַר!... וואָס פאַר אַ נאַר!... וואָס פאַר אַן אומגעשיקטער נאַר!... אַזוי נישט פאַרשטיין די נשמה פון אַ פרוי... אַזוי צנועהדיק זיין... נאַטירלעך האָט זי זיך געמוזט אָנבלאָזן!... זי האָט זיך געטוליעט און געלאַסטשעט צו אים, געזוכט זיין וואַרעמקייט, זיין אומאַרמונג — זיין קוש! און ער איז געזעסן ווי אַ פלאָקן, קאַלט און אָנשטענדיק, און נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט זיך און מיט איר!... אָ, נאַטירלעך, האָט זי זיך געדאַרפט מיט אים אַזוי פאַנאַנדערגיין! אָן אַ „גוד־באַי", אָן אַ האַנט־דרוק, אָן אַ קוק אין די אויגן. ער האָט געמוזט באַשטראָפט ווערן. דער נאַר! דער נאַר! דער נאַר! אָ, „דעם איט!" פאַרפלוכטע!

אַ נייע כוואַליע פון פאַרשעמטקייט האָט זיך צוגאָסן איבער אים. ער האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין, פאַר זיין אומגעשיקט־קייט, פאַר זיין נישט־וועלטלעכקייט און נישט־מענטלעכקייט. האָט זיך אים שוין נישט אויסגעדוכט, אַז ער האָט קוראַזש און מוט? האַ־האַ!... אַז עס איז געקומען צו וואָס, צו עפּעס מער, ווי אָנצו־קלינגען אין אַ טיר, האָט ער זיך נישט דערוועגט אַ ריר צו טאָן מיט אַ האַנט. עס איז צום לאַכן!

אַ פּאָר ווערטער זיינען דערשינען אין אים. און ווען זיי זיינען דערשינען, איז די כוואַליע פון פאַרשעמטקייט צורונען און פאַרשוווּנדן, ווי דער וואַסער־שוים אין זאַמד, און נייע געפילן האָבן אין אים אויפגעזונגען. ער וועט זי ווידער טרעפן!

יאָ, ער וועט זי ווידער טרעפן. און ווען ער וועט זי ווידער־טרעפן... ער האָט גענומען באַטראַכטן, וואָס ער וועט טאָן, ווען ער וועט זי ווידער טרעפן. אָבער קודם־כּל, ווי און ווען זאָל ער זי ווידער טרעפן. זאָל ער אָפּוואַרטן אַ לענגערע צייט? זאָל עס שנעל געשען? באַטש דעם קומענדיקן אָוונט? אָדער זאָל ער וואַרטן, ביז זי אַליין וועט זיך אפשר מעלדן? וועט זי אים זוכן? וועט זי אים

דערוואַרטן? וועלן ווידער שפּילן אויף זיין געלט? און אז זיי וועלן זיך טרעפן... ניין, נישט פאַרטראַכטן אין פאָראויס... עס וואָלט אַפילו זייער אָנגענעם געווען, אָבער גלייכער נישט. עס זאָל נישט אויסזען, ווי ער האָט אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק. מען דאַרף נישט פאַרלויפן אַ פאַרגעניגן פאָראויס. אָט האָט ער היינט דורכ־געמאַכט אַזויפיל אָן קיין שום פאָרבאַרייטונגען...

וואָס פאַר אַ טאָג היינט איז געווען! אַזויפיל אין איין טאָג! אין איין טאָג בלויז!... דער חלום... דערנאָך טערעזע... דערנאָך מעריאָן... צולעצט קעטרין...

איז עס נישט מערקווירדיק? ער האָט די אַנדערע צוויי געהאַט גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן. אַ פּאָר מאָל בלויז דורכגעפלויגן אין קאָפּ, ווען ער האָט דערציילט קעטרין דעם חלום. און די אַנדערע צוויי זיינען דאָך אויך — ווי הערלעך טערעזע איז געווען! און מעריאָן ווי שיין! ער זעט טערעזען, ער זעט מעריאָן, ער זעט קעטרין...

און מיטאַמאָל איז ער געוואָרן זייער מיד, ווען ער האָט גע־שפּרייזט אַזוי דורך דעם גרוי פון אַ ווינטער־פאַרטאָג דורך דער שלאָפנדיקער מעדיסאָן־עוועניו. געדאַנקען און געזיכטער האָבן זיך אָנגעהויבן צו מישן. אַ בוך, וואָס ער האָט נישט לאַנג איבערגע־ליינט, האָט זיך אַריינגערוקט צווישן די איבערלעבונגען פון דעם היינטיקן טאָג. און עפּעס האָט זיך אין אים געזונגען מיט אַזויפיל בענקעניש שאָפּענס ערשט קאָנטשערטאָ.

עס איז אים אומעטיק געוואָרן. עס איז אים ווידער, ווי אינ־דערפרי, באַפאַלן דאָס געפיל פון זיין אייגענער הילפלאָזיקייט און נוצלאָזיקייט. ער איז נישט דער מענטש פון שטאַרקע געפילן און גרויסע טאַטן. קומט צו עטוואָס, פאַרלירט ער זיך. וויים ער נישט וואָס צו טאָן. ער, דער מענטש, וועלכער וויל אַרויסקריכן פון זיין אייגענער הויט. וואָס האָט ער זיך פלוצלונג געלאָזן נאָך מיידלעך? וויל ער זיך שפּילן? וויל ער טאַקע חתונה האָבן? וואָס ברענגט ער מיט זיך, וואָס זאָל קאָנען פאָדערן ליבע? און פון אַלע מיידלעך האָט ער זיך געלאָזן נאָך קעטרין, נאָך דער געפערלעכסטער, אומ־מעגלעכסטער... איז עס נישט מערקווירדיק? — מערקווירדיק... מערקווירדיק...

אין זיין צימער האָט זיך אים געוואָלט צוגיין צו דער פּיאַנאָ

און ארויסשפּילן זיין בענקעניש און זיין צווייפל און זיין אומצו־פרידנקייט. אָבער ער איז געוועזן צו מיד, איז ער אוועק שלאָפן. דאָך, ווי ער וואָלט זיך נאָך נישט געוואָלט צושיידן מיט דעם גע־שעעניש־רייכן טאָג. ער האָט זיך לאַנגזאַם אויסגעטאָן, געבליבן זיצן אַ פּאָר מאָל גאַנץ באַוועגלאָז. ווען ער איז צוגעקומען צו זיין בעט, איז ער נאָך געבליבן זיצן אויפן ברעג, אָן אַ באַוועגונג, מיט צו־געמאַכטע אויגן. עס האָט זיך אים דערמאָנט, אַז אינדערפרי איז ער אויך אַזוי געזעסן, איידער ער האָט זיך אָנגעטאָן. ער האָט אויפ־געשמייכלט.

איז וועמען אויסקלייבן?

ער האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט. איידער ער וועט איינ־שלאָפן, וועט ער נאָך פאַרזוכן צו באַטראַכטן די שווערע פראַגע.

אָבער ער האָט געפילט קעטרין אַזוי נאָענט.

טערעזע האָט דערציילט איר מוטער, וואָס פאַר אַ טשעק אַר־נאָלד לעווענבערג האָט איר געגעבן און וואָס פאַר אַן אויפנעם זי האָט פון אים געקראָגן. זי האָט אויך צוגעגעבן, אַז זי מוז זיך מודה זיין, זי האָט אים נישט געקענט.

די מוטער האָט דערויף דערווידערט, אַז זי האָט שטענדיק געוווּסט, אַז לעווענבערג איז אַ פיינער יונג, אַ פּערפעקטער דזשענ־טעלמען. זי האָט זיך נישט איינמאָל געוווּנדערט, פאַרוואָס זי, טע־רעזע, איז אים נישט מקרב.

דערויף האָט טערעזע פאַרעכטלעך אָפּגעענטפערט:

„אָ, דאָס מיין איך נישט!"

„און איך וואָלט דיר געראַטן, דו זאָלסט עס מיינען."

„אָ, מאַמאַ, הער דאָך אויף מיט שידוכים!"

„דו קאָנסט נישט באַהויפּטן, אַז איך ליג דיר אין די אויערן מיט שידוכים."

„וואָס איז געוועזן דיין גערייד וועגן לעווענבערגן?"

„אַנטשולדיק, איך וועל זיך ווייטער היטן."

„ביזט באַליידיקט?"

מוטער און טאָכטער האָבן זיך צוקושט.

„אָ, ווירקלעך," האָט די טאָכטער פאַרטגעזעצט, געדריקט צו זיך די מוטער און פאַרטרוימט געקוקט פאַר זיך, ווי זי וואָלט ווי־דער געזען זיך אין לעווענבערגס קאָנטאָר. „איך האָב אים אַזאַ נישט געקענט. ער... ער איז אַפילו שענער, ווי איך האָב אים

געהאַלטן. און איך ווייס, אַז איך בין אים שטאַרק געפעלן... פאַר־וואָס שווייגסטו, מאַמאַ?״

„וואָס האָב איך דאָ וואָס צו זאָגן, מיין קינד?״

„וואַלטער וויינגוט איז אָבער אַ סך אינטערעסאַנטער. לעבע־דיקער, באַוועגלעכער. פיליכט נישט שענער, אָבער מאַכט דעם איינדרוק פון אַ סך שענער. ווי מיינסטו?״

טערעזע איז נישט געווען פאַראינטערעסירט אין וואַלטער וויינגוט. ער איז געווען איינער פון די פילע, איבער וועלכע זי האָט אַריבערגעקוקט. אָבער זי האָט אים דערמאָנט, כּדי די מוטער זאָל זיך באַשטימטער אַרויסזאָגן וועגן לעווענבערגן.

מיסיס קעלערמאַן האָט נאָר אַ פּיר געטאָן מיט די אַקסלען, זי האָט נישט געוואָלט ענטפערן. איר פּערזענלעך איז דער שטילער, רואיקער אַרנאָלד לעווענבערג אַ סך מער געפעלן געווען. אָבער שליסלעך איז אויך וואַלטער וויינגוט נישט קיין שלעכטער שידוך.

טערעזע האָט געקוקט אויף דער מוטער, געוואַרט אויף אַ באַ־מערקונג וועגן לעווענבערג און וויינגוט. אָבער אַז די מוטער האָט נישט געענטפערט, איז זי נישט באַשטאַנען אויף קיין ענטפער און האָט ווייטער גערעדט:

„אָבער האָט ער מיך אויפגענומען! איך קאָן שווערן, אַז ער איז פאַרליבט אין מיר!״

„רעד נישט אַזוי לייכט וועגן דעם,״ האָט די מוטער זי גע־מוסרט.

„דאָך ער אין מיר, נישט איך אין אים,״ האָט די טאָכטער דערווידערט. „ער האָט מיך אַזוי אָנגעקוקט, ווייך און זיס און קעלבלדיק...״

זי האָט לאַנג גערעדט און געפונען אין דער מוטער אַ צו־פרידענע צוהערערין. שפּעטער האָט זי איבערדערציילט דעם פאָטער און דעם ברודער איר דערלעבעניש מיט לעווענבערגן. דער טאַטע האָט צוגעגעבן, אַז לעווענבערג איז בכלל אַ ווױלער מענטש. דער ברודער איז געווען גלייכגילטיק צו אים. זייערע וועגן זיינען גע־ווען פאַרשיידן. אַרנאָלד איז געווען פאַר אים אַ צו רואיקער מענטש. זיי האָבן זיך זעלטן ווען געטראָפן, כאָטש זיי זיינען אַמאָל געווען שול־חברים.

אָבער אויף מאָרגן אינדערפרי איז געקומען אַ שאַרפע אַנ־טוישונג. דער יונגער קעלערמאַן האָט דערציילט די גרויסע סענ־סאַציע: אַרנאָלד לעווענבערג איז געקומען געאַרעמט מיט קעטרין שופרא, געלאָזן זי שפּילן אויף זיין געלט, און דערנאָך אַוועקגע־פירט זי — אָבער נישט צו איר אַהיים, נאָר דאָרט טאַון, אין אונטן־שטאָט.

טערעזע איז רויט געוואָרן. די עלטערע קעלערמאַנס האָט זיך די גאַנצע זאַך נישט געגלויבט. אַרנאָלד לעווענבערג מיט קעטרין שופרא! גאַנץ אוממעגלעך.

„האָסט אַליין געזען?"

„געוויס. געזען, געהערט, געדערט."

„די קאַץ!" האָט אויסגערופן טערעזע.

„קעטרין שופרא איז שלעכטע געזעלשאַפט," האָט געזאָגט מר. קעלערמאַן.

„אַ מאַן, וועלכער דערנידעריקט זיך צו איר..." האָט אָנגע־הויבן מרס. קעלערמאַן און נישט דערענדיקט. זי האָט געוווּסט, אַז איר זון האָט זיך אויך דערנידעריקט צו קעטרין שופרא. „און זעסטו, דו האָסט שוין נעכטן אַרויסגעזען..." האָט זי זיך געווענדט צו טערעזען, און ווידער נישט געענדיקט.

„די מענער!" האָט טערעזע בייז אַרויסגערעדט מיט אַ טאָן, ווי זי וואָלט געוווּסט אַלע מעגלעכע אמתן וועגן די מענער. „די מענער! מען דאַרף נאָר זיין אַ גרויסע קאָקעטקע, ווערן זיי ווי פאַר־כאַפּט."

„וואָס דען מיינסטו," האָט געזאָגט דער יונגער קעלערמאַן.

„מיר זאָלן פאַרכאַפּט ווערן פון אייזיקע „נישט—ריר—מיך—אָנס"?"

„אַ, דו!" האָט אים די שוועסטער צוריקגעגעבן. „דו לויפסט דאָך אויך נאָך קעטרין!"

„און איך שעם זיך נישט. זי איז אַ פּראַכט אַ מיידל!"

מרס. קעלערמאַן האָט אויפגעזיפצט. מר. קעלערמאַן האָט אָנ־געקוקט זיין זון איבער די ברילן, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך אַי־בערצייגן, צי מיינט ער, וואָס ער זאָגט. טערעזע איז געוואָרן אויפ־געגנטער.

„אַ פּראַכט אַ מיידל! שפּילט און טרינקט און לויפט נאָך נאָך אַלע מענער..."

„אַלע מענער לויפן איר נאָך."

„און טוט, שדים וויסן וואָס..."

„דאָס דאַרפסטו נישט זאָגן, דאָס ווייסטו נישט."

„איך ווייס, וואָס איך רעד."

„און זי מעג טאָן, וואָס זי וויל — זי בלייבט דאָך קעטרין שופּרא."

„וואָס דען זאָל זי בלייבן? ווער וועט זיך דערוועגן צו געבן איר זיין נאָמען? סיידן אַרנאָלד לעווענבערג — אָדער דו!"

„טערעזע!" האָט דערשראָקן אויסגערופן מרס. קעלערמאַן, וועלכע האָט שוין עטלעכע מאָל געמאַכט דעם פּאַרזוך איינצושטילן זיי.

„הלוואי נעמט זי נאָר אָן מיין נאָמען, ווי איך וואָלט אים איר נעגעבן," האָט ענדריו געזאָגט.

„דו מיינסט עס דאָך נישט ערנסט," האָט מרס. קעלערמאַן אַרויסגערעדט פּאַרוואָרפספול.

„וואָס פאַר אַ נאַר!" האָט מר. קעלערמאַן אַרויסגעבראָמט.

„רוף אַרויס מר. לעווענבערג אויף אַ דועל," האָט זיך טע־רעזע געררייצט. זי איז געווען בייז, ביטער, אויפגערעגט. זי וואָלט איצטער געקאָנט אויסקראַצן עמעצן די אויגן. זי האָט געליבט איר ברודער, אָבער איצטער האָט זי אים געהאַסט. זי וואָלט אים גע־וואָלט פאַרשטאָפּן דאָס מויל, ער זאָל נישט רעדן. זיין שטימע, ווי זיין אויסזען, איז געווען אַ באַליידיקונג.

אָבער ער האָט נישט געוואָלט שווייגן.

„ווען דאָ וואָלט נאָר געווען לעווענבערג אַליין," האָט ער געזאָגט.

„פּאַפּאַ, איך וויל זען מר. לעווענבערג," האָט טערעזע פּלוצ־לונג אויסגעשריען, גאַנץ פאַרפּלאָמט.

„דו ווילסט אויפנעמען אַ קאָנקורענץ־קאַמף מיט קעטרין?" האָט ענדריו געלאַכט.

„נישט דיין עסק!"

„אַן עבירה דיין טרחה, שוועסטער. דו האָסט עס נישט אין זיך. מיט קעטרין אויפנעמען מוז מען קענען. עס איז ווייניק וועלן. מען מוז דערצו זיין געבאָרן."

„אָ, זאָל ער אויפהערן צו רעדן!" האָט זי געשריען צו די עלטערן.

„ענדריו, איך בעט דיך," האָט מרס. קעלערמאַן גוזאָגט גאַנץ פאַרלאָרן.

„לאָז מיר דאָס מיידל צו רו!" האָט שטרענג אָנגעזאָגט מר. קעלערמאַן.

„זעסטו, שוועסטער," האָט ענדריו נישט נאָכגעגעבן. „ווען דו וואָלסט מיר איצטער געוואָרפן עפּעס אין קאָפּ, ווען דו וואָלסט אַראָפּגעשאַרט אַלץ פון טיש..."

טערעזע האָט זיך צוּוויינט.

„שלעכט," האָט ענדריו אַרויסגערעדט. די עלטערן האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אים. אָבער ער אַליין האָט שוין מער נישט געוואָלט רעדן.

טערעזע איז אַנטלאָפן צו זיך אין צימער. די עלטערן האָבן זיך ווידער אַרויפגעוואָרפן אויף ענדריון. ער האָט רואיק און קאַלטבלוטיק גערויכערט אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס. די אַלטע האָבן געענדיקט מיט דעם, מיט וואָס אַלע עלטערע מענטשן ענדיקן: ווי פאַרשטייען נישט די היינטיקע יונגעלייט. ענדלעך האָבן זיי זיך צוזאַמענגעטאָן, צו באַשפּרעכן, ווי לאַדט מען איין לעווענבערגן נאָך אַזוי פּלוצלונג.

אַ ווײַלע שפּעטער איז ענדריו אַריינגעגאַנגען צו דער שוועסטער אין צימער, האָט זי אַרומגענומען, אָנגעקושט, געבעטן, זי זאָל אים אַנטשולדיקן.

„דו ווייסט דאָך, אַז איך ליב דיך שטאַרק."

צוערשט האָט זי נישט געוואָלט אַ קוק טאָן אויף אים, געטריבן אים פון זיך. דערנאָך אונטערגעגעבן זיך זיינע לאַסקעס און וויין ליבפולן טאָן און זיין אמתער חרטה. ענדלעך האָט זי אים אַ קוש געטאָן אויף דער באַק, וועלכע ער האָט עקשנותדיק נישט

געוואָלט אוועקנעמען, ביז ער וועט קריגן אַ קוש, און געגעבן אים דעם געווינטשטן שמייכל.

„דו האָסט עס מיר נישט געדאַרפט זאָגן,‟ האָט זי אַרויס־גערעדט מילד און טרויעריק.

„וואָס האָב איך דיר נישט געדאַרפט זאָגן?‟

„אַז — וועגן מיר און קעטרין, אַז איך וועל נישט קאָנען...‟

„איך האָב עס נישט געזאָגט, אום דיך צו רייצן, נאָר וויל...‟

„איך ווייס עס אַליין, אָבער דו האָסט עס מיר נישט גע־דאַרפט זאָגן. האָסט מיר געדאַרפט צוגעבן מוט, אויפמונטערן מיך, אַריינגעבן קוראַזש.‟

„ווילסטו אַזוי מר. לעווענבערגן? ליבסטו אים דען?‟

„ניין... אָבער... עס איז אַזאַ באַליידיקונג... עס איז אַזוי פּאַרדראָסיק... זאָג, ווער פון אונז ביידן איז שענער?‟

„דו צי קעטרין?‟

„יאָ.‟

„שווער צו זאָגן.‟

„וויל דו ביזט אין איר פאַרליבט!‟ זי האָט זיך שוין גע־וואָלט ווידער באַליידיקן.

„ניין, נישט דערפאַר... און אפשר דערפאַר... איך ווייס אַליין נישט, וואָס איך בין אין קעטרין, אָבער איך האָב דיך שטענדיק געהאַלטן פאַר דער שענסטער פון אַלע מיידלעך. און טראַכט איך זיך גוט אַריין, ביזטו טאַקע שענער פאַר קעטרין.‟

„איז פאַרוואָס זאָל איך נישט...‟

„טעמפּעראַמענט. דיר פעלט קעטרינס טעמפּעראַמענט. ווען דו האָסט קעטרינס טעמפּעראַמענט — מיין שוועסטערל וואָלט דאַן געוועזן די דראָבערין פון דער גאַנצער מענערשאַפט.‟

„איך וויל עס גאָרנישט. מיך אינטערעסירן גאָר די מענער נישט.‟

„טעמפּעראַמענט, שוועסטער, טעמפּעראַמענט.‟

„אַ, הער אויף מיט דיין טעמפּעראַמענט!... איך דאַרף נאָר וועלן...‟

„אָבער דו וועסט קיינמאָל נישט וועלן.‟
„דאָס ווייסטו נישט.‟
„דו ווילסט זיך איינרעדן.‟
„נישט דיין זאַך.‟
„איך וועל דיר צושטעלן מר. לעוועבנערג היינט אין אָוונט,
אויב ער איז נאָר פריי.‟

## VIII

אַרנאָלד איז געווען איבערראַשט, ווען ענדריו קעלערמאַן איז אַריינגעקומען צו אים אין אָפיס. דאָס האָט נאָך קיינמאָל נישט פּאַסירט. ער האָט אים פאַרשנדיק אָנגעקוקט. וואָס קאָן ער פון אים וועלן? ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אים נעכטן געזען ביים שפּיל. ער האָט דעמאָלט אַ טראַכט געטאָן, אַז איצ־טער וועט טערעזע וויסן, אַז ער איז געווען מיט קעטרין. ער האָט זיך אויך דערמאָנט, אַז ענדריו קעלערמאַן איז איינער פון די, דורך וועלכע ער האָט זיך געדאַרפט דורכשטופּן צו קעטרין. אָבער ער האָט אויך געטראַכט דערפון, אַז ענדריו איז טערעזעס ברודער. אין וועלכן צוזאַמענהאַנג איז ער געקומען צו אים? דער שמייכל אויף ענדריוס געזיכט איז געווען אַ פריינטלעכער.

ענדריו האָט אים אַ קליינע וויילע געלאָזט וואונדערן זיך. דערמאָנט דאָס וועטער, די מלחמה. ענדלעך האָט ער אים גע־פרעגט, ווי לאַנג רעכנט ער נאָך צו פאַרברענגען אין געשעפט און צי האָט ער עפּעס פאַר היינטיקן אָוונט.

אַרנאָלד האָט גאָרנישט געהאַט פאַר. דאָס הייסט, נאָך נישט באַשטימט. ער האָט נאָך אַלץ נישט געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך, וואָס ער וועט טאָן. ער האָט געהאַט אַ פּלאַן, ווייטער צו טרעפן זיך מיט קעטרין. ער וועט נאָכאַמאָל פאַרזוכן זיין מזל צו טרעפן זי. אָבער ער האָט זיך נאָך געשעמט. עפּעס שוין צופיל — איין אָוונט נאָך דעם אַנדערן.

„אויב דו האָסט גאָרנישט פאַר,” האָט ענדריו געזאָגט, „איז ווי וועגן פאַרברענגען דעם אָוונט ביי אונז?”

אַרנאָלד האָט אויפגעקוקט, פאַרוווּנדערט זיך.

„טערעזע וויל זיך אויך נאָכאַמאָל באַדאַנקען פאַר דעם טשעק,” האָט ענדריו געזאָגט.

אַרנאָלד האָט זיך צולאַכט. אָבער האָט זיך אויך גלייך באַשלאָסן. עס וועט זיין גוט איבערצופילן אויף זיך אַ גרעסערע נאָנטקייט צו טערעזען.

„גוט. איך וועל קומען. דו ווילסט מיך אָפּראַמען פון דיין וועג?”

ענדריו האָט נישט פאַרשטאַנען, און אַרנאָלד האָט דערקלערט:

„ווייל האָסט מיך נעכטן געזען מיט קעטרין.”

ענדריו האָט זיך געכאַפּט.

„אָ, ניין! האַלטסט מיך פאַר אַזוי געמיין, אַז איך זאָל לאָזן מיין שוועסטער אויסקעמפן פאַר מיר מיינע קאַמפן? און וואָס וואָלט עס מיר געהאָלפן? איך וואָלט געדאַרפט האָבן אַ סך שוועסטער, אום אָפּצורייניקן פאַר מיר דעם וועג צו קעטרין.”

אַרנאָלד האָט מיט אַ שמייכל פאַרשטעלט דעם ציטער, וועלכן ער האָט פאַרשפּירט אין האַרצן.

ביי די קעלערמאַנס איז געווען נאָך באַזוך. געוויינלעכער פאַמיליען־באַזוך. מרס. קעלערמאַנס עלטערע שוועסטער, מרס. פּריים, אַן אַלמנה פון עטלעכע און זעכציק, וועלכע איז געווען אַרנאָלדס אַן אָנגעהייראַטע מומע — איר מאַן, אַ ברודער פון מרס. לעווענבערג. און מר. און מרס. דזשייקאָב ריינהאַרט, שוועסטער און שוואָגער פון מר. קעלערמאַן.

אַרנאָלד איז געקומען מיט זיין מוטער. מרס. קעלערמאַן האָט זי בייטאָג אויפגערופן אין טעלעפאָן, געהאַט מיט איר אַ לענגערן געשפּרעך, פאַרגעוואָרפן איר, פאַרוואָס מען זעט זי אַזוי זעלטן, און צום סוף איינגעלאַדן זי. מרס. לעווענבערג האָט גלייך ביי זיך באַשלאָסן, אַז עס האַנדלט זיך עפּעס וועגן טערעזען און אַרנאָלדן, און אַז טערעזע איז געווען די אורזאַך פון איר זונס נעכטיקער אויפגעלעבטקייט. זי איז געווען זייער צו־

פרידן. זי איז געפֿאָרן מיט דער זיכערקייט, אַז זי פֿאָרט עס צו אַ קנס־מאָל, און האָט זיך בלויז געוווּנדערט, פֿאַרוואָס וויל ער עס באַהאַלטן פֿון איר ביז צולעצט. אָבער זי איז אים אין האַרץ נישט געקראָכן.

איר באַגריסונג מיט די קעלערמאַנס איז געווען האַרציקער און וואַרעמער ווי שטענדיק. זי האָט אַרומגענומען מרס. קעלער־מאַן און געקושט זי לענגער, ווי עס שיקט זיך, קעלערמאַנען גע־דריקט די האַנט פֿילדייטיק, און טערעזען גאַנץ באַזונדערס אָנגע־קוקט, אַריינגעמענדיק דעם יונגן קאָפּ צווישן אירע אַלטע הענט, און ליבפּול געקושט און צוגעדריקט צו זיך. אויך מיט די אַנדערע האָט זי זיך וואַרעם באַגריסט, ווי זי וואָלט חושד געווען, אַז זיי ווייסן שוין, וואָס עס דאַרף דאָ היינט פֿאָרקומען צווישן איר זון און טערעזען.

אַרנאָלד איז אויפֿגענומען געוואָרן פֿון די קעלערמאַנס זייער וואַרעם, אָבער מיט אַ געוויסער צוריקהאַלטונג. ווען זיי וואָלטן נישט געוווּסט פֿון זיין נעכטיקער אויפֿפֿירונג מיט קעטרין, וואָלט די אויפֿנעמונג געווים געווען אַ סך וואַרעמער. נאָר ענדריו איז געווען זייער האַרציק. אָבער ווען ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין שוועסטער, האָט ער שיר נישט אויפֿגעהויבן די הענט אין פֿאַרצווייפֿלונג.

טערעזע איז געווען וווּנדערשיין אין איר דרייעקיק־אויסגע־שניטענעם העל־בלויען שיפֿאָן־קלייד, וואָס האָט ענג אַרומגענו־מען איר יונגן קערפּער, און מיט דעם פּערל־שנור אַרום איר ווייס האַלז. אָבער זי איז געזעסן ווי איינגעפֿראָרן, קוים אַ שמייכל בײַ אַרנאָלדס באַגריסונג.

איבעריקנס, אַרנאָלד האָט קוים צייט געהאַט אַ פֿרעג צו טאָן, ווי איז געווען איר נעכטיקער דערפֿאָלג, ווען מר. ריינהאַרט האָט זיך אָן אים אָנגעכאַפּט. דאָס געשפּרעך האָט זיך, ווי גע־וויינלעך, געהאַט געדרייט אַרום דער מלחמה, און מר. ריינהאַרט, וועלכער האָט געהאַלטן מיט די דייטשן, איז שטאַרק אויפֿגערעגט געווען. ער איז געווען אַן עלטערער מענטש, ווייט אין די זעכ־ציקער, און כאָטש זיינע עלטערן האָבן אַריינגעוואַנדערט אין אַמע־ריקע, ווען ער איז געווען פֿינף יאָר אַלט, האָט ער געהאַט שטאַר־

קע דייטשע נייגונגען. אין דער צייט פון דער מלחמה איז ער גע־וועזן אַ פאַרביסענער פּראָ־דייטש. אין דעם הויז פון זיין שוואָגער האָט ער זיך געפילט ווי אין אַ פיינטלעכן לאַגער. ער האָט זיך דערפרייט צו זען אַרנאָלדן, וועלכן מען האָט אויך געהאַלטן פאַר אַ פּראָ־דייטש.

„איר וועט מיר העלפן!" האָט ער געשריען צו אַרנאָלדן, אָנ־כאַפּנדיק אים אונטערן אָרעם. „מיט דער מיידל וועט איר שפּע־טער רעדן, איצטער מוזט איר מיר העלפן."

„אין וואָס און מיט וואָס קאָן איך אייך העלפן?" האָט אַרנאָלד העפלעך געזאָגט.

„דאָ זיצן מענטשן, וועלכע שטאַמען אַליין פון דייטשלאַנד, און גיסן פעך און שוועבל אויף איר. גלויבט איר אין די אַכזריותן, וואָס די דייטשן זאָלן האָבן באַגאַנגען אין בעלגיע?"

„איך גלויב."

די אַנדערע האָבן אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער איבער דעם אַלטן הער, און מר. ריינהאַרט איז געבליבן שטיין גאַנץ גע־פּלעפט, מיט אַ ווייט־פאַנאַנדערגעעפנטן מויל.

„דאָס הייסט," האָט ער אָנגעהויבן מיט גרויסער דער־שטוינונג, „איר גלויבט, אַז דאָס פאָלק פון די גרעסטע דיכטער און פילאָזאָפן און מוזיקער האָט אָפּגעשניטן קליינע קינדער די פינגער, די אויערן, אויסגעשטאָכן זיי די אויגן און אַזוי ווײַ־טער!?"

„איך גלויב," האָט אַרנאָלד רואיק געענטפערט, „אַז ד אָ ס פ אָ ל ק האָט עס נישט געטאָן, נאָר אַז איינצלנע קאָמאַנ־דירן האָבן עס געקאָנט באַפעלן און איינצלנע סאָלדאַטן האָבן עס געקאָנט טאָן. איך גלויב אויך, אַז אַ גרויסער טייל פון דעם דייטשן פאָלק הינטער די ליניען איז שטאַרק קעגן אַזעלכע אַכזריותן, אויב זיי זיינען באַגאַנגען געוואָרן, און אַז אַ גרויסער טייל זאָגט, אַז עס איז זייער רעכט אויף די בעלגיער, און די אַכזריותן דאַרפן באַגאַנגען ווערן, אויב זיי זיינען נאָך נישט באַגאַנגען געוואָרן."

„דאָס איז נישט אמת!"

„איך זאָג נישט, אַז דאָס איז אמת. איך זאָג בלויז, אַז איך גלויב, אַז אַזוינס איז מעגלעך.‟

„ווי קאָנט איר אַזאַ זאַך גלויבן?!‟

„אויף די הונען איז אַלץ צו גלויבן‟, האָט זיך אַריינגעמישט ענדריו.

„די הונען!‟ האָט אויפגעשריען מר. ריינהאַרט. „די הונען! גטעע — אַ הונע! שילער — אַ הונע! בעטהאָווען — אַ הונע! וואַגנער — אַ הונע!‟

אַרנאָלד האָט זיך אומגעקוקט נאָך טערעזען. ער איז נישט געווען אויפגעלייגט צו רעדן מלחמה. אָבער מר. ריינהאַרט האָט אים נישט אָפּגעלאָזן.

„ניין, ווירקלעך,‟ האָט ער זיך געווענדט צו אים, צוווארפנדיק ענדריון אַ פאַראַכטלעכן בליק. „ניין, ווי קומט איר עס צו גלויבן?‟

אַרנאָלד איז געווען אומצופרידן. ער האָט נישט געוואָלט אַריינגעשלעפּט ווערן אין אַ פּאָליטישן געשפּרעך. צו וואָס דאָס גאַנצע רעדן? אָבער ער האָט געמוזט ענטפערן:

„איך קום צו גלויבן, נישט ווייל „אויף די הונען איז אַלץ צו גלויבן‟, נאָר ווייל אויף מלחמה איז אַלץ צו גלויבן. מלחמה ברענגט מיט זיך אכזריות, און קיין פאָלק איז קיינמאָל בעסער נישט געווען. נישט דאָס פאָלק פון משה און קריסטוס, און נישט דאָס פאָלק פון סאָקראַטעס און פּלאַטאָ, און נישט די פראַנצויזן, און נישט די ענגלענדער, און נישט מיר...‟

„די אַליאירטע האָבן פונדעסטוועגן נישט געטאָן, וואָס די דייטשן האָבן געטאָן,‟ האָט מר. קעלערמאַן העפלעך אַרויסגערעדט.

„די דייטשן האָבן גאָרנישט געטאָן!‟ האָט זיך צוהיצט מר. ריינהאַרט. „עס איז אַ ליגן! די דייטשן האָבן גאָרנישט געטאָן!‟

„זיי האָבן געטאָן נאָכמער, וויפל מען ווייס,‟ האָט אַריינגעוואָרפן ענדריו.

„גאַנץ מעגלעך,‟ האָט צוגעגעבן אַרנאָלד, „אָבער אויב די אַליאירטע האָבן נישט געטאָן פונקט ווי די דייטשן, איז עס דער־

פאַר, וואָס זיי האָבן נישט געהאַט די געלעגנהייט דערצו, ווייל זיי שטייען נישט אין דעם פּיינטס לאַגער. רוסלאַנד איז אויך איינע פון די אַליאירטע, און די רוסישע אַרמיי אין אָסט־פּרייסן, בוּ־קאָווינע און גאַליציע..."

„אָ, די רוסן!" האָט איבערגעריסן מרס. קעלערמאַן מיט פאַראַכטונג.

„פאַרוואָס: „אָט, די רוסן?"? דאָס איז אויך דאָס פאָלק פון טאָלסטאָי, פון טורגעניעוו און סאָלאָוויאָוו, פון גרויסע הומאַני־טעט־פּריידיקער. און ווען איר אונטערזוכן, ווי ענגלישע, פראַנ־צויזישע און בעלגישע סאָלדאַטן האָבן זיך באַנומען אין איינגע־נומענע לענדער, וועט איר אויסגעפינען, אַז זיי האָבן געהאַנדלט נישט אַ האָר בעסער ווי „אָ, די רוסן!" און ווי „אָ, די הונען!"

„איר זייט אַ פּראָ־דייטש," האָט טערעזע געזאָגט. זי האָט עפּעס אויסגענייט און נישט אויפגעהויבן צו אים די אויגן.

אַרנאָלד איז געווען צופרידן, וואָס זי האָט זיך אַריינגע־מישט. איצטער האָט ער זיך געקאָנט ווענדן צו איר, אָנקוקן זי, נישט אַראָפּנעמען פון איר די אויגן.

„איר האָט שלעכט אויסגעטייטשט מיינע ווערטער," האָט ער איר ווייך געענטפערט.

„איר האָט עס מיר נעכטן אַליין געזאָגט."

„און געגעבן אייך אַ טשעק אויף די בעלגישע קינדער. איך בין נישט פּראָ־דייטש און נישט פּראָ־אַליאירטע. איך בין קעגן מלחמה."

„אַ פּאַציפיסט," האָט מרס. פּריים אַריינגעוואָרפן.

„רופט עס פּאַציפיסט, אויב איר מוזט האָבן אַ נאָמען," האָט ער געזאָגט, אָבער די אויגן נישט אָפּגעווענדט פון טערעזען. עס האָט זיך אים פּלוצלונג פאַרגלוסט, זי זאָל אויפהייבן צו אים אירע בלויע אויגן אין פולער פאַרשטענדעניש פון זיין מענטשן־ליבע, ער זאָל פון זיי אַרויסלייענען, אַז זי האַלט מיט אים. ער האָט זיך צורעדט וואַרעם, האַרציק, רירנדיק, מיט דעם אָפּקלאַנג פון זיין אַלטן גלויבן אין זיין שטימע.

„איך בין קעגן מלחמה, וועלכע פאַרדאַרבט די בעסטע זייטן. מלחמה איז שטענדיק מאָרד און רציחה, איז שטענדיק אַכזריות,

מלחמה איז אומענדלעכער האַס, וועלכער טויט אוועק יעדעס גע־רעכטיקייטס־געפיל און יעדע רחמנות. אַט נעמט כאַטש אונז. מיר זיינען נישט אין דער מלחמה, אָבער מיר נעמען אַנטייל דורך אונ־זערע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס. אַ סך פון אונז זיינען פּראָ־דייטש און נאָכמער זיינען פּראָ־אַליאירטע, און ווי ווייניק אַלגע־מיין־מענטשלעך געפיל: די פּראָ־דייטשן פרייען זיך איבער די מפּלות פון די אַליאירטע, די פּראָ־אַליאירטע וואָלטן אומגעבראַכט דאָס גאַנצע דייטשטום. פאַרוואָס,״ האָט ער זיך געווענדט צו טע־רעזען מיט באַזונדערער װאַרעמקייט, ,,פאַרוואָס האָט איר גע־זאַמלט געלט אויף די בעלגישע קינדער, און נישט אויף די קרבנות פון די רוסן אין אַסט־פּרייסן, בוקאָווינע און גאַליציע?״

,,אויף די הונען־קינדער?!״ האָט טערעזע אויסגערופן מיט אַ מין עקל.

אַרנאָלד האָט אויפגעציטערט, זיין געזיכט האָט זיך פאַרפינ־סטערט.

,,און איר זייט אַ בירגערין פון אַ נייטראַלן לאַנד,״ האָט ער מורויעריק אַרויסגערעדט.

,,מיר זיינען שוין באַלד נישט מער נייטראַל,״ האָט ענדריו צוגעוואָרפן מיט נצחון.

מר. ריינהאַרט איז נאָך טערעזעס אויסרוף אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט, געשאָסן בליצן מיט די אויגן, אָבער נישט געקאָנט רעדן: מרס. ריינהאַרט האָט אים אַרויפגעלייגט איר האַנט אויפן מויל.

,,איר דאַרפט אויך נישט פאַרגעסן,״ האָט מר. קעלערמאַן אַריינגעמישט זיך, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרענטפערן טערעזען ,,אַז די דייטשן האָבן אָנגעהויבן די מלחמה. זיי זיינען אַליין שול־דיק אין דעם אומגליק פון זייערע קליינע קינדער...״

,,אַ ליגן!״ האָט אַרויסגעדונערט מר. ריינהאַרט, מיט בעס אַראָפּוואַרפנדיק פון זיין מויל די האַנט פון זיין פרוי.

,,פאַר מיר איז נישט וויכטיק, ווער עס האָט אָנגעהויבן,״ האָט געזאָגט אַרנאָלד.

,,גאָר אַזוי!״ האָט ענדריו זיך געוווּנדערט.

,,מיר זיינען אַרומגעגאַנגען אויף אַ פּאָלווער־מאַגאַזין און

האָבן עס נישט געוווּסט. מיר האָבן זיך געהאַט איינגערעדט, אַז מלחמה איז אוממעגלעך, און איגנאָרירט די אַלזייטיקע לאַנג־יעריקע פּאַרבאַרייטונגען. איצטער, אַז מיר קוקן מיט אָפענע אויגן, דאַרף אונז נישט אויסמאַכן, ווער עס האָט געגעבן דעם ערשטן שאָס."

„איך פאַרשטיי עפּעס נישט," האָט געזאָגט ענדריו. „ס'קלינגט ווי אַ פּאַראַדאָקס."

„די גרויסע פאַרבאַרייטונגען האָבן באַוויזן, אַז די מלחמה איז דערוואַרט געוואָרן, אַז עפּעס איז פאַרגעגאַנגען אין דער פּאָליטיק און אין דער דיפּלאָמאַטיע, וואָס האָט געמוזט פירן צו מלחמה."

„אָבער דאָך האָט דייטשלאַנד געגעבן דעם ערשטן שאָס."

„ווי אין אַ געזעלשאַפט פון טרינקער מוז איינער צוערשט שיכור ווערן. ווי אין אַ לאַנגווייליקער געזעלשאַפט מוז איינער צוערשט אַ געניץ טאָן. שולדיק איז דאָס טרינקען, שולדיק איז די געזעלשאַפט."

„גיין, רעדט זיך, וואָס איר ווילט," האָט ענדריו געלאַכט, „טערעזע איז גערעכט. איר זייט אַ פּראָ־דייטש."

„ער איז," האָט טערעזע געזאָגט.

ארנאָלד איז פאַרשטומט געוואָרן. ער האָט אָנגעקנייטשט דעם שטערן און אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען.

מרס. קעלערמאַן האָט איצטער געפונען, אַז עס איז גענוג פּאָליטיק און מלחמה, און פאָרגעשלאָגן, מען זאָל שפּילן אין קאָרטן.

מר. ריינהאַרט האָט באַשלאָסן, אַז ער האָט געהאַט גענוג האַרץ־עסעניש און עס איז אים צייט אַהיים. און גלייך האָט ער אָנגעהויבן ברוגזדיק אָפּצוגעזעגענען זיך. נאָר אַרנאָלדן האָט ער פריינטלעך געדריקט די האַנט.

„נישקשה," האָט ער געזאָגט. „איר דאַרפט זיך נישט באַליידיקן, ווען מען רופט אייך פּראָ־דייטש. צו זיין פּראָ־דייטש דאַרף מען קענען, דאַרף מען שטיין אויף אַ הויכער קולטור־מדרגה. וואָס פאַרשטייען די דאָ פון קולטור?!"

„איר מיינט דאָך מסתמא נישט די קולטור פון ווילהעלם דעם

צוויטן און זיינע יונקערס?" האָט ארנאָלד געזאָגט מיט אַ שמייכל.
די אַנדערע האָבן זיך צולאַכט מיט נקמה איבער דעם אַלטן הער, און מר. ריינהארט איז אויפגעבראַכט געוואָרן.
„אויך די מיין איך!... אויך די!... איר חזרט אויך דעמ־זעלביקן אומזין. יונקערס! יונקערס!... יונקערס האָבן מיר אוּ־מעטום... מיר האָבן זיי דאָ אויך גענוג, נאָר מיר האָבן נישט זייער קולטור..."
דער אַלטער הער איז אַוועקגעגאַנגען ברוגזדיק און בור־טשענדיק. אויך ענדריו האָט געמוזט אַוועק. אַן אַפּריערדיקע פאַר־אַפּרעדונג.
ארנאָלד האָט געפילט, אַז ער וואָלט אויך געוואָלט אַוועק־גיין. אַזעלכע געשפּרעכן האָבן געמאַכט אים שווער אויפן האַרץ און אַוועקגענומען די לוסט צו זיין אין געזעלשאַפט. אין דער־דאָזיקער שטימונג וואָלט ער בעסער געוואָלט איינשפּאָרן זיך ביי זיך אין ביבליאָטעק־צימער מיט זיינע ביכער. פאַרלייענען זיך און פאַרגעסן, אַז אַ בלוטיקע מלחמה גייט אָן, אַז די מענטשלעכע קול־טור איז באַנקראָט און אַז אין אים אַליין איז עפּעס צובראָכן און צושטערט געוואָרן.
אויף דער צווייטער איינלאַדונג פון מרס. קעלערמאַן צום קאָרטן־טיש, האָט ארנאָלד זיך אָפּגעזאָגט מיט דער דערקלערונג, אַז ער שפּילט איבערהויפּט נישט.
„איר שפּילט טאַקע איבערהויפּט נישט?" האָט זי אים אי־בערגעפרעגט.
ער האָט נישט באַמערקט דעם באַליידיקנדיקן צווייפל, וועל־כער איז געלעגן אין דער פראַגע, און קורץ אָפּגעענטפערט: „ניין."
אָבער אַז ער האָט אָפּגעענטפערט, איז אים אויפגעפאַלן איר קוק, און איר טאָן. ער האָט באַגריפן, אַז דאָס איז געוועזן אַן אָנשפּיל אויף דאָס נעכטיקע מיט קעטרין. ער האָט זיך אומגע־קוקט אויף טערעזען. זי איז געזעסן פאַרטאָן אין איר ארבעט און, דאַכט זיך, נישט געהערט דער מוטערס פראַגע אָדער פּיליכט נישט פאַרשטאַנען איר באַדייטונג.
אַלע זיינען אַוועק אין שפּיל־צימער, ער איז געבליבן אַליין מיט טערעזען. דאָס איז אים זייער אָנגענעם געוועזן. זיין מיט

טערעזען אַליין, קוקן אויף אַזויפיל שיינקייט און נישט רעדן מער קיין פּאָליטיק! און, ענדלעך, וועט ער האָבן, צוליב וואָס ער האָט אָנגענומען די איינלאַדונג: די גרעסערע נאָנטקייט.

„איר גייט טאַקע נישט שפּילן?" האָט טערעזע אַ זאָג געטאָן, גלייך זי וואָלט ערשט געוואָר געוואָרן, אַז ער איז דאָ געבליבן מיט איר.

„פון צוויי גוטע זאַכן האָב איך אויסגעקליבן די בעסערע," האָט ער געזאָגט מיט זיין שמייכל.

„איר האַלט דען שפּילן פאַר אַ גוטער זאַך?"

„נאָר איצטער, ווען איך האָב געדאַרפט מאַכן אַ קאָמפּלימענט."

„זינט ווען האָט איר אָנגעהויבן צו מאַכן קאָמפּלימענטן?"

„אָ... שטענדיק... ביי יעדער געלעגנהייט."

ער האָט געענטפערט און געטראַכט, ווי לאַנג וועט עס אַזוי אָנגיין און וואָס אַזוינס זאָל ער זאָגן, וואָס זאָל זי מאַכן געשפּרעכיקער און נענטער, צוגעלאָזענער. אויב ענדריו האָט אים פּלוצלונג איינגעלאַדן, איז עס דאָך געוויס, ווייל זי האָט אים געוואָלט זען. פּאַרוואָס-זשע זיצט זי איצטער אַזוי קאַלט און רעדט גלייכגילטיק, טוט אַפילו נישט אַ קוק אויף אים. ער האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן קעטרין. ווי אַנדערש איז יענע! ער האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז יענע וואָלט אויך געקאָנט זיצן אַזוי רויִק איבער אַן אַרבעט אין דער געזעלשאַפט פון איינעם, וועמען זי האָט געוואָלט זען.

דאָס איז געוועזן זעלן-סימפּאַטיע צווישן אים און טערעזען. וואָרום אויך טערעזע האָט גראָד געטראַכט איצטער פון קעטרין. ווי וואָלט קעטרין זיך באַנומען? וואָס וואָלט זי גערעדט? ווי וואָלט זי געקוקט? און ז י קאָן מער נישט, ווי זיצן רויִק, זיין קאַלט און פרעמד, נישט אויפהייבנדיק אַפילו די אויגן. וואָס האָט זי געטראַכט אינדערפרי, ווען זי האָט אויסגעשריען, אַז זי וויל אים זען? איר האָט זיך אויסגעדוכט אין יענעם מאָמענט, אַז זי האָט אַנטדעקט אין זיך טעמפּעראַמענט. ווו איז ער איצטער?

„ווי האָט איר נעכטן אויסגעמאַכט?" האָט אַרנאָלד זי ענדלעך געפרעגט.

און נישט אויפהויבנדיק די אויגן פון דער ארבעט, האָט זי אים דערציילט, אַז זי איז געווען זייער דערפאָלגרייך, דער עיקר טאַקע צוליב זיין טשעק, פאַר וועלכן זי דאַנקט אים נאָכאַמאָל. און איצטער האָט זי אויפגעהויבן די אויגן און געפרעגט, צי האָט ער עס טאַקע געמיינט, אַז זי האָט געדאַרפט זאַמלען אויך פאַר די דייטשע קינדער.

„געוויס,‟ האָט ער געענטפערט. „פאַרוואָס נישט?‟

„אויף די ד י י ט ש ע קינדער?!‟ האָט זי איבערגעפרעגט. באַטאָנט מיט איבערראַשונג דאָס וואָרט ד י י ט ש ע.

„אויף ק י נ ד ע ר!‟ האָט ער וואַרעם אַרויסגעזאָגט. „אויף אומשולדיק ליידנדיקע. איר וועט דאָך זאַמלען און געבן אויף די קינדער פון אַ מערדער, וועלכע זיינען געבליבן אָן ברויט און אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, ווערליק דער פאָטער קעמפט פון הינטער בוימער און פון גריבער קעגן די פּאָליציי־לייט, וועלכע ווילן אים כאַפּן און ברענגען צום געריכט? וואָלט איר געזאַמלט? געוויס. די קינדער זיינען אומשולדיק, דאַרפן נישט ליידן.‟

„יאָ, אָבער דאָ איז עפּעס אַנדערש. ווען איר וועט שטיצן די דייטשע קינדער, וועט איר שטאַרקן די הענט פון דער דייטשער מיליטערישער מאַשין.‟

„דאָס איז דאָך מסתמא די לאָגיק פון די דייטשן, ווען זיי מאַכן צו ליידן די קינדער אין די פאַרכאַפּטע לענדער: אַז די קינ־דער וועלן ליידן, וועט מסתמא דער ווידערשטאַנד פון די עלטערן שנעלער געבראָכן ווערן.‟

„אָ, איך האַס די דייטשן!‟

דאָס האָט אים אַ ריַיץ געטאָן אין אויער. ער האָט זיך אָנגע־רוקט.

„און איר ווילט דאָך זיין בעסער פאַר זיי,‟ האָט ער טרוקן אַרויסגערעדט. „איבעריקנס, איך רעד שוין ווידער פּאָליטיק, און איך האָב עס נישט געוואָלט.‟

אָבער איצטער האָט ער באַמערקט, אַז ער האָט נישט וואָס צו רעדן מיט טערעזען. זי איז אים אַזוי פרעמד, אַזוי וויַיט. אָבער ער האָט זיך דאָך געוואָלט דערנענטערן, געוואָלט די שיינהייט פאַר־אינטערעסירן אין זיך, געוואָלט, די בלויע אויגן זאָלן קוקן אויף

אים. ער האָט זיך אָנגעהויבן פאַרצווואַרפן: ווי ווייניק ער האָט אין זיך אַלס אונטערהאַלטער! ער האָט געזוכט אַ טעמע. ענדלעך, אָנ־געכאַפּט זיך אָן אַן אַלטער, זייער אַלטער, טרוקענער, נישט אינ־טערעסאַנטער: די טעמע פון אַ ביכער־וואָרעם.

„וואָס האָט איר עפּעס לעצטנס געלייענט?" האָט ער גע־פרעגט.

„געלייענט?" האָט זי זיך פאַרוווּנדערט. „איך געדענק שוין די צייט נישט, ווען איך האָב געהאַלטן אַ בוך אין האַנט."

„אַזוי באַשעפטיקט?"

„אָ, פרעגט שוין בעסער נישט."

„איך האָב עס גאָרנישט חושד געווען. דאַרף איך פרעגן, מיט וואָס?"

זי איז פּלוצלונג אויפגעלעבט געוואָרן, אויפגעהויבן צו אים אירע בלויע אויגן.

„זאָל איך אייך דערציילן, ווי ביי מיר גייען אַוועק די טעג?"

„איך וועל זייער דאַנקבאַר זיין פאַר דעם צוטרוי."

ער האָט צוגערוקט זיין שטול נענטער צו איר, אָנגעקוקט זי פריילעך און פריינטלעך. ענדלעך!

דאָס זיינען געווען פּוסטע טעג, אויסגעפילט מיט גאָרנישט. אָבער זי האָט זיך אַרילו פאַרפלאַמט, ווען זי האָט דערציילט, ווי די טעג גייען ביי איר אַוועק. דאָ זיינען געווען שטונדן פאַר דער האָר־קעמערין, פאַר דער נעגל־פּוצערין, פאַר דער קליידער־מאַכערין, פאַר אַרומגייען איבער די גרויסע געשעפטן „שאַפּינג" — קוקן, אויסקוקן, אָנזען זיך זאַכן, פאַר באַזוכן, קורצע און לאַנגע, פאַר צושטרייען זיך פון אַט דער שווערער פּוסטקייט. זי האָט אויסגע־לייגט דאָס פּראָגראַם פון אירע טעג אין פולן באַוווּסטזיין, אַז עס קאָן אַנדערש נישט זיין, אַז אַזוי מוזן גיין אירע טעג. ווען זי האָט זיך אָנגעשטרענגט און אַוועקגעגעבן אַ טאָג פאַר די בעלגישע קינדער, האָט זי זיך אמת מקריב געווען און אומגעדרייט איר גאַנץ לעבן מיטן קאָפּ אַראָפּ.

אַרנאָלדן איז באַקאַנט געווען דידאָזיקע פּוסטקייט. זי איז געווען דאָס לעבן פון אַלע פרויען פון זיין קרייז, פון די מוטערס און די טעכטער. די טעג פון איינער זיינען געווען פּונקט ווי די

טעג פון אַלע אַנדערע, פון אַלע אירע חברטעס. אָבער ער האָט גע־האַלטן, אַז זיין לעבן איז נישט בעסער געווען. און אַז ער לייענט שוין ביכער און גייט אויף אַ פּאָר שעה אין געשעפט? דיזעלביקע נוצלאָזיקייט, דיזעלביקע פּוסטקייט. נאָר ווייסן יענע נישט, ווי פּוסט זייער לעבן איז. און אַז זיי וואָלטן געוווּסט, וואָס וואָלט אַרויס־געקומען?

ער האָט זיך צוגעהערט צו טערעזעס דערציילונג מיט אוי־סערלעכער אויפמערקזאַמקייט. אויף זיינע ליפּן אַ דערמוטיקנדי־קער שמייכל. עס איז אים געפעלן געווען איר פאַרפלאַמטקייט, איר אויפגעלעבטקייט, אין וועלכער דער באַריכט פון פּוסטקייט האָט זי פאַרזעצט. אָבער גלייכצייטיק האָט ער געטראַכט, וועגן וואָס צו רעדן, ווען זי וועט ענדיקן. טעאַטער? אַלגעמיינע באַקאַנטע? וועטער? ליבע? ער האָט נאָך קיינמאָל נישט גערעדט וועגן ליבע. זאָל ער פּרוּוון? ווי זאָל ער אָנהייבן?

אָבער ווען טערעזע האָט געענדיקט, האָט זי געבעטן, ער זאָל דערציילן, ווי ער פאַרברענגט זיינע טעג. זי האָט נאָך גע־וואָלט צוגעבן: „און נעכט,‟ אָבער זי האָט זיך פאַרכאַפּט און איז אַפילו רויט געוואָרן. עס איז איר געווען, ווי אין דעם וואָרט „נעכט‟ וואָלט געווען אַ מיאוסע אָנצוהערעניש, אַן אומאָנשטענ־דיקייט. זי האָט דערביי געטראַכט, אַז דאָס איז דער חילוק צווישן איר און קעטרין. קעטרין וואָלט דאָס געפרעגט און וואָלט נאָך אַפילו צוגעזאָלצן. זי איז געווען שטאָלץ אויף דעם חילוק.

אַרנאָלד האָט אָפּגעגעבן באַריכט. ביי דעם פּונקט פון לייענען האָט טערעזע געפרעגט, וואָס ער לייענט, און מען איז אַריבער צו ראָמאַנען. אַרנאָלד האָט איצטער דערזען פאַר זיך אַ ברייטן וועג צו דער טעמע „ליבע‟. אָבער ווען ער האָט געוואָלט מאַכן דעם ערשטן שריט אויף דעם ברייטן וועג, האָט זי אים אַ פרעג געטאָן, ווי געפעלט אים קעטרין שופּרא.

ער האָט דידאָזיקע פראַגע דערוואַרט דעם גאַנצן אָוונט. אָבער ער איז איבערראַשט געוואָרן, וואָס זי איז געשטעלט גע־וואָרן אַזוי פּלוצלונג, אָן קיין שום פאָרבאַרייטונג, אָן קיין שום איבערגאַנג.

ער וואָלט אֶפשר געפונען די דערקלערונג אין דער דופּלי־

ציטעט, דער טאָפּלטקייט פון די געשעעענישן. ווייל גראָד אין דעם מאָמענט האָבן טערעזעס עלטערן און זיין מוטער און מרס. פּריים גערעדט ביי זייער קאָרטן־שפּיל פון קעטרין שופּרא און איר ווילדן באַנעמען זיך און דערציילט זיך מעשיות פון איר מוטער, מרס. שופּרא, וועלכע האָט איצטער אויף איר שטריקל דעם באַרימטן אַדוואָקאַט ראָדזשערס און דעם רייכן קליידער־פאַבריקאַנט ליסאו און דעם באַנקיר גודמאַן, אַז עס איז איינפאַך אַ סקאַנדאַל און אַ שאַנד.

און גראָד אין דעם מאָמענט האָט ענדריו זיך אָנגעטראָפן מיט קעטרין און דערציילט איר, אַז איר נעכטיקער העלד איז איצטער ביי זיין שוועסטער. זי האָט דערויף געזאָגט, אַז די פּאָסן זיך גרויסאַרטיק צוזאַמען, ביידע קאַלט און אַנשטענדיק. זי איז אַריינ־געפאַלן אין אַ מין פּאַראָקסיזם און אָנגעהויבן פּאָרצושטעלן, ווי די ביידע זיצן צוזאַמען, רעדן צוזאַמען, קוקן זיך אָן.

„ווען די ביידע זאָלן חתונה האָבן,” האָט זי געזאָגט, „וועלן זיי דאַרפן האָבן אַ סופליאָר, וועלכער זאָל זיי אונטערזאָגן, ווען זיי דאַרפן זיך אַרומנעמען, ווען זיי דאַרפן זיך אַ קוש טאָן.”

זי איז געווען ציניש, אָבער ענדריו האָט געלאַכט און נישט געטראַכט, אַז ער דאַרף זיך באַליידיקן פאַר זיין שוועסטער, וועלכע ער ליבט אַזוי שטאַרק. ער האָט נאָר געפּלאַנט, אַז ער וועט היינט אָנקושן קעטרין אָן אַ סופליאָר, אויב עס וועט אים נאָר געלינגען צו בלייבן מיט איר אַליין.

און אַרנאָלדן איז געווען, ווי ווען קעטרינס דורכדרינגענ־דיקער בליק האָט אויפגעבליצט צו אים פון דער טונקלקייט פון דעם אויטאָמאָביל, און ער האָט זיך נישט געפונען צו ענטפערן טערעזען, ווי עס געפעלט אים קעטרין שופּרא. ער האָט בעסער געפרעגט צוריק: פאַרוואָס פרעגט זי אים פּלוצלונג וועגן קעטרין?

זי האָט דערקלערט איר געדאַנקענגאַנג. זיי האָבן אָנגע־הויבן צו רעדן פון ראָמאַנען, האָט זי געוואָלט מאַכן די באַמער־קונג, אַז מען האָט אָנגעשריבן מער ראָמאַנען, וויפל „ליבעס” עס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אויף דער וועלט. האָט זי זיך דערמאָנט אויף קעטרין, וועלכע האָט אַליין שוין איבערגעהאַט אַזויפיל ראָמאַנען.

ווען זי האָט זיך דערמאָנט אויף איר, האָט זי שוין אים געפרעגט. ער קען זי דאָך — קען ער זי נישט?

דאָס איז געוועזן בייז און גיפטיק. ארנאָלד האָט עס נישט דערוואַרט פון איר.

„איר זייט קעטרינס א חברטע?" האָט ער געפרעגט.

„קעטרינס? א חברטע?" האָט זי ארויסגערעדט מיט פאַר־אַכטונג. „קאָן מען דען זיין קעטרינס א חברטע, אז מען זאָל אפילו וועלן און זיך עס דערלויבן? זי חברט זיך דאָך נישט מיט דעם יווייבלעכן געשלעכט. זי האָט פיינט פרויען. אָבער איר האָט מיר נאָך אַלץ נישט געענטפערט אויף מיין פראַגע."

א הארטקייט איז פּלוצלונג אריין אין אים, און ער האָט גע־ענטפערט:

„איך האָב נעכטן דעם גאַנצן אָוונט פארבראַכט מיט קעטרין, ביז א שטיק פארטאָג — איר ווייסט עס מסתמא."

טערעזע האָט מיטאַמאָל אָפּגעוואָרפן איר ארבעט און איז אויפגעשטאַנען.

„אָ, ווילן מיר נישט אריין אין שפּיל־צימער?"

אָבער אויפן וועג צום שפּיל־צימער האָבן זיי זיך אָנגע־טראָפן מיט די איבעריקע, וועלכע האָבן שוין אויפגעהערט צו שפּילן, ווייל מרס. לעווענבערג און מרס. פריים איז שוין צייט געוועזן צו זיין אין בעט.

אויפן וועג אהיים האָט די מוטער גערעדט צו אים וועגן די קעלערמאַנס און טערעזען. אָבער ער האָט זי נישט געהערט, גע־וועזן פארטאָן אין זיינע אייגענע געדאַנקען.

טערעזע האָט אים מער נישט אינטערעסירט. דעם גאַנצן אָוונט האָט ער נישט איינמאָל פארשפּירט צו איר, וואָס ער האָט געשפּירט צו איר אין זיין חלום און נעכטן בייטאָג, ווען זי איז געקומען בעטן פאַר די בעלגישע קינדער. א פּאָר מאָל איז אים דורכגעלאָפן אין געדאַנק, אז זי וועט נישט צולייגן אַזוי דעם קאָפּ, ווי קעטרין, וועט זיך נישט צודריקן אַזוי, נישט זוכן אַזוי־די אומאַרמונג. און איצטער האָט ער געוווּסט, אז ער וועט מוזן אויפזוכן קעטרין — קעטרין מיט אַלע אירע ראָמאַנען.

ער האָט אויפגעלאַכט צו זיך אַליין: דער מאָראַליסט, דער

מיידל־אויסוויינער, דער ריינער נאַר — און דאָס מיידל מיט די פּילע ראָמאַנען, די העלדין פון סקאַנדאַלן, די אומריינע... האַ־האַ!...

און גלייך האָט זיך זיין האַרץ שמאַרצפול צוזאַמענגעדריקט, אַ האַרטע בייזקייט איז דורכגעגאַנגען דורך אים, האָט צוזאַמענגעדריקט זיינע ציינער. זיינע אויגן, ווי אָנגעפילט מיט פייער־פונקען, האָבן געקוקט דורך דער טונקלקייט פון דער גאַס אין אַ ווייטערער, גרעסערער, אומענדלעך טיפערער פינסטערניש:

אַז זיי דאָרטן, זיי, וועלכע האָבן געהאַלטן אין זייערע הענט דעם שיקזאַל פון די פעלקער, האָבן געקאָנט ברענגען די וועלט־קולטור צו אַ פולשטענדיקן באַנקראָט!...

# IX

געזאָגט דער מאַמען א גוטע נאַכט, אַריין צו זיך אין צימער, געוואָלט מאַכן זיך באַקוועם און פאַרברענגען נאָך א פּאָר שעה, צוערשט ביי דער פּיאַנאָ און דערנאָך איבער א בוך. אָבער ביים אַראָפּנעמען פון זיך דאָס טאַקסידאָ האָט אַרנאָלד א טראַכט געטאָן, אַז ביים פּיאַנאָ קאָן ער דאָך אייגנטלעך זיצן אָנגעטאָן, ווי ער איז. ער וועט זיך מאַכן באַקוועם שפּעטער, ווען ער וועט אָפּשפּילן. דאָך ביים שפּילן איז אים ערשט רעכט קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס ער האָט נאָך נישט געוואָלט אויסטאָן זיך. ער האָט געהאַט שטאַרק חשק צו זען קעטרין. ווען ער כאַפּט זיך איצטער אריבער אין יענעם קלוב, איז מעגלעך, אַז ער זאָל זי דאָרטן ווידער טרעפן. זאָל ער זיך אַריבערכאַפּן אָדער זאָל ער זיך נישט אַריבערכאַפּן?... שאָפּענס א נאָקטיורן האָט געבענקט אונטער זיינע פינגער, צאַרט, טרויעריק. זאָל ער, אָדער זאָל ער נישט?... וועט עס הייסן שוואַכקייט, ווען ער זאָל איצטער נאָכגעבן זיין האַרץ? אָדער וועט עס זיין נאַריש, ווען ער זאָל אָפּלייגן? וואָס איז דער שכל פון אָפּלייגן? ער האָט זיכער נישט געמאַכט נעכטן אַזאַ איינדרוק אויף קעטרין, אַז זי זאָל זוכן די געלעגנהייט צו טרעפן זיך מיט אים נאָכאַמאָל. ער מוז זי איצטער זען אַזוי אָפּט ווי מעגלעך. מאַכן די אַטאַקע און נישט אָפּלאָזן. א דייטשע אַטאַקע, האַ־האַ...

ער האָט אָנגעקנייטשט דעם שטערן. ער טראַכט שוין אויך אין מלחמה־טערמינען? און ווען ער האָט דאָס א טראַכט געטאָן, זיינען זיינע געדאַנקען שיר־שיר נישט אַריבערגעגאַנגען צו דער

אומגליקלעכער מלחמה־טעמע. עס האָט זיך אין אים אַ וועק געטאָן זיין שטענדיקער געדאַנק: איצטער איז דאָרטן פאַרטאָג, און באַלד וועלן זיי אויפשטיין און אָנהייבן צו פאַרניכטן איינע די אַנדערע. דער אייביקער שווידער, דאָס אייביקע וווּנדערן זיך: ווי קאָן עס געשען? זיינע פינגער האָבן אויפגעציטערט, זיינען אָנגעפילט געוואָרן מיט חלשות, האָבן פאַרלאָרן די בארירונג מיט די קלאַווישן. אָבער ער האָט אָפּגעטרייסלט פון זיך די געדאַנקען.

ער האָט איצטער געוואָלט קלאָר ווערן נאָר אין איין זאַך: זאָל ער אָדער זאָל ער נישט אריבערכאַפּן זיך אין דעם שפּיל־הויז, ווו ער וועט מסתמא טרעפן קעטרין שופרא? ער וועט זי טרעפן אין דער געזעלשאַפט פון מענער ביים שפּיל־טיש... דאָרטן, ווו זי איז נעכטן געזעסן... וועמעס „מזל" איז זי היינט? היינט שפּילט זי אפשר אויף איר אייגן געלט, ווייל זי האָט נעכטן אַ סך געוואונען... געוויס שפּילט זי אויף איר אייגן געלט... פאַרפּלאָמט, אויפגערעגט, די האָר צושויבערט, צום אויפפרעסן שיין... און ער וועט צוגיין צו איר...

ער האָט צוגעמאַכט די פּיאַנאָ און איז אויפגעשטאַנען פון דעם שטול. צו וואָס פאַרלויפן אין פאָראויס און אויסמאָלן זיך זאַכן? ער איז אַוועקגעפאָרן אין קלוב. אויפן וועג אין זיין אויטאָמאָביל איז ער ווידער פאַרלאָפן פאָראויס און אויסגעמאָלט זיך זאַכן. אויב זי שפּילט אויף איר אייגן געלט, וועט זיין לייכט צוצוטרעטן צו איר און אפילו אַוועקצונעמען זי. אָבער וואָס וועט ער טאָן, אויב זי איז עמעצנס אַ שותּפטע? וואָס וועט ער טאָן, אויב זי איז שוין איינגעלאַדן? וואָס וועט ער איר זאָגן? ניין, ער וועט אויף איר אַ קוק טאָן... אַזוי אַ קוק טאָן, אַז זי וועט וויסן, אַז זי דאַרף צוקומען צו אים, זיין מיט אים אַליין...

ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער פאַרלויפט שוין ווידער אין פאָראויס. איז אין כעס געוואָרן אויף זיך. פונוואַנען נעמען זיך צו אים אַזעלכע געדאַנקען? דאָס איז אַזוי נישט שיין. אַפּפלאַנעווען איז גוט אין געשעפט. ווי קאָן מען אַפּפלאַנעווען אין אַזעלכע זאַכן? ער איז איבערהויפּט אַוועקגעגאַנגען אויף אַ שלעכטן, פאַלשן וועג. ער האָט איצטער געדאַרפט זיין אינדערהיים און לייענען

אָדער שטודירן. ווי קומט ער צו קעטרין? ווי קומט קעטרין צו אים?

אָבער ער האָט זיך נישט אומגעקערט צוריק אהיים. ער האָט בעסער זיך אומגעקערט צוריק צו אויסמאָלן זיך זאכן. דאָס איז אָפּגעמאַכט: ער וועט פון קעטרין נישט אָפּלאָזן...

ער האָט זי אין דעם שפּיל־הויז נישט געפונען. ער האָט אריינגעקוקט אין פאַרשיידענע צימערן. זי איז נישט געווען. איז זי דאָ געווען און אוועקגעגאַנגען אָדער איז זי דאָ גאָרנישט געווען? מסתמא איז איבערטריבן דאָס, וואָס מען דערציילט זיך אָן, אַז זי לאָזט נישט דורך אַן אָוונט אָן שפּילן. עס איז דאָך אוממעגלעך, אַז זי איז דאָ געווען און שוין אוועקגעגאַנגען. ער האָט זיך געשעמט נאָכצופרעגן אויף איר אפילו ביי די באַדינטע. אָבער ער האָט נישט געוואָלט אוועקגיין: טאָמער קומט זי נאָך אָן. נישט קוקנדיק אויף דער שפּעטקייט.

ער האָט זיך אוועקגעזעצט מיט אַ מאָגאַטלעכן זשורנאַל מיט אַ סך שלעכטע דערציילונגען, אָבער אָן פּאָליטיק. אויף אַן אָרט, פון וועלכן ער האָט געקאָנט זען אַלע אריינקומער און ארויסגייער. ער האָט שלעכט געלייענט, ווייל ביי יעדן גערויש האָט ער אויפגעהויבן די אויגן פון די געדרוקטע שורות. און, דער עיקר, ווייל ער האָט זיינע געדאַנקען געהאַט ערגעץ־ווו אַנדערש. ער האָט געטראַכט, ווי נוצלאָז עס איז אויסצומאָלן זיך זאַכן. אָט האָט ער אַלץ אָפּגעקלערט און אָפּגעפּלאַנעוועט, וואָס ער וועט טאָן, ווען ער וועט טרעפן קעטרין. אָבער אויף אַזאַ פּשוטער מעגלעכקייט, אַז זי וועט גאָר אין דעם קלוב נישט זיין, איז ער נישט געפאַלן. מעגלעך, אַז זי שלאָפט גאָר איצטער גאַנץ רואיק און חלומט אפילו נישט, אַז ער זיצט דאָ מיט אַ בענקעניש אין הארצן. ער האָט גאָר געדאַרפט צוגיין צו איר הויז. ער ווייס שוין, אין וועלכן פענסטער ער דאַרף אריינקוקן. אויב עס איז ליכטיק אין יענעם פענסטער, וועט ער וויסן, אַז זי איז אינדערהיים. אויב עס איז פינסטער... אויב עס איז פינסטער, שלאָפט זי שוין מסתמא. אָדער עס קאָן זיך גאָר טרעפן, אַז גראָד ווען ער וועט צוקומען צו איר הויז, וועט זי אויך אונטערקומען. נעכטן איז זי דאָך אויך גראָד אָנגעקומען אים אַנטקעגן. דאָס וואָלט געווען גרויסאַרטיק. ער וואָלט זי שוין

נישט געלאָזן אנטלויפן. און אפילו ווען זי קומט אָן מיט עמעצן. ער מעג זי דאָך אָפּשטעלן ביי דער צופּעליקער באַגעגענונג, מעג דאָך מאכן אַ געשפּרעך. אויב איר באַגלייטער איז אַ באַקאַנטער, איז אוודאי גוט. איז ער נישט קיין באַקאַנטער, וועט זי אים פאָר־שטעלן... אָדער, ניין: ער וועט וואַרטן, ביז יענער וועט זיך אָפּגע־זעגענען... זי וועט אַרויף אויף די טרעפּ, אויפשליסן די טיר, און איידער זי וועט פאַרשווינדן הינטער דער טיר, וועט ער אויסרופן: „קעטרין!‟...

וואָלטער וויינגוט האָט זיך באַוויזן ווייט אין דעם גרויסן פּאָיע. אַרנאָלד האָט זיך דערמאָנט, אַז נעכטן איז ער אויף אים אייפערזיכטיק געוועזן, און אָפּגעשמייכלט.

וויינגוט איז צוגעגאַנגען צו אים מיט גרויסער פריינטלעכ־קייט.

„איך וויל אייך אָפּדאַנקען פאַר אייער נדבה. זי האָט מיך גאַנץ איבעראַשט.‟

„פאַרוואָס איבעראַשט?‟

„מען האַלט דאָך אייך פאַר אַ פּראָ־דייטש.‟

„אומזין! מענטשן ווילן נישט פאַרשטיין, און דערביי רעד איך, דאַכט זיך, גאַנץ קלאָר.‟

וויינגוט האָט לוסט באַקומען דורכצורעדן זיך אַביסל, אָבער דער אָפענער זשורנאַל אין אַרנאָלדס הענט האָט אים געשטערט.

„איר זייט שטאַרק פאַראינטערעסירט אין אייער לייענען?‟ האָט ער געפרעגט.

אַרנאָלד האָט צוערשט נישט פאַרשטאַנען, באַלד אָבער אַ קוק געטאָן אויף דעם זשורנאַל אין זיינע הענט, געכאַפּט זיך, אָפּגעענטפערט: „אָ, ניין!‟ און אוועקגעלייגט דאָס בוך אויף אַ דערבייאיק טישל. עס איז אים אפילו אָנגענעם געוועזן, וואָס וויינגוט וויל מיט אים מאכן אַ געשפּרעך. עס וועט זיין באַקוועמער, ווי איטלעכע ווייטע אַרויסצוקוקן פון זשורנאַל. אין געשפּרעך וועט ער אויך קאָנען לענגער און געדילדיקער וואַרטן.

„וואָלט איר געוואָלט עפּעס טרינקען?‟ האָט וויינגוט גע־פרעגט.

„אויב דער טרונק וועט קומען צו מיר. איך פויל זיך צו רירן פון אָרט.״

וויינגוט האָט באַשטעלט סאָדע מיט וויסקי און צוגעזעצט זיך לעבן אַרנאָלדן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנגער געשפּרעך איבער אַר־נאָלדס שטעלונג צו דער מלחמה. וויינגוט האָט געוואָלט איבער־צייגן, אַז אַרנאָלד איז דער ריכטיקער פּראָ־דייטש. אַרנאָלד האָט זיך געוועהרט, באַמיט זיך צו באַווייזן, אַז דורך אים רעדט די אידעע פון אייביקן שלום: דער איידלסטער געדאַנק, צו וועלכן די מענטשהייט האָט זיך דערטראַכט. גאַנץ גוטמוטיק האָט וויינגוט דערמאָנט דעם פאַקט, אַז אַרנאָלד האָט אַ יאָר געשטודירט אין דייטשלאַנד און מוז דעריפאַר זיין פּראָ־דייטש. גאַנץ גוטמוטיק האָט אַרנאָלד אים דערמאָנט, אַז וויינגוט איז אַ דייטשער נאָמען, און דאָך איז דער טרעגער פון דעם נאָמען אַ פאַרביטערטער פיינט פון דייטשלאַנד. איצטער האָט וויינגוט געוואָלט ווּיסן, וואָס וואָלט אַזאַ פּרינציפּיעלער קעגנער פון בלוט־פאַרגאָס, ווי אַרנאָלד, געטאָן, ווען אַ רויבער וואָלט אים באַפאַלן.

וואָס וואָלט ער געטאָן? ער וואָלט אויפגעהויבן די הענט אויף רעספּעקט צום רויבערס רעוואָלווער און וואָלט געלאָזט זיך אויסטרייסלען די קעשענעס.

אָבער וואָס וואָלט אַזאַ קעגנער פון בלוט־פאַרגאָס געטאָן, ווען ער וואָלט זיך געקאָנט ווערן?

אַרנאָלד האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַשטימען אין פאָראויס, וואָס וואָלט אין ז'עם געגעבענעם מאָמענט געוועזן שטאַרקער אין אים: דער אינסטינקט פון זעלבסטשוץ, אָדער די אָנגענומענע וועלט־אָנשויאונג. וויינגוט האָט שוין געוואָלט טריאומפירן.

„אָבער,״ האָט אַרנאָלד ווייטער געזאָגט, „מיר דאַרפן נישט אָנזען דייטשלאַנד אין דער ראָלע פון אַ רויבער און אירע שכנים אין דער ראָלע פון רואיקע בירגער. מיר דאַרפן זיי אַלעמען זען אין דער ראָלע פון רויבער, באַוואָפנטע ביז די ציינער, גרייט אָנ־צופאַלן איינער אויף דעם אַנדערן און איבערשניידן זיך די העל־זער. עס איז נאָר געוועזן די פראַגע, ווער וועט צוערשט מאַכן דעם שפּרונג אויף זיין שכן...״

וויינגוט איז בלייך געוואָרן. ער האָט זיך קוים איינגעהאַלטן אין זיין כעס.

„דאָס איז דייטשע פּראָפּאַגאַנדע!" האָט ער אַרויסגעשיפּעט.

אַרנאָלד האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ רחמנות־בליק.

„איך פאַרזיכער אייך," האָט ער ווייך אַרויסגערעדט, „אַז איך בין נישט קיין דייטשער אַגענט."

די וויסקי און סאָדע איז אָנגעקומען. דער קעלנער האָט אָנגעגאָסן די גלעזער, אַרנאָלד האָט גענומען זיין גלאָז. אָבער וויינגוט האָט אַ וואָרף געטאָן אַ פיינטזעליקן בליק אויף דעם גלאָז, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים, און אָפּגעקערט דעם קאָפּ. אַרנאָלד האָט אַ שמייכל געטאָן און צוריק אַוועקגעשטעלט זיין גלאָז.

„איך בין אייער גאַסט," האָט ער געזאָגט מיט זיין שמייכל.

„ניין, ווירקלעך, וואָס איר האָט געזאָגט..." האָט וויינגוט אַרויסגעשטאַמלט.

„וואָס איך האָב געזאָגט, איז אַרויסגעקומען פון אַן איבערצייגונג, וועלכע קאָסט מיך אַ סך. מיין ליבער מר. וויינגוט, ווען איר וואָלט געוווּסט, וואָס פאַר אַ חורבן די מלחמה האָט אָנגעמאַכט אין מיר. איך קען נישט אייער וועלט־אָנשויאונג — ביי אונז אין אַמעריקע האָבן, דאַכט זיך, זייער ווייניק מענטשן אַ וועלט־אָנשויאונג. מיר האָבן אפילו נישט דאָס וואָרט דערפאַר אין דער ענגלישער שפּראַך — אָבער איך האָב געגלויבט אין דעם אייביקן שלום און שטענדיק געהאַט אַ טיפע שרעק פאַר קריג און בלוט־פאַרגאָס. די מלחמה איז שוין אין דעם דריטן יאָר, און איך באַגרייף נאָך אַלץ נישט, ווי קאָנען מענטשן הרגענען איינער דעם אַנדערן."

וויינגוט האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו זיין גלאָז, און אַרנאָלד האָט אויפגעלעבט.

„איך גלויב נישט, אַז איך האָב אייך איבערצייגט און אַז איצטער פאַרשטייט איר מיך שוין בעסער. און איך האָב זיך שוין אַ סך מאָל פאַרשוואָרן נישט צו רעדן וועגן דער מלחמה, ווייל מער ווי האַרצווייטאָג און ערגערניש קומט פון די אַלע געשפּרעכן נישט אַרויס. אָט זייט איר צוגעקומען צו מיר מיט אַ וואַרעם אויסגעשטרעקטער האַנט און וועט אַוועקגיין אַן אומצופרידענער,

א גערייצטער... וואָס האָבן מיר ביידע געוווּנען פון דעם גע־שפּרעך?״

ער האָט א טרונק געטאָן פון זיין גלאָז, ארויסגענומען זיין פּאָרטציגאַר, אונטערגעטראָגן וויינגוטן. וויינגוט האָט קוים אויפ־געהויבן די האַנט, גענומען א ציגאַר. זיי האָבן פאררויכערט.

„דאָך...״ האָט וויינגוט אָנגעהויבן.

ארנאָלד האָט אים אָפּגעשטעלט.

„נישט מער וועגן דער מלחמה, איך בעט אייך.״

„עס איז נישטאָ וועגן וואָס צו רעדן. דער קריג פּילט אויס דעם גאַנצן מענטש.״

„האָט איר דעם גאַנצן אָוונט גערעדט מלחמה?״

„ניין. געשפּילט. דאָס איז, דאַכט זיך, אויך עפּעס, וואָס איר האָט נישט שטאַרק ליב. אָבער נעכטן האָט איר אויך גע־שפּילט.״

ארנאָלד האָט זיך צולאַכט.

„מיין נעכטיק שפּילן, ווייזט אויס, איז א סענסאַציע. אַלע וויסן פון אים.״

„איר דאַרפט עס צושרייבן, דער עיקר, צו אייער שותפטע מען איז געוועזן איבערראַשט נישט אַזוי פון דעם, וואָס איר האָט געשפּילט, ווי פון דעם, וואָס איר האָט געשפּילט מיט קעטרין שופּרא.״

ארנאָלד האָט דערפילט, אַז ער ווערט רויט, און באַהאַלטן זיין געזיכט אין זיין גלאָז. ער האָט געטרונקען לאַנגזאַם און אַוועק־געשטעלט דאָס גלאָז, ווען ער האָט געפילט, אַז ער האָט באַזיגט די אויפשטייגנדיקע פאררעטערישע רויטקייט.

„איז ד אָ ס אַזוי סענסאַציאָנעל?״ האָט ער רואיק געפרעגט.

„יאָ. ווען א י ר זייט אויפגעטראָטן מיט איר.״

ער האָט עס אַליין געוווּסט, אָבער ער האָט געוואָלט רעדן וועגן איר, הערן, וואָס וויינגוט האָט צו זאָגן וועגן איר. אָבער דערביי האָט ער זיך געשעמט, פאַרוואָס ער וויל עס. און מורא געהאַט, ער זאָל נישט באַקומען צו הערן עפּעס אַזוינס, וואָס וועט עפּעס צושטערן און אָפּטויטן אין אים.

„איך האָב עס גאָרנישט געוווּסט,״ האָט ער געליגט. „איך

האָב געדעכנט אַפּילו היינט אויך צו שפּילן מיט איר אין שותפות. זי איז נעכטן אַזוי מזלדיק געווען.״

„היינט האָט זי געהאַט פּאַר אַ שותף ענדריו קעלערמאַן און איז אים אַזוי נישט מזלדיק געווען, אַז זיי האָבן אָפּגעבראָכן דאָס שפּיל. ענדריו האָט געוואָלט אָפּראַטעווען נאָך פּאַר אַן אָוונט־ברויט פאַר זיי ביידן אין האָטעל ברעוואור.״

וויינגוט האָט עס געזאָגט לייכט, מיט אַ געוויסן טאָן פון פאַראַכטונג. אין אַרנאָלדן האָט אויפגעציטערט דאָס האַרץ, ווי פון אַ שאַרפן שטאָך. ער איז רויט און באַלד בלאַס געוואָרן. אַזוי האָט ער זיך אומגעפרעגט און אומגעריכט דערוווּסט, ווו און מיט וועמען קעטרין איז. און עס איז אים אַזוי אומאָנגענעם געווען, פאַרוואָס ער האָט זיך עס דערוווּסט. ער האָט זי געזען אין אַן אויטאָמאָ־ביל מיט ענדריון, געזען זי אָנגעלענט אויף ענדריון, און ענדריו וויים גאַנץ אַנדערש, ווי צו באַנעמען זיך מיט איר.

וויינגוט האָט באַמערקט די ענדערונג, וועלכע איז פאָרגעקו־מען אין אים, און אַרנאָלדן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער גוט־דערציווגענער, מיט פיינע מאַניערן, וויינגוט האָט אַראָפּגעשלונגען אַ שמייכל. עס איז אים נאָך אומאָנגענעמער געוואָרן. ער וויים נישט ווי צו האַלטן זיך. ער פאַרראַט זיך אַליין. אויף וויינגוטן וואָלט מען געוויס נישט דערקענט, וואָס ער פילט. וויינגוט וואָלט געוווּסט, ווי צו באַהאַלטן זיינע געפילן. עס קאָן דאָך זיין, אַז וויינ־גוטן פאַרדריסט אויך, וואָס זי איז אַוועק מיט ענדריון, און פונ־דעסטוועגן האָט ער גערעדט אין אַזאַ לייכטן טאָן. וויינגוט וואָלט זיכער נישט געוואָרן רויט און בלאַס. פאַרוואָס שווייגט ער, אַר־נאָלד, איצטער? ער האָט געדאַרפט עפּעס זאָגן, רעדן, פאַררעדן די ציינער, לאַכן, לעבעדיק זיין, מאַכן אַ גוטן וויץ... אָבער ער האָט נישט געוווּסט, וואָס צו זאָגן, וועגן וואָס צו רעדן.

און וויינגוט האָט אים נישט אַרויסגעהאָלפן. ער האָט אויך געשוויגן. געטראַכט, ווי מערקווירדיק, אַז אַזאַ מענטש, ווי אַרנאָלד לעווענבערג, זאָל זיך פאַרליבן אין קעטרין שופּרא. וועדליק אַלע ווייסן, אַז זי איז בלויז אַ שפּילצייג, קאָן ער בלאַס און רויט ווערן איבער איר. אָרעמער מענטש!

אַן אומאָנגענעמע פּויזע איז איינגעטרעטן. זיי האָבן שוויינ־

דיק אויסגעטרונקען זייערע גלעזער, שווייגנדיק געצויגן פון זייערע ציגארן. וויינגוט איז פֿאַרגעקומען, אז לעווענבערג וויל מער נישט רעדן און וואָלט געוואָלט בלייבן אליין. ער האָט א קוק געטאָן אויף זיין גלעקעלן זייגער, גענאָגט, אז עס איז זייער שפּעט און אויפגע־הויבן זיך פון אָרט.

אַרנאָלד האָט דערפילט, אז ער דאַרף אים נישט לאָזן אזוי אוועקגיין. ער מוז אים עפּעס זאָגן.

„איך האָף, אז איר פארשטייט מיך איצטער כאָטש וויפל עס איז,“ האָט ער געזאָגט ביים האַנט־דרוק.

וויינגוט האָט נישט פארשטאַנען.

„אין וועלכער הינזיכט?“ האָט ער געפרעגט.

„וועגן מיינע מלחמה־אידעען. איך בין נישט קיין פּראָ־דייטש און...“

וויינגוט איז געוואָרן שאַרף.

„מיר איז גאַנץ עגאַל. ווער עס איז נישט פאר די אַליאירטע איז קעגן זיי און זייער דעמאָקראַטישן קאַמף.“

„זייער דעמאָקראַטישער קאַמף קלינגט שוין, ווי אַליאירטע פּראָפּאַגאַנדע,“ האָט אַרנאָלד גוטמוטיק געשמייכלט.

וויינגוט האָט זיך אָנגעצונדן. עס האָט זיך אים פארוואָלט מיט עפּעס באַליידיקן אַרנאָלדן. דאָס רעדט דאָך אזוי דער מענטש, וועלכער איז שוואַכזיניק געגנוג ערנסט צו פארליבן זיך אין קעטרין שופּרא! אָבער ער האָט זיך דערמאָנט, אז אייגנטלעך האָט אים אַר־נאָלד אָפּגעענטפערט מיט דער באַשולדיקונג, וועלכע ער האָט אים פריער צוגעוואָרפן.

וויינגוט האָט אפילו געגלויבט, אז עס איז נישטאָ אזאַ זאַך, ווי אַליאירטע פּראָפּאַגאַנדע. און אויב זי איז פאַראַן, טאָר מען זי דאָך נישט דערמאָנען אין איין אָטעם מיט דער געמיינער, פאַר־דאַמונגס־ווערטער דייטשער פּראָפּאַגאַנדע. פונדעסטוועגן האָט ער זיך איינגעהאַלטן צו באַליידיקן דעם אָרעמזעליקן מענטשן, וועלכער איז שוין באַשטראָפט גענוג דורך פארליבן זיך אין קעטרין שופּרא. ער האָט נאָר פאַראַכטלעך אַרויסגערעדט:

„איך בין געוויס נישט קיין אַגענט פון די אַליאירטע!“

אַרנאָלד האָט אים אַריינגעקוקט אין די אויגן: פאַרוואָס דער

טאָן? און גלייך איז אים קלאָר געוואָרן. ער האָט שטאַרק פאַרלאָרן אין ווייִנגוטס אויגן דורך זיין פריערדיק רויט און בלאַס ווערן. און פּלוצלונג האָט זיך אים פאַרוואָלט, ווי אויף צו־להכעיס, איינלאַדן אים אין האָטעל ברעוואר. ער האָט שוין געהאַט אויפגעעפנט דאָס מויל, אָבער דער געדאַנק, אַז ווייִנגוט וועט אים אָפּזאָגן, האָט אים צוריקגעהאַלטן. אָנשטאָט דעם, האָט ער געזאָגט:

„וויפל איך וויל זיך איינהאַלטן נישט צו רעדן מלחמה, גע־לינגט מיר עס דאָך נישט. איך וואָלט געוואָלט אַוועקלייגן זיך שלאָפן און אָפּשלאָפן די גאַנצע צייט, ביז שלום וועט געשלאָסן ווערן. דאָס איינציקע בלייבט: אַריינצוּוואַרפן זיך עפּעס אין אַ רויש, אין אַ מין פאַרטומלען זיך, אין אַ פאַרגעסן זיך...“

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און צוגעווענדט זיך צו זיין וויסקי־גלאָז, ווי באַדויערנדיק, וואָס עס איז ליידיק. ווייִנגוט האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער אַרנאָלד האָט אים פאַרכאַפּט מיט דער פראַגע:

„ווילט איר אפשר דורכפאָרן זיך אין האָטעל ברעוואר?“

ווייִנגוט האָט אָנגענומען די איינלאַדונג.

## X

זיי זיינען געפֿאָרן דעם גאַנצן וועג שווייגנדיק. גערויכערט און געשוויגן.

וויינגוט האָט נישט גאַנץ פֿאַרשטאַנען אַרנאָלדס ווידוי. ער האָט אָנגענומען, אַז אַרנאָלד האָט זיך דערמיט געוואָלט אַנטשולדיקן פֿאַר זיין טאַקטלאָזער אינסינואַירנדיקער באַמערקונג, וועלכע איז קיינמאָל נישט געווען טאַקטלאָז און אינסינואירנדיק, וואָז אַ פּראָ־אַליאַירטער האָט זי געמאַכט איינעם, וועלכער האָט מיט אים נישט געוואָלט איינשטימען. דאָס איז אים געפעלן געוואָרן, זיין כעס איז פֿאַרשוווּנדן. און ער האָט אָנגענומען די איינלאַדונג, וועלכע האָט פֿאַרשפּראָכן מיט זיך אַן אינטערעסאַנטע אַוואַנטיורע. זיצנדיק אין אויטאָמאָביל, האָט ער געטראַכט וועגן דער פֿאַרשטייענדיקער באַגעגענונג אין רעסטאָראַן, וועגן דער זייער מערקווירדיקער נייגונג פֿון דעם וועלט־פֿרעמדן לעווענבערג צו קעטרין שופּרא, און געוואַרט, אַז אַרנאָלד זאָל אָנהייבן צו רעדן.

אָבער אַרנאָלד האָט די גאַנצע צייט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, און צייטנווייז געוווּנדערט זיך, ווי אַזוי האָט ער מיט זיך וויינגוטן אין אויטאָמאָביל. ער האָט זיך יעדעס מאָל געמוזט דערמאָנען, פֿאַרוואָס ער האָט אים איינגעלאַדן. דער פּלאַן אַוועקצופֿאָרן אין האָטעל ברעוואָר האָט שוין לאַנג אין אים געבורעט. גלייך ווי ער האָט דערהערט, אַז קעטרין איז דאָרטן, האָט ער זיך אויך דערזען דאָרטן. נאָר האָט ער זיך נישט געקאָנט פֿאָרשטעלן, ווי וועט ער עס מאַכן. ווי וועט ער עס אַליין אַריינקומען אין רעסטאָראַן,

אזוי שפּעט אין דער נאַכט? ער וועט זיך דערמיט פּאַרראַטן, אַרויס־געבן. נאַטירלעך, וועט ער זיי, קעטרין און ענדריון, נישט זאָגן, אַז ער האָט געוווּסט, אַז זיי זײַנען דאָ. ער וועט מאַכן דעם אָנ־שטעל, אַז דער ריינער צופאַל האָט אים אַרײַנגעבראַכט. אָבער ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט דעם אָנשטעל נישט גוט דורכ־פירן. שוין זײַן אַרומקוקן זיך וועט אים פּאַרראַטן. ער וועט זיך דאָך מוזן אַרומקוקן. אַרײַנקומען און נעמען דאָס ערשטע בעסטע טישל, צי ער זעט זי אָדער נישט, האָט דאָך נישט קיין זין. אפשר זײַנען זיי שוין דאָרטן נישטאָ? איז וואָס וועט ער זיצן און אויס־דרייען זיך דעם האַלז און אויסקוקן די אויגן, ווי פריער אין שפּיל־הויז? וועט ער זיך דאָך מוזן אַרומקוקן... און אַז ער וועט זיך אַרומקוקן, וועלן אים זײַנע אויגן געוויס אַרויסגעבן. ער קאָן זיך נישט פאַרשטעלן. ער וועט די זוכעניש נישט קאָנען פאַר־יאָגן פון זײַן בליק. מען וועט גלייך דערקענען, אַז ער זוכט עמעצן. אָבער אַז ער וועט אַרײַנקומען מיט ווײַנגוטן, וועט עס זײַן אַ סך לײַכטער. ערשטנס, וועט עס נישט דאַרפן הייסן, אַז ער האָט געזוכט. צווייטנס, וועלן זיי קאָנען אַרײַנגיין אַזוי, אַז עס זאָל באַשטימט אויסזען, ווי דער צופאַל האָט זיי פאַרטראָגן. און, אויסער דעם, מעגן זיך צוויי דערלויבן דעם שפּאַס פון זוכן און צושטערן אַ גליקלעך „אונטער־פיר־אויגן"...

און אַזוי האָט ער אײַנגעלאַדן ווײַנגוטן. אָבער ער האָט זיך געוווּנדערט, ווי אַזוי האָט ער אים געמאַכט פאַר זײַן פאַר־טרויענס־פּערזאָן. ווי אַזוי האָט ער אויפגעעפנט פאַר אים דאָס האַרץ און געלאָזן כאָטש אַביסל אַרײַנקוקן אין זײַן נשמה? יע־נער פאַרשטייט אים דאָך נישט, און ווײַל און קאָן אים אויך נישט פאַרשטיין. עס איז אים געוואָרן אומאָנגענעם, וואָס ער האָט אים אײַנגעלאַדן. אַליין וואָלט געווען אַ סך גלײַכער: ער וואָלט נישט געדאַרפט אַרײַנלאָזן ווײַנגוטן אין זײַן סוד. און עס וואָלט געווען אַ סך אינטערעסאַנטער, ראָמאַנטישער. ער וואָלט אַזוי אויסגע־מאַנעווורירט, אַז ער וואָלט אויסגעקומען צו זיצן אַנטקעגן זיי, פון זיי נישט געזען. ער וואָלט זיי אַ לאַנגע צייט געקאָנט באַאָבאַכטן. אַלע זייערע באַוועגונגען, אַלע זייערע בליקן. און קעטרין וואָלט אויפגעהויבן אירע אויגן און וואָלט אים דערזען... וואָס וואָלט

ער געטאָן? ער וואָלט אַוועקגעקוקט פון איר, געמאַכט זיך נישט־זעענדיק זי. ער וואָלט זיך פאַרטיפט אין דעם געריכט, וואָס פאַר אים אויפן טיש. אָדער פאַרקוקט זיך אויף אַן אַנדער פּאָרל, אָדער טאַקע אויף אַן איינזאַמען מיידל ערגעץ־ווו ביי אַ טישל... אָדער ניין — ער וואָלט באַגעגנט קעטרינס בליק מיט אַ רואיקן. אָבער פילזאָגנדיקן דערווידער־בליק. ווירקלעך, עס וואָלט געוועזן זייער אינטערעסאַנט, ווען ער וואָלט בעסער געוועזן אַליין... זייער ראָמאַנטיש... אָבער עס איז פאַרפאַלן... ער האָט זיך אַביסל צו־געאיילט... ווען אויף וויינגוטן זאָל עפּעס אָנפאַלן אַ שלאָף אָדער אַ קאָפּ־ווייטאָג אָדער אַן אַנדער ווייטאָג, און ער זאָל חרטה האָבן און באַשליסן, אַז ער וויל בעסער אַהיים אין בעט...

אָבער וויינגוט איז פון גאָרנישט באַפאַלן געוואָרן, און נישט ווייט פון דעם רעסטאָראַן האָט ער ענדלעך איבערגעריסן די שטילקייט און געפרעגט, ווי זאָלן זיי מאַכן דעם איינטריט: זאָלן זיי אַנטדעקן אָדער אַנטדעקט ווערן? זאָלן זיי צוגיין צו ענ־דריון און קעטרין און איבעראַשן זיי, אָדער אַוועקזעצן זיך אַזוי, אַז ענדריו און קעטרין זאָלן זיי מוזן דערזען און איבעראַשט ווערן?

אָרנאָלדן איז פּלוצלונג איינגעפאַלן צו פרעגן:

„וואָס איז, איר מיינט, אַז מיר איז איינגעפאַלן צו פאָרן אין האָטעל ברעוואָר, ווייל מיס שופּרא איז דאָרטן?"

וויינגוט האָט גאַנץ העזהדיק און פעסט אָפּגעענטפערט:

„איך מיין עס גאַנץ געוויס."

„איך וואָלט אייך געקאָנט זאָגן, אַז אויב דאָס וואָלט גע־וועזן אמת, וואָלט איך אייך נישט איינגעלאַדן מיטצופאָרן. איך וואָלט אייך אויך געקאָנט פשוט זאָגן, אַז איר האָט אַ טעות..."

„איז פאַרוואָס זאָלט איר עס נישט זאָגן?"

„ווייל מיר געפעלט אייער געדאַנק."

אָרנאָלד האָט זיך צולאַכט.

„איך בעט אום אַנטשולדיקונג, אויב איך האָב געהאַט אַ טעות," האָט וויינגוט געזאָגט אַביסל גערייצט. „אָבער זייט איר פעאיק צו בעטן מיך אום אַנטשולדיקונג פאַר מאַכן מיך צו בעטן אייך אום אַנטשולדיקונג?"

אַרנאָלד האָט זיך נאָך מער צולאַכט, פאַרלעגן און גע־מאַכט, אָבער דאָס מאָל האָט אויך וויינגוט געלאַכט. און ביידע זיינען זיי אַריין אין דעם רעסטאָראַן מיט דעם פאַרשווינדנדיקן געלעכטער אויף זייערע געזיכטער און אין זייערע אויגן, וויינגוט פאָראויס, אַרנאָלד פון הינטן. ער איז געווען פאַרלעגן און נער־וועז, געקוקט אַרום זיך אין דעם העל־באַלויכטענעם צימער, גע־זוכט עפּעס אַ צוטשעפּ אויף אויפצולאַכן הויך. דערפאַר האָט ער געזאָגט, אום גלאַט עפּעס צו זאָגן און פאַנאַנדערצולאַכן זיך:

„איך וועט זיך מיט אייך, אַז איר וועט נישט קאָנען אײַ־בערהזרן אייער לעצטן זאַץ נאָכאַמאָל.“

זיין אויפלאַכן האָט אָנגעטראָפן אַ קליינע געזעלשאַפט אַרום אַ טיש, נישט ווייט פון דער טיר, און אַ פרויען־שטימע האָט אויסגערופן:

„העלאָו, הייליקער מאָזעס! העלאָו, וואָלטער!“

אַרנאָלד האָט זיך אומגעקוקט און אויפגעציטערט. דאָס איז געווען מרס. שופּרא, קעטרינס מוטער. וויינגוט האָט זיך אויך אומגעקוקט און אָפּגעשמייכלט, צופליסטערנדיק אַרנאָלדן:

„ווי געפעלט אייך עפּעס די באַגעגעניש?“

„אינטערעסאַנט,“ האָט אַרנאָלד געצבועטשעט.

זיי זיינען צוגעגאַנגען צו איר טיש.

מרס. שופּרא איז געווען דער פורעם, אין וועלכן קעטרין האָט זיך אויסגעגאָסן. מוטער און טאָכטער זיינען זייער ענלעך געווען. דאָסזעלביקע אָוואַלע געזיכט, דיזעלביקע שוואַרצע אויגן אונטער לאַנגע ברעמען, דיזעלביקע רויט־באַפאַרבטע און באַפּו־דערטע שוואַרצהנעוודיקייט פון די באַקן. ווען זיי זיינען געווען צוזאַמען, האָט מען מרס. שופּרא געקאָנט אָננעמען פאַר אַן על־טערער שוועסטער פון קעטרין. איר געזיכט איז געווען פולער, ווי אויך איר גאַנצע פיגור. ביי די אויגן האָט מען געקאָנט אַנט־דעקן גוט פאַרפאַרבטע גראָבנס, וועלכע די יאָרן האָבן געמאַכט אין זייער אומבאַרחמנותדיקן מאַרש. אירע האָר, אויך פעך־שוואַרץ, זיינען אָבער געווען געקרייזלט און דורכגעמישט מיט זילבער, וואָס זי האָט נישט פאַרפאַרבט, ווייל זי האָט אויסגעפּו־

נען, אַז דאָס מאַכט זי זייער פּיקאַנט. זי האָט זיך אַפילו באַרימט, אַז קעטרין איז איר מקנא דאָס זילבער.

זי איז איצטער געווען האַלב־שיכורלעך, די באַקן רויט, די שוואַרצע אויגן פאַרלאָפן, קוקנדיק אַרום זיך העזהדיק און אַרויסרופנדיק.

אין איר געזעלשאַפט זיינען געווען דריי הערן, אַלע אין דעם עלטער צווישן פופציק און זעכציק. רעכטס פון איר איז געזעסן דער אַדוואָקאַט וויליאַם ראָדזשערס, גרויס און שטאַרק, מיט אַ הילכיקער שטימע אין רעדן און אין לאַכן. לינקס פון איר דער באַנקיר פּיטער גודמאַן, אַ באַלייבטער, מיטל־וווקסיקער און גרוי־באַבערדיקטער מאַן. אַנטקעגן איר דער קליידער־פאַבריקאַנט מאָרים ליסאָן, קורץ און דיק, מיט אַ גרויסן פּליך און אַ מאָפּס־געזיכט מיט דיקע תאווהדיקע ליפּן. ער האָט נישט אַראָפּגענומען פון איר זיינע אויגן און אונטערן טיש דורכגעפירט אַ גאַנצן טאַנץ מיט אירע פיס.

אַרנאָלד און וויינגוט האָבן געקענט ראָדזשערס און גוד־מאַן, און זיינען פאָרגעשטעלט געוואָרן מר. ליסאָן. ער האָט זיך קוים אומגעקוקט אויף זיי. מאָפּסיש אַרויסגעברומט זיין באַגרי־סונג. מרס. שופּרא האָט זיי איינגעלאַדן צו נעמען פּלאַץ ביי איר טיש, אויב זיי האָבן נישט קיין אויסזיכט אויף בעסערער געזעל־שאַפט.

די ביידע יונגע מענער האָבן זיך אָנגעקוקט. זאָלן זיי אָנ־נעמען די איינלאַדונג? וויינגוט וואָלט געוואָלט נישט אָננעמען. ער האָט נישט געקאָנט אויסשטיין די מרס. שופּרא און איר גע־זעלשאַפט. אויסער דעם, איז ער געווען נייגיריק אָנצוקוקן לע־ווענבערגן אין דער געזעלשאַפט פון קעטרין. ער האָט שוין גע־וואָלט אָפּזאָגן זיך, אַרנאָלד האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג. ער האָט געזען אין דער איינלאַדונג אַ געלעגנהייט צו באַווייזן וויינ־גוטן, אַז ער האָט נישט געמיינט דווקא קעטרין. דערצו האָט ער געוואָלט נענטער באַקאַנט ווערן מיט קעטרינס מוטער. ער האָט פון איר ביז איצטער אַ סך געהערט, אָבער ווייניק געזען. איר איצטיקער צושטאַנד איז געווען פיל־פאַרשפּרעכנדיק. דערפאַר האָט ער געענטפערט:

„אויב איך איז ניחא, ענג צו מאַכן זיך. — וואָס מיינט איר, מר, וויינגוט?"

וויינגוט איז געווען אומצופרידן.

„איר ווייסט דאָך, איך האָב אויף גאָרנישט אויסגעקוקט," האָט ער קאַלט און בייסיק אָפּגעענטפערט.

„אָבער איר, הייליקער מאָזעס, האָט יאָ אויף עפּעס אויס־געקוקט?" האָט אונטערגעכאַפּט מרס. שופּרא. ראָדזשערס האָט זיך צולאַכט מיט זיין הילכיקן געלעכטער, אָן קיין שום פאַרוואָס. מסתמא האָט אים אַ קיצל געטאָן דאָס וואָרט ע פּ ע ס — מרס. שופּרא האָט עס אַרויסגערעדט מיט באַזונדער באַטאָנונג און אַ ווינק מיטן לינקן אויג. אָדער אפשר איז „הייליקער מאָזעס" אים אויסגעקומען זייער קאָמיש.

מרס. שופּרא האָט אָנגעוויזן די יונגע מענער די פּלעצער רעכטס און לינקס פון איר. די עלטערע הערן האָבן זיך געמוזט אָפּרוקן. מר. ראָדזשערס האָט דאָס געטאָן מיט זיין אומבאַגרינ־דעטן לאַכן. מר. גודמאַן האָט דאָס געטאָן מיט גרויסער העפלעכ־קייט, ווי דאָס אָפּרוקן זיך וואָלט אים גאַנץ באַזונדערס אָנגענעם געווען. אָבער מר. ליסאו איז געווען זייער אומצופרידן, כאָטש ער האָט זיך קוים אַ רוק געטאָן — ער האָט זיך נישט געקאָנט מער אַזוי פריי באַוועגן אונטערן טיש דורך דער פאַרמערטער צאָל פיס.

מרס. שופּרא האָט אָנגעקוקט אַרנאָלדן, וועלכער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי איר רעכטער זייט. עס איז געווען אַן אומאָנ־גענעמער קוק, פול חוזק און באַליידיקונג.

„איר זייט נעבכן גאַנץ באַזונדערס מזלדיק געווען מיט מיין טאָכטער קעטרין," האָט זי אים געזאָגט. „דאָס הייסט, מיין קעטרין איז גאַנץ באַזונדערס געווען מזלדיק מיט אייך. איר מעגט זיך אַלע אָפּלערנען, ווי מען באַהאַנדלט אַ שותפטע אין קאָרטן," האָט זי זיך געווענדט צו די דריי עלטערע הערן. „מר. לעווענבערג האָט זיך צוגענומען דעם קרן און איר אַוועקגעגעבן דעם גאַנצן געווין. מיר האָט נאָך קיינמאָל אַזאַ גליק נישט גע־טראָפן, האַ־האַ־האַ..."

„אַז מען האָט אייך פּאָר אַ שותפטע, קריגט מען דעם קרן

אויך נישט צוריק,״ האָט ארויסגעשאָסן דער אדוואָקאַט און הויך זיך צולאַכט.

„יאָ, איך בין נישט אזא מזלדיקע, ווי קעטרין.״

„דערפאַר גייט אייך אין דער ליבע,״ האָט דער אדוואָקאַט ווייטער געלאַכט.

„הלואי וואָלט עס אמת געווען. אויף מיר איז עס נישט מקוים געוואָרן. מיר גייט נישט — נישט אין קאָרטן און נישט אין דער ליבע. אָט זיצט ער אנטקעגן,״ האָט זי געזאָגט, אָנווייזנ־דיק אויף דעם קליידער־פאַבריקאַנט, „און קוקט מיך אָן מיט זיינע וואַסערדיקע בולדאָג־אויגן און האָט שוין מיר געמאַכט וואונדן אויף די פיס — וועט איר עס אָנרופן, אַז מיר גייט אין דער ליבע?״

דער אדוואָקאַט און דער באַנקיר האָבן זיך פאַנאַנדערגע־לאַכט. ראָדזשערס מיט דעם קנאַקן פון א דונער, גודמאַן — היי־זעריק, האַלזיק. דער קליידער־פאַבריקאַנט האָט נאַריש גע־שמייכלט. אַרנאָלד און וויינגוט האָבן זיך דערפילט גאַנץ אומבאַ־קוועם. וויינגוט האָט עס ארויסגעצייגט מיט אָננעמען א שטרענג און ערנסט געזיכט, אַרנאָלד האָט פאַרלעגן געשמייכלט, מיט עקל אָנגעקוקט דעם קליידער־פאַבריקאַנט. און זי האָט ציניש פאָרט־געזעצט:

„זעט נאָר די צוויי יונגעליים. זיי האָבן זיך, דאַכט זיך, פאַרשעמט, האַ־האַ־האַ... נאַ, דערציילט עפּעס, יונגעליים. נאָר נישט פון דער מלחמה. איך האָב פאַרבאָטן אין מיין אָנוועזנהייט צו רעדן וועגן דער מלחמה. איך קאָן נישט רואיק אויסהערן, אַז אַזויפיל יונגעליים ווערן געהרגעט. איך דענק מיר דעמאָלט, אַז עס וועלן בלייבן אַזויפיל יונגע מיידלעך. אויף יעדן מאַן אַזויפיל און אַזויפיל מיידלעך. איז ווו וועל איך אַהינקומען? אפילו אָט אַזאַ אָ, ווי דער דאָ מיטן פליך און בייכל און קרומע פיס, וועט ביי זיך ווערן א גרויסער יחסן און שטייגן הויך אין פרייז. ער וועט מיך בעסער אויסבייטן אויף צוויי צוואַנציק־יעריקע, האַ־האַ־האַ... די מלחמה טרייבט מיך אין פאַרצווייפלונג... בעסער נישט רעדן פון איר...״

„און וועגן אַנדערש קאָן מען רעדן, ווען איר האָט גענו־

מען דאָס וואָרט?" האָט דער אַדוואָקאַט ווידער אויסגעשאָסן מיט געלעכטער.

„ווייל איך רעד קליגער פאַר אייך, און איך וויל בעסער הערן אַ קלוג וואָרט, האַ־האַ... איר זעט, איר זעט, ווי ער שמעלצט זיך!", האָט זי אויסגערופן, קלאַפּנדיק אַרנאָלדן און וויינגוטן מיט די עלנבויגנס, און אָנגעצייגט מיטן קאָפּ אויף דעם קליידער־פאַבריקאַנט. „אָט וועט ער עס קוועלט אָן פון מיין חכמה! אַ־יאָ, איך בין קלוג?"

דער פאַבריקאַנט האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט פאַנאַנדערצועפענען זיינע פעטע ליפּן, האָט זי שוין ווייטער גערעדט.

„אויך וועגן ביכער זאָלט איר מיט מיר נישט רעדן, דאָס מוזט איר וויסן. אויב איר ווילט זיין מיינע פריינט, זאָלט איר מיט מיר נישט רעדן וועגן ביכער. איך האָס זיי אַלע, אַפילו ראָמאַנען. איך האָב געהאַט גענוג דערפאַרונג מיט אַ ביכער־מאַכער, און דאָס איז גענוג פאַר מיר. מען זאָגט, אַז ער האָט מיך באַשריבן אין איינעם פון זיינע ביכער, דער שמוציקער הונט. איך האָב, נאַטירלעך, דאָס בוך נישט געלייענט. מוז זיין אַ זייער שמוציק בוך..."

דער אַדוואָקאַט און דער באַנקיר האָבן זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעלאַכט. אויך וויינגוט האָט אויפגעלאַכט, אָבער אַרנאָלד איז געזעסן ווי באַנומען. זי האָט זיך צוהיצט.

„נו, יאָ, נאַטירלעך, אַ זייער שמוציק בוך! און אַז מען זאָל נעמען און מאַכן אַ בוך פון אונז אַלעמען — די ביידע יונגעלייט נישט אַריינגערעכנט, ווייל זיי האָבן נאָך קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט — וועט נישט אַרויסקומען קיין שמוציק בוך? אַז מען זאָל אַריינשטעלן אַלע פעטע חזירישע אַנעקדאָטן, וואָס איר האָט אָנדערציילט, וועט נישט אַרויסקומען קיין בוך, וואָס אונזער פרומע, צנועהדיקע פאָטשט וועט נישט קאָנען איינטראָגן? איר קענט עפּעס פון דידאָזיקע אַנעקדאָטן?" האָט זי זיך געווענדט צו ביידע יונגעלייט. „מסתמא יאָ. וואָרום פונוואַנען ווייס זיי קעטרין? איך קאָן זי קיינמאָל נישט איבעררעדן. ווען איך וויל איר עפּעס דערציילן, ווייס זי עס שוין, און ווייס עס בעסער

פאַר מיר, געזאַלצענער און פעפערדיקער, אַז עס שאַקירט שוין מיך. אַ טײוול אַ מײדל. איך ווײס גאָרנישט, אין ווען זי האָט זיך אײנגעגעבן. ווען איך וואָלט נישט געוווּסט באַשטימט, וואָלט איך געזאָגט, אַז איך האָב זי געהאַט פון טײוול אַלײן, סײדן דער טײוול האָט אין אַ געוויסער נאַכט אָנגענומען מר. שופּראַס גע־שטאַלט. אָבער מר. שופּראַ אַלײן איז אַ גוטער טײוול..."

אַרנאָלדן האָט אַרײנגעשלאָגן דאָס בלוט אין געזיכט. ער איז געוואָרן רויט, ווי צונטער, און עס איז אים געוואָרן הײס. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן ווענטל פון זײן שטול, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, די רעכטע האַנט באַשעפטיקט מיט אַ ברעקל גע־בעקס אויפן טיש. ער האָט געפילט אויף זיך ווײנגוטס בליק און געציטערט, אַז די אַנדערע זאָלן נישט אויפמערקזאַם ווערן אויף זײן רויטקייט. און אָט האָט טאַקע מרס. שופּראַ צוגעווענדט זיך צו אים, איבעררײַשט איבערגעריסן דעם שטראָם פון אירע רייד און אויסגערופן:

„זעט נאָר, דער הײליקער מאָזעס איז דאָך טאַקע רויט גע־וואָרן!"

איצט האָבן אַלע אַנדערע אָנגעשטעלט אויף אים די אויגן. דער אַדוואָקאַט און דער באַנקיר האָבן זיך צולאַכט, און דער קלײדער־פאַבריקאַנט האָט ווײט פאַנאַנדערגעעפנט זײן מויל אין אַ שטילן געלעכטער, וועלכער איז אים געזעסן בײם שפּיץ גאָרגל און נישט געקאָנט אַרויסדרינגען אין דער אויסנוועלט, און צוגע־געבן דעם פאַבריקאַנטס געזיכט אַן אידיאָטישן אויסדרוק. ווײנגוט האָט אומברחמנותדיק נישט אַראָפּגענומען זײנע בליקן פון אַר־נאָלדן, ווי ער וואָלט אים געשמיסן מיט זײ.

אַרנאָלד איז נאָך רויטער געוואָרן און געפילט, אַז ער דאַרף עפּעס זאָגן, אום נישט גאַנץ לעכערלעך צו ווערן.

„פאַרוואָס מײנט איר, בין איך רויט געוואָרן?" האָט ער געפרעגט.

„פון מײנע אומרײנע רײד, פון מײן פּאָרנאָגראַפּיע — אַזוי, דאַכט זיך, איז דאָס וואָרט פאַר חזירשע רײד?"

„רעדט נאָר ווײטער, און איך וועל בלאַס ווערן," האָט ער געזאָגט און שטיל אויסגעלאַכט.

זי האָט אים אָנגעקוקט שאַרף, בייז, גיפטיק.

„וואָס זאָל איך אים אַזוינס זאָגן, וואָס זאָל אים בלאָס מאַכן?״ האָט זי זיך געווענדט צו די אַנדערע, נישט אָפּווענדנ־דיק פון אים איר בליק.

„זאָגט אים, אַז איר זייט פאַרליבט אין אים,״ האָט דער באַנקיר אַרויסגעלאַכט.

„זאָגט אים, אַז ער האָט זיך פאַרליבט אין מר. ליסאָו,״ האָט אַרויסגעשאָסן דער אַדוואָקאַט.

„זאָגט אים, אַז ער האָט אַ פּראָצעס, און מר. ראָדזשערס איז זיין אַדוואָקאַט,״ האָט דער פאַבריקאַנט זיך אָפּגעגעבן צוריק און געלאַכט מיט זיין ווייט־פאַנאַנדערגעעפנטן מויל.

און וויינגוט, אויף וועלכן זי האָט איצטער אַ קוק געטאָן, אַרויספאָדערנדיק זיין מיינונג, האָט קוים אַרויסגערעדט מיט זיין פאַראַכטלעכן, אויבנאויפיקן טאָן:

„זאָגט אים, אַז מען האָט אים צוגענומען אין סאָלדאַטן און [illegible] אויף מלחמה.״

„יעדער איינער פון אייך זאָגט נאָר דאָס, וואָס וואָלט אים דערשראָקן און בלאָס געמאַכט,״ האָט אַרנאָלד געגעבן צוריק.

וויינגוט האָט זיך געפילט פאַרטשעפּעט, איז אין כעס גע־וואָרן, געוואָלט זאָגן עפּעס שאַרפס, געהאַט שוין די ווערטער אויף דער צונג. אָבער מרס. שופּרא האָט שוין ווידער גערעדט, ווענדנדיק זיך צו אַרנאָלדן בייז, שטעכיק.

„איז הערט־זשע, וואָס איך וועל אייך זאָגן,״ האָט זי גע־זאָגט. „פאַרליבט זיך נישט אין מיין קעטרין, אויב דאָס לעבן איז אייך ליב. און אויב איר האָט זיך שוין פאַרליבט, דאַן פאָלגט מיך און באַגייט גלייך זעלבסטמאָרד, אום אָפּצוראַטעווען זיך פון אַ סך צרות און סוף־כל־סוף ערשט באַגיין זעלבסטמאָרד, האַ־האַ־האַ...״

זי האָט זיך צולאַכט הויך אויף אַ קול, באַגלייט פון דעם הילכיקן געלעכטער פון דעם אַדוואָקאַט און דעם הייזעריקן גע־לעכטער פון דעם באַנקיר און פון דעם פאַרגליווערטן געלעכטער פון דעם קליידער־פאַבריקאַנט. פון די אַרומיקע טישלעך האָט מען זיך אַרומגעקוקט, און וויינגוט האָט זיך געפילט זייער אומאָנגע־

נעם. אָבער ארנאָלד האָט געפילט, ווי די פארב וואָלט אים ווירק־
לעך פארשוווּנדן פון די באַקן דורכדעם, וואָס זי האָט געזאָגט.
און ער האָט געדענקט, אַז ער וועט זיך ארויסהעלפן, ווען ער וועט
זיך אָפּוויצלען.

„עס קאָן איינעם ווירקלעך קאַלט ווערן,“ האָט ער געזאָגט,
„ווען אַ מאַמע רעדט אַזוי פון איר אייגענער טאָכטער.“

דאָס לעצטע וואָרט האָט ער קוים אַרויסגערעדט. דאָס איז
ביי אים ווי פארגליווערט געוואָרן צווישן די ליפּן, און זיינע אויגן
זיינען געווען אָנגעשטעלט אויף דער טיר פון דעם דערביייאיקן
צימער מיט אַן אויסדרוק, ווי ער וואָלט דאָרטן דערזען אַ גייסט.

דאָס לאַכן האָט פּלוצלונג אויפגעהערט, און די געזעלשאַפט
האָט זיך אומגעקוקט אין דער ריכטונג פון זיין בליק. אפילו
דער פאַבריקאַנט האָט פארגעסן אויף אַ ווײַלע די פיס אונטערן
טיש און שווער אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף דעם דיקן האַלז צו
דער טיר, וועלכע איז געווען הינטער אים.

אין דער טיר איז געשטאַנען קעטרין.

# XI

זי איז געווען אָנגעטאָן, ווי נעכטן, אין רויטן קלייד און רויטן הוט. אַ בוקעט וויאָלעטן, צוגעשטאָכן צו איר גאַרטל, האָט איבערגעבראָכן די רויטקייט פון איר קלייד. דערפאַר אָבער זיינען אירע באַקן געווען גאַנץ פאַרפלאַמט, פייעריק — פון טרינקען אָדער פון אַן אַנדער אויפרעגונג — און פאַרשטאַרקט די סאַמע־טענע רויטקייט, אין וועלכער זי איז געווען איינגעוויקלט. דאָך אירע אויגן האָבן אויסגעזען ווי אַ שוואַרצער טיפער אָפּגרונט, אין וועלכן עס האָט געברענט אַ פייער, פון וועלכן די גאַנצע רויט־קייט האָט זיך פאַרשפּרייט.

מען האָט זיך פאַרקוקט אויף איר. אַלע געסט. און נישט איין מיידל האָט געמוזט, פול בייזער איפערזוכט, צוריקציען אויף זיך מיט באַזונדערער ענערגיע די אויפמערקזאַמקייט פון איר קאַוואַליער.

קעטרין האָט זיך אָפּגעריסן פון דער טיר, אין וועלכער זי איז אַ ווײַלע געשטאַנען ווי איינגעראַמט, געמאַכט אַ פאַרוווּנ־דערט געזיכט, דורכגעגאַנגען דאָס צימער. ווי נישט אויסמאַכנ־דיק זיך, וואָס זי איז איצטער דער מיטלפּונקט פון אַלעמענס באַ־וווּנדערונג, ווי איינע, וועלכע איז דערצו געוווינט. זי איז צוגעקו־מען צו איר מוטערס טיש.

„וואָס איז? וואָס איז אַזוי דאָ דער געלעכטער? איך האָב גלייך דערקענט מיין טייערער מאַמעס געלעכטער. איך האָב גלייך געזאָגט: איך וועט זיך, אַז דאָס איז מיין מאַמע... וואָס קוקט איר

מיך אַלע אַזוי אָן? העלאָו, מר. ראָדזשערס! העלאָו מר. גודמאַן!
העלאָו" — צום פאַבריקאַנט, אָן אַ נאָמען, קוים אַרויסרעדנדיק—
„העלאָו, מר. וויינגוט! האָבן מיר זיך נישט געזען אין קלוב? מיר
האָבן זיך דאָך געזען אין קלוב. אייך איז היינט אויך שלעכט גע־
גאַנגען..."

און איצטער האָט זי זיך געווענדט צו אַרנאָלדן, קאַלט און
נאָכלעסיק, כמעט מיט דעמוזעלביקן טאָן, ווי צום שניידער:

„העלאָו! וואָס טוט איר דאָ? ווי קומט איר אַהער? איר
זייט דאָך געווען ביי מיס קעלערמאַן... וואָס קוקט איר אַלע
אַזוי?"

„מיר האָבן אַ טויטן דאָ ביים טיש," האָט מר. ראָדזשערס
געזאָגט מיט אַ שרעק־שטימע און פאַנאַנדערגעלאַכט זיך.

„אַ קאַנדידאַט אויף זעלבסטמאָרד," האָט פאַרריכט דער
מער פּינקטלעכער באַנקיר.

„זאָל איך אייך צושטעלן אַ רעוואָלווער?" האָט וויינגוט
זיך געווענדט צו אַרנאָלדן איבער מרס. שופּראָס קאָפּ.

אַרנאָלד האָט קוים געהערט די אַרומיקע באַמערקונגען. ער
וואָלט אויך נישט געווען אין שטאַנד אָפּצוענטפערן אויף זיי.
ער איז איצטער געווען פול פון קעטרין. ער האָט אַליין נישט גע־
ווּסט, ווי ווייט ער האָט זי געוואָלט זען.

ער האָט זי איינגעלעך געזען פאַר זיך דעם גאַנצן טאָג. ער
האָט נישט אויפגעהערט אַרויסצורופן זי פאַר זיינע גייסטיקע
אויגן, ווי ער האָט זי נעכטן געזען ביים שפּיגל און אין רעסטאָ־
ראַן. אָבער דאָס בילד איז געווען פאַרשוומען, ווייט און גרוי
אין דער וועזנלאָזיקייט, נישט־ממשותדיקייט פון דער פאַנטאַזיע.
און אָט שטייט זי פאַר אים לייבהאַפטיק, אין איר גאַנצן גלאַנץ
און פייער, מיט אירע ברענענדיקע אויגן, מיט דער באַשיכורנדי־
קער רויטער חנעוודיקייט פון אירע באַקן, מיט דעם כּישוף פון
אירע ליפּן, מיט דעם אָטעם־פאַרכאַפּנדיקן צויבער פון אירע קער־
פּער־ליניעס!

אַ גרויסע ווארעמקייט האָט זיך צוגאָסן איבער זיין ברוסט,
אַ נחתדיקע פריילעכקייט, אַן אויפשטורעמען פון זיין בלוט.
ווען ער האָט זיך געכאַפּט, אַז מען רעדט דאָ שטעכיק און

צווייַדייטיק וועגן אים און צו אים, און ער דאַרף עפּעס ענטפערן, האָט ער דאָך קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. ער האָט נישט גע־וואָלט אָפּקילן די גרויסע וואַרעמקייט, וועלכע האָט אים אויס־געפּילט. מעגן זיי טראַכטן און רעדן וועגן אים, וואָס זיי ווילן!

קעטרין האָט אָנגעקוקט די מוטער און איר געזעלשאַפט נאָך מיט מער פאַרוווּנדערונג.

„איך פאַרשטיי נישט אייער טויטן־לשון,” האָט זי שאַרף אַרויסגערעדט.

ווידער האָבן זיך ראָדזשערס און גודמאַן צולאַכט, און לי־סאַו האָט אַרויסגעטשמאַקעט מיט זיינע דיקע ליפּן:

„מען האָט גראָד גערעדט וועגן אייך, האָט איר זיך באַ־וויזן.”

קעטרין האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף אים און געפרעגט ביי די אַנדערע:

„ווי איז עס מיטן טויטן אָדער זעלבסטמערדער?”

אַז מען האָט דאָ גערעדט וועגן איר, האָט זי ווייניק וואָס אינטערעסירט.

ראָדזשערס און גודמאַן האָבן פאָרטגעזעצט זייער געלעכ־טער, איינער הויך, דער אַנדערער נידעריק און הייזעריק, אַ שלעכט צוגעשטימטער דועט, און מרס. שופּראַ, וועלכע האָט אָפּט אַרוי־בערגעשאָסן אירע בליקן איבער איר פּלייצע צו אַרנאָלדן, איז אַרויס מיט אַ דערקלערונג. זי האָט דערציילט, וואָס זי האָט גע־זאָגט לעוועבערגן און פאַרוואָס זי האָט עס געזאָגט. אָפּט אי־בערגעריסן איר דערציילונג מיט געלעכטער־אויסברוכן אונטער דער געלעכטער־באַגלייטונג פון ראָדזשערס און גודמאַן און ביי אומגעדולד־אויסדריק פון קעטרין. דער קליידער־פאַבריקאַנט האָט איצטער אָנגעהאַנגען פאַרליבטע, אַרויסשטאַרצנדיקע אויגן אויף מרס. שופּראַ, דעם קאָפּ אונטערגעשפּאַרט מיט ביידע הענט, מיט די עלנבויגנס אויפן טיש, גאַנץ צושמאָלצן און פאַרגעניגט, פאַר־חנוגט פון איר שיינקייט און פון איר גייסט און פון איר פּוס, וועלכן ער האָט געהאַלטן איינגעקלעמט צווישן זיינע. ווייניגוט האָט געקוקט איבער מרס. שופּראַס קאָפּ אויף אַרנאָלדן. אַ פאַר־

ניכטנדיקער קוק, פול מיט פרייד איבער דער לעבערלעבקייט פון דעם פארדייטשטן שלום-מענטש.

אָבער ארנאָלד האָט נישט אראָפּגענומען די אויגן פון קעט־רין, ווי ער וואָלט געוואָלט אריינדרינגען איר טיף אין קאָפּ און הארץ, זען, וואָס פאר א ווירקונג איר מאַמעס ווערטער מאכן אויף איר.

„איז דאָס דער גאנצער געלעכטער?" האָט זי געפרעגט שארף און בייז. „קומט!" האָט זי אויסגערופן צו ארנאָלדן. „קומט צו מיר. איר האָט דאָ, אין דער געזעלשאפט, נישט וואָס צו טאָן."

זי איז צוגעגאנגען צו אים, אנגענומען פאר דער האנט און אויפגעהויבן פון אָרט. די גאנצע געזעלשאפט איז געוועזן אי־בערראַשט. מער פאר אַלעמען ארנאָלד, כאָטש טיף אין הארצן האָט ער שוין לאנג געווונטשן זיך אזא ווונדער און געווארט אויף אים. ער איז געשטאנען און נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן, ווי צו באַנעמען זיך. זאָל ער גיין אָדער נישט גיין? און דאָ איז מר. וויינגוט, וועלכן ער האָט איינגעלאַדן. ווי קאָן ער אים איצטער איבערלאָזן? דאָס לעצטע באדענקען, האָט ער געפילט, מוז ער ארויסזאָגן הויך.

„איך האָב מיט מיר מיין גאַסט — מר. וויינגוט," האָט ער געשמייכלט.

וויינגוט האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אנטשולדיקן ארנאָלדן— ער זאָל זיך נישט לאָזן שטערן. אָבער קעטרין האָט אים פארכאפּט דאָס וואָרט, ארויס־געשריען:

„איר דארפט זיך נישט פילן פארפליכט צו א פריינט, וועל־כער האָט געוואָלט אונטערטראָגן אייך א רעוואָלווער!"

און איז אוועק אין דעם אנדער צימער, געשלעפּט ארנאָלדן נאָך זיך.

ביים טישל, צו וועלכן זי האָט אים צוגעפירט, איז געזעסן ענדריו און האָט גאנץ באַקוועם גערויכערט, פארלאָרן אין געדאנ־קען, זינדיקע, תאוהדיקע געדאנקען, אין וועלכע ער האָט דערראָ־בערט קעטרין אין זיין פּריוואַטער וווינונג, פון וועלכער ער האָט געפאנטאזירט. ווען ער האָט דערזען ארנאָלדן, איז אים דער רויך

פאַרגאַנגען מיט אין האַלז. ער האָט זיך פאַרהוסט. פאַר אַרנאָלדן איז דאָס געווען אַ פויזע, אין וועלכער ער איז אינגאַנצן געקומען צו זיך פון זיין פריערדיקער איבערראַשונג.

„פונוואַנען האָט איר זיך גענומען אַזוי שפּעט?" האָט ענ־דריו ענדלעך געפרעגט. „איר זייט דאָך..."

„ער נעמט זיך אָן פאַר דעם כבוד פון זיין שוועסטער," האָט קעטרין געזאָגט, אַוועקזעצנדיק זיך און אַראָפּציענדיק אַר־נאָלדן אויף אַ שטול לעבן זיך. „ער מיינט, אַז נאָכדעם, ווי מען האָט פאַרבראַכט מיט זיין שוועסטער אַ גאַנצן אָוונט, מוז מען אַוועקגיין אַהיים און לייגן זיך שלאָפן, פרום און געטריי און אָפּגע־היט פון אַלע פאַרזוכונגען."

ענדריו האָט אָנגערוקט דעם שטערן. ער האָט נישט געקאָנט ליידן, קעטרין זאָל אַזוי רעדן פון זיין שוועסטער.

„ניין, ווירקלעך..." האָט ער געשטאַמלט צו אַרנאָלדן.

„עס זיינען אומרואיקע צייטן, אין וועלכע דער שלאָף ווערט געטריבן פון די אויגן," האָט אַרנאָלד געזאָגט. „גייט מען אום שלאָפלאָז פון פּלאַץ צו פּלאַץ, און דער צופאַל גייט פאָראויס און ווייזט דעם וועג."

„זייט איר צופרידן מיט דעם וועגווייזער?" האָט קעטרין געפרעגט.

אַרנאָלד האָט זי בלויז אָנגעקוקט. אירע אויגן האָבן אויפ־געפייערט, אירע ציינער האָבן זיך צונויפגעדריקט.

„איך זע, איר זייט צופרידן," האָט זי געזאָגט, אַרויסגע־שאַרט די ווערטער. „איך אויך. איר וועט מיך אָפּפירן אַהיים. איך האָף, אַז די רייזע וועט זיין אינטערעסאַנטער, ווי מיט אים דאָ. אים איז איינגעפאַלן צו נעמען מיך אַהער אין זיין מאַשין וועלכע ער טרייבט אַליין. מוז איך מיט אים זיצן פאָרנט, און זיינע הענט זיינען באַשעפטיקט מיטן ראָד... דאָס איז דאָך נישט קיין פאַרגעניגן... איר טרייבט דאָך נישט אַליין די מאַשין?"

„גאָט זיי דאַנק, ניין!" האָט אַרנאָלד געלאַכט.

„דאָס וועט זיין זייער געמיין," האָט ענדריו פּראָטעסטירט.

„איך האָב דיך געבראַכט אַהער, איך מוז דיך אָפּפירן. איך פיר

אַפּ מיין מאַשין אין אַ דערבייאיקן גאַראַזש און נעם אַ טאַקסי — ווי איז וועגן דעם?״

„עס טוט מיר זייער לייד — אָבער איך פאָר מיט לעווענ־בערגן.״

„אַלס דזשענטעלמען וועט זיך לעווענבערג אָפּזאָגן פון דעם פאַרגעניגן. וועט איר נישט, אַרנאָלד?״

„באַ! קומט, אַרנאָלד!״

זי האָט אַ כאַפּ געטאָן איר מאַנטל פון דעם דערבייאיקן שטול, אָנגעכאַפּט אַרנאָלדן אונטערן אָרעם און איז מיט אים אַרויס. נישט אומגעקוקט זיך אַפילו אויף ענדריון, וועלכער האָט צוזאַמענגעביסן די ציינער פאַר כעס און צוגעשוואָרן זיך, אַז דאָס וועט זיי ביידן טייער קאָסטן.

אין אויטאָמאָביל האָט זי זיך צולאַכט. איבער דעם, וואָס זי האָט אָפּגעטאָן ענדריון און אין דעם באַוווּסטזיין פון איר אייגע־נער מאַכט. אָבער פּלוצלונג איז איר געלעכטער איבערגעריסן גע־וואָרן: אַרנאָלד האָט זי אַרומגענומען מיט דער רעכטער האַנט און אַרויפגעדריקט אַ קוש אויף אירע ליפּן. אַ לאַנגן, ליידנשאַפט־לעכן קוש. זיינע ציינער צוגעפּרעסט צו אירע. דערביי אויך האָט ער אַרויפגעלייגט זיין לינקע האַנט אויף איר אָנגעצויגענעם האַלז און קאָנוווּלסיוו איינגעדריקט אין אים זיינע פינגער, ווי צו דער־שטיקן זי, דאָך אומענדלעך געניסנדיק די באַרירונג מיט דער צאַרטקייט פון איר יונגער, וואַרעמער הויט.

קעטרין האָט זיך נישט געוועהרט, איז נישט געווען איבער־ראַשט. נאָר עס האָט איר אָטעם פאַרפעלט. זי האָט געמאַכט אַ באַ־וועגונג אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. אָבער דעמאָלט האָט ער זי נאָך פעסטער צוגעדריקט צו זיך און שטאַרקער איינגעקוועטשט די פינגער אַרום איר האַלז. זי האָט געמאַכט אַ שטאַרקערע באַווע־גונג צו באַפרייען דעם האַלז, האָט אויפגעהויבן די הענט. ער האָט זי אַריבערגעוואָרפן צו זיך איבער די קני און אויף דעם לינקן אָרעם, אַרומגענומען איר האַלז מיט דער רעכטער האַנט און ווי־דער געוואָלט אַרויפדריקן ליפּן אויף ליפּן.

„אַ מאָמענט נאָר,״ האָט זי אַרויסגעפּליסטערט. „איך וויל וואָס צורעכט מאַכן.״

ער האָט אוועקגענומען זיין האַנט פון איר האַלז, אַראָפּגע־בויגן זיין קאָפּ אויף איר ברוסט, באַטרונקען, אומגעדולדיק, נישט קאָנענדיק זיך אַליין מער באַהערשן.

זי האָט אַראָפּגענומען די רויטע קאַראַלן פון איר האַלז. זיי האָבן איר געשניטן אין דער הויט און ווי געטאָן. איצטער איז זי געבליבן רואיק ליגן אין זיין אָרעם, געוואַרט.

ער האָט דערפילט איר וואַרטן, אויפגעהויבן איר קאָפּ, איינגעקוקט זיך אין איר אין דער פינסטערניש פון דעם אויטאָ־מאָביל. ער האָט איר געזיכט קוים געקאָנט זען, נאָר אירע אויגן האָבן צו אים אַרויסגעברענט פון דער פינסטערניש, ווי צוויי ברענענדיקע קוילן. וואַרטנדיקע, גיריקע, פרעסנדיקע אויגן.

ער האָט ווידער אָנגעכאַפּט זי פאַרן האַלז און אַרויפגע־דריקט אויף אירע ליפּן זיין אומגעזעטיקטן קוש.

דער אויטאָמאָביל האָט זיך שנעל געטראָגן דורך דער שלאָפנדיקער פינפטער עוועניו, וווּ דער גערויש פון טאָג איז גע־שטאַנען ווי אַ פאַרגליווערטער נעפּל צווישן בײדע הייזער־רייען. איז שנעל אַריבערגעלאָפן די צווייאונפערציקסטע גאַס, וווּ צייט־טונגס־פאַרקויפער האָבן אויסגערופן די מאָרגן־צייטונגען, אין וועלכע מיט גרויסע קעפּ איז אָנגעזאָגט געוואָרן די ווונדערלעכע בשורה פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, די אַראָפּזעצונג פון דעם לעצטן ראָמאַנאָוו. אַריבערגעגליטשט זיך איבער דער ניינ־אונפופציקסטער גאַס מיט גרעסערער געשווינדקייט אין דער פאַר־נעמער שטילקייט, וועלכע גייט אַרום, ווי אַ שטאָלצע פּרינצעסין, טאָג און נאַכט צווישן דעם צענטראַל־פּאַרק און די רייכע פּאַלאַצן. דער געלאַנגווייליקטער און שלאָף־מידער שאָפער האָט געוואָלט וואָס שנעלער אהיים. אַ פּאָר מאָל האָט ער געפּרוּווט אַ קוק טאָן אַ הינטער זיך, ווי ער וואָלט חושד געווען דעם קוש־אָנפאַל פון זיין באַלעבאָס, און נאָך פאַרגרעסערט די שנעלקייט, ווי געטריבן פון דעם בלוט־טעמפּאָ פון די, וועלכע ער האָט געפירט.

ווען דער אויטאָמאָביל איז שטיין געבליבן פאַר קעטרינס הויז, האָבן זיי בײדע צוערשט נישט געוווּסט, וואָס איז פאָרגע־קומען. עס איז זיי געווען, ווי מיט דעם אויטאָמאָביל וואָלט עפּעס געטראָפן. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַרויסגע־

סוסט, זי האָט אַריבערגעקוקט איבער איר שטערן, ליגנדיק אויף זיינע קני.

„שוין?״ האָט זי אַרויסגערעדט.

ער האָט שיר נישט אָנגעבאָטן ווייטער צו פאָרן, אָבער ער האָט זיך געשעמט פאַר זיין שאָפער. האָט ער אַלץ אַרויסגעקוקט. ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פאַרגעוויסערן, אַז דער שאָפער האָט נישט געמאַכט קיין טעות.

זי האָט זיך פויל אויפגעזעצט, איז לאַנגזאַם אַרויסגעשטיגן פון אויטאָמאָביל, געהאַלטן אים פאַר דער האַנט, געשלעפּט נאָך זיך. אויפן טראָטואַר האָט זי זיך אומגעדרייט, אָנגעקוקט אים ביים שיין פון אַ דערבייאיקן גאַס־לאַמטערן. אַ פאַרוווּנדערטער, נייגיריקער קוק. פון צווישן איינגעדריקטע ציינער האָט זי ליידנ־שאַפטלעך אַרויסגעוואָרפן:

„אַ גוטע נאַכט!״

אָבער זי האָט אים נאָך נישט אָפּגעלאָזן, געשטאַנען און אָנגעקוקט אים מיט פלאַמענדיקע בליקן און מיט צוזאַמענגע־שלאָגענע ציינער, וועלכע האָבן אַרויסגעוויסט זיך פון גיריק־פאַנאַנדערגעעפנטע ליפּן. און ענדלעך האָט זי אַרויסגערעדט לאַשטשענדיק, גלעטנדיק, תאוהדיק:

„ווייסט, וואָס איך האָב אַזוי ליב געהאַט אין דיין קושן? דאָס, וואָס דו האָסט געדריקט מיין האַלז.״

„האָב איך עס?״

„ווי דו וואָלסט מיך געוואָלט דערווערגן... אַ גוטע נאַכט!״

זי איז אַרויפגעלאָפן אויף די טרעפּ און אויפגעעפנט די טיר. שטייענדיק אין טיר, האָט זי אים צוגעוואָרפן אַ קוש און איז פאַרשוווּנדן אין דער פינסטערניש פון דעם הויז.

ער האָט זיך לאַנגזאַם אומגעקערט צום אויטאָמאָביל. די שיכרות איז פאַרפלויגן, האָט זיך אויסגעוועבט. ער האָט זיך אויפגעטרייסלט, געקומען צו זיך.

יאָ, ער האָט זי געדריקט ביים האַלז, ווי ער וואָלט זי גע־וואָלט דערווערגן. ער דערמאָנט זיך. אויך אים איז אָנגענעם גע־ווען, וואָס זי האָט אַראָפּגענומען די קאָראַלן פון האַלז. ער האָט נעקאָנט בעסער פילן איר הויט. בעסער דריקן — ווי צו דער־

ווערגן. די חיה אין אים! ער האָט אויפגעשווידערט. די חיה אין אים! ער האָט זי נישט געוווּסט אין זיך. ער האָט קיינמאָל נישט חושד געווען, אַז ער וועט זיך קאָנען אַזוי ווילד באַנעמען. ווי האָט ער געקושט! אַזוי תּאוהדיק, אַזוי משוגנהדיק, אַזוי פֿער־ווערזן!...

ער האָט זיך געשעמט פֿאַרן שאָפֿער. ער האָט אים אַוועק־געשיקט מיט אַ „גוטע נאַכט," נישט אַ קוק טוענדיק אין זיין זייט. ער האָט מורא געהאַט צו מאַכן ליכטיק אין די צימערן, ער זאָל זיך נישט דערזען אין שפּיגל. ער האָט זיך געשעמט פֿאַר זיך אַליין. ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט דערזען אין זיינע אויגן עפּעס, וואָס וועט אים אַריינטרייבן דאָס בלוט אין געזיכט. ער וועט אַנטדעקן אויף זיין פּנים אַן אויסדרוק, פֿון וועלכן עס וועט אים עקלען. איצטער אויך האָט ער דערפֿילט, אַז זיינע ליפּן שמאַרצן אים...

ער האָט אַ וואָרף געטאָן אַ פֿאַרלאָרענעם בליק אויף זיין פּיאַנאָ. פֿאַר קיין פּרייז וואָלט ער איצטער נישט געקאָנט צוגיין צו איר. ער וואָלט זי פֿאַרשוועכט. ער איז געווען זיכער, אַז פֿון אונטער זיינע פֿינגער וואָלטן איצטער אַרויסגעקומען גאַנץ נייע טענער: העזהדיקע, גרילצנדיקע, תּאוהדיקע.

ער איז אַריין אין בעט אונטער זיין צודעק, ווי ער וואָלט זיך באַהאַלטן. ער האָט אָבער נישט געקאָנט איינשלאָפֿן. עס האָט אים געעקלט פֿון זיך אַליין. און ער איז געווען טרויעריק, ווייל ער איז שוין נישט מער זיכער געווען אין זיך אַליין, ווייל ער האָט געפֿילט, אַז ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועט ער עס איבערחזרן מיט דערזעלביקער ליידנשאַפֿט, מיט דערזעלביקער ברוטאַליטעט... ווי קומט עס צו אים? האָט די מלחמה אים אַזוי וויים אַרויסגעבראַכט פֿון זיין גלייכגעוויכט? וווּהין קאָן ער נאָך־קומען? וווּהין קאָן ער נאָך קומען? וווּהין קאָן ער נאָך...

# צווייטער טייל

# I

די אראָפּזעצונג פונם רוסישן צאַר איז געקומען אומדער־וואַרט. אַן איבעררעשונג. אַן אומגעהייערע איבעררעשונג. דער עיקר פאַר די זייער קלוגע אַלץ־וויסער, פאַר די שטאַטס־לייט, דיפּלאָמאַטן, פּראָפעסאָרן, געשיכטס־שרייבער, רעדאַק־טאָרן — שאַפער פון דער וועלטס עפנטלעכער מיינונג. זיי האָבן געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן, אַז דער טראָן פון די רוסישע צאַרן שטייט פעסט. אַ, יאָ, זייער, זייער פעסט. אויף די אייזן־שטאַרקע יסודות פון דער רוסישער פאָלקס־נאַטור, אויף דעם פעלזן פון דעם נידעריקן קולטור־צושטאַנד פון דעם רוסישן מוזשיק, אויף דעם סאָלידן פונדאַמענט פון דער שקלאַפישקייט פון די סלאַוון. דאָס צאַרנטום, האָט עס געהייסן, איז איינגע־באַקן אין הארצן פון דעם רוסישן מענטש. איינס אין אים מיט זיין גאָט, מיט זיין אָרטאָדאָקסישן קריסטלעכן גלויבן. נישט אוועקצונעמען פון אים, ווי זיין ערד, זיין הייליקע רוסישע ערד.

און פּלוצלונג — אויס! איינגעפאַלן, ווי דאָס קאָרטן־הויז, וואָס קינדער בויען זיך צום שפּיל, ווי אַ געביידע, וואָס שטייט אויף סלופּעס אינמיטן טייך און דאַרף נאָר דעם קלענסטן וואַסער־אויפשטייג, אום אַראָפּגעשווענקט צו ווערן.

איצטער האָט עס אויפגעהעלט. דער רוסישער צאַריזם האָט שוין לאַנג נישט מער געוואָרצלט אין דעם רוסישן פאָלק. ער האָט זיך געהאַלטן בלויז מיט דעם כוח פון די באַיאָנעטן פון זיין רי־זיקער אַרמיי. ווי ביי דעם דאָרן־בוים־קעניג פון דער ביבל וואַלטן

די וואָרצלען טויט געוואָרן, און ער איז אונטערגעשפּאַרט געוואָרן, אַז ער זאָל נישט איינפאַלן. ווען די באַיאָנעטן האָבן נישט גע־וואָלט מער שטיצן, האָט דער צאַר „אָפּגעדאַנקט". דער דאָרן־בוים־קעניג מיט די טויטע וואָרצלען איז איינגעפאַלן.

וואָס פאַר אַ יום־טוב האָט עס געדאַרפט זיין אין אַ וועלט, וועלכע האָט געקעמפט פאַר דעמאָקראַטיע! וואָס פאַר אַ טריאומף פאַר די פּרינציפּן פון פאָלקס־רעגירונג און פרייהייט! וואָס פאַר אַ העלע פרייד! אָנשטאָט דעם — גרויע אומרואיקייט. איז דער צאַר צולעצט געוועזן קעגן דער מלחמה און זיינע אַראָפּזעצער וועלן זי מוטיק ווייטער פירן? איז ער געוועזן ביז צולעצט פאַר דער מלחמה און זיינע אַראָפּזעצער וועלן מוטלאָז אוועקלייגן די וואָפן? די וועלט, וועלכע האָט געקעמפט פאַר דעמאָקראַטיע, האָט נישט געוווּסט, צי זאָל זי זיך פרייען, אָדער נישט, מיט דעם גע־בורט פון אַ נייער דעמאָקראַטיע. זי איז אפילו געוועזן גרייט צו באַדויערן און צו באַוויינען דעם אונטערגאַנג פון דעם העם־לעכסטן אַבסאָלוטיזם.

אפילו די דעמאָקראַטישסטע אַמעריקע האָט אויפגענומען די רוסישע רעוואָלוציע מיט געמישטע געפילן. און זי איז נאָך נישט געוועזן קיין שותף אין דעם קריג. די יורשים פון וואַשינג־טאָן און דזשעפערסאָן, די זין און טעכטער פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע האָבן אין זייערע הערצער נישט געפונען קיין פרייד איבער דעם פאַל פון אַ טיראַנישן אידיאָט און זיין אומווירדיקער רעגירונג. זיי האָבן געהאַט גרעסערע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַ־טיעס, ווי מיט די פאַרגליווערטע פראַזן, וועלכע זיינען נאָך גוט פאַר מלחמה־פּראָפּאַגאַנדע און האַס־פאַרשפּרייטונג. עס האָבן זיך נאָך געפונען אַמעריקאַנער צייטונגס־שרייבער, וועלכע האָבן גע־האַט אַ גוט וואָרט נאָכצוזאָגן דעם מערדער פון אומצייליקע טויזנטער פון זיינע אונטערטאַנען און פאַרגאָסן אַ הייסע טרער איבער זיין פאַרשווינדן.

נאָר די וויניקע אַמעריקאַנער האָבן זיך אמת געפרייט מיט דער רוסישער רעוואָלוציע. נישט אויסגעמאַכט זיך, וואָס זי האָט געבראַכט מיט זיך פאַר דער מלחמה. צוריסן געוואָרן דער קנוט, וואָס זיינע אַכזריותדיקע שמיץ איבער דעם אייגענעם פאָלק

האָבן ווי געטאָן דער גאַנצער קולטורעלער מענטשהייט. איינגע־פאַלן די פעסטונג פון דער פינסטערער רעאַקציע. אַ ריזיקער זיג פאַר דער דעמאָקראַטיע, מזל־טוב!

אויך אַרנאָלד לעווענבערג האָט זיך געפרייט, דער אייניקל פון אַ דייטשן רעוואָלוציאָנער.

ווען ביים פרישטיק נאָך דער קוש־רייזע מיט קעטרין האָט ער אַ וואָרף געטאָן זיין בליק אויף דער ציייטונג, ווו מיט גרויסע אותיות איז אָנגעזאָגט געוואָרן די בשורה פון דעם צארס אראָפּ־זעצונג, האָט ער אויפגעשריען פאַר איבערראַשונג. מיט פאַר־כאַפּטן אָטעם געלייענט ווייטער די נייעס און פריידיק אַרויסגע־רעדט: „גאָט זיי דאַנק!״ עס האָט אויפגעבליט אין אים. אויפגע־זונגען.

שפּעטער אַפילו האָט ער געטראַכט: וואָס איז די פּעולה? די וועלט איז דאָך באַנקראָט. מיט אַ טיראַן ווייניקער, מיט אַ דע־מאָקראַטיע מער — וואָס מאַכט עס אויס? איבער דער מענטש־הייט זיינען אַרויסגעלאָזן געוואָרן אירע ערגסטע אינסטינקטן. עס איז געקומען די צייט פון אונטערגאַנג.

ער האָט אויך באַמערקט די אומרואיקייט אין דעם טאָן פון דער אַמעריקאַנער ציייטונג. די רעפּובליקאַנישע ציייטונג האָט נישט געיובלט איבער דעם אונטערגאַנג פון דעם רוסישן טיראַן, און די דאָזיקע ציייטונג האָט טאָג־טעגלעך געהייצט די אַמעריקאַ־נער צו מלחמה אין נאָמען פון די פּרינציפּן פון דעמאָקראַטיזם! עקלהאַפט!...

און דאָך האָבן די דאָזיקע געדאַנקען נישט געקאָנט פאַר־טרייבן די פרייד פון זיין הארצן. נישט געקאָנט פאַרשטיקן דעם אויפגעזאַנג. עפּעס האָט אים שטאַרק הנאה געטאָן.

ער האָט אַפילו אַ טראַכט געטאָן: „ווען איך וואָלט עס נעכטן געוווּסט!״

ווען ער וואָלט עס נעכטן געוווּסט, וואָלט ער גאַנץ אַנדערש פאַרבראַכט זיין אָוונט. מיט דער גרויסער וועלט־געשעעניש אין זיין באַוווּסטזיין, מיט דעם אויפגעזאַנג אין זיין הארצן, וואָלט ער נישט געקאָנט גיין אין קלוב, וואָלט ער נישט געקאָנט פאָרן אין רעסטאָראַן צו זוכן קעטרין. ער וואָלט נישט געקאָנט געהערן זיך

אַליין, אָפּגעבן זיך מיט זיינע אייגענע האַרץ־אָנגעלעגנהייטן. ער וואָלט זיכער געבליבן אינדערהיים מיט זיין מוזיק און זיינע געדאַנקען. דער עיקר, ער וואָלט זיך מיט קעטרין נישט געטראָפן, וואָלט נישט געטאָן, וואָס ער האָט געטאָן. דעמאָלט וואָלט אים נישט געעקלט פון זיך אַליין. דעמאָלט וואָלט ער נישט גענדאַרפט לעבן אין אַ שטענדיקער מורא פאַר זיך אַליין...

---

זינט דעם לעצטן אָוונט מיט קעטרין, האָט ער זיך אין ערגעץ נישט באַוויזן. בייטאָג בלויז אין געשעפט, און אָוונט אינדערהיים מיט זיין פּיאַנאָ און זיינע ביכער. ווען די מוטער האָט געהאַט באַזוך, איז ער נישט אַרויסגעקומען. אין טעלעפאָן פלעגט מען ענטפערן, אַז ער איז נישטאָ אינדערהיים. די מוטער, צו וועלכער עס זיינען דערגאַנגען קלאַנגען וועגן די צוזאַמענטרעפונגען פון איר זון מיט קעטרין שופרא, האָט נאָר שווער געזיפצט.

ער איז זיך אַליין נישט געפעלן געוועזן. ער האָט געוואָלט קומען צו זיך, געפינען כאָטש זיין גלייכגעוויכט אין באַציאונג צו פרויען, אויב נישט זיין אַמאָליקע גאַנצקייט. און אין דער אייגענער צייט נישט אויפגעהערט צו בענקען נאָך קעטרין. די קושן האָבן אים פאַרגיפט. ער האָט געפילט, ווי איינער, וועלכער האָט אַריינגעקריגן אין זיך אַ גרויסע פּאָרציע „דראָגס“. אָבער ער האָט געוואָלט זיך אויסהיילן, דורך צוריקהאַלטן זיך, דורך אויסוויכן.

ווען ער איז צוגעגאַנגען נאָך יענער קוש־רייזע צום ערשטן מאָל צו זיין פּיאַנאָ, האָט ער באַקוקט זיינע פינגער. ער האָט זיי לאַנג געוואַשן, ווי אום עפּעס אַראָפּצורייבן פון זיי, מאַכן זיי עטוואָס צו פאַרגעסן. און דאָך איז אין זיי טעג־לאַנג געוועזן די באַרירונג מיט קעטרינס האַלז.

אָפט אין דידאָזיקע טעג פלעגט ער אַ טראַכט טאָן, וואָס דענקט זיך קעטרין פון זיין פאַרשווינדן. זיכער פאַרשטייט זי די אורזאַך. זי שטויסט זיך געוויס, אַז ער האָט זיך „דערשראָקן“. לאַכט זי זיך אויס אָדער פאַרדריסט עס איר? איז ער פאַרגעסן געוואָרן, ווי איינער פון אירע פילע עפּיזאָדן. אָדער שטייט זי

נאַכט אין נאַכט אין אַ טיר פון אַ שפּיל־צימער און קוקט אַרויס מיט אירע זוכנדיקע אויגן, ווי אין דעם אָוונט, ווען ער האָט זי געטראָפן? עס האָט אים געקיצלט, צו דענקען, אַז זי וואַרט אויף אים. זיינען דאָך איר געפעלן געווען זיינע קושן. דאָס מאָל איז זי נישט אַנטלאָפן פון אים, ווי צום ערשטן מאָל. געשטאַנען, אָנגעקוקט אים מיט פלאַמענדיקע, באַגערנדיקע אויגן. איר שטימע איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכע אומאַרמונג...

ער האָט געוואַרט אויף אַ טעלעפאָן אָדער אַ בריוו פון איר. ער פלעגט אויפנעמען זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט דעם גע־דאַנק ווען אַ בריוו פון קעטרין. ביי יעדן קלונג פון טעלעפאָן פלעגט ער אויפציטערן אין דער דערוואַרטונג, אַז דאָס טעלעפאָ־נירט קעטרין. און ער וואָלט נישט געווען איבערראַשט, ווען זי וואָלט געקומען צו אים און אויסגעשטעלט אים ליפּן און האַלז, ער זאָל זי קושן און ווערגן...

אָך, ער איז נישט געזונט!... ער האָט געטריבן פון זיך דעם געדאַנק וועגן איר האַלז און אירע ליפּן, ווי אַ בייזע פליג.

די וועלט־געשעענישן האָבן אים אַביסל אונטערגעהאָלפן. אין איינעם פון יענע טעג האָבן די דייטשן אין זייער קריג־משוגעת דערטרונקען דריי אַמעריקאַנער שיפן, און אַמעריקע איז אַריבער פון „באַוואָפנטער נייטראַליטעט" אין אַ צושטאַנד פון קריג. מיט יעדן טאָג איז געוואָרן אַלץ קלאָרער: אַמעריקע וועט אויפהערן צו שלאָגן זיך מיט ווערטער, מיט וואָרנונגען און דורכ־שרייבענישן, נאָר וועט פאַרנעמען איר פּלאַץ אין די רייען פון די קעמפנדיקע אַרמייען פון די אַליאירטע. די מלחמה, וועלכע האָט שוין לאַנג געקלאַפּט אין טיר פון אַמעריקע, האָט ענדלעך אויפגעריסן די טיר און אַריינגעשטעלט אַ פוס. די טיר האָט נישט געקאָנט מער צוגעמאַכט ווערן. און ווי אַ גוטער אַגענט, האָט די מלחמה אַלץ מער אָפּגעשטופּט די טיר, זי זאָל קאָנען אַריינשטעלן אויך דעם צווייטן פוס. פאַרלויפיק האָט זי שוין געקאָנט אַריינ־אָטעמען איר בלוטיקן באַשיכורנדיקן אָטעם און פאַרפּעסטן לאַנד און לייט.

אַרנאָלד האָט באַקומען נייעם שטאָף פאַר זיינע געדאַנקען, נייעם אומרו. אַ גרויסע שווערקייט האָט אים אויסגעפּילט. עס

איז אים געווען, ווי אויף אים אליין וואלט זיך אנגערוקט א דערי־דריקנדיקע כמארע. דאס איז נישט געווען אלעמענס קאטאסטראָ־פע, נאָר זיין אייגענע. אן אומגליק, וואָס דאַרף אים אליין נאָר טרעפן. אים גאַנץ אליין. וואָס וועט ער טאָן, ווען אמעריקע וועט אריין אין דער מלחמה? ער וועט, נאַטירלעך, נישט וואָלאָנטירן, אין מלחמה נישט גיין. אָבער עס איז דאָך שרעקלעך! עס איז דאָך שרעקלעך צו לעבן!

דאָס איז געווען א שרעק, וועלכע האָט אים צושטרויט אין זיינע געדאַנקען וועגן קעטרין. אָבער באַלד האָט ער אין די געדאַנקען וועגן קעטרין געזוכט צושטרויאונג פון דער שרעק.

## II

ארנאָלד האָט געקראָגן אַ צושריפט פון מעריאָן העריס. צי וואָלט ער נישט געוואָלט באַגלייטן זי צו אַ באַנקעט פון רוסן לכבוד דער רעוואָלוציע? זי איז זיכער, עס וועט אים אינטערעסירן. זי טוט עס אַלס דאָקטאָר. זי זעט אַ מעגלעכקייט אויסצוהיילן אים פון זיין קרענק.

ער האָט זיך געפרעגט, צי וועט עס אים אינטערעסירן. ער איז נישט געווען קיין פריינט פון באַנקעטן, און די דאַון־טאַון־רוסן האָבן אים קיינמאָל נישט אינטערעסירט. אָבער עס וועט זיין גוט צו פאַרברענגען אַן אָוונט אין דער געזעלשאַפט פון מעריאָן העריס. דאָס וועט זיין אַן אָפּרו פון דעם קעטרין־כּישוף. עס וועט אויך זיין אינטערעסאַנט אויסצוגעפינען, ווי מעריאָנס רוסן פאַרהאַלטן זיך צו דער וועלט־קאַטאַסטראָפע. און ענדלעך טאַקע פאַרברענגען אַן אָוונט אין דער אַטמאָספערע פון פרייד איבער דער רוסישער רעוואָלוציע.

ער האָט אָנגענומען די איינלאַדונג און אין דעם באַשטימטן טאָג אָנגעקלונגען ביי איר אַ פערטל אויף אַכט אין אָוונט. דער באַנקעט האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן פונקט אַכט. מעריאָן האָט אים באַגעגנט פריינטלעך און פריילעך, אָבער אַז זי האָט אים דער־זען אָנגעטאָן אין טאָקסידאָ־אַנצוג, האָט זי דערשראָקן אויפגע־אָטעמט. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַן איינפאַכן נאָכמיטאָג־קלייד פון גרויען טוך, מיט אַ גרויסער רויטער רויז צוגעשפּיליעט צו איר ברוסט.

„עס איז מיין שולד," האָט זי געזאָגט. „איך האָב פאַרגעסן איך צו שרייבן, אַז איר זאָלט זיך נישט אויספּוצן."

„און איך האָב מיך שיר נישט אָנגעטאָן אין פראַק," האָט ער געזאָגט.

עס איז געווען שווין שפּעט צו פאָרן איבערטאָן זיך. און אויסער דעם, האָט ער זיך דאָך אויסגעפּוצט צוליב זיין דאַמע.

„פונוואַנען האָט איר געוווּסט, אַז איך בין פאַראינטערע־סירט אין דער רוסישער רעוואָלוציע?" האָט אַרנאָלד אָנגעהויבן דאָס געשפּרעך, ווען זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָמאָ־ביל.

זי האָט עס אַרויסגעטראָגן פון זיין געשפּרעך, ווען ער האָט זי איבערראַשט מיט זיין באַזוך. האָט זי געהאַט אַ טעות? אָבער זי האָט אים איינגעלאַדן, נישט ווייל זי האָט געוווּסט, אַז ער איז פאַראינטערעסירט.

„עס איז מיר איינגעפאַלן אַרויסצורייסן אייך אויף אַ ווײַלע פון די קראַלן פון אייער קרענק און צו באַקענען אייך מיט מענטשן, וועלכע ווייסן שוין יאָ, וואָס צו טאָן מיט זיך."

ער האָט געקוקט אויף איר פון דער זייט און געטראַכט, ווי אַנדערש זי איז פון קעטרין! — און געזען קעטרין פאַר זיך, איר האַלז און אירע ליפּן. זיין בליק איז אַוועק ווייט און געוואָרן פרעמד. זי האָט עס באַמערקט.

„איך האָב מורא, אַז מיינע רוסן וועלן אייך דאָך נישט אינטערעסירן," האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַ מין חרטה, וואָס זי האָט אים איינגעלאַדן.

ער האָט זיך געכאַפּט און צוריקגעבראַכט זיין בליק. דער־מאָנט זיך, וווּהין ער פאָרט, מיט וועמען ער פאָרט. גאָרנישט שיין פון אים.

ער האָט געאיילט צו פאַרזיכערן, אַז דער פאָרשטייענדיקער באַנקעט אינטערעסירט אים זייער שטאַרק. דערציילט איר אויך פון עטלעכע באַגעגענישן מיט רוסן אין מינכען און היידלבערג. דאָס זיינען געווען בלויזע רעוואָלוציאָנערן, ער האָט אָבער חושד געווען, אַז דאָס זיינען מער רעוואָלוציאָנערן מיט דער צונג. קיין אמתן אידעאַליזם האָט ער אין זיי נישט געפונען. אמתע

אידעאַליסטן קאָנען נישט רעדן אַזוי לייכט פון מאָרד און בלוט־פאַרגאָס. אמתע אידעאַליסטן ווילן אָפּשאָפן זינד, נישט די זינ־דיקער. אמתער אידעאַליזם איז רעספּעקט פאַר דעם מיטמענטש, אַפּשיי פאַר אַ מענטשלעכן לעבן.

„האָב איך טאַקע מורא," האָט מעריאַן געזאָגט, „אַז מיינע רוסן וועלן איך נישט געפעלן ווערן. סיידן בלויז... אפשר... אָ, יאָ. מיס מאַנקאָף וועט אייך געווים געפעלן. איך האָב אָפט גע־הערט פון איר אַזעלכע גערדאַנקען. זי איז אַ שיינע אויך. זאָל איך זי אייך באַשרייבן? זי איז העכער פון מיר מיט אַ קאָפּ, ברייט און קרעפטיק, כאָטש זי איז ערשט אין אָנהייב פון די צוואַנציק, נישט מער ווי אַ יאָר צווייאונצוואַנציק. אַ שטאַרקער, קרעפטיקער קאָפּ, אַ קאָפּ פון אַ יחוס־מענטש, מיט אַ געדיכטער קרוין פון אָפּגעשאָרענע האָר..."

„אָפּגעשאָרענע האָר?! אָך, גאָט!" האָט אַרנאָלד אויסגע־רופן, פאַרגלייזט די אויגן צום הימל.

„געקרויזטע שאָקאָלאַד־פאַרביקע האָר, מיט אַ ברייטן שטערן איבער הימל־בלויע און קלוגע, זייער קלוגע אויגן. איך האָב גאַנץ באַזונדערס ליב איר מויל: קליין און צירלעך און קלוג, מיט דינע ליפּן און גרויסע, שטאַרקע ביימער."

אַרנאָלד האָט געלאַכט. צום ערשטן מאָל הערט ער, אַז אַ פרוי זאָל לויבן אַן אַנדער פרוי.

„אָ, איך ליב זי ווירקלעך", האָט מעריאַן געענטפערט מיט טיפן ערנסט. „נישט בלויז איך ליב זי. איך האָב פאַר איר גרויסע אַכטונג. זי איז פאַר מיר אַ קוואַל פון ענערגיע."

„איר דאַרפט נאָך אַ קוואַל, פונוואַנען צו שעפּן ענער־גיע?"

„איך האָב נישט געוווּסט, איך בין אַזוי ענערגיש. עס איז אַ גרויסער חילוק, ווען דו האָסט אַלץ און קאָנסט אַלץ, וואָס דו ווילסט, אומגעשטערט, און אפילו אונטערגעשטופּט, אָדער ווען דו מוזט אַלץ דורכזעצן אין שווערן קאַמף און דורכמאַכן זיך דעם וועג דורך אומצייליקע שטערונגען. איך וואָלט מסתמא גע־בליבן ערגעץ־ווו אינמיטן וועג. אָבער ווען מיס מאַנקאָף וואָלט געבליבן איינע אַליין אין דער וועלט, ווי אין אייער חלום, וואָלט

די וועלט, דאכט זיך, נאָך אויסגעפּילט געווען מיט מענטשלעכער ענערגיע.״

„אָ, ממא! דאָס איז אָבער געזאָגט!... איר האָט שוין מיך ווירקלעך פאַראינטערעסירט.״

„און נאָך א חילוק,״ האָט מעריאָן פאָרטגעזעצט, קוקנדיק פאַר זיך מיט א פאַרטרוימטן בליק. „איך זוך זיך אַקטיוויטעט אויס מורא פאַר אייער קרענק. דידאָזיקע מורא פאַר נישט וויסן וואָס צו טאָן מיט זיך, טרייבט מיך ווי א בייטש. איך הער שטענדיק דאָס קנאַקן פון דער בייטש איבער מיר. און איך טו, ווי אַ פערד וואָלט געטאָן, ווען עס הערט דאָס קנאַקן פון א בייטש. איך באַוועג זיך, לויף, טו. אָפט גלויב איך נישט אין מיין אַרבעט, האָב מיר מיינע צווייפל. און לאָז נישט אָפּ. מיט מאַנקאָף איז אַקטיוו נישט בלויז, ווייל דאָס איז אין איר נאַטור, נאָר ווייל די אַרבעט מוז געטאָן ווערן. ווייל זי גלויבט שטאַרק.״

אַרנאָלדן איז שווער געוואָרן אויפן האַרצן. ער האָט באַלד מורא געהאַט צו באַגעגענען זיך מיט דער מיידל, וועלכע האָט זיינע געדאַנקען, גלויבט שטאַרק און טוט דאָרטן עפּעס, וואָס די אידעען פאָדערן.

אין די גאַסן פון דער אונטן־שטאָט האָבן זיי כמעט ווי נישט גערעדט. אַרנאָלד איז דאָ זייער זעלטן געווען, און ער האָט אויפמערקזאַם אַרויסגעקוקט פון אויטאָמאָביל־פענסטער אויף די מענטשן, פאַרביי וועלכע זיין אויטאָמאָביל האָט זיך פאַרביי־געטראָגן. עס איז געווען א קאַלטער מערץ־אָוונט. דער מיט עטלעכע טעג צוריק בושעווענדיקער שניי־שטורעם האָט איבערגעלאָזן נאָך זיך זומפּן פון גרויסן שמוץ, אין וועלכע די אָרטיקע באַפעלקע־רונג האָט זיך געטאָפּטשעט, פאַרנומען מיט גאַנץ אַנדערע זאַכן, ווי מיט דעם גלאַנץ אויף זייערע שטיוול. דער ווייט גרעסטער טייל פון די קראָמען איז נאָך געווען אָפן, כאָטש עס איז שוין געווען נאָך אַכט אַזייגער. די גאַסן האָבן גערוישט פון שפּילנדיקע קליינע יינגלעך און מיידלעך און באַשעפטיקטע דערוואַקסענע. אַרנאָלד האָט זיך געוואונדערט אויף דעראָזיקער באַשעפטיקטקייט.

„ווען עסן זיי? ווען לעבן זיי?״

„נישקשה,״ האָט מעריאָן געענטפערט. ..ווי איר זעט זיי

דאָ, דאַכט זיך, שטענדיק באַשעפטיקט, זיינען זיי פונדעסטוועגן פול אין אַלע טעאַטערס, אין אַלע ביבליאָטעקן, אויף אַלערליי מאַסן־פאַרזאַמלונגען.״

„איר האָט זיי, קענטיק, ליב?״

„יאָ, זינט איך בין מיט זיי נענטער באַקאַנט געוואָרן.״

ביים אַריינגאַנג אין באַנקעט־זאַל האָט זיי אָפּגעשטעלט רויטע מיידל מיט אַ סך זומער־שפּרענקעלעך אין געזיכט. זי האָט געהאַלטן אַ קערבל מיט רויטע נעלקן און אַריינגעשטעקט אַרנאָלדן אַ נעלקע אין לאַץ. אַרנאָלד האָט איר געגעבן אַ דאָלאַר.

„איך האָב נאָך נישט קיין אויסגאַב,״ האָט די מיידל געזאָגט, „איר זייט די ערשטע געסט.״

„איך וויל נישט קיין אויסגאַב,״ האָט אַרנאָלד געזאָגט.

די מיידל האָט באַדאַנקט און איז רויט געוואָרן אין גאַנצן געזיכט.

„אַ גוטער אָנהייב,״ האָט זי געלאַכט.

אַרנאָלד האָט אָנגעקוקט מעריאָן. זאָלן זיי אַריינגיין?

„די ערשטע געסט,״ האָט ער אַרויסגערעדט געערגערט. „גרויסע פּינקטלעכקייט געהערט נישט צו די מעלות פון די רוסן. אויך אייער מיס מאַנקאָף...״

„מיס מאַנקאָף,״ האָט זיך אַריינגעמישט די רויטע מיידל, „איז דאָ שוין געווען און אַוועקגעגאַנגען. זי וועט זיין צוריק האַלב ניין, זי האָט געדאַרפט נאָך באַזאָרגן עפּעס פאַרן באַנקעט.״

מעריאָן האָט אָנגעקוקט אַרנאָלדן מיט אַ טריאומפירנדיקן שמייכל.

„איך בעט אום אַנטשולדיקונג,״ האָט ער געזאָגט, און זיי האָבן זיך ביידע צולאַכט.

זיי זיינען אַריין אין זאַל.

די באַנקעט־טישן זיינען שוין געווען געגרייט — לאַנגע טישן ביי דריי ווענט פון דעם זאַל, די צוויי זייטן־טישן האַרט צוגערוקט צו די עקן פון דעם מיטל־טיש. ווייסע טישטיכער פון צווייפלהאַפטער ריינקייט האָבן באַדעקט די טישן אונטער אַ גוזמא ליידיקע טעלער און פולע וואַזעס מיט ניס, מאַנדלען, ראָזינקעס, עפּל, אָפּעלסינעס, באַנאַנעס און פלעשלעך דזשינדזשער־איל און

ווינטרויבן־זאפט. פון ביידע זייטן פון די טישן זיינען געשטאנען צוויי רייען ענג־אנגעשטעלטע שטולן.

אין זאל איז קיינער נישט געווען. נאר אין א דערבייאיקן צימער האבן זיך ארומגעדרייט דריי מיידלעך, פרייוויליקע סאר־ווערקעס, געעוסקט זיך ארום א גרויסן רוסישן סאמאוואר, גע־וואשן און אויסגעווישט גלעזער און אונטערטאצן. איינע פון די סארווערקעס האט ארויסגעקוקט אין זאל, ווער זיינען דאס די ערשטע געסט. ארויסגעשטעקט דעם קאפ אין דער האלב־געעפנטער טיר, מיט די הענט, באהאלטן הינטער דער טיר, גע־ווישט א גלאז. זי האט זיך ווי דערשראקן, ווען זי האט דערזען א מאן מיט א ווייסער ברוסט און אין א טאקסידא־אנצוג. אירע אויגן האבן זיך פארוויטערט, גרעסער געווארן, ווי פון א גרויסן וואונדער, א שווערער רעטעניש. ווען אירע בליקן האבן זיך גע־טראפן מיט ארנאלדס, האט זי צוריקגעצויגן דעם קאפ, פאר־שוואונדן אין דעם צווייטן צימער.

„מיר האבן עפעס א געהויבענעם גאסט,״ האט זי צוגע־פליסטערט די אנדערע צוויי און מיט מימיק באוויזן, ווי דער גע־הויבענער גאסט איז אנגעטאן.

די אנדערע צוויי האבן אויך ארויסגעשטעקט זייערע קעפ מיט נייגיריקייט אין זייערע אויגן, און צוריקגעצויגן די קעפ אומ־באפרידיקטע. זיי האבן דעם געהויבענעם גאסט אין דעם טאקסי־דא־אנצוג נישט געקענט. נישט געקאנט אויך טרעפן, ווער ער איז.

א נייער גאסט איז אריינגעקומען. א רויט־האריקער, באר־ברילטער יונגערמאן. קענטיק, ערשט פון בארבער, ווייל זיין גלאט־אפגעראזירטע מארדע איז געווען באדעקט מיט פודער, און זיין האר איז געווען פווכט און געשמעקט מיט שטארקן אלקאהאל פון א ביליקן האר־וואסער. זיין קאלירט אויבער־העמד איז געווען אביסל אנגעריסן לינקס, אויבן, ביים ווייכן ווייסן קראגן, וועלכער איז געווען פארפוצט מיט א טונקל־רויטן לאנגן קראוואט. די קנייטשן אויף די ארבל פון זיין ברוי־נעם רעקל און אויף זיינע ברוינע הויזן זיינען געווען אין דעם פראצעס פון פארשווינדן. ער האט פארוואונדערט אנגעקוקט דעם אויסגעפוצטן מענטש און זיין דאמע, וועלכע זיינען געזעסן ביי דער

פרייער וואנט. איז פארבייגעגאנגען א פּאָר מאָל הין און צוריק. געוואָלט טרעפן, ווער דידאַזיקע צוויי זיינען, אוועקגעזעצט זיך אויף א שטול נישט ווייט פון זיי, פארדרויבערט א פּאפּיראָס און געוואָרפן פארגנבעטע נייגיריקע בליקן אויף די צוויי אומבאַ־קאַנטע. באַלד איז ער אויפגעשטאַנען און אוועק אין צווייטן צי־מער צו די סאַרווערקעס. אפשר וועלן זיי אים קאָנען געבן די נוי־טיקע אינפאָרמאַציע איבער די צוויי פרעמדע.

„אויב זיי וועלן אַלע רויכערן דיזעלביקע פּאפּיראָסן...״ האָט אַרנאָלד אָנגעהויבן.

„אָ!״ האָט אים מעריאַן איבערגעריסן מיט געבעט, אַרויפּ־געלייגט איר האַנט אויף זיינער. ער זאָל זיין גוט, אויסהאַלטן, נישט באַקלאָגן זיך.

„איך פאַרשפּרעך אייך, איך וועל זיך נישט קוימען,״ האָט ער געזאָגט מיט א שמייכל.

עטלעכע געסט אויף אַמאָל זיינען אַריינגעקומען מיט לוסטיקן לאַכן. יונגע אַרבעטער און אַרבעטערקעס אין זייערע שבתדיקע קליידער. אָבער דאָס לאַכן איז אָפּגעהאַקט געוואָרן, ווען זיי האָבן געפונען אין גרויסן זאַל נאָר די צוויי אומבאַקאַנטע, וועלכע גע־הערן געווים נישט צו זיי. זיי האָבן זיך עפּעס ווי פאַרלאָרן אין דעם געפיל, אַז אין דער אָנוועזנהייט פון דידאַזיקע צוויי וועלן זיי זיך מוזן אַנדערש האַלטן. נישט אַזוי פריי, נישט אַזוי רוישיק.

דער רויטער איז אַרויסגעקומען פון דעם צווייטן צימער. אומבאַפרידיקט, מיט דער רעטעניש שטאַרק אין זיינע אויגן. די ניי־אָנגעקומענע האָבן זיך מיט אים באַגריסט. די דערעסנדיקע בליקן, וועלכע זיי האָבן אַריבערגעשאָסן צו מעריאַן און אַרנאָלד, האָבן באַוויזן, אַז זיי רעדן איצטער וועגן די צוויי אומבאַקאַנטע.

אַרנאָלד האָט זיך געפילט געערגערט און געלאַנגווייליקט. ער האָט זיך געוווּנדערט, פאַרוואָס מעריאַן שמייכלט אַזוי גוט־מוטיק און פאַראינטערעסירט. ער האָט א קוק געטאָן אויף זיין זייגער.

„אויב מיס מאַנקאָפס זייגער גייט גלייך מיט מיינעם, דאַרף זי דאָ זיין אין דריי מינוטן.״

„ניין,“ האָט מעריאָן געלאַכט און איז אויפגעשטאַנען.
„איר זייגער גייט דריי מינוטן פאָראויס.“

אַרנאָלד האָט אויפגעהויבן די אויגן און דערקענט אַלגע מאַנקאָף, וועלכע איז גראָד אַריינגעקומען מיט אַ קליינער גרופּע געסט פון ביידע געשלעכטער.

מעריאָן האָט זי פּינקטלעך באַשריבן. נאָר האָט זי פאַרגעסן צו דערמאָנען די געזונטע רויטע פאַרב פון אירע פולע באַקן, וועל-כע זיינען נישט געווען באַפּודערט, ווי אויך דעם פאַקט, אַז זי טראָגט פּענסנע.

זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייסער זיידענער בלוזע און אַ טונקל־בלויען שיפאָן־קלייד. אָבער זי און אַלץ אויף איר איז געווען פון אַ גאַנץ וואונדערבאַרער ריינקייט און ציכטיקייט. אַ ריינקייט און ציכטיקייט, וועלכע האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן, געלאָזט זיך פילן, איינעם דורכגעדרונגען, ווי אויך דער איידעלער צאַרטער פיילכלעך־גערוך, וואָס האָט געאָטעמט פון איר. אויפן האַלז האָט זי געטראָגן אַ זייגער־קייטל. מאַסיוו און שווער. געוויס אַ ירושה פון דורות. דאָס זייגערל איז געלעגן אין אַ קליינער קעשענע אויף דער לינקער זייט פון איר בלוזע.

מעריאָן האָט זיך מיט איר צוקושט. דערנאָך פאָרגעשטעלט איר אַרנאָלדן. דער דרוק פון איר שמאָלער, לאַנג־פינגערדיקער, אָבער קרעפטיקער האַנט איז געווען גאַנץ מאַניש. אַרנאָלדן איז פאָרגעקומען, ווי ע ר וואָלט געווען די פרוי.

מעריאָן האָט אָנגעקוקט אַרנאָלדן און געפרייט זיך אויף דעם איינדרוק, וועלכן אַלגע מאַנקאָף האָט אויף אים געמאַכט. ער איז געשטאַנען פאַר זיין שטול, אָן דעם ווייכן שמייכל, מיט וועלכן ער האָט געוויינלעך באַגעגנט אַלטע אָדער נייע באַקאַנטע, און מיט אַ קנייטש צווישן די אויגן. ער האָט אָנגעשטרענגט זיין בליק, ווי אויף צו דערפאַסן זי. אָפּטמאָל אַריבערגעטראָגן אים אויף איר זייגער־קעשענע. אָבער דערביי איז ער געווען גאַנץ איבערצייגט, אַז איר זייגער גייט מיט דריי מינוטן פאָראויס. מעריאָן האָט באַמערקט זיינע בליקן צו דעם זייגערל און לאַכנדיק געפרעגט אַלגען:

„וויפל איז אייער זייגער?“

„וואָס איז? איך בין דען שפּעט?"

זי האָט אַרויסגענומען איר זייגערל. ער איז טאַקע געגאַנגען דריי מינוטן פאַראויס.

„וואָס האָב איך אייך געזאָגט?" האָט מעריאַן געלאַכט צו אַרנאָלדן.

„איך בין מיט מיין פּינקטלעכקייט, הפּנים, אַזאַ גרויסע אויסנאַם צווישן מיינע לאַנדסלייט, אַז מען קוקט מיך אָן ווי אַ וווּנדער. איך וועל נאָך מיט דער צייט ווערן אַ באַרימטקייט," האָט אָלגע געזאָגט רואיק, מיט אַ זיכערער שטימע, אָן אַ שמייכל. עס האָט אָבער געקלונגען, ווי אַ פאָרוווּרף, פאַרוואָס מען באַוווּנדערט איר פּינקטלעכקייט, וועלכע דאַרף זיין אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך.

אַרנאָלד האָט געוואָלט מאַכן אַ באַמערקונג וועגן דער נישט־פּינקטלעכקייט פון די רוסן. אַ באַמערקונג, וועלכע ער האָט גע־הערט אין דייטשלאַנד. אין רוסלאַנד וועט קיינמאָל נישט קאָנען זיין קיין רעוואָלוציע, ווייל אירע מאַכער וועלן נישט קומען אין צייט. אָבער ער האָט זיך געכאַפּט, אַז די באַמערקונג איז נישט מער אמת. די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז דאָך געשען, און ער איז דאָ צו יום־טובן זי, און זי האָט אים צונויפגעבראַכט מיט אַ וועזן, אויף וועלכן עס איז אים זייער אָנגענעם צו קוקן.

אָבער דאָס וועזן האָט זייער קיין צייט נישט געהאַט צו שטיין און לאָזן זיך אָנקוקן. אָלגע האָט זיך אַנטשולדיקט. זי מוז העלפן די סאַרווערקעס אין דעם צווייטן צימער. אָבער זי האָפט, אַז זיי וועלן דאָ בלייבן דעם גאַנצן אָוונט, און זיי וועלן נאָך צוזאַמען פאַרבריינגען.

אַרנאָלד האָט איר נאָכגעקוקט, ווי זי איז אַוועקגעגאַנגען און פאַרשווּנדן אין צווייטן צימער. ווען ער האָט אַריבערגעטראָגן זיין בליק פון דער טיר, וועלכע אָלגע האָט צוגעמאַכט הינטער זיך, אויף די געסט אין זאַל, האָט ער באַמערקט, אַז ער איז נישט געווען דער איינציקער, וועלכער האָט איר נאָכגעקוקט.

„נו?" האָט מעריאַן געפרעגט מיט אַ צופרידענעם שמייכל.

„די מיידל איז אינטערעסאַנט," האָט ער געענטפערט.

## III

עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו שיטן די געסט. איינע נאָך די אַנ־דערע זיינען זיי אַריינגעקומען, אַלץ יונגע מענטשן, בחורים און מיידלעך, אַרבעטער און אַרבעטערקעס. אין זייערע זונטאָג־קליי־דער, מיט יום־טוב־געזיכטער, פון וועלכע גרויסע פרייד האָט אַראָפּגעשיינט. די מענער פריש ראַזירט, די פרויען אָפּגעוואַשן, פּאַרקעמט, זעלטן ווער פון זיי מיט פּודער אויפן פּנים.

אין זאַל איז געוואָרן גערוישיק. פון הויכע געשפּרעכן און נאָך העכערן געלעכטער, פון אַרומגיין און אַרומלויפן איינע צו די אַנדערע, פון אַרומשאַרן מיט שטולן. און פון אַלע זייטן האָט מען געשאָסן נייגיריקע בליקן צו די צוויי, וועלכע האָבן, קענטיק, אָהער נישט באַלאַנגט, די פרעמדע, פאַרבלאָנדזשעטע.

„קוקט נאָר אָן די געזיכטער," האָט מעריאָן געזאָגט צו אַרנאָלדן. „וואָס פאַר אַ גייסטיקייט עס ליגט אויף זיי. מיר דוכט זיך שטענדיק אויס, אַז דאָס האָבן זיי זיך ערשט אָפּגעריסן פון אַ בוך און נישט פון קיין אַרבעט. און דאָס זיינען דאָך אַלץ אַר־בעטער."

„איז אויך מיס מאַנקאָף אַן אַרבעטערין?"

„אַ קראַנקן־פּלעגערין."

עס זיינען אַריינגעקומען צוויי געסט, וועלכע זיינען באַ־געגנט געוואָרן מיט אַפּלאָדיסמענטן און מיט אויסגעשטרעקטע הענט פון רעכטס און לינקס. איינער פון זיי, דאָקטאָר יוסף באַר־סקי, אַ מיטל־יעריקער מענטש, הויך און ברייט־פּלייציק, מיט

אַ בלאַנדן בערדל, אַרום זיין פולן געזיכט, און באַברילטע בלויע אויגן. דער צווייטער, דניאל מאַרדין, אַ יונגער מענטש, מיטל־וואוקסיק מיט דיקע טונקל־בלאָנדע וואָנצעס און גוטע, שמייכלענ־דיקע העל־גרויע אויגן.

אַרנאָלד האָט פאַראינטערעסירט געקוקט אויף די ביידע, וועלכע זיינען באַגעגנט געוואָרן מיט אַפּלאָדיסמענטן.

„דאָס זיינען צוויי באַרימטע שריפטשטעלער," האָט אים מעריאָן צוגעפליסטערט און אָנגערופן זייערע נעמען.

דניאל מאַרדין האָט דערזען מעריאָן און געלאָזן זיך צו איר. עטלעכע נייגיריקע געסט זיינען אים נאָכגעגאַנגען. זיי האָבן געהאָפט, אַז זיי וועלן איצטער אונטערכאַפּן די נעמען פון די אומבאַקאַנטע. מעריאָן איז אויפגעשטאַנען אים אַנטקעגן, און זיי האָבן זיך הארציק באַגריסט, ווי צוויי אַלטע באַקאַנטע, וועלכע פרייען זיך אמתדיק, ווען זיי טרעפן זיך.

„איר זייט געקומען פרייען זיך מיט אונזער שמחה. דאָס איז שיין פון אייך," האָט מאַרדין געזאָגט, ווען מעריאָן האָט אים פאָרגעשטעלט אַרנאָלדן.

„די שמחה איז דער גאַנצער וועלטס שמחה," האָט מעריאָן באַמערקט.

„זייער ריכטיק, אָבער דאָך זיינען מיר די נענטערע מחותנים. דער פאַקט איז, אַז אַמעריקאַנער וועלן קיין באַנקעטן לכבוד דער רוסישער רעוואָלוציע נישט מאַכן."

„דאָס קאָנט איר נישט וויסן," האָט מעריאָן דערווידערט.

דער רויט־האָריקער באַברילטער יונגערמאַן, וועלכער איז געשטאַנען לעבן די דריי מיט אָנגעצויגטע אויערן, האָט זיך אַריינ־געמישט אין געשפּרעך.

„מען איז דאָ פאַראינטערעסירט, אויף וויפל די רעוואָלוציע וועט העלפן אָדער נישט העלפן דער מלחמה," האָט ער געזאָגט מיט בייזקייט.

זיי האָבן זיך אומגעקוקט אויף אים. מאַרדין האָט אָנגע־קנייטשט דעם שטערן. אים איז נישט געפעלן געוועזן די אומגע־בעטענע אַריינמישונג.

„האָט איר שוין געזען מיס מאַנקאָף?" האָט ער געפרעגט מעריאַן.

„געזען. זי איז דאָרטן אין צימער."

זיי זיינען אַריין אין דעם אַנדער צימער, צום גרויסן פאָר־דראָס פון דעם רויט־האָריקן. ער האָט אויך נאָכגעוואָרפן מאָרדי־נען אַ בייזן בליק.

מיס מאַנקאָף איז געשטאַנען און האָט געשניטן ברויט. גע־מאַכט סענדוויטשעס, „בורכס", וועלכע אירע העלפער האָבן אָנ־געלייגט אויף טעלער און אַרויסגעטראָגן אין זאַל צוזאַמען מיט פלאַשן ביר. זי האָט עס געטאָן מיט איר גאַנצער אויפמערקזאַמ־קייט. אירע ליפּן האָבן זיך מיטבאַוועגט מיט די הענט. זי איז גע־ווען גאַנץ אין דער אַרבעט, וועלכע איז איר פאַרגעקומען זייער וויכטיק. זי האָט נאָר אַ ווײַלע אָפּגעווענדט די אויגן פון איר, צו באַגריסן מאָרדינען, וועלכער האָט זי אָנגעקוקט מיט אַנטציקונג, און גלייך ווידער פאַרטאָן זיך אין דעם ברויט־שניידן און סענד־וויטש־מאַכן.

„איצטער פאַרשטיי איך די רוסישע רעוואָלוציע," האָט אַרנאָלד געזאָגט. „ווען מען קאָן שניידן ברויט פאַר אַ רעוואָלוציאָ־נערן באַנקעט מיט אַזאַ ערנסט און וויכטיקייט, האָט דער רוסי־שער טראַן קיין שום תקומה נישט געקאָנט האָבן."

„ו ו אָ ס מיס מאַנקאָף טוט..." האָט מעריאַן אָנגעהויבן. אָלגע האָט זי איבערגעריסן.

„אָ!... אָ!... נישט לויבן!... און אָט האָט איר דעם בעסטן באַווײַז, אַז מיין ערנסט איז נישט אַזוי גרויס, אַז איך האָב גע־קאָנט הערן און אפילו פאַרשטיין, וואָס איר האָט געוואָלט זאָגן. איר וואָלט בעסער אַריינגעגאַנגען און פאַרנומען די פּלעצער. מיר גייען גלייך אָנהייבן."

זי האָט גערעדט, ווי איינע, וועלכע וויל נישט געשטערט ווערן. נישט געקוקט אויף די, צו וועמען זי האָט גערעדט.

פון דעם באַנקעט־זאַל האָבן זיך דערהערט אַפּלאָדיסמענטן. נאָך באַרימטע געסט זיינען אָנגעקומען. באַלד איז אַריינגעלאָפן אין צימער אַ הויכער בחור מיט קרומע אויגן און פעלנדיקע ציינער און געווענדט זיך צו מיס מאַנקאָף אויף אַ לשון, וועלכן אַרנאָלד

האָט נישט פאַרשטאַנען. עס האָט אים געקלונגען, ווי דייטש, און דאָך נישט געווען דייטש.

„אויף וואָס וואַרט מען נאָך? דער גאַנצער עולם שוין דאָ.״

„הייבט אָן. ווער לאָזט אייך נישט?״ האָט אָלגע רואיק אַרויסגערעדט אויף דעמזעלביקן לשון, נישט אָפּרייסנדיק זיך פון איר אַרבעט.

דער לאַנגער בחור האָט אָנגעקוקט די אומבאַקאַנטע געסט מיט אַן אומאָנגענעמען צודרינגלעכן בליק, ווי ער וואָלט זיי אויסגעפאָרשט. פאַרגעסן קענטיק, צוליב וואָס ער איז געקומען, אָנ־געבויגן זיך צו אָלגען, מיט די קרומע אויגן אויף די אומבאַקאַנטע, געוואָלט עפּעס פרעגן.

„פאַרוואָס גייט איר נישט זאָגן, מען זאָל אָנהייבן דעם באַנ־קעט?״ האָט זי אים שאַרף אַ זאָג געטאָן.

דער לאַנגער בחור איז אַרויסגעגאַנגען, מיט די פאָרשנדיקע בליקן פון די קרומע אויגן אויף אַרנאָלדן.

„גייט, פאַרנעמט פּלעצער״, האָט אָלגע זיך געווענדט צו די דריי, וועלכע זיינען געשטאַנען לעבן איר און נאָכגעקוקט אירע באַוועגונגען. „ביי אונז איז מען אָן צערעמאָניעס.״ האָט זי דער־קלערט אַרנאָלדן. „ווער עס פאַרכאַפּט אַ זיץ, דער האָט אים.״

פון דעם זאַל האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקע אַרומשאַרעניש מיט שטולן. דאָס האָט מען זיך צוזעצט אַרום די טישן. ווען מאַרדין איז אַרויסגעקומען מיט מעריאָן און אַרנאָלדן, זיינען שוין כמעט אַלע פּלעצער פאַרנומען געווען. נאָר דריי שטולן ביים מיטל־טיש זיינען נאָך געווען ליידיק. אין דער גאַנצער דעמאָ־קראַטישקייט האָט מען נישט פאַרגעסן, אַז עס זיינען פאַראַן יחסנים, וועלכע עס געהערט דער אויבן־אָן. מאַרדין, מעריאָן און אַרנאָלד זיינען געווען דידאָזיקע יחסנים, וועלכע האָבן פאַרנומען די דריי ליידיקע שטולן.

אַרנאָלד האָט זיך אַרומגעקוקט, ווו וועט מיס מאַנקאָף זיצן? אַלע שטולן זיינען געווען פאַרנומען. עס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס זי וועט אפשר נישט זיצן ביי זיין טיש. ער האָט זיך ווידער אַרומגעקוקט. וואָס פאַר אַן אומאָרדענונג! אין דער כאַפּעניש פון שטולן האָט זיך יעדער געזעצט, ווו ער האָט נאָר געקאָנט. עס

זיינען אויסגעקומען פרויען לעבן פרויען, מענער לעבן מענער. באַקאַנטע לעבן אומבאַקאַנטע. צושיידטע באַקאַנטע האָבן זיך דורכגעשריען פון איין זייט זאַל צום צווייטן, און קיינעם איז נישט איינגעפאַלן צו בייטן זיך מיט די ערטער. דאָס איז אויסגעקומען אַרנאָלדן גאַנץ משונהדיק. און ווערליק מעריאַן איז געזעסן מיט אַ גליקלעכן שמייכל און אָנגעקוואָלן פון אַלעמען און אַלץ, איז ער געזעסן אַ פרעמדער צוקוקער, קאַלט און אָפּגעזונדערט. ער האָט געשטודירט די געזיכטער, די באַוועגונגען, די האַלטונג. די געשרייען און דאָס לאַכן האָבן אים שאַקירט. טראַכטן זיי, אַז אַמעריקע גייט אַריין אין דער מלחמה? טראַכטן זיי פון דעם, וואָס עס גייט פאָר אין דעם מאָמענט אין איראָפּע? אָבער ער האָט זיך דערמאָנט אויף זיינע אָוונטן מיט קעטרין און איז רויט געוואָרן.

ביים עק פון דעם יחסן־טיש, לינקס פון אַרנאָלדן, איז אויפגעשטאַנען אַ יונגער מענטש און האָט אָנגעקלאַפּט מיט אַ מעסער אָן אַ ליידיק גלאָז, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים. עס איז געוואָרן שטיל. דער יונגער מענטש האָט דערקלערט, אַז ער האָט די ערע פאָרצושטעלן דעם טאָסט־מייסטער פון דער היינטיקער וווּנדערבאַרער שמחה חבר דר. באַרסקי. אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן האָט אויסגעבראָכן. דר. באַרסקי, וועלכער האָט פאַרנומען דעם מיטלסטן זיץ פון דעם יחסן־טיש, האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן. די אַפּלאָדיסמענטן האָבן זיך פאַרשטאַרקט, נישט געוואָלט אויפהערן. מען האָט אָנגעהויבן אויפצושטיין פון די ערטער. באַלד איז דער גאַנצער עולם געשטאַנען. אַרנאָלד האָט זיך אַרומגעקוקט, פרעמד, פאַרלאָרן, נישט געוווּסט, וואָס דאָס באַדייט. ענדלעך איז ער אויך אויפגעשטאַנען נאָך מעריאַן, וועלכע האָט אויך פלייסיק אַפּלאָדירט. דר. באַרסקי האָט געקלאַפּט מיט דעם מעסער אָן דעם ליידיקן גלאָז, אָן אַ פלעשל ביר, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים, געמאַכט מיט די הענט, מען זאָל זיך באַרואיקן. אָבער דער עולם האָט זיך לאַנג נישט געוואָלט באַרואיקן. מען האָט נאָך אַפּלאָדירט, ווען מען האָט זיך צוריק צוזעצט. און יעדעס מאָל, ווען דר. באַרסקי האָט אויפגעטאָן זיין מויל צו זאָגן עפּעס, האָבן זיך די אַפּלאָדיסמענטן פאַרשטאַרקט.

„באַלד ווי ביי דער נאָמינאַציע פון א פּרעזידענט־קאַנדי־דאַט," האָט ארנאָלד צוגעשעפּטשעט מעריאַן.

ענדלעך איז עס שטיל געוואָרן. דר. באַרסקי האָט אָנגעקוקט דעם עולם מיט קלוגע, פריילעכע אויגן, באַדאַנקט פאַר דעם כבוד טאָסט־מייסטער צו זיין, דערקלערט, אַז צום דאַנק פאַר דער אָוואַציע וועט ער נאָך קיין רעדע נישט האַלטן און איינגעלאַדן די געסט צו נעמען זיך צו דער אכילה.

ער און דער יונגערמאַן, וועלכער האָט אים פאָרגעשטעלט, האָבן גערעדט אין דער שפּראַך, וועלכע האָט געקלונגען ארנאָלדן ווי דייטש און נישט דייטש. ארנאַלד האָט אויפגעהויבן אַן איבערראַשטן בליק אויף דעם דאָקטאָר און דערנאָך אָנגעקוקט פאַרווּנדערט מעריאַן. אַז מען וועט נישט רעדן קיין ענגליש, האָט ער נישט געוווסט. דאָס קאָן זייער אָנגענעם ווערן! אָבער פאַר־וואָס שמייכלט אַלץ מעריאַן?

„וואָס פאַר א שפּראַך רעדט ער?" האָט ער זי געפרעגט.

„יידיש," האָט זי געענטפערט, אַביסל פאַרווּנדערט, פאַר־וואָס ער ווייס עס נישט.

„איר פאַרשטייט?"

„אַ קליין ביסל. אָבער איר קאָנט זיך שטויסן, אַז ער האָט איינגעלאַדן צו עסן."

דאָס איז געווען לייכט צו שטויסן זיך. דער עולם האָט זיך גענומען צו די סענדוויטשעס און ביר, ווי זיי וואָלטן אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן.

„איך בין געווען געשפּאַנט אויף די רעדעס," האָט אַר־נאָלד געזאָגט. „אויב זיי וועלן געהאַלטן ווערן אין יידיש..."

„איך וועל זיי אייך איבערזעצן," האָט אים מאַרדין גע־טרייסט. „אָבער איז נישט די הערשנדיקע שטימונג די בעסטע רעדע? דידאָזיקע פרייד דאַרף מען נישט איבערזעצן."

ארנאָלד האָט אַוועקגעלייגט דעם רעכטן אָרעם אויפן טיש, געשפּילט זיך מיט אַ נוס צווישן די פינגער און געקוקט אויפן עולם.

אַ געשריי, אַ געפּילדער, אַ רווישיקער געלעכטער, אַ טשאַמ־קעניש פון מענטשן, וועלכע האָבן געוואָלט מאַכן שפּאַס מיט זייער

קייען, שטיפן מיט ציינער און באקן. ווייל זיי זיינען געקומען אהער צו שטיפן און שפאס צו מאכן און אויסצולעבן א טיפע פרייד. א קלאפעניש מיט די גלעזער, אויף וועלכע נישט אפגע־וואשענע שמוץ־פלעקן זיינען בולט געווארן דורך דעם העלן ביר אין זיי. א רייסעניש און א כאפעניש די ביסן איינע ביי די אנ־דערע, אום צו פארגרעסערן די שטיפער־שטימונג. אן איבער־שרייען זיך פון איין זייט זאל צום אנדערן... ניין, דאס דארף נישט איבערגעזעצט ווערן. און דאך פרעמד געוועזן ארנאלדן, ווי די פרעמדסטע שפראך. ער האט זיך דאך אויך געפרייט מיט דער רוסישער רעוואלוציע — פארוואס קאן ער נישט אריינפאלן אין טאן? פארוואס איז אים גאר אומעטיק און אזוי שווער? פארוואס שטערן אים, דערעסן אים די בליקן פון זיין אומבאקאנטן שכן ביי זיין רעכטער האנט? — —

ביי ארנאלדס רעכטער זייט איז געזעסן דער דיכטער ראט־מאן. א מאן אין די דרייסיקער, מיט לאנגע שווארצע האר, א לאנגן פליגל־האלזטוך, און צוויי טונקעלע, טיף־זיצנדיקע אויגן, מיט גרויסע שווארצע רעדער ארום זיי, ווי פון נישט־דערשלאפן אדער אפילו נישט־דערעסן. זייער בליק האט געהאט עטוואס געשפענ־סטיש. ער האט זיך אנגעגאסן א גלאז ביר, לאנגזאם געטרונקען, נישט גערעדט, נישט געלאכט — געפילט זיך שטארק געערגערט. ער האט געוואלט וויסן, ווער זיינען דאס זיינע שכנים, דער מאן מיט דער געבלויזטער ברוסט און די זייער שיינע יונגע דאמע לעבן דעם מאן. אים איז נישט איינגעפאלן פארצושטעלן זיך, און די נייגיריקייט האט אים פארשטערט די גאנצע שמחה. ענדלעך האט ער זיך געווענדט צו זיין שכן פון רעכטס, א בארימטן רעדאקטאר:

„ווער איז דאס דער פריץ לעבן מיר? זייער א שיינע דא־מע. נישט אזוי? זייער א שיינע."

דער רעדאקטאר האט אויך נישט געוווסט. האט אבער גע־טאן ראטמאנען א צוליב — אויסער דעם, איז ער אליין נייגיריק געווארן — און געפרעגט זיין שכן פון רעכטס, א בארימטן סא־ציאליסטישן אדוואקאט. דער אדוואקאט האט נישט געוווסט און געפרעגט זיין שכן פון רעכטס, א בארימטן ארבעטער־פירער. דער ארבעטער־פירער האט געקענט מעריאן, האט זיך מיט איר

אויך אין דעם פריערדיקן טומל באַגריסט. אָבער ער האָט נישט נעקענט דעם „פריץ". מעריאַן האָט נישט געהאַט קיין צייט פאַר־צושטעלן. איצטער האָט דער אדוואָקאַט איבערגעגעבן דעם רע־דאַקטאָר, און דער רעדאַקטאָר האָט אַריינגעשעפּטשעט אין אויער דעם דיכטער, אַז די זייער שיינע דאַמע איז אַ דר. מעריאַן העריס, אָבער ווער דער פריץ איז, האָט ער נישט אויסגעפונען.

„איר מאַן מסתמא," האָט דער דיכטער צוגעשעפּטשעט דעם רעדאַקטאָר. אין זיין שעפּטשען איז געלעגן עטוואָס פון מורא און האַרץ־ווייטאָג, און באַדויערן, ווי ער וואָלט עפּעס טייערס פאַר־לאָרן.

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן ווענטל פון זיין שטול און אָנ־געשטעלט זיין געשפּענסטישן בליק אויף מעריאַן פון הינטן, ווי ער וואָלט זי געוואָלט היפּנאָטיזירן, זי זאָל זיך אומקוקן אויף אים.

מעריאַן האָט טאַקע געפילט זיין בליק אויף זיך. אָבער זי האָט זיך נישט געוואָלט אומקוקן. זי האָט זיך געפילט אומבאַ־קוועם, גערייצט, ווי אַ פליג וואָלט איר געשטאַנען אויפן נאַקעטן רוקן, און זי האָט געזוכט צו פאַרגעסן זיך אין דעם אַלגעמיינעם ליאַרעם און אין דעם געשפּרעך, וועלכן זי האָט פליסיק געפירט מיט מאַרדינען.

אָבער אַרנאָלד האָט זיך נישט געקאָנט פאַרגעסן אין דעם געשפּרעך. ער האָט זיך אַפילו נישט געקאָנט גוט צוהערן. זיין שכנס בליקן הינטער אים האָבן אים געשטערט, באַאומרואיקט. און ער האָט געוווּסט, אַז אויך מעריאַן ווערט פון זיי באַאומרו־איקט. ער האָט באַמערקט אומגעדולד אין אַ באַוועגונג פון איר פּלייצע. ענדלעך האָט ער זיך צוגערוקט נענטער צום ווענטל פון זיין שטול. פאַרשטעלט דעם שכן דעם אויסבליק אויף מעריאַן.

ראָטמאַן האָט אויף אים אַ וואָרף געטאָן אַ בייזן בליק, און איצטער איז אים איינגעפאַלן צו ווענדן זיך צו מאַרדינען:

„קאָלעגע מאַרדין, שטעלט מיך פאָר מיין שכן. איך האָב היינט צו רייבן עלנבויגנס מיט אַ מענטשן, וועלכן איך קען נישט. און פאַרוואָס זאָלט איר האָבן די שיינע דאַמע גאַנץ פאַר זיך? עגאָאיסט, וואָס איר זייט!"

זייז שטימע איז געווען אומאַנגענעם הייזעריק. אַרנאָלד

איז געווען זיכער, אז ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געזאָגט. אָבער ער האָט נישט געקאָנט אויסמאַכן, צי האָט ער געלאַכט אָדער געבייזערט זיך.

מאַרדין האָט געטאָן ראָטמאַנען דעם צוליב און פאָרגעשטעלט אים אַרנאָלדן און מעריאָן:

„איינער פון אונזערע גרעסטע דיכטער...״

ראָטמאַן האָט באַשיידן אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ קאָמפּלימענט. אָבער אַ שמייכל האָט זיך צולייגט איבער זיין אויבערשטער ליפּ, אויפגעלויכטן אין זיינע געשפּענסט־אויגן, דורכגעשוועבט איבער זיין געזיכט. דער לויבטיטל האָט אים דאָך געקיצלט.

מעריאָן האָט אים פריינטלעך צוגעשמייכלט און נייגיריק אָנגעקוקט אים. זי האָט שוין לאַנג געהערט פון אים. אויך אַרנאָלד האָט אים אָנגעקוקט, געוואָלט זען, ווי זעט אויס דער מענטש, וועמעס בליקן אויף זיין רוקן האָבן אים אַזוי געשטערט. געוואָלט אויך זען, ווי עס זעט אויס אַ באַרימטער דיכטער, וועלכער שרייבט אין אַזאַ אומבאַקאַנטער שפּראַך, ווי יידיש, פון וועלכער ער האָט געהערט, אַז דאָס איז גאָר קיין שפּראַך נישט.

„איר זייט צום ערשטן מאָל אויף אַזאַ באַנקעט?״ — האָט ראָטמאַן אים געפרעגט אין אַ שלעכטן ענגליש.

אַרנאָלד האָט גוט פאַרשטאַנען, וואָס ראָטמאַן האָט געמיינט מיט „אַזאַ באַנקעט״, אָבער ער האָט אים געוואָלט ערגערן פאַר זיין קוקן.

„איך גלויב,״ האָט ער געזאָגט, „דאָס איז דער ערשטער באַנקעט נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע. אָדער איז די רוסישע רעוואָלוציע שוין עפּעס פאַרגעקומען?״

ער איז געווען קאַלט און שטעכיק. ראָטמאַן האָט דאָס דערפילט. זיין געזיכט איז געוואָרן האַרט, זיינע אויגן האָבן זיך נאָך טיפער אַריינגערוקט.

„איך מיין אויף אַ באַנקעט דאַון־טאַון, אויף אַ יידישן באַנקעט, אויף אַ באַנקעט פון רעוואָלוציאָנערן און אָרעמעלייט,״ האָט ער שפּיציק געזאָגט און פיינטזעליק אָנגעקוקט דעם מאַן מיט דער געבלויזטער ברוסט.

אין דעם מאָמענט איז אָלגע מאַנקאָף אַריינגעקומען פון צווייטן צימער. זי האָט אָפּגעטאָן איר אַרבעט. איצטער איז זי געווען אַ גאַסט מיט אַלעמען צוגלייך. אָבער אַ פאַרשפּעטיקטער גאַסט, וועלכער האָט זיך געמוזט אַרומקוקן נאָך אַ זיץ. זי איז געווען גאַנץ פאַרפּלאָנטערט, איבער אירע רויטע ליפּן האָט גע־שוועבט אַ קוים־באַמערקבאַרער שמייכל. פון פאַרשידענע זייטן האָט מען זי אָנגעהויבן צוצורופן. מען האָט זיך גענומען צונויפּ־צורוקן, מאַכן פאַר איר פּלאַץ. אויך ביים יחסן־טיש האָט מען זיך אָנגעהויבן צו באַוועגן.

ראָטמאַן האָט זי גערופן: „אַהער! אַהער!" און אַרומגע־קוקט זיך רעכטס און לינקס, ווי ער וואָלט זי געוואָלט אוועקזעצן צווישן זיך און אַרנאָלדן אָדער צווישן זיך און דעם באַרימטן רעדאַקטאָר.

אָלגע האָט אויסגעקליבן אַ פּלאַץ קעגן מעריאָן. צום גרויסן פאַרגעניגן פון אַרנאָלדן, וועלכער האָט זי געוואָלט נענטער באַ־טראַכטן. אָבער אויך צום גרויסן פאַרגעניגן פון ראָטמאַנען, וועל־כער האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן טיש, אַזוי, אַז אַרנאָלד האָט זיך געמוזט אָפּרוקן אויף הינטן, און אויסגעצויגן אַ האַנט צו אָלגען מיט אַ ברייטן „העלאָ, מיס מאַנקאָף!" אויף זיינע ליפּן האָט זיך צוגאָסן אַן אומאָנגענעם־זיסער שמייכל, אין זיינע אויגן דאָט זיך אָנגעצונדן אַ נאָכמער אומאָנגענעם פייערל.

אָלגע האָט קוים אויסגעצויגן צו אים די האַנט, קאַלט אָפּ־געענטפערט: „העלאָ, מר. ראָטמאַן!" און גלייך צוריק אוועקגע־נומען איר האַנט, וועלכע ראָטמאַן האָט זיך צוגעקליבן צו האַלטן וואָס לענגער. זי האָט זיך געווענדט צו מעריאָן און אַרנאָלדן, גע־פרעגט, ווי אַמוזירן זיי זיך, און איבערגעטראָגן אַ שטרענגן בליק אויף ראָטמאַנען, אויפמערקזאַם געמאַכט אים, אַז ער מאַכט ענג מר. לעווענבערגן.

ראָטמאַן האָט זיך אומגעקוקט, אַנטשולדיקט זיך און דער קלערט אַרנאָלדן:

„דאָס איז אונזער אַלעמענס ליבלינג!"

ביים טיש אויף דער רעכטער זייט פון דעם זאַל האָט מען פּלוצלונג אָנגעהויבן צו זינגען. אַרנאָלד האָט נישט באַמערקט, ווען האָט מען זיך צוזאַמענגערעדט און ווער האָט געגעבן דעם צייכן צו זינגען. נאָר גראָד, ווען ער האָט זיך צוגערוקט צום טיש און געוואָלט עפּעס זאָגן מים מאַנקאָף, האָט ער געמוזט אויפקוקן מיט איבעררעשונג צו די זינגער.

עס האָט אָנגעהויבן צו זינגען די גאַנצע רעכטע זייט, מענער און פרויען. באַלד האָט אונטערגעכאַפּט די לינקע זייט, מענער און פרויען. צולעצט האָבן אויך איייניקע פון דעם יחסן־טיש צוגעגעבן זייערע שטימען. עס איז נישט געווען קיין איינגעשטודירטער כאָר־געזאַנג, נישט איינגעשטימט, נישט איינגעמוילט. מען האָט זיך אין די שטימען נישט געקאָנט פאַנאַנדערקלייבן. אַלע האָבן געזונגען איין שטימע. אַלע האָבן געזונגען אָז שטימען. מען האָט אַרויסגעשריען פון זיך אַ ליד. פרייליך, לעבעדיק, לאַכנדיק. אַ יונגער מענטש, גלאַט ראַזירט, מיט לאַכנדיקע גוטע אויגן, איז געווען, קענטיק, דער אָנפירער. אַלע האָבן געקוקט צו אים, און ער האָט אָפּט געמאַכט דירידזשאָר־באַוועגונגען און אָנגעהויבן יעדן נייעם קופּלעט. ער האָט געזונגען אָן אַ שטימע, געריסן זיך דעם האַלז מיט דעם מוט פון אַ שרייער, וועלכער האָט נישט מורא פאַר איבעררייסן זיך און הייזעריק ווערן. און אַלע אַנדערע האָבן אים נאָכגעשריען, אַריבערגעשריען.

עס איז געווען אוממעגלעך אַ וואָרט אויסצורעדן. דער

עיקר נאָך איבערן טיש. ארנאָלד האָט א שמייכל געטאָן צו מים מאנקאָף, אָנגעשפּאַרט זיך אָן ווענטל פון זיין שטול, איבערגעגעבן זיך צו זיין שווערן שיקזאַל, וואָס האָט אזוי אומבּרחמנותדיק געפּייניקט זיינע מוזיקאַלישע אויערן. ליד האָט אָפּגעביטן ליד. די זינגער האָבן נישט געוואָלט מיד ווערן. איין טיש האָט געוואָלט אריבערשרייען דעם אנדערן. ארנאָלד האָט זיך ווידער פארטראָגן נאָך פראנקרייך. זיין שטערן איז געווען אָנגעקנייטשט, זיין בליק ווייט. עס איז אים געווען, ווי אינמיטן פון געזאנג וואָלט ער דער־הערט קאַנאָנען־געשאָס און דעם געשריי פון פארוווּנדעטע און שטארבנדיקע. באַלד וועט דער געשריי פארשטארקט ווערן דורך פארוווּנדעטע און שטארבנדיקע אמעריקאַנער... ער איז טרויעריק געוואָרן.

אָבער דערפאַר איז ראָטמאַן געווען גאַנץ שמייכל. דער דיכטער איז געווען גליקלעך מיט דער פרייד פון דעם עולם. זיינע אויגן האָבן ווארעם געלויכטן. ער האָט נישט געהאַט קיין געהער און קיין זכרון פאַר ניגונים, און דאָך האָט ער פארזוכט א פּאָר מאָל מיטצוזינגען. מיט אַן אומאָנגענעמער הייזעריקער שטימע. פארבּרעכעריש פאַלש. אומבאַוווּסט האָט זיך ארנאָלדס געזיכט א פּאָר מאָל פארקרימט. דאָס איז ראָטמאַנס זינגען איבערגעגאַנגען ווי א סקרוך איבער אים. ווי דאָס קראַצן איבער א שויב. אָדער ראָטמאַנס אָפּט אויפלאַכן. גוטמוטיק אַזוי, הארצעדיק, נחתדיק, אָבער דאָך דערעסנדיק פאַר איינעם, וועמעס געדאַנקען האָבן זיך ארומגעטראָגן אויף די פעלדער פון פראַנקרייך צווישן בלוט און פּיין און גסיסה...

נאָך איינעם פון אַזא אויפלאַכן האָט ראָטמאַן זיך געווענדט צו ארנאָלדן:

„האָט מען דאָ עפּעס רעוואָלוציאָנערע לידער?"

ארנאָלד, ארויסגעריסן פון זיינע געדאַנקען, האָט זיך צו־ערשט נישט געכאַפּט, אַז ראָטמאַן רעדט דאָס צו אים. ער האָט זיך גאָר אומגעקוקט אויף אים מיט א פראַגעצייכן אין זיינע אויגן.

ראָטמאַן האָט א טראַכט געטאָן, אַז ער האָט עפּעס קיין מזל

נישט צו דעם פריץ. שוין ווידער באַגאַנגען אַ טאַקטלאָזיקייט, אַריינגעפאַלן אין זיינע געדאַנקען אומגעבעטענערהייט. ווי איינער, וועלכער רייסט זיך אַריין אין אַ פרעמד צימער, נישט אָנקלאַפּנ־דיק אין טיר.

„אַנטשולדיקט," האָט ער פאַרלעגן אַרויסגערעדט. „איך האָב אייך געשטערט? איך האָב געוואָלט וויסן, צי האָט איר אין אַמעריקע רעוואָלוציאָנערע לידער."

„רעוואָלוציאָנערע לידער?" האָט זיך אַרנאָלד געוווּנדערט.

„אָט פון אַמאָל. פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע. מען האָט דאָך דאָ זיכער געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער. האָט מען? איך קאָן מיר נישט פאָרשטעלן קיין רעוואָלוציע אָן לידער. זיי זיינען זיכער געווען די ווערסיפיצירטע אומאָפּהענגיקייטס־דער־קלערונג. רעוואָלוציאָנערע לידער זיינען קיינמאָל נישט קיין אמתע פּאָעזיע. אַ פּאָר פּילייכט אין דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער לי־טעראַטור. איך האָב אויך פאַרפאַסט עטלעכע רעוואָלוציאָנערע לידער. שוואַכע לידער. מען זינגט זיי. פריער האָט מען איינס גע־זונגען. איך האָב אייך נישט געוואָלט אויפמערקזאַם מאַכן. איר געדענקט אפשר?"

ער האָט אָנגעהויבן צו זינגען:

„אין גרויסע מאַסן גייען מיר,
געשלאָסן מאַן צו מאַן..."

אַרויסגעזונגען און אָפּגעהאַקט זיך מיט אַן אויפלאַכן.

„איך קאָן נישט זינגען. געדענק אפילו נישט די מעלאָ־דיעס צו מיינע לידער, כאָטש איך הער זיי אָפט. זיי זיינען זייער פּאָפּולער, מיינע לידער. איך מיין, מיינע רעוואָלוציאָנערע לידער. איך ווייס נישט, וואָס מען האָט אין זיי געפונען. ווי אין אַלע רע־וואָלוציאָנערע לידער. ווערסיפיצירטע פרייהייטס־באַשטרעבונגען. אַ פריער קומען די פרייהייטס־לידער, דערנאָך די פרייהייטס־קאָנסטיטוציעס. אַמעריקע האָט זיי מסתמא אויך געהאַט. אַ שאָד, אויב זיי זיינען פאַרגעסן געוואָרן. איך זע אָן אייך, אַז זיי זיינען פאַרגעסן געוואָרן. איר זענט דאָך אַן אַמעריקאַנער? אַ געבוירע־נער אַמעריקאַנער? אַ ייד?..."

ער האָט געשאָטן די פראַגן. נישט אָפּגעשטעלט זיך. געלייענט דעם ענטפער אין לעווענבערגס אויגן. ביי דער לעצטער פראַגע האָט ער דאָרטן באַמערקט אַ פאַרווונדערונג. אָבער ער האָט שנעל פאָרטגעזעצט:

,,דאָס מאַכט נישט אויס. אַ געבוירענער אַמעריקאַנער. איר וואָלט זיי געוויס געוווּסט, די לידער, ווען זיי וואָלטן נישט פאַרגעסן געוואָרן. אַ שאָד... ווען זיי וואָלטן נישט פאַרגעסן געוואָרן, וואָלטן דאָ די פּרינציפּן פון דער אומאָפּהענגיקייטס־דערקלערונג נישט געוואָרן אַזאַ טויטער בוכשטאַב...״

אַרנאָלד האָט אויפגעציטערט, ווי פון אַ שטאָך. שטאַרקער אָנגעקוקט ראָטמאַנען, ווי ער וואָלט זיך געוווּנדערט, ווי קומט צו אים אַזאַ געדאַנק.

ראָטמאַן איז רויט געוואָרן. ער האָט שוין עפּעס געזאָגט, וואָס ער האָט נישט געדאַרפט זאָגן. וואָס האָט ער, נעבעך, צו דעם אָרעמען פּריץ? וואָס דאַרף ער אים ווי טאָן?

,,אַנטשולדיקט,״ האָט ער געזאָגט, ,,איך האָב עס אפשר נישט געדאַרפט זאָגן. איך ווייס פון מיר נאָך. איך האָב פון רוסלאַנד קיין האָניק נישט געלעקט. איר ווייסט דאָך מסתמא, וואָס אַ ייד האָט זיך אויסצושטיין אין רוסלאַנד? איר׳ט געהערט? איר ווייסט דאָך מסתמא, אַז אין רוסלאַנד זיינען פאַר יידן פאַרמאַכט אַלע שולן... ג ע ו ו ע ז ן פאַרמאַכט, איצטער וועט האָפנטלעך אַנדערש ווערן. איר׳ט דאָך מסתמא געהערט, אַז אין רוסלאַנד קאָנען יידן וווינען בלויז אין באַשטימטע געגנטן... ה אָ ב ן געקאָנט. דאָס וועט מסתמא איצטער אויך אָפּגעשאַפט ווערן... איז נו... האָב איך זיך גוט אָנגעליטן אין רוסלאַנד. איך ווייס אַפילו דעם טעם פון אַ פּאָגראָם. איר ווייסט דאָך, וואָס אַ פּאָגראָם איז? דאָס איז שוין אַזאַ באַקאַנטע זאַך, אַז דאָס וואָרט איז שוין אַפילו אַריין אין דער ענגלישער שפּראַך און סטענדאַרד־ווערטערבוך... און פונדעסטוועגן, אַז אַ פרעמדער זאָגט עפּעס אַ שלעכט וואָרט אויף רוסלאַנד, פאַרדריסט מיך. וואָס דאַרפט איר מער, איך האָב זיך דאָך געדאַרפט פרייען מיט רוסלאַנדס מפּלות אויפן שלאַכט־

פעלד... אַלע יידן האָבן זיך געדראַפּעט פרייען... און פונדעסטוועגן האָט מיר דאָס האַרץ וויי געטאָן...״

„ווי פאַרהאַלטן זיך יידן צו דער מלחמה?״ האָט אַרנאָלד ענדלעך איבערגעריסן ראָטמאַנס מאָנאָלאָג.

„ווי זאָלן זיי זיך פאַרהאַלטן?״ האָט ראָטמאַן געענטפערט מיט אַן איבערפרעג, צופרידן, וואָס ער האָט ענדלעך פאַראינטערעסירט דעם פריץ. „פאַרשידנאַרטיק. פאַראַן, וועלכע האַלטן מיט די אַליאירטע... איך האָב פיינט דייטשלאַנד. איך האָב פיינט די דייטשן... איך וועל נישט לייקענען, זיי האָבן טאַקע אַ סך אויפגעטאָן פאַר דעם מענטשלעכן געדאַנק און פאַר דער אַנטוויקלונג פון שיינהייט... ווען מען זאָל אויסמעקן פון דער מענטשלעכער קולטור אַלץ, וואָס די דייטשן האָבן אין איר אַריינגעטראָגן, וואָלט די וועלט ריזיק אָרעם געוואָרן. דאָס איז טאַקע אמת. אָבער זיי האָבן מיך פיינט, מיך — דעם יידן, און איך מוז זיי פיינט האָבן... זיי זיינען די באַגרינדער פון דעם אַזוי־צו־זאָגנדיקן וויסנשאַפטלעכן אַנטיסעמיטיזם... נאַטירלעך, די וויסנשאַפטלעכקייט פון דעם אַנטיסעמיטיזם איז נישט ווערט קיין אויסגעבלאָזן איי, אָבער דאָס איז נאָך מער באַליידיקנדיק. ווען באַדייטנדע דענקער קאָנען זיך דערנידעריקן צו אַ פאַלשער וויסנשאַפט, אום רעכטצופאַרטיקן זייער פיינטשאַפט צו מיר, באַווייזט עס בלויז, ווי גרויס און עקלהאַפט די פיינטשאַפט איז אין זיי. עס איז דיזעלביקע זאַך, ווי די קעגנער פון די נייע באַשטרעבונגען אין דער ליטעראַטור האָבן אויסגעטראַכט אַ פאַלשע וויסנשאַפט, וועלכע דאַרף באַווייזן, אַז די נייע זיינען נויראַסטעניקער און משוגע... איר ווייסט מסתמא: לאָמבראָזאָ, נאָרדוי...״

דאָס זיינען אַלץ געווען פיליכט אינטערעסאַנטע געדאַנקען, אָבער אַרנאָלד האָט געוואָלט וויסן, ווי יידן באַציען זיך צו דער מלחמה.

„איר׳ט אַנטשולדיקן,״ האָט ער איבערגעריסן דעם דיכטער, „אָבער איך וואָלט אייך דאַנקבאַר געווען, ווען איר זאָגט מיר די באַציאונגען פון די יידן צו דער מלחמה.״

ראַטמאַן האָט פּיינטזעליק אַ קוק געטאָן אויפן פּריץ, צו וועלכן ער האָט קיין מזל נישט און וועלכער האָט אים אזוי העפ־לעך דערמאָנט אָן זיין געוווינהייט צו פּאַררעדן זיך.

,,אנטשולדיקט,'' האָט ער געזאָגט, רויט ווערנדיק. ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. געוואָלט דערמאָנען זיך, ביי וועלכן פּונקט איז ער אַראָפּ פון וועג.

אַרנאָלד האָט אים קשהדיק אָנגעקוקט. פאַרוואָס איז ער אַנטשוויגן געוואָרן? ער האָט געמיינט, אַז דער דיכטער האָט זיך באַליידיקט און ווייל נישט מער רעדן. אָבער אָן דעם זוכנדיקן בליק פון די אויגן און אָן די גלעטנדיקע באַוועגונגען פון דער רעכטער האַנט איבער דעם שטערן, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער דיכטער זוכט דעם פאַרלאָרענעם פאָדעם אין דעם לאַבירינט פון זיינע געדאַנקען.

,,איר'ט אָנגעהויבן, אַז אַ סך יידן זיינען פאַר די אַליאיר־טע,'' האָט ער אים אַרויסגעהאָלפן.

,,יאָ, אמת,'' האָט ראַטמאַן אונטערגעכאַפּט אַלץ נאָך מיט דער פּיינטזעליקייט אין זיין בליק. אַ געשפּרעך וועגן ליטעראַטור האָט אים מער אינטערעסירט, ווי וועגן דער מלחמה. און ער איז שוין געווען אין בעסטן גאַנג, אויסצוגיסן אַביסל זיין כעס אויף די פּסיידאָ־וויסנשאַפטלער, וועלכע האָבן זיך דערוועגט צו באַליי־דיקן דאָס הייליקסטע אין זיין לעבן — די ליטעראַטור און אירע כהנים און נביאים. דאָס מוז עפּעס זיין אַן אָרעם־גייסטיקער מענטש, דער פּריץ, וועלכער האָט אין זיך נישט מער, וויפל זיין טעגלעכע צייטונג גיסט אין אים אַריין — די אַמעריקאַנער טעגלע־כע צייטונג, וועלכע איז געגרינדעט אויף בלאָף און שונד און אַדווערטייזמענטס.

ראַטמאַן האָט זיך ענדלעך צוזאַמענגעקליבן מיט זיינע גע־דאַנקען.

,,יאָ,'' האָט ער ווידער אָנגעהויבן. ,,אַ סך זיינען מיט די אַליאירטע. אָבער נאָכמער זיינען קעגן די אַליאירטע... דאָס הייסט נישט דווקא קעגן די אַליאירטע. די יידן האָבן אַלע ליב ענגלאַנד. אַלע רוסישע יידן. זיי האָבן זיך שטענדיק געבענטשט מיט ענג־

לאַנד. זיי האָבן שטענדיק געקוקט אויף ענגלאַנד, ווי אויף אַ לאַנד, פון וועלכן זיי דאַרפן האָפן אויף אַלערליי ישועות. אָבער אין דער איצטיקער מלחמה מוזן זיי זיין קעגן ענגלאַנד. ווייל זי איז פאַר־בונדן מיט רוסלאַנד. דאָס רוב זיינען זיי אַלע קעגן רוסלאַנד. זיינען זיי געווען קעגן רוסלאַנד. איצטער נישט מער... אַהאַ־האַ! איצטער נישט מער. איצטער וועט איר קיין יידן נישט געפינען, וועלכער זאָל זיין קעגן די אַליאירטע... איך בין שטענדיק געווען פאַר די אַליאירטע. אָבער איצטער דוכט זיך מיר, אַז זיי, די פּאָלקסמאַסן, וועלכע זיינען געווען קעגן, זיינען געווען גע־רעכט. זייער אינסטינקט האָט זיי געזאָגט, די רוסישע מפּלות וועלן ברענגען צו אַ רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. זיי זיינען טאַקע געווען גערעכט. וואָרום טאַקע? שטעלט אייך פאָר, וואָס וואָלט געווען, ווען רוסלאַנד וואָלט געזיגט, און ניקאָלאַי וואָלט אריינגעריטן אַלס זיגער אין בערלין? איר קאָנט אייך פאָרשטעלן, וואָס עס וואָלט גע־ווען? דאָס וואָלט געווען דער שוואַרצסטער טאָג פאַר דער איי־ראָפּעאישער קולטור...״

„און אַזעלכע, וועלכע זיינען בכלל קעגן מלחמה, זיינען פאַ־ראַן?״ האָט אַרנאָלד געפרעגט. פאָרזיכטיק אַרויסגערעדט די ווער־טער, מיט דעם געפיל פון אַ מענטשן, וועלכער איז אין געפאַר, אַז זיינער אַ סוד זאָל אויפגעדעקט ווערן.

„אונטער די יידן? אָ, יאָ, אַ סך! דער עיקר צווישן די עלטע־רע. צווישן די פרומע, די אָרטאָדאָקסן. זיי...״

דער טאָסט־מייסטער דר. באַרסקי איז אויפגעשטאַנען, האָט אָנגעקלאַפּט מיטן מעסער אָן גלאָז. די זינגער האָבן נאָך נישט גע־וואָלט אַנטשווייגן ווערן. דר. באַרסקי האָט שטאַרקער געקלאַפּט מיטן שווערן דיקן גלאָז אָן טיש און אויסגערופן, עס זאָל ווערן שטיל. נאָך אייניקע האָבן אים געהאָלפן איינצושטילן דעם עולם. געזאַנג און געשפּרעך האָט אויפגעהערט. עס איז געוואָרן שטיל.

אויך ראָטמאַן האָט איבערגעריסן זיין געשפּרעך. מיט אַ פאַר־עכטלעכער באַוועגונג מיט די הענט און די ליפּן. אין זיינע אויגן האָט אויפגעלויכטן אַ בייזקייט.

„ווער דאַרף די רעדעס!״ האָט ער געזאָגט מיט אַ פאַרקרי־

מונג. דאָס האָט ער געצבועטשעט. אַלס איינער פון די יחסנים, האָט ער שוין געהאַט צוגעגרייט זיין רעדע און געוואַרט אויף דעם מאָ־ מענט, ווען ער וועט איינגעלאַדן ווערן צו זאָגן עפּעס. ער האָט אויך דערוואַרט צו זיין איינער פון די ערשטע רעדנער, ווייל ער האָט גערעכנט, אַז די גרעסטע יחסנים ווערן איינגעלאַדן די ערשטע צו רעדן, און ער האָט זיך געהאַלטן פאַר איינעם פון די גרעסטע יחסנים.

אָבער אַרנאָלד האָט זיך דערפרייט. ענדלעך! ער האָט זיך צוגעקליבן צו הערן מיט דער גאַנצער אויפמערקזאַמקייט.

„איר וועט מיר איבערזעצן,“ האָט ער דערמאָנט מאָרדינען.

## V

עס האָבן זיך אָנגעהויבן די רעדעס. א סך רעדעס. לאַנגע, קורצע. אויסדרוקן פון פרייד, האַרציקע מזל־טובס פאַר רוסלאַנד און אירע פרייהייטס־קעמפער, ענטוזיאַסטישע נביאות, וואָס רוס־לאַנד וועט איצטער ווערן. וואָס א פרייע, דעמאָקראַטישע רוסלאַנד וועט ווערן פאַר אירע בירגער, פאַר איירָאָפּע, פאַר דער גאַנצער וועלט. צווישן די רעדנער זיינען געוועזן עטלעכע, וועלכע האָבן גע־האָלפן פאָרצוברייטן די רוסישע רעוואָלוציע, פרייהייטס־קעמפער, וועלכע האָבן אין די רוסישע געפענגענישן אריבערגעטראָגן אויף זיך די האַרטע שטראָף פאַר זייער טעטיקייט, דעם פאָלק איבער־געגעבענער. זיי האָבן גערעדט מיט טרערן אויף די אויגן. מיט טרערן פון פרייד, וועלכע האָבן ארויסגערופן פונקט אזעלכע טרערן ביי די צוהערער. זוניקע טראָפּנס האָבן אויפגעשיינט איבער א ברייטן, גליקלעכן שמייכל אויף די ליפּן, ווארעם און לוסטיק געקייקלט זיך אַראָפּ איבער צוהיצטע, פאַרפלאַמטע באַקן, און קיין טאַשן־טיכל האָט זיך נישט גערירט אָפּצווישן זיי.

אין איינער פון זיינע פאָרשטעלונגען פון א רעדנער האָט דר. באַרסקי געברויכט די ווערטער: „איינער פון אונזערע באַ־דייטנדסטע שריפטשטעלער און דיכטער.” אַרנאָלד האָט פאַרשטאַ־נען די ווערטער און אומגעקוקט זיך אויף ראָטמאַנען. ער איז גע־ווען זיכער, אז דער טאָסט־מייסטער מיינט עס זיין שכן. א נערווע־זער צוק אין ראָטמאַנס געזיכט האָט געצייגט, אז אויך ראָטמאַן באַ־ציט די ווערטער אויף זיך. ער ווערט איצטער פאָרגעשטעלט. ער

האָט אויך צוגעקנעפּלט זיין רעקל. אָבער דער טאָסט־מייסטער האָט געענדיקט מיט דעם נאָמען דניאל מאַרדין.

ראָטמאַן האָט זיך געפילט באַליידיקט. געוואָלט אויפשטיין און אַוועקגיין. אַרויסווייזן זיין פּראָטעסט. ער האָט שוין לאַנג גע־דאַרפט רעדן, און זיכער פ א ר דעם יינגערן שריפטשטעלער, אָבער ער האָט בלויז בייז אויפגעלאַכט און איז געבליבן זיצן. ווען דער עולם האָט וואַרעם אַפּלאָדירט מאַרדינען, האָט ער געשעפּטשעט צו אַרנאָלדן:

„טאַקע אמת איינער פון אונזערע באַדייטנדסטע, נאָך גאָר יונג. וועט ווייט אַוועק. אַ פּאַרטיי־מאַן. דערפאַר רעדט ער פ א ר מיר. געהערט דער פּאַרטיי, איך קאָן נישט געהערן קיין פּאַרטיי. אַ דיכטער זאָל נישט..."

אַ שטרענג „ששש!" פון די אַרומיקע האָט אים אָפּגעשטעלט אין זיין שעפּטשען.

מאַרדינס רעדע איז אויסגעקומען אַרנאָלדן, ווי ווייט ער האָט זי פאַרשטאַנען, נישט אַם פּלאַץ. מאַרדין האָט גערעדט וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע און די יידן אין רוסלאַנד. האָט ער ריכטיק פאַרשטאַנען? מאַרדין האָט געזאָגט, אַז די רוסישע יידן דאַרפן זיך נישט לאָזן איינוויגן פון דער רעוואָלוציע. פריי און זעלבסטשטענ־דיק וועלן זיי זיין בלויז אין ארץ־ישראל. וואָס זיינען דאָס פאַר אַ משונהדיקע געדאַנקען? ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מעריאָן. זי איז געזעסן און געשמייכלט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט געוועזן איינפאַרשטאַנען. אָבער דאָס איז געוועזן איר האַלטונג דעם גאַנצן אָוונט. זי איז געוועזן גוט אויפגעלייגט, גאַנץ צושמאָלצן אין גוטסקייט און אויפגעלייגטקייט. זי וואָלט איצטער אויף גאָרנישט געקאָנט זאָגן ניין. אָבער מיס מאַנקאָף איז אים געוועזן אַ רעטע־ניש. ער האָט זעלטן־ווען אַוועקגעקוקט פון איר, און די גאַנצע צייט געזען די רעטעניש. זי, וועלכע איז געוועזן, ווי עס ווייזט אויס, איינע פון די הויפּט־אַראַנזשירער פון דער שמחה, האָט זיך צוגע־הערט צו די רעדעס מיט אַ גרויסן ערנסט אויפן געזיכט. גאָרנישט פון דער אַלגעמיינער פרייד, גאָרנישט פון דער גליקלעכקייט. און אָפט האָט עטוואָס ווי טרויער אַרויסגעלויערט פון אירע אויגן.

פון דעם טרויער, וועלכן ער האָט געקענט, וועלכער האָט אים פריער דאָ אָנגעפילט, ווען ראָטמאַן האָט אים אַרויסגעריסן פון זיין פאַר־טראַכטקייט. די טרויעריקייט איז געלעגן אין מיס מאַנקאָפּס אויגן, ווען מארדין האָט גערעדט. וואָס קאָן זי, אָט די טרויעריקייט, מיי־נען אין אירע אויגן?

דער טאָסט־מייסטער האָט פאָרגעשטעלט: משה ראָטמאַן. מיט הויכע לויב־ווערטער. ראָטמאַן האָט זיי באַגליים מיט אַ ביטולדי־קער האַנט־באַוועגונג: ווער דאַרף זיי, די קאָמפּלימענטן? און ער איז אויפגעשטאַנען צו רעדן, מיט אַ מינע פון אומגעריכט און אומגעוואָרט. אָבער וואָס ער האָט געזאָגט, איז געווען שיין, דיכ־טעריש שיין. עס איז געווען אַ פרייהייטס־הימן, דורכגעליטן אין דער נשמה פון אַן אמתן דיכטער. אַן אויפיובלען פון אַ שטאַרקן גייסט, וועלכער האָט זיינע קייטן צובראָכן. ער איז שטאַרק אַפּלאָ־דירט געוואָרן. ווען ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט ער זיך אָנגע־טראָפן מיט אַרנאָלדס בליק, אין וועלכן עס איז געלעגן פריינטלעכע אָנערקענונג. אויך מעריאַן האָט אים פריינטלעך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט קורץ אויפגעלאַכט.

„האָב איך גוט גערעדט? האָב איך? איך האָב זיך נישט צו־געגרייט... עקספּראָמטאָם...״

אַרנאָלדס בליק איז געוואָרן קאַלט.

אַ לענגערע פאָרשטעלונג פון דעם טאָסט־מייסטער. אַ גאַנצע רעדע איבער די פאַרדינסטן פון דעם מאַן, וועלכער וועט איצטער רעדן. דער אַרבעטער־פירער אפרים פעלדמאַן. גרויסע אַפּלאָדיס־מענטן.

פעלדמאַן האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן. אַ מאַן אָנהייב פערציק, אָבער מיט אַ סך גרויע האָר אין די געדיכטע פעך־שוואַרצע קודלעס, וועלכע ער האָט אָפט דורכגעקעמט מיט זיינע פינגער. פון מיטעלן וווּקס, מיט ברייטע פּלייצעס און אַ ליבער גוטמוטיקייט און ערלעכקייט אין זיינע העל־ברוינע אויגן. ער האָט גערעדט רויִק און קלאָר — און אין ענגליש. אַרנאָלד האָט זיך דערפרייט, אויפ־געשמייכלט. דאָס איז פיין! אַן אָנגעשטרענגטקייט איז אַראָפּגעפאַלן פון אים. ער וואָלט האַרציק געדריקט די האַנט דעם פעלדמאַן. און

נאָכמער — אַרנאָלד האָט אויפגעעפנט מויל און אויערן: פעלדמאַן האָט גערעדט קעגן דער מלחמה בכלל. קריטיזירט זי, אָנגערופן זי מיט ווערטער, ווי ער וואָלט זיי אַרויסגענומען פון זיין, אַרנאָלד לע־ווענבערגס, לעקסיקאָן. די קעמפנדיקע צדדים זיינען נישט בעסער איינער פאַר דעם אַנדערן. די מלחמה איז דאָס גרעסטע פאַרברעכן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. איר טרייב־קראַפט איז מאַרק־פאַרכאַפּונג און האַנדל־פאַרשפּרייטונג. איר נשמה איז די צופּוילטקייט פון אַ געזעלשאַפט־אָרדענונג, וועלכע מוז אונטערגיין. ער האָט זיך געוווּנדערט, ווי אַזוי סאָציאַליסטן קאָנען צושטימען צו איר, דערלאָזן זי, אונטערשטיצן זי. ענדלעך אַן איבערצייגטער פּאַציפיסט!?... ליידער, ניין... פעלדמאַן האָט נישט גערעדט פון אַן אַלגעמיין־מענטשלעכן שטאַנדפּונקט. נישט פון דעם שטאַנדפּונקט פון אַבסאָלוטער מענטשן־ליבע און דער אומגעהייערלעכקייט פון בלוט־פאַרגיסן. נאָר פון דעם אַרבעטער־שטאַנדפּונקט, פון דעם שטאַנדפּונקט פון קלאַסנקאַמף.

אַרנאָלד איז טרויעריק געוואָרן. עס איז געווען קאַמף אין דעם, וואָס פעלדמאַן האָט געזאָגט, נישט שלום. נישט די גרויסע שיינקייט פון שלום. עס איז קאַמף און בלוט־פאַרגוס און גרויזאַמ־קייט און אוממענטשלעכקייט און האַס. פּיליכט נאָך אַ ביטערער קאַמף, ווי דער, וועלכער איז אָנגעגאַנגען אין פראַנקרייך. און פעלדמאַן האָט דאָך אַזעלכע גוטע אויגן, און אַזויפיל ערלעכקייט ליגט אין זיי...

אַרנאָלד האָט זיך דערפילט מיד, אומצופרידן. איצטער האָט ער געוואָלט פאָרן אַהיים. ער האָט שוין געוואָלט אַ פּליסטער טאָן צו מעריאָן וועגן פאָרן אַהיים. אָבער דער נאָמען אָלגע מאַנקאָף איז אויסגערופן געוואָרן. אַההה! ער האָט אָנגעשטעלט די אויערן. הלוואי נאָר רעדט זי אין ענגליש.

מיס מאַנקאָף איז אויפגעשטאַנען, אַביסל פאַררויטלט, אָבער רואיק, מיט דער רואיקייט, וואָס איינער האָט דורך דער זיכערקייט אין זיינע געדאַנקען. אין אירע אויגן איז געלעגן דער ערנסט און די טרויעריקייט. זי האָט גערעדט אויף יידיש. אָבער דאָס, וואָס אַר־נאָלד האָט פאַרשטאַנען, האָט אים אָנגעפילט מיט פרייד, וועלכע איז דאָס מאָל נישט פאַרשטערט געוואָרן דורך אַפּוויכונגען.

זי איז געווען גליקלעך מיט דער רוסישער רעוואָלוציע. אָבער האָט אויף אַ מאָמענט נישט געקאָנט פאַרגעסן דעם פּרייז, וועלכן די וועלט האָט באַצאָלט. רוסלאַנד איז באַפרייט געוואָרן, אָבער די גאַנצע אייראָפּעאישע קולטור האָט באַנקראָטירט. דאָס בלוט, וואָס ווערט איצטער פאַרגאָסן ימימוויז, וועט קיינעם נישט אָפּריינִיקן, גאָרנישט אָפּוואַשן, נאָר ווערן אַ גרויסער פלעק אויף דעם געוויסן פון דער מענטשהייט, וועט ווי אַ שוואַרצער וואָלקן אויף לאַנג פאַר־דעקן מיט זיך די זון פון אמתער פריידיקייט.

זי האָט גערעדט הארציק, מיט טרויער אין דער שטימע, כמעט מיט טרערן אין די אויגן. אַרנאָלד האָט באַמערקט, אַז מען האָט זי געהערט נישט בלויז מיט אָפענע אויערן, נאָר אויך מיט אָפענע האַרץ און נשמה. און עס איז אים געווען מאָדנע צו דער־קענען זיינע אַנגעוויטאָגטע געדאַנקען, די ליידן פון זיין נשמה פאַר אַלע מלחמה־יאָרן, אין די שטיקלעך אים פאַרשטענדלעכע זאַצן פון אַן אומבאַקאַנטער שפּראַך פון אַ יונגער רוסיש־יידישער מיידל. ער האָט זיך אַנגעהאַנגען אויף אירע ליפּן, ער האָט, דאַכט זיך, פאַר־שטאַנען איר יעדעס וואָרט. זיין האַרץ האָט געקלאַפּט מיט איר האַרץ. איצטער האָט ער גוט פאַרשטאַנען דעם טרויער אין אירע אויגן...

זי האָט זיך אוועקגעזעצט פּלוצלונג, ווי נישט געענדיקט איר רעדע. ווי זי וואָלט פּלוצלונג באַגריפן, אַז עס איז אַן עבירה דאָס גאַנצע רעדן. די אַפּלאָדיסמענטן זיינען געווען שיטער. אפשר ווייל זי האָט אָפּגעבראָכן איר רעדע. אָבער מעריאָן האָט איר געגעבן די האַנט, צוקושט זיך מיט איר איבערן טיש און צוגעגעבן: „כאָטש איך בין מיט אייך, ווי איר ווייסט, נישט גאַנץ איינפאַרשטאַנען.״

אַרנאָלד האָט אויך געוואָלט דריקן איר האַנט, זאָגן איר עפּעס. אָבער ראָטמאַן האָט עס שוין געטאָן.

„לאָזט מיך דריקן אייער האַנט,״ האָט ער געזאָגט מיט אַ באַ־זונדער וואַרעמקייט. „גרויסע געדאַנקען. איך בין מיט אייך גאַנץ איינפאַרשטאַנען. איך האָב זיי שטענדיק געפילט. דאָס זיינען מיינע געדאַנקען.״

אַרנאָלד האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיטן ווינקל פון אויג.

ער איז געווען אומצופרידן, וואָס יענער האָט אים פאַרכאַפּט דעם וועג. איצטער וועט ער שוין איר האַנט נישט דריקן, גאָרנישט זאָגן. ראָטמאַן האָט פאַלש פאַרשטאַנען זיין קוק.

„ערנוואָרט,” האָט ער געזאָגט צו אַרנאָלדן, „דאָס זיינען מיינע געדאַנקען. איך בין פאַר שלום, פאַר אייביקן שלום. נאָר בין איך פאַר די אַליאירטע, ווייל...”

ער האָט אָנגעהויבן צו דערקלערן, פאַרוואָס ער איז פאַר די אַליאירטע, כאָטש ער איז פאַר דעם אייביקן שלום. אַרנאָלד האָט אים נישט געהערט. ער האָט איצטער געטראַכט, אַז מיס מאַנקאָף איז זייער שיין. אָבער ווען ער האָט געטראַכט פון איר שיינקייט, האָט ער זיך דערמאָנט אויף קעטרין, דערזען אירע ליפּן, דערפילט איר הויט אונטער זיינע פינגער. האָט ער נישט פריער געוואָלט האַלטן מיס מאַנקאָפס האַנט, ווייל ער האָט געוואָלט איר באַרירונג? ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיינע געדאַנקען, ווי ער וואָלט עפּעס פאַרשוועכט. אַ בלוט־כוואַליע האָט זיך צוגאָסן איבער זיין געזיכט. ער איז אומרואיק געוואָרן, צוגעפּליסטערט מעריאָן, צי וואָלט זי נישט געוואָלט אַהיים. מעריאָן האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. זיי האָבן זיך ביידע אויפגעהויבן פון די ערטער. צוזעגנט זיך מיט מאָרדינען. מיס מאַנקאָף איז אויפגעשטאַנען צו באַגלייטן זיי.

„שוין? איר גייט?” האָט ראָטמאַן געפרעגט מיט אַן אינטימער צודרינגלעכקייט.

אַרנאָלד האָט עפּעס אָפּגעברומט, מעריאָן האָט אָפּגעשמייכלט, און ראָטמאַן האָט זיך געווענדט צו איר:

„דאָ וועט זיך ערשט אָנהייבן די שמחה. די רעדעס וועלן באַלד אויפהערן. מען האָט זיי גאָר אינגאַנצן נישט געדאַרפט... אַ גוטע נאַכט, מיס הערים... דאָקטאָר הערים... גוד באַי!”

דאָס לעצטע האָט ער צוגעוואָרפן אַרנאָלדן, וועלכער איז שיר נישט אוועקגעגאַנגען אָן אַן אָפּשיידס־וואָרט.

ביים דורכגיין לעבן פעלדמאַנען האָט מעריאָן אים פאַרגעשטעלט אַרנאָלדן. אַרנאָלד האָט זיך דערמאָנט, אַז פריער האָט ער עפּעס געהאַט אַ סך וואָס צו זאָגן דעם אַרבעטער־פירער. אָבער איצטער האָט ער אַרויסגערעדט בלויז דאָס געוויינלעכע. „זייער צו־

פרידן צו קענען אייך.'' ער איז געווען אומגעדולדיק, געוואָלט וואָס שנעלער אוועק.

,,ווי איז דער נאָמען פון דעם בייזן פריץ?'' האָט ראָטמאַן געפרעגט ביי מארדינען, ווי נאָר אַרנאָלד און מעריאַן האָבן זיך דערווייטערט. ,,איר קענט אים? ווער איז ער?... די דאַמע איז זייער שיין... עפּעס אַ מאָדנער חן איז אויסגעגאָסן אויף איר... אמת שיין... דר. העריס... וואָס פאַר אַ דאָקטאָר?... טאַקע דר. מעדי־צין?... עפּעס אַזאַ שיינהייט זאָל זיין אַ דר. מעדיצין!...''

אָלגע האָט באַגלייט מעריאַן ביז דער דרויסן־טיר. אין דער קילער לופט פון דעם דרויסן, מיט איר האַנט אין זיינער, האָט אַרנאָלד איר געזאָגט, ווי צופרידן ער איז געווען מיט איר רעדע. ער וואָלט געווען גליקלעך, ווען זי וואָלט אים געגעבן די מעגלעכ־קייט דדרכצורעדן זיך מיט איר אויספירלעכער. מעריאַן האָט אים פאַרזיכערט, אַז די מעגלעכקייט וועט זיך שוין געפינען. ווען דער אויטאָמאָביל איז אָפּגעפאָרן, האָט אַרנאָלד נאָך אַ קוק געטאָן אויף הינטן, צי שטייט זי נישט אין טיר.

ווען זי איז געקומען צוריק צו איר זיין, האָט ראָטמאַן איר געזאָגט:

,,איר ווייסט, חברטע מאַנקאָף, איר האָט געמאַכט אַ גרויסע דעראָבערונג. דער פריץ דאָ האָט פון אייך קיין אויג נישט אַראָפּ־גענומען.''

אָלגע האָט גאָרנישט געענטפערט. זי האָט געוווּסט, אַז אָפּט נעמט מען פון איר קיין אויג נישט אַראָפּ. אָבער זי איז געווען אַנטשלאָסן נישט צו באַמערקן עס. דאָס לעבן האָט אַנדערע אינ־טערעסן. נישט דען?

מאַרדין האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט איר עפּעס וויכטיקס מיטצוטיילן. אַ פּאַרטיי־אָנגעלעגנהייט. זי איז אוועק אַרום טיש צו־צוזעצן זיך לעבן אים. ראָטמאַן האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן ווענטל פון זיין שטול, זיינע אויגן זיינען טיפער געוואָרן, זיין בליק איז אוועק אין ערגעץ אַ ווייטקייט. עפּעס פון קנאה איז דורכגעלאָפן אין אים צו מאַרדינען, וועלכער האָט צוגענומען גאַנץ פאַר זיך די

שיינע אָלגע מאַנקאַף, צו אַרנאָלדן, וועלכער האָט אוועקגעפירט די פּרעכטיקע דאָקטאָר הערים... אַ בענקעניש אין אים האָט זיך אָנגע־הויבן אָנצוטאָן אין ווערטער, אין ריטמען, אין גראַמען. אַ ליד איז באַשאַפן געוואָרן פון דער דיכטערס אייביקער בענקעניש נאָך דער שיינער פרוי...

און אין אויטאָמאָביל, וואָס האָט זיי געטראָגן דורך די קיינמאָל נישט שלאָפנדיקע גאַסן פון ניו־יאָרק, האָט מעריאָן גע־פרעגט אַרנאָלדן:

„נו, ווי איז אייך עפּעס געפעלן געוועזן?״

„גאַנץ אינטערעסאַנט. אַן אַנדער וועלט, אַן אַנדער לעבן. אַ גאַנץ אומסימפּאַטישער מענטש דער דיכטער ראָטמאַן, אָבער ער האָט אַרויסגעזאָגט אַ פּאָר אינטערעסאַנטע געדאַנקען.״

„און ווי געפעלט אייך מיין ליבלינג?״

זי האָט גוט געוווּסט דעם ענטפער, אָבער געוואָלט פון אים הערן.

„מיס מאַנקאָף?״ האָט ער געפרעגט און מער גאָרנישט גע־זאָגט. ער האָט אַרויסגעקוקט אין דעם טונקעלן דרויסן, ווי ער וואָלט געזוכט, וואָס און ווי צו ענטפערן איר. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער זיך געווענדט צו איר:

„איז נישט מר. מאַרדין איר חתן?״

מעריאָן האָט אויפגעלאַכט:

„ווי קומט איר דערצו?״

„איך האָב געהאַט עפּעס אַזאַ איינדרוק.״

„זיי געהערן ביידע צו איין פּאַרטיי. ביידע אין דער עקזעקו־טיווע. אָבער ווי ווייט איך ווייס...״

ביים צושיידן זיך האָט ער איר געדאַנקט פאַר דער איינלאַ־דונג. עס האָט אים געגעבן די געלעגנהייט אַרײַנצוקוקן אין אַן אַנ־דער וועלט, באַקאַנט צו ווערן מיט אינטערעסאַנטע מענטשן.

„איך ווייס נישט,״ האָט ער געזאָגט, „צי וועט עס מיך אויס־היילן, אָבער וועל געווים האָבן עטלעכע טעג גוטע באַשעפטיקונג פאַר מיינע געדאַנקען.״

ווען ער איז געבליבן אליין אין אויטאמאביל, האט ער א סך געטראכט פון מים מאנקאף. ער האט זי געזען פאר זיך, ווי זי האט געשניטן דאס ברויט, ווי זי האט זיך צוגעהערט צו די רעדעס, ווי זי האט גערעדט. און צולעצט, ווי זי איז געשטאנען אין טיר ביים צושיידן זיך. געזען דעם ליכטן שמייכל איבער אירע דינע, קליינע ליפן, דעם לאשטשענדיקן שיין פון אירע בלויע אויגן. געדענקט די בארירונג פון איר קרעפטיקער האנט.

אבער ערגעץ־ווו אינדערוויטנס איז געוועזן קעטרין, די פייערדיקע, די קוש־באגערנדיקע, די געקושטע.

קעטרין האָט זיך גערוכט אויף אַרנאָלדן דעם אָוונט נאָך דער קוש־רייזע. גאַנץ באַשטימט וועט ער זיך לאָזן זען אָדער הערן.

ער איז דאָך פאַרליבט אין איר. פול פון איר. זי איז אין אים אריין, ווי שטאַרקער ווײַן. זי ווייס אַליין נישט, ווי און ווען. און איצטער נאָך דער קוש־רייזע וועט ער גיין ווייטער, וועט ער וועלן מער. נישטאָ מער פאַר אים קיין אָפּהאַלט, נישטאָ קיין צו־ריק. זי האָט זיך געמאָלט, ווי ער מוז פילן דעם גאַנצן טאָג. ווי שיכור. אומגעדולדיק. מיט פייער־בייטשן אין זיין בלוט. געטריבן, געיאָגט. מיט אַלע געדאַנקען בײַ איר. אָט וועט ער זי אָפּרופן. גע־ווים וועט ער זי אָפּרופן. וועט וועלן הערן איר שטימע. וועט באַ־שטימען, ווען און ווו צו טרעפן זיך אין אָוונט...

ווו זאָלן זיי זיך טרעפן? ווו זאָלן זיי פאַרברענגען דעם אָוונט?... זי האָט אַלץ אָפּגעטראַכט. אָפּגעפּלאַנט. אויסגעלייגט זיך, וואָס זי דאַרף טאָן, אום צו פאַרבינדן אים...

אַרנאָלד איז געוועזן דער מאַן, אויף וועלכן זי האָט אויסגע־קוקט, וועלכן זי האָט געמוזט געפינען. ער איז איר ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן. אַזוי אומדערוואַרט. אַזוי אומדערהאָפט. גאַנץ אומ־גלויבלעך.

ער איז זייער רייך. זי וועט זיך בײַ אים באָדן אין געלט. אויסברענגען נאָך איר האַרץ־געלוסט. שפּילן און פאַרשפּילן און וואָס נישט. וואָס פאַר אַן אויפאָטעמען! וואָס פאַר א הרחבה נאָך איר פאַרענגטן לעבן בײַ טאַטע־מאַמע! בײַ אַ טאַטן, וועלכער האָט

זיין גאַנצן רייכטום פאַרשווענדט אויף זיינע אייגענע פאַרגעניגנס. ביי אַ מאַמען, וועלכע האָט געריסן צו זיך אַלץ, אויף וואָס זי האָט נאָר געקאָנט אַרויפלייגן די האַנט.

און ער איז זייער שוואַך. ער וועט איר קנעכט זיין, איר אונ־טערטעניקער. אין זיין שוואַכקייט און פאַרלאָרנקייט וועט ער זי לאָזן טאָן, וואָס איר האַרץ געלוסט. זי וועט ביי אים האָבן די פולע פרייהייט, ווי ביי טאַטע־מאַמע. זי האָט קיינמאָל נישט געפילט אי־בער זיך דעם ווילן פון טאַטע־מאַמע. זיי האָבן זי געלאָזט טאָן, וואָס זי וויל. און אויך ביי לעווענבערגן וועט זי טאָן, וואָס זי וויל.

דערביי איז ער דאָך נישט דאָס שטיק האָלץ, פאַר וועלכן זי האָט אים די גאַנצע צייט גערעכנט. דער עיקר, נאָך דער ערשטער רייזע אין דעם אויטאָמאָביל. דאָס איז געווען צום לאַכן! אָבער איצטער...

זיין ליידנשאַפט איז געווען פאַר איר די גרעסטע איבער־ראַשונג. עפּעס מער — עפּעס מער ווי אין די פאַרשיידענע דער־פאַרונגען, וועלכע זי האָט געהאַט מיט אַנדערע. אין די אומאַרמונ־גען און קושן פון די אַנדערע, אין זייער ליידנשאַפט איז געווען אַ געוויסע קילקייט, אַ מעכאַנישקייט, קיינמאָל נישט קיין פאַרגעסנ־קייט. אין זייער ליידנשאַפט איז קיין שיכרות נישט געווען. זיי האָבן געוווּסט, וואָס זיי ווילן, און יעדע באַוועגונג איז געווען אויסגערעכנט, קאָפּ־אַרבעט. אין לעווענבערגס ליידנשאַפט איז גע־ווען שיכרות, איז געווען פאַרגעסנקייט, איז געווען אפילו משוגעת. עטוואָס, וואָס האָט זי אַליין גאַנץ שיכור געמאַכט.

איז פאַרוואָס רופט ער זי נישט אָפּ? פאַרוואָס לאָזט ער פון זיך נישט הערן? און אָט איז שוין אָוונט. זי איז געוואָרן נערוועז און בייז פון דעם נאַרישן וואַרטן. זי האָט זיך פאַרגעוואָרפן, פאַר־וואָס זי האָט ביים צושיידן זיך נישט אָפּגערעדט מיט אים, ווו און ווען צו טרעפן זיך.

עס איז געוואָרן שפּעט. ניין, ער וועט שוין מער נישט טעל־עפאָנירן. זי האָט זיך אָנגעטאָן, געוואָלט אַוועק פון שטוב. ווו־הין? זי האָט נישט געוווּסט, וווהין. האָט זיך אַרומגעדרייט איבער די צימערן אין אָנגעטאָנענע, געשטאַנען ביים פענסטער, צוגעגאַנ־גען צום טעלעפאָן, אַראָפּגענומען דאָס טרייבל... אָבער קיינעם

נישט אויפגערופן, נאָר אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל מיט כעס און גענומען אויסטאָן זיך, מיט פייער אין די אויגן, מיט פלאַמענדיקע באַקן, פאַנאַנדערטרייסלענדיק אירע האָר, וועלכע האָבן געגלאַנצט שוואַרץ און בייז, און אַריינגעוואָרפן זיך אין בעט. אין דעמזעלביקן בעט, וואָס זי האָט אַזוי גוט געגאָסן שפּעט פאָריקע נאַכט, גאַנץ אין דער אויפרעגונג פון דעם, וואָס זי האָט איבערגעלעבט אין דעם אויטאָ, ציענדיק זיך אין גרויסער זינלעכקייט, גלעטנדיק איר אייגענע סאַמעטענע נאַקעטקייט, אָנקוועלנדיק פון איר וווּנדערבאַרן, כמעט ייִנגלשן קערפּער. איצטער האָט זי דאָס בעט געשטויסן מיט בײדע פיס, אומגעוואָרפן זיך אין אים, געשלאָגן מיט די פויסטן, ווי דאָס וואָלט געווען שולדיק, וואָס פון אירע פּלענער פאַר דעם אָוונט איז גאָרנישט געוואָרן.

וואָס האָט דאָס דאָרטן געקאָנט טרעפן זיך מיט אים? ווען זי וואָלט געוווּסט, אַז ער וועט זיך נישט לאָזן זען... זי איז נישט געווינט צו פאַרברענגען אַזוי נאַריש אירע אָוונטן. אַזוי נאַריש! אַזוי נאַריש!... און עס האָט דאָך געקאָנט זיין אַזוי שיין... ווי אַזוי האָט זי נישט אָפּגערעדט מיט אים?... ווען זי וואָלט אָפּגערעדט מיט אים, וואָלט ער זיכער וואָרט געהאַלטן. אפשר האָט ער נישט געקאָנט דעם אָוונט... אַ פריערדיקע פאַראָפּרעדונג... אָבער אַפילו נישט טעלעפאָנירן?!... און זי זאָל זיך אַזוי פאַררעכענען!...

אויף מאָרגן האָט זי שוין קיין פּלענער פאַר דעם אָוונט נישט געמאַכט. זי האָט זיך גערעכנט אויף אַרנאָלדן, אָבער דעם אָוונט פאַרוועגדט, ווי זי וואָלט זיך אויף אים נישט גערעכנט. וועט ער זיך באַוויזן, וועט זי שוין וויסן, ווי צו באַשטראָפן אים פאַר נעכטן. אָבער ער האָט זיך נישט באַוויזן און נישט געלאָזט פון זיך הערן.

טאָג איז אַוועק נאָך טאָג. אַ סך טעג. אַ גאַנצע וואָך. טעג, אין וועלכע זי האָט אים אינגאַנצן פאַרגעסן, און טעג, אין וועלכע זי האָט זיך נישט אויפגעהערט צו וווּנדערן, פאַרוואָס מען זעט און הערט אים נישט. און דערנאָך איז געקומען אַן אָוונט אויף דער צווייטער וואָך, אין וועלכן איר פאָטער האָט איר געמאַכט אַ גרויסן סקאַנדאַל פאַר אַ פּאָר רעכענונגען, וועלכע ער האָט באַדאַרפט באַצאָלן. פאָטער און טאָכטער האָבן זיך אָנגערעדט אומצייטיקע גראָבקייטן, שיר זיך נישט צושלאָגן. דער צוזאַמענשטויס האָט איר

פארדארבן דעם גאנצן אָוונט. זי האָט זיך נישט געקאָנט בארואיקן. עס האָט זי געוואָרפן ווי אין אַ קדחת. זי האָט זיך איינגעשלאָסן ביי זיך אין צימער, איז אומגעלאָפן פון ווינקל צו ווינקל, נישט געפונען זיך קיין אָרט. וואָס טאָן? וואָס עפּעס אָפּטאָן?

ווען עס איז געוואָרן זייער שפּעט, האָט זי אַראָפּגעריסן פון זיך די קליידער און אריינגעוואָרפן זיך אין בעט. אָבער זי האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן. זי איז געלעגן מיט אָפענע אויגן, געקוקט אין דער פינסטערניש אריין און געפּלאָנטעט. זי האָט אריינגעשלעפּט לעווענבערגן אין דעם קרייז פון אירע געדאנקען. מיט אַ בייזן, הארטן געזיכט, מיט זידל־ווערטער און קללות, נישט געקימערט זיך, צי די ווערטער זיינען דרוקבאר. ווי גוט וואָלט איר געווען, ווען זי וואָלט אים אריינגעקראָגן, ווען ער וואָלט נישט פארשוווּנדן אַזוי געמיין! און ווייל זי האָט געטראכט פון אים אין אַ מינוט פון פארצווייפלונג, האָט איר קאָפּ געארבעט זייער שארף. זי איז געוואָרן העלזעעריש.

מיט אַזאַ „מאָראַלישן יאָלד״, ווי לעווענבערג, האָט זי געדארפט אנדערש האנדלען. נישט אָפּלאָזן אים, שלעפּן אים, וועקן אים. ער האָט זיך געווים דערשראָקן פאַר זיין אוממאָראַלישקייט, און זי האָט אים געלאָזן אוועקגיין צוריק אין זיך. זי איז געווען נארישער פאַר אים. אָ, זי מוז עס פארריכטן!

זי איז ארויסגעשפּרונגען פון בעט, צוגעלאָפן צו איר שרייב־טישל און אָנגעשריבן אים אַ בריוו. זי מוז אים זען. אַזוי נויטיק מוז זי אים זען, אַז זי שרייבט דעם בריוו שפּעט אין דער נאכט, אין פולן אינטערעסאנטסטן נעגליזשע, ווייל זי איז ארויסגע־שפּרונגען פון בעט. זי איז געווען אויסגעלאָסן אין דעם בריוו. אויב ער איז געווען פארסמט פון איר, מוז דער סם ווידער אויפ־געריררט ווערן. דער בריוו זאָל אָנצינדן אין אים דאָס, וואָס האָט אים געטריבן צו איר אין יענע צוויי אָוונטן.

זי האָט אויפגעוועקט מערין, די הויז־מיידל, וועלכע איז געווען איר אָנפארטרויטע, און איבערגעגעבן איר אוועקצושיקן דעם בריוו שנעלפּאָסט.

מערי האָט אַ קוק געטאָן אויפן אדרעס.

„דאָס איז דער העכט,״ האָט קעטרין געזאָגט.

ארנאָלד איז געזעסן ביים פרישטיק מיט דער מוטער און האָט דערציילט איר זיינע איינדרוקן פון נעכטן ביינאַכט אויפן באַנקעט פון די איסט־סיידער יידישע ראַדיקאַלן.

„מיר קענען זיי נישט,״ האָט ער געזאָגט. „מיר האָבן אַ גאַנץ פאַלשן באַגריף וועגן זיי. זיי זיינען נישט אָן קולטור, ווי מיר מיינען. זייער קולטור איז נאָר אַן אַנדערע. פיליכט אַ גייסטי־קערע, ווי אונזערע. זיי האָבן נישט דעם שליף, וועלכן רייכקייט גיט. אָבער מיר האָבן נישט דעם שליף, וועלכן דענקען גיט.״

ער האָט איר דערציילט דעם אינהאַלט פון עטלעכע רעדעס, וועלכע זיינען געווען צו שווער און אומפאַרשטענדלעך פאַר דער אַלטער דאַמע. ער האָט איר אַפילו דערציילט פון דעם דיכטער ראָטמאַן — אַ גאַנץ קאָמישער מענטש, וועלכער האָט אַרויסגע־זאָגט אַ פּאָר זייער אינטערעסאַנטע געדאַנקען. אָבער ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל ער איר דערציילן וועגן מיס מאַנ־קאָף. ווי ער זאָל נישט רעדן וועגן איר, וועט די אַלטע אָננע־מען, אַז ער איז שוין עפּעס נישט גלייכגילטיק צו דער איסט־סיי־דער מיידל. און דאָס וועט זי שטאַרק באַאומרואיקן, געבן איר אַ קאָפּ־ווייטאָג.

ער האָט אַריינגעקוקט אין דער מאָרגן־צייטונג, וועלכע איז געלעגן פאַר אים, פול מיט מלחמה־נייעס.

„מיר וועלן די מלחמה נישט אויסמיידן,״ האָט ער געזאָגט מיט אַ זיפץ. „זי איז שוין דאָ.״ און גלייך האָט ער צוגעגעבן:

„דו האָסט געדאַרפט הערן נעכטן אַן איסט־סײַדער מײדל, מים מאַנקאָף, רעדן קעגן מלחמה...״

ווען ער האָט איר אָנגעהויבן איבערצוגעבן די רעדע פון מים מאַנקאָף, האָט מען אים דערלאַנגט אַ שנעלפּאָסט־בריוו. די האַנטשריפט אויפן קאָנווערט איז אים געווען אומבאַקאַנט. אָבער דאָס איז געווען אַ פרויען־האַנטשריפט, און ער האָט אַ טראַכט געטאָן: קעטרין. ער איז רויט געוואָרן אין געזיכט און נישט געקאָנט ווייטער רעדן.

די אַלטע דאַמע האָט זיך פאַרווונדערט און געקוקט פון אים אויפן בריוו און פון דעם בריוו אויף אים. די נײַגיריקייט האָט זי געשלעפט פאַר דער צונג, אָבער זי האָט זיך אײַנגעהאַלטן צו פרעגן. זי האָט דאָך געזאָגט:

„לייען שוין איבער דעם בריוו און קום צו זיך און זעץ פאָרט דײַן באַריכט...״

ער האָט געענטפערט, מיט אַלע זײַנע געדאַנקען אויף דעם בריוו:

„נישט וויכטיק. איך וועל אים שוין איבערלייענען.״

און ער האָט אָפּגערוקט דעם בריוו אַן אַ זייט. אָבער ער האָט נישט געדענקט, וווּ ער איז שטיין געבליבן אין זײַן באַריכט, נישט געקאָנט אויפנעמען דעם איבערגעריסענעם פאָדעם, און גע־ווענדט זיך צו דער צייטונג.

די מוטער האָט אַרויסגערעדט: „אַנטשולדיק!״ איז אויפגע־שטאַנען און אַרויס פון צימער. געלאָזן אים אַליין מיטן בריוו.

ער האָט אַוועקגעלייגט די צייטונג און גענומען דעם בריוו. געדרייט אים אין די הענט, געקוקט, געקוקט אויפן אדרעס. קיין ספק נישט: פון קעטרין. ער קאָן שווערן. זאָל ער אים אויפעפע־נען? דאָס ריכטיקסטע: נישט אויפצועפענען דעם בריוו. צורייסן אים, נישט איבערלייענענדיק, אָדער גאָר אומקערן אים צוריק אַ נישט־געעפנטן. דעמאָלט איז דער קאַפּיטל „קעטרין״ געענדיקט, און ער וועט גאַנץ גענעזן ווערן. יאָ, אַוועקשיקן צוריק אַ נישט־געעפנטן. וואָס איז איר אַדרעס? אומזין! און ווי, אַז דאָס איז נישט פון קעטרין? ווי קאָן ער?...

ער האָט אויפגעריסן דעם בריוו: אַ קוק צו טאָן אויף דער

אונטערשריפט, און ער האָט איבערגעלייענט דעם גאַנצן בריוו. מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרץ, מיט אויפגערעגטקייט, מיט דעם טעם פון די קושן אין אַלע זיינע גלידער. אירע ווערטער וועגן איר נעגליזשע האָבן געהאַט אַ ווירקונג.

ביי דער זייט איז געלעגן די מאָרגן־צייטונג פול מיט די שרעקן פון דער מלחמה אויף יענער זייט ים אין פראַנקרייך, אין בעלגיע, אין רוסלאַנד, אויפן באַלקאַן, און נאָך מער פול מיט דער אויפרעגונג פון אַ גרויסן לאַנד, וואָס איז געשטופּט געוואָרן אין דער מלחמה אַריין. איידער ער האָט באַקומען דעם בריוו, האָט ער געקוקט אין דער צייטונג און איז געווען אומרואיק. איצטער האָט ער די צייטונג פאַרגעסן, און אַלע אירע שרעקן. און זיין אומרואיקייט איז איצטער געווען אַ גאַנץ אַנדערע.

ער האָט געפילט קעטרין לעבן זיך, אַזוי נאָנט, אַזוי לייבהאַפטיק. די געלייענטע ווערטער זיינען געווען קערפּערלעכע באַרירונג. צווישן די שורות האָט ער געזען זי אין נעגליזשע. זיינע געדאַנקען האָבן גענומען אַן אַנדער ווענדונג.

וואָס האָט ער זיך אַזוי דערשראָקן? פאַרוואָס וויל ער זי אויסוויכן? און וואָס, אַז ער וועט זי נאָכאַמאָל קושן, און נאָכאַמאָל? דאַרף ער נישט זיין צופרידן, וואָס ער האָט אַנטדעקט אין זיך אַ נייעם מענטש? אַ מענלעכערן, אַ קרעפטיקערן. דאָך מערקווירדיק, וואָס קעטרין, וועלכע קען מענער, וויל אים זען. זי האָט זיך אויף אים קיינמאָל נישט געוואָלט אומקוקן. איצטער מוז זי אים נויטיק האָבן. זי בענקט נאָך אים, בענקט נאָך זיינע קושן און אומאַרמונג. נאָך זיין האַנט אויף איר האַלז. זי איז איבערראַשט פון אים. ער האָט אַריבערגעשטיגן אַלע אַנדערע מענער, וועלכע זי האָט געקענט. ער, וואָס איז געשטאַנען ביים וויטן ברעג פון דעם קרייז אַרום קעטרין, האָט פּלוצלונג פאַרנומען זיין רעכטן מיטן. אַלעמען באַזיגט. וואָס וועט זאָגן ענדריו קעלערמאַן?... האַהאַ־האַ...

טערזע איז אים אַרויפגעקומען אויפן זין. די קאַלטע, די טרוקענע, די לאַנגווייליקע. זי ווייס געוויס, אַז ער איז אַוועקגעפאָרן פון רעסטאָראַן מיט קעטרין, און האַלט אים פאַר אַ פאַרלאָרענעם מענטשן. אַז איר ברודער יאָגט זיך נאָך קעטרין, דער־

נידעריקט עס נישט דעם ברודער אין אירע אויגן. איז דער ברו־
דער נישט קיין פאַרלאָרענער מענטש, איז דער ברודער נישט
אוממאָראַליש.

פאַרוואָס זאָל ער נישט נעמען דאָס לעבן, ווי ענדריו קער־
לערמאַן און ווי אַלע אַנדערע זיינע חברים, יונגע מענטשן פון
זיין עלטער? ער האָט עס נישט גענומען ביז איצטער, ווייל ער
האָט נישט געקאָנט. עפּעס אין אים אַליין האָט אים אָפּגעהאַלטן.
אַ שטרענגע מאָראַל. אַ נישט־צו־באַזיגנדיקע שעמעוודיקייט.
אַ פרומער באַגריף פון ריינקייט און דעם ריינעם מענטש. אָבער
איצטער... איצטער וועט ער קאָנען... פּונקט ווי אַלע אַנדערע...
וואָס ציט אים דען צו קעטרין? ליבט ער זי דען? אומזין. ער ווייס
באַשטימט, ער איז אין איר נישט פאַרליבט. ער וויל דאָך בלויז
איר ווילדקייט, איר ליידנשאַפט, איר צולאָזנקייט. אַרויסלעבן פון
זיך, וואָס זי אַליין האָט געקאָנט אַרויסרופן אין אים, וואָס ער
האָט אין זיך כמעט גאָרנישט חושד געווען. זיין ווילדקייט, זיין
ליידנשאַפט, זיין צולאָזנקייט.

זאָל ער עס? זאָל ער נאָכגעבן זיין האַרץ? זאָל ער זיך אויס־
לעבן?

ער האָט אָנגעהויבן צוזאַמענצושטעלן אַן ענטפער צו קעטרין
אין דעם טאָן און אויסגעלאַסנקייט פון איר בריוו. דעם ענטפער
וועט ער אַליין אָנשרייבן. זיין סעקרעטאַרין וועט ער אים נישט
קאָנען דיקטירן...

ווען זיין מוטער איז אַריינגעקומען, האָט זי איר זון נישט
דערקענט. עפּעס האָט ער געהאַט אין דעם אויסדרוק פון זיין ריינעם
געזיכט, וואָס זי האָט קיינמאָל אויף אים נישט באַמערקט.

ער האָט ווי אויפגעוואַכט, איז אויפגעשפּרונגען.

„אַ, מיר איז שוין צייט צו גיין!"

אין אַ פּאָר טעג נאָך דעם באַנקעט האָט ער געקראָגן אַן איינ־לאַדונג פון מעריאָן. זי וועט האָבן ביי זיך אַ קליינע געזעלשאַפט, וועלכע וועט אים געוויס אינטערעסירן. אויב ער האָט נישט בע־כערס פאָר און וויים נאָך אַלץ נישט, וואָס צו טאָן מיט זיך, זאָל עס אים זיין ווי אַ שטוים אין זייט, און ער זאָל אָנקלינגען אין איר טיר. אָבער נישט אויסגעפוצט: אומפאָרמעל. דאָס לעצטע וואָרט איז געווען צוויי מאָל אונטערגעווירעט.

ער האָט אָנגענומען די איינלאַדונג. אין דעם טאָג, וואָס ער האָט געדאַרפט זיין ביי מעריאָן, האָט זיין סעקרעטאַרין געלאָזט אים וויסן, אַז מיס קעטרין שופּרא איז ביים טעלעפאָן. ער האָט זיך ווי דערשראָקן, אַ מאָמענט געטראַכט צו לאָזן זאָגן, אַז ער איז נישטאָ. אָבער אָנשטאָט דעם האָט ער געהייסן פאַרבינדן.

ער האָט זיין ענטפער צו איר, וועלכן ער האָט זיך צוזאַמענ־געשטעלט אין קאָפּ, נישט אויפגעשריבן און נישט אַוועקגעשיקט, כאָטש ער האָט אים עטלעכע מאָל — אין קאָפּ — איבערגערעדאַק־טירט און אויסגעבעסערט. מיט דעם ענטפער אין קאָפּ איז ער עפּעס יוצא געווען פאַר קעטרין. ער ענטפערט איר דאָך, און עס איז נישט זיין שולד, וואָס זי קריגט נישט דעם ענטפער.

און קעטרין האָט טאַקע נישט געוווּסט, אַז ער „ענטפערט" איר אַלץ, און איז זייער אין כעס געוואָרן. זי האָט אים אָנגערופן מיט אַלערליי מיאוסע נעמען פון איר רייכן וואָרט־אוצר, אָבער באַשלאָסן נישט אָפּצולאָזן אים. און אַזוי איז זי מיט זידל־ווער־

טער, מיט קללות, מיט האַס צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן און אויפגע־רופן אים. איר שטימע איז געווען סקריפּעדיק, ווען זי האָט אויס־געשריען צו אים איר „העלאָו!"

אָבער ער האָט אַרויסגערעדט מיט אַ זיסן שמייכל, ווי גאַנץ איבערראַשט:

„העלאָו, קעטרין!"

„האָט איר געקראָגן אַ שנעל־פּאָסט־בריוו פון מיר?"

אַ מאָמענט האָט ער געוואָלט זאָגן אַ ליגן: ער האָט אַזאַ בריוו קיינמאָל נישט דערהאַלטן פון איר. אָבער ער האָט שוואַך אַרויסגערעדט, שטאַמלענדיק:

„יאָ... ווי דען... געקראָגן... נאַטירלעך!"

זי האָט שטיל אַרויסגעשיפּעט אַ קללה, געשאָקלט מיט דער פויסט פאַרן אויפנעמער פון טעלעפאָן און הויך געזאָגט:

„פאַרוואָס האָט איר נישט געענטפערט?"

ער האָט אויפגעלאַכט:

„נישט געענטפערט? געוויס האָב איך געענטפערט!"

„איר האָט געענטפערט?"

„געוויס. אַ לאַנגן בריוו. איך האָב געשריבן..." ער האָט זיך אַרומגעקוקט, צי איז נישטאָ עמעצער אין צימער, און אָראָפּגע־לאָזן די שטימע. „איך האָב אויך געשריבן גאַנץ נעגליזשע..." ווען ער האָט אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז זיין סעקרעטאַרין ביים טעלעפאָן אין צווייטן צימער הערט זיך אפשר צו, און איז רויט געוואָרן.

„וואָס האָט איר געשריבן?"

„אָ, איך וועל עס אייך שוין זאָגן."

„ווען? ווען וועלן מיר זיך זען?"

„ווען? ווען?"

ער האָט פּלוצלונג דערפילט איר נאָנטקייט. זיין האַרץ האָט אים אָנגעהויבן צו קלאַפּן, עס האָט אים אָנגעהויבן צו שווינדלען, און ער האָט שיער נישט אַרויסגערעדט: היינט אין אָוונט. אָבער ער האָט זיך נאָך צייטיק דערמאָנט, אַז אין אָוונט דאַרף ער זיין ביי מעריאָן.

„מאָרגן אין אָוונט."

„היינט קאָן עס נישט זיין?"

„אוממעגלעך."

„אַ פריערדיקע פאַראָפּרעדונג?"

„יאָ."

„מיט אַ יונגער דאַמע?"

„געטראָפן."

זי האָט אַרויסגעשטעקט אַ צונג, געשאָקלט מיט דער פויסט און געזאָגט:

„איז מאָרגן. ווען און ווו?"

ער האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן.

„ניין אַזייגער אין אָוונט וועל איך צופאָרן צו אייער הויז."

„אַהאַ, ווידער אויטאָמאָביל!"

ער האָט אויף דערויף גאָרנישט געענטפערט, נאָר אָפּגעשמייכלט, נאַריש, ברענענדיק אין גאַנצן קערפּער, פאַרסמט.

זי האָט אַ ווײַלע געוואַרט.

„וואָס שווייגט איר דאָרטן? איר האָט מורא, אייער סעקרעטאַרין הערט זיך צו? איז געדענקט־זשע: מאָרגן. גוד באַי!"

זי האָט אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל מיט אַ קלאַפּ.

ער איז געבליבן זיצן אַ צופרידענער. דער ענטפער אויף איר בריוו איז אים געלעגן ווי אַ יאָך אויפן קאָפּ. איצטער איז דער יאָך אַראָפּ.

ארנאָלד איז געפאָרן צו מעריאַן אין אַ זייער שלעכטער שטימונג. ער איז געוועזן באַדריקט פון די לעצטע מלחמה־נייעס אין די באַציאונגען צווישן אַמעריקע און דייטשלאַנד. די טיר פון אַמעריקע האָט זיך אַלץ ווייטער פאַנאַנדערגעעפנט פאַר דער מלחמה. נאָך אַ טאָג — פילייכט שוין איצטער, ווען ער פאָרט צו באַזוך, שרייבט דער פרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן זיין מלחמה־דערקלערונג. די שרפה וועט זיך אַריבערוואַרפן אַהער, און וואָס וועט ער, אַרנאָלד לעווענבערג, דער מענטש פון רו און פרידן, טאָן דאָ אינמיטן פייער? ער האָט נישט געזען קיין ענטפער, נאָר דאָס האַרץ האָט שווער געקלעמט.

דערצו איז ער אויף זיך ברוגז געוועזן פאַר זיין שוואַכקייט מיט קעטרין. ער האָט נאָר געדאַרפט דערהערן איר קול ביים טעלעפאָן, און ער האָט גלייך פאַרגעסן זיינע בעסטע באַשלוסן. ער האָט זיך פאַראַכט, גערופן זיך נעמען. געזען זיך און די וועלט שוואַרץ אין שוואַרץ.

וואָס פאָרט ער איינגנטלעך צו מעריאַן? וועט ער דען איצטער קאָנען רעדן מיט אַ מענטשן? ער וועט זיין האַרט און בייז און אומאָנגענעם... ער איז אין אַ צו־להכעיס־שטימונג... ער וועט רעדן פאַרקערט, וועט רייצן זיך מיט זיך אַליין און מיט דער געזעלשאַפט — מיט דער „קליינער געזעלשאַפט, וועלכע וועט אים אינטערעסירן...״ מסתמא עמעצער פון די רוסן... מים מאַנקאָף... ער האָט געוואָלט מיט איר דורכרעדן זיך... געווינטשט זיך די געלעגנ־

הייט... וואָס האָט ער געוואָלט מיט איר רעדן?... זי איז געשטאַנען פאַר זיינע אויגן. דער פולבאַקיקער לייבנקאָפּ מיט די הימל־בלויע אויגן הינטער פענסנע. זי איז שיין... עס איז גוט, וואָס זי איז שיין... איצטער האָט ער געוווסט, פאַרוואָס ער פּאַרט צו מעריאַן. ווייל מעריאַן איז שיין, און דאָרטן וועט זיין מיס מאַנקאָף, און זי איז אויך שיין. און ער וויל זיין מיט שיינע פרויען. ביי זיין גאַנצער הארצקלעמעניש איבער דער וועלט־לאַגע וויל ער די געזעלשאַפט פון שיינע פרויען! אָ, יאָ, ער מעג זיך פאַראַכטן...

ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, געזעסן שטיל, געדאַנקען־שטיל. איבערגעריסן אין זיך די געדאַנקען, נישט געלאָזן אויפ־קומען קיין איינעם אין זיך. ער האָט געוואָלט רו. רו פון זיך אַליין. אָבער די געדאַנקען האָבן זיך נישט געלאָזן איינשטילן. באַלד האָט זיך איינער דורכגעגנבעט, פאַרשפּרייט זיך, פאַרכאַפּט אים, גענו־מען אים געפאַנגען.

ער האָט געזען פאַר זיך מיס מאַנקאָף, געהערט זי רעדן, גע־פירט מיט איר אַ געשפּרעך. געמאַכט זי אַרויסצוזאָגן די אידעען, וועלכע האָבן אים אַמאָל געוואָרעמט און געפרייט... געהערט זיך אין איר. ווי געטאָן זיך מיט אירע ווערטער. — —

אַרנאָלד האָט נאָך קיינעם נישט געפונען ביי מעריאַן. ער איז געוועזן דער ערשטער. זי האָט אים אויפגענומען פריינטלעך און פריילעך, ווי אַן אַלטן פריינט. זי איז געוועזן אָנגעטאָן אין אַ ווייסן זיידענעם קלייד מיט אַ גרויסער רויטער רויז צוגעשפּיליעט צו איר ברוסט. ווען זי האָט איבערגענומען ביי אים די בלומען, וועלכע ער האָט איר געבראַכט — געלע רויזן, נאָך איינגעשלאָסן אין זייער באַשיידנקייט, אומרואיקע און פאַרקלעמטע אין דער באַרירונג פון פאַרקויפער און קויפער, לעכצנדיקע נאָך וואַסער אין וואַזע און נאָך ליבנדיקע בליקן, — האָט זי אים אָנגעוויזן אויף דער רויטער רויז, וועלכע האָט שטאָלץ געפלאַקערט אויף איר בוזעם.

„דאָס איז נאָך אַלץ לכבוד דער רוסישער רעוואָלוציע."

זי האָט אַריינגערופן די דינסט און איבערגעגעבן איר די אומגעדולדיקע בלומען, זי זאָל זיי אַריינשטעלן אין אַ וואַזע.

ער האָט אַ קניטש געטאָן מיטן שטערן. אים האָט זיך גע־

וואָלט, אַז זי אַליין זאָל זיך אָפּגעבן מיט די בלומען, וועלכע ער האָט איר געבראַכט. ער וואָלט צוגעקוקט, ווי זי טיילט זיי פאַנאַנדער, שטעלט זיי אַריין אין וואַסער, איז גוט צו זיי און האָט פון זיי הנאה, און ער וואָלט זיך געפילט זייער נאָנט צו איר. האָט ער נישט באַשלאָסן ביי זיך, אַז זי אינטערעסירט אים נישט? זי איז שיין... זי איז שיין...

זי האָט אים איינגעלאַדן צו זעצן זיך לעבן איר פאַר די ברענענדיקע שייטלעך אין דעם פייער־פּלאַץ. דאָס קנאַקנדיקע, טאַנצנדיקע פייער האָט געשיינט אויף אירע רונדע באַקן, באַרויטלט אירע פלאַקס־פאַרביקע האָר, געפלאַמט אין אירע גרויסע העל־ברוינע אויגן, געגלאַנצט אויף איר ווייסער ברוסט איבער דעם אויסשניט אין דעם קלייד. אַרנאָלדס בליק איז געוועזן אין די פלאַמען, וועלכע האָבן זי געלאַשטשעט. זי האָט באַמערקט זיין בליק און פאַרוווּנדערט זיך, איז אַביסל פאַרלעגן געוואָרן.

„איר יום־טובט נאָך אַלץ די רוסישע רעוואָלוציע?" האָט ער געפרעגט.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף דער רויטער רויז מיט אַ שמייכל, אין וועלכן עס איז נאָך געוועזן פאַרלעגנהייט.

„איך האָב ליב רויטע רויזן," האָט זי געזאָגט.

„און איך האָב אייך געבראַכט געלע!"

„איך האָב ליב רויטע רויזן — צו טראָגן אויף זיך," האָט זי זיך פאַרבעסערט, „אַלס קאָנטראַסט צו מיין אוממעגלעכער העלקייט."

ער האָט אַ וואָרף געטאָן אויף איר זיין בליק. אָנגעקוקט זי— די שיינע, די פרוי, די, וועלכע קאָן ווערן זיין באַגער. אַ דערנענטערונג־ציטער איז דורכגעגאַנגען דורך אים, אויפגעפינקלט אין זיינע אויגן. הלואי קומט קיינער נישט, אפילו נישט די שיינע, אינטערעסאַנטע אָלגאַ מאַנקאָף. און ער וועט זיין דעם גאַנצן אָוונט אַליין מיט מעריאָן. ער האָט זיך אָנגעבויגן צו איר זייט, קוים־קוים, דערנענטערט זיך צו איר, געפילט זי שטאַרקער.

זי האָט דערשפּירט די דערנענטערונג, און דאָס טאַנצנדיקע, שפּרינגענדיקע, לוסטיקע פייער, אין וועלכן זי האָט געקוקט, האָט

שטיפעריש פאַרדעקט די רויטקייט, וועלכע האָט זיך פון איר טיפּ־סטער טיפעניש אַרויסגעשטופּט אויף אירע באַקן.

„איך דערוואַרט עטלעכע רוסן, מיט וועלכע איך זייט די אַנדער נאַכט באַקאַנט געוואָרן,“ האָט זי געזאָגט, אום עטוואָס צו זאָגן. „מיס מאַנקאָף...“ און פאַרוווּנדערט זיך, פאַרוואָס זי האָט אָנגערופן מיס מאַנקאָף צוערשט. זי האָט זיך פאַרלאָרן, געבליבן שטיל, נישט געוווּסט, ווי פאַרטצוזעצן. צום גליק, האָט זיך צורעדט דאָס טיר־גלעקל.

„דאָס זיינען זיי,“ האָט זי געזאָגט און איז אויפגעשטאַנען קעגן די געסט.

עס זיינען אַריינגעקומען אַלגע מאַנקאָף און דניאל מאָרדין.

מיס מאַנקאָף, פריי אין אירע באַוועגונגען, היימיש; מאָר־דין — אַביסל צוריקגעהאַלטן, פרעמד. מעריאַן האָט מיט אַ גליק־לעכן שמייכל אַ קוק געטאָן אויף אַרנאָלדן: ווי וועט ער אויפנע־מען אירע געסט?

אַרנאָלד האָט זיי באַגריסט זייער ליבנסווירדיק. וואָס ער האָט ווירקלעך געפילט, האָט ער נישט באַוויזן. אַן אומצופרידנקייט האָט אויפגעבליצט אין זיינע אויגן און איז פאַרשווּנדן, האָט זיך מער נישט באַוויזן. כאָטש מיט אַ מינוט פריער וואָלט אים נישט געאַרט, אַז מיס מאַנקאָף זאָל נישט קומען, האָט ער איצטער פאַר־שפּירט אייפערזוכט צו מאָרדינען. אַן אויגנבליק נאָר, דערנאָך פאַרטריבן עס פון זיך, אויסגעזידלט זיך און וואַרעם געדריקט די האַנט מאָרדינען:

„זייער צופרידן צו זען אייך!“

אָבער איידער עס האָט זיך פאַרקניפּט אַ געשפּרעך, האָט עס ווידער אַ קלונג געטאָן. געקומען דער אַרבעטער־פירער אפרים פעלדמאַן.

די דריי זיינען געוועזן אָנגעטאָן אין די געשעפטס־קאָסטיו־מען, וועלכע זיי האָבן געטראָגן אין דעם אָוונט פון דעם באַנקעט. דאָס זיינען געוועזן זייערע בעסטע קליידער, זייער יום־טוב. אַר־נאָלד האָט עס זיך באַמערקט. אָבער גלייך זיך געזאָגט, אַז דאָס איז קליינלעך פון אים.

מען האָט זיך צוזעצט אַרום דעם פייער און דאָס געשפּרעך

איז אוועק וועגן רוסלאַנד. אַרנאָלד האָט געפרעגט, צי זיי ווייסן עפּעס מער וועגן דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. ער האָט דער־וואַרט, אַז זיי, די רוסן, וועלן ווייסן מער, ווי די ניו־יאָרקער טעג־לעכע צייטונגען דערציילן. אָבער זיי האָבן נישט געוווּסט מער. עס האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן, אַז פעלדמאַן איז שוין זייער לאַנג פון רוסלאַנד, געקומען אין אַמעריקע נאָך אַ קליין יינגל, דורכ־געמאַכט פּאָבליק סקול און קאָלעדזש, און איז ווייט מער אַמערי־קאַנער ווי רוס. מיס מאַנקאָף און מר. מאַרדין זיינען פאַרהעלטע־נישמעסיק נישט לאַנג אין לאַנד, אָבער ביידע האָבן פּראָטעסטירט, ווען מען האָט זיי אָנגערופן רוסן. זיי זיינען געוועזן פאַראינטערע־סירט מער אין דער יידישער פראַגע און אין יידישע אָנגעלעגנ־הייטן.

אַרנאָלד איז געוועזן איבערראַשט.

„וועלכע יידישע אָנגעלעגנהייטן מיינט איר?"

„דאָס זיין אָדער נישט זיין פון דעם יידישן פאָלק," האָט מאַרדין דערקלערט.

„איר מיינט פון דער יידישער רעליגיע," האָט אַרנאָלד גע־וואָלט פאַרריכטן.

„ניין, פון דעם יידישן פאָלק, פון דער יידישער נאַציע," האָט מאַרדין צוגעגעבן, אַז אַרנאָלד זאָל קיין טעות נישט האָבן.

אַרנאָלד האָט עס נישט פאַרשטאַנען.

„נאַציע? ווי קאָן עס זיין אַ נאַציע אָן אַ לאַנד?"

„די יידן זיינען אַ באַוויז, אַז עס קאָן געמאָלט זיין אַ נאַציע אָן אַ לאַנד. נאָר איז די לאַגע אַן אומנאָרמאַלע, און מיר ווילן די לאַגע מאַכן נאָרמאַל, אומקערנדיק כאָטש אַ טייל פון דעם יידישן פאָלק צוריק אין זיין לאַנד."

איצטער האָט אַרנאָלד זיך דערמאָנט אויף דעם ציוניזם און אויף דעם פּיינטזעליקן געפיל, וואָס דידאָזיקע באַוועגונג רופט אין אים אַרויס. מענטשן אין זייער ענגהאַרציקייט און שמאָלקעפּיקייט וואָלטן זיך אַלץ געוואָלט אָפּטיילן, אָפּזונדערן, פאַרגרעסערן די אומאייניקייט אין דער וועלט! קאָן עס זיין, אַז אויך דידאָזיקע מיידל מיט די אָפּגעשווירענע האָר און די אומגעמיין קלוגע אויגן, וועלכע האָט אַזוי שיין גערעדט פון שלום און מענטשן־ליבע...

„איר זייט אויך אַ ציוניסטין?'' האָט ער געפרעגט אָלגען.

„יאָ, אַ ציוניסטין־סאָציאַליסטין.''

ער האָט נישט גוט פאַרשטאַנען די קאָמבינאַציע, אָבער ער האָט איצטער נישט געוואָלט באַלערנט ווערן, נישט געוואָלט דיסקוטירן. ער האָט נאָר מיט אַ שמייכל געפרעגט זי:

„און איר וועט טאַקע אַוועקפאָרן אין פּאַלעסטינע? פאַרלאָזן אונז?''

אָלגע האָט באַקומען אַן אומצופרידן געזיכט; אירע ברעמען האָבן זיך צונויפגערוקט.

„די פראַגע קומט מיר אויס צו הערן אָפט פון די, וועלכע ווילן אונז נישט נעמען ערנסט. איז עס נויטיק צו ענטפערן אויף איר?''

אַ ווײַלע האָט געהערשט אַן אומאָנגענעמע פאַרלעגנהייטס־שטילקייט. מעריאַן האָט געזוכט ווערטער אויף איבערצורייסן זי. אַרנאָלד האָט איר אַרויסגעהאָלפן.

„אויב איר זייט ציוניסטן, פאַרוואָס האָט איר געיום־טובט די רוסישע רעוואָלוציע, ווי גוטע רוסן?''

„זיי קומען דאָך פון רוסלאַנד,'' האָט מעריאַן געענטפערט.

„און סאָציאַליסטן, פאַרשווערענע פיינט פון דעם רוסישן אַבסאָלוטיזם,'' האָט פעלדמאַן צוגעגעבן.

מיט איר בליק אַנגעשטעלט אין דער ווייט, ווי זי וואָלט אויסגעדריקט אַ ווייטן ווונטש, האָט אָלגע אַרויסגערעדט:

„ווען די אַמעריקאַנער וואָלטן געווען רעפּובליקאַנער און דעמאָקראַטן אין פּרינציפּ, נישט בלויז בירושה, ווען די ווערטער רעפּובליקאַניזם און דעמאָקראַטיזם וואָלטן געווען פאַר זיי לעבע־דיקע באַגריפן, נישט טויטע ווערטער, אידעען, פאַר וועלכע מען קעמפט און מען שטאַרבט, נישט בלויז אַ ווייטער אָפּקלאַנג פון אַן אידעע, פאַר וועלכער מען האָט אַמאָל געקעמפט און גע־שטאָרבן, האָבן די אַמעריקאַנער געדאַרפט יום־טובן די רוסישע רעוואָלוציע גלייך מיט אונז.''

און מאַרדין, וועלכער איז געשטאַנען פאַר אַ ביכער־שאַנק און געלייענט די נעמען אויף די רוקנס פון די ביכער, האָט צוגע־געבן:

„ווען דאָס וואָלט אזוי געווען, האָט אַמעריקע גאָר קיינמאָל נישט געדאַרפט האָבן קיין מגע־ומשא מיט דעם פינסטערן רוסישן צאַריזם.״

אַרנאָלד האָט אויסגעהערט מיט אינטערעס און שטילער צו־שטימונג, וואָס מיס מאַנקאָף האָט געזאָגט, אָבער ווען מאַרדין האָט אַריינגעוואָרפן זיין וואָרט, האָט ער אָנגערוקט זיין שטערן, און ווי געררייצט אַרויסגערעדט:

„וואָס וואָלט איר געטאָן, ווען איר וואָלט געווען אַמערי־קע?״

מאַרדין האָט אַלץ געקוקט אויף די ביכער־רוקנס, אָבער גע־פילט די געררייצטקייט אין לעווענבערגס טאָן און געענטפערט ווי מיט אַ בייזער:

„אַלע גרויסע אידעען ווילן פאַרשפּרייט זיין. ווי קריסטנ־טום, צום ביישפּיל, ווי סאָציאַליזם.״

„וואָלט איר דערקלערט דעם צאַר מלחמה?״

מעריאָן האָט געפונען פאַר נויטיק אָוועקצורייסן מאַרדינען פון די ביכער.

„זעצט זיך צו צו אונז, מר. מאַרדין,״ האָט זי אים איינ־געלאַדן.

מאַרדין איז צוגעקומען, אַוועקגעזעצט זיך אויף דעם שטול, אויף וועלכן מעריאָן האָט אים אָנגעוויזן, לעבן מיס מאַנקאָף, אַריינגעלייגט די לינקע האַנט אין קעשענע, די רעכטע אָנגעשפּאַרט אויף דער קני, און געררעדט לאַנגזאַם, מיט באַטאָנונג:

„איך בין קעגן מלחמה בכלל. אָבער איך וואָלט זיך מיט דעם צאַר נישט געחברט און וואָלט אונטערגעשטיצט די פּראָפּאַ־גאַנדע פון רעפּובליקאַניזם און דעמאָקראַטיזם אין רוסלאַנד. אונ־טערשטיצט דאָך אַמעריקע קריסטלעכע מיסיעס אין כינע און טערקיי און וווּ נישט? אַזוי וואָלט איך אויך געהאַט רעפּובליקאַ־נישע און דעמאָקראַטישע מיסיאָנערן אומעטום, וווּ זיי זיינען נוי־טיק, ווען איך וואָלט געווען אַמעריקע.״

אַן אַנדערש מאָל וואָלט אַרנאָלד אָנגעקוואָלן פון דעמדאָזיקן געדאַנק, אָבער איצטער האָט ער געפונען פאַר נויטיק צו דער־ווידערן:

„די ריינע אוממעגלעכקייט! דאָס זיינען פּאָליטישע אַנגע־לעגנהייטן און מיר האָבן אַ מאָנראָו־דאָקטרין...״

„אַ שלאָף־מיץ אָנגערוקט אויפן קאָפּ!״ האָט מאַרדין אויסגע־רופן. „אַ גוטע נאַכט! מיט דער דאָקטרין איז אַמעריקע ווידער פאַרלאָרן געגאַנגען, און אַ נייער קאָלומבוס דאַרף זי ווידער אַנט־דעקן פאַר דער וועלט. אָבער זעט: די אידעען פון רעפּובליקאַניזם און דעמאָקראַטיזם האָבן נישט געהאַט די קראַפט אַריינצוציען אייך אין דער פּאָליטיק פון דער איבעריקער וועלט, דאָך דער אימפּעריאַליזם טוט עס. ער האָט אייך פאַרשלעפּט נאָך אַזיע, ער האָט אייך אַריינגעצויגן אין מיטל־אַמעריקע, און שלעפּט אייך איצטער נאָך אייראָפּע. נאָך אַ טאָג, און איר וועט זיין אין דער איצטיקער מלחמה, וועלכע איז איינס פון די גרעסטע פאַרברעכנס פון דעם מאָלאָך־אימפּעריאַליזם.״

„אַנטשולדיקט, דאָס איז אַ מלחמה פאַר דעמאָקראַטיע.״

אַלע האָבן אָנגעקוקט אַרנאָלדן. מיינט ער עס ערנסט? און מאַרדין האָט אויפגעלאַכט:

„מיט ניקאָלאַיען אַלס שותף!... ניקאָלאַי אַלס פאָרקעמפער פון דער דעמאָקראַטיע!... איר גלויבט עס דאָך אַליין נישט!״

„מר. לעווענבערג גלויבט עס טאַקע אַליין נישט,״ האָט מעריאָן זיך אַריינגעמישט. „מר. לעווענבערג איז אַ פּאַציפיסט און גילט דערפאַר אַלס פּראָ־דייטש.״

„דר. הערים האָט אויפגעדעקט מיינע קאַרטן, און דאָס שפּיל איז אויס. אָבער דאָס, וואָס איר האָט געזאָגט וועגן אַמעריקע און די אידעען פון רעפּובליקאַניזם און דעמאָקראַטיזם, מיט וועלכע מיר שטאָלצירן דאָ אַזוי, איז זייער אינטערעסאַנט.״

עס איז אַריינגעטראָטן אַ שטילע פּויזע. ווי צווישן מענטשן, וועלכע דאַרפן זיך נאָך דערקענען. די „רוסן״ האָבן געוווּסט, אַז זיי דאַרפן זיך „אויסרעדן״ פאַר דעמדאָזיקן „דזשענטעלמאַן״. דר. הערים האָט געוויס געהאַט איר מיין און כונה אין צוזאַמענ־ברענגען זיי. אָבער ווער איז ער? וואָס אינטערעסירט אים? און אַט זעט עפּעס אויס, ווי ער וואָלט זיי פאַרהערט, אויסגעפּרו־בירט...

אַרנאָלד האָט זיך נישט געקאָנט אַרויסאַרבעטן פון זיין

שלעכטער שטימונג. אָבער ער האָט געוווּסט, אַז ער טאָר נישט זיצן און שווייגן. שוין אוים העפלעכקייט צו מעריאָן. אַמבעסטן וואָלט ער געוואָלט הערן רעדן מים מאַנקאָף. נאָר ווי זיך אויף צו־להכעים האָט ער זיך געווענדט צו פעלדמאַנען, וועלכער איז ביז איצטער אָפּגעקומען מיט קורצע באַמערקונגען:

„וואָס זאָגן די אַמעריקאַנער אַרבעטער צו דער מלחמה?"

פעלדמאַן איז דורכגעפאָרן מיט זיינע פינגער דורך זיינע געדיכטע האָר, און זיינע קלוגע, טונקעלע אויגן האָבן אויפגעשיינט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל:

„די אַמעריקאַנער אַרבעטער? האָבן זיי דען ווען עס איז עפּעס געזאָגט? האָבן זיי צו עפּעס אַ שטעלונג?"

„איך מיין די אָרגאַניזירטע אַרבעטער," האָט אַרנאָלד געפונען פאַר נויטיק צו דערקלערן.

„איך פאַרשטיי, אַז איר מיינט די אָרגאַניזירטע אַרבעטער און זייערע אָרגאַניזאַציעס, און וועגן זיי ענטפער איך אייך נאָכעט."

„איך מוז מודה זיין, אַז איך בין נישט שטאַרק באַקאַנט מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג. איז עס נישט אַ פאַקט, אַז די אַרבעטער־פּאַרטייען זיינען אומעטום פאַר דער מלחמה?"

„אין דעם פּרט איז די אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט אין אַ בעסערער לאַגע. איר וועט מען נישט קאָנען פאָרוואַרפן פאַרראַט צו פּרינציפּן, ווייל זי האָט זיי קיינמאָל נישט געהאַט."

„איר זייט זיכער, אַז די אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט וועט זיין פאַר דער מלחמה?"

„עס קאָן נישט זיין קיין פראַגע וועגן דער אַרבעטערשאַפט אַלס גאַנצע. די מלחמה איז אַ פּאָליטישע פראַגע, און די אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט, די אָרגאַניזירטע אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט איז דרעסירט אויף נישט צו האָבן קיין שטעלונגען צו פּאָליטישע פראַגן. אָבער איך צווייפל נישט, אַז ווען אַמעריקע וועט אַריינטרעטן אין דער מלחמה, וועט מען אין איר נאָמען, אין דעם נאָמען פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט, אָפּגעבן דערקלערונגען פ א ר דער מלחמה. דאָס וועט זיין אימפּאָזאַנטער און ווירקונגספולער און צוועקמעסיקער פאַר אונזערע אימפּעריאַליסטן."

,,איר זייט אַ פירער פון אַ יוניאָן?"

,,אויב איר ווילט וויסן, ווי מיין יוניאָן וועט זיך פאַרהאַלטן צו דער מלחמה, קאָן איך אייך זאָגן, אַז איך וועל רעדן אין איר נאָמען קעגן דער מלחמה, און מען וועט מיר פאָרוואַרפן מיין פרעמדישקייט, און דער עיקר מיין יידישקייט."

אַרנאָלד איז גאַנץ איבעררעשט געוואָרן פון דעם שמעריז, מיט וועלכן פעלדמאַן האָט דאָס אַרויסגערעדט.

דערדאָזיקער ,,פרעמדער" איז אָנגעקומען אין אַמעריקע אַלס אַ גאַנץ יונגער יינגל, אַ קינד נאָך כמעט. פון אַ קליינעם שטעטל אין ווייסרוסלאַנד, ווו די יידישע באַפעלקערונג האָט דערצויגן אירע יינגלעך אין יידישע חדרים, ווייל אין די לאַנד־שולן האָט מען זיי נישט אַריינגענומען. דאָס קינד אפרים האָט דווקא שטאַרק לוסט געהאַט צו לערנען אין דער לאַנד־שול. ער האָט געוואָלט קענען די שפּראַך פון לאַנד, קענען שפּראַכן איבערהויפּט, און געהאַט אַ גרויסע נייגונג צו די אַלע אַנדערע וויסנשאַפטן, וועלכע מען לערנט אין די אַלגעמיינע שולן, אָבער נישט אין דעם יידישן חדר. פאַרקערט, צו די לימודים פון דעם יידישן חדר האָט ער גאָר קיין חשק נישט געהאַט, און די אויסזיכט צו ווערן אַ גמרא־יינגל האָט אים אַפילו געשראָקן. ווי גליקלעך האָט ער זיך דערפילט, אַז אָנקומענדיק אין אַמעריקע אין זיין עלפטן יאָר, האָט ער זיך דערוווּסט, אַז ער מוז גיין אין דער פאָלקס־שול. זיין ענטוזיאַזם פאַר אַמעריקע איז געוואָרן אומבאַשרייבלעך, און קיינמאָל נאָך, דאַכט זיך, האָט קיין אַמעריקאַנער עלף־יעריקער יינגל נישט געליבט אַזוי אַמעריקע, ווי דערדאָזיקער ניי־אָנגעקומענער יידישער יינגל. און מיט דערדאָזיקער ליבע אין זיין האַרצן איז ער געוואַקסן, און זי איז אין אים געוואַקסן, אָבער אין דער אייגענער צייט איז אין דעם קליינעם יינגל געוואַקסן אויך דער גייסט פון קאַמף פאַר אַ בעסערער מענטשהייט. שטאַרק איז אין אים געוועזן דער איינדרוק פון אַלע פאַרפאָלגונגען און דערנידערונגען, וועלכע ער האָט געזען אַרום זיך אין פינסטערן רוסלאַנד. האָט ער געוואָלט, אַז אין זיין ליכטיקער אַמעריקע זאָל אַלץ זיין שיין און פיין נאָך די פרינציפּן פון פרייהייט און גלייכהייט און ברידערלעכקייט. זיין ליכטיקע אַמעריקע זאָל זיין די פאָנען־טרעגערין פון

אַלע גרויסע אידעען, וועלכע ווילן זען די מענטשהייט פריי און גליקלעך, אָן האַר און קנעכט, אָן אויסבויטער און אויסגעבויטעטע. ער האָט געקאָנט ווערן נאָך זיינע פעאיקייטן אַן אינדוסטריע־קאַפּיטאַן, אָבער זיין אידעאַליזם האָט אים געמאַכט פאַר אַן אַרבעטער־פירער און באַקעמפער פון די אינדוסטריע־קאַפּיטאַנען. זיין אידעאַליזם, וועלכער האָט אַרויסגעשטאַמט פון אַ גרויסן מיטגעפיל צו אַלע אונטערדריקטע און אונטעריאָכטע און אַרויסגערופן אין אים דעם ווונטש, אַז זיין געליבטע אַמעריקע זאָל זיין דאָס ערשטע לאַנד פון דעם מילעניום.

דערפאַר האָט אים שטאַרק געקרענקט, ווען אין די לעצטע צייטן פאַר דער מלחמה און דערנאָך אין ;ער צייט פון דער מלחמה און שפּעטער אַ לאַנגע צייט נאָך דער מלחמה האָט מען אים באַהאַנדלט, ווי אַ שונא פון אַמעריקע, פאַרגעוואָרפן אים זיין פרעמדישקייט, נאָר ווייל ער האָט צען און אַ האַלב יאָר אַרומגעבלאָנדזשעט ערגעץ־ווו אַנדערש, איידער ער איז אויף אַן אמת געבאָרן געוואָרן דאָ אין אַמעריקע. דערמאָנט אים זיין יידישקייט. אַקוראַט, ווי יידן האָבן נישט געליבט אַפילו יענע לענדער, אין וועלכע זיי האָבן שרעקלעך געליטן. און דערפאַר האָט ער ביי יעדער געלעגנהייט נישט פאַרפעלט אַרויסצורעדן דאָס, וואָס האָט אים אַזוי געקרענקט, און אַרויסצורעדן עס ביטער, באַליידיקט, שמאַרצפול.

„איר זייט נישט קיין ציוניסט?'' האָט אַרנאָלד געפונען פאַר נויטיק צו פרעגן.

„ניין,'' האָט פעלדמאַן געענטפערט. „אָבער איך פאַרשטיי גאַנץ גוט די יידן, וועלכע בענקען נאָך אַן אייגענעם לעבן אין אַן אייגענעם לאַנד, ווו מען זאָל זיי נישט קאָנען פאַרוואַרפן זייער יידישקייט.''

אָלגע מאַנקאָף, ווען זי האָט נישט גערעדט, האָט געהאַלטן די הענט צונויפגעלייגט אין שויס און צוגעהערט זיך צום געשפּרעך מיט אינטענסיווער אויפמערקזאַמקייט. די ליפּן ענג צוזאַמענגעשלאָסן, די אויגן ברענענדיקע ליכט, דער קאָפּ אויסגעשטרעקט אין פאָראויס, ווי זי וואָלט געוואָלט אויפכאַפּן די ווער־

טער, צושאָקלענדיק בײַ יעדן אַרויסגעזאָגטן געדאַנק, מיט װעלכן זי איז געװען אײַנשטימיק. בײַ די לעצטע װערטער פעלדמאַנס האָט אויפגעבליצט עטוואָס פון טריאומף און פון דער פרייד פון טריאומף אין אירע אויגן, וועלכע זי האָט אָנגעשטעלט אויף אַר־נאָלדן.

אַרנאָלד האָט אויף אַ מאָמענט נישט פאַרגעסן, אַז ער האָט געוואָלט זי הערן רעדן. איר טריאומף־בליק האָט געפאָדערט, ער זאָל איר וואָס זאָגן.

„מיס מאַנקאָף,‟ האָט ער אָנגעהויבן, „איר האָט מיר פריער פאָרגעוואָרפן, אַז איך נעם אײַך נישט ערנסט...‟

זי האָט צוריקגעצויגן דעם קאָפּ און אײַנגעזעצט זיך, ווי אי־בערראַשט פון זײַן פּלוצימדיקער װענדונג צו איר.

„איך האָב אײַך אַזאַ פאָרוווּרף נישט געמאַכט.‟

„אָבער איך האָב אײַך געשטעלט אַ פראַגע, וועלכע עס פרעגן נאָר מענטשן, וועלכע נעמען אײַך נישט ערנסט. איך בין ווײַט גע־ווען פון אַזאַ פאַרברעך. פאַרקערט, איר זײַט אַלע פאַר מיר אַפילו צו ערנסט, און איך פּיל, אַז איר האָט פאַר מיר אַלע אַזויפיל נײַעס, אַז איך ווייס נישט, ווי איך זאָל שטעלן מײַנע פראַגן, אום אַרויס־צופּאָמפּען פון אײַך דאָס נײַעס. מיר, די רײַכע אַמעריקאַנער, טוען אַזוי ווייניק, כמעט גאָרנישט און האָבן אַזויפיל צײַט, וועלכע מיר וואָלטן געקאָנט פאַרברויכן אויף צו שטודירן און לערנען די וועלט אַרום זיך. און דאָך נוצן מיר זי נישט אויס און גייען אַרום בלינדע, ווייסן נישט, וואָס עס טוט זיך, און אַלץ איז אונז ניי, איבערראַשנדיק ניי, און מיר מוזן מאַכן פאַרווּנדערטע געזיכטער און אויסזען ווי נאַרן.‟

די דינסט האָט זיך באַוויזן אין טיר און אַ מאַך געטאָן מיט די ליפּן צו מעריאָן. מעריאָן האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט:

„קומט אין עס־צימער.‟

מען האָט זיך באַוועגט לאַנגזאַם, ווי קיינער וואָלט נישט גע־וואָלט זײַן דער ערשטער אויף אַרויסצוגיין פון צימער. מעריאָן איז געשטאַנען אין טיר, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, צופרידן, וואָס

אירע געסט זיינען אזוי פאראינטערעסירט איינער אין דעם אנ־
דערן, און עטלעכע מאָל אַ מאָך געטאָן מיט דער האַנט, ווי זי
וואָלט זיי געוואָלט אַרויסרודערן פון דעם צימער אין דעם עס־
צימער אַריין. אָלגע האָט ענדלעך איינגעזען, אַז זי מוז אַרויס די
ערשטע. נאָך איר איז שוין אַרויס אַרנאָלד, דערענדיקנדיק זיין גע־
שפּרעך. מאַרדין און פעלדמאַן זיינען אים נאָכגעגאַנגען, שטאַרק
פאַראינטערעסירט אין דעם, וואָס ער האָט געזאָגט. אַ מערקווירדי־
קע זעלבסטבאַקענטעניש פון אַן אַמעריקאַנער גביר!

ווען אַלע זיינען שוין געוועזן אין עס־צימער, האָט מעריאַן געזאָגט:

,,איך האָב פאַרגעסן, אַז איך האָב איינגעלאַדן דריי הערן, און איך האָב זיך נישט באַזאָרגט מיט אַ דריטער דאַמע. מר. לע־ווענבערג, איר וועט זיצן צווישן מיס מאַנקאָף און מר. פעלד־מאַן."

אַרנאָלד איז אַריינגעפאַלן אין אַ וועלטלעך־וויציקן טאָן און געזאָגט מיט לאַכנדיקע אויגן:

,,איך וועל, נאַטירלעך, מקנא זיין מר. מאַרדין, וואָס וועט זיצן צווישן אייך און מיס מאַנקאָף, אָבער איך פאַרזיכער אייך, אַז מר. פעלדמאַן איז זייער גוטע געזעלשאַפט. האָפנטלעך דענקט אויך מר. פעלדמאַן אַזוי פון מיר."

,,איך וועל עס אַפילו זאָגן אונטער אַ שבועה," האָט פעלד־מאַן אָפּגעשלאָסן דעם אויסבייט פון העפלעכקייטן, און מיט פריינט־לעכן לאַכן האָט מען פאַרנומען די פּלעצער.

מען האָט אָנגעהויבן צו עסן אין שווייגן. מען איז זיך שוין געוועזן נענטער, אָבער מען איז נאָך נישט געוועזן זיכער אין גע־שפּרעך־טעמען. אַרנאָלד וואָלט זיך מיט פאַרגעניגן אומגעקערט צו זיין זעלבסטבאַקענטעניש, וועלכע די דינסט האָט איבערגע־ריסן. זי איז געוועזן אין זיין שטימונג. ער האָט נאָך געוואָלט זיין ביטערער צו זיך און צו אַלעמען. אָבער ער האָט זיך נישט געוואָלט אַרויפדרענגען. ער האָט געוואַרט, טאָמער וועט עמעצער דערמאָנען. פעלדמאַן האָט אים אַרויסגעהאָלפן:

„וואָס איר האָט פריער געזאָגט, מר. לעווענבערג, האָט איר געזאָגט וועגן זיך אַליין אָדער וועגן אַלע רייכע אַמעריקאַנער אַלס קלאַס?"

„איך האָב טאַקע געמיינט אַלעמען פון מיין קלאַס. מיר קענען נאָר אונזערע געשעפטן און די מענטשן פון אונזער קרייז, קוקן פון אויבן אַראָפּ אויף אַלץ און אַלעמען, וואָס געהערן נישט צו אונזער געשעפט און אונזער קלאַס. מעסטן די גאַנצע וועלט מיט דער מאָס פון דערפאָלג און געלט־מאַכן. מיט איין וואָרט, סנאָבס, גרויסהאַלטער, וועלכע מאַכן זיך נישט אויס פון דער גאַנצער וועלט."

„וואָס זאָלן מיר שוין דערויף זאָגן, גענאָסע פעלדמאַן?" האָט מאַרדין געלאַכט.

„מיר האָבן עס שוין לאַנג געזאָגט." האָט פעלדמאַן געענטפערט.

„אָבער ווען מר. לעווענבערג באַשולדיקט זיך אַזוי און זיין קלאַס," האָט אָלגאַ געזאָגט, „האָב איך דאָס געפיל צו זוכן אויף זיי אַ זכות, צו דערווייזן, אַז די אָנקלאָג איז צו שאַרף און נישט גערעכט."

„איר זייט זייער מענטשן־פריינטלעך, מיס מאַנקאָף," האָט אַרנאָלד געלאַכט.

„מר. לעווענבערג איז איבערהויפּט אַ זעלבסטאָנקלאָגער," האָט מעריאַן געזאָגט. „מר. לעווענבערג, איר וועט דערלויבן?"

און זי האָט דערציילט, ווי אַרנאָלד איז איינמאָל צו איר אַריינגעקומען, ווי אַריינגעשניט, מיט אַ גרויסער זעלבסטאָנקלאָג, אַז ער ווייס נישט וואָס צו טאָן מיט זיך. זי האָט עס דערציילט מיט וויץ, איבערגעריסן אָפט פון אַרנאָלדס לוסטיקע באַמערקונגען, און געענדיקט מיט די ווערטער:

„האָט איר עפּעס אַ סגולה צו אַזאַ קרענק?"

„מיר האָבן זי שטענדיק גערופן פּ ר י צ י ש ע  ק ר ע נ ק," האָט מאַרדין געזאָגט.

„עס איז די קרענק פון יעדער אונטערגייענדיקער געזעלשאַפט," האָט געזאָגט פעלדמאַן מיט זיין שטענדיקן שמייכל, ווי ער

וואָלט געוואָלט מיט אים אָפּשוואַכן די שאַרפקייט פון דעם, וואָס ער האָט געזאָגט.

„די סגולה אָבער, וואָס איז די סגולה?" האָט אַרנאָלד זיך געבעטן מיט אַ טאָן האַלב־ערנסט, האַלב־לאַכן.

„ט אָ ן!" האָט מיס מאַנקאָף אַרויסגערעדט קורץ און שאַרף.

„וואָס טאָן?"

„אייער קרענק איז די קרענק פון ציוויליזאַציע אין לעבן. ווען מען לעבט אָן ציל, ווייס מען נישט, וואָס צו טאָן מיט זיך. געפינט זיך אַ ציל. גייט צו אים, אַרבעט זיך צו אים דורך, און איר וועט געזונט ווערן."

„ווען איך האָב קיין ציל נישט, איז עס נישט קיין סימן, אַז דאָס לעבן האָט פאַר מיר קיין ציל נישט?"

„ניין. דאָס לעבן האָט אַ סך אויפגאַבן. מען קאָן געפינען אַ סך וואָס צו טאָן, מען זאָל נאָר וועלן. אַ יעדער קאָן האָבן זיין ציל."

„דאָס לעבן בכלל איז אַזוי אינטערעסאַנט," האָט מאַרדין געזאָגט, „אַז איך לייקן אַפילו אַלטעגלעכקייט."

„ווען מען נעמט אַנטייל אין זיינע קעמף, פילט מען נישט זיין אַלטעגלעכקייט," האָט פעלדמאַן צוגעגעבן.

„אויך די טרענטשעס ווערן אַלטעגלעך, מר. פעלדמאַן," האָט אַרנאָלד דערווידערט.

„דאָס דאַרף מען פרעגן ביי די, וועלכע שטייען אין די טרענטשעס."

„מעגלעך, אַז דאָס איז אַזוי," האָט מאַרדין געזאָגט, „אָבער דאָס איז דאָרטן, ווו מען האָט זיך אַזוי פאַרטרענטשט, אַז דער קאַמף האָט אויפגעהערט."

„קאַמף!" האָט אַרנאָלד אויסגערופן. „איך ווייס אַפילו נישט, פאַרוואָס צו קעמפן."

„אַזוי צופרידן זייט איר?" האָט אָלגאַ געפרעגט.

„ניין, אַזוי אומצופרידן בין איך."

מען האָט אים אָנגעקוקט פון אַלע זייטן, פאַרוווּנדערט, פרעגנדיק. און אָלגאַ האָט אַרויסגערעדט:

„אומצופרידן? איר? מיט וואָס?"

„אָ, עס לאָזט זיך נישט זאָגן, מיט וואָס איינער איז אומ־צופרידן, זיצנדיק נאָך אין אזא געזעלשאַפט ביים גוטן עסן און טרינקען. אָבער — איך געפין דאָס לעבן אין אַלגעמיין העסלעך און מיאוס.״

„אויב אזוי,״ האָט אָלגאַ אויסגערופן, „האָט איר דאָך אַ ציל: מאַכט דאָס לעבן שיין.״

„איך גלויב נישט, אַז מען קאָן דאָס דערגרייכן.״

„איך וואָלט קיינמאָל נישט פאַרדעכטיקט אין אייך אַזאַ פּע־סימיזם,״ האָט מאַרדין געזאָגט.

„עס איז דערפאַר, וואָס איר מיינט, אַז די גאַנצע מיאוס־קייט און העסלעכקייט פון לעבן ליגט אין אָרעמקייט — מען דאַרף נאָר די אָרעמקייט אָפּשאַפן, איז אוים מיט דער העסלעכקייט.״

„ניין,״ האָט פעלדמאַן געזאָגט, „מיר וויסן צו גוט די העס־לעכקייט פון רייכטום, מיט וועלכער עס איז באַפאַלן אַ גרויסער ליידיקגייענדיקער קלאַס. דערפאַר ווילן מיר אָפּשאַפן דעמדאָזיקן קלאַס.״

„שאַפט אָפּ וואָס איר ווילט, מיין ליבער מר. פעלדמאַן, די העסלעכקייט וועט דאָך בלייבן. טויזנטער מיט יאָרן זוכט די מענטשהייט אַן אויסוועג פון אָט דער העסלעכקייט. די יידן, די גריכן, דאָס קריסטנטום, די אינדיער — גאָרנישט. מיר טאָפּטשען זיך אין העסלעכקייט ביז איבערן האַלז. אייער סאָציאַליזם וועט גאָרנישט אויפטאָן, ווי עס האָט נישט אויפגעטאָן דער פּראָגרעס פון מיין פאָטער דעם אידעאַליסט. איין אָנפאַל פון משוגעת, ווי די איצטיקע מלחמה, און אַלץ איז פאַרניכט. זאָגט מיר נישט, אַז איר וועט אָפּשאַפן די אורזאַכן פון מלחמות, וועט קיין מלחמה מער נישט זיין. איר ווייסט גאָרנישט, וואָסערע מלחמה־אורזאַכן די מענטשהייט וועט זיך געפינען. עס איז דערפאַר, וואָס אייך וועט קיינמאָל נישט געלינגען אויסצוראָמען העסלעכקייט און שלעכטקייט פון די מענטשן. מאַכט זיי אַלעמען געבילדעט, זאָל די עלנטסטע מאַרק־פרוי זיין אימשטאַנד צו פאַרשטיין אריסטאָטעלן און פּלאַטאָן און קאַנטן און אַזוי ווייטער, אָבער שלעכט און העס־לעך, מאָראַליש העסלעך, וועלן זיי בלייבן.״

אַרנאָלד האָט צום ערשטן מאָל אַרויסגעזאָגט אַזעלכע געדאַנ־

קען. נישט נאָר אין דער הויך, נאָר אפילו פאַר זיך אַליין. זיי זיי־נען צו אים געקומען פון זיין איצטיקער בייזער שטימונג, פון זיין פאַרביטערטקייט קעגן דער וועלט און קעגן זיך אַליין, פון זיין וועלן רעדן פאַרקערט און אויף צו־להכעיס. אַ מינוט פריער האָט ער נישט געוווּסט, אַז ער וועט זיי אַרויסזאָגן, אַז ער קאָן זיי גאָר אַרויסזאָגן, אָבער ווען ער האָט זיי אָנגעהויבן אַרויסצוזאָגן, האָט ער זיך ווי פאַרשיכורט מיט זיי. עס איז אים געווען ווי איינעם, וועלכער גייט רואיק אין וועג און דערזעט פּלוצלונג, אַז ער איז די גאַנצע צייט געגאַנגען אויפן ברעג פון אַן אָפּגרונט. בלייבט ער שטיין און קוקט אַריין אין דעם אָפּגרונט ביז קאָפּ־שווינדל.

„אויף וואָס בויט איר אייער מיינונג?" האָט מעריאַן גע־פרעגט.

„אויף דעם, וואָס איר אַלע טיף אין הארצן פילט דעם אמת פון מיינע ווערטער."

ער האָט זיי אַלעמען אָנגעקוקט מיט טריאומף, קאַמפיק.

פעלדמאַן און מאַרדין האָבן אויפגעלאַכט. דער ערשטער — שטיל, גוטמוטיק; דער צווייטער — הויך, מיט חוזק. אָבער מיס מאַנקאָף האָט געזאָגט:

„ניין, איר האָט אַ טעות. איך בין אפילו מער ווי דערשטוינט פון אייערע באַהויפּטונגען. איך ווייס, אַז ווען איך קוק אַריין אין דער צוקונפט, פיל איך, ווי די אַלטע כינעזער, ווען זיי האָבן ביי זון־אויפגאַנג געקוקט פון זייער ים־ברעג צו דער ווייטקייט, וווּ עס ליגט יאַפּאַן. זיי האָבן געזען אַ ברענענדיקע זון אויפשטייגן פון דעם ים, די כוואַליעס פון דעם ים באַוועגלעך, ווי צושמאָלצן גאָלד, און דער הימל ווייט און ברייט האָט געברענט מיט אַלע פאַרבן. איז דאָס ווייטע לאַנד, וואָס זיי האָבן נישט געזען, געוואָרן פאַר זיי דאָס לאַנד פון דער אויפגייענדיקער זון, מיסטעריעז און הייליק, דאָס לאַנד פון געטער און העלדן..."

אירע באַקן האָבן זיך פאַרפלאַמט, אירע אויגן האָבן גע־לויכטן מיט די שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון. און אירע צוהערער האָבן גענאָסן פון טאָפּעלער שיינקייט. אויך אַרנאָלד האָט גענחתט זיך פון איר שיינקייט. אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן אָפּצוקילן זי מיט אַן אייזיקער באַמערקונג:

„נו, איז יאפּאַן אַ הייליק לאַנד, אַ לאַנד פון געטער און העלדן? ווי פילן די כינעזער, וועלכע האָבן שוין דערזען יאפּאַן?"

אָלגאַן איז טאקע געוועזן, ווי ער וואָלט זי אָפּגעגאָסן מיט קאַלטן וואסער. די אויפגייענדיקע זון אין אירע אויגן איז פאַר־וואָלקנט געוואָרן, אַ טרויער האָט זיך אויסגעלייגט אויף איר גע־זיכט, און זי האָט באַדויערנדיק אַ פיר געטאָן מיט אירע הענט, קוים באַמערקבאַר.

„אַנטשולדיקט, אויב איך האָב אייך וויי געטאָן," האָט אַרנאָלד געזאָגט, באַמערקנדיק די ענדערונג אויף איר געזיכט.

„אָבער אייער פאַרגלייך האָט געמוזט אַרויסרופן מיין פראַגע."

„איך האָב אייך געזאָגט," האָט אָלגאַ אָנגעהויבן, ווי מיט רחמנות צו דעם אומגליקלעכן פעסימיסט, „אַז איך פיל, ווי די אַלטע כינעזער. אָבער די אַלטע כינעזער האָבן בלויז פאַנטאַזירט, אַז יענס ווייטע לאַנד פון דער אויפגייענדיקער זון איז אַ לאַנד פון געטער און העלדן. מיר ווילן נישט פאַנטאַזירן — מיר ווילן דאָס לאַנד פון דער אויפגייענדיקער זון פון אונזער צוקונפט מאַכן פאַר דעם לאַנד פון געטער און העלדן."

מעריאָן האָט אַפּלאָדירט.

„גוט געזאָגט, טייערע! גיט זיך אונטער, לעווענבערג!"

אָלגאַ האָט זיך ווידער פאַרפלאַמט:

„פאַרוואָס ווילט איר אונז איינרעדן, אַז טיף אין האַרצן פילן מיר דעם אמת פון אייער פאַרצווייפלונג אין דער מענטש־הייט? די מענטשהייט איז נאָך זייער יונג. זי שטעלט זיך גרויסע צילן. זי וויל זיך דערהייבן צו העכער עטישקייט און גייסטיקייט. זי וויל אויפשטייגן צו זוניקער שיינקייט און אַ מאַקסימום גליק. ישעיהס זעאונגען, קריסטוסעס לערע, דער סאָציאַליזם. העלפט איר, לייגט צו אַ האַנט, זאָגט נישט אין פאָראויס, אַז מען וועט גאָרנישט דערגרייכן. אַזוי האָט מען פאַרלאַכט דעם געדאַנק פון פליען אין דער לופט. אָבער מיר פליען דאָך."

מעריאָן האָט ווידער אַפּלאָדירט.

„גיט זיך אונטער, לעווענבערג! באַקענט זיך אַלס באַזיגט. און מיין ליבלינג האָט עס געטאָן."

אָבער אַרנאָלד האָט געטראַכט מיט ביטערניש, אַז זיי ווייסן

מסתמא נישט, ווי טיף שלעכט עס איז די מענטשלעכע נאַטור. אַט זיצט ער איינער פון די בעסערע פאַרטרעטער פון דער מענטש־הייט, אונטערהאַלט זיך וועגן הויכע ענינים, און אין דער איי־גענער צייט פילט ער קעטרין אין זיך — קעטרין, איינע פון די העסלעכקייטן און געמיינהייטן פון דער מענטשהייט — ווייס, אַז ער וועט זי מאָרגן זען. אַז ער וועט קיין כוח נישט האָבן אָפּצו־האַלטן זיך נישט צו פאָרן צו איר, און וועט זיך מיט איר באַ־מיאוסן, ביים פולן באַוווּסטזיין, מיט אָפענע אויגן, געטריבן נאָר פון דעם אייביק־מענלעכן, געצויגן פון דעם אייביק־ווייבלעכן — עטוואָס, וואָס וועט שטענדיק באַהערשן די מענטשהייט, עטוואָס, וואָס איז געווען, איז און וועט אייביק זיין דאָס שטייענדיקע, פוילע וואַסער, דער קוואַל פון אַלע עפּידעמיעס, קרענק און העס־לעכקייטן. פאַרוואָס האָט ער אין דעם מאָמענט גאָר מורא פאַר מיס מאַנקאָף? פאַרוואָס שטופּט אים איצטער אָפּ איר גייסטיקייט, איר אידעאַליזם?

„מיר פליען דאָך,“ האָט ער שטיל אַרויסגערעדט. „אָבער די ערד ציט אונז צו און אַראָפּ.“

„אומפאַרבעסערלעכער פּעסימיסט,“ האָט מעריאָן אַרויסגע־רעדט מיט רחמנות.

מען איז אויפגעשטאַנען פון טיש, אומצופרידענע, אומבאַ־פרידיקטע. ווי נאָך אַ שלאַכט, נאָך וועלכער עס איז אוממעגלעך פעסטצושטעלן, ווער איז דער געשלאָגענער, און ביידע צדדים האָבן מער קיין לוסט נישט פאָרטצוזעצן דעם קאַמף. איצטער האָט מען נישט געהאַט וועגן וואָס צו רעדן און אויך קיין חשק נישט געהאַט צו רעדן.

מאַרדין איז ווידער צוגעגאַנגען צו די ביכער־שענק, געקוקט, געקוקט. דאָ זיינען געווען ביכער אין עטלעכע שפּראַכן, די בעסטע פאַרטרעטער פון די ליטעראַטורן פון די ציוויליזירטע פעלקער. מאַרדין האָט אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז ער האָפט איינגיכן צו געפינען אין די ביכער־שענק פון קולטור־מענטשן אויך די בעסטע פאַרטרעטער פון דער יידישער ליטעראַטור.

„איז פאַראַן אַזאַ זאַך, ווי אַ יידישע ליטעראַטור?“ האָט אַרנאָלד געפרעגט.

אַלע האָבן אויפֿגעטאָטמט, אויפֿגעלעבט. עס האָט זיך געפֿור־נען אַ טעמע, אַ נייטראַלער באָדן. מאַרדין האָט געהאַלטן אַ גאַנ־צע לעקציע וועגן דער יידישער ליטעראַטור. אַרנאָלד האָט צוגע־הערט זייער פֿאַראינטערעסירט. און אויך די אַנדערע, כאָטש זיי האָבן די לעקציע נישט געדאַרפֿט, זיינען געווען פֿאַראינטערע־סירט, צוקוקנדיק, מיט וואָסער אויפֿמערקזאַמקייט אַרנאָלד הערט. זיי האָבן אים געוואָלט באַלערנען, דעם פֿרעמדן, און אָלגאַ און פֿעלדמאַן האָבן פֿון צייט צו צייט אַריינגעשטעלט זייער וואָרט אין מאַרדינס לעקציע, כאָטש אָלגאַ האָט זיך געפֿילט זייער דערוויי־טערט פֿון לעווענבערגן.

און מערקווירדיק, די גאַנצע צייט פֿון דער לעקציע האָט אַרנאָלד קוים אַ קוק געטאָן אויף אָלגאַן און אויך אויף מעריאָן. די ביידע האָבן אים נישט אינטערעסירט. זיי זיינען פֿאַר אים נישט געווען קיין פֿרויען, וועלכע מען קאָן פֿאַרלאַנגען. זיי זיינען געוואָרן פֿאַר אים גייסטיקייטן, אַבסטראַקציעס.

ווען מאַרדין האָט געענדיקט, האָט אַרנאָלד געוואָלט פֿרעגן: צו וואָס יידיש איבערהויפּט? אויף וואָס דאַרפֿן יידן דידאַזיקע שפּראַך, פֿון וועלכער ער האָט זיך ערשט דערוווסט, אַז זי האָט אַ רייכע ליטעראַטור? ער האָט אָבער נישט געוואָלט קיין נייע לעק־ציע, נישט געפֿילט זיך אויפֿגעלייגט. אויסער דעם, איז שוין גע־ווען זייער שפּעט. ער האָט דער ערשטער געמאַכט די באַוועגונג אַוועקצוגיין.

ביים צושיידן זיך האָט ער געפֿילט, אַז ער דאַרף עפּעס זאָגן, וואָס זאָל מעריאָן און אירע געסט אָנגענעם זיין.

„איך גיי אַוועק שטאַרק באַרייכערט,‟ האָט ער געזאָגט. „האָפֿנטלעך, וועט מיין נייער רייכטום מיר זייער צונוץ קומען.‟

אָבער אין דעם קאַלטן דרויסן האָט ער דערפֿילט, אַז ער האָט פֿון דעם הויז, וואָס ער האָט איצטער פֿאַרלאָזן, קיין וואַרעמ־קייט נישט אַוועקגעטראָגן. ער האָט אָנגעשטעלט דעם מאַנטל־קראַגן.

XI

א גאַנצן טאָג האָט ער קוים אַ טראַכט געטאָן וועגן זיין נעכטיקן באַזוך ביי מעריאַן, אָבער יעדער נערוו אין אים האָט גע־וווּסט, אַז אין אָוונט וועט ער זיין מיט קעטרין. ער איז אומגעגאַנ־גען ווי אויף שפּרינגערס: אויף די שפּיץ פינגער און לייכט, ווי ער וואָלט דעם קערפּער נישט געשפּירט. זיינע ווי מיט אַ דינעם שלייער פאַרצויגענע אויגן האָבן אַרויסגעגעבן, אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט אַ סוד. די מענטשן אין געשעפט און די מוטער אינ־דערהיים האָבן אים פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט.

עטלעכע מאָל האָבן זיך זיינע באַקן באַדעקט מיט דעם רויט פון שעמעוודיקייט, ווייל ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער פאַרלויפט אין פאַראויס. ער האָט זיך אויסגעמאָלט, וואָס עס וועט פאָרקו־מען אויף דעם צוזאַמענקום. ער וועט היינט טרינקען אַ סך. ער וועט זי שיכור מאַכן. דערנאָך — אין דעם אויטאָמאָביל, וועלכער וועט לויפן ציללאָז ווייט אַרויף איבער דעם ענדלאָזן בראָדוויי אין דער שטילקייט און טונקלקייט פון דער נאַכט. ווען ער האָט זיך געכאַפּט, ווי ער מאָלט זיך אויס, וואָס עס וועט פאָרקומען אין דעם אויטאָמאָביל, האָט ער זיך אויסגעזידלט מיט בייזע נעמען.

און ווידער און ווידער האָט ער זיך אויסגעמאָלט, ווי אַזוי־גער ניין אין אָוונט וועט ער צופאָרן צו איר הויז און וועט געבן דעם סיגנאַל, ווי זי וועט אַרויסלויפן צו אים, ווי זי וועט אַריין אין אויטאָמאָביל, וואָס זיי וועלן זיך זאָגן. נישטיקע געדאַנקען,

וועלכע האָבן אים אוועקגענומען אינגאַנצן, אַז אָפּט האָט ער נישט געהערט, וואָס מען רעדט צו אים.

אַ פּאָר מאָל איז אים דורכגעלאָפן עטוואָס פון דעם שרעק, וועלכן ער האָט געהאַט פאַר קעטרין. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער האָט זיך באַהאַלטן פון איר, ווי ער האָט זי געוואָלט אויס־ווייכן. ער האָט אַ פּאָר מאָל פאַרשפּירט, אַז דאָס איז געווען דאָס ריכטיקע. אָבער ער האָט דידאַזיקע וואָרנונגס־געדאַנקען נישט געקאָנט דערטראַכטן ביזן סוף. ער האָט געוווּסט, אַז ער גליטשט זיך אַראָפּ אַ הויכן שניי־באַרג און קאָן זיך נישט אָפּשטעלן. אָבער שליסלעך איז דאָס גליטשן זיך אַראָפּ אַ הויכן שניי־באַרג אַ פאַר־גניגן און אַ ספּאָרט. און ווער זאָגט, אַז ביים פוס פון דעם באַרג מוז דווקא זיין אַן אָפּגרונט? דו גליטשסט זיך אַריין אין אַ ברייטן ווייטן טאָל, און דו שטייסט אויף פון שליטן און קוקסט צום שפּיץ, פון וועלכן דו האָסט זיך אַראָפּגעגליטשט, און קווועלסט און לאַכסט און האָסט הנאה, און באַקומסט חשק נאָכאַמאָל אַרויפצושטייגן און ווידער אַראָפּגליטשן זיך. דאָס בילד האָט אַרויסגערופן אַ באַ־רואיקנדיקן שמייכל אויף זיינע ליפּן. ערגעץ אין אים האָט עס געטיקטאַקט: „עס איז אַן אָפּגרונט!” אָבער ער האָט זיך נישט צוגעהערט. —

ניין אַזייגער אין אָוונט איז ער צוגעפאָרן צו קעטרינס הויז. דער שאָפער האָט געבלאָזן אין האָרן, איז אַראָפּ פון זיין זיץ, גע־שטעלט זיך פאַר דער טיר פון אויטאָמאָביל און געוואַרט. די הויז־טיר האָט זיך אויפגעעפנט, אַרנאָלד האָט אַ ציטער געטאָן, אָבער דערפילט גלייך אַ גרויסע אַנטוישונג אין האַרצן. עס איז אַרויסגע־קומען נישט קעטרין, נאָר מערי, די הויז־פירערין. זי איז אַראָפּגע־לאָפן צום אויטאָמאָביל, דער שאָפער האָט אויפגעעפנט די טיר, און זי האָט העפלעך געלאָזט וויסן אַרנאָלדן, אַז מיס קעטרין בעט אים אַרויפצוקומען. ער האָט עפּעס נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי זאָגט אים. ער האָט זי איבערגעפרעגט, געמאַכט זיכער, אַז זי מיינט דאָס אים. דערנאָך האָט ער זיך אומגעקוקט אויף דעם שאָפער, ווי ער וואָלט געוואָלט זיין עצה, אַ קוק געטאָן אויף דער מיידל פאַר אים, וועלכע איז געשטאַנען און געציטערט אין דער

קעלט, אויף דעם הויז, ווי אַלע פענסטער זיינען געווען באַלויכטן. ער איז די שופּראָס שוועל קיינמאָל נישט אַריבערגעטראָטן, און אַריינצוטרעטן אין די שופּראָס הויז איז געווען ווי אַריינצוטרעטן אין אַ בלאָטע. מיט פאַרגעניגן און אָן נויט האָט עס קיינער פון זיין אַרום נישט געטאָן. ער האָט דערפילט די בלאָטע און נישט געקאָנט זיך רירן פון אָרט. אָבער די מיידל פאַר אים איז גע־שטאַנען און געקאָרטשעט זיך פון קעלט און געוואַרט אויף אים מיט בעטנדיקע אויגן. ער האָט זיך צוגעווענדט צום שאָפער, גע־הייסן אים וואַרטן — ער וועט גלייך זיין צוריק — איז אַרויס פון אויטאָמאָביל און אַוועק נאָך דער מיידל.

קעטרין איז געשטאַנען הינטער דעם פאָרהאַנג פון דער אי־נעווייניקסטער טיר און בגנבה אַרויסגעקוקט, ווי אַרנאָלד וועט אויפנעמען די איינלאַדונג. פאַרן הויז האָט געברענט אַן עלעקטרי־שע גאַס־לאָמפּ, אָבער זי האָט אַרנאָלדן אין אויטאָמאָביל נישט געקאָנט זען. זי האָט נאָר געקאָנט באַמערקן, אַז ער איז זיך מיישב, אַז ער האָט זיך נישט געלאָזט לויפן צו איר. זי האָט אַ פּאָר מאָל אומגעדולדיק אַ טאַפּ געטאָן מיטן פוס. ווען ער איז אַרויס פון אויטאָמאָביל און געווענדט זיך צו די טרעפּ פון הויז, איז זי אַנטלאָפן פון איר באַהעלטעניש, געשטעלט זיך אין טיר פון זאַל און אָפּגעוואַרט אים.

ווען ער איז אַריינגעקומען, איז זי געלאָפן אַנטקעגן מיט אויסגעשטרעקטע הענט.

זי איז געווען איינגעוויקלט אין אַ געל־גאָלדענעם שפּאַנישן נויף, אַ קאַרמען אין געשטאַלט און באַוועגונג. נישט אָריגינעל, אָבער דאָס האָט איר געגעבן די מעגלעכקייט צו שפּילן און צו רייצן מיט איר קערפּער, פון וועלכן דער אויבערשטער טייל איז געווען כמעט אינגאַנצן אָפּגעדעקט און פאַרפירעריש געמאַניעט מיט זיין נאַקעטקייט.

„עס איז שיין פון אייך, וואָס איר זייט אַריינגעקומען,״ האָט זי געזאָגט. „און איצטער וועט איר אָפּלייגן דעם מאַנטל און אַריינקומען מיט מיר אין זאַל.״

„איך בין געקומען אוועקנעמען איך," האָט ער געזאָגט און נישט אָפּגעלאָזן אירע הענט.

„איצטער גאַנץ אוממעגלעך. אפשר שפּעטער. איך האָב נעכטן גאָר פאַרגעסן, אַז מיר האָבן היינט געזעלשאַפט."

זי האָט געזאָגט אַ ליגן. זי האָט גאָרנישט פאַרגעסן. זי האָט אַליין די געזעלשאַפט אימפּראָוויזירט. גלייך ווי זי האָט אויפגע־האַנגען דאָס טרייבל פון טעלעפאָן, נאָך דעם געשפּרעך מיט אים, איז עס איר איינגעפאַלן: פאַרהאַלטן אים ביי זיך אינדערהיים אין געזעלשאַפט פון אירע פריינט. זי וועט זיך באַנעמען, ווי ער וואָלט געוועזן איר חתן. איר געזעלשאַפט וועט אים אַזוי באַהאַנד־לען, וועט פאַרשפּרייטן די נייעס, פול מאַכן די שטאָט. גלייך האָט זי אָנגעזאָגט טאַטע־מאַמע, אַז זיי מוזן מאָרגן אין אָוונט בלייבן אינדערהיים, עס מעג זיין וואָס פאַר אַ פּלענער זיי האָבן פאַר מאָרגן אין אָוונט: אַרנאָלד לעווענבערג וועט קומען. זי האָט עס אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ טאָן, אַז טאַטע־מאַמע האָבן זיך דערמאָנט, אַז זיי זיינען טאַטע־מאַמע און מוזן עפּעס טאָן פאַר דעם גליק פון זייער טאָכטער, כאָטש דאָס בלייבן אינדערהיים מאָרגן אין אָוונט וועט פאַר זיי זיין אַ גרויסער קרבן. דאָך די מאַמע האָט זיך אַרויס־געהאָלפן. זי האָט איינגעלאַדן — מיט קעטרינס פריילעכער צו־שטימונג — דעם אַדוואָקאַט ראַדזשערס און דעם קליידער־פאַ־בריקאַנט ליסאָו, מיט וועלכע זי האָט זיך געדאַרפט טרעפן מאָרגן אין אָוונט — דער באַנקיר גודמאַן איז געלעגן קראַנק — זיי זאָלן קומען צו איר אַהיים, ווייל זי מוז מאָרגן זיין אַ מאַמע און אויפ־נעמען ביי זיך אינדערהיים דעם מעגלעך צוקונפטיקן פון איר טאָכטער. זי האָט זיי פאַרשפּראָכן, אַז זי וועט צו זיי זיין אַזוי גוט ווי אין דער פרעמד און נאָך בעסער. דער טאַטע אָבער האָט גע־מוזט ברעכן זיין פאַראָפּרעדונג און ברענגען טאַקע אַ קרבן. ער האָט נישט געקאָנט איינלאַדן די יונגע כאַריסטקע, וועלכע איז איצטער געוועזן זיין ליידנשאַפט.

דערנאָך האָט קעטרין אויסגעפונען, ווער פון אירע חבר־טעס האָט דעם אָוונט פריי און איינגעלאַדן זיי צו זיך. דאָס איז געוועזן דאָראָטי גודמאַן, דעם באַנקיר גודמאַנס טאָכטער,

אַ לעבנס־פאַרבראַנערין, וועלכע פלעגט נאַכט אין נאַכט קומען שיכור אהיים, און איידער זי פלעגט אַריין אין בעט, פלעגט זי זיך שטעלן אַ נאַקעטע פאַרן שפּיגל און רעדן צו זיך אין אַ לשון, וועלכן אַ מאַטראָס וואָלט איר מקנא געווען. דאַן עוועלין סמיט, וועלכע האָט צו פיר און צוואַנציק יאָר צום דריטן מאָל חתונה גע־האַט און איז איצטער געווען די העלדין פון אַ נייעם סקאַנדאַל. און ענדלעך מאָלי וואָטערס, וועלכע איז געווען אַנטלאָפן מיט איר טאַטנס שאָפער, פון וועלכן זי איז אַוועק אויפן פינפטן טאָג פון זייער צוזאַמענלעבן, ווייל זי האָט זיך געכאַפּט, אַז ער איז איר גאָרנישט געפעלן.

די דריי האָבן געקראָגן אַן אָנזאָג פון קעטרין, זיי זאָלן מיט זיך ברענגען זייערע געליבטע. איז דאָראָטי גודמאַן געקומען מיט אַלעקס שטיין, דעם אַטלעטישן, האַלב־אידיאָטישן זון פון אַ שטיין־רייכן לעדער־פאַבריקאַנט, וועלכער האָט געהאַט דעם קאָפּ פון אַן אָקס און איז געווען געזונט, ווי אַן אָקס, האָט קיינמאָל נישט גע־רעדט און שטענדיק געטראָגן אַ בייזע מינע, ווי ער וואָלט געגאַנ־גען עמעצן הרגענען. עוועלין סמיט איז געקומען מיט בוירט בענ־דער, אַ צוואַנציק־יעריקן סטודענט און פוטבאָל־שפּילער, וועלכער איז געווען דער העלד פון איר נייעם סקאַנדאַל. מאָלי וואָטערס אָבער איז געקומען אַליין, ווייל איר פאָטער האָט איצטער געהאַט אַ שוואַרצן שאָפער, און זי האָט נישט געקאָנט אויסמאַכן ביי זיך, צי זאָל זי זיך פאַרליבן אין אים. אָבער זי וואָלט אים סיי ווי סיי נישט געקאָנט ברענגען אַהער, אפילו ווען זי וואָלט געווען פאַר־ליבט אין אים.

דאָס איז געווען די געזעלשאַפט, וועלכע האָט דאָ דערוואַרט אַרנאָלדן, און ער האָט אויפגעציטערט ביים וואָרט „געזעלשאַפט", גלייך ווי ער וואָלט געהאַט אַ שלעכט פאַרגעפיל פון דעם, וואָס עס דערוואַרט אים דאָ.

„געזעלשאַפט," האָט ער קוים אַרויסגערעדט. „איך בין נישט אויפגעלייגט איצטער צו געזעלשאַפט. איך וועל אייך אוועק־גנבענען, יאָ? ווו איז אייער מאַנטל?"

„גאַנץ, גאַנץ אוממעגלעך."

און זי האָט אים געשלעפּט ווייטער אין צימער אריין.

„ליינט אָפּ אייער מאַנטל.“

„איך וועל קומען נאָך אייך שפּעטער.“

„ניין! איך וועל ברוגז ווערן.“

פון טיר פון זאַל איז אַרויסגעקומען מרס. שופּראַ, און גלייך נאָך איר מר. שופּראַ. טרייע עלטערן, וועלכע פרייען זיך מיט דעם גליק פון זייער קינד.

מרס. שופּראַ, אין אַ זילבער־באַפּוצטן שוואַרץ־זיידענעם קלייד, וואָס האָט זיך גוט צונויפגעגאָסן מיט דער מאַט־ווייסער פאַרב פון אירע אָפּגעדעקטע ברוסט און רוקן און דער רויטלעכער ווייסקייט פון דעם שנירל פּערל אויף איר האַלז און מיט אירע באַזילבערטע קאַשטאַנען־האָר, האָט זיך קוים געקאָנט אָוועקרייסן פון אַלעקס שטיין. דער האַלב־אידיאָטישער אַטלעט האָט נישט אָפּגעווענדט זיין בייזן בליק פון איר הוילן בוזעם, און עס איז געווען עפּעס אין דעם בליק, וואָס האָט זי געמאַכט צוצובויגן זיך צו אים און נישט צוצוהערן, איבער וואָס ראַדזשערס און ליסאַו האָבן געלאַכט, איינער מיט זיין הויכן קול, ווי אַ קאַלאַקאַטקע וואָלט געקלאַפּט, דער אַנדערער גאַנץ שטימלאָז, מיט אַן אָפענעם מויל, גלייך ווי דאָס לאַכן איז אים געבליבן שטעקן אין האַלז און האָט נישט געקאָנט אַרויס. די בליקן פון דעם יונגן מענטשן מיט דעם אָקסן־קאָפּ האָבן זיך אויסגעלייגט אויף איר נאַקעטער הויט, און געדריקט און געקוועטשט זי. ביי דער ערשטער געלעגנהייט, ווען דער שווייגנדיקער אָקס איז געבליבן אַליין, האָט זי זיך צוגעזעצט צו אים, פאַרפירט מיט אים אַ געשפּרעך, נישט אַרויסקריגנדיק פון אים קיין וואָרט, און איבער איר געזיכט האָט זיך צוגאָסן אַ הנאה־שמייכל פון דעם משונהדיקן אויסדרוק, וואָס זיין געזיכט האָט אָנגענומען דורך איר נאָנטקייט. ווען קעטרין, וואַרטנדיק אין דער זאַל־טיר אויף אַרנאָלדן, האָט איר אַ ווונק געטאָן, אַז לעווענבערג קומט, האָט איר לייד געטאָן אָוועקצורייסן זיך פון דער באַרירונג פון זיינע בליקן, און זי האָט מורא געהאַט, אַז עמעצער אַנדערש וועט פאַרנעמען דעם ליידיק געוואָרענעם פּלאַץ לעבן אַלעקסן, אָדער

אַלעקס וועט אַריבערגיין צו עמעצן אַנדערש. זי איז געווען בייז, וואָס דער נישט־גוטער האָט איצטער אונטערגעטראָגן דעם לאַנגווייליקן פּעדאַנט, וועלכן איר טאָכטער האָט זיך אויסגעקליבן. אָבער מוטער און ווירטין האָבן דאָך גובר געווען, און זי איז ענדלעך אויפגעשטאַנען פון איר אָרט. זי האָט אָנגעזאָגט אַלעקסן, אַז זי וועט באַלד צוריקקומען צו אים, ווייל זי דאַרף ביי אים עפּעס פרעגן, אָנגענומען דעם פריינטלעכסטן שמייכל און איז אַרויס צו באַגריסן דעם אָנקומענדיקן גאַסט, וועלכן זי האָט פאַראַכט, ווייסנדיק באַשטימט, אַז ער פאַראַכט זי.

אויך מר. שופרא איז געווען אומצופרידן, וואָס דער רוח האָט אָנגעטראָגן לעווענבערגן. ער האָט געפונען אין מאָלי וואַטערס אַן אָנגענעמע פאַרטרעטערין פון זיין כאַריסטקע. זי איז געווען אָנגעטאָן זייער נאַכלעסיק. איר קורץ און טיף־אויסגעשניטן טיול־קליידל איז געווען אָפּ־עקנעפּט אין אַ סך ערטער און געלאָזן אַריינקוקן צו דעם כמעט אומבאַדעקטן קערפּער אונטער אים. זי האָט זיך געהאַלטן אין דעם קלייד, ווי איינע, וועלכע געפינט יעדן קערפּער־צודעק פאַר איבעריק און משאדיק, ווי מיר פילן אונזערע קליידער אין אַ הייסן זומער־טאָג. אַמבעסטן וואָלט זי אַראָפּגעשלעפּט פון זיך די קליידער־קללה און וואָלט געבליבן זיצן נאַקעט, באַוועגלאָז און אַפּאַטיש, מיט אַ גרויסער פוילקייט אין אַלע גלידער, און מיט אויגן, אין וועלכע עס האָט געברענט אַ פאַרצערנדיקער הונגער אונטער אַ גלייכגילטיקן אויבערדעק, ווי פייערקוילן אונטער אַש. שופרא, וועלכער האָט געוווּסט איר ליבע צו שאָפערס, האָט זיך צוגעזעצט צו איר און אָנגעהויבן צו דערציילן איר שטאַל־אַנעקדאָטן. זי האָט נישט געלאַכט פון די אַנעקדאָטן. זי האָט נישט געלאַכט, אַפילו ווען שופרא איז זיך צוגאַנגען אין אַ קייכנדיקן אָנשטעקנדיקן געלעכטער. אָבער זי איז געזעסן מיט אַן אויפגעהויבענער אויבערשטער ליפּ, אויסשטעלנדיק צוויי רייען ווייסע ציינדלעך, וועלכע זיינען זיך צונויפגעגאַנגען זייער רעגלמעסיק, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן אַביסל אויף הינטן ווי אַראָפּגעצויגן דורך לייצעס, און די אויגן האַלב־צוגעשלאָסן, אַרויסשטראַלנדיק פייער־שפּיזן דורך אַ פייכטן נעפּל־הייטל. מר. שופרא, אַ מאַן פון אַ יאָר פופציק, וועלכער האָט אויסגעזען אַ סך ייִנגער פאַר זיינע

יאָרן, הויך און קרעפטיק געבויט, מיט זייער ווייניק גרויע האָר אין זיין געדיכטן, שווארצן קאָפּ־וווקס, מיט אַ פּאָר גוט געהאַלטענע וואָנצעס, וועלכע ער האָט געפארבט, האָט הנאה געהאַט פון איר צוהערן, ווי פון גוטן וויין, און מורא געהאַט, עס זאָלן זיך אויס־נעמען ביי אים אנעקדאָטן, און געפלאַנט, ווי און ווהין ער זאָל מיט איר פארשווינדן. און עס איז ווירקלעך געווען אַ שווערער קרבן, אָפּצורייסן זיך פון אָט דעם פארשיכורטן און פארשיכורנ־דיקן נפש און גיין טאָן די פליכטן פון פאָטער און גאסט־אויפ־נעמער.

זיי זיינען צוגעגאַנגען צו ארנאָלדן ביידע, מר. און מרס. שופרא, טאַטע און מאַמע, מיט דער הארציקייט פון פריינט־לעכע גאסטגעבער, מיט אויסגעשטרעקטע הענט, מיט שמייכלענ־דיקע געזיכטער, מיט פריילעכן פּאטאָס אין טאָן:

„העלאו, מיסטער לעווענבערג!"

און אויך קעטרינס מסירה: „ער וויל נישט בלייבן, דער שלעכטער מענטש!" האָבן זיי אים אָנגענומען פון ביידע זייטן: ניין, זיי וועלן אים נישט אַוועקלאָזן! און פארזיכערט אים, אז עס וועט אים זיין אָנגענעם ביי זיי. און מר. שופרא האָט גענומען שלעפּן ביי אים דעם הוט פון האנט און אָפּקנעפּלען זיין מאַנטל. קעטרין אָבער איז געשטאַנען הינטער ארנאָלדס רוקן און געוואָרפן אויף אים בייזע בליקן. ווען ער האָט זיך אומגעקוקט צו איר, האָט זי אים באַגעגנט מיט אַ שמייכל און מיט בעטנדיקע אויגן. דאָס האָט אויף אים געווירקט, און ער האָט געלאָזן אָפּנעמען ביי זיך דעם הוט און אַראָפּנעמען דעם מאַנטל, און געשיקט מערין צום שאָפער, ער זאָל קומען אין אַ שעה אַרום. אָבער קעטרין האָט צו־געווונקען מערין, זי זאָל אוועקשיקן דעם שאָפער אינגאנצן, און דאָס אַרויסגייענדיקע מיידל האָט איר אָפּגעענטפערט מיט אַ פאַר־שטייענדיקן בליק.

קעטרין האָט אים גענומען אונטערן אָרעם און אַריינגעפירט אין זאַל. מר. און מרס. שופרא זיינען געגאַנגען הינטער זיי. זיי האָבן זיך צוגעווונקען מיט לאַכן אין די אויגן: „אַ העכט אַביסל!" אָבער ביי דער טיר פון זאַל האָבן זיי זיך ביידע גלייך געכאַפּט,

אַז זיי דאַרפֿן אַהין נישט אַריין אַזוי ווי זיי גייען איצטער הינטער זייער טאָכטער און איר „העכט". זיי וועלן זיין טאַטע־מאַמע, זיי וועלן זיין שווער און שוויגער, זיי וועלן זיין זיידע און באָבע. זיי האָבן נאָכאַמאָל זיך אָנגעקוקט, איינס אין דעם אַנדערן האָבן זיי געזען, אַז זיי זיינען נאָך יונג, אַז זיי האָבן נאָך זייערע ליידנשאַפטן און ווילן נאָך לאַנג לעבן אין זייערע ליידנשאַפטן און טאָרן נאָך נישט אויפטרעטן אין דער ראָלע פון קאַנדידאַטן אויף זיידע און באָבע.

„אַנטשולדיק," האָט אַרויסגערעדט מר. שופּרא, וועלכער האָט שוין לאַנג נישט געברויכט דאָסדאָזיקע וואָרט אין זיינע אַלץ מער זעלטן־ווערנדיקע געשפּרעכן מיט זיין פרוי. „דו גיי אַריין. איך וועל באַלד אונטערקומען."

„אַנטשולדיק אַליין," האָט מרס. שופּרא געענטפערט. „מיר פּאַסט אויך בעסער אַריינצוקומען דורך דעם הינטער־זאַל."

שופּרא האָט זיך צולאַכט.

„ביזט אַ טייוול!"

„איך וועל נאָך צו יעדער צייט קאָנען אויסגלייכן זיך מיט דיין יונגוואַרג."

ער האָט זי אָנגעקוקט פון דער זייט. זי האָט צו אים אויפגעהויבן איר אָוואַל געזיכט און אַרויסרופנדיק אָנגעקוקט אים מיט אירע שוואַרצע אויגן אונטער די לאַנגע ברעמען. זי האָט זיך אויך אַ ציי געטאָן מיטן גאַנצן קערפּער נאָך אויבן, ווי זי וואָלט געוואָלט איינציען דאָס ביסל פעטס, וואָס די יאָרן האָבן אויף איר אָנגעלייגט, און אויסזען שלאַנקער. אָבער איר באַוועגונג האָט אים דערמאָנט די קלעצפּאַטרע־באַוועגונגען פון זיינע כאָריסטקעס, פון אַלע די יונגע לייבער, וועלכע זיין געלט האָט אים צוגעכישופט. ער האָט אַ שמייכל געטאָן און אַ קיצל געטאָן זיין פרוי מיטן פינגער אונטערן אָרעם. זי האָט צוזאַמענגעצוקט פון דעם קיצל, איר קערפּער האָט זיך אויסגעשפּרייט, איז פעט געוואָרן. מר. שופּרא איז אַוועק פון איר, לאַכנדיק, דעם קאָפּ אויפגעהויבן, אונטערטענצלענדיק מיט דער עלאַסטיציטעט פון אַ יוגנטלעכן קערפּער, טריאומפירנדיק איבער זיין פרוי, וועלכע קאָן נישט באַקעמפן די

יאָרן, אַזוי ווי ער, דער מאַן. מרס. שופּרא האָט אויסגעשטעקט די צונג הינטער אים. אָ, זי וועט עס אים נאָך זאָגן! פאַר געלט וואָלט זי אויך געקאָנט קויפן יונגוואַרג. זי וועט אים אָבער נאָך באַ־וויזן, אַז זי קאָן נאָך דעראָבערן יונגעלייט. זי וועט עס אים נאָך היינט באַווייזן, און זי איז אַוועק צום הינטער־זאַל, פילנדיק ווידער אויף זיך די בליקן פון דעם אָקס.

דער זאַל פון די שופראס, ווי אויך דער הינטער־זאַל, מיט וועלכן ער איז געוועזן פאַרבונדן דורך אַ זייער ברייטער רוק־טיר, האָבן אויסגעזען מער ווי אַ געשעפט פון מעבל און אַנטיקן. אויס־געקלעפּט מיט גרוי און גאָלד, זיינען זיי געוועזן אָנגעשטעלט מיט ווייסע און גאָלדענע מעבל־שטיקער, באַגרויט פון שטויב, וועלכער איז זעלטן אָפּגעווישט געוואָרן. די פענסטער זיינען געוועזן באַ־האנגען מיט שווערע, טייערע גאַרדינען, אין וועלכע עס זיינען גע־ווען אַ סך לעכער און וועלכע מען האָט נישט געקאָנט אָנרירן, אום נישט אויפצוהייבן אַ שטויב־וואָלקן. און אומעטום זיינען גע־ווען אָנגעוואָרפן קישעלעך פון אַלע מינים: גרעסערע, קלענערע, טאַפּעצירטע, אויסגעניטע, באַמאָלטע, זיידענע, סאַמעטענע, פון אַלערליי קאָלירן, אויף די סאָפעס, אויף די שטולן, אויף די פּער־סישע טעפּיכער, וועלכע האָבן באַדעקט די דיל, אויף די גרויסע ווייס־בערישע פעלן מיט די ריזיקע בערישע קעפּ, וועלכע האָבן געשטערט יעדע פרייע באַוועגונג. עס איז נישט געווען קיין באַ־לעבאַטישע האַנט, ווי אַלץ איז דאָ געלעגן און געשטאַנען. קיין גע־שמאַק האָט דאָ נישט געווירטשאַפט, קיין ליבע האָט זיך דאָ נישט אַריינגעמישט. די פאַרשיידענע טייערע לויפער אויף דעם וואַנט־ברעט איבער דעם פייער־פּלאַץ, אויף דער פּיאַנאָ, וואָס איז גע־שטאַנען ביים דורכגאַנג צווישן די זאַלן, אויף די ווענטלעך פון די סאָפעס און די גרויסע פאָטער־שטולן, זיינען געהאַנגען אָפּגעלאָזן, צונויפגעקנייטשט, מיט גרויסע לעכער־געוואַלט־ריסן, ווי ווילד־פרעמדע וואָלטן דאָ געהויזט.

דאָס הויז האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו זיין אַ היים. עס האָבן געפעלט די האַנט און דאָס אויג פון אַ באַלעבאָסטע. מרס. שופּרא, וועלכע איז קיינמאָל קיין באַלעבאָסטע נישט געוועזן, ווייל זי האָט קיינמאָל נישט געוווּסט און נישט געוואָלט וויסן פון אָר־דענונג, האָט אין די לעצטע יאָרן גאָר אינגאַנצן נישט געקימערט זיך וועגן איר הויז. דאָס איז געוועזן פאַר איר אַן אַכסניא אויף אָפּצוועסן און איבערצושלאָפן, קומענדיק אהער כמעט נאַכט אין נאַכט מיט דעם ערשטן גרוי פאַרטאָג.

דורכגייענדיק צו איר האָטעל־צימער — איר שלאָף־צימער, אַ מידע פון טרינקען, פון קאָרטן־שפּיל, פון די ראַדזשערסעס און די ליסאָוס, פלעגט זי נאָך אַריינקוקן אין דעם דערבייאיקן נומער, דעם שלאָף־צימער פון איר מאַן. אָן קיין שום אינטערעס צו זיין פּערזאָן, נאָר אויס נייגיריקייט, אויס קיצל, ווי זי וואָלט אַריינגע־קוקט אין דעם פאַרבאָטענעם שפּאַלט פון אַ באָד. ווייל גאַנץ אָפט פלעגט זי אים טרעפן דאָרטן מיט עמעצן אַנדערש. דעמאָלט פלעגט זי זיך אָוועקגנבענען פון דער טיר מיט אַ ברייטן שמייכל, צופרידן פון דעם, וואָס זי האָט געזען, און יעדעס מאָל באַשליסן, אַז זי מוז עס אויך אַמאָל טאָן, מוז אויך עמעצן ברענגען מיט זיך. אָבער דעמאָלט האָט איר היים געדאַרפט אויפהערן צו זיין פאַר איר אַ היים, ווי זי האָט עס אויפגעהערט צו זיין פאַר איר מאַן. האָט זי זי מער און מער פאַרלאָזן, מער און מער פאַרנאַכלעסיקט, אָבער דאָך האָט זי בײַ זיך נישט געקאָנט פועלן נאָכצוטאָן אינגאַנצן איר מאַן, כאָטש זי האָט זיך נישט אויפגעהערט צו זאָגן, אַז זי מוז עס.

ווען קעטרין האָט אַריינגעפירט אַרנאָלדן אין זאַל, זיינען דאָרטן געוועזן נאָר דער אַדוואָקאַט ראַדזשערס און דער קליידער־פאַבריקאַנט ליסאָו. זיי זיינען ביידע געקומען צו פאַרברענגען אַ גוטן אָוונט מיט מרס. שופּרא, נאָר די אָנוועזנהייט פון מר. שופּרא האָט זיי געשטערט. זיי האָבן זיך געפילט געבונדן און זיי־נען געזעסן אויף די מאַסיווע לעדערנע פאָטער־שטולן, וועלכע זיי־נען געשטאַנען נישט ווייט פון די פענסטער, ווי פאַרשיקטע. פון צייט צו צייט האָבן זיי עפּעס אַרויסגערעדט און געלאַכט, צי עס

איז געווען פון וואָס אָדער נישט, גערויכערט און געוואַרט, אַז מר. שופּרא וועט פאַרשווינדן.

דערזעענדיק אַרנאָלדן, האָט אַדוואָקאַט ראַדזשערס אויסגע־שריגן מיט זיין הילכיקן קול:

„אָט איז דאָך אונזער טויטער!"

און האָט זיך צולאַכט מיט דעם קראַכן פון אַ דונער.

ער איז צוגעגאַנגען צו אַרנאָלדן, טראָגנדיק זיין גרויסע, קרעפּטיקע האַנט אין פאָראויס, און גערעדט הויך און ליאַרעמדיק:

„העלאָו, מר. לעווענבערג! עס פרייט מיך צו זען אייך נאָך אַ לעבעדיקן ביי דער זייט פון אונזער פאַרפירערישער קעטרין! איר האָט נאָך, הייסט עס, קיין זעלבסטמאָרד נישט באַגאַנגען."

און איז זיך ווידער צוגאַנגען אין זיין דונער־געלעכטער.

אַרנאָלד האָט געקוקט אויף דער ברייטער, שווערער האַנט און נישט געוווּסט, צי זאָל ער אַריינלייגן אין איר זיין האַנט.

„וואָס איז דער וויץ, מר. ראַדזשערס?" האָט ער גערייצט אַרויסגערעדט.

„מר. ראַדזשערס מאַכט שטענדיק אומגעלונגענע וויצן," האָט קעטרין בייז אַרויסגעשיפּעט און אַוועקגעפירט אַרנאָלדן צו די יונגע געסט, וועלכע זיינען געווען פאַרזאַמלט אין דעם הינטער־זאַל.

מר. ראַדזשערס איז געבליבן שטיין מיט זיין אויסגעשטרעק־טער האַנט, אָבער ער האָט אַרויסגעלאָזן אַ נייעם אויסשאָס פון געלעכטער, ווי עס וואָלט אים שטאַרק געפעלן געווען, וואָס קעטרין האָט געזאָגט. און מר. ליסאָו, וועלכער איז געזעסן אויפן פּאָטער־שטול ביים לינקן פענסטער און געלאַכט זיין שטימלאָזן געלעכטער, האָט איצטער געפונען פאַר נויטיק נאָכצושרייען דעם זיך דער־ווייטערנדיקן אַרנאָלדן:

„העלאָו, מר. לעווענבערג! העלאָו, מר. לעווענבערג!"

און ווייטער געלאַכט, ווי ער וואָלט געזאָגט עפּעס זייער וויציקס.

אַרנאָלד איז פאָרגעשטעלט געוואָרן כסדר: דאָראָטי גודמאַן, אַלעקס שטיין, עוועלין סמיט, בוירט בענדער און מאַלי וואָטערס. דאָראָטי איז געווען אַביסל באַטרונקען. אירע פולע באַקן

זיינען איצטער געוועזן נאָך פולער אונטער א פורפור־רויטער פארב, די ברוינע אויגן זיינען געוועזן פארצויגן און טרויעריק. זי איז געזעסן אין ווינקל פון דער סאָפע, דעם קערפּער אביסל אראָפּגע־רוקט,ביידע הענט אויף די אָנלענס, די פיס ווייט פאנאנדערגע־שפּרייט. זי האָט איר פּאָזע נישט געביטן, ווען ארנאָלד איז צוגע־פירט געוואָרן צו איר. זי האָט אים אָנגעקוקט פון אונטערן שטערן און קוים א שאָקל געטאָן צו אים מיטן קאָפּ. ווען ער איז אוועק־געפירט געוואָרן ווייטער, האָט זי א מאַך געטאָן פארעכטלעך מיט דער האַנט, מיט דער נאָז און מיט די ליפּן. „גיי דיר! ביזט נישט קיין פלאנץ פון מיין גאָרטן!״

אלעקס שטיין האָט זיך א הייב געטאָן פון אָרט, עפּעס ארויס־געברומט און ווייטער געקוקט אויף דער זאַל־טיר, געוואַרט צו דערזען דאָרטן די אריינקומענדיקע מרס. שופּרא. עוועלין סמיט איז געוועזן גאנץ העפלעכקייט, האָט זיס אָפּגעשמייכלט, א באוועג געטאָן מיט האלז און קאָפּ, ווי א גאנז, פון אונטן נאָך אויבן און אראָפּ. בווירט בענדער, וועלכער איז געשטאַנען הינטער איר, האָט מיליטעריש צונויפגעקלאַפּט די קאָרקעס פון זיינע שיך און טיף פארבויגט זיך. אָבער מאָלי וואָטערס האָט נאָר צוזאַמענגעצויגן אירע ליפּן.

יעדער נייער נאָמען האָט אויפגעוועקט אין ארנאָלדן איבער־ראשונג און ווידערווילן, און ענדלעך האָט אויפגעקאָכט אין אים א פּראָטעסט קעגן דער געזעלשאַפט, אין וועלכער ער איז אריינגע־פאַלן. אים איז אויסגעקומען אָנצוהערן זיך וועגן די פאַרגעשטעל־טע, אָבער ער האָט זיי ביז איצטער קיינמאָל נישט געטראָפן. עווע־לין און מאָלי זיינען געוועזן נאָך דערצו צייטונגס־העלדינס. זייערע עסקאַפּאַדן זיינען באשריבן געוואָרן לאַנג און ברייט און זייערע בילדער האָבן סענסאַציאָנעל באצירט די מאָרגן־ און אָוונט־צייַ־טונגען, און גאנץ באזונדערס די בילדער־אָפּטיילונגען פון די זונטאָג־צייטונגען. ער האָט נייגיריק אָנגעקוקט די איינע און די אַנדערע, באטראַכט דאָראָטין און אלעקס שטיין און בווירט בענ־דער, און נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט זיך. ער האָט געגומעזי א פּאַפּיראָס פון דעם קעסטל, וואָס קעטרין האָט אים אונטערגע־טראָגן, פאררויכערט אָן דעם שוועבעלע, וואָס זי האָט אָנגעצונדן,

געזאָגט צוויי מאָל „אַ דאַנק״, אַראָפּגעלאָזן זיך אויף דעם שטול, וועלכן קעטרין האָט אים אָנגעוויזן — אַלץ מיט דער מינע פֿון איינעם, וועלכער טראַכט ווי צו אַנטלויפֿן.

קעטרין האָט געוווּסט, וואָס אין אים קומט פֿאָר, און גע־קוקט אויף אים מיט דעם שאַרפֿן דורכדרינגענדיקן בליק פֿון אירע קלוגע שוואַרצע אויגן. דאָס איז געווען אַן עקזאַמען. וועט ער נישט אַנטלויפֿן, איז ער אירער. אירער אויף שטענדיק. זי וועט אים דאַרפֿן נאָך אַביסל מער צורייצן און ער וועט ליגן ביי אירע פֿיס, ווי עס שטייט אין די ראָמאַן־ביכער, וועלכע זי האָט פֿלייסיק געלייענט און שפּאַטיש פֿאַראַכט, ווי איינע, וועלכע ווייס בעסער.

„דאָס זיינען אייערע פֿריינט?״ האָט אַרנאָלד ענדלעך שטיל אַרויסגערעדט, אום עפּעס צו זאָגן.

„יאָ, מיינע טייערסטע, מיינע נאָנטסטע!״ האָט זי געענט־פֿערט מיט אַ געמאַכטער באַגייסטערונג. זי האָט געהיט זיינע באַ־וועגונגען. ניין, ער איז נישט אויפֿגעשפּרונגען און נישט אַנט־לאָפֿן.

אין הינטער־זאַל איז אַריינגעקומען מרס. שופּרא. זי האָט צוגעאיילט צו אים, ווי זי וואָלט אים ערשט דערזען.

„אָ, עס פֿרייט מיך זייער, וואָס איר זייט געקומען! ווי גייט עס אייער מוטער? וועט איר טרינקען אַ קאָקטייל? יאָ, איר וועט טרינקען. קעטרין, הייס... פֿאַר אַלעמען. מיר וועלן אַלע טרינקען.״

קעטרין האָט אַ צי געטאָן די לאַנגע גלאָק־שנור ביי דער טיר. מערי האָט זיך באַוויזן, און קעטרין האָט איר געהייסן ברענגען די קאָקטיילס.

מרס. שופּרא האָט צוגערופֿן:

„אָבער קאָקטיילס!״

און דאַן געווענדט זיך ווידער צו אַרנאָלדן:

„אָ, דאָס איז געווען שיין פֿון אייך, צו קומען. איך וועל טרינקען אַ גאַנץ באַזונדערן טאָסט... אָט איז אויך מר. שופּרא!״

מר. שופּרא, אַריינקומענדיק, האָט גלייך אויפֿגעזוכט מיט די אויגן מאָלי וואָטערס. ער האָט אויך געווענדט זיינע שריט צו איר. אָבער מרס. שופּרא האָט געפֿונען, אַז דאָס וועט זיין זייער אומ־

העפלעך און טאַקטלאָז בנוגע צו דעם „העכט‟, וועלכן מען דאַרף נאָך פאַנגען פאַר זייער טאָכטער. און אויב מען האָט שוין אַזויפיל געאָפּפערט פאַר דער טאָכטער, מוז מען נאָך אַביסל, און אויב זי, די מאַמע, איז נישט צוגעגאַנגען צו אַלעקס שטיין, וועלכער האָט ווידער אָנגעשטעלט זיין בייזן בליק אויף איר פּלייש, מעג ער, דער טאַטע, נאָך נישט צוגיין צו מאָלי וואָטערס, וועלכע האָט ביים אַריינטריט פון מר. שופרא ווידער אויפגעהויבן איר אויבערשטע ליפּ. און אַזוי האָט זי אָפּגעשטעלט איר מאַן מיט אַ צבועצישן צורוף:

„עדוואַרד, האָסט שוין געזען מר. לעווענבערג?‟

און האָט זיך גלייך געווענדט צו אַרנאָלדן, אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיינער און געלאַכט און שטיל געזאָגט:

„אָ, יאָ, איך האָב גאָר פאַרגעסן. מיר האָבן דאָך אייך באַגריסט אין פּאָיע.‟

אָבער מר. שופרא איז איבערגעריסן געוואָרן אין זיין גאַנג. ער האָט זיך פאַרקערט צו אַרנאָלדן. מאָלי וואָטערס האָט ווידער פאַרייניקט אירע ליפּן.

„נאַטירלעך, האָבן מיר זיך געזען,‟ האָט מר. שופרא געזאָגט. „ווילט איר אַ סיגאַר? אַ גאַנץ אומדערוואַרטעטער גאַסט. אָבער איך וויל זיך נישט נאַרן: ער איז געקומען צו קעטרין. וועל איך נישט שטערן. וועל איך זיין דער לעצטער, וועלכער וועט שטערן. און דו זיי אויך קליגער און שטער נישט. ביי אונז, דאַרפט איר וויסן, איז אַ הויז, וווּ קיינער ווערט נישט געשטערט. אַלטע, יונגע — ביי אונז, איבעריקנס, זיינען קיין אַלטע נישטאָ, ווי נאָר מיין ווייב, האַ־האַ־האַ...‟

מרס. שופרא האָט אויפגעצוקט און קאָקעטיש אָנגעבלאָזן אַרויסגערעדט:

„דו!... דו ביזט אַליין אַלט!‟

מר. שופרא האָט געלאַכט און ווייטער גערעדט:

„האַ־האַ, ווי נאָר מיין ווייב און אירע צוויי געסט דאָרטן, וועלכע האָבן זיך איינגעזעצט אין די ווייכע שטולן און קאָנען זיך פון אָרט נישט רירן, האַ־האַ...‟

מרס. שופרא האָט קאָקעטירט צו אַרנאָלדן:

„זאָגט איר אַליין, בין איך אַלט? זע איך נישט אויס אַ סך יינגער פאַר אים?"

אָבער מר. שופּרא האָט פאָרטגעזעצט:

..וואָס איך וויל זאָגן, איז: אַלטע, יונגע, ביי אונז ווערט נישט געשטערט, לאָזט מען זיך נישט שטערן. אָט וועל איך אפילו נישט בעטן אייער אַנטשולדיקונג און וועל גיין פאָרטזעצן מיין געשפּרעך מיט אַ ליבער קליינער מיידל."

מאַלי האָט ווידער פאַנאַנדערגעטיילט אירע ליפּן און באַגעגנט אים מיט אַ ברייטן שמייכל.

מרס. שופּרא האָט אים נאָכגעשיקט אַ בייזן בליק און גלייך צוגאָסן זיך אין אַ שמייכל, מיט וועלכן זי האָט אויפגעזוכט די אויגן פון אַלעקס שטיין. איר מויל האָט אין דער אייגענער צייט גערעדט צו ארנאָלדן. זי האָט נאָכגעפרעגט אויף פאַרשיידענע אַלגעמיינע באַקאַנטע, געמאַכט וויציקע באַמערקונגען איבער פריינט און פיינט, באַגלייטנדיק אירע באַמערקונגען מיט קורצע אויפלאַכונגען.

אָבער באַלד האָט קעטרין פאַרכאַפּט ארנאָלדס אויער. זי האָט אים דערציילט די סקאַנדאַל־געשיכטן פון אירע „טייערסטע, נאָנטסטע" פריינט. זי האָט זיי דערציילט גראָב, וווּלגאַר, אין זייער גאַנצן ציניזם, אונטער צוגעבונגען און קורצע אויפלאַכונגען פון מרס. שופּרא.

און ארנאָלד האָט געפילט — —

פאַר זיינע אויגן איז ארויפגעשווומען אַ בילד, וואָס ער האָט געזען — אָדער אפשר האָט זיך אים בלויז געדאַכט, אַז ער האָט געזען — אין אַ קינאָ. אַ יונגער מענטש אָדער מיידל, צאַרט־פילנויק, איידל־הויטיק, ריין און שיין, איז אריינגעפאַלן אין אַ באַנדע פון שמוציקע, לייזיקע, גאַנץ ווילדע מצורעים — פון די, וועלכע קיין איין געזעלשאַפט לאָזט נישט לעבן צווישן זיך און פאַר וועלכע יעדע שטאָט פאַרמאַכט אירע טויערן. און די קרעציקע האָבן ארומגערינגלט דעם יונגן מענטשן, געשאַרט זיך ארום אים מיט זייערע פאַרלייזטע קליידער, געקראַכן צו אים מיט זייערע אייטערדיקע פינגער, געאָטעמט אויף אים מיט זייער פאַרפּעסטן אָטעם. דעם יונגן מענטשנס געזיכט איז געוואָרן דער אויסדרוק

פון לייבהאפטיקן שרעק — דער פילם־אפאראט האָט עס צוגערוקט נענטער צו די צושויער, מען זאָל האָבן אַ בעסערן באַגריף פון זיין ישרעק.

דאָס האָט געפילט איצטער ארנאָלד, זיצנדיק צווישן מוטער און טאָכטער, מיט די אויגן ארומנעמענדיק די גאנצע געזעל־שאפט, אין וועלכער ער איז אריינגעפאלן.

ער האָט זיך דערמאָנט אויף דער נעכטיקער געזעלשאפט. וואָס פאר אַ חילוק! אַ בענקעניש איז אויפגעשטיגן אין אים, ווי איינער בענקט נאָך שטילקייט אין אַן אוממעגלעכן גערויש פון מאשינען. פלוצלונג האָט ער דערזען פאר זיך די געזיכטער פון מעריאָן און אָלגאַ, די, וועלכע ער האָט פארטריבן פון זיך היינט בייטאָג. איצטער זיינען זיי צוגעשטאנען צו אים, נישט אָפּצו־טרייבן, און עס איז אים געווען, ווי זיי וואָלטן אים געפרעגט: וואָס טוט ער דאָ?

טאקע, וואָס טוט ער דאָ? ראדזשערס האָט אים דערמאָנט ביי זיין אריינקום אויף דעם, וואָס מרס. שופרא האָט אים גע־זאָגט אין רעסטאָראן: אויב ער האָט זיך פארליבט אין קעטרין, זאָל ער בעסער באגיין זעלבסטמאָרד. דידאָזיקע ווערטער האָבן אים איצטער פארפאָלגט. עס א י ז שוין זעלבסטמאָרד צו זיין דאָ מיט די אַלע מענטשן, צו אָטעמען זייער לופט. אויפשטיין דארף ער און אוועקגיין, אנטלויפן — ארויסשפרינגען אפילו פון אַ פענ־סטער, אויב עס זאָל זיין נויטיק.

אָבער ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ער האָט נישט געוואָלט זיין קיין העלד פון מאָראלישקייט. שליסלעך דארף אַ מענטש קענען דורכמאכן אַלערליי זאכן. ווען ער וועט שפע־טער אוועקגיין, וועט ער זיך גוט אויסשפייען, וועט אפילו נעמען אַ וואנע, וועט זיך אָפּרייניקן און זיין מיט אַן איבערלעבעניש רייכער. ער האָט מיט דידאָזיקע מענטשן קיין באַקאַנטשאפט נישט געזוכט, אָבער אַז ער האָט זיך מיט זיי צופעליק געטראָפן, איז עס בדיעבד זייער אינטערעסאנט. גייט ער נישט אַמאָל אין זאָאָלאָגישן גאָרטן?

דאָס איז געווען געוויסן־באַרואיקונג, אייגענע ציינער־פאר־ידעניש. ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, ווייל דאָס געפיל,

וואָס האָט אים געבראַכט אהער, איז געווען שטאַרק אין אים. געוואָרן נאָך שטאַרקער, ווען ער האָט דערזען קעטרין, די פיל פאַר־שפּרעכנדיקע קאַרמען־קעטרין. פריער אָדער שפּעטער וועט ער מיט איר אַוועק פונדאַנען און וועט איבערלעבן אויף דאָסניי עטוואָס זייער שטאַרקס, משונהדיקס, משוגעתדיקס. ער האָט געזען פאַר זיך די מאָראַליש־ציכטיקע פּנימער פון מעריאַן און אָלגאַ, אָבער ביי זיין זייט האָט ער געפילט קעטרין, די וואַלגאַרע, די צינישע, די אַלץ־זיך־דערלויבנדיקע. און ער וועט זי באַלד האַלטן אין זיינע אָרעמס, די האַלב־נאַקעטע...

מערי האָט אַריינגעבראַכט די קאָקטיילס. עס איז געוואָרן אַביסל לעבן און באַוועגונג אין דער געזעלשאַפט. דאָראָטי האָט געמוזט אַראָפּנעמען די האַנט פון דעם סאָפע־ווענטל, אויסשטרעקן זי נאָך אַ גרויסן קאָקטייל־גלאָז און דערנאָך טראָגן דעם שטאַרקן געטראַנק פון צייט צו צייט צו די ליפּן, פויל און אָפּגעלאָזן. אַלעקס האָט צוגעטראָגן דאָס גרויסע גלאָז צו די ליפּן און מער נישט אַוועקגענומען עס, ביז ער האָט עס ביסלעכווייז געענדיקט, קוקנדיק די גאַנצע צייט איבערן גלאָז אויף דער נאַקעטער ברוסט פון מרס. שופּרא, מאַלי וואָטערס האָט אַ פריער אָנגעשטויסן מיט מר. שופּרא, דערנאָך אַריינגעשטעלט דאָס גלאָז צווישן די ציינער, ווי זי וואָלט עס געביסן, און געזויט דעם געטראַנק לאַנגזאַם, פּאַמעלעך. אָבער פאַר גרעסערער באַקוועמלעכקייט ווען האָט זי געפונען פאַר נויטיק אַוועקצולייגן אירע פיס אויף מר. שופּראס שויס. מר. שופּ־רא האָט געזאָגט: „אָט דאָס איז אַ קלוג מיידל!“ און גענומען איר דערציילן אַ פּאַסנדיקן אַנעקדאָט, לאַכנדיק און טרינקענדיק זיין קאָקטייל.

עוועלין האָט געזאָגט: „איך בין טאַקע דורשטיק!“ גענומען זיך אַ גלאָז און אַ צווייט גלאָז געגעבן בוירטן, און ווייטער גע־שעפּטשעט זיך מיט אים, אריבערקוקנדיק פון צייט צו צייט צו אַרנאָלדן און קעטרין, וועגן וועלכע זיי האָבן גערעדט.

מרס. שופּרא האָט אַ הייב געטאָן איר גלאָז צו אַלעקסן און דערנאָך צו די צוויי אַלטע אויף די ווייכע שטולן ביים אַנדער עק פון גרויסן זאַל.

ראַדזשערס האָט אַרויסגעגראַגערט:

„איר טרינקט אונז צו, אָבער ביז דער קאָקטייל וועט דער־גיין צו אונז, וועט די פּראָהיבישאָניסט־פּארטיי איבערנעמען די רעגירונג און מיר וועלן האָבן טרינק־פארבאָט אין אמעריקע.״

און ער האָט ארויסגעקראכט א געלעכטער איבער זיין וויץ. דער געלעכטער־קראך איז אריינגעפאָרן אין ליסאָוס אָפענעם מויל און איז דאָרטן געשטאַנען, האַלטנדיק דאָס מויל אָפן, לאַנג נאָך, ווען ראדזשערס האָט אויפגעהערט צו לאכן און אָנגעהויבן צו טרינקען זיין קאָקטייל. און אויך לאַנג נאָך, ווען ליסאָו האָט אראָפּ־גענומען פון מערים טאַץ זיין קאָקטייל־גלאָז. נאָר פּלוצלונג האָט זיך דער קליידער־פאַבריקאַנט דערמאָנט, אַז ער האַלט דאָס קאָק־טייל־גלאָז אין האַנט. דעמאָלט האָט ער לאַנגזאַם צוגעמאַכט דאָס מויל, ווי די באַקן וואָלטן זיך אים באַוועגט אויף לאַנגזאַמע שרויפן און ווי עס וואָלט אים פאַרדראָסן, וואָס ער דאַרף אים צומאַכן. און אַז ער האָט אים גאַנץ צוגעמאַכט, האָט ער אים ווידער אויפגע־עפנט און צוגעטראָגן דאָס גלאָז און אַ טרונק געטאָן.

קעטרין האָט געגעבן אַ לאַנגן, שטאַרקן זופּ פון איר גלאָז, צופרידן אַ קוק געטאָן אויף אַרנאָלדן, וועלכער האָט זיך דערביי ווי אַ קרים געטאָן, און ווייטער דערציילט. די שעה, וועלכע אַר־נאָלד האָט געוואָלט פאַרבלייבן, איז שוין לאַנג פאַראיבער, און ער האָט זיך נאָך נישט אויפגעהויבן פון אָרט אַוועקצוגיין...

אָבער דערפאַר האָט זיך מאָלי וואָטערס אויפגעהויבן און געלאָזן זיך גיין צו דער טיר פון דעם הינטער־זאַל. אירע ליפּן פאַנאַנדערגעטיילט, אירע אויגן פאַרשלייערט אונטער די לאַנגע ברעמען, דעם קערפּער באַוועגנדיק, ווי אין טאַנץ. מר. שופּרא איז געגאַנגען הינטער איר מיט לאַכן, ווי ער וואָלט דערלאַכט דאָס, וואָס ער האָט איר געזאָגט, איידער זי האָט אַראָפּגענומען פון אים אירע פּיס און אַוועקגעשטעלט זיי אויף דער ערד און אויפגעהויבן זיך און געלאָזן זיך גיין.

מרס. שופּרא האָט זיי אַרויסבאַגלייט מיט די אויגן און אויפגעלאַכט. קעטרין האָט אַ קוק געטאָן אויף אַרנאָלדן, צי האָט ער וואָס באַמערקט.

אַרנאָלד האָט באַמערקט דאָס אַוועקגיין פון מר. שופּרא מיט מאָלי וואָטערס, געפילט איצטער קעטרינס בליק, אָבער האָט נישט

אויפגעהויבן צו איר די אויגן. אַקוראַט ווי ער וואָלט איר נישט געוואָלט וויי־טאָן דערמיט, וואָס ער וואָלט איר באַוויזן, אַז ער האָט געזען און פאַרשטאַנען. ער איז געבליבן זיצן, די פיס אויס־געצויגן, די הענט אין די קעשענעס, די אויגן אָנגעשטעלט אויף די שפּיצן פון זיינע שטיוול.

באַלד האָט זיך אויך מרס. שופּרא אויפגעהויבן און איז צו צו דער טיר, ווי זי וואָלט געוואָלט זען, וווּהין די צוויי זיינען פאַרשוווּנדן. אָבער שטייענדיק אין טיר, האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אַלעקסן, וועלכער האָט נישט אַראָפּגענומען פון איר די אויגן. איר קוק איז געווען אַן איינלאַדונג. אַלעקס האָט אים פאַרשטאַ־נען, און ווען זי איז אַרויס פון דער טיר, ווי זי וואָלט נאָכגעגאַנ־גען איר מאַן, האָט אַלעקס זיך שווער אויפגעהויבן, אַוועקגע־שטעלט זיין גלאָז, און איז אַרויס נאָך איר.

קעטרין האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויף אַרנאָלדן. ער האָט נישט געביטן זיין פּאָזע, אָבער ער האָט צונויפגעדריקט זיינע ציינער און צוגעדריקט זיך שטאַרקער צום ווענטל פון שטול, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז ער וועט נישט אויסהאַלטן און וועט אויפשפּרינגען און אַנטלויפן.

ראַדזשערס און ליסאַו, וועלכע האָבן זיך פילדייטיק איבער־געקוקט, ווען מר. שופּרא איז אוועק און געוואָלט נעמען פילן זיך פרייער, זיינען איצטער געבליבן זיצן גאַנץ פאַרלאָרן. זיי האָבן זיך אויך דערפילט באַליידיקט. אין ראַדזשערסן איז אפילו אויפ־געשטיגן אַ כעס. ער איז אויפגעשטאַנען פון זיין שטול, בייז אַרויסגעברומט:

„נישטאָ דאָ מער וואָס צו זיין! שוין שפּעט אויך!"

און איז אַרויס מיט פעסטע שריט.

ליסאַו האָט זיך שווער אויפגעהויבן מיט אַ שמייכל:

„אַ גוטע נאַכט, יונגוואַרג!"

און איז אַרויס, נישט אָפּוואַרטנדיק קיין ענטפער.

אַרנאָלד האָט זיך נישט אומגעקוקט, נישט געזען זייער אוועקגיין, נישט געהערט, וואָס זיי האָבן געזאָגט, נאָר געפילט, אַז זיי זיינען אוועק, און ווי זיי זיינען אוועק. עס האָט אים גע־עקלט. ער איז געווען גאַנץ אויסער זיך. די שעה איז שוין לאַנג

אריבער — פאַרוואָס האָט ער נישט אָפּגעהיט די שעה? פאַרוואָס האָט ער גאָר פאַרגעסן אַ קוק צו טאָן אויפן זייגער? וואָס פאַר אַ חרפּה! איצטער וועט ער אַוועקגיין, אַנטלויפן. און אָן קעטרין. ער וועט זי נישט נעמען, אוממעגלעך מער. גאַנץ אוממעגלעך. אַ פריער דער טאַטע, דערנאָך די מאַמע, און איצטער די טאָכטער... אוממעגלעך! אוממעגלעך! ער וועט נאָר לאָזן קעטרין ענדיקן איר דערציילונג וועגן עוועלין סמיט. איינפאַך אויס העפלעכקייט. דערווייל האָט ער געשיקט זיין האַנט צו דער זייגער־קעשענע.

אין דערזעלביקער צייט האָט דאָראָטי גודמאַן ווייט פאַנאַנ־דערגעעפנט די אויגן און שנעל אַרומגעקוקט זיך אַרום זיך, און גלייך אויסגעשריגן מיט אַ משונהדיקן שיכורן קול:

„וווּ איז אַלעקס? איך וויל דאָ גלייך האָבן אַלעקסן צוריק! איך האָב אים אַהער נישט געבראַכט פון קיינעמס וועגן! אויב מרס. שופּרא וויל...״

זי האָט זיך צושריען אויף איר מאַטראָסן־שפּראַך.

אַרנאָלד האָט נישט דערטראָגן די האַנט צום זייגער, איז אויפגעשפּרונגען און אַרויס פון זאַל.

קעטרין איז אים נאָכגעגאַנגען. האָט צוגערופן צו עוועלין און בווירט, זיי זאָלן איינהאַלטן דאָראָטין, וועלכע האָט זיך נישט געוואָלט באַרואיקן, און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

„איך פאָר מיט דיר.״

„ניין.״

קעטרין האָט אַ ווונק געטאָן מערין, וועלכע האָט אים גע־וואָלט העלפן מיט דעם מאַנטל. מערי האָט זיך אָפּגעטראָגן.

„דו ביזט דאָך געקומען נאָך מיר.״

„איצטער האָב איך גענוג.״

זי האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג צו זיין הוט און מאַנטל, צוגעטראָטן צו אים, נאָנט, נאָנט. אירע אויגן האָבן געפייערט:

„דו ביזט געקומען צו מיר. האָסט געוואָלט וואָס פון מיר. האָסט געוואָלט מיך קושן, דריקן, ווערגן. דו האָסט אויסגעהאַלטן די גאַנצע אַטמאָספערע פון אונזער הויז צוליב דעם, נאָך וואָס דו ביזט געקומען. איך ווייס דאָך... איך ווייס דאָך אַלץ, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דיר. און איך האָב זיך צוגעגרייט פאַר

דיר. צוגעגרייט דיר אַ סיורפּריז. צוגעגרייט עפּעס, וואָס זאָל דיך גאַנץ ווילד מאַכן. צוגעגרייט זיך צו זיין ווילד מיט דיר. איך האָב נאָר געוואָלט דיך אַביסל הונגעריק מאַכן. איך האָב געוואָלט וויסן, אויף וויפל דו ווילסט מיך. אויב דו וועסט אויסזיצן ביי אונז, ווילסטו מיך שטאַרק. דו ביזט אויסגעזעסן, דו ווילסט מיך שטאַרק. נעם מיך מיט זיך אָדער קום אַרויף צו מיר אין צימער. איך האָב דאָך דיך געוואָלט האָבן ביי זיך אין צימער."

אַרנאָלד האָט אויפגעלאַכט. פון הינטער־זאָל האָבן זיך געטראָגן די פאַרשטאַרקטע קולות פון דאָראָטי גודמאַן און די באַרואיקנדיקע אַריינרעדונגען פון עוועלין און בוירט.

„גייט באַרואיקט אייער נאָנטסטע פריינדין," האָט ער געזאָגט, אָננעמענדיק זיין הוט און מאַנטל. „זי וועט, דאַכט זיך, באַלד אָנהייבן צו ברעכן זאַכן."

אין קעטרין האָט אויפגעקאָכט אַ כעס. זי האָט געוואָלט אויפהייבן אויף אים די האַנט.

„אַ גוטע נאַכט," האָט ער קורץ אַרויסגערעדט און געווענדט זיך צו דער טיר.

זי האָט באַזיגט דעם כעס. איר ברוסט האָט זיך געהויבן, אירע באַקן האָבן זיך צוברענט, אויף די ליפּן האָט זיך צולייגט אַ פאַרעכטלעכער שמייכל. די אויפגעהויבענע האַנט האָט זיך פאַרקערט און אָנגערירט אַ שפּילקע אין דעם שפּאַנישן טוך. דאָס טוך איז אַראָפּגעפאַלן. זי איז געבליבן שטיין נאַקעט.

„אַרנאָלד!"

אומזיסט. ער האָט זיך נישט אומגעקוקט. ער איז אַרויס.

זי האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פוס. ווען זי וואָלט געווען אָנגעטאָן, וואָלט זי אים נאָכגעלאָפן און נאָכגעוואָרפן אַ העסלעך וואָרט. זי האָט מיט כעס אויפגעהויבן דאָס טוך, אַריבערגעוואָרפן עס איבער זיך, און ווילד אַוועק אין זאָל. זי וועט דאָראָטין אויסקראַצן די אויגן.

זי האָט אַזוי געטאָן. דאָס הויז פון די שופּראָס האָט נאָך קיינמאָל נישט דורכגעלעבט אַזאַ נאַכט.

## XIII

אַרנאָלד האָט נישט געפונען זיין שאָפער פאַר דער טיר, אַרומגעקוקט זיך אין דער שלאָפנדיקער גאַס, ווי עס איז נישט געווען קיין סימן פון אַן אויטאָמאָביל, געוווּנדערט זיך, וואָס קאָן עס זיין מיט זיין שאָפער, און איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט אים דאָ נישט געפונען.

גיין איז גליכער. ווּהין יואָלט ער מיט אים געפאָרן? ער וועט איצטער נישט קאָנען אַריבערטראָגן די געזעלשאַפט פון מענטשן, און ער וואָלט נישט געקאָנט פאָרן אַהיים. ער וואָלט זיך געשעמט פאַר זיינע פיר ווענט. ער וואָלט זיי באַליידיקט. ער וואָלט פאַראומרייניקט די נאָנטקייט פון זיין מוטער. ער מוז זיך אויסלופטערן. עס איז אים אַפילו אויפגעפאַלן, אַז ער וועט זיך אַריינכאַפן אין אַ טערקישער באָד. דערווייל אָבער וועט ער גיין, גיין.

גאָט! ווי איז ער דאָס געווען? וואָס איז מיט אים געווען? אויף אַזאַ בלאָטע האָט ער זיך נישט גערעכט.

פאַרוואָס איז ער געפאָרן צו קעטרין? וואָס האָט ער געוואָלט? וואָס האָט ער דערוואַרט? ווייל ער חתונה האָבן מיט קעטרין? עס האָט אים אַ שווידער געטאָן. וואָס־זשע איז ער געפאָרן צו איר? דאָס געפיל פון עקל צו זיך אַליין, וואָס ער האָט שוין איינמאָל איבערגעלעבט, איז אים ווידער באַפאַלן. ער איז נישט בעסער ווי קיינער פון די, מיט וועלכע ער האָט פאַרבראַכט דעם אָוונט. וואָס טיילט אים אָפּ פון ראַדזשערס און ליסאָו און אַלעקס

שטיין? האָט ער נישט צוגעבראַכט דעם טאָג אין אויסמאָלן זיך זאַכן, וועלכע זיי האָבן זיך מסתמא אויך אויסגעמאָלט? און אפשר האָבן זיי זיך גאָרנישט אויסגעמאָלט... זיי זיינען געפאָרן צו די שופראס אָן האַרץ־קלאַפּן... ער איז נאָך ערגער פאַר זיי. יאָ, ער האָט זיך אַליין נישט געקענט.

ער האָט זיך אין יענער נאַכט, נאָך דער אויטאָמאָביל־איבער־לעבונג מיט קעטרין, געפרעגט: וווּהין קאָן ער נאָך קומען? ער האָט עס נישט געוווּסט. איצטער ווייס ער. ער האָט נישט קיין הערשאַפט איבער זיך אַליין. זיין באַשלוס נישט צו טרעפן זיך מיט קעטרין איז צוקראָכן געוואָרן ביים ערשטן קלאַנג פון איר שטימע אין טעלעפאָן. די באַגעגעניש מיט אידעען־מענטשן האָט אים נישט געבראַכט צו זיך. ער האָט זיי אפילו פאַרלאַכט אין זיין האַרצן. וווּהין קאָן ער נאָך קומען? עס איז נישטאָ קיין אָפּ־שטעל.

איז נישטאָ קיין אָפּשטעל? אָט האָט ער זיך דאָך אָפּגע־שטעלט. אויסגעניכטערט זיך מיטאַמאָל און איז אַנטלאָפן. האָט ער דאָך ווילנס־קראַפט. קאָן ער זיך דאָך באַהערשן, און זי איז דאָך געווען הערלעך, ווען זי האָט צו אים אַפּעלירט, ווען זי האָט אים געבעטן נעמען זי מיט זיך. הערלעך, שיין און קלוג. זי האָט אַלץ געזען, וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען. זי האָט געלייענט אין זיין נשמה מיט דער דורכדרינגלעכקייט פון אַ העלזעערין, פון אַ מענטשנקענערין.

וואָס פאַר אַ סיורפּריז האָט זי געהאַט פאַר אים? זי האָט אים געוואָלט האָבן ביי זיך אין צימער...

אַרנאָלד האָט זיך דערשראָקן צו גיין ווייטער אין דער ריכ־טונג פון דידאָזיקע געדאַנקען.

„אָט איז עס!” האָט ער צו זיך געזאָגט, און איבער זיין קערפּער זיינען דורכגעלאָפן הייסע שפּילקעס. ווען ער גייט ווייַ־טער אין דערדאָזיקער ריכטונג, וועט ער באַלד ווידער ברענען וועט ער חרטה האָבן, פאַרוואָס ער האָט זיך „אָפּגעשטעלט” און אויסגעניכטערט. וועט אים פאַרדריסן, פאַרוואָס ער איז נישט גע־בליבן מיט איר...

דער סם איז דאָ אין אים. ער מוז מיט אים קעמפן. דער

סם, וועלכן ער האָט אין זיך גאַרנישט חושד געווען. פונוואַנען האָט ער זיך אין אים גענומען? זיכער, פון נישט האָבן וואָס צו טאָן מיט זיך. פון דער פוסטקייט פון דעם לעבן.

אומזין! דאָס איז נישט די דערקלערונג. מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט וואָס צו טאָן מיט זיך, וועלכע זיינען אויסגעפילט געווען מיט די קאַמפן פון לעבן, האָבן אויך געהאַט דעם סם אין זיך. אין דער באַציאונג צו דער פרוי זיינען זיי געווען שוואַך. גרויסע מענטשן, פירנדיקע גייסטער, לערער, נביאים — און פאַרלאָרן אין דער פרוי, דורך דער פרוי. אַ סך פון זיי האָבן זיך דערקלערט אַזוי גרויס, אַז זיי מעגן זיך אַלץ דערלויבן. אַנדערע האָבן געמוזט באַשאַפן דעם שטן און יצר־הרע, אום צו האָבן אַ דערקלערונג פאַר זייער פאַלן.

אַלע מענער זיינען זיך אין דעם פּרט גלייך, האָט ער ווייטער געטראַכט. די העכסטע און די נידעריקסטע, אין אַלע שטעלונגען פון לעבן, דער פּימפּ און דער פּריסט. אויך עלטער שיצט נישט.

די מענטשהייט האָט דאָ אויפגענומען אַ קאַמף מיט אַן אינסטינקט, וועלכער איז שטאַרקער פאַר אירע מיטלען צו באַקעמפן אים. וואָס וואָלט זי דערגרייכט, ווען זי וואָלט אויפגענומען אַ קאַמף קעגן הונגער, דורשט, שלאָף?

ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיינע געדאַנקען. ווו איז זייער קאָנסעקווענץ? זיי פירן ערגעץ אין ווייטן הפקר אריין. דער מאָראַליסט איז וואַך געוואָרן אין אים. ער האָט אַראָפּגעשלעפּט זיינע געדאַנקען פון דער רעוואָלוציאָנערער הויך, אויף וועלכער זיי האָבן זיך פאַרשטיגן. ער האָט זיי פרום דערמאָנט דאָס חתונה האָבן. צוליב וואָס האָט די מענטשלעכע געזעלשאַפט איינגעפירט חתונה? דאָס איז דאָך דער זין פון חתונה האָבן: ביזטו הונגעריק, האָב דיר דיין אייגן ברויט, נעם נישט, וואָס באַלאַנגט נישט צו דיר.

ער האָט זיך צולאַכט.

פוי, וואָס פאַר אַ פילאָזאָף ער איז געוואָרן! ווער האָט געקאָנט גלויבן, אַז די שופראַשע אַטמאָספערע וועט אים אַזוי פילאָזאָפיש דערהייבן?

אָבער ער האָט נישט געלאָזן מער זיינע געדאַנקען קלעטערן אין קאָפּ־שווינדלענדיקע הויכן. ער האָט זיך געפילט מער אָדער ווייניקער בארואיקט. אויסגעלופטערט, אָפּגערייניקט. דאָס עקל־געפיל האָט אָפּגעלאָזן. מער אָדער ווייניקער. ווייל ווען ער האָט זיך גוט צוגעהערט צו דעם, וואָס עס קומט אין אים פאָר, האָט ער נאָך געפונען דאָרטן אַ קראַצן אויף דער נשמה.

אַ טיר פון אַ פּריוואַט־הויז האָט זיך אויפגעעפנט, און צוויי פרויען, איינגעוויקלט אין שווערע ווינטער־מאַנטלען, זיינען אַרויס. ווען זיי זיינען אַראָפּ פון די מיט ברעטער באַדעקטע שטיינערנע טרעפּ, האָט ער זיך אויסגעגלייכט מיט זיי. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן; זיי האָבן אויפגעהויבן די אויגן, און אַלע דריי האָבן אויסגערופן „אָ!" און זיך באַגריסט. דאָס זיינען געווען טערעזע קעלערמאַן און איר מוטער.

„דאָס איז אָבער גרויסאַרטיק!" האָט אויסגערופן מרס. קעלערמאַן. „איצטער וועלן מיר האָבן אַ באַגלייטער. איר וועט דאָך אונז באַגלייטן, מר. לעווענבערג? נאָר זעקס קוואַרטאַלן."

„איך באַדויער, וואָס עס איז נאָר זעקס."

דאָס האָט זיין געוויינלעכע העפלעכקייט אַרויפגעלייגט אים אויף דער צונג. אין דער אמתן אָבער האָט ער זיך געפילט פאַר־לעגן: זי ווייס דאָך געוויס, אַז ער האָט אַוועקגעפירט קעטרין פון רעסטאָראַן.

זי האָט עס טאַקע געוווּסט. אָבער זי האָט אויך געוווּסט, אַז מער האָט מען אים מיט איר נישט געזען און אַז קעטרין האָט זיך שוין נאָכגעפרעגט אויף אים. זי האָט באַשלאָסן מקרב צו זיין אים.

„אויב איך איז אַזוי אָנגענעם צו זיין מיט אונז, פאַרוואָס באַווייזט איר זיך נישט?"

ווען זי פרעגט עס, ווייל זי שלום מיט אים, איז זי אים מוחל דעם קעטרין־פאַרפאַל. דאָס האָט אים באַפרייט פון דער פאַרלעגנהייט.

„איך האָב נישט געוווּסט, אַז איר ווילט מיך אָפט זען," האָט ער געענטפערט מיט אַ פרייען געמיט.

„קומט מען און מען געפינט אויס."

„איך גיי אויף נימער זיכער."

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף טערעזען. עס איז געווען פינ־סטער, און זי האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן. ביי דער ערשטער גאַס־לאָמפּ וועט ער ווידער אַ קוק טאָן אויף איר. זי מוז געווים זיין ברוגז.

זיי זיינען געגאַנגען לאַנגזאַם, נישט געאײַלט, ער צווישן מוטער און טאָכטער. ביים איבערגיין גאַסן פלעגט ער זיי אָננע־מען פאַר די אָרעמס. ער האָט געמערקט, אַז טערעזען איז עס אומ־אָנגענעם. אין אַ קוים באַמערקבארער באַוועגונג פון איר אָרעם איז געלעגן ווידערווילן, אָפּטרייסלונג.

מרס. קעלערמאַן האָט אים דערציילט, אַז דאָס זיינען זיי גע־וועזן צו באַזוך ביי איר מוטער. מר. קעלערמאַן איז נישטאָ אין שטאָט. אויך ענדריו איז פאַררייזט. מיט זייער אויטאָ האָט זיך עפּעס געמאַכט. אָבער זיי וווינען דאָך נאָנט, און דאָס וועטער איז אַזוי שיין.

זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי אַ גאַס־לאָמפּ. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף טערעזען. זי איז געווען פאַרפלאָמט. גאַנץ פּרעכטיק אין איר שיינקייט. עס איז אים אָנגענעם געווען צו קוקן אויף איר. זי האָט אויך אַ קוק געטאָן אויף אים. ווי נישט געוואָלט. אַ שנעלער קוק. אָבער זייערע אויגן האָבן זיך געטראָפן.

איצטער האָט ער איבערגעחזרט מיט מער איבערצייגונג, אַז ער האַלט די נאָנטקייט פון זייער וווינונג גאָרנישט פאַר קיין מעלה.

ער האָט דערקלערט, אַז ער האָט דערפילט פּלוצלונג אַ גרויסע נויטווענדיקייט אין אַ לאַנגן שפּאַציר־גאַנג און אָנגענומען זיך מיט לופט. ער איז שוין אַ סך געגאַנגען, אָבער ער וויל נאָך מער גיין. זיינען זיי אויפגעלייגט צו גיין?

מרס. קעלערמאַן האָט אַריבערגעוואָרפן אַ בליק צו טערע־זען. טערעזע האָט געקוקט גלייך פאַר זיך. די מוטער האָט עס אויסגעטייטשט, אַז די טאָכטער לאָזט עס איבער צו איר.

„ווועלן מיר אַרויפגיין אויף דער פינפטער עוועניו," האָט זי געזאָגט.

זיי האָבן פאַרקערט צו דער פינפטער עוועניו, אָבער אַרנאָלד האָט זיך פּלוצלונג דערשראָקן, וואָס זיי האָבן אָנגענומען זיין

איינלאַדונג. מאָרגן וועלן זיי זיך געווים דערוויסן, אַז ער איז גע־וועזן בײַ די שופּראַס. דאָס וועט זײַן אַ קלאַפּ פאַר זיי.

„פאַרוואָס שווײַגט איר, אַז מיר האָבן אָנגענומען אײַער איינ־לאַדונג?" האָט מרס. קעלערמאַן געזאָגט.

„איך האָב זיך פאַרטראַכט איבער דעם, וואָס מיס קעלער־מאַן האָט מיר נאָך קיין וואָרט נישט געזאָגט."

„און איר מיר?" איז אַרויסגעקומען קורץ און שאַרף פון צווישן טערעזעס ליפּן.

„איך בעט אום פאַרצײַיאונג! אָבער דאָס זײַנען די ערשטע דרײַ ווערטער, וועלכע איר האָט איבערהויפּט אַרויסגערעדט."

„די באַגריסונג רעכנט איר נישט?"

„איר זייט גערעכט, אָבער דאָס זײַנען אַלץ נאָך געציילטע ווערטער."

„דער שפּאַציר האָט זיך דאָך ערשט אָנגעהויבן."

„איצטער בין איך צופרידן."

זיי זײַנען אַריבערגעגאַנגען אַ גאַס. ער האָט זיי ווידער אָנ־גענומען בײַ די אָרעמס. טערעזעס אָרעם איז געווען ווייניקער ווידערווילִיק. בײַ אַ גאַס־לאָמפּ האָבן זיך זייערע בליקן ווידער אָנ־געטראָפן.

ער איז אויפגעלעבט געוואָרן, האָט דערקלערט, אַז אַלע גע־שפּרעכן זײַנען דערלויבט, נאָר נישט וועגן דער מלחמה, און גלײַך געכאַפּט זיך, אַז ער האָט נישט וועגן וואָס צו רעדן. אים איז אָבער באַלד אײַנגעפאַלן צו פאַרכאַפּן זיי דעם וועג וועגן זײַן באַ־זוך בײַ די שופּראַס.

„איך בין צופעליק הײַנט אין אָוונט געוועזן אין אַ הויז, וועגן וועלכן איך האָב זיך אַ סך שלעכטס אָנגעהערט. איך מוז זאָגן, אַז איך האָב זיך קיינמאָל גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן אַזויפיל פאַרדאָרבנקייט."

„גיט עס נאָך פאַרדאָרבענערע הײַזער, ווי די שופּראַס?" האָט טערעזע אַרויסגערעדט. זי האָט עס געזאָגט אַזוי, אַז מען האָט נישט געקאָנט וויסן, צי האָט זי געטראָפן, אַז ער איז געווען בײַ די שופּראַס, אָדער זי האָט טאַקע געוואָלט בלויז וויסן, צי

האָט דאָס הויז, ווו ער איז געוועזן, געקאָנט זיין פאַרדאָרבענער פאַר די שופּראָס.

ער האָט באַוואונדערט איר געשיקטקייט און גאָרנישט גע־ענטפערט. אָבער מרס. קעלערמאַן האָט זיך אריינגעמישט:

„וואָס'טו פלוצלונג אריינגעבראַכט די שופּראָס?"

„אָ, ווען מען רעדט פון אַ צופּוילטן נעסט, מוז מען דער־מאָנען די שופּראָס."

„זעסטו, און מר. לעווענבערג איז טאַקטפולער פאַר דיר און האָט קיין נעמען נישט אָנגערופן."

„מיינסטו, אַז דאָס איז ריכטיק פון אים, וואָס ער לאָזט מיך טרעפן?"

ארנאָלד האָט אויפגעלאַכט.

„איך מוז ווידער בעטן אום אַנטשולדיקונג. איך בין אָבער אַזוי פול פון דעם איינדרוק, וועלכן איך האָב ארויסגעטראָגן, אַז איך האָב געמוזט רעדן. איך גיב צו, אַז די טעמע איז פּונקט אַזוי שלעכט, ווי די מלחמה, און איך זעץ נישט פאָרט."

„איצטער זייט איר אין אונזערע הענט. איר האָט ארויפגע־בראַכט אַ טעמע, פאַראינטערעסירט אונז, און מיר קאָנען פאָדערן די פאָרטזעצונג."

אים איז אָנגענעם געוועזן, וואָס טערעזע האָט אָנגעהויבן צו רעדן. ביים גאַס־איבערגאַנג האָט ער מיט אַ באַזונדער אָנ־דריקן איר אָרעם געגעבן איר צו פילן זיין צופרידנקייט. אָבער ער האָט געזאָגט מיט אַ זייער ערנסטן טאָן:

„מיך פאַרדריסט, וואָס איך האָב אָנגעהויבן. איך וועל ווירקלעך נישט קאָנען דערציילן, וואָס איך האָב געזען. אָבער מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך באַזוכט אַן אַנדער קרייז, און פון אים וואָלט איך אייך זייער גערן געוואָלט דערציילן."

און ער האָט זיי אָנגעהויבן צו דערציילן פון דעם באַנקעט, וועלכן ער האָט באַזוכט.

די קעלערמאַנס זיינען קיינמאָל נישט געקומען אין באַרי־רונג מיט די מזרח־יידן — מיט די יידן, וועלכע זיינען געקומען פון מזרח־אייראָפּע און האָבן זיך באַזעצט אין דער מזרח־זייט פון ניו־יאָרק. האָבן זיי נישט געקענט און נישט געוואָלט קענען.

זיי האָבן געהאַט די פעסטע איבערצייגונג, אַז די מזרחער זיינען אַ נידעריקער סאָרט מענטש, מיט וועלכן מען קאָן נישט און מען טאָר נישט פאַרקערן — אַ מענטשן־סאָרט אָן קולטור און מיט שלעכטע זיטן. וועמעס גרעסטער פאַרברעך אָבער איז דאָס, וואָס ער לאָזט נישט פאַרגעסן, אַז עס זיינען פאַראַן יידן אויף דער וועלט — איז די גרעסטע שטערונג אין דעם פּראָצעס פון אַסימי־לאַציע. די פאַמיליע קעלערמאַן, פאָטער, מוטער, זון און טאָכטער, ווי זייער גאַנצע פאַמיליע און זייער גאַנצער קרייז, זיינען געווען פעסט איבערצייגט, אַז זיי האָבן שוין לאַנג אויפגעהערט צו זיין יידן. אָדער, לכל־הפּחות, מיט דעם, וואָס זיי ווינען זייט עטלעכע דורות אין אַמעריקע, האָבן זיי אויפגעהערט צו זיין אַ טייל פון דעם יידישן גאַנצן, דעם יידישן כּלל, וואָס איז צושפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, און האָבן דערפאַר קיין שום שייכות נישט מיט די יידן פון מזרח־אייראָפּע. קומען אָט דידאָזיקע יידן פון מזרח־אייראָפּע, בינדן זיי אָן קרובהשאַפט, פאָדערן פון זיי הילף אין זייערע נויטן אין נאָמען פון דערדאָזיקער קרובהשאַפט און רעדן פון אַ יידישן כּלל, אַ יידישן פאָלק. דאָס האָט ארויסגערופן ביי די קעלערמאַנס אַ הייסן פּראָטעסט, וועלכער איז אריין אין האַס און פאַראַכטונג. זיי האָבן זיך דערפאַר קיינמאָל נישט צו־געהערט צו די הילפס־געשרייען פון די יידן אין מזרח־אייראָפּע און קיינמאָל נישט אָפּגערופן זיך אויף זיי. ווען מר. קעלערמאַן האָט איינמאָל געמוזט עפּעס געבן אויף אַ הילף־אויפרוף פון די רוסישע יידן, ווייל ער איז געצוווּנגען געווען דערצו דורך זיינע באַציאונגען צו דעם הויך־שטייענדיקן ייד, וועלכער האָט זיך צו אים געווענדט נאָך אַ נדבה, האָט ער געגעבן אַזוי ווייניק, אַז די נדבה איז געווען אַ גרעסערע באַליידיקונג, ווי אַן אָפּזאָג. און גלייך דערויף האָט ער געגעבן אַ זייער גרויסע נדבה אויף אַ נישט־יידישער זאַך, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרווישן די זינד פון זיין יידישער נדבה. דער אָרעמער! די יידישע צייטונגען האָבן אויס־גענוצט זיין נישט־יידישע גאָב פאַר יידישער פּראָפּאַגאַנדע. די פאַמיליע קעלערמאַן איז טאַקע געווען זייער אויפגערעגט איבער דעם.

ווען ארנאָלד האָט אָנגעהויבן צו רעדן צו זיי וועגן די יידן

פון דער מזרח־זייט, האָבן זיך מוטער און טאָכטער פאַרקרימט. בעסער וואָלט ער שוין גערעדט וועגן דער פאַרדאַרבנקייט פון דער פאַמיליע, וועלכע געהערט געוויס צו זייער קרייז. און געוויס אַ סך בעסער אַ געשפּרעך וועגן דער מלחמה. אָבער ווערדליק מרס. קעלערמאַן האָט גערולדיק געשוויגן, האָט טערעזע נישט אויסגעהאַלטן. זי האָט געפילט אַ פיזישן שמערץ אין די אויערן, אירע נערוון זיינען אויפגערודערט געוואָרן. זי האָט אים געמוזט איבעררייסן.

„אויף מאָדנע וועגן זייט איר אַוועק, מר. לעווענבערג. איסט־סייד־יידן, אַ פאַרדאָרבענע פאַמיליע...‟

„ווי קאָנט איר אין איין אָטעם?‟

„דאָס האָט איר דאָך אין איין אָטעם...‟

„איך וועל מוזן בעטן אום אַנטשולדיקונג ביי מיינע נייע פריינט אויף דער איסט־סייד...‟

„איר בעט היינט איבערהויפּט אַ סך אום אַנטשולדיקונג...‟

„אָבער, טערעזע!‟

מרס. קעלערמאַן האָט עס אַרויסגעשריען מיט פאָרוואורף און שרעק. טערעזע האָט ווייטער גערעדט:

„דערלויבט מיר אויך איינמאָל בעטן אום אַנטשולדיקונג פאַר איבעררייסן אייך אין אייער באַגייסטערונג. אָבער אויב איר ווילט בלייבן פריינט מיט מיר...‟

„געוויס וויל איך עס.‟

„וועלן מיר רעדן וועגן עפּעס אַנדערש.‟

„אין נאָמען פון מיין פריינטשאַפט צו אייך...‟

„וועט איר מוזן פאַרראַטן און פאַרגעסן אייערע נייע פריינט אויף דער איסט־סייד.‟

ער האָט אויפגעציטערט פון די ווערטער. עס שמעקט טאַקע מיט פאַרראַט, ווען ער נעמט זיך נישט אָן פאַר זיי. אָבער פאַרוואָס האָט זי עס געזאָגט? פאַרוואָס האָט זי געברויכט דידאָזיקע שאַרפע ווערטער? זי האָט זיי מיט אַ כיוון געברויכט. זי האָט געהאַט אַ מיין דערביי. ביים שיין פון אַ גאַס־לאָמפּ האָט ער זי אָנגעקוקט. זי האָט אים אויך אָנגעקוקט. שטאָלץ, זעלבסטבאַוווּסט, מיט אַן אי־בערלייגענעם, קוים באַמערקבאַרן שמייכל.

ער האָט פאַרשטאַנען.

די מיידל וויל אים נאָנט זיין, אָבער זי וויל אַ קרבן פון אים. ווייל ער איר פריינטשאַפט, מוז ער זיך דערקלערן אונטער־טעניק, אָפּזאָגן זיך פון געוווינהייטן, אויפגיין גאַנץ אין איר קרייז, אַפילו דורך באַגיין אַ פאַרראַט.

„וואָס זאָגט איר צו מיין באַדינגונג?" האָט זי איבערגע־ריסן דאָס לענגערע שווייגן.

„דער מאָרגן איז קליגער, ווי דער אָוונט, זאָגט אַ ווערטל."

„טאָ באַגלייט אונז איצטער אַהיים — מיר זיינען נאָנט— און גייט און שלאָפט זיך אויס..."

„אָבער, טערעזע!" האָט ווידער אויסגערופן מרס. קעלער־מאַן. „ווי רעדסטו דאָס עפּעס?"

„אָ, מר. לעווענבערג וועט אויף מיר קיין פּאַראיבל נישט האָבן. איך רעד צו דער זאַך. איך גיב אים אַ גוטע עצה."

ביים גאַס־איבערגאַנג האָט זי ווידער ווידערווילּיק אויפגע־צוקט, ווען ער האָט אָנגערירט איר אָרעם. זי האָט אַפילו באַפרייט איר אָרעם.

„דאַרפסט אליין שוין גיין שלאָפן," האָט מרס. קעלערמאַן געזאָגט.

„דאָס גיי איך טאַקע טאָן, און מיר וועלן אויפשטיין קליי־גער — נישט אַזוי, מר. לעווענבערג?"

„דאָס טראַכט איך טאַקע: וועט מיך דער מאָרגן קליגער מאַכן?"

„ביי אונזער נעכסטן צוזאַמענטרעף — אָט אַזוי ווידער, צו־פעליק, שפּעט אין אַן אָוונט, ווען איר וועט קומען פון..."

„אָבער, טערעזע, וואָס רעדסטו? פאַרוואָס עפּעס צופעליק?" האָט מרס. קעלערמאַן פּראָטעסטירט.

„...וועט איר מיר זאָגן, ווי דער מאָרגן האָט אויף אייך גע־ווירקט."

„באַזוכט אונז, מר. לעווענבערג," האָט מרס. קעלערמאַן גערעדט אירס. „צו יעדער צייט אַן אָנגענעמער גאַסט. פאַרוואָס עפּעס גאָר צופעליק?"

די יונגע האָבן איצטער געהאַט זייער לשון, וועלכן מרס.

קעלערמאַן האָט נישט פאַרשטאַנען. עס איז איר געווען, ווי זי האָט עפּעס דורכגעלאָזן אין דעם געשפּרעך. פאַרהערט עפּעס. דערפאַר מסתמא האָט זי נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווען אַרנאָלד האָט געזאָגט:

„איך וועל עס אייך זאָגן, מיס קעלערמאַן. נאָר מיר דוכט, אַז איך ווייס עס שוין איצטער.“

„און וואָס האָט איר צו זאָגן?“

„איך וועל באַשטרעבן זיך קיינמאָל נישט צו פאַרראַטן.“

„דעמדאָזיקן ענטפער וועל איך טאַקע דאַרפן איבערשלאָפן.“

„וואָס רעדט איר ביידע?“ האָט מרס. קעלערמאַן דערשטוינט געפרעגט. „איך הייב אייך נישט אָן צו פאַרשטיין.“

זיי זיינען צוגעקומען צו זייער הויז. מרס. קעלערמאַן האָט איבערגעחזרט איר איינלאַדונג. זי האָט אַפילו געזאָגט, אַז ווען זי וואָלט נישט געוווּסט, אַז דאָס גאַנצע הויז שלאָפט שוין, וואָלט זי אים איינגעלאַדן אַרויפצוקומען. עס איז ווירקלעך שיין געווען, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעטראָפן און — הארציקן דאַנק פאַר דעם וווּנדערבאַרן שפּאַציר.

ביים צושיידן זיך האָט טערעזע צוגעטראָגן אים איר געזיכט גאַנץ נאָענט, ווי ער זאָל בעסער זען, ווי שיין זי איז. אָבער איר האַנט־דרוק איז געווען קאַלט. „אַ גוטע נאַכט!“ און אַפילו נישט אומגעקוקט זיך.

נאָר מרס. קעלערמאַן האָט זיך אויבן ביי דער טיר אומגע־ווענדט און צוגערופן נאָכאַמאָל אַ גוטע נאַכט און אָנגעזאָגט, ער זאָל נישט פאַרגעסן צו קומען.

אַרנאָלד איז געשטאַנען אונטן, ביי די טרעפּ, ביז מוטער און טאָכטער זיינען פאַרשוווּנדן הינטער די טירן. ער האָט נאָכגע־קוקט טערעזען, ווי זי איז אַרויפגעגאַנגען די צען טרעפּ. די פינ־סטערניש פון דער נאַכט האָט אים נישט געשטערט צו זען, ווי שיין עס זיינען די באַוועגונגען פון איר יוגנטלעכן קערפּער. ווי שטאָלץ זי טראָגט איצטער דעם קאָפּ! דאָס איז אַן אַרויסרוף אים. זי האָט זיך נישט אומגעקוקט. נאַטירלעך, ער האָט עס דערוואַרט, און אַ צופרידענער האָט ער זיך געווענדט צו גיין אַהיים.

אַ ליידיקע טאַקסי איז פאַרבייגעפאָרן. ער האָט זי אָפּגע־

שטעלט און געלאָזן זיך פירן אהיים. ער איז געוועזן מיד. דער קאָפּ האָט מער נישט געאַרבעט. אָבער עפּעס אין אים איז געוועזן צו־פרידן. עס איז געוועזן גוט, וואָס ער האָט באַגעגנט טערעזען. זי איז געוועזן אַ דערפרישונג נאָך דעם בייזן חלום ביי קעטרין.

זי איז, דאַכט זיך, שענער געוואָרן. און זי איז קלוג. ער וועט זי טאַקע דאַרפן באַזוכן. וועט ער פאַרראַטן זיינע נייע פריינט? — פריינט? עס רעדט זיך אַזוי. מיס מאַנקאָף... יאָ, מיס מאַנקאָף... וואָס מיס מאַנקאָף?

די טאַקסי האָט אים געבראַכט אהיים. אַריינגייענדיק צו זיך אין צימער, האָט ער געוואָלט דערמאָנען זיך, וועגן וואָס ער האָט געטראַכט. ער האָט זיך דערמאָנט אויף טערעזעס געזיכט, וואָס האָט זיך אַזוי דערנענטערט צו אים פון דער פינסטערניש אַרויס. און גלייך האָט ער דערזען קעטרין און איר געזעלשאַפט. ניין, נישט טראַכטן וועגן דעם. בעסער וועגן גאָרנישט טראַכטן. וואָס איז געוועזן היינט אין די צייטונגען? וואָס טוט זיך דאָרטן אויף די שלאַכטפעלדער און די שנייען פון פראַנקרייך און רוסלאַנד? ווי האַלט אַמעריקע?

ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט און איז באַלד איינ־געשלאָפן. — —

און מרס. קעלערמאַן, אַריינקומענדיק אין הויז, האָט געפונען פאַר נויטיק אויסצומוסרן די טאָכטער.

„ווי'סטו זיך עפּעס געהאַלטן? אַזוי שטייף, אַזוי קריגעריש..."

„מאַמע," איז אַרויסגעקומען פון טערעזעס ליפּן פעסט און זיכער. „איך האָב זיך גוט געהאַלטן."

„דאָס רופסטו „גוט געהאַלטן"? מיט אַזאַ האַלטונג פאַרטרייבט מען פון זיך..."

„אָדער בינדט מען צו זיך צו..."

„מיין קינד, דו ביזט נאַריש."

„מאַמע, דו פאַרשטייסט נישט."

„זאָל זיין אַזוי."

זי האָט אַ קוש געטאָן די טאָכטער, געזאָגט איר אַ גוטע נאַכט און אַוועק צו זיך אין צימער. יעדע מיידל האָט זיך איר

וועג, האָט זי געטראַכט. אָבער זי איז געוועזן זיכער, אַז טערעזעס וועג איז קיין וועג נישט. זי און איר מאַן האָבן זיך אָנגעהויבן צוצוגעוווינען צום געדאַנק, אַז זייער טערעזע וועט זיך מיט זיי עלטערן.

אָבער טערעזע איז געוועזן זייער צופרידן מיט זיך. אויב זי האָט ווען עס איז קלוג געהאַנדלט און קלוג געפירט אַ געשפּרעך איז עס היינט. קעטרין וואָלט נישט בעסער. און ער איז דאָך געוועזן ביי קעטרין. אינטערעסאַנט, וואָס דאָרטן איז פאָרגעקומען... זי איז געלעגן אַ היפּשע ווײַלע אָן שלאָף, און אירע געדאַנקען זיינען געוועזן זיס און אָנגענעם. זי האָט געזען ארנאָלדן ליגן ביי אירע פיס. — —

און אין דער אייגענער צייט איז קעטרין געלעגן אויבן, ביי זיך אויף די טרעפּ, אַ צובלוטיקטע, אַ צוקראַצטע, אַ צושלאָגענע. דאָס שפּאַנישע טוך האָט נאָר טיילווייז זי צוגעדעקט. זי איז געלעגן אויף די טרעפּ, נישט ווייל זי האָט נישט געקאָנט ווייטער גיין, נאָר ווייל זי האָט נישט געוואָלט. זי האָט געוואָלט בעסער דאָ ליגן — עמעצן אויף צו להכעיס. זי האָט נישט געוויינט. קעטרין האָט קיינמאָל נישט געוויינט. אונטער דעם גרעסטן ווייטאָג — טרערן האָבן קיינמאָל נישט פאַרמיאוסט איר געזיכט. זי האָט נאָר שווערער געאָטעמט, און אירע אויגן האָבן געברענט מיט אַ טרוקענעם פייער. און זי איז נאָך שענער געוועזן — און שרעקלעכער אין איר שיינקייט.

זי איז געלעגן און געסקריעט מיט די ציינער. געקראַצט דעם טעפּיך־לויפער אויף די טרעפּ, אָפט געמאַכט פויסטן און געשאָקלט זיי קעגן עמעצן און געברענט מיט די אויגן די האַלב־פינסטער ניש.

זי האָט זיך נישט געקאָנט באַרויקן איבער דער גרויסער באַליידיקונג פון דער נאַכט. נישט, אַז עמעצער האָט זי באַליידיקט, נאָר דאָס, וואָס עס האָט זיך נישט אויסגעלאָזן, ווי זי האָט געוואָלט. און ווען זי האָט פאַרגעסן דאָראָטין, וועלכע האָט איר דאָס געזיכט צוקראַצט, און טאַטע־מאַמע, האָט זי אַלץ נישט געקאָנט פאַרגעסן ארנאָלדן. אַנטלאָפן איז ער! אַנטלאָפן... אַנטלאָפן... אַנטלאָפן... זי האָט זיך עס געחזרט, צוגעבנדיק צו דעם באַליי־

דיקנדיקע ווערטער. נאָכדעם איז זי געשטאַנען, און ער האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט. אָ! זי האָט געסקריעט מיט די ציינער.

ערשט אַ סך שפּעטער איז איר איינגעפאַלן, אַז עס איז גוט. וואָס ער האָט זיך נישט אומגעקוקט. זיין מאָראַלישקייט וואָלט נאָך שטאַרקער פּראָטעסטירט. זי וועט דאַרפן וואַרטן אויף אַן אַנדער געלעגנהייט. די געלעגנהייט וועט קומען — וועט מוזן קומען — קומען וואָס שנעלער.

איר איז געוואָרן העל אין קאָפּ פון דעם געדאַנק, און באַ־רואיקונג איז געקומען איבער איר.

איצטער איז זי אויפגעשטאַנען פון די טרעפּ און אַוועק צו זיך אין בעט.

# דריטער טייל

# I

עס איז געשען! אמעריקע האָט דערקלערט דייטשלאַנד מלחמה. אמעריקע איז אריין אין דער מלחמה אויף דער זייט פון די אַליאירטע. דער פּרעזידענט, וועלכער איז אויסגעקליבן געוואָרן צום צווייטן מאָל, ווייל ער האָט דאָס לאַנד אָפּגעהאַלטן פון קריג, האָט אריינגעוואָרפן דאָס לאַנד אין קריג, ווען דער קלאַנג פון זיין איינפירונגס־רעדע איז נאָך נישט פארקלונגען. האָט אים דערצו געצוואונגען עפּעס א מאַכט הינטער דעם טראָן? האָט ער ווירקלעך געזען איצטער די גרויסע געלעגנהייט צו מאַכן די וועלט זיכער פאר דעמאָקראַטיע? דאָס איז געשיכטע. פּרעזידענט ווילסאָן האָט געפונען אין זיין רייכן וואָרט־שאַץ די שענסטע ווערטער, די אי־דעאַלסטע פראַזן. די צייטונגען, מלחמה־שיכור, האָבן זיינע ווער־טער פּאַנאַנדערגעשמירט אויף טעלערלעך. און די, וועמעס גע־שעפט עס איז געווען, האָבן זיי אויפגעכאַפּט און איבערגעחזרט פּאַפּוגאַי־מעסיק, אָפט נישט פארשטייענדיק דעם גרויסן זין פון די ווערטער, שטענדיק אוועקטויטנדיק די נשמה פון זיי. אויפן לאַנד האָט זיך אַראָפּגעלאָזן א שווערער וואָלקן. די זון איז פאר־צויגן געוואָרן אויף לאַנגע, לאַנגע חדשים — א לאַנד אין מלחמה, א לאַנד, וואָס פירט איר יוגנט, איר בעסטע מאַנקראַפט צו דער שחיטה.

צוערשט האָט די מלחמה געוואָלט, אז די יוגנט זאָל זיך אַליין מקריב זיין. ווערטער זיינען געברויכט געוואָרן, וועלכע האָבן געדאַרפט אָנצינדן די יונגע, געזונטע מענטשן, זיי זאָלן זיך ציען

אין איין לאנגן שטראם: נעם אונז! אָבער ווי פייערדיק די וואר־מער זיינען נישט געוועזן, די יונגע, געזונטע מענטשן זיינען גע־בליבן קאַלט. נאָר די ווייניקע האָבן וואָלונטירט — נישט גענוג אויף צו באַפּעטן די ערד פון פראנקרייך מיט אמעריקאנער בלוט. דעמאָלט האָט די מלחמה אָנגעהויבן צו געברויכן געוואַלט. זי האָט איינגעפירט קאָנסקריפּציע, דינסט־פליכט, דינסט־מוז. וואָס קאַנאַ־דע און אויסטראַליע האָבן נישט געטאָן, האָט געטאָן אמעריקע. די יונגע מענטשן האָבן איצטער געמוזט גלויבן אין דער מלחמה. מען האָט זיי געזאָגט, אַז זיי גלויבן. מען האָט זיי געזאָגט, אַז זיי זיינען העלדן. אַנדערטהאַלבן יאָר פון משוגעת, פון צבועסטווע, פון טעגלעכן ליגן־זאָגן, פון צוועקלאָזער שחיטה — צוועקלאָז פאַר די, וועלכע זיינען געשאָכטן געוואָרן. וואָרום וואָס האָבן זיי גע־האָט דערפון, וואָס אומצייליקע מלחמה־הענדלער זיינען זייער רייך געוואָרן? —

דאָס און נאָך ביטערער זיינען געוועזן די געדאַנקען פון אַרנאָלד לעווענבערג פאַר דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה.

די מלחמה האָט דערנידעריקט דאָס לאַנד, זיין פאָטער־לאַנד, וואָס ער האָט אַזוי געליבט. זי איז אַרויף אויף אַ פאַלשן וועג. זי האָט זיך אַריינגעמישט אין אַ מלחמה פון בלוטיקע קאָנ־קורענטן, וועלכע שלאָגן זיך פאַר מערק, פאַר קאָלאָניעס, פאַר אויסשפּרייטונג פון זייער האַנדל, פאַר אַן אויבערהאַנט. די פירער פון דעם לאַנד ווייסן צו גוט די אורזאַכן פון דער מלחמה. אָבער זיי האָבן אויפגענומען דעם שיינעם ליגן, מיט וועלכן מען האָט אין אייראָפּע צוגעדעקט די העסלעכע אורזאַכן, און פאַרשפּרייט אים אויך איבער זייער אייגענעם לאַנד. דאָס איז געוועזן באַליי־דיקנדיק פאַר אַמעריקע — פאַר איר פאַרגאַנגענהייט, וועלכע האָט אַזוי געשיינט אונטער דעם הערלעכן ליכט פון דער אומאָפּהענ־גיקייטס־דערקלערונג, און פאַר איר צוקונפט, וועלכע האָט גע־דאַרפט ווערן אַ ביישפּיל פון אידעאַליזם פאַר אַלע לענדער און פעלקער.

אַרנאָלד האָט זיך געפילט באַליידיקט, געזען זיך קליין און נידעריק, ווייל ער האָט נישט געהאַט די קראַפט אָפּצושטעלן דאָס,

וואָס האָט אַזוי דערנידעריקט זיין לאַנד. און נאָכמער דערנידע־ריקט אים אַליין, אויפגעדעקט פאַר אים, וואָס פאַר אַ שוואַכ(ע)מענטש ער איז, ווי כאַראַקטערלאָז ער איז.

ער האָט אָנגעהויבן איינצוזען זיין שוואַכקייט און כאַראַק־טערלאָזיקייט אין זיינע באַציאונגען צו קעטרין. די מלחמה האָט עס אויפגעדעקט נאָך קלאָרער און דייטלעכער. דאָס לעבן האָט אים געשטעלט פאַר גרעסערע אויפגאַבן, און ער האָט דעם עקזאַ־מען נישט אויסגעהאַלטן.

אָבער ער איז דאָך געלייטערט געוואָרן. — — — —

## II

ארנאָלדס באַזוך ביי די שופראַס איז נישט געבליבן קיין סוד. גלייך אויף מאָרגן האָט שוין זיין מוטער פון דעם געוווּסט. די אַלטע דאַמע איז אַ פאַרציטערטע געבליבן. שיר נישט קראַנק געוואָרן. געמוזט אַוועקליינען זיך אין בעט פאַר אויפרעגונג. ווען אַרנאָלד איז געקומען אין אָוונט פון געשעפט, האָט זי אים נישט געלאָזן אַ קוש טאָן זי. ער האָט נישט געפרעגט, פאַרוואָס, און איז רויט געוואָרן.

„ווי אַזוי האָסטו דאָס געקאָנט?" האָט די אַלטע כמעט גע־וויינט. „ווי קומסטו?..."

ער האָט זי איבערגעריסן מיט אַ הייזעריקער, קראַצנדיקער שטימע:

„פרעג נישט. איך קאָן דיר נישט דערקלערן."

עס איז געוועזן פאַרשעמטקייט און ווייטאָג אין זיין שטי־מע. די אַלטע האָט מער נישט גערעדט, נאָר טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף איר פאַרבלאָנדזשעטן זון. אַן אומרואיקייט האָט זיך איינגעגעסט אין איר האַרץ, נישט פאַרלאָזן זי מער, כאָטש אין די קומענדיקע אָוונטן איז ער אָוונט נאָך אָוונט געבליבן אינ־דערהיים, אין ערגעץ נישט געגאַנגען. ווער ווייס, ווען עס וועט אים ווידער איינפאַלן אַוועקגיין צו א י ר?!

דאָך ער האָט זיך אַפילו געהיט צו טראַכטן וועגן א י ר. אַ פּאָר מאָל איז אים דורכגעלאָפן דער סיורפּריז, וועלכן זי האָט געהאַט פאַר אים. אַ רייצנדיקע נייגיריקייט, אַ הייסע אומרואיקייט

איז דורך זיין קערפּער, ווי אַן עלעקטרישער שטראָם. אָבער נאָר אויף אַ סעקונדע. באַלד האָט ער שוין געטראַכט וועגן עפּעס אַנדערש.

ער האָט ליב געהאַט אומצוקערן זיך אין זיינע געדאַנקען צו מעריאַן, צו אַלגאַן. ווען ער וואָלט געהאַט עפּעס אַן אויסרייד, וואָלט ער אויפגערופן מעריאַן, באַזוכט זי. גלאַט אָנזאָגן זיך: איך קום, איך קום, ווייל איך בענק נאָך דער נאָענטקייט פון אַ יונ־גער פרוי, ווייל איך וויל אָטעמען דעם אַראָמאַט פון אַ יונגער פרוי — דאָס קאָן ער זיך מיט דער ערנסטער מעריאַן נישט דער־קויבן. און זיכער נישט מיט מיס מאַנקאָף, וועלכע קען אים נאָך גאָרנישט. אויסער דעם — ער האָט זיך געשעמט פאַר מעריאַן. זי ווייס דאָך געוויס פון זיין באַזוך ביי די שופּראָס. עס וועלן אַ סך וואַסערן מוזן אַריבער, ביז ער וועט איר קאָנען קוקן אין די אויגן און נישט דענקען, אַז זי טראַכט איצטער, און געוויס מיט פאַראַכטונג, וועגן זיינע כלומרשט נאָענטע באַציאונגען צו די שופּראָס.

אויך טערעזען האָט ער נישט באַזוכט, כאָטש די איינלאַ־דונג פון מדם. קעלערמאַן איז געווען זייער הארציק. און כאָטש ער האָט נישט געדאַרפט דאַרטן שעמען זיך פאַר זיין שופּראָ־באַזוך. אויב זיי ווייסן פון אים, ווייסן זיי אויך, מיט וועלכע גע־פילן ער האָט די שופּראס פאַרלאָזן.

ער האָט טאַקע געהאַט חשק צו באַזוכן טערעזען. עס איז דאָך מערקווירדיק, וואָס ער האָט דווקא זי באַגעגנט נאָך דעם באַזוך ביי קעטרין. און די באַגעגעניש איז געווען אָנגענעם. אָבער ער האָט געדענקט איר שטאָלצן אַוועקגאַנג. און אַז ער וועט קומען, וועט זי ווייטער שפּילן די שטאָלצע, פאַררייסן הויך דעם קאָפּ, זיין קאַלט. זאָל זי וואַרטן. זאָל אַריבערגיין אַ שטיקל צייט. אַן אַלט שפּיל. און ער האָט געהאַלטן פאַר נויטיק דורכצומאַכן עס.

אָבער ווען ער האָט טערעזען שוין געלאָזן גענוג וואַרטן, האָט אויסגעבראָכן די מלחמה. ווייט אויפן האָריזאָנט אין מזרח, טיף פון די כוואַליעס פון דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן האָט זיך אויפגעהויבן דאָס פייער און צושפּרייט זיך רויט איבער די פאַר־אייניקטע שטאַטן. אַראָפּגעלאָזן זיך אויף די מענטשן, אַריין אין זיי,

אָנגעצונדן זיי. די אָט נישט לאַנג רואיקע בירגער, וועלכע האָבן מיט דאַנק געשטימט פאַר אַ שלום־פּרעזידענט, זיינען מיטאַמאָל געוואָרן שרייער און שטורמער, רופער נאָך מאָרד און בלוט. די אייביקע נייגונג צו שלעכטקייט און שנאה, וועלכע ליגט איינגע־צוימט אין דער מענטשלעכער בעסטיע מיט דעם כוח פון פאַר־שיידענע פראַזן וועגן מענטשן־ליבע, איז באַפרייט געוואָרן. מענטשן זיינען אָנגעפילט געוואָרן מיט פלאַמענדיקן האַס, וועלכן זיי האָבן מיט פאַרביסנקייט אַריבערגעטראָגן אַפילו אויף זייערע נאָנטסטע, אויב יענע האָבן נישט געברענט מיט דעם אַלגעמיינעם מאָרד־פייער. אַרנאָלד האָט אים באַלד פאַרשפּירט אויף זיך, אָט דעם גאַליקן האַס. ער האָט נישט געביטן זיין מיינונג, און דאָס איז געווען אַ טויטלעכער פאַרברעך. ער האָט זיך געצוואונגען צו שווייגן, געהאַלטן זיך אָפּגעזונדערט, איז נאָכמער פאַראיינזאַמט געוואָרן. אין יענע ערשטע טעג פון דער גרויסער אויפרעגונג האָט אַרנאָלד לעווענבערג פאַרגעסן אַלע נייע געפילן, וועלכע זיינען אין אים וואַך געוואָרן.

איין טאָג האָט ער געקראָגן אַן איינלאַדונג צום געבורטס טאָג פון דעם אַלטן ריינהאַרדט. דער יום־טוב וועט פאַרקומען אויף זיין זומער־פּלאַץ, אין זיין איטאַליענישן גאָרטן. אַרנאָלד האָט זיך פאַרוואונדערט: ער איז קיינמאָל נישט איינגעלאַדן געווען צו די געבורטס־טעג פון דעם אַלטן ריינהאַרדט. אָבער ער האָט זיך באַלד געכאַפּט: די איינלאַדונג איז צו אים געקומען, ווייל ער האָט דעם נאָמען פון אַ פראָ־דייטש, און דער אַלטער ריינהאַרדט איז גע־ווען אַן אמתער איינגעגעסענער דייטשן־פריינט. אַרנאָלד האָט באַשלאָסן אָפּצוזאָגן זיך, געדיקטירט זיין סעקרעטאַרין זיין אָפּזאָג־בריוו. האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דאָרטן וועט געווים זיין טערעזע. דערזען זי דאָרטן צווישן די ביימער, כאָטש ער האט דעם איטאַ־ליענישן גאָרטן פון דעם אַלטן ריינהאַרדט נאָך נישט געקענט. ער האָט אויפגעהערט צו דיקטירן זיין אָפּזאָג. ער האָט באַדאַנקט פאַר דער איינלאַדונג. ער וועט קומען.

זאָל די מלחמה אויפעסן זיך אַליין, ער וועט זיך צוהערן צו זיין אייגענעם האַרץ. און דאָרטן האָט זיך ווידער צוואַרעמט די בענקשאַפט נאָך דער נאָנטקייט פון אַ שיינער מיידל. די טעג ביז

צום געבורטס־טאָג פון דעם אַלטן ריינהאַרדט האָבן זיך אים גע־צויגן צו לאַנג. וועט זי דאָרטן נאָר זיין?!

טערעזע איז דאָרטן געווען. איר ערשטע פראַגע צו אים ביי דער באַגריסונג איז געווען:

„צופעליק?"

ער איז אַ ווײַלע געבליבן גאַנץ געפּלעפט, אָבער ער האָט זיך גלייך געפונען.

„ניין," האָט ער געענטפערט. „איך האָב געהאָפט, אַז איר וועט דאָ זיין."

טערעזע איז געווען אַביסל נידעריקער פאַר ארנאָלדן. אָבער זי האָט אים איצטער אָנגעקוקט, ווי זי וואָלט געווען אַ סך העכער. אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַראָפּגעקוקט אויף אים מיט אַ בליק פון אונטער אַראָפּגעלאָזענע ברעמען. דאָס האָט זי גע־וואָלט אַרויסזען, ווי פאַרליבט ער איז אין איר. און ער האָט זיך געמאַכט די באַמערקונג, אַז טערעזע איז נאָך שענער געוואָרן. אויך צייטיקער און קליגער.

די קעלערמאַנס, פאָטער און מוטער, זיינען געווען צו־פרידן, וואָס ער איז דאָ געווען. אָבער נאָכמער צופרידן איז גע־ווען דער אַלטער ריינהאַרדט.

„אָט איז אַ מענטש, מיט וועלכן מען וועט קאָנען אַ וואָרט אויסרעדן!" האָט ער אויסגערופן.

„איר רעדט נאָך, מר. ריינהאַרדט?" האָט ארנאָלד געזאָגט מיט זיין שמייכל.

„זיי וואָלטן געוואָלט, אַז איך זאָל אויפהערן צו רעדן," האָט דער אַלטער געענטפערט. „אָבער איך גיב זיך נישט אונטער. אויף צו להכעיס וועל איך רעדן און רעדן."

„איצטער זיינען מיר דיינע געסט, דזשייקאָב," האָט געזאָגט מרס. קעלערמאַן. „מעגסטו זיך אַביסל איינהאַלטן אין דיין דויי־טשישקייט."

„איך ווער היינט אַכטאונזעכציק יאָר און דאַרף זיך שוין מער נישט איינהאַלטן."

„איך האָב געגלויבט, אַז דו ווערסט אַכטאונזעכציק, דאַרפּ־סטו זיך שוין נישט מער אַזוי היצן."

עס איז געווען אַנגעצויגנקייט אין דעם טאָן פון די ריידער. א פיינטזעליקייט. די מלחמה האָט אויסגעברייטערט אירע שאָטנס אויף דאָס גאַנצע לעבן, אויף די באַציאונגען צווישן פריינט און קרובים.

טערעזע איז נישט געוואָרן, ווען אַרנאָלד האָט גערעדט מיט דעם אַלטן ריינהאַרדט. ער האָט, דאַכט זיך, אויף א מאָמענט אָפּגעווענדט פון איר די אויגן, אָבער ווען ער האָט ווידער צוגעווענדט זיין בליק צו דעם פּלאַץ, וווּ זי איז געשטאַנען, איז זי שוין דאָרטן נישט געווען. ער האָט זיך אַרומגעקוקט נאָך איר, געזוכט זי צווישן די פילע געסט, וועלכע האָבן באַעולמט די גרויסע זאַלן פון דעם אַלטן ריינהאַרדטס זומער־פּאַלאַץ. ער האָט זי נישט געזען. איז ער אַוועק זי געפינען. צוליב איר איז ער דאָך געקומען. ער איז געגאַנגען פון זאַל צו זאַל, געזוכט, געקוקט. איז עטלעכע מאָל אָפּגעשטעלט געוואָרן פון באַקאַנטע, וועלכע האָבן געוואָלט פאַרפירן א געשפּרעך. ער האָט אָבער נישט אויפגעהערט אַרומצוקוקן זיך און איז געווען צעשטרויט. דאָס געשפּרעך האָט זיך נישט געקלעפּט. ענדלעך, איז ער אַרויס אין דעם פּאַרק, וועלכער האָט אַרומגערינגלט דעם פּאַלאַץ. ער האָט אויסגעמיטן באַקאַנטע נישט געוואָלט אָפּגעשטעלט ווערן, און אַרומגעבלאָנדזשעט אויף איינזאַמע וועגן און שטעגן.

אַמאָל איז דאָ געווען א געדיכטער וואַלד, מיט שטעגלעך, וועלכע אינדיאַנער האָבן אויסגעטראָטן אויף זייער גאַנג אַראָפּ צום האָדסאָן. די אינדיאַנער האָבן געליבט זיין געדיכטקייט, וועלכע האָט זיי איינגעוויקלט און פאַרשטעלט פון פיינט און זון, געפרייט זיך מיט זיין גרינקייט אין פרילינג און זומער, מיט זיין פילפאַרביקייט אין האַרבסט, הנאה געהאַט פון די איינצלנע בלומען, וועלכע האָבן זיך פאַרגנבעט אהער, אַנגעקוואָלן פון די צופעליקע אויסבליקן, וועלכע האָבן זיך דורכגעזיגזאַגט פאַר זיי צום גרויסן, ברייטן טייך. דער מיליאָנער, וועלכער האָט זיך דאָ באַזעצט לאַנג נאָך זיי, האָט דעם וואַלד פאַרוואַנדלט אין א פּאַרק מיט ברייטע אַלייען צווישן געשאָרענע ביימער, מיט אומצייליקע בלומען־בייטן, וועלכע האָבן זיך באַרימט מיט זייער איבעררייכער פילפאַרביקייט, מיט אין אַספאַלט אויסגעבעטע וואַסערן, אין

וועלכע עס זיינען אַרומגעשווומען פאַרשיידענע פיש, מיט פרייע לופט־טעאַטערס צו שפּיל און צייט־פאַרטרייב. אויף דעם אָרט פון דעם אינדיאַנער־שטעג איז געווען אויסגעלייגט אַ ברייטע, ווייַטע וויסטאַ, פון וועלכער עס האָט זיך אויפגעעפנט אַן אַנטציקנדיקער אויסבליק אויף דעם האַדסאָן און די אַנטקעגנדיקע בערג.

אויף אַ באַנק אונטער אַ בוים לעבן דער וויסטאַ איז געזעסן מערעזע, געקוקט אַראָפּ צום האַדסאָן און צו דער פאַרגייענדיקער זון. האָט זי אויף אים געוואַרט? ער האָט באַמערקט איר פאַר־גנבעטן זייטן־בליק און איז פרייליך געוואָרן, געוווּנען מוט.

„איך קום צו אייך נאָך רעטונג," האָט ער געזאָגט.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט דעם פריערדיקן בליק פון אונ־טער אַראָפּגעלאָזענע ברעמען.

„רעטונג? פון וואָס?"

„פון מלחמה־געשפּרעכן."

„איך רעד איצטער אויך מלחמה. און איך האַס די דייטשן און שילט זיי אומברחמנותדיק."

„ניין," האָט ער זיך געבעטן ביי איר, „קוקט זיך אָן דעם גאַנצן אַרום. עס איז פרילינג, און איך פיל דאָס וואַקסן און בליען פאַר מיר, הינטער מיר, אומעטום, אומעטום לעבן... אויפלעבונג... פאַרוואָס זאָלן מיר נישט רעדן פון לעבן און אויפלעבונג און..."

ער האָט געוואָלט זאָגן „ליבע", אָבער ער האָט עס נישט אַרויסגערעדט.

זי האָט פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט נישט געוואָלט אַרויס־זאָגן. זי האָט אַרויפגעקוקט צו אים מיט אַ זייטן־בליק, ווי צו אַן אומבאַקאַנטן, וועלכן מען וויל דערקענען און מען וויל נישט, ער זאָל זען, אַז מען וויל אים דערקענען.

ער האָט ווייטער גערעדט:

„פרילינג — און מלחמה... ווי שטעלן זיי דאָרטן נישט אָפּ דאָס מאָרדעווען? און מיר דאָ האָבן נאָך עפּעס ווי איבערגעוואַרט דעם ווינטער, אָפּגעוואַרט דעם פרילינג, אום אַריינצוּוואַרפן זיך אין דער מלחמה."

„איר האָט דאָך נישט געוואָלט רעדן מלחמה," האָט זי אים אָפּגעשטעלט.

„רעד איך דען מלחמה? איך רעד דאָך שלום, איך רעד פרי־לינג און לעבן און אויפלעבונג און...‟ ער האָט ווידער נישט אַרויסגערעדט דאָס וואָרט און פאַרטגעזעצט: „עס וווּנדערט מיך בלויז, און עס פאַרדריסט מיך, און עס טוט מיר וויי...‟

„און מיך פאַרדריסט נישט, און מיר טוט נישט וויי... עס פרייט מיך גאָר, וואָס ענדלעך האָט זיך פּרעזידענט ווילסאָן אויס־געשלאָפן צו דערקלערן מלחמה. איצטער וועלן די הונען קריגן, וואָס זיי פאַרדינען.‟

ער האָט אַראָפּגעקוקט צו איר. אירע אויגן האָבן געברענט.

„ווען איר וואָלט געליבט, וואָלט איר אויך אַזוי גערעדט?‟ האָט ער זי געפרעגט.

„איך רעד אַזוי, ווייל איך ליב,‟ האָט זי שאַרף אָפּגע־ענטפערט.

עפּעס איז אויפגעשפּרונגען אין אים. זי האָט עס באַמערקט. געוועזן צופרידן, אָבער נישט געלאָזן אים לאַנג אונטער אַ פאַלשן איינדרוק.

„איך ליב פּאַריז,‟ האָט זי געזאָגט, „איך ליב פראַנקרייך, איך ליב די בעלגישע קינדער, איך ליב אַלעמען, וועמען דייטשן שלאָגן און פאַרניכטן.‟

ער האָט אָפּגעעטעמט.

„נישט די ליבע מיין איך.‟

„ווען איך וואָלט געוועזן אַ מוטער און וואָלט געליבט מיינע קינדער, וואָלט איך אַזוי גערעדט, ווי אַלע אומצייליקע פראַנצויזי־שע מוטערס, וועלכע שיקן זייערע זין אין מלחמה מיט באַגייסטע־רונג. און ווען איך וואָלט געוועזן פאַרליבט, וואָלט איך אַזוי גע־רעדט, ווי די אומצייליקע פאַרליבטע פראַנצויזקעס, וועלכע האָבן באַגלייט זייערע געליבטע אין דער מלחמה אַריין... וועלכע ליבע האָט איר דען געמיינט? איז דען פאַראַן אַזאַ ליבע, וועלכע האָט אָפּגעהאַלטן פון מלחמה?‟

צוערשט האָט ער נישט געפונען, וואָס צו ענטפערן איר. ער האָט זי באַוווּנדערט. אים האָט זיך עפּעס נישט געגלויבט, אַז דאָס האָט גערעדט טערעזע. באַלד אָבער האָט ער געזאָגט:

„פון אויבנאויף זייט איר גערעכט, עס דאַכט זיך אויס, אַז

עס איז אזוי, ווי איר זאָגט. די ציוויליזירטע פעלקער רעדן אַלע אין נאָמען פון דער רעליגיע פון ליבע און טראַכטן דערביי אויס די טויטלעכסטע וואפן צו פאַרניכטן איינס דאָס אַנדערע. אָבער אין דער אייגענער צייט ווייס איך, אַז איך בין גערעכט. די מענטשן האָבן יאָך נישט דערגרייכט דעם אידעאַל פון ליבע, וואָס שפּילט זיך זיי פאָר. ווען זיי וועלן אים דערגרייכן, וועלן זיי זיך אויפהערן צו שלאָגן. אָבער אויך איצטער גלויב איך נישט גאַנץ, אַז ליבנדיקע מאַמעס שיקן זייערע קינדער אָדער פאַרליבטע פרויען שיקן זייערע געליבטע אין מלחמה אריין מיט באַגייסטערונג און פרייד. זיי שיקן זיי איבערהויפּט נישט. מען נעמט זיי ביי זיי, און אָפט מיט געוואַלט, שטענדיק אין נאָמען פון געזעץ און שטענדיק — אין דעם בין איך איבערצייגט — מיט טרערן און האַרץ־ברעכעניש. ווי פאַרהאַלט זיך אייער מוטער צו דעם, וואָס אייער ברודער איז אַוועק אין פלאַטסבורג? אויב זי איז איצטער נאָך רואיק, וואַרט אויס, ווי זי וועט זיך פאַרהאַלטן, ווען ער וועט אַוועקגעשיקט ווערן אין פראַנקרייך. און איך וואָלט טאַקע געוואָלט ווייסן, ווי איר וואָלט געפילט, ווען איר וואָלט געוועזן פאַרליבט, און אייער געליבטער — חתן אָדער מאַן — וואָלט אַוועקגעשיקט געוואָרן אין דער מלחמה — צי וואָלט איר דעמאָלט געפילט באַגייסטערונג און פרייד?"

ער האָט געוואָלט אַרויספירן דעם געשפּרעך אויף פאַרליבט־זיין. פלירטן אַביסל. נישט זיין ערנסט. ער האָט דערביי אַ טראַכט געטאָן, אַז זי איז די איינציקע, מיט וועלכער ער וויל עס טאָן. מיט קעטרין דאַרף ער עס נישט. מיט מעריאָן טאָר ער דאָס נישט. אָבער אָט איז ער מיט טערעזען צום צווייטן מאָל און עס ציט אים צו רעדן וועגן ליבע און פאַרליבט־זיין.

אָבער אויך איר איז איצטער אָנגענעם געוועזן צו הערן, ווי ער רעדט וועגן פאַרליבט־זיין. זי האָט אַפילו אַ טראַכט געטאָן, אַז זי וועט אים אַרויספירן אויף דער טעמע וועגן ליבע. זייערע פאַרלאַנגען האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט.

„און אפשר בין איך פאַרליבט?" האָט זי געזאָגט פראָוואָצירנדיק.

ער האָט איצטער נישט אויפגעצוקט. ער האָט דערקענט דעם

פלירט־טאָן. זיין אויפגעלייגטער שמייכל האָט זיך צושפּרייט אויף זיינע ליפּן.

„דאָס איז, וואָס איך וויל וויסן מיט זיכערקייט,“ האָט ער געזאָגט.

„צו וואָס דאַרפט איר עס וויסן?“

„אָ, זיכער נישט צוליב אַלגעמיין־וויסנשאַפטלעכע צוועקן.“

זיי האָבן ביידע אַ טראַכט געטאָן, אַז ענדלעך האָט דער גע־שפּרעך גענומען די ווענדונג, וועלכע זיי האָבן ביידע געזוכט און ביז איצטער נישט געפונען.

„צוליב וועלכן־זשע צוועק?“ האָט זי געפרעגט.

„אָ, ווען מען רעדט מיט אַ שיינער מיידל, וויל מען נישט, זי זאָל זיין פאַרליבט.“

„וואָס איר האָט געזאָגט, איז נישט קיין צוועק.“

„ווען מען ווייס, אַז זי איז נישט פאַרליבט, רעדט זיך נאָך פרייער. קאָנען רעדן פרייער איז שוין אויך אַ צוועק.“

„וואָס פאַרשטייט איר אונטער פ ר י י ע ר רעדן?“

זי האָט געוואָלט צווינגען אים מיט אירע פראַגן, ער זאָל זיך עפּעס אויסרעדן. ער איז געווען פאָרזיכטיק.

ער האָט געגאָסן איר שיינקייט מיט ווייט־אויפגעעפנטע אויגן און געוווּנדערט זיך, פאַרוואָס ער פילט נישט די באַדערפעניש אַרומצונעמען זי און אַ קוש טאָן. אָבער דאָך האָט ער זיך גע־פילט נענטער צוגעצויגן צו איר, ווי ווען עס איז. זי איז אים זייער אָנגענעם געווען. מוז מען פירן דעם געשפּרעך אַזוי, אַז ער זאָל קיין צוזאָג נישט זיין, נאָר ווערן אַ דערנענטערונג. אויך בליק און לייכטזיניק דאַרף דער געשפּרעך נישט ווערן, נאָר אַן אַריינ־קוק אין האַרצן, אַן אָנהייב פון פאַרשטיין זיך. אָבער ווי טרייסלט מען אָפּ אירע פראַגן?

„וואָס פאַרשטיי איך אונטער פ ר י י ע ר רעדן?“ האָט ער לאַנגזאַם אָנגעהויבן. „פאַראַן זייטן אין דער נשמה פון פאַרליבטע, וועלכע מען דאַרף זיך היטן אָנצורירן. נישט־פאַרליבטע האָבן די זייטן נישט, קאָן מען פרייער רעדן אָן מורא אָנצורירן זיי.“

ער האָט עס געזאָגט און איז אַליין נישט געווען איבערצייגט

אין דער ריכטיקייט פון דעם, וואָס ער האָט געזאָגט. אָבער אַן ענט־פער איז עס דאָך, און די פראַגן וועלן אויפהערן.

זיי האָבן אָבער נישט אויפגעהערט. זי האָט געפרעגט, וועל־כע זיינען דאָס די זייטן אין דער נשמה פון פאַרליבטע, וועלכע מען דאַרף זיך היטן אָנצורירן, און צי זיינען נישטאָ אין דער נשמה פון נישט־פאַרליבטע אַזעלכע זייטן, וועלכע מען דאַרף זיך היטן אָנצורירן. ער האָט געמוזט אָנווענדן זיין גאַנצן שאַרפזין, אום צו ענטפערן מער אָדער ווייניקער לאָגיש און גאַלאַנט. אויף איר לעצטער פראַגע האָט ער מיט אַ סך ווערטער אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז אין אַ געשפּרעך מיט אַ נישט־פאַרליבטער מיידל האָט דער מאַן צוויי ריכטונגען: וויל ער אָדער וויל ער נישט זי אין זיך פאַרליבן.

אַ געדאַנק איז איר דורכגעלאָפן, פון וועלכן אירע באַקן זיי־נען רויט באַפאַרבט געוואָרן: זאָל זי אים פרעגן אָדער נישט פרעגן? זאָל זי בלייבן די טערעזע, וועלכע האָט זיך שטענדיק געהאַלטן אין געוויסע גרענעצן? אָדער זאָל זי זיך אָננעמען מיט קוראַזש און אַרויסגיין אַמאָל פון אירע געוויסע גרענעצן? זי האָט אַ קוק גע־טאָן אויף אים. ער איז איר געווען געפעלן. זי האָט זיך אָנגעטאָן אַ כוח און אַ שפּריינג געטאָן איבער דער גרענעץ. גאַנץ רויט אין געזיכט, האָט זי געפרעגט:

„אין וועלכער ריכטונג פירט איר מיט מיר איצטער דעם גע־שפּרעך?"

אים איז היים געוואָרן. ער האָט געענטפערט:

„געוויינלעך איז די ערשטע ריכטונג די אָנגענעמסטע."

איצטער האָט זי אויפגעהערט צו פרעגן. גענוג דאָס מאָל. צוערשט דאַרף זי נאָך עפּעס אָפּרייניקן פון וועג.

„געדענקט איר, אין יענעם אָוונט פון אונזער צופעליקער באַגעגעניש האָט איר דערציילט פון אַ באַזוך אין אַ געוויסן הויז— איך וויים, וווּ איר זייט געוועזן."

ער האָט די גאַנצע צייט געוואַרט צו הערן דאָס פון איר. ער איז געוועזן צופרידן, וואָס זי האָט עס אַרויסגעזאָגט.

„איר האָט עס געוווּסט, גלייך ווי איך האָב אייך דעמאָלט דערציילט," האָט ער געזאָגט. „דערפאַר האָט איר דאָך דעמאָלט

אָנגערופן די שופראס. און איך האָב עס אייך דעמאָלט דערציילט, כדי איר זאָלט זיך עס דערוויסן פון מיר אַליין, נישט פון אַנדערע.״

ווען זי וואָלט געהאַט מוט, וואָלט זי איצטער אָנגענומען זיין האַנט און א דריק געטאָן. אַזויפיל מוט האָט זי נישט געהאַט, אָבער זי האָט אויפגעהויבן צו אים אירע גרויסע גרויע אויגן און אָנגעקוקט אים מיט דאַנקבאַרקייט און וואַרעמקייט. דער וועג איז אָפּגעריייניקט געוואָרן פון דעם עפּעס. איצטער האָט זי זיך א רוק געטאָן אויף דער באַנק און איינגעלאַדן אים צו זעצן זיך. ער האָט אָפּגעדאַנקט און אוועקגעזעצט זיך לעבן איר. מיט געזאַנג אין זיין נשמה. ער האָט געוווּסט, אַז ער האָט איצטער א גרויסן שריט געמאַכט נענטער צו איר האַ־צן.

זי האָט א טראַכט געטאָן וועגן די „איסט־סיידער״, וועגן וועלכע ער האָט איר געוואָלט א סך דערציילן אין יענעם אָוונט. ווייזט אויס, ער האָט זיך איבערגעשלאָפן און דער מאָרגן האָט אים קליגער געמאַכט. ער דערמאָנט זיי איר נישט. איצטער וועט זי זיין גוט צו אים. איצטער איז ער איר נאָנט געוואָרן. די מעגלעכקייט איז געוואָרן א וואַ־שיינלעכקייט. ער ליבט זי — דאָס איז געוויס. ליבט זי אים? זי האָט אַריינגעקוקט צו זיך אין האַרצן, צוגעהערט זיך צו דעם, וואָס דאָרטן קומט פאָר. האָט גאָרנישט געזען, גאָרנישט געהערט, גאָרנישט געפילט. דער יונגער מענטש לעבן איר איז געוועזן א גוטער אויסגאַנג פון א געווייסן מוז. זי קאָן מיט אים חתונה האָבן — דאָס איז אַלץ.

אָבער גוט זיין צו אים — דאָס דאַרף זי. גוט און פריינטלעך און וואַרעם — און האַלטן אים אין א געוויסער דיסטאַנץ. ער זאָל שטענדיק מער וועלן, וויפל זי וועט דערלויבן.

זיי זיינען געבליבן שטיל זיצן, געקוקט צום טייך אונטן, אָבער האָבן אים נישט געזען. צוויי צוגן פון קעגנזייטיקע ריכטונגען האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן, אַרויפגעטריבן זייער פאַרטאָפּלטן רעש אַרויף צו די ביידע מענטשן, אָבער זיי האָבן אים נישט געהערט. אָבער מיט יעדן פיבער פון זייערע קערפּערס האָבן זיי געפילט דעם פרילינג־פּאַרק, די אויפלעבונג, דאָס בליען, די גאַנצע אַרומיקע שיינקייט. און געפילט זיך נאָנט איינס צום אַנדערן.

עפּעס איז געשען. עפּעס האָט זיך געשפּינט און געוועבט צווישן די נשמות פוןביידע יונגע מענטשן.

און אייביקייט איז פאַרבייגעלאָפן. אַ קורצער מאָמענט, אָבער די, וועמען ער פאַסירט, געדענקען אים אַ גאַנצע אייביקייט. ז י י ע ר גאַנצע אייביקייט.

עס איז געווען אַזוי גוט צו זיצן און שווייגן, און צוהערן זיך איינס צום אַנדערן. פילן אַזוי נאָענט איינס דאָס אַנדערע. און וואָס ער פילט איצטער — איז עס ליבע? אָט די וואַרעמקייט אין האַרצן, די ציטעניש, די בענקעניש... „איז עס ד אָ ך טערעזע!״ ער מוז איר איצטער עפּעס זאָגן. עפּעס וואַרעמס, באַדייטנדיקס, ווערטער פון גרויסער וויכטיקייט. ווערטער, וועלכע ענדערן דאָס גאַנצע לעבן, ווען זיי ווערן אַרויסגעזאָגט.

טערעזע האָט געשפּירט, אַז ער וויל איר עפּעס זאָגן. עפּעס, וואָס וועט איר זייער אָנגענעם זיין. עפּעס פון גרויסער באַדייטונג. זי האָט געוואַרט. אַלע אירע נערוון זיינען געווען אָנגעצויגן. אָט־אָט, און די ווערטער וועלן אויפטרייסלען די שטילקייט און איר האַרץ.

ער האָט אַראָפּגעקוקט צו איר, זי האָט אַרויפגעקוקט צו אים. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט. עס איז געווען דערוואַרטונג אין איר בליק, און גלייך האָט זיך איר בליק צעוואַרעמט. פון דער טיפעניש פון איר האַרץ האָט אין אים אויפגעפלאַקערט פריינט־לעכקייט.

אַרנאָלד האָט זיך מער נישט געקאָנט איינהאַלטן. איצטער וועט ער איר זאָגן דאָס וואַרעמע, דאָס באַדייטנדיקע.

## III.

דער אַלטער ריינהאַרדט איז צוגעלאָפן.

„איך זוך דאָך אייך, מר. לעווענבערג! קומט, איר מוזט מיר אַרויסהעלפן!"

אַרנאָלד האָט אָנגערוקט דעם שטערן.

„איך בעט אייך, מר. ריינהאַרדט! איך וויל נישט רעדן מלחמה."

„איך וויל טאַקע נישט מער, ווי נאָר דאָס, אַז איר זאָלט אונז זאָגן, פאַרוואָס איר ווילט נישט רעדן מלחמה."

„איך דאַרף עס נישט מאַכן עפנטלעך."

„דאָס מאָל, פון מיינטוועגן."

„מר. ריינהאַרדט, איך בין נישט אויפגעלייגט דערצו. איך בין אין דעם מאָמענט זייער ווייט דערפון."

דער אַלטער האָט זיך נישט געלאָזט אָפּטרייסלען.

„אַז איר ווילט נישט רעדן מלחמה, זייט איר זעלבסטפאַרשטענדלעך קעגן דער מלחמה, וואָרום אַז נישט, פאַרוואָס זאָלט איר נישט וועלן רעדן וועגן איר? און אַז איר זייט קעגן דער מלחמה, וואָלט איך אייך געבעטן, איר זאָלט עס דערקלערן..."

„אַז איר וועט באַשטיין דערויף, מר. ריינהאַרדט, וועל איך אייך מוזן זאָגן אַדיע, וועל איך אייער גאַסט נישט קאָנען זיין."

„ניין, דאָס וויל איך נישט... עס טוט מיר זייער לייד. איך האָב געוואָלט הערן כאָטש איין מענטשלעכע שטימע, כאָטש איין מענטשלעך וואָרט... עס רעגט מיך אַזוי אויף צו הערן, וואָס זיי רעדן..."

„טוט דאָך אַזוי ווי איך, מר. ריינהאַרדט, הערט זיך נישט צו, רעדט נישט..."

„ווי זאָל איך נישט רעדן, אַז איך זיד און קאָך?!... איך פרעג בײַ אײַך נישט מער: וווּ איז דאַנקבאַרקייט? מיר קומען אַלע פון דײַטשלאַנד — צוויי דורות, העכסטנס דריי דורות פון דײַטש־לאַנד, מיר רעדן נאָך אַלע דײַטש, מיר זײַנען נאָך אויסגעבונדן מיט דײַטשלאַנד, אַלע האָבן מיר דאָרטן קרובים, ווי קאָן מען זיך אַזוי באַציען צו דײַטשלאַנד מיט אַזאַ פײַנטזעליקייט, מיט אַזאַ האַס?"

טערעזע איז געווען אומגעדולדיק און בייז. וואָס האָט אים אָנגעטראָגן, דעם אַלטן נ אַ ר? ווי לאַנג נאָך וועט ער דאָ שטיין און רעדן? איצטער האָט זי כעסדיק אַרויסגעפּלאַצט, דעם אַלטן אויף צו להכעיס און אים ווײ צו טאָן:

„איך האַס דײַטשלאַנד!"

„איר הערט! איר הערט!" האָט דער אַלטער אויסגעשריען. „איר זיידע איז דאָ געווען אַ דײַטשער אימיגראַנט. איך בין נישט גאַנץ זיכער, צי איר טאַטע איז געבאָרן געוואָרן דאָ אָדער אין דײַטשלאַנד."

„איך בין אַן אַמעריקאַנערין און האַס דײַטשלאַנד," האָט טערעזע נאָך שאַרפער געזאָגט, „און פריי זיך, וואָס מיר זײַנען איצטער אַריין אין דער מלחמה, און דײַטשלאַנד וועט צושמעטערט ווערן!"

„אָט אַזוי אַ רעדן זיי אַלע! די יונגע און די אַלטע! און איך פרעג: וווּ איז דאַנקבאַרקייט? וווּ איז ליבפולע באַציאונג צו אַ לאַנד, וואָס איז געווען אונזער פאָטערלאַנד דורות און דורות? נאָכאמאָל: וווּ איז ריינע, מענטשלעכע דאַנקבאַרקייט?"

ארנאָלד האָט זיך אויף אַ מאָמענט פאַרגעסן, נישט אײַנגעהאַלטן זיך, געפרעגט:

„האָבן נישט די היגע אַנגלאָ־זאַקסן מלחמה געהאַלטן מיט ענגלאַנד?"

„דאָס איז אַן אַנדער זאַך!" האָט זיך דער אַלטער צוהיצט. „אַ גאַנץ אַנדער זאַך. דאָס איז רעוואָלוציע. אין אַ רעוואָלוציע

שלאָגן זיך בירגער מיט בירגער. און די אַמעריקאַנער זיינען גע־וועזן גערעכט. עס איז געוועזן די נאַרישקייט פון די רעגירנדיקע קלאַסן אין ענגלאַנד, וואָס האָט געצוואונגען די אַמעריקאַנער צו רעוואָלטירן קעגן זיי. אָבער די איצטיקע מלחמה מיט דייטשלאַנד איז אַן אַבסאָלוט אומגערעכטע. די היגע אַנגלאָ־זאַקסן האָבן גע־טריבן צו איר, ווייל זיי זיינען ענגלענדער — מיר, די דייטשן, האָבן דאָס געדאַרפט איינזען און נישט געדאַרפט דערלאָזן צו דער מלחמה. מיר זיינען דאָ אַזויפיל דייטשן אין לאַנד, אַזויפיל אָפּ־שטאַמענדיקע פון דייטשלאַנד. מיליאָנען און מיליאָנען, כמעט אַזויפיל, וויפל אַנגלאָ־זאַקסן. פאַרוואָס זאָלן מיר זיך לאָזן פירן פון זיי? אָבער נישט בלויז לאָזן זיך פירן, נאָר אויך פאַרפירן. נישט בלויז האָבן מיר נישט דערלאָזט די מלחמה, נאָר מיר האָבן נאָך געשטופּט צו איר. און איר האָט דאָך געהערט, מיט וואָסערע ווערטער! נישט צו שעמען זיך צו זאָגן, אַז זי האָסט דייטש־לאַנד!...״

„אומגעקערט דאַרף מען זיך שעמען!״ האָט טערעזע אָפּגע־שניטן.

„יונגע מיידל!״ דער אַלטער האָט געקאָכט אין זיך, אָבער איינגעהאַלטן זיך, נישט צוצושרייען זיך. „יונגע מיידל, דו ווייסט נישט, וואָס דו רעדסט!״

„אומגעקערט דאַרף מען זיך שעמען!״ האָט טערעזע איבער־געחזרט. זי איז געוועזן אויפגערעגט. געזוכט, וואָס צו זאָגן, עט־וואָס, וואָס זאָל זיין שאַרף, שטאַרק, שטעכיק, פאַרניכטנדיק.

„זאָגט אי ר שוין דערדאָזיקער יונגער מיידל,״ האָט דער אַלטער געווענדט זיך צו אַרנאָלדן. „זאָגט איר, ווער דאַרף זיך שעמען.״

„עס הייבט זיך נישט אָן!״ האָט טערעזע געזאָגט גאַנץ צור־היצט. „מר. לעווענבערג וועט עס מיר נישט זאָגן. אויב ער האָסט נאָך נישט די דייטשן, ו ו ע ט ער זיי האָסן!...״

„אָ, ניין!״ האָט זיך אַרויסגעריסן ביי אַרנאָלדן.

„איר ו ו ע ט האָסן די דייטשן!״ האָט טערעזע געשריען, קאַפּריזיק, באַפעלעריש.

זי איז געווען זייער שיין אין איר צוהיצטקייט. איר פאַר־פלאַמטקייט, וואָס האָט זיך צוגאָסן איבער איר גאַנצן קערפּער, האָט אים גערייצט. און ער דאַרף גאָר רעדן מיט איר פּאָליטיק, מלחמה!...

„מיין ליבע מיס קעלערמאַן," האָט ער געזאָגט מיט אַ בעטנ־דיקן שמייכל. „איר ווילט מיך נישט פאַרשטיין. איך קאָן אין דער מלחמה קיינעם נישט האַסן און קיינעם נישט ליבן. איך האַס די מלחמה אַליין. איך האַלט נישט מיט קיין צד. אַלע צדדים זיינען אומגערעכט. אַלע צדדים זיינען גלייכע פאַרברעכער, ווייל די מלחמה איז דאָס גרעסטע פאַרברעכן, וואָס ווערט באַגאַנגען."

ער האָט געוואָלט אַרויפלייגן זיין האַנט אויף אירער, אַ דריק טאָן איר די האַנט, געבן איר צו וויסן, וואָס ער פילט. זי האָט צו־געכאַפּט די האַנט, בייז, כעסדיק.

„איז פּרעזידענט ווילסאָן אַ פאַרברעכער? איז אונזער קאָנ־גרעס אַ פאַרברעכער?"

„פאַרוואָס שטעלט איר מיר פראַגן, אויף וועלכע איך קאָן אייך נישט ענטפערן?"

„איר האָט מורא?"

„איך וויל אייך נישט דערשרעקן מיט מיין ענטפער. איר ווילט מיך בעסער פאַרשטיין..."

„איך וויל אייך נישט פאַרשטיין און וויל מיט אייך נישט רעדן..."

„וועגן מלחמה. איך וועל אייך זייער דאַנקבאַר זיין."

„ניין, איך וויל מיט אייך נישט רעדן איבערהויפּט!"

זי איז אויפגעשפּרונגען פון איר אָרט און אַוועקגעאיילט, גאַנץ רויט אין געזיכט, מיט ברענענדיקע אויגן, און, דאַכט זיך, מיט טרערן פאַר גרויסער אויפרעגונג.

אַרנאָלד האָט איר נאָכגעקוקט איבעררראַשט, פאַרלאָרן. מיט וואָס קאָן ער זי אָפּשטעלן? ווי זי פאַרהאַלטן? וואָס איר זאָגן? ער איז אויפגעשפּרונגען, געמאַכט אַ טראָט נאָך איר.

„מיס קעלערמאַן!" האָט ער נאָכגערופן.

אומזיסט. זי האָט זיך נישט אומגעקוקט, איז געגאַנגען מיט כעסדיקע שנעלע טריט. פאַרשוואונדן צווישן ביימער.

„זיינען זיי נישט אַלע משוגע?" האָט אַרויסגערעדט דער אַלטער ריינהאַרדט, אַראָפּלאָזנדיק זיך אויף טערעזעס זיץ.

אַרנאָלד האָט אים אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט געהאַט פאַר־געסן, אַז מר. ריינהאַרדט איז דאָ געשטאַנען לעבן אים.

„אַלע משוגע," האָט ער אַרויסגערעדט און איז אומהעפלעך אַוועק פון מר. ריינהאַרדט, נאָכט־וואַנדלעריש, ווי געצויגן פון דער אַוועקגעגאַנגענער טערעזע.

דער אַלטער האָט אים נאָכגעקוקט. ער האָט באַגריפן, אַז ער האָט דאָ עפּעס קאַליע געמאַכט. ער האָט אויפגעלאַכט איראָניש, פאַרביטערט. דערנאָך געמאַכט אַן ערנסט געזיכט, ענגער צונויפ־געצויגן די קנייטשן פון זיין אַלטן געזיכט. ער וועט זיך מוזן אַריינ־מישן און ווידער גוט מאַכן, כאָטש די נאַרישע גאַנצ האָט געמעגט גוט באַשטראָפט ווערן.

ער איז אַוועק נאָך אַרנאָלדן, אָבער ער האָט אים אין ערגעץ נישט געפונען. פון זיין דינער האָט ער זיך דערוווּסט, אַז דער יונגער מענטש איז שוין אַוועקגעפאָרן. די קעלערמאַנס, צו וועלכע ער האָט זיך געווענדט, זיינען געוועזן שטאַרק פאַרשטימט. טערע־זע האָט זיך געריסן אַהיים.

ווען ער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן, וואָס עס איז פאָר־געקומען צווישן טערעזען מיט לעווענבערגן, האָט אים מר. קע־לערמאַן איבערגעריסן:

„ווייסט, דזשייקאָב, מיר האָבן באַשלאָסן, אַז עס וועט איצ־טער געזינטער זיין פאַר אונז אַלעמען, מיר זאָלן זיך וואָס ווייני־קער טרעפן. געזינטער אין אַלע פּרטים. מיר ווינטשן דיר נאָך אַ סך געבורטס־טעג. האָפנטלעך איבעראַיאָר צו דיין געבורטס־טאָג וועסטו וויסן, ווער עס איז געוועזן גערעכט..."

מר. קעלערמאַן האָט גערעדט אויף זיין רואיקן אופן, געצויגן די ווערטער, און מר. ריינהאַרדט האָט אויפגענומען זיינע ווערטער מיט טרויער אין האַרצן, מיט פאַרדראָס און ווייטאָג. זיין געזיכט האָט זיך פאַרפינסטערט. ווען קעלערמאַן וואָלט אים אָפּגעווינטשט נאָך אַ סך געבורטס־טעג און וואָלט אַוועקגעגאַנגען, וואָלט דער אַלטער זיך אפשר אפילו צעוויינט. אַזוי איז אים געוועזן צום

הארצן. אָבער די לעצטע ווערטער קעלערמאַנס האָבן אים אויפגע־
רעגט און אַריינגעטריבן אין אַ ווילדן כעס.

„איך ווייס שוין, ווער עס איז גערעכט!" האָט ער זיך
צושריען. „איך ווייס עס שוין. איך דאַרף זיך עס נישט ערשט
דערוויסן!... דאָס וועט איר זיך ערשט דערוויסן, ווער עס איז
געווען גערעכט. דאָס וועט איר זיך ערשט דערוויסן, ווער איז
געווען מיאוס אומדאַנקבאַר... דאָס וועט איר ערשט... און מיך
אַרט נישט, אַז מיר וועלן זיך נישט טרעפן... אַ דאַנק אייך פאַר
אייער באַשלוס... דאָס איינציקע קלוגע, וואָס איך איז איינגע־
פאַלן... וועלן מיר זיך נישט טרעפן... זייער גוט... זייער גוט... גייט
אייך געזונטערהייט! גייט אייך געזונטערהייט!..."

ער האָט געמאַכט עטלעכע פאַרבויגונגען און איז אַוועק פון
זיי, מיט זיך אונטערבויגנדיקע פיס, ציטערנדיק אין אַלע אברים,
נישט זעענדיק פאַר זיך פיינט און פריינט.

די קעלערמאַנס זיינען אַוועק, און מיט זיי אַלע אַנדערע
מיטגלידער פון דער משפחה און פון לאַנג־יעריקער פריינטשאַפט,
וועלכע זיינען געווען קעגן מר. ריינהאַרדטס דייטשישקייט. אַ גע־
וואַלט־רים אין אַ פאַמיליע, וועלכע איז געווען באַקאַנט מיט דער
מערקווירדיקער ליבשאַפט און געטרייקייט צווישן אירע מיטגלי־
דער. און אַ טרויער איז געווען אין די הערצער, אַ פיל שווערע־
רער, ווי נאָך אַ לוויה.

נאָר טערעזע אַליין איז נישט טרויעריק געווען. זי איז גע־
ווען שרעקלעך אין כעס. עס האָט אין איר געקאָכט און געזאָטן
פאַר כעס. און געהאַסט האָט זי, געהאַסט מיט אַלע נערוון פון איר
נשמה. געהאַסט אַ בלוטיקן האַס. און אין דעם האַס זיינען אַריין
נישט בלויז די דייטשן, נאָר אויך אַרנאָלד, דער מאַן, צו וועלכן
זי האָט אַרויפגעקוקט מיט אַ בליק, אין וועלכן עס האָט אויפגע־
פלאַקערט גרויסע פריינטלעכקייט. זי האָט נישט געקאָנט דערמאָנען
זיך, וואָס עס איז געווען צווישן זיי, איידער אָנקל ריינהאַרדט איז
אונטערגעקומען. דאָס איז אַרויסגעווישט געוואָרן פון איר זכרון
און פון איר האַרץ. זי האָט איצטער נאָר געדענקט, אַז דערדאָזי־
קער מענטש ליבט די דייטשן, גייט מיט באַזוכן צו קעטרין שופראָן,
הברט זיך מיט די שמוציקע איסט־סיידער יידן... פוי!

ווען מרס. קעלערמאַן האָט אַ סך שפּעטער, שוין זייענדיק בײַ זיך אינדערהיים, געוואָלט אויסגעפינען גענויער, וואָס איז געווען צווישן איר און לעווענבערגן, האָט טערעזע אויסגערופן מיט אַזוי־פיל ווידערווילן און פאַראַכטונג:

„איך בעט דיך, מאַמע!“

זי איז אַוועק צו זיך אין צימער און פאַרטיפט זיך אין איר אָוונט־צײַטונג, צו געפינען שפּײַז פאַר איר שנאה און צו זעטיקן איר האַס.

מרס. קעלערמאַן האָט נאָר פאַנאַנדערגעפירט מיט די הענט. משוגע מײַנע שונאים! עס האָט איר פאַרדראָסן. זי האָט נישט געוואָלט פאַרלירן אַרנאָלדן.

„וואָס איז דאָ צו מאַכן?“ האָט איר מר. קעלערמאַן געזאָגט, „צו פאַרלאָזן דזשייקאָבן איז עפּעס אָנגענעם געווען? און דאָ איז אפשר אַ גליק, וואָס עס האָט זיך אַזוי געמאַכט מיט דעם לעווענבערג. דער יונגער מענטש מוז זײַן אַ נאַר און אַ „למך“. און ווער ווייס, מיט וואָסערע אידעען ער טראָגט זיך דאָרטן אַרום. פון איין זײַט וועט ער גיין באַזוכן די שופּראָס, פון דער אַנדערער זײַט, איז ער אַ פּאַציפיסט... עס איז בעסער אַזוי... עס איז בעסער אַזוי...“

מרס. קעלערמאַן האָט נאָר שווער אויפגעזיפצט.

## IV

אַרנאָלד איז געפאָרן אַהיים און איז זייער אומרואיק געווען.

אפשר האָט ער נישט געדאַרפט אַוועקפאָרן? ער האָט געדאַרפט זיין דער קליגערער און — ניין, נישט נאָכגעבן — וואָס האָט ער דען נאָכצוגעבן? ער קאָן דאָך נישט ווערן צוליב איר אַ מלחמה־פּאַטריאָט! — אָבער ער האָט געדאַרפט בלייבן, טרעפן זיך מיט איר ווידער און לאַכן איבער דעם גאַנצן פאַרפאַל. אָ, ער וואָלט שוין געקאָנט מאַכן אַזוי, אַז זי וואָלט נאָכאַמאָל נישט אַנטלאָפן.

ער האָט געבענקט נאָך טערעזען. זי האָט אים געפעלט. ער וואָלט איצטער מיט פאַרגעניגן געפילט זי לעבן זיך. ער וואָלט זי איצטער אָנגענומען פאַר דער האַנט, ער וואָלט...

פאַרוואָס האָט ער זי געלאָזן אַוועקגיין? פאַרוואָס איז ער איר נישט נאָכגעגאַנגען?

ער איז דאָך איר יאָ נאָכגעגאַנגען. נאָכגעגאַנגען און נאָכגעקוקט אירע באַוועגונגען אין איר גאַנג און באַוואונדערט זיי, געפילט און דורכגעלעבט איר גאַנצע שיינקייט, און פּלוצים אַוועק צו זיין אויטאָמאָביל, אַריינגעזעצט זיך און געהייסן פאָרן אַהיים. וואָס איז דאָס געווען פאַר אַן איינפאַל?

אָ, יאָ, ער האָט עס געמוזט. ער האָט דאָך נישט געקאָנט נאָכגיין נאָך איר, ווי אַ געשלאָגן יינגל! עס האָט אויסגעזען אַזוי העסלעך, אַזוי באַליידיקנדיק זיין נאָכגיין הינטער איר.

האָט ער נישט געדאַרפט נאָכגיין. ווער האָט אים געהייסן?

פאַרוואָס איז ער נישט געבליבן מיט דעם אַלטן ריינהאַרדט? שפּע־טער וואָלט ער צוגעקומען צו די איבעריקע געסט, צו די קעלנער־מאַנס, וואָלט באַגעגנט טערעזען מיט אַ שמייכל: „פאַרוואָס זייט איר פון מיר אַזוי אַנטלאָפן, טערעזע? איך האָב דאָך אייך גע־וואָלט זאָגן עפּעס וואַרעמס, עפּעס באַדייטנדיקס...״

ער האָט זיך אויסגעמאָלט, וואָס ער האָט געדאַרפט זאָגן און טאָן, און אַלץ, וואָס עס וואָלט ווייטער אַרויסגעקומען, ווען ער וואָלט געזאָגט און געטאָן, וואָס ער האָט געדאַרפט, און זיין האַרץ איז אים אויסגעגאַנגען פאַר בענקעניש.

ער האָט אַרויסגעקוקט פון די פענסטער פון זיין אויטאָ און געזוכט נאָר טערעזען, דעם פּאַרק, די באַנק, די דערנענטערונג וועלכע איז פאַרשוווּנדן ווי אַ דאַמף. ווען דער אויטאָמאָביל איז שטיין געבליבן פאַר דער טיר פון זיין הויז, האָט ער צוגעדריקט די אויגן און פאַנאַנדערגעריסן זיי, ווי ער וואָלט געוואָלט וואַך ווערן. זיין מוטער, וועלכע איז נישט געפאָרן צום געבורטס־טאָג, ווייל זי האָט זיך געפילט נישט גאָר מיט אַלעמען, האָט זיך געוווּנ־דערט, פאַרוואָס ער איז געקומען אַזוי פרי צוריק. ער האָט איר דערקלערט, אַז דאָרטן איז געווען צופיל מלחמה־געשפּרעך.

„אָבער דו זעסט אויס, ווי מען וואָלט דיך אַוועקגעשיקט אין דער מלחמה אָדער ווי דו וואָלסט געקומען פון דער מלחמה. אָדער ביזטו זייער הונגעריק?״

ער האָט זיך נישט געקאָנט געפינען קיין פּלאַץ אינדערהיים. דאָס בוך, וואָס ער האָט געלייענט און וואָס האָט אים שטאַרק אינ־טערעסירט, איז אים נישט געקראָכן אין קאָפּ. ער האָט עס צוגע־מאַכט. זיין בליק, וועלכן ער האָט אַריבערגעשיקט צו דער פּיאַנאָ, האָט זיך געגליטשט איבער עפּעס אַן אומבאַקאַנטן שטיק גלאַנ־ציקן מעבל, וואָס האָט אים גאָרנישט פאַרשפּראָכן. ער איז צו איר נישט צוגעגאַנגען.

ער האָט געבענקט. אָבער נישט מער נאָך טערעזען. זי איז פאַררוקט געוואָרן אין אַ ווייטקייט, ערגעץ הינטער אַ טיול־פאַר־האַנג. געוואָרן אומקלאָר, פאַרנעפּלט.

ער האָט געבענקט נאָך ליבע. ער האָט געוואָלט ליבן און

געליבט זיין. ער האָט געוואָלט די אָרעמס פון אַ יונגער פרוי אַרום זיך. לאַסקע, ליפּן, קושן.

ער איז אַנטלאָפן פון זיין צימער, ווי ער וואָלט געוואָלט אַנטלויפן פון זיך אַליין. ער איז אַרויס אין גאַס. די גאַס וועט אים ברענגען צושטרויאונג, פאַרגעסנקייט.

ער איז נישט געגאַנגען צום פּאַרק — ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם פרילינג אין דעם פּאַרק. ער איז געגאַנגען איבער דער שטיינערנער, בוימלאָזער עוועניו. די אויגן אָנגעשטעלט צו דער ערד — ער האָט נישט געוואָלט אַנטרעפן זיך מיט די בליקן פון די פאַרבייגייענדיקע פרויען. ער האָט זיך געשעמט פאַר דאָס, וואָס מוז איצטער ליגן אין זיינע אויגן.

ער איז געגאַנגען מיט דער בענקעניש אין האַרצן און מורא געהאַט צו געפינען פאַר איר ווערטער. ער האָט געזוכט אַנדערע געדאַנקען — צושטרויאונג פון דער בענקעניש. באַלד האָט ער געטראַכט: וואָס איז אים זיין רייכטום? ער געניסט דאָך נישט דאָס לעבן. מען מוז האָבן טאַלאַנט דאָס לעבן צו געניסן. ער איז שטענדיק געגאַנגען משונהדיקע דרכים. וווּהין האָבן אים זיינע דרכים געבראַכט? די מלחמה האָט געגעבן אַ טויט־קלאַפּ זיין אידעאַליזם. און אַט לויפט ער אַרום איבער די גאַסן פון ניו־יאָרק, אַן איינזאַמער, אַ ליבלאָזער, מיט דעם געשריי נאָך ליבע אין זיך. ווען ער וואָלט געווען, ווי אַלע אַנדערע יונגעלייט פון זיין קלאַס, וואָלט ער אַזוי נישט אַרומגעלאָפן. זיין לעבן וואָלט געהאַט גאָר אַן אַנדער געשטאַלט. ער וואָלט געהאַט מוט צו טאָן זאַכן. ער וואָלט דעמאָלט פון קעטרין נישט אַנטלאָפן. ער וואָלט טערעזען נישט ־ורייצט מיט אַ געשפּרעך, וועלכער איז גאַנץ נוצלאָז. ער וואָלט... ר וואָלט... ווען ער וואָלט געהאַט מוט צו טאָן זאַכן, וואָלטן דאָס די פרויען געשפּירט אין אים. און עס וואָלטן גאָר געווען אַנדערע באַציאונגען צו אים. ער וואָלט אַפילו גאָר אַנדערש אויסגעזען. ער וואָלט אַרויס פון זיין מיטלמעסיקייט. דער מוט וואָלט אים געמאַכט העכער אויסזען.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, געצויגן זיך אין דער הויך. אַ מענטש מיט מוט צו טאָן זאַכן וואָלט אַזוי געגאַנגען און וואָלט אויסגעזען העכער ווי ער איז. דעמאָלט וואָלט מען שוין גלייך באַ־

מערקט, אז ער האָט בלויע אויגן. דער מוט וואָלט זיי גאָר אַנדערש באַלויכטן. מוט צו טאָן — ווי וויכטיק דאָס איז! וואָס איז זיין רייכטום אָן דעמדאָזיקן מוט?

קאָן ער זיך אַריינאַרבעטן אין אים? אַט־אַזוי־אָ שטאַרקן זיך, אָפּטראַכטן עפּעס און גלייך עס טאָן. האָט ער עס דאָך גע־קאָנט מיט קעטרין...

ער איז פאַרבייגעגאַנגען די גאַס, אין וועלכער מעריאָן האָט געוואוינט. ער האָט צופעליק אויפגעהויבן די אויגן, דערזען דעם נומער פון דער גאַס און דערמאָנט זיך. נישט ווייט פונדאַנען וואוינט מעריאָן. זאָל ער אַריינגיין צו איר? וואָס וועט ער דאָרטן טאָן אין זיין איצטיקער שטימונג? ער וויל ליבע. זי האָט זי נישט פאַר אים. מיט פלירטן קאָן ער נאָך מעריאָן דערשרעקן. קאָן גאָר מעריאָן קושן? זי איז אַזוי ערנסט, שטענדיק ערנסט.

אָבער ער איז געגאַנגען אין דער ריכטונג צו איר הויז. ביז ער וועט דערגיין צום הויז, וועט ער אָפּטראַכטן. אפשר וועט דער צופאַל זיי צוזאַמענפירן. אפשר וועט ער פאַרשפּירן אַ שטוים אין זייט...

דער צופאַל האָט צו אים נישט אַרויסגעשיקט מעריאָן. קיין שטוים אין זייט האָט ער נישט פאַרשפּירט. ער איז געגאַנגען און פאַרבייגעגאַנגען. שנעל, דעם קאָפּ אָפּגעווענדט, מעריאָן זאָל אים נישט באַמערקן דורכן פענסטער, כאָטש די גאַרדינען אויף אירע פענסטער זיינען געווען אַראָפּגעלאָזן.

ער האָט זיך פאַרקערט אויף דער נעכסטער עוועניו. ווידער געגאַנגען קוואַרטאַל נאָך קוואַרטאַל, נענטער אַלץ צו דער גאַס, וווּ קעטרין האָט געוואוינט. ער האָט געוווּסט, וווּהין ער גייט, גע־טראַכט דערפון. ווי, ווען ער טרעפט זיך איצטער אָן מיט קעטרין? עפּעס האָט אויפגעציטערט אין אים, זיין פּולס האָט אָנגעהויבן שטאַרקער צו קלאַפּן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט געטראַכט וועגן מוט צו טאָן זאַכן. ער האָט ווידער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, ווידער געצויגן זיך אין דער הויך. ער וועט האָבן דעם מוט צו טאָן זאַכן. ווען ער טרעפט זיך איצטער אָן מיט קעטרין, שטעלט ער זי אָפּ. דערמאָנט מיט קיין איין וואָרט נישט, וואָס עס איז פאַר־

געקומען, און מיט דעם מוט צו טאָן זאַכן, וועט ער זי צווינגען צו גיין מיט אים, צו זיין מיט אים, צו געבן אים, וואָס ער זוכט.

ער האָט קעטרין נישט באַגעגנט. אָבער ער איז צוגעקומען נאָענט צו איר הויז. אויבן, אין איר צימער, איז געווען ליכטיק. קעטרין איז געווען אינדערהיים. ער איז פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי איר הויז. מיט אַ האַרץ־ציטער, וועלכער איז געווען אַ ווונטש, אַז די טיר זאָל זיך עפענען, עמעצער זאָל אַרויסקומען, עמעצער פון די שופראַס, אויב נישט קעטרין אַליין, זאָל אים אָפּשטעלן, זאָל אים איינלאַדן אַריינצוקומען.

די טיר האָט זיך נישט געעפנט, קיינער איז נישט אַרויסגעקומען. ער איז צוגעגאַנגען ביז צום עק גאַס, איז שטיין געבליבן. אין גאַס זיינען געווען ווייניק מענטשן. אַן אַלטער מאַן איז דורכגעגאַנגען. אַ יינגל מיט אַ פּעקל אויף זיין אָרעם אין פריילעכן פייפן. און דאָך האָט אַרנאָלד געהאַט דאָס געפיל, אַז אַרום אים זיינען אַ סך מענטשן, אומציייליקע אויגן זיינען געווענדט אויף אים, און אַלע ווייסן, אַז ער איז איצטער שטיין געבליבן, ווייל ער וויל זיך אומקערן צוריק און נאָכאַמאָל פאַרבייגיין פאַרביי קעטרינס הויז.

און ווען ער האָט זיך אומגעקערט און געלאָזן זיך גיין צוריק צו קעטרינס הויז, האָט ער געהאַט דאָס געפיל, אַז די אומציייליקע אויגן האָבן אים געזען, און אין אַלע די אומציייליקע אויגן האָט אויפגעשאָסן אַ געלעכטער. ער איז אַפילו רויט געוואָרן אין געזיכט.

ער איז פאַרבייגעגאַנגען, מיט די אויגן אויף טיר און פענסטער. די פענסטער זיינען געווען אָפן. אויך די טיול־פאָרהאַנגען זיינען נישט געהאַנגען מער. דאָס הויז האָט זיך געגרייט צום זומער. באַלד וועלן די באַלעבאַטים אַוועקפאָרן אויף זייער זומער־וווינונג ביים ים. אָבער קיינער האָט נישט אַרויסגעקוקט פון די פענסטער. עס האָט זיך אים נאָר אויסגעדוכט, אַז ווייט אין אויבערשטן צימער האָט מען זיך הויך צורעדט. רעדט דאָס קעטרין? ער האָט זיך צוגעהערט. אַ וואָגן איז פאַרבייגעפאָרן. דער גערויש האָט אים געשטערט. ער איז פאַרבייגעגאַנגען און האָט די שטימע נישט אויפגעכאַפּט.

ביים עק גאַס האָט ער זיך צוריק נישט אומגעקערט. ער איז געגאַנגען אַ קוואַרטאַל ווייטער. אַריין אין גאַס, פאַרקערט צו דער עוועניו, אָפּגעגאַנגען אַ קוואַרטאַל, אַרויסגעקומען צוריק צו דער שורה הייזער, צווישן וועלכע עס איז געשטאַנען דאָס שופראָ־הויז, און פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי דעם הויז, אַלץ אין דער דער־וואַרטונג, אַז קעטרין וועט אַרויסקומען. און אַלץ אין אויסמאָלן זיך, ווי ער וועט זי אָפּשטעלן.

זי איז אָבער נישט אַרויסגעקומען. און ער האָט נישט גע־וואָלט אַוועקגיין. עפּעס האָט אים דאָ צוגעהאַלטן — די נאָנטקייט קעטרינס, וועלכע ער האָט געזען אַזוי אַנטציקנדיק אין איר שפּאַ־נישן טוך, געפילט ווי אין דעם אויטאָמאָביל.

באַלד האָט ער זיך ווידער דערמאָנט וועגן מוט. וואָס וואָלט געטאָן איינער, וועלכער האָט מוט צו טאָן זאַכן? פאַרוואָס זאָל ער נישט צוגיין, אָנקלינגען, אַריינקומען? ער איז געשטאַנען עק גאַס און געטראַכט: זאָל ער עס טאָן? אויפהייבן דעם קאָפּ, אויס־ציִען זיך אין דער הויך, אויסוואַקסן. צוגיין, אָנקלינגען, אַריינ־קומען, מיט פייער אין די אויגן, מיט דעם דרעאָבערער אין דער שטימע. איינער, וועלכער נעמט זיך זאַכן. איינער, וועלכער מאַכט די אַנדערע צו טאָן, וואָס ער וויל.

ער האָט נישט געקאָנט אויפהייבן דעם קאָפּ, נישט געקאָנט אויסציִען זיך אין דער הויך, נישט געקאָנט אויסוואַקסן. עפּעס אַ שווערע משא איז אים געלעגן אויפן רוקן. זיינע פיס זיינען אים געלעגן אין קייטן.

איצטער האָט ער מורא באַקומען פאַרבייצוגיין פאַרביי איר הויז. ער האָט זיך געשעמט, וואָס ער האָט נישט דעם מוט צו טאָן זאַכן. ער איז אַוועק צו דער עוועניו דאָרטן פאַרקערט זיך אין אַוועק אַהיים. אַ געשלאָגענער, אַ מוטלאָזער, מיט אַ גרויסער בענ־קעניש אין האַרצן.

## V

אין מיטן מאַי איז אַרנאָלדס מוטער אַוועקגעפאָרן אויף איר זומער־פּלאַץ ביים ים, נישט ווייט פון ניו־יאָרק. אַרנאָלד איז נישט מיטגעפאָרן. זיין גאַנצער קרייז איז דאָרטן געווען, און ער האָט זיך נישט געוואָלט באַגעגענען מיט קיינעם. ער האָט זיך געפילט איינזאַם און באַקלעמט. דורך דער מלחמה.

ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון ניו־יאָרק, אַ יונגער, געזונטער מענטש, און געפילט אויף זיך די פרעגנדיקע בליקן פון די מענטשן־כאַפּער, וועלכע האָבן זיך אַ נאָמען געגעבן פּאַטריאָטן און געמאַכט זיך אַ געשעפט אָפּצושטעלן יונגעלייט און אַריינרעדן אין זיי, זיי זאָלן זיך אָנגעבן אין דינסט און אַוועקגעשיקט ווערן אין פראַנקרייך, דערהרגעט צו ווערן פאַר עפּעס, וואָס איז די יונגעלייט אַבסאָלוט נישט נוגע געווען. און נישט איינמאָל האָט ער געטראַכט, אַז ווען ער וואָלט געווען אַ מענטש, וועלכער מוט זאַכן, האָט ער געדאַרפט נעמען דאָס וואָרט נאָך אַזאַ מענטשן־כאַפּער און מבטל זיין אים, באַווייזן אים, אַז ער ווייס נישט, וואָס ער רעדט.

ער האָט ליב געהאַט צו שטיין און הערן די רעדעס פון די מענטשן־כאַפּער. אַלע האָבן זיי גערעדט אויף איין נוסח, ווי ערגעץ־ווו האָט מען אויסגעשריבן די רעדעס, און די רעדנער האָבן זיי אויסגעלערנט אויף אויסווייניק און אַרויסגעשריען זיי אויף די עקן פון די גאַסן פּאָפּוגאַי־מעסיק, דאַכט זיך, אַפילו מיט דיזעלביקע באַוועגונגען, אַקוראַט ווי אימיצער האָט זיי איינגעשטודירט.

צוויי הויפט־מאָטיוון פאַר דער מלחמה: ערשטנס, די זי־בערקייט פון אַמעריקע, וועלכע איז אין געפאַר, די דייטשע לעגיאָנען זאָלן זי נישט באַפאַלן פון וואַסער און פון דער לופט און פאַרכאַפּן און פאַרוויסטן זי; צווייטנס, די זיכערקייט פון דער דעמאָקראַטיע אין דער וועלט, וועלכע מוז געווונען ווערן דורך דער מלחמה. די ביידע הויפּט־מאָטיוון, אונטערגעשטאַרקט מיט אַ סך אַנדערע, דער עיקר מיט די אַכזריותן פון די דייטשע סאָלדאַטן אויפן ים און אויף דער יבשה. דאָס איז געווען דער אינהאַלט פון אַלע רעדעס, מיט וועלכע מען האָט אַפּעלירט צו די אַמעריקאַנער יונגעלייט, זיי זאָלן אָפּגעבן זייערע לעבנס.

אַרנאָלד פלעגט הערן און שמייכלען. ווי לייכט עס איז צו־צושלאָגן די רעדנער; ווי לייכט עס איז צו באַווייזן, אַז עס איז אוממעגלעך פאַר דייטשלאַנד אַריבערצושיקן אַן אַרמיי און צו פאַרוויסטן אַמעריקע. מען קאָן עס דאָך מאַטעמאַטיש באַווייזן. מען קאָן עס לעכערלעך מאַכן, ווי דעם אוממעגלעכסטן אַבסורד. און אַזוי אויך איז עס העכסט לעכערלעך צו ווילן איינרעדן דעם עולם, אַז ענגלאַנד, פראַנקרייך, רוסלאַנד, יאַפּאַן, איטאַליע און רומעניע שלאָגן זיך פאַר דעמאָקראַטיע, פאַר די אידעאַלן און פּרינ־ציפּן פון דעמאָקראַטיזם, ווען די מגושמדיקע מאָטיוון פון דער מלחמה זיינען אַזוי קלאָר און דייטלעך.

פאַרוואָס שטייט ער בלויז און שמייכלט? אמת, אַ סך מאָל האָט עס אים פאַרדראָסן, פאַרוואָס ער איז נישט העכער פאַר אַלע־מען אין זיער צוהערנדיקער מאַסע. ווען ער וואָלט געווען העכער, וואָלטן אַלע געזען זיין חוזק־שמייכל, זיין פאַראַכטונג צו די רעד־נער. אָבער דאָס איז דאָך געווען נישט מער ווי אַ פרומער ווונטש. ער איז פאַרט נישט געוואָקסן העכער. ער איז דעם עולם נישט אַרי־בערגעוואַקסן. ער האָט זיך אַפילו נישט געפּרוּווט אויפהייבן אויף די שפּיץ־פינגער. אָבער אויך פון די נאָנטסטע אַרום אים אין דעם געזעמל איז זיין חוזק־שמייכל געבליבן פאַרבאָרגן. ער האָט דאָך געשמייכלט בלויז אין זיך, ווי ער האָט אויך דעבאַטירט מיט די רעדנער בלויז אין זיך. ניין, ער איז נישט געבאָרן געוואָרן צו גרויסע טאַטן. און דאָס האָט אים זייער טרויעריק געמאַכט. אַ סך

טרויעריקער, ווי אין יענעם אָוונט, ווען ער האָט זיך נישט געקאָנט אויפהייבן צו אַ טאַטן ביי דער טיר פון קעטרינס הויז.

און איינמאָל האָט ער זיך געפילט אַזוי דערנידעריקט אין זיין שוואַכמוטיקייט, ווי נאָך קיינמאָל נישט פריער. עס איז געווען אַ שיינער טאָג סוף מאַי. די זון האָט באַגאָסן די גאַסן פון ניו־יאָרק מיט אַ גרויסער היץ, און די אומצייליקע מענטשן, וועלכע מאַכן ענג די ניו־יאָרקער גאַסן, האָבן זיך געשלעפּט פויל און אָפּ־געלאָזן, אָפּגעקנעפּטע, אָפּגעדעקטע, שוויים־געבאָדענע. די מענטשן־כאַפּער אויף די עק־גאַסן ביי אויפגעשטעלטע געצעלטן האָבן גע־האַט גרויסע מאַסן אַרום זיך. עס איז געווען לייכטער צו שטיין ווי צו גיין אין דער ברענענדיקער היץ פון טאָג. די רעדעס מיט דער גאַנצער טעטיקייט אַרום די געצעלטן איז געווען אַביסל צו־שטרויאונג, פאַרגעסנקייט, אָפּקילונג. און דאָס איז אויך גוט.

אַרנאָלד האָט געדאַרפט דורכגיין איינע פון די געשעפטיקסטע גאַסן ניו־יאָרקס. אויף איין עק גאַס איז געשטאַנען אַ גרויסער עולם. אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג, געדיכט מיט מענטשן. פונדערווייטנס שוין האָט ער געזען, אַז אַ פרוי רעדט דאָ. ער האָט אויפגעלאַכט. ער קען זיי, די רייכע דאַמען, וועלכע רעדן פאַטריאָטיזם, ווייל זיי קע־נען נישט פאָרן אויף זומער אין פאַריז און אין די שפּיל־פּלעצער פון דער פראַנצויזישער ריוויערע!

ווי איז ער אָבער נאָך איבערראַשט געוואָרן, ווען ער האָט דערקענט אין דער דאַמע מרס. שופּרא. ער וואָלט געלאַכט און גע־לאַכט. די מלחמה פאַרדינט נישט קיין בעסערע העלפערין.

זי איז געווען אָנגעטאָן זייער שיק. אַ ווייס פרינצעסין־קלייד מיט בעלגישע טיול־איינזאַצן, אָן אַרבל, האָט קורץ און קנאַפּ פאַר־דעקט איר קערפּער. ווייסע שיכלעך און ווייסע, זיידענע, דורכזיכ־טיקע זאָקן האָבן באַדעקט אירע פיס. אַ גרויסער שוואַרצער הוט האָט באַשאָטנט איר שיינעם, שוואַרץ־חנעוודיקן פּנים און אירע שוואַר־צע, ברענענדיקע אויגן. ביים גאַרטל איז געווען צוגעשפּיליעט אַ בוקעט פון „פאַרגעסמיכנישט״. מען האָט געזען, אַז די דאַמע וויל מאַכן אַן איינדרוק מיט איר אויסזען, נאָכמער ווי מיט איר רעדן. און דער עולם אַרום איר האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. די שיינע דאַמע מיט געשיקטע באַוועגונגען פון אַ מענער־כאַפּערין

האָט געפאַנגען די בליקן פון די פאַרבייגייענדיקע מענער, פון יונגע און אַלטע. און זיי זײַנען געבליבן שטיין נישט צו הערן, נאָר צו קוקן, און אין דעם קוקן געפינען נאָכמער פאַרגעסנקייט פון דער זון־היץ, וועלכע האָט זיי אַרומגענומען, ווי אַן אָנגעבערענטער מאַנטל.

וואָס זי האָט געזאָגט, האָבן זיי שוין אַ סך מאָל געהערט. די רעדע איז געוועזן אַן אויסגעלערנטע. נאָר האָט מען זיך געוווּנ־דערט, ווען די אַזוי יונג־אויסזעענדיקע דאַמע האָט גערעדט פון איר זון, וועלכער איז אַוועק אין סאָלדאַטן. איז עס מעגלעך — אַ זון? ווי אַלט קאָן זײַן דער זון? מסתמא איז עס בלויז אַ פראַזע— די געוויינלעכע פראַזע, וועלכע איז אַרײַנגעשריבן אין די רעדעס פון די פּאַטריאָטישע דאַמעס, און זי, די נישט־פּראַקטיצירטע רעדנערין, האָט פאַרגעסן זי אויסצולאָזן, אָדער זאָגט דעם ליגן צוליב גרעסערן עפעקט. פאַרוואָס רעדט זי בעסער נישט פון אירע געליבטע? דאָס וואָלט מען איר בעסער געגלויבט, און דאָס וואָלט געוועזן עפעקטפולער.

אַרנאָלד האָט זיך גענומען דורכשטופּן צו די פאָדערשטע שורות. זאָל זי אים דערזען. איר צונג וועט זיך איר צוקלעפּן צום גומען, ווען זי וועט אים דערזען. זי וועט זיך שעמען צו שפּילן פאַר אים די גרויסע פּאַטריאָטקע — פאַר אים, וועלכער ווייס די גאַנ־צע שמוציקייט פון איר לעבן. און זיכער וועט זי זיך נישט דער־וועגן צו באַרימען פאַר אים מיט איר זון, וועלכער האָט זיך אָנ־גענעבן אין דינסט, ווײַל ער האָט נישט געקאָנט מער אַריבער־טראָגן די אַטמאָספערע פון זייער הויז.

זי האָט אים דערזען, אָבער איר צונג האָט זיך נישט צוגע־קלעפּט צום גומען. זי איז נאָך רעדעוודיקער געוואָרן. זי האָט זיך נישט בלויז נישט פאַרשעמט פאַר אים, נאָר מיט דעם טאָן פון אַ רופערין פון דער „סאַלוויישאַן־אַרמיי" האָט זי זיך גע־ווענדט צו אים, ווען ער האָט זיך געשטופּט צו די פאָדערשטע שורות:

„קומט, קומט, מר. לעווענבערג! לאָזט דורך דעם יונגן מענטשן! מאַכט אַ וועג פאַר אים! ער קען מײַן זון, מײַן טײַערן יונג, מײַן בען. ער ווײַל אים געוויס נאָכטאָן. קומט, קומט, מר.

לעווענבערג! אונזער פאָטערלאַנד וואַרט אויף אַזעלכע יונגע מענטשן, ווי איר. אָנקל סעם דאַרף אייך נויטיק האָבן!"

דער עולם האָט זיך אומגעקוקט אויף אַרנאָלדן. מען האָט זיך פאַנאַנדערגעטיילט, געמאַכט אַ וועג פאַר אים. ער איז געבליבן שטיין, פאַרלאָרן, פאַרשעמט, נישט געוווּסט, וואָס צו זאָגן, וואָס צו טאָן. פאַרוואָס טוט ער נישט איצטער, וואָס עס האָט זיך אים אַזוי אָפט פאָרגעשטעלט און פאָרגעשפּילט? פאַרוואָס נעמט ער נישט דאָס וואָרט — איצטער, ווען אַלע אויגן זיינען געווענדט אויף אים, ווען ער איז אַ מיטלפּונקט? פאַרוואָס דערציילט ער נישט, אַז די דאַמע האָט שטאַרק נישט געוואָלט ליידן, וואָס איר בעַן איז אַוועק אין סאָלדאַטן, ווייל זי האָט געדאַרפט, ער זאָל באַצאָלן אירע קאַרטן־חובות, און ער איז אַוועק דינען, ווייל ער האָט געהאַסט זיין היים, וועלכע האָט אויפגעהערט צו זיין אַ היים?

מרס. שופּרא האָט זיך ווידער געווענדט צו אים:

„קומט, מר. לעווענבערג! דער וועג איז אָפן פאַר אייך. די גוטע בירגער האָבן אים אייך פריי געמאַכט, כדי נאָכדעם נאָכקומען נאָך אייך. איר זעט, בירגער, דער יונגער מענטש איז באַקאַנט אַלס פראָ־דייטש, און אָט קומט ער..."

איצטער מוז ער גיין פאָראויס אָדער אומקערן זיך צוריק. אָדער עפּעס זאָגן. אַרנאָלד האָט אויפגעטאָן זיין מויל, עפּעס צו זאָגן.

„אַנטשולדיקט, מרס. שופּרא! איר האָט שלעכט אויסגעטייטשט מיינע באַוועגונגען..."

דער עולם האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

„ער האָט געקראָגן „קאַלטע פיס"!"

„ער האָט זיך געשטופּט אין די ערשטע רייען, ווייל ער האָט געמיינט, אַז ער איז אין מעטראָפּאָליטאַן אָפּערע־הויז."

„דערשראָקן זיך!"

די פאַנאַנדערגעטיילטע רייען האָבן זיך צוריק צוגעשלאָסן. אויגן האָבן אים בייז אָנגעקוקט, ער איז אָפּגעשטופּט געוואָרן אויף הינטן. פון הינטן אָבער האָט מען אים געשטופּט נאָך פאָרנט. עס האָט אויסגעזען, אַז ער וועט באַלד ווערן אַ שפּיל־

באַל אין די הענט פון דער מאַסע. מרס. שופּרא האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן, דער עולם האָט זיך צולאַכט. מען האָט זיך אומגעקוקט אויף אים מיט חוזק און פיינטשאַפט. ער איז קוים אַרויס פון דער קלעם און אַוועק זיין וועג. עס איז אים געווען, אַז ער האָט גוט אָפּגעשניטן. ער האָט געהערט נאָכגעשרייען: „דייטש! הונע!" פיינטלעכע געשרייען פון מענטשן, צו וועלכע די דאַמע האָט אַפּעלירט, גערופן זיי, געבעטן זיי, און פון וועלכע קיין איינער האָט זיך נישט געריררט צו מקריב זיין זיך אויף דעם מזבח פון זיין פאָטערלאַנד, כאָטש אַזאַ שיינע דאַמע איז געווען די פּריסטערין.

אַרנאָלד איז געגאַנגען דערשלאָגן, דערנידעריקט. ער האָט געפילט, אַז אייגנטלעך האָט ער גוט געטאָן, וואָס ער האָט גאָרנישט געזאָגט. די מאַסע וואָלט אים זיכער געלינטשט. אָבער אַוועקגיין ווי אַ פּחדן, ווי אַ פיינט!... פאַרוואָס האָט ער נישט געפונען אין זיך קיין מוט?

ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אויף נאָך אַזעלכע פאַרזאַמלונגען. ער איז נישט שטיין געבליבן, נאָר לאַנגזאַם פאַרבייגעגאַנגען. זיין אויער האָט אויפגעכאַפּט באַקאַנטע, שוין געהערטע שטיקלעך פראַזן. און ער האָט געזען דיזעלביקע מאַסע. מען האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט די רעדנער, אריינגענומען אין זיך די אָפיציעלע ווערטער. „דייטש" און „הונע" און „באָש" האָבן אַרויסגערופן אַ ציטער, אַ בייזקייט, אַ האַס. און זאָל עמעצער אין דעם מאָמענט אָנווייזן אויף אַ דייטש אין דעם עולם, וועט מען זיך אַרויפוואַרפן אויף דעם שרעקלעכן, ווי ווילדע חיות, און אַרויסרייסן פון אים דאָס ביסל לעבן, אַקוראַט ווי דאָס גאַנצע לעבן פון דער אַמעריקאַנער נאַציע וואָלט אָפּגעהאַנגען פון זיין טויט. און דאָך האָט זיך זעלטן ווען אַ יונגער מענטש אַרויסגעשטעלט פון דער מאַסע און דערפרייט דאָס הארץ פון די מענטשן־כאַפּער.

און דאָס איז געווען אַרנאָלדס דערקוויקנדיקע טרייסט: די יונגע מענטשן פלעגן אויסהערן די רעדעס פון די מענטשן־כאַפּער און — פלעגן זיך צוגיין. ער האָט זעלטן געזען, אַז די יונגע מענטשן זיינען באַאיינפלוסט געוואָרן פון די פּאַטריאָטישע

רעדעס. דאָס האָט אים געגעבן אַ געפיל פון טריאומף. דעמאָלט האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און איז געגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער. איר זייט געשלאָגן, מלחמה־קאָרשונעס! איר קריגט אונז נישט. מיר געבן זיך אייך נישט. מיר לאָזן זיך נישט פאַרפירן פון אייך. גייט אַליין אין דער מלחמה, אויב איר ווילט זי. די אַמעריקאַנער יוגנט וועט אייער קאַנאָנען־פלייש נישט זיין. די אַמעריקאַנער יוגנט ליבט איר פאָטערלאַנד בעסער ווי איר, דערפאַר וויל זי בעסער לעבן פאַרן פאָטערלאַנד, איידער שטאַרבן פאַר די געשעפטס־לייט פון אייראָפּע און זייערע שותפים אין אַמעריקע. איר זייט געשלאָגן, מלחמה־פאַרברעכער! איר וועט נישט האָבן קיין אַרמיי!

אַזוי און נאָך מער פלעגט עס אָפּט אין אים שרייען, און דעמאָלט איז ער געגאַנגען דעם קאָפּ אויפגעהויבן און געצויגן זיך אין דער הויך. זאָל מען אים זען. וועט מען אים נישט דערפילן? וועט מען נישט אַרויסהערן, וואָס עס שרייט אין אים?

איין טאָג, אין אָנהויב יוני, ווען ארנאָלד איז געווען מער ווי אַלעמאָל אַליין און איינזאַם אין דער גרויסער שטאָט, איז אים איינגעפאַלן צו זעצן זיך אין פארבינדונג מיט זיינע באַקאַנטע רוסן, איינלאַדן זיי צו מיטאָג אָדער אָוונט־ברויט און פאַרברענגען מיט זיי אַ פּאָר שעה. ער האָט געוואָלט וויסן זייער באַציאונג צו דער מלחמה. און זיצן אַ פּאָר שעה און קוקן אויף מיס מאַנקאַף איז אויך עפּעס ווערט.

ער האָט נישט געוווּסט איר אַדרעס, און אויך מאַרדינס אַדרעס האָט ער נישט געוווּסט. אָבער ער האָט געוווּסט, מיט וועלכער יוניאָן פעלדמאַן איז פאַרבונדן. ער האָט אים אָפּגערופן. פעלדמאַנס שטימע האָט אים געקלונגען זייער פריינטלעך. ער האָט געפילט דעם אַרבעטער־פירערס שמייכל.

„וואָלט איר געוואָלט האָבן אָוונט־ברויט און פאַרברענגען אַ פּאָר שעה מיט אַן איינזאַמען אומפאַרבעסערלעכן פּעסימיסט?‟ האָט ער געפרעגט פעלדמאַנען.

„אין דער האָפענונג, אַז עס איז דאָ נאָך אַ האָפענונג דעם אומפאַרבעסערלעכן פאַרבעסערלעך צו מאַכן, נעם איך אָן די איינלאַדונג,‟ האָט פעלדמאַן אָפּגעענטפערט.

„איך וואָלט געוואָלט אויך האָבן מר. מאַרדין און מיס מאַנקאַף — איר האָט דאָך גאָרנישט דאַקעגן?‟

„געווים נישט.‟

„קאָנט איר מיר געבן זייערע אַדרעסן?‟

פעלדמאַן האָט אים נאָר געקאָנט געבן דעם אדרעס פון דער רעדאַקציע, אין וועלכער מארדין האָט געאַרבעט. ווי צו דערגרייכן מים מאַנקאָף, האָט ער נישט געוווּסט. „אָבער," האָט ער צוגע־געבן, „מר. מארדין ווייס זיכער איר אדרעס." ער האָט אויך צו־געגעבן, אַז עס קאָן זיין, אַזביידע זיינען שוין נישטאָ אין שטאָט.

מארדין און מים מאַנקאָף זיינען נאָך געווען אין שטאָט, אָבער טאַקע ערב זייער אָפּפאָר: מארדין האָט זיך געקליבן אין די בערג, מים מאַנקאָף צום ים. אויף אַרנאָלדס דרינגענדיקער בקשה האָט זיך אָלגאַ אָפּגעזאָגט פון אַן אַרבעט, וועלכע זי האָט נאָך געדאַרפט אָפּטאָן פאַר איר אָפּפאָר. און אויף מאָרגן האָבן זיי זיך אַלע פיר געטראָפן צו אָוונט־ברויט אין דעם קלוב, אין וועלכן ער איז געווען אַ מיטגליד. מארדין און פעלדמאַן זיינען געקומען מיט אַנטשולדיקונגען: מארדין וועט מוזן אוועקגיין ניין אַזייגער, פעלדמאַן האָט געהאַט אַן אומדערוואַרטעטע זיצונג אום האַלב צען. אַרנאָלדן איז דורכגעלאָפן: אַבי מים מאַנקאָף זאָל נאָר בלייבן...

די געסט זיינען געווען פינקטלעך. אַלע דריי צו דער מינוט געקומען, און אַרנאָלד, וועלכער האָט זיך צוגעקליבן צו וואַרטן אויף זיי אין פאָרצימער פון דעם קלוב, איז געווען צופרידן. ער האָט געכאַפּט אַ שנעלן בליק אויף דעם אָנטאָן פון די מענער. אַזוי וואָלט ער אויך אַ קוק געטאָן, ווען ער וואָלט געהאַט פאַר זיך אַפריקאַנער. זיי זיינען אָבער געווען אָנגעטאָן נישט אַנדערש, ווי ער. זומערדיק, אָן וועסטן, אין שטרוי־היט, די העמדער אָן אַ פּגימה וויים, די קראַוואַטן אויסגעבונדן אין פייגל איבער ווייכע קראַגנס. פעלדמאַן איז געווען אין אַ ווייסן אַנצוג, מארדין אין אַ בלויען, דורכגעוועבט מיט ווייסע פעדעם. אָבער ביידע מיט געלע האַלב־שיך אויף די פיס. מארדין האָט נאָך געטראָגן דינע זיידענע הענטשקעס אויף זיינע הענט און אַ שטאָק מיט אַ זילבער־נעם קאָפּ. מים מאַנקאָף איז געווען אָנגעטאָן אין ווייסן, נאָר איר הוט איז געווען העל־בלוי, און אויפן האַלז האָט זי געטראָגן אַ שנירל העל־בלויע קאָראַלן — הוט און קאָראַלן האָבן שאַרף אַרויסגעבראַכט די בלויקייט פון אירע אויגן און די ווייסקייט פון איר געזיכט, וואָס איז איצטער געווען באַדעקט מיט אַ געזונטער

רויטקייט פון א זומערדיקן טאָג. די אַנצוגן פון זיינע געסט זיינען געווען פּאַרטיק געקויפטע, אוז מאַרדינס שטאָף־אַנצוג איז זיכער געווען אַ סך ביליקער פאַר זייז העל־גרויען אַנצוג. אָבער אַרנאָלד איז געווען צופרידן. ער קאָן זיך רואיק באַווייזן מיט זיינע רו־סישע געסט אין דעם עס־זאַל פון דעם רייכן קלוב, וועלכער האָט זיי געווים נאָך קיינמאָל נישט געזען. ער איז אַפילו געווען שטאָלץ מיט מיס מאַנקאָף. ער האָט געוווסט, אַז אויגן ווענדן זיך אויף איר ווענדן.

זיי האָבן זיך צוזעצט אַרום אַ קיילעכדיקן טיש, אין דער נישע פון אַ פענסטער. אַרנאָלד האָט טיש און פּלאַץ טעלעפאָניש באַשטעלט. אויפן טיש האָט זיך אויך געפונען אַ גרויס פיר־עקיק קאַרדאָן מיט דעם וואָרט „רעזערווירט". דאָ זיינען זיי גע־וועזן אַביסל אָפּגעטיילט פון די אַרומיקע געסט, וועלכע האָבן אויסגעפילט דאָס גרויסע צימער. דאָ האָבן זיי געקאָנט זיין מער אָדער ווייניקער אַליין און אומגעשטערט.

אַרנאָלד האָט געוואָלט, אַז מיס מאַנקאָף זאָל זיין די טיש־באַלעבאָסטע. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט. זי וויל זיין גאַסט. זי האָט זיך בכלל געהאַלטן אַביסל צו־קגעצויגן און קאַלט. ער האָט זיך געוווּנדערט, פאַרוואָס זי האַלט זיך אַזוי: ביים טעלעפאָן איז זי געווען צוגעלאָזענער.

דאָס געשפּרעך נאַטירלעך האָט זיך גלייך געווענדט צו דער מלחמה. זיי זיינען אַלע געווען קעגן איר. פּרעזידענט ווילסאָנס נייסטרייכע דערקלערונגען האָבן נישט געענדערט די מיינונגען פון די רוסן. אַרנאָלד איז געווען גליקלעך. איבערהויפּט האָבן אים אינטערעסירט פעלדמאַנס מיינונגען. ער האָט געפונען אין פעלד־מאַנען אַ קענער פון דער אַמעריקאַנער געשיכטע און אַ מענטשן מיט אַ שאַרפן אַנאַליטישן פאַרשטאַנד. וואָלט ער נאָר זיין גאָפּל־מעסער ריכטיק געברויכט...

אַרנאָלד האָט אויסגעדריקט זיין טריאומף:

„מיינט איר נישט, אַז אונזער רעגירונג איז געשלאָגן? זי האָט אַריינגעוואָרפן דאָס לאַנד אין דער מלחמה, אָבער זי וועט קיין אַרמיי נישט האָבן. דאָס לאַנד וויל נישט די מלחמה, די יונ־געלייט וואָלונטירן נישט."

פעלדמאַן האָט אַריינגעלייגט אַ שטיק קאַרטאָפל מיטן מע־סער אין מויל אַריין און רואיק אַרויסגערעדט:

„אין אַ חודש, העכסטנס אין צוויי, וועלן מיר דאָ האָבן קאָנסקריפּציע."

אַרנאָלד, וועלכער האָט געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזן, אום נישט צו זען, ווי פעלדמאַן געברויכט דאָס מעסער אָנשטאָט אַ גאָפּל, האָט נישט ווילנדיק אויפגעהויבן אויף אים די אויגן.

„איר מיינט אַזוי?" האָט ער איבערראַשט אַרויסגערעדט.

„און איר מיינט עס נישט? לייענט איר קיין צייטונגען נישט? מען אַרעסטירט דאָך שוין די, וועלכע אַגיטירן קעגן קאָנסקריפּ־ציע."

אַרנאָלד האָט דאָס געוווּסט. געוווּסט, אַז קאָנסקריפּציע איז שוין אַ באַשלאָסענע זאַך, אָבער ער האָט אַלץ נישט געוואָלט גלויבן.

„איך קאָן עס מיר נישט דענקען," האָט ער געזאָגט.

„זייט איר אַן אומפאַרבעסערלעכער אָפּטימיסט," האָט פעלדמאַן געלאַכט.

„די רעגירונג וועט זיך נאָך איבערלייגן. זי וועט דאָך מיט אירע אייגענע הענט טרייבן דאָס לאַנד צו רעוואָלוציע."

„עס הייבט זיך נישט אָן. מיר לעבן דאָך אין אַ דעמאָקראַ־טיע. אַלץ וועט אַראָפּגיין כשורה. די רעגירונג וועט דערגרייכן אירס. דאָס לאַנד וועט אַראָפּשלינגען קאָנסקריפּציע, ווי עס האָט אַראָפּגעשלונגען די דערקלערונג פון דער מלחמה. די רעגירונג וועט האָבן איר אַרמיי. די יונגעלייט, וועלכע האָבן זיך נישט געוואָלט געבן, וועלן גענומען ווערן. מיר מוזן געווינען די מלחמה."

אַרנאָלדן איז דורכגעגאַנגען קאַלט און וואַרעם פון פעלד־מאַנס ווערטער און פון דער זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, מיט וועלכער ער האָט גערעדט. ווי האָט ער אַ האַרץ צו זיין אַזוי זיכער?!

„מיר מוזן געווינען די מלחמה!" האָט ער געזאָגט מיט אַ טאָן, אַקוראַט ווי פעלדמאַן אַליין גייט איינפירן קאָנסקריפּציע און ער מוז אים איבערצייגן אין דער פאַלשקייט פון זיין שריט און איינבעטן זיך ביי אים, ער זאָל דעם שריט נישט מאַכן. „מיר וועלן

דאָך נישט איינפירן קינדער־אַרבעט אין די מוניציע־פאַבריקן, אַפּי נאָר געווינען די מלחמה וואָס שנעלער!״

„פאַרוואָס נישט?״ האָט פעלדמאַן קאַטעגאָריש געענט־פערט.

אַרנאָלד האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויסע שרעק־אויגן, ווי ער וואָלט אָנגעקוקט אַ גזלן.

„איר דענקט, אַז אויך דאָס איז מעגלעך?״

„אַלץ וועט דאָ מעגלעך זיין, און אַלץ וועט דאָ זיין. אַלע דעראָבערונגען, וועלכע די אַרבעטער האָבן געמאַכט פאַר אַלע יאָרן פון ביטערן קאַמף, וועלן אָפּגענומען ווערן ביי זיי אָן קיין שום לאַנגע וויכוחים — אין נאָמען פון דער הייליקער מלחמה.״

„אָבער פאַרשטייט, מר. פעלדמאַן, אַז קאָנסקריפּציע איז קעגן די טראַדיציעס פון אונזער לאַנד. מיר האָבן זיך שטענדיק געהאַלטן אָן דעם סיסטעם פון פרייוויליקן דינסט. דאָס איז אין איינקלאַנג מיט אונזער דעמאָקראַטיזם. מיר וועלן די טראַדיציע נישט ברעכן.״

„מיר וועלן זי ברעכן,״ האָט אַרויסגערעדט פעלדמאַן, רו־איק, שאַרף, אַ קאַלטער גזלן מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן.

„באַגרייפט איר נישט, אַז קאָנסקריפּציע וועט אויפעפענען טיר און טויער פאַר מיליטערישע איבונגען פאַר אונזער יוגנט אין די קאָלעדזשעס און אוניווערזיטעטן?״

„איך באַגרייף עס זייער גוט.״

„באַגרייפט איר נישט, אַז דאָס מיינט איינפירן מיליטאַ־ריזם ביי אונז אין לאַנד, אַוועקשטעלן דאָס לאַנד אונטער דער קאָנטראָל פון די פעלדפעבלס און אונטעראָפיצירן, אַראָפּזינקען צום פּרוסיאַניזם, וועלכן די מלחמה וויל כלומרשט באַזיגן און אָפּשאַפן?״

„איך באַגרייף דאָס אַלץ זייער גוט. און אונזער רעגירונג באַגרייפט עס נאָך בעסער, און דאָך — — אָבער איר האָט אַליין זייער גוט אַריינגעשטעלט דאָס וואָרט „כלומרשט״. דער אמת איז, אַז די מלחמה וויל גאָרנישט אָפּשאַפן דעם פּרוסיאַניזם. מען וויל

נאָר איינפירן דעם פּרוסיאַניזם. דער פּרוסיאַניזם איז אַ גוטע סגולה קעגן אַ פאַרדרינגענדיקן, פּאַראויסמאַרשירנדיקן אַרבעטער־קלאַס. מיר האָבן איצטער אַ זייער רואיקע, פרידלעכע אַרבעטער־באַוועגונג, אַ באַוועגונג, וועלכע איז גאַנץ אָן ציינער און עסט גאַנץ רואיק פון די הענט פון די באַלעבאַטים. אָבער מען קאָן קיינמאָל נישט וויסן. איבער אַ נאַכט קאָנען איר אויסוואַקסן ציי־נער, זי קאָן ווערן אַגרעסיוו און בייסיק. עס איז זייער נוצלעך צו האָבן אין לאַנד אַביסל מיליטערישע איבונג אונטער פעלד־פעבלס און אונטעראָפיצירן. עס קאָן זייער גוט צונוץ קומען קעגן — דעם אינערן שונא.״

אַרנאָלד האָט געהערט אין דידאַזיקע ווערטער דעם פּעדאַנ־טישן סאָציאַל־דעמאָקראַט, דעם מאַרקסיסט, ביי וועלכן די מענטש־הייט איז איינגעטיילט אין צוויי קלאַסן, און אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין דער וועלט, איז דער רעזולטאַט פון דעם קאַמף צווישן דיביידע קלאַסן. ער איז געווען אומגעדולדיק. ער האָט געוואָלט רעדן וועגן קאָנסקריפּציע. ער האָט געוואָלט איבערצייגן פעלדמאַ־נען אין איר אוממעגלעכקייט. ער האָט אויסגעשפּילט זיין לעצטע קאָרט.

,,קאָנסקריפּציע איז אַ פאַרגוואַלטיקונג פון דער געוויסן־פרייהייט, וועלכע אונזער קאָנסטיטוציע גאַראַנטירט אונז. די יונ־גע מענטשן, וועלכע וואָלונטירן נישט, באַווייזן דערמיט, אַז זיי זיינען קעגן דער מלחמה, אַז זיי גלויבן נישט אין איר — ווי־זשע קאָן מען זיי צווינגען דורך קאָנסקריפּציע? אָט איך בין קעגן מלחמה, מיין געוויסן איז קעגן מלחמה, ווי קאָן מען מיך פאַר־גוואַלטיקן דורך קאָנסקריפּציע? ווי קאָן מען מיך און אומצייליקע צו מיר צווינגען צו טאָן, וואָס מיר גלויבן נישט?״

,,ועט טאַקע זיין, אַז איך און ווי צו די, וועלכע גלויבן נישט אין דער מלחמה.״

,,מיינט איר, אַז מען וועט מיך צווינגען?״

,,גאַנץ באַשטימט.״

,,און באַשטראָפן, ווען איך וועל נישט פאָלגן?״

,,אָן צוויפל. שווער באַשטראָפן.״

„אוממעגלעך!"

„איך באַדויער," האָט פעלדמאַן קורץ אַרויסגערעדט.

איצטער האָבן זיך אַריינגעמישט אין געשפּרעך אויך מאַר־דין און אָלגאַ. מאַרדין האָט דעם גאַנג פון די געשעענישן געזען מיט די אויגן פון מר. פעלדמאַן.

„אין אַמעריקע," האָט ער געזאָגט, „זיינען שוין לאַנג גע־ווען מיליטאַריסטישע טענדענצן. איז דען טעאָדאָר רוזוועלט נישט די פרוכט פון דערדאָזיקער טענדענץ, וועלכע האָט ליב אַרומצופּאָכן און אָנצומאַכן אַ גערויש מיטן שווערד? די מלחמה גיט די אונטערשטופּער פון דערדאָזיקער טענדענץ די גוטע גע־לעגנהייט אַרויפצוצווינגען אויפן פאָלק זייער ווילן. פריער האָבן זיי נישט געקאָנט, ווייל אַלע אורזאַכן, וועלכע איר האָט אויסגע־רעכנט, זיינען געשטאַנען אין וועג: טראַדיציע, קאָנסטיטוציע א. אז. וו. איצטער קאָן מען זיי זייער לייכט אָפּשאַפן. דאָס פאָ־טערלאַנד איז אין געפאַר. אַ דייטש אונטערוואַסער־שיפל קאָן אָנ־קומען און חרוב מאַכן אַמעריקע פון ניו־יאָרק ביז סאַן־פראַנציס־קאָ און פון מעין ביז אָקלאַהאָמאַ. לאָמיר אויף גיך אַמענדירן אונזער קאָנסטיטוציע און ראַטעווען אונזער פאָטערלאַנד — און פאַר איינע הוצאות פאַרוואָרענען זיך שוין קעגן דעם אינעווייַ־ניקסטן שונא."

דאָך מיס מאַנקאָף אין איר האַרצנס־גוטסקייט האָט גע־האַלטן מיט אַרנאָלדן. זי האָט נישט געקאָנט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז אין דער פרייער אַמעריקע זאָל איינגעפירט ווערן קאָנסקריפּ־ציע מיט דער גאַנצער העסלעכקייט פון סאָלדאַטשינע.

„אַז אין אַמעריקע זאָל דאָס געשען, וועט נישט זיין קיין פּלאַץ אויף דער ערד, וווּ עס זאָל זיך ווילן לעבן. דאָס טאָר דער וועלט נישט געשען. אַמעריקע מוז בלייבן דאָס לאַנד פון דער פרייהייט, וועלכע באַלייכט דעם וועג אַלע פרייהייט־זוכנדיקע מענטשן."

עס איז געווען גרויסע צאַרטקייט אין איר טאָן און אַ סך טרויער. אין אירע בלויע אויגן איז געלעגן קינדער־שרעק פאַר דער מעגלעכקייט, אַז אַמעריקע וועט ווערן אויס לאַנד פון פרייַ־

הייט. ארנאָלד האָט געפונען, אַז זי איז נאָך קיינמאָל אַזוי שיין נישט געווען.

„מיר וועלן נאָר אַ קליין ביסל עלטער ווערן, און מיר וועלן וואָס דערלעבן," האָט פעלדמאַן אַרויסגערעדט מיט זיין שמייכל, אין וועלכן עס איז דאָך געלעגן אַ סך ווייטאָג.

אויף דאָס, נאַטירלעך, איז גאָרנישט געווען וואָס צו זאָגן. אָבער ארנאָלד האָט געטראַכט: ביי זייער גאַנצער ליבע צו אַמע־ריקע זיינען זיי דאָך פרעמדע, אַפילו פעלדמאַן, וועלכער איז גע־קומען אין לאַנד אַזוי יונג. ווי לייכט ער האָט ביי זיך אָפּגע־מאַכט, אַז אַמעריקע וועט ברעכן איר טראַדיציע. די אַמעריקאַנער טראַדיציע איז אים גאָרנישט, ער אָבער קאָן דאָס נישט צולאָזן אַזוי לייכט.

דער געשפּרעך איז אַריבער אויף דעם, ווי די איסט־סיידער פאַרהאַלטן זיך צו אַמעריקעס אַריינטריט אין דער מלחמה. אַר־נאָלד האָט עס געפרעגט, מאַרדין האָט אים געענטפערט. די איסט־סיידער פאַרהאַלטן זיך נעגאַטיוו, מיט באַדויערונג. פאַר זיי האָט די מלחמה שוין דערפילט איר געשיכטלעכע אויפגאַבע: זי האָט געבראַכט דעם סוף צו די ראָמאַנאָווס אין רוסלאַנד. איצטער דאַרף זי אויפהערן. איצטער איז אַן עבירה יעדער טראָפּן בלוט, וואָס ווערט אין איר פאַרגאָסן.

„געפינען זיך פונדעסטוועגן דאָרטן אַזעלכע, וואָס האָבן וואָלונטירט?" האָט ארנאָלד געפרעגט.

„מיר, יידן, שטייען פון גאָרנישט אָפּ," האָט מאַרדין גע־ענטפערט. „ווען משה האָט פון זיי געבעטן אויפן משכן, האָבן זיי געגעבן, און ווען אהרן האָט פון זיי געבעטן אויפן עגל, האָבן זיי אויך געגעבן."

„און אַז מען זאָל טאַקע איינפירן קאָנסקריפּציע, וואָס וועט איר טאָן?" האָט ארנאָלד ווייטער געפרעגט. „איך מיין, אַז מר. פעלדמאַן וועט זיך אַרויסדרייען דורך זיין עלטער, און מיט מאַנ־קאָף דורך איר געשלעכט — האָפנטלעך וועלן פרויען נישט גע־נומען ווערן... אָבער איר, מר. מאַרדין?"

די פראַגע „וואָס טאָן?" האָט אים אַליין שטאַרק געמאַ־

טערט. אין אים איז אומגעגאנגען אן אומרואיקייט, צו וועלכער ער האָט זיך נישט געוואָלט צוהערן, וועלכע ער האָט נישט געוואָלט באַמערקן. וואָס וועט ער טאָן, ווען מען וועט טאַקע איינפירן קאָנסקריפּציע? ער איז אַלט זיבן און צוואַנציק יאָר, זיין עלטער וועט געווים גענומען ווערן. ער האָט געוואָלט הערן דעם ענטפער פון דעם „איסט־סיידער", וועלכער איז אין איין עלטער מיט אים און איז אַ פּאַציפיסט אַזוי ווי ער. אפשר וועט ער אין יענעמס ענטפער געפינען אַן ענטפער צו זיין אייגענער אומרואיקייט.

אָבער דער „איסט־סיידער" האָט געענטפערט:

„איך בין נאָך נישט קיין אַמעריקאַנער בירגער, בין נאָך אַ רוסישער אונטערטאַן. דאָס אַמעריקאַנער געזעץ וועט מיך נישט דערגרייכן."

„זייט איר אַזוי זיכער?"

פעלדמאַן האָט אויפגעלאַכט:

„איר ווילט נישט צולאָזן דעם געדאַנק וועגן קאָנסקריפּציע אין אַמעריקע, און אין האַרצן, ווייזט אויס, זייט איר נישט זיכער, צי אַמעריקע וועט נישט אַריינצווינגען אין איר אַרמיי אַפילו פרעמדע בירגער. איך קאָן אייך פאַרזיכערן, אַז עס וועט דאָ דערגיין דערצו אויך."

„וואָס וועט איר דעמאָלט טאָן, מר. מאַרדין?" האָט אַרנאָלד געפרעגט מיט עקשנות.

מאַרדין האָט אַ מאָמענט געטראַכט און גלייך אַרויסגעפּליסטערט, פעסט און אַנטשלאָסן:

„איך וועל אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי נישט דינען, וועל זיך נישט שלאָגן פאַר צוועקן, וועלכע זיינען נישט מיינע צוועקן."

עס איז געווען עפּעס צווייד[illegible]טיקס אין זיינע ווערטער, אָבער זיי האָבן געקלונגען ווי עטוואָס באַשטימטס אין אַרנאָלדס אויערן.

„אַזוי וויל איז אייך," האָט ער אַרויסגעזיפצט.

זיינע געסט זיינען געווען טאַקטפול נישט צו פרעגן אים,

וואָס ער וועט טאָן. פון זיינע רייד האָבן זי אַרויסגעהערט זיין אומרואיקייט און זיין זאָרג.

אַרנאָלד האָט געקוקט אויף מיס מאַנקאָף און געטראַכט: אָט־אָ די דאָ וואָלט געוויס געוווּסט, וואָס צו טאָן. עפּעס אַזויפיל פּאָזיטיווס אין איר. אַזאַ אַנטשלאָסנקייט אין יעדן ריר.

ער האָט זי געפרעגט:

„וואָס וואָלט איר געטאָן, מיס מאַנקאָף, ווען די קאָנסקריפּ־ציע וואָלט זיך אויך באַצויגן אויף פרויען?"

„צו וואָס שפּילן זיך אין פרעגן און ענטפערן?" האָט זי קורץ אָפּגעענטפערט.

„איר זייט גערעכט," האָט ער געזאָגט, ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט. אָבער ער האָט געוווּסט, אַז זי האָט אָן ענטפער.

ער האָט אָנגעהויבן אויסצופרעגן זיי וועגן זייערע טעטי־קייטן, מיט שפּאַנונג אויסגעהערט זייערע ענטפערס. עס האָט אים אינטערעסירט זייער אַנדערשקייט. און ער האָט געוווּסט, אַז זיי זיינען גאַנצער פאַר אים, און דערפאַר איבער אים, שטאַרקער פאַר אים. זיי זיינען גאַנצער, ווייל זיי זיינען בויער. יעדער איינער פון זיי אין זיין ווינקל איז אַ בויער, אַ קאָנסטרוקטיווער אַרבעטער. דער איינער בויט זיין יוניאָן, ווייל נישט בלויז פאַרבעסערן די מאַ־טעריעלע לאַגע פון אירע צענדליקער און צענדליקער טויזנט מיטגלידער, נאָר אויך דערציען זיי צו בעסערע, אידעאַלערע מענטשן, פעאיק אויפצונעמען דעם קאַמף פאַר אַ בעסערער, גע־רעכטערער וועלט. דער צווייטער בויט זיין פאָלק, ווייל העלפן אויפ־בויען אַ לאַנד פאַר זיין פאָלק, און אויך אויף יסודות פון סאָ־ציאַלער גלייכקייט און גערעכטיקייט. און די פּראַכטפולע מיידל לעבן אים בויט, ווו זי לייגט נאָר צו אַ האַנט. אָדער לייגט צו אַ האַנט אומעטום, ווו עס ווערט געבויט, ווו עס ווערט עפּעס גע־בעסערט אין דעם אַרומיקן לעבן. ער האָט געפילט, אַז מיט זיי, צווישן זיי, ווערט ער אויך נענטער צו עפּעס אַ ציל. און ער וואָלט גערעדט, גערעדט מיט זיי.

קורץ פאַר ניין האָט מאַרדין זיך אָפּגעזעגנט און איז אַוועק. אַ צוואַנציק מינוטן שפּעטער האָט פעלדמאַן אַ קוק געטאָן אויף זיין זייגער און איז אויפגעשטאַנען אַוועקצוגיין. אויך אָלגאַ איז

אויפגעשטאנען. ארנאָלד האָט חשק געהאַט צו פאַרהאַלטן זי, אָבער ער האָט זיך נישט געפונען דאָס צו טאָן. ער האָט זיך אויסגע־רופן אָפּצופירן זיי אין זיין אויטאָמאָביל, פעלדמאַנען און אָלגאַן, ווו יעדער פון זיי האָט געדאַרפט. אמנאָנטסטן האָט עס געהאַט פעלדמאַן, אמווייטסטן מיס מאַנקאָף. זי האָט געוווינט ווייט אין בראָנקס, אָבער זי האָט נישט געוואָלט, ער זאָל זי אהין אָפּפירן. ער האָט זיך אויסגעדונגען מיט איר, אז ער וועט זי צופירן צו א סטאַנציע פון דער אונטערגרונט־באַן.

ווען ער איז געבליבן מיט איר אַליין אין דעם אויטאָמאָביל, וואָס האָט זיך איצטער געטראָגן דורך דעם צענטראַל־פּאַרק, האָט ער געזאָגט:

„פאַרוואָס זייט איר צוריקגעצויגן און קאַלט, מיס מאַנ־קאָף?"

„בין איך עס? — יאָ, איך בין עס."

„פאַרוואָס?"

„ווייל איך האָב געכאַפּט דעם בליק, וועלכן איר האָט אַ וואָרף געטאָן אויף אונזער קליידונג. ווייל איך האָב געמערקט אייער אומרואיקייט, ווען איינער פון אונז האָט נישט געברויכט זיין מעסער־גאָפּל לויט אייער מנהג. איך האָב מער נישט געקאָנט זיין פריי מיט אייך. אייער אומרואיקייט האָט זיך איבערגעטראָגן אויף מיר. אפשר זייענען מיר טאַקע נישט אָנגעטאָן, ווי געהעריק? אפשר געברויכן מיר טאַקע נישט די עס־געצייג לויט אייערע פאָר־שריפטן און מיר בלאַמירן אייך צווישן אייערע פריינט?"

זי האָט גערעדט רואיק, געלאַסן, געציילט די ווערטער.

„איך פאַרדין ערלעך די איראָניע," האָט ער געזאָגט גאַנץ איבערראַשט און באַשעמט, ווי איינער, וועלכן מען כאַפּט ביי דער האַנט אין עפּעס אומווירדיקס. „עס איז געווען נישט שיין פון מיר. אָבער איך וווּנדער זיך, אַז איר האָט וואָס באַמערקט. איך האָב, דאַכט זיך, אַליין קוים וואָס באַמערקט."

„איר האָט דאָך נישט קיין פּאַראיבל, וואָס איך האָב עס אייך געזאָגט?"

„געווים נישט. דאָס איז מיר אַ לערע. אָבער איצטער — וועט איר נישט זיין מער צוריקגעצויגן און קאַלט?"

„עס איז דאָ איצטער אַזוי שיין," האָט זי געענטפערט, אַריינאָטעמענדיק אין זיך די לופט פון דעם פּאַרק און אַרויסקוקנדיק אין דער שיינער זומער־נאַכט.

ער האָט אַ ווײַלע אַרויסגעקוקט אויף די מיט לבנה־שיין באַגאָסענע אַלייען און וויזעס פון דעם גרויסן פּאַרק און דערביי געגנבעט בליקן אויף דער יונגער מיידל לעבן אים. ער האָט דאָך געוואָלט זיין מיט איר אַליין — און איצטער האָט ער נישט וואָס צו רעדן. וואָס האָט ער געוואָלט מיט איר רעדן? וועגן מלחמה... אָ, יאָ, ער האָט פריער דערפילט, אַז די דאָ האָט פאַר אים אַן אויסוועג. אָבער ער וויל נישט רעדן מלחמה. די צונג באַוועגט זיך נישט. ער וואָלט מיט איר געוואָלט עפּעס אַנדערש רעדן. אַ מערק־ווירדיקער אָנגענעמער גערוך טראָגט זיך פון איר. שטאַרקער, ווי דער גערוך פון דעם זומער־פּאַרק אין זיין וואַקסן און בליען. ווי גלאַנצן אירע בלויע אויגן אונטער איר פּענסנע אין דער ווייסער נאַכט אַריין! די האַלטונג פון איר יונגטלעכן קערפּער, איר קרעפּטיקע האַנט אויף איר קני, די צוזאַמענגעשלאָסענע, דינע ליפּן פון איר קליינעם מויל — אין אַלץ דער אויסדרוק פון קראַפט און ווילן. איז איר מויל געשאַפן געוואָרן צום קושן! ניין. איר מויל איז עס נישט...

„הונדערט־און־צענטע גאַס און לענאָקס עוועניו איז אַ סאָב־וויי־סטאַנציע," האָט ער דערהערט איר שטימע פון צווישן קוים אויפגעעפנטע ליפּן.

ער האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט און דערזען, אַז זיי זיינען שוין ביי דער 110־טער גאַס. ער האָט נישט געוואָלט אַזוי שנעל צושיידן זיך.

„איילט איר אַהיים?" האָט ער געפרעגט.

„נ־נ־ניין," האָט זי לאַנגזאַם אַרויסגעזאָגט.

„לאָמיר אַרומפאָרן איבערן פּאַרק."

„איך האָב גאָרנישט דאַקעגן."

ער האָט געהייסן דעם שאָפער אומקערן זיך און פאָרן דורכן פּאַרק, און דאַן געווענדט זיך צו איר:

„עס איז דאָך שיין דאָ."

„ווי אין א חלום," האָט זי שטיל אָפּגעענטפערט.

„האָט איר דען ליב צו חלומען?"

„דאָס חלומען איז א טייל פון יעדן לעבן."

„איך בין געווען זיכער, אז איר טוט עס נישט."

„איך גיב זיך דערמיט נישט אָפּ, אָבער עס חלומט זיך דאָך."

„מענטשן פון טאַט..."

„האָבן אויך זייערע חלומות."

זי האָט געוואָלט פרעגן, פונוואַנען וויים ער, אז זי געהערט צו מענטשן פון טאַט, וועלכע, נאָך זיין מיינונג געוויס, דאַרפן נישט חלומען און האָבן נישט קיין חלומות. אָבער עס איז איר אויסגעקומען, אז די פראַגע קאָן ארויסרופן אינטימיטעטן. דער רייכער, יונגער מענטש לעבן איר האָט זי אינטערעסירט. אַן אומ־צופרידענער, כאָטש ער איז רייך. הינטער זיין פּעסימיזם און וועלט־פאַראַכטונג ליגט א בענקעניש נאָך א בעסערער וועלט. אָט זיינען דאָך זיינע געדאַנקען וועגן דער מלחמה פּונקט ווי אירע. עס וואָלט געווען גוט צו פאַראינטערעסירן דעם רייכן מענטשן אין די אומציייליקע נויטן, וועלכע שרייען נאָך הילף. ווען מען קאָן אים נאָר מאַכן צו טאָן! זאָל זי פּרוּוון פאַראינטערעסירן אים אין די צוועקן פון איר פּאַרטיי? זי האָט א וואָרף געטאָן א בליק אויף זיין געזיכט, ווי זי וואָלט געוואָלט אויסגעפינען, צי איז ער נישט גאַנץ האָפענונגסלאָז. געוואָלט אויך אָראָפּלייענען, ווי זי זאָל צו־גיין צו דער זאַך.

ער האָט אויפגעכאַפּט איר בליק.

פאַרוואָס האָט זי אים אַזוי אָנגעקוקט?

געוואָלט אין עפּעס קלאָר ווערן.

אין וואָס?

פאַרוואָס זאָל אַזאַ מענטש, ווי ער, גאָרנישט טאָן?

האָט זי נישט איינמאָל שוין געהערט זיין מיינונג וועגן טאָן?

זי איז באַשטאַנען אויף אירס. אַזאַ מענטש, ווי ער...

וואָס מיינט „אזא מענטש, ווי ער?"
מיט זיינע אידעען און זיין געלט.

ער האָט אויפגעלאַכט. האָט זי נישט זיינע אידעען? גע־ דענקט זי נישט דעם געשפּרעך ביי דר. העריס? אמת, ער האָט טאַקע אַמאָל געהאַט אידעען און אידעאַלן. אַמאָל. נישט איצטער. איצטער איז ער אויסגעליידיקט. אויסגעליידיקט זיך אין דעם אַלגעמיינעם באַנקראָט...

„מאַכט זיך נישט ערגער, ווי איר זייט."
זי האָט דאָס געזאָגט גוט און וואַרעם.
„מאַך איך זיך?"
„איך זע דאָך, אַז איר בענקט נאָך אַ בעסערער וועלט."
„פונוואַנען זעט איר עס?"
„כאָטש פון אייער שטעלונג קעגן דער מלחמה."
„דאָס איז דערפאַר, וואָס איך בין קעגן בלוט־פאַרגאָס. אַ ירושה מסתמא פון מיין עלטער־זיידן אַ יידישן רב..."

זי האָט זיך דערפרייט צו הערן, אַז ער האָט געהאַט אַן עלטער־זיידן אַ רב. ער איז נענטער געוואָרן. איצטער דאַרף זי געווים מאַכן די אָנשטרענגונג — —

„און ווי האָט איר פאַרטיידיקט אייער געדאַנק, אַז אַמעריקע וועט נישט איינפירן קאָנסקריפּציע!"

האַ־האַ... אַן אַלטע געוווינהייט צו אידעאַליזירן אַמעריקע. עס ווילט זיך גלויבן, אַז אַמעריקע האַלט נאָך פון אַזעלכע זאַכן, ווי דעמאָקראַטיע, געוויסן־פרייהייט, טראַדיציע... פאַרוואַלגערטע איבערבלייבענישן אין אים. אָפּקלאַנגען פון אַן אַלטן גלויבן...

„אָדער אַ בענקעניש נאָך דעם אַלטן גלויבן?"

ער האָט זיך נישט אָפּגערופן אויף איר לעצטער באַמער־ קונג, פאַרבייגעלאָזן זי. ער האָט זיך נאָר אָנגעשטרענגט צו דער־ מאָנען, וואָס נאָך האָט זי געזאָגט וועגן „אַזאַ מענטש". זי האָט, דאַכט זיך, נאָך וואָס געזאָגט... אָ, יאָ... מיט זיינע אידעען און זיין געלט... האַ־האַ... מיט זיין געלט...

ער גיט געלט. גיט אויף וואָס מען בעט נאָר. אָבער וואָס ווערט דערגרייכט? נאָר אַ גאַנץ קליינער פּראָצענט קומט אָן אויף

דעם צוועק, אויף וועלכן ער גיט. דאָס איבעריקע גייט אַוועק אויף אויסצוהאַלטן אַ גרויסן שטאַב מיט מענטשן, אויף רייכע געהעל־טער. אָדער פאַלט אַריין בכלל אין די קעשענעס פון די, וועלכע האָבן זיך געמאַכט אַ געשעפט פון צדקה און צדקה־אַנשטאַלטן, פון קהלשער אַרבעט.

זי האָט זיך דערפילט אומבאַקוועם. ניין, זי וועט מיט אים נישט רעדן וועגן די צוועקן און נויטן פון איר פּאַרטיי. זי האָט צוזאַמענגעביסן די ציינער, מער גאָרנישט געזאָגט.

ער האָט אַרויסגעקוקט אין פּאַרק אַריין פון פענסטער ביי זיין זייט און איז געווען אומצופרידן מיט זיך. פאַרוואָס האָט ער אַזוי גערעדט? פאַרוואָס האָט ער נישט אויסגעהערט, וואָס זי האָט געהאַט צו זאָגן „אַזאַ מענטש, ווי ער״? געווים האָט זי גע־האַט עפּעס אַ פּלאַן. און איצטער איז זי פאַרשטימט. איצטער וויל זי אַפילו נישט רעדן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר פון דער זייט. אירע אויגן האָבן געלויכטן אין דער פינסטערניש פון דעם אויטאָמאָביל, זי האָט ליכט געביסן די אויבערשטע ליפּ, אירע הענט זיינען געווען אָנגעשפּאַרט אָן דעם זיץ. אָ, יאָ, די צווייפלט אין גאָרנישט. די וועלט־קאַטאַסטראָפע איז פאַר איר נאָר אַ פאַרבייגייענדיקע דערשיינונג, ווי אַן ערד־ציטערניש. די וועלט איז אַראָפּ פון די רעלסן, דאַרף מען אונטערשטעלן די פּלייצעס און אַרויפשטופּן זי צוריק אויף די רעלסן. אָדער ניין: די וועלט איז, לויט איר, נאָך קיינמאָל נישט נעגאַנגען אויף רעלסן. זי דאַרף ערשט אַרויפגעשטעלט ווערן אויף רעלסן. און זי טוט אין איר ווינקל איר טייל צו העלפן דער וועלט אַרויפגעשטעלט צו ווערן אויף רעלסן. פעלדמאַן טוט עס אויך, און מאַרדין טוט עס. און „אַזאַ מענטש, ווי ער״ האָט עס געדאַרפט טאָן... אַזאַ מענטש, ווי ער, מיט זיין געלט... פאַרד מיט זיין שלום־שיף... דערצו האָט זי מסתמא געוואָלט דערפירן, די שיינע דאָ... יאָ, שיין איז זי, זייער שיין... און צאַרט און פיין... זי וועט זיין אַ ליבנדיק ווייב... מאַרדינס ווייב געווים... ווי גוט עס פילט זיך צו האָבן זי ביי דער זייט... עס איז אין אים אָנגעשטיגן אַ פאַרלאַנג אַרומצונעמען זי, אַרויפלייגן אַ האַנט אויף איר, פילן זי... ער האָט זיך דערפילט אומאָנגענעם, געשטערט, גערייצט, איז אומרואיק געוואָרן...

דער אויטאָמאָביל איז ווידער צוגעפאָרן צו דער 110־טער גאַס.

„איצטער וועט איר מיך אראָפּלאָזן ביי דער סטאַנציע,“ האָט זי געזאָגט.

„איך קאָן אייך פירן ווייטער.“

„איבעריק.“

ער איז נישט באַשטאַנען אויף זיינס. ער האָט זי אראָפּגע־לאָזן ביי דער סאָבוויי־סטאַנציע. ביים צושיידן זיך האָט זי אים צוגעוואָרפן אַ בליק, וועלכן ער האָט זיך אויסגעטייטשט: זי באַ־דויערט אַ פּאַרלאָרענעם אָוונט — עס איז געווען אַן עבירה צו רעדן מיט אים — אַ נישטיקער מענטש... אַזויפיל גרינגשעצונג איז געווען אין דעם בליק! איר האַנט־דרוק איז געווען קאַלט, איר „גוד־באַי“ קורץ.

אַ מאָמענט האָט ער זי געוואָלט נאָך פאַרהאַלטן, זאָגן איר עפּעס. געוואָלט הערן פון איר אַ װאַרעם וואָרט, אַן אויפלאַך, וועלכן ער האָט נאָך קיינמאָל פון איר נישט געהערט. אָבער ער האָט נישט געפונען, וואָס צו זאָגן. אויף דער צונג האָבן זיך גע־בעטן געוויינלעכע ווערטער פון פאַלשער העפלעכקייט. אַ מין: „איך בין געווען זייער צופרידן...“ „עס האָט מיך זייער גע־פרייט...“ ער האָט דאָס אַראָפּגעשלונגען, נישט אַרויסגערעדט, נאָר פעסט אַ דריק געטאָן איר די האַנט און טיף אַריינגעקוקט איר אין די אויגן מיט אַ בליק, וועלכער האָט איר געדאַרפט זאָגן, אַז ער דאַרף זי האָבן, אַז ער וועט בענקען נאָך איר.

ער איז געווען זייער טרויעריק און נידערגעשלאָגן אויף דעם וועג אַהיים. זייז אומרואיקייט איז זיך נאָך צוּוואַקסן.

די „רוסן" זיינען געוועזן גערעכט. דעם 20־טן יולי איז קאָנסקריפּציע געוואָרן א געזעץ. די פּריוויליקייט איז געוועזן א צו־לאַנגזאַמער פּראָצעס. די מלחמה האָט געפֿאָדערט א גרויסע אַרמיי וואָס שנעלער. זי איז מיד געוואָרן פֿון ציילן איינצלנע שעפּסן, זי האָט געדאַרפֿט האָבן גאַנצע סטאַדעס. די קאָנסקריפּציע האָט איר צוגעטריבן די אַמעריקאַנער יונגוואַרג סטאַדעסווייז.

פֿאַר אַרנאָלדן איז די קאָנסקריפּציע געוואָרן א פּערזענלעכע אָנגעלעגנהייט. זי האָט זיך אָנגערוקט נישט אויפֿן גאַנצן לאַנד, נאָר אויף אים פּערזענלעך. זי איז איינגעפּירט געוואָרן, נאָר אום אים צו דערגרייכן. זי וועט אים זיכער דערגרייכן. ער האָט נישט קיין אויסרייד אויף אָפּצוראַטעווען זיך פֿון איר לאַנגער האַנט.

וואָס זאָל ער טאָן? זאָל ער ווערן א העלד און האַנדלען, ווי זיין געוויסן הייסט אים — קעגן דעם געזעץ און נעמען אויף זיך די שטראָף, ווי שווער זי זאָל נישט זיין? איך וועל נישט גיין כאַרדן, און אַפילו ווען איר וואָלט געוועזן אינגאַנצן גערעכט. איך וועל נישט ווערן קיין מערדער, וועל קיינעמס לעבן נישט נעמען, און איר קאָנט מיט מיר טאָן, וואָס איר ווילט. אַזוי וואָלט ער געטאָן, ווען זיין גלויבן אין דער מענטשהייט וואָלט נישט צוריסן געוואָרן אויף שטיקלעך... וואָלט ער עס געטאָן? — זיי ערלעך מיט זיך, אַרנאָלד לעווענבערג! — האָט ער דען ווען געהאַט מוט צו טאָן זאַכן? ער איז געבאָרן געוואָרן רואיק צו געניסן דאָס לעבן. ער איז געבאָרן געוואָרן פֿאַר א גליקלעכער וועלט. ער האָט קיין פּלאַץ נישט אין א וועלט פֿון קאַמף. ער קאָן קיין שטראָף אויף

זיך נישט נעמען. ער האָט נישט דעם מוט צו שטראָף, צו געפענ־געניש, צו יסורים און לייד.

האָט ער מוט צו גיין אין דער מלחמה? מערקווירדיק, ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם געדאַנק וועגן געפענגעניש, אָבער ער האָט נישט מורא געהאַט פאַר דעם געדאַנק פון גיין אין דער מלחמה. ער האָט נישט מורא געהאַט פאַרן טויט. נישט מורא געהאַט פאַר די אַלעליידן פון די טרענטשעס. דאָס איז עפּעס, וואָס ער וואָלט געטיילט מיט אומצייליקע מענטשן, מיט ריזיקע אַרמייען. דאָס איז גרויסע איבערלעבעניש, אויפרעגונג, בלוט־דערהיצונג...

אָבער ער וועט דאָך נישט גיין שיסן. ער וועט נישט מאָרדן. ווען ער וועט עס טאָן, וועט ער פאַרניכטן דעם פריערדיקן אַר־נאָלד לעווענבערג אויף אייביק. וועט ער ווערן אַ גאַנץ אַנדערער, אַן אויסגעביטענער. ווען ער וועט גיין מאָרדן מענטשן אין פולן באַוווּסטזיין, אַז ער איז נישט זייער פיינט, אַז ער האָט צו זיי גאָר־נישט, אין פולן באַוווּסטזיין, אַז די מלחמה איז אַ פּשוטער פאַר־ברעך, וועט ער ווערן אַן איינפאַכער מערדער און פאַרברעכער, וועט ער אַראָפּוואַרפן פון זיך יעדן מאָראַלישן אָפּהאַלט און אָנ־האַלט אויף זיין גאַנץ לעבן. דעמאָלט וועט ער אַרומבלאָנדזשען, ווי איינער, וועלכער ווייס מער קיין וועג נישט... דאָס זאָל נישט געשען!... דאָס זאָל אים נישט געשען!...

איז וואָס טאָן? וואָס טאָן?

ער האָט געפונען, וואָס צו טאָן. אָבער אויך דער אויסוועג האָט אים שטאַרק דערנידעריקט אין זיינע אייגענע אויגן. עס איז געוועזן דער אויסוועג פון אַ פּחדן, פון אַ מענטש אָן פּרינציפּן.

ער האָט באַנוצט באַקאַנטשאַפט און איינפלוס און איז אַריינגענומען געוואָרן אין דער גרויסער אַרמיי פון פּאַראַזיטן אַרום דער אַרמיי, פון רעגירונגס־אָנגעשטעלטע, וועלכע האָבן זיך געמישט אונטער די פיס און געשטערט אויף יעדן שריט, פאַר־גרעסערנדיק די פּלאָנטערנישן פון דער ביוראָקראַטיע. ער איז גע־וואָרן אַ קויפער, וועלכער האָט גאָרנישט געקויפט אָדער געמאַכט אָן אָנשטעל, אַז ער קויפט. ער האָט צוגעלייגט די האַנט, ווו זי איז נישט נויטיק געוועזן.

ווען ער וואָלט געוואָרן אַ „קאָנשיענשאַס אָבדזשעקטאָר”, וואָלט ער געווען נוצלעך: ער וואָלט פאַרגרעסערט די קליינע אַר־מיי פון ערלעכע אידעאַליסטן, וועלכע האָבן באַוויזן, אַז אין אַמע־ריקע זיינען נאָך נישט טויט די אידעאַלן, מיט וועלכע אַלטע אַמעריקאַנער האָבן שטאָלצירט.

ווען ער וואָלט אַוועק אין דער מלחמה, וואָלט ער אויך עפּעס „אויפגעטאָן”: ער וואָלט מסתמא געטויט אָדער פאַרווונ־דעט אַ דייטש אָדער צוויי און וואָלט אויף אַזויפיל פאַרקלע־נערט די צאָל פון דעם פיינט און די געפאַר פאַר זיינע אייגענע חברים. אָדער אַ גראַנאַט, וועלכער האָט איינגעשלאָגן אין אַ גע־וויסן אָרט, וואָלט אים געטויט אָנשטאָט אַן אַנדערן, וועלכער איז דאָרטן געשטאַנען, ווייל ער האָט געפעלט...

אָבער ווען ער איז געוואָרן אַ קויפער אין אוניפאָרם, האָט ער נאָר געראַטעוועט זיין אייגענע הויט און קיינעם קיין טובה נישט געטאָן. איז ער געוואָרן אַ פּאַראַזיט.

ער האָט עס אַזוי געפילט. ער האָט עס זיך אַזוי געזאָגט. נישט אויפגעהערט זיך עס צו זאָגן.

ער האָט מורא געהאַט צו זיין נוצלעך. דעמאָלט וואָלט עס געהייסן, אַז ער דינט דער מלחמה. אָבער ער האָט זיך נישט גע־שעמט צו נאַרן די רעגירונג מיט אַן אָנשטעל פון נוצלעכקייט און אָננעמען דעם טיטל „קאַפּיטאַן”. די מלחמה־רעגירונג, וועלכע האָט געבראָכן די בעסטע אַמעריקאַנער טראַדיציעס און געמאַכט פון דעם לאַנד אַ מין פּרייסן, פאַרדינט נישט בעסער. זי מעג גע־נאַרט ווערן. אָבער ער האָט געוווּסט, אַז דאָס איז העסלעך, נישט מענלעך, נישט מוטיק. וואָס וואָלט אָלגאַ מאַנקאָף דערצו גע־זאָגט? ער האָט זיך געשעמט צו טראַכטן וועגן איר.

ער האָט זיך בכלל געשעמט צו טרעפן זיך מיט באַקאַנטע, ער זאָל זיי נישט דאַרפן זאָגן אַ ליגן, אַז ער איז נויטיק און טוט נוצלעכע אַרבעט. ער האָט זיך געשעמט צו טרעטן די גאַסן פון ניו־יאָרק, וועלכע ער איז אַזויפיל מאָל דורכגעגאַנגען, טראַכטנ־דיק שיינע מענטשלעכע געדאַנקען, געטראָגן פון דעם שיינעם אי־דעאַליזם פון זיין יוגנט. און ער איז געווען צופרידן, ווען זיין בלומרשטיקער דינסט האָט אים אַוועקגענומען קיין וואַשינגטאָן.

א צייט נאָך זיין אָנקום אין וואשינגטאָן איז אהין געקומען צו פאָרן מיט זיין ווייב און טאָכטער א באַקאַנטער ניו־יאָרקער אדוואָקאַט עלמער ברענד. ער איז פארפאָרן צו זיין שוועסטער, אַן אַלטע איינוווינערין פון וואשינגטאָן, וועלכע האָט אינגיכן געמאַכט א מאָלצייט צוליב אירע געסט. אַרנאָלד, וועלכער איז געוועזן אַן אינזשעניער אין דעם הויז, איז געווען איינער פון די איינגעלאַדענע.

עס זיינען געוועזן א סך געסט, אָבער אַרנאָלד איז אויפגענומען געוואָרן מיט א באַזונדער הארציקייט. ער האָט עס דערפילט, געזאָגט זיך, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס דאָ איז פאראַן עלמער ברענדס טאָכטער. ער האָט דארום א גאַנץ באַזונדערן קוק געטאָן אויף דער טאָכטער.

ליליען ברענד איז געוועזן פון דעם טיפּ אַרנאָלד. אַלץ אין איר איז געוועזן רעגלמעסיק און אפילו שיין. העל־בלאָנדע האָר איבער א מיטלמעסיקן שטערן, בלויע, רואיקע, כמעט אומבאַוועגלעכע אויגן, וועלכע האָבן אראָפּגעקוקט אויף א דינער, אביסל לענגלעכער נאָז, א שיינעם מויל מיט אביסל דיקלעכע ליפּן און גרויסע שיינע ציינער, און א זייער אָנגענעמע מאָרדעטשקע. א ווייסער, לענגלעכער האַלז האָט פארבונדן דעם קאָפּ מיט א יונגן, שלאַנקן קערפּער; די בריסט נאָך גאַנץ אומאַנטוויקלט, די היפּטן שמאָל און צירלעך. אָבער מען האָט זיך געדאַרפט צוגעוווינען צו איר, אום ארויסצוגעפינען, אַז זי איז אָנגענעם און

אפילו שיין. פיליכט דערפאַר, וואָס צוערשט האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן איר לענגלעכע נאָז, און מען האָט ערשט נאָך אַ לענגערן קוקן געמאַכט די אַנטדעקונג, אַז די לאַנגע נאָז איז נישט צו־לאַנג פאַר איר געזיכט, אַז זי פּאַסט זיך דווקא זייער גוט אַריין. אָדער אפשר האָבן אירע צו־רואיקע אייגן אַרויסגערופן אַ קאַלטקייט אין דעם, וועלכער האָט זי צום ערשטן מאָל געזען, און דידאַזיקע קאַלטקייט האָט באַאיינפלוסט אויך די מיינונג אי־בער איר גאַנצער דערשיינונג.

אָבער אַרנאָלדן האָט זיך פריער פאַר אַלץ געוואָרפן אין די אויגן, אַז אירע הענט רוען. זי איז געווען די איינציקע צווישן די פרויען אַרום איר, וועלכע האָט נישט געשטריקט. ער האָט גלייך אין האַרצן צוגעשוואָרן איר פריינטשאַפט. ביים עסן איז זי געווען זיין שכנה פון לינקס, און ער האָט איר אויסגעדריקט זיין איבערראַשונג.

ווי קומט עס, וואָס זי שטריקט נישט?

„דאָס האָט זיך זיין גרונט,‟ האָט זי קאַלט געענטפערט. זי האָט אַרויסגעהערט אין זיין פראַגע דעם פאַרוווּרף פון אַ פּאַט־ריאָט און געפילט זיך באַליידיקט, וואָס ער האָט זי גענומען אויפן פאַרהער.

„איר זייט קעגן דער מלחמה?‟ האָט ער זי געפרעגט.

זי האָט זיך פאַרוווּנדערט, וואָס ער לאַכט אַזוי גוטמוטיק ביי דער פראַגע. אַזאַ פראַגע האָט אַ מענטש אין אוניפאָרם גע־דאַרפט פרעגן ערנסט, שטרענג, מיט דערשטוינונג.

„דאָס איז אַ געפערלעכע פראַגע,‟ האָט זי געזאָגט.

„איך וויל טרעפן דעם גרונט פון אייער נישט שטריקן.‟

„האָט איר נישט געטראָפן.‟

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף אירע הענט. זי האָט באַמערקט זיין בליק און אויפגעלאַכט.

„מיינע הענט זיינען געזונט און שטאַרק.‟

„איך זאָג זיך אָפּ צו טרעפן,‟ האָט ער געלאַכט. „נישט קעגן דער מלחמה, די הענט געזונט און שטאַרק, און נישט שטריקן זאָקן אָדער סוועטערס — דאָס איז איבער מיין שכל.‟

„זאָגט איר זיך אָפּ צו טרעפן?‟

„אבסאָלוט."

„און איר ווילט עס וויסן?"

„דאָס איז פאַר מיר איינע פון די גרעסטע רעטענישן, אויף וועלכער איך וואָלט גרייט געווען צוצוברעכן מיין קאָפּ, ווען איך וואָלט נישט געוווּסט, אַז איר וועט מיר ארויסהעלפן."

„אָ, איר וויצלט זיך און לאַכט פון מיר."

„ניין, איך בין ווירקליך..."

„וועל איך אייך טאַקע ארויסהעלפן, איר זאָלט נישט צו־ברעכן זיך דעם קאָפּ..."

„איך בין אייך זייער דאנקבאר."

זי האָט א ווײַלע געשוויגן, געקוקט פאַר זיך מיט איר רואיקן בליק. פּלוצלונג א כאַפּ געטאָן זיך, ווי זי וואָלט זיך דער־מאָנט, אַז זי דאַרף רעדן.

„זעט איר," האָט זי אָנגעהויבן און געמאַכט א קליינע פּויזע, „איך האָב א קליינע לײַדנשאַפט..."

ער האָט אויף איר א קוק געטאָן. א לײַדנשאַפט? זי?

זי האָט פאָרטגעזעצט:

„ריכטיקער, צוויי קליינע לײַדנשאַפטן. ערשטנס, צו מאָלן..."

„איר מאָלט?"

„א סך. דאָס הייסט, קוואנטיטאַטיוו. קוואליטאַטיוו ווייס איך נישט, צי מיין מאָלן איז עפּעס ווערט. איך קימער זיך אויך נישט וועגן דעם. איך האָב עס ליב, טו איך עס. גיב אַוועק א סך צייט, לאָז נישט דורך א טאָג. געפעלט מיר א לאַנדשאַפט, מאָל איך זי. געפעלט מיר א מענטש, זעץ איך אים אַוועק און מאָל אים. היט זיך, איר וועט נאָך מיר אויך דאַרפן זיצן."

„אָ, מיין בעסטן דאנק פאַר אייער קאָמפּלימענט."

זי האָט זיך צוערשט נישט געכאַפּט, פאַר וועלכן קאָמפּלי־מענט דאַנקט ער עם איר. אַז זי האָט זיך דערמאָנט, אין וועלכער פאַרבינדונג זי האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער וועט איר מוזן זיצן, האָט זי אויך אויפגעלאַכט, איז רויט געוואָרן און אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט איר ארויסגעהאָלפן:

„און וואָס איז די צווייטע לײַדנשאַפט, אויב איך דאַרף וויסן?"

„מיין פּיאַנאָ,” האָט זי שטיל אַרויסגערעדט.

„אָ!” האָט אַרויסגעשריען פון אים זיין ליבע צו דער פּיאַנאָ.

„איר שפּילט אויך?” האָט זי געפרעגט.

„האָב אויך אַ שטיקל ליידנשאַפט צו דער פּיאַנאָ.”

„איז זי נישט אַ וווּנדערלעכער אינסטרומענט?”

„עס הענגט אָפּ, ווי און וואָס מען שפּילט אויף איר.”

„גערעכט,” האָט זי שטיל אַרויסגערעדט.

„און איצטער, אַז איך ווייס אייערע ליידנשאַפטן,” האָט ער געזאָגט מיט זיין שמייכל, „וועט איר מיר זאָגן, וואָס פאַר אַ שייכות זיי האָבן צו נישט־שטריקן.”

„גאָר פּשוט. איך שאַנעווע מיינע הענט.”

„און לאָזט אונזערע סאָלדאַטן אָן זאָקן?”

„יאָ, אונזערע סאָלדאַטן וועלן מוזן אויסקומען אָן מיינע זאָקן...”

„איר זייט נישט קיין פּאַטריאָטין.”

זי האָט נישט געוווּסט, צי זאָל זי אים נעמען ערנסט אָדער נישט. זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן, געקוקט פאַר זיך מיט דעם קוק פון אַ מאָלער, וועלכער וויל אויפנעמען אין זיך דאָס, וואָס ער זעט, דאָס לינקע אויג אַביסל צוגעמאַכט. און דערנאָך האָט זי געזאָגט, שטיל און ערנסט:

„אפשר בין איך טאַקע אַ שלעכטע פּאַטריאָטין. איך האָב אפילו פיינט צו רעדן וועגן דער מלחמה.”

אין זיין האַרץ איז אויפגעשטיגן אַ פרייד. ער וואָלט זי גע־קאָנט אַרומנעמען און אַ קוש טאָן.

„איך ווייס,” האָט זי פאָרטגעזעצט, „אַז דאָרטן ווייט גייט אָן אַ מלחמה, און אַ סך מענטשן ווערן געהרגעט, און אַ סך צווישן זיי אַמעריקאַנער, יונגע מענטשן, וועלכע איך קען, וועלכע איך האָב געזען, און מיין האַרץ טוט מיר ווי ווען איך גיב אַ טראַכט. עס מאַכט מיך טרויעריק. און דאָס איז אַלץ. איך ווייס נישט, פאַרוואָס זיי שלאָגן זיך, צוליב וועלכן צוועק. קאָן נישט באַגרייפן. איך פרעג כסדר: האָט מען נישט געקאָנט צוזען, עס זאָל נישט צוקומען צו אַ מלחמה? דעם ענטפער, די דערקלערונגען פאַרשטיי

איך נישט. האַלט איך זיך ביי מיין מאָלן, ביי מיין מוזיק... אייך אין דער אוניפאָרם איז מסתמא פריקרע צו הערן אַזעלכע ווער־טער."

„געוויס," האָט ער געזאָגט מיט אַ שטרענגן טאָן און אויפ־געלאַכט.

זי האָט אים נישט פאַרשטאַנען. אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ פראַגע. ער האָט נישט אַרויסגעהאָלפן. געווענדט זיך מיט עפּעס אַ באַמערקונג צו זיין שכנה פון רעכטס — אַן עלטערע פרוי, וועלכער ער האָט אויפגעהויבן איר אַראָפּגעפאַלענע סער־וועטקע. די פרוי, אויס דאַנקבאַרקייט, האָט געפונען פאַר נויטיק צו דערקלערן אים, אַז זי קען זיין משפחה, אויב ער איז פון די ניו־יאָרקער לעווענבערגס.

נאָכן טיש האָט ער באַטראַכט אויף איינער פון די ווענט אַן אייל־בילדל, וואָס האָט פאָרגעשטעלט אַ שטיק פון אַ וואַשינג־טאָנער עווענוי. ליליען האָט צוגעקוקט, ווי ער באַטראַכט דאָס בילדל, איז צו אים צוגעגאַנגען און באַשיידן, פשוט, אַרויסגע־רעדט:

„מיינס."

נאָך אַ פּאָר געסט האָבן דערהערט ליליענס באַקענטעניש צו דעם בילדל אויף דער וואַנט, זיינען צוגעקומען, אַוועקגע־שטעלט זיך קוקן און באַלד צושאָטן זיך אין לויב: וווּנדערבאַר! אויסגעצייכנט! הערלעך!

ליליען אָבער האָט געקוקט אויף אַרנאָלדן: וואָס פאַר אַן איינדרוק מאַכט עס אויף אים? וואָס וועט ער זאָגן? און אַז ער איז נאָך אַלץ נישט אַרויסגעקומען מיט זיין מיינונג, האָט זי אים צוגעגעבן אַ שטיקל אינפאָרמאַציע:

„איך האָב עס געמאָלט דאָ פון פענסטער."

„איך האָב עס פאַרשטאַנען."

„ווי אַזוי האָט איר..."

„אונטן וואָלט אייך די פּאָליציי נישט דערלאָזט. אין דער צייט פון קריג, אָפּמאָלן אַ שטיק וואַשינגטאָן..."

זי איז אַנטוישט געבליבן. זיין וויץ האָט געמאַכט אויף איר אַ שלעכטן איינדרוק. און פאַרוואָס זאָגט ער נישט, וואָס ער

דענקט וועגן איר אַרבעט? ווי ער וואָלט געפילט איר פאַרוווּנ־דערונג, האָט ער אָנגעהויבן:

„איך האָב באַזוכט אַלע גרויסע מוזייען אייראָפּעס, אָנגע־זען זיך די בילדער פון די גרעסטע מייסטער...”

„אָ, איר ווילט דאָך נישט פאַרגלייכן מיין אַרבעט...” האָט זי אַרויסגעאָטעמט מיט שרעק.

„נישט דאָס האָב איך געמיינט,” האָט ער זי באַרואיקט. „איך האָב נאָר געוואָלט מודה זיין זיך, אַז כאָטש איך האָב אָנ־געזען זיך אַ סך בילדער און, דאַכט זיך, אויך הנאה געהאַט פון זיי, האָב איך זיך דאָך נישט אויסגעלערנט אָפּצושאַצן דעם ווערט פון אַ בילד. פאַר אַ סך פון די באַרימטסטע בילדער בין איך געשטאַנען און געפרעגט זיך: פאַרוואָס? וואָס האָבן די קריטיקער און דער פון זיי רעגירטער געשמאַק און די פון זיי פאַר־שפּרייטע באַגייסטערונג געפונען אין דידאָזיקע בילדער?”

„האָט איר נישט געפּרוּווט אָפּצושאַצן דורך דער מאָס פון הנאה, וועלכע איר האָט געהאַט?”

„דאָס וואָלט אפשר געווען אַ ריכטיקע אָפּשאַצונג פאַר מיר אַליין. אָבער איך האָב שטענדיק מורא געהאַט, אַז אויך די הנאה האָט מען אין מיר אַריינגעסופּלירט און סוגערירט. ווען מען שטייט פאַר אַ בילד און מען געדענקט די לויב־געזאַנגען, וועלכע מען האָט געלייענט וועגן אים, און מען זעט די התפּעלות־דיקע געזיכטער פון די אַרומיקע מיטקומער און מיטבאַוווּנדע־רער, וועלכע זיינען מסתמא אויך באַאיינפלוסט פון דעם, וואָס זיי האָבן געהערט און געלייענט, פאַרלירט מען אויך די מאָס פון דער אייגענער הנאה.”

עס איז געוואָרן שטיל אַרום ליליענס בילד. די באַוווּנדע־רער האָבן זיך געפילט געטראָפן פון זיינע ווערטער. איינער, אַ יונגער מענטש אין אוניפאָרם, האָט זיך גענומען צו פאַרטיי־דיקן זיין אַרויסגעזאָגטע באַוווּנדערונג פון ליליענס בילד.

„איך געפין אייער אַרבעט, מיס ברענד, אויסגעצייכנט. עס איז דאָס שטיק עווענין, ווי עס לייבט און לעבט. איר האָט אויפ־געכאַפּט...”

מרס. ברענד איז צוגעקומען און געבעטן ליליען, זי זאָל עפּעס שפּילן. ביי אַרנאָלדן האָבן אויפגעשיינט די אויגן.

„דאָס איז פיין!" האָט ער געזאָגט.

זי האָט דערפילט זיין ליבע צו מוזיק און געוווּסט, אַז זי וועט אין אים האָבן אַ גוטן הערער און שטרענגן קריטיקער. זי האָט כמעט מורא געהאַט צוצוגיין צו דער פּיאַנאָ.

„מעסט נאָר נישט מיט דער מאָס פון הנאה, וועלכע איר וועט נישט האָבן," האָט זי געזאָגט. „איבעריקנס, שפּיל איך קיינמאָל פאַר קיינעם נישט. איך שפּיל פאַר זיך אַליין."

„ליליען, ווי זאָגסטו עס!" האָט די מוטער איר פאָרגע־וואָרפן.

„דאָס איז די ריכטיקסטע באַציאונג," האָט אַרנאָלד באַ־מערקט.

זי האָט געשפּילט „שאָפּען". צאַרט און ווייך און פאַרטרוימט. צוהערנדיק זיך צו יעדער נאָטע, וואָס איז אַרויסגעקומען פון אונטער אירע פינגער. זי האָט געוווּסט, אַז אין דער מוזיק, וועל־כע זי שפּילט, ליגט אַ מיין — אַ געפיל אָדער אַ געדאַנק, אַ בענ־קעניש אָדער אַ פרייד, אַ האָפענונג אָדער אַ פאַרצווייפלונג, אַ פאַרלאַנג אָדער אַ פאַרלוסט. זי האָט דאָס געוואָלט אַרויסברענ־גען, איז אַריין אין זיך, האָט פאַרגעסן די אַרומיקע, אַזוי ווי אַר־נאָלד, צוהערנדיק. ער איז געזעסן אין אַ ווינקל, אָפּגערוקט פון אַלעמען, אָפּגעקערט פון אַלעמען. ער האָט מיט אַלע פיבערן אויפגענומען די מוזיק, וועלכע איז אים געווען אַזוי גוט באַ־קאַנט. אַ פּאָר מאָל נאָר אויפגעשטערט דורך ליליענס טעכניק, אָבער ער האָט אמת הנאה געהאַט.

זי האָט געשפּילט עטלעכע זאַכן. זי האָט זיך נישט געקיי־מערט, צי מען הערט זי, און נישט געוואָלט, מען זאָל זי בעטן, ווי זי האָט מיט קיין מוסקול נישט רעאַגירט אויף די אַפּלאָדיס־מענטן. זי האָט געדאַרפט אויסרעדן זיך ביי דער פּיאַנאָ, האָט זי געשפּילט, ביז זי האָט דערפילט, אַז זי האָט זיך אויסגערעדט. ווען זי האָט געענדיקט, האָט זי זיך געווענדט צו אַרנאָלדן:

„איצטער וועט איר שפּילן."

ער האָט זיך נישט גערירט אויף דער איינלאַדונג. און כאָטש ער האָט זיך נישט געוואָלט לאָזן בעטן, האָט ער דאָך געזאָגט:

„מיינע פינגער האָבן זיך נישט גערירט..."

„וואָס וועט איר שפּילן?" האָט זי אים איבערגעריסן.

ער האָט אַ מאָמענט אַ טראַכט געטאָן.

„אַז איך וועל שפּילן בעטהאָווען, וועל איך נישט זיין קיין פּאַררעטער? וועל איך נישט באַליידיקן די אוניפאָרם, וועלכע איך טראָג?"

דער יונגערמאַן אין אוניפאָרם האָט אַרויסגערעדט:

„מוזט איר דווקא בעטהאָווען?"

ליליען האָט שאַרף אַרויסגערעדט:

„איר וועט שפּילן בעטהאָווען."

איינזעצנדיק זיך ביי דער פּיאַנאָ, האָט אַרנאָלד געזאָגט מיט זיין שמייכל:

„בעטהאָווען שטאַמט פון האָלאַנד, און האָלאַנד איז איצטער נייטראַל..."

ער האָט געשפּילט דעם ערשטן טייל פון דער „אַפּאַסיאָנאַטאַ". דער יונגער אָפיציר האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק, אַריינקוקנדיק אין אַ בוך. אויך די אַנדערע געסט האָבן פּאַטריאָטיש צוגעמאַכט זייערע אויערן, דרייענדיק מיט די קעפּ, באַוועגנדיק זיך אויף זייערע זיצן. זיי האָבן דעמאָנסטרירט זייער נישט הערן. ליליענס אויגן אָבער זיינען געווען פאַרצויגן מיט פייכקייט. זי האָט איבערגעלעבט גרויסן געניס. ווען ער האָט געענדיקט, האָט זי אים געדריקט די האַנט און לאַנג נישט אַוועקגענומען איר האַנט.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי געזאָגט:

„איר האָט מיר נישט אַפּלאָדירט."

„איך האָב אָבער אמת הנאה געהאַט," האָט ער געענטפערט. „און די הנאה איז געווען אינגאַנצן מיינע."

„איך האָב היינט נישט געקאָנט גאַנץ אַריין אין דער מוזיק, ווי איך בין געוווינט."

„פאַרוואָס?"

„ווייל איך האָב די גאַנצע צייט געוואָלט וויסן, ווי איר הערט. איך האָב געהאַט אַ באַדערפעניש צוצודרייען צו אייך מיין קאָפּ. איך האָב זיך איינגעהאַלטן, און דאָס האָט מיר געשטערט. ווען איר האָט געשפּילט, האָט איר די באַדערפעניש נישט געהאַט. דאָס האָב איך גוט געמערקט."

# X

ער איז אוועק פון די ברענדס אין געהויבענער שטימונג. ער האט געוווסט, אז ער האט געמאכט א דעראָבערונג. דאָס האָט זיך געמוזט ווארפן אין די אויגן. ווי ליליען האט נישט געוואָלט, ער זאָל שוין אוועקגיין! ווי פריינטלעך און הארציק מר. און מרס. ברענד האָבן אים געבעטן, ער זאָל זיי באַלד ווידער באזוכן! אָבער די געהויבענע שטימונג האָט זיך גענומען דער עיקר דערפון, וואָס ער האָט געמאכט די אנטדעקונג, אז ליליען איז שיין. צוערשט האָט ער געזען א גרויסע נאָז און דיקע ליפּן און אומבאוועגלעכע אויגן. אָבער פּלוצלונג איז דאָס אַלץ פארשוווּנדן. נאָז און ליפּן זיינען געוואָרן די פּאַסיקסטע טיילן פון איר געזיכט, און די אויגן האָבן אויפגעדעקט א נשמה, וואָס ליבט מוזיק און מאָלעריי און זוכט אין דער קונסט א באהאַלטעניש פון די שטורעמס, וועלכע מאכן חרוב די וועלט. איז זי נישט א פארוואַנדטע נשמה, א טייל פון אים אַליין?

אָבער אז ער האָט געטראַכט וועגן איר אויסזען, וואָס איז שיין, האָט ער זיך דערמאָנט אויף די, צו וועלכע ער האָט זיך דערנענטערט אין ניו־יאָרק: אויף קעטרין און טערעזע, אויף מעריאַן און אָלגאַ. אַלע שענער פאַר ליליען, אומפאַרגלייכלעך שענער.

און אז ער האָט זיך דאָס דערמאָנט, האָט אים אָפּגעלאָזן די געהויבענע שטימונג. ער איז אפילו אומעטיק געוואָרן. ער האָט זיך פארטראָגן נאָך ניו־יאָרק, צו זיינע באגעגענישן מיט דידאָזיקע פיר שיינהייטן, צו זיינע איבערלעבונגען. אָבער וועגן אַל־

גאָן האָט ער מורא געהאַט צו טראַכטן, געשעמט זיך. ער וועט זיך איר קיינמאָל נישט קאָנען באַווייזן פאַר די אויגן. מעריאָן איז אַוועקגעפאָרן מיט אַ מעדיצינישן „יוניט" נאָך פּאַלעסטינע. פון דעם לעצטן באַזוך צוזאַמען מיט די רוסן האָט ער זי מער נישט געזען. פון דעם פאַרזוך צו אַ דערנענטערונג איז גאָרנישט אַרויס־געקומען. זיי זיינען זיך געבליבן פרעמדע, דערווייטערטע. ער האָט איר איצטער נאָכגעשיקט אַ בליק אין דעם ווייטן, אומבאַקאַנטן לאַנד. געזען זי דאָרטן מיט אירע גוטע, לייכטנדיקע אויגן, אין איר גאַנצער שיינקייט און באַשעפטיקטקייט. זי דערמאָנט זיך אפילו נישט אויף אים.

ער האָט זיך אומגעקערט צו קעטרין און טערעזען. פון קעט־רין האָט ער שטענדיק געטראַכט מיט דעם ציטער פון ליידנשאַפט, פון טערעזען מיט דער בענקעניש נאָך גרויסער שיינקייט. צוביידן איז ער שוין געווען אַזוי נאָנט. די איינע האָט ער געהאַלטן אין זיינע אָרעמס, די אַנדערע האָט געוואַרט אויף זיין וואָרט, וואָס איז שוין געווען אַזוי נאָנט, אַזוי נאָנט...

וואָס וואָלט טערעזע געזאָגט, ווען זי וואָלט אים געזען אין אָפיצירישער אוניפאָרם? זי וואָלט מיט אים געוויס שלום געמאַכט, אָבער ער וואָלט איר נישט געקאָנט לייגן, אַז ער האָט שלום גע־מאַכט מיט דער מלחמה. דערפאַר האָט ער זיך דאָך נישט באַ־וויזן צו איר אין דער אוניפאָרם אין ניו־יאָרק.

ליליען איז אָפּגעטראָטן אין הינטערגרונט. ער האָט זיך קוים דערמאָנט אויף די איבערלעבענישן פון דעם אָוונט און אויף זיין געהויבענער שטימונג. ער איז איינגעשלאָפן אַ פאַרבענק־טער נאָך עפּעס, וואָס ער האָט נישט דערגרייכט.

אָבער אַז ער איז אויפגעשטאַנען אויף מאָרגן, האָט ער זיך גלייך דערמאָנט אויף ליליען און אָנגעהויבן מאַכן פּלענער, ווי צו זען זי באַלד.

ער האָט אָנגעהויבן טרעפן זיך מיט איר אָפט. אין דער וווינונג פון אירע עלטערן, אויף שפּאַציר־גענג. ענדלעך האָט זי אים אָנגעהויבן צו מאָלן. זי איז געווען באַגייסטערט פון איר אַרבעט און געזאָגט, אַז דאָס וועט זיין איר געלונגענסטער פאַר־טרעט.

אָבער איינמאָל, ווען ער האָט געדאַרפט גיין צו איר צו א זיצונג, האָט ער צופעליק אויסגעפונען, אז די קעלערמאַנס זיי־נען אין וואַשינגטאָן און האָבן זיך נאָכגעפרעגט אויף אים. אָן אומרו איז אויף אים געפאַלן. ער האָט זיי גלייך אויפגערופן. מרס. קעלערמאַן איז צוגעקומען צום טעלעפאָן, געווען גאַנץ אַנטציקט, וואָס ער האָט אָפּגערופן, אָפּגעגעבן אים א גרוס פון זיין מוטער און — אויב ער איז איצטער פריי, זאָל ער אַרויפ־קומען צו זיי. ער האָט פאַרשפּראָכן, פאַרגעסן אין דעם מאָמענט ליליען און די זיצונגען. ווען ער האָט זיך גלייך דערויף דער־מאָנט, האָט ער אָפּגעטעלעפאָנירט צו ליליען, אז ער קאָן היינט נישט קומען, און איז אוועק צו די קעלערמאַנס.

ער האָט נישט געוווּסט, צי טערעזע איז מיט די עלטערן אין וואַשינגטאָן. ער האָט נישט געוואָלט נאָכפרעגן זיך. אָבער ער איז געווען זיכער, אז זי איז מיט זיי. די דינסטמיידל, וועל־כע האָט אים אויפגעעפנט די טיר, האָט אים געלאָזט וויסן, אז די הערשאַפטן וועלן באַלד אַרויסקומען. אָבער מיס טערעזע... עס האָט אין אים אויפגעיובלט.

זי איז געזעסן ביים טיי־טיש און האָט געשטריקט א זאָק. זי האָט געוואָלט זיין קאַלט, זייער קאַלט, קוים אויפהויבן דעם קאָפּ. אָבער אז זי האָט דערזען די מיליטערישע אוניפאָרם, איז זי איבעררראַשט געוואָרן. אָנשטאָט א באַגריסונג, האָט זי אים א זאָג געטאָן:

„דאָך! אַריין אין דינסט און קאַפּיטאַן!"

ער האָט איר געענטפערט:

„איך האָב נישט געוווּסט, אז איר זייט אין וואַשינגטאָן."

„און אז איר וואָלט געוווּסט?"

„וואָלט איך זיך שוין געפרייט דעם גאַנצן וועג."

זי האָט א קוק געטאָן אויף אים מיט אירע גרויע אויגן פון אויבן אַראָפּ. דאָס האָט אים געדאַרפט דערמאָנען, אז זי איז מיט אים ברוגז. זי האָט אָבער מיט דעם קוק אויך באַמערקט, אז די אוניפאָרם קליידט אים זייער גוט, און אז אַרנאָלד לעווענבערג איז אין דער אמתן א שיינער יונגערמאַן. זיינע ווערטער זיינען א באַ־קענטעניש אין ליבע. אָבער זי וועט אויף זיי נישט רעאַגירן.

איצטער איז נישט די צייט. אַן אַנדערשמאָל וואָלט זי אים גע־צוווּנגען צו דערקלערן, פאַרוואָס ער וואָלט זיך געפרייט. זי וואָלט אַרויסגעפישט ביי אים די באַקענטעניש, וועלכע מוז קומען נאָך אַזאַ וואָרט. אָבער איצטער האָט זי דאָס נישט געטאָרט. איצטער, ווען דאָס פאָטערלאַנד איז אין געפאַר, און יונגע אַמעריקאַנער ווערן אין די טויזנטער געהרגעט אָט שוין אַ יאָר צייט, און איר ברודער איז אויף יענער זייט ים אין די טרענטשעס פון פראַנק־רייך, און זי אַליין דינט געטריי און איבערגעגעבן דער מלחמה: שטריקט זאָקן און סוועטערס, גרייט צו באַנדאַזשן פאַר פאַרוווּנ־דעטע, באַדינט סאָלדאַטן אין די קאַנטינען, פאַרגינט זיך קיין איין מינוט רו נישט, איצטער דאַרפן אַלע זיין ערנסט, איז קיין צייט נישטאָ פאַר ליבע־שפּיל אַפילו אין ערנסט. איצטער האָט זי אים געפרעגט:

„ווען וועט איר אַוועקגעשיקט ווערן אין פראַנקרייך?"

„איך וועל נישט אַוועקגעשיקט ווערן," האָט ער געענטפערט מיט זיין שמייכל. ער האָט מורא געהאַט פאַר די פראַגן און דעם געשפרעך, צו וועלכן זיי וועלן פירן. אָבער אין אַ פּרט איז ער געווען צופרידן. זיי וועלן אויפדעקן איר זיין טעטיקייט. ער וועט זי נישט איבערלאָזן אונטער דעם איינדרוק און אין דעם גלויבן, אַז ער דינט דער מלחמה.

„וואָס טוט איר דען?" האָט זי אים ווייטער געפרעגט.

„גאָרנישט."

„ווי הייסט גאָרנישט?"

„אַבסאָלוט גאָרנישט."

„און די אוניפאָרם?"

„איז, ליידער, אַ פאַלשער צודעק."

„ווי הייסט? איר האָט זי אַליין אָנגעטאָן?"

„אָ ניין! אַזאַ פעלשונג איז זייער געפערלעך. די רעגירונג האָט זי מיר געגעבן — מיר און נאָך אַ סך אַזעלכע, ווי איך — ווייל מיר האָבן גוטע פריינט, מענטשן מיט וואָרט און וואָג אין געוויסע קרייזן."

„איך פאַרשטיי אייך נישט," האָט זי געזאָגט און אָנגע־שטרענגט זיך צו פאַרשטיין.

„דאָס איז אַ כבוד פאַר אייך נישט צו פאַרשטיין. עס איז זייער ווייניק כבוד צו פאַרשטיין, און נאָך ווייניקער צו טאָן עס."

זי האָט נאָך ווייניקער פאַרשטאַנען.

„איר טוט דאָך עפּעס. אומזיסט וועט מען דאָך אייך נישט מאַכן פאַר אַ קאַפּיטאַן!"

„איך טו ווייניקער פאַר אייך מיט אייער זאָקן־שטריקן."

דאָס האָט ער נישט געדאַרפט זאָגן. דערמיט האָט ער זי בלוטיק באַליידיקט. ער האָט אָנגערירט אירע זאָקן, וועלכע דער־ווארעמען די פיס עמעצן אין די טרענטשעס און גיבן אים אונטער מוט אויסצוהרגענען וואָס מער „הונען".

„איך האָב, ליידער, נישט געקאָנט ברענגען איבער זיך צו ווערן אַ שאָפערין ביי אָפיצירן, ווי קעטרין שופּרא," האָט זי ארויסגערעדט שפּיציק און גיפטיק.

ער האָט אויפגעלאַכט.

„אָ, איך האָב נישט געוואָלט באַליידיקן אייער שטריקן. פאַרקערט, איך האַלט עס פאַר אַ נוצלעכער ארבעט. אַ סך נוצלע־כער פאַר דער ארבעט, וועלכע איך טו. דערוויַיל אַ דאַנק פאַר דער אינפאָרמאַציע וועגן מיס שופּרא."

„און איר האָט עס נישט געוווּסט — וועגן מ י ס שופּרא?"

„איך שטיי נישט מיט איר אין קאָרעספּאָנדענץ."

אין צימער זיינען אַריינגעקומען די עלטערן. זיי האָבן זיך געפרייט צו זען אים, הארציק געדריקט אים די האַנט, אָבער מרס. קעלערמאַן האָט גלייך באַמערקט, אַז טערעזע איז אָנגעבלאָזן. וואָס וויל זי פון זיין לעבן האָבן?

„זעט ער נישט זייער גוט אויס אין דער אוניפאָרם?" האָט זי זיך געווענדט צו דער טאָכטער.

די טאָכטער האָט נישט אַ באַוועג געטאָן מיט אַן אויג און גאָרנישט געענטפערט.

מר. קעלערמאַן האָט אָנגעהויבן אויסצופרעגן ארנאָלדן, ווו ער דינט און וואָס ער טוט. מיט דעם געפיל פון זעלבסטפארלאַ־בונג און זעלבסטאָפּשמייסונג האָט ארנאָלד געענטפערט:

„איך שטער צו מאַכן שנעלע אויפקויפונגען און שנעלע

טראנספּאָרטן, ווייל זיי קאָנען נישט געמאַכט ווערן אָן מיין אונ־טערשריפט, וועלכע איז נישט נויטיק.״

מר. קעלערמאַן האָט עס דורכגעלאָזן ווי א וויץ, וועלכן דעם באַשיידענעם יונגנמאַן איז אָנגענעם געוועזן צו מאַכן אויף זיך אַליין. אָבער ער האָט געוווּסט די פולע באַדייטונג פון דידאָ־זיקע ווערטער און נישט געוואָלט ווייטער דרינגען אין דעם יונגן קאַפּיטאַן. ער האָט געוואָלט, ער זאָל געפעלן זיין טאָכטער.

דער געשפּרעך איז אַוועק אויף פאַרשיידענע טעמעס: נאָכאַ־מאָל א גרוס פון אַרנאָלדס מוטער, וועלכע זיי האָבן איינגעטלעך נישט געזען, ווייל זי האָט זיך נישט געלאָזן זען, א גרוס פון ניו־יאָרק בכלל, ענדריוס בריוו פון פראַנקרייך, די לאַגע אין די טרענ־טשעס, אַביסל מלחמה־סטראַטעגיק. טערעזע האָט זיך ווייניק אריינ־געמישט. ווען ער איז אויפגעשטאַנען אַוועקצוגיין, האָט מרס. קע־לערמאַן אים וואַרעם איינגעלאַדן אריינצוקומען וואָס עפטער פאַר דער צייט, וואָס זיי וועלן זיין אין וואַשינגטאָן. ניו־יאָרקער דאַרפן שטעקן צוזאַמען, האָט זי זיך געוויצלט. און אַז ער איז אַוועק, האָט זי זיך געווענדט צו דער טאָכטער:

„וואָס ביזטו שוין ווידער אין כעס?״

און טערעזע האָט שאַרף אָפּגעענטפערט:

„איך וואָלט אַזאַ פּראָ־דייטש אין דער אַרמיי נישט אריינגע־נומען, אָדער וואָלט אים אַוועקגעשיקט דווקא אין די טרענטשעס!״

דאָך האָט זי נישט אויפגעהערט צו טראַכטן, אַז ער האָט זייער גוט אויסגעזען. קרעפטיק, מענלעך, איינער, מיט וועלכן מען קאָן זיך באַווייזן. ווען די צייט וועט קומען, וועט ער שוין ליגן ביי אירע פיס.

און ער איז געגאַנגען און געטראַכט פון — קעטרין שופּ־ראַ. פון דעם גאַנצן געשפּרעך איז אים געבליבן, אַז קעטרין שופּ־ראַ איז שאַפערין. ער האָט געלאַכט: קעטרין האָט געפונען די נוצ־לעכסטע אַרבעט... ער האָט זיך דערמאָנט אויף א בריוו, וועלכן ער האָט געקראָגן פון זיין שוועסטערקינד דזשאָן פון פראַנקרייך. ביי זיך אין צימער האָט ער ווידער איבערגעלייענט דעם בריוו און געזען פאַר זיך קעטרין אַלס שאָפערין ביי אָפיצירן...

אין דעם בריוו איז געשטאַנען:

„ערשט דאָ, אין די טרענטשעס, קאָן מען באַגרייפן, וואָס דער געשלעכטס־טריב איז. די סאָלדאַטן הערן נישט אויף צו רעדן „ווייב" אין דער מיאוסטער שפּראַך, אין דער עקלהאַפטעסטער שפּראַך, ווי זיי וואָלטן מיט די גראָבע, די גרעבסטע ווערטער שטילן זייער ווייב־הונגער. איך בין קיינמאָל הונגעריק נישט געווען, אָבער איך שטעל זיך פאָר, אַז אַ הונגעריקער הערט נישט אויף צו דענקען און אויסצומאָלן זיך אַ שטיקל ברויט — אַזוי הערן נישט אויף די סאָלדאַטן צו דענקען און אויסצומאָלן זיך ווייב.

„ווען מען קומט אין אַ דאָרף, גייט מען גלייך אַוועק „זוכן" און די פראַנצויזן ווייסן דעמדאָזיקן סאָלדאַטן־הונגער און נוצן אים אויס אויף צו באַרייכערן זייערע קעשענעס. זיי פאַרקויפן צו די סאָלדאַטן זייערע פרויען, טעכטער — קליינינקע מיידעלעך — און אַפילו זייערע אַלטע מאַמעס. ווען איך זאָל דיר אויסשרייבן, וואָס איך האָב זיך אָנגעזען, וועט מיך די אַמעריקאַנער פּאָסט פאַרפאַלגן, ווי דעם גרעסטן פאַרברעכער. ווען איך וועל קומען פון דער מלחמה — וועל איך קומען? — גרייט זיך צו צו הערן. און איך פאַרזיכער דיר, אַז דיר, דעם מאָראַליסט, וועט נישט גוט ווערן.

„אָבער דאָס, גלויב איך, וועט אונזער פּאָסט קאָנען פאַרטראָגן: אין די שטעטלעך הינטער דער ליניע האָלטן אויף די רעגירונגען עפנטלעכע הייזער. פרויען ווערן צוגעשטעלט, ווי עס ווערן צוגעשטעלט פלייש און שטיוול."

אַרנאָלד האָט געלייענט דידאָזיקע שורות און אַלץ געזען פאַר זיך קעטרין, די שאָפערין, וועלכע פירט אַרום אָפיצירן. ער האָט זיך אָנגעשפאַרט אָן ווענטל פון זיין שטול און געקוקט פאַר זיך ערגעץ אין אַ ווייטקייט. ענדלעך האָט ער אויפגעלאַכט: — „הייליקע מלחמה! הייליקע קאַטערינע!"

די „היליקע קאַטערינע‟, וועלכע האָט אַרויסגערופן זיין אויפלאַכן, האָט אים נישט פאַרלאָזן. זי איז אַריין אין זיין בלוט, פאַרנומען זיינע געדאַנקען, האָט אים אומרואיק געמאַכט. ער האָט זי געזען אַרומפאָרנדיק מיט אָפּיצירן. געזען, ווי די אָפיצירן קוקן זי אָן, וואָס זיי דערלויבן זיך מיט איר. ער איז אייפערזיכטיק געוואָרן אויף די אָפיצירן. ער האָט געדענקט די קעטרין, וועלכע ער האָט געקושט, די קעטרין, וועלכע האָט זיך ביי אים אַזוי געבעטן, ער זאָל נישט אַוועקגיין, די קעטרין, פאַר וועמעס טיר ער איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק, ווען ער האָט געקאָנט אַריינגיין און פאָדערן איר ליבע. עס איז זיין קעטרין. ער דאַרף נאָר אויסשטרעקן די האַנט. די אָפיצירן פאַרנעמען עפּעס זיינס, פאַרנעמען זיין פּלאַץ, דאָס האָט אים פאַראורזאַכט האַרצקלאַפּעניש.

ער איז צו ליליען צו דער זיצונג ווידער נישט געגאַנגען. ער האָט נישט געקאָנט זיצן פאַר איר מיט קעטרין אין זיין בלוט. ער האָט זי אָפּגערופן און אָנגעזאָגט, אַז ער איז זייער באַשעפטיקט. ווען ער האָט אויפגעהאַנגען דעם הערער, האָט ער באַשלאָסן צו נעמען אורלויב און דורכצופאָרן זיך אין ניו־יאָרק.

אין דער צייטונג, וועלכע ער האָט געלייענט אין צוג, האָט ער איבערגעלייענט, אַז בען שופּראַ, קעטרינס ברודער, איז געהרגעט געוואָרן אין פראַנקרייך. אַרנאָלד האָט דעם יונגן מענטשן וויניק געקענט. ער האָט נאָר געוווּסט, אַז ער איז געוועזן אַן אויסנאַם פון די שופּראַס. שטיל און באַשיידן, ערלעך און ריין. ער

האָט זיינע עלטערן נישט געקאָנט פאַרטראָגן און נישט געוואָלט מיט זיי. און דערביי איז ער דאָך געבליבן אַזאַ געטרייער זון, אַז ער פלעגט באַצאָלן די קאָרטן־חובות פון זיין מוטער. דאָס איז אַליין, וואָס ארנאָלד האָט געוווּסט פון איס, אָבער אַז ער האָט איבער־געלייענט וועגן זיין טויט, האָט ער אויפגעשווידערט. ער האָט אים דערזען פאַר זיך, דעם שטילן, ערלעכן, און דערשראָקן זיך פאַר דעם געדאַנק, מיט וועלכן ער איז געפאָרן צו זיין שוועסטער. ער האָט אים געגומען פאַרשרייען אין זיך, באַזיגן, דערשטיקן.

„איך בין מיאוס געזונקען," האָט ער זיך אַליין געזאָגט, אָנשפּאַרנדיק זיך אָן דעם פּולמאַן־שטול און קוקנדיק אין די לויפנ־דיקע בילדער דרויסן. ער האָט זיי נישט געזען. ער האָט נאָר גע־זען, וואָס עס טוט זיך אין אים. און דאָרטן איז געווען אַ גרוי־כער פאַרלאַנג נאָך קעטרין, רייצנדיק, פּייניקנדיק...

ער וועט טראַכטן וועגן דעם יונגן שופרא, וועגן די טרענ־טשעס, וועגן די אומצייליקע ליידן פון די סאָלדאַטן, וועגן דער אוממענטשלעכקייט פון דער מלחמה, פון דעם צוריקגאַנג פון דער מענטשלעכער קולטור... ער מוז טראַכטן וועגן וואָס עס איז, נאָר נישט וועגן קעטרין. און זיין געדאַנק בלייבט שטיין ביי דזשאָנס בריוו, און באַלד איז ער ווידער פול מיט קעטרין.

ער האָט געזוכט פאַרגעסנקייט אין דער צייטונג, באַפרייאונג אין אַ בוך, אָבער ער האָט נישט געפונען, וואָס ער האָט געזוכט. ער האָט געלייענט — און געוווּסט די גאַנצע צייט, וואָס ער זוכט צו פאַרטרייבן פון זיך.

ער האָט זיך אונטערגעגעבן. ער האָט אַראָפּגעלאָזן דאָס בוך, געקוקט אין פענסטער און געטראַכט וועגן דעם, וואָס עס שטייט אים פאָר מיט קעטרין. דער טויטער ברודער איז געשטאַנען צווישן אים און איר. ער האָט געפּאַסט אַ באַשלוס. ער וועט זיך גאָרנישט דערלויבן מיט קעטרין. אין נאָמען פון איר ברודער, אין נאָמען פון דער שיינקייט, וועלכע ליגט אין דעם מענטשלעכן ווילן צו ריינקייט. ער וועט זיין דער אַלטער אַרנאָלד. אויב ער ליבט קעטרין, האָט ער גאָר איין וועג פאַר זיך: חתונה האָבן מיט איר.

רייניקן זי דורך דער חתונה, בארויקן אירע זינדיקע ליידנשאפטן, מאכן זי פאר א גוטן מענטשן. ער האט געטראכט, ווי דאס קאן דערגרייכט ווערן, אויסגעלייגט פלענער, פאנטאזירט אוממעגלעכס. און געוווסט, אז ער פאנטאזירט, געפילט אין זיך נאר דעם איין גרויסן באגער.

וואלט עס נישט געווען גלייכער, ער זאל קעטרין נישט אויפזוכן? פארברענגען די פאר טעג מיט דער מוטער און אוועקפארן. זאל ער עס נישט טאן אין נאמען פון דעם געהרגעטן? אויף אזא אופן באזיגן אין זיך באגער און בענקעניש. דאס וואלט געווען די גלייכסטע זאך... יא, דאס וואלט געווען די גלייכסטע זאך... אבער ער וועט דאס נישט טאן. ניין, ער וועט עס נישט טאן... דאס איז פחדנות. דאס איז נישט זיג, דאס איז אנטלויפן. ער וועט נישט אנטלויפן. ער וועט אויפזוכן קעטרין. ער וועט זי זען, אטעמען איר לופט, זיין נאנט לעבן איר — און וועט זיין האנט נישט אויסציען נאך איר, וועט זי נישט אנרירן, וועט זיך באזיגן אונטער איר צויבער, דעמאלט וועט ער ווערן פריי... וועט — ער — ווערן — פריי...

און אין דער אייגענער צייט האט עפ אין אים גערעדט: וועט ער עס קאנען? וועט ער עס קאנען? — — —

אנקומענדיק אין ניו־יארק, האט ער איר אוועקגעשיקט א מנחם־אבל־טעלעגראם, אנגעזאגט איר, אז ער איז נאר אויף א פאר טעג אין ניו־יארק און וואלט זי געוואלט זען: פערזענלעך אויסדריקן איר זיין מיטגעפיל צום טויט פון איר איינציקן ברודער.

קעטרין און איר ברודער זיינען געווען צוויי פארשיידענע מענטשן, צוויי זיך גאנץ פרעמדע מענטשן. זיי האבן נישט געוווסט און נישט געוואלט וויסן איינס פון אנדערן. בען האט שטענדיק געוואלט פארגעסן, אז ער האט א שוועסטער קעטרין. זי אבער האט אים געהאסט און שטענדיק גערעדט פון אים מיט פאראכטונג.

דער טויט פון איר ברודער האט אויף איר קיין שום איינדרוק נישט געמאכט. האט ער דען פאר איר געלעבט? יא, ער האט

געלעבט נאָר אום זי צו רייצן, צו מוסרן, צו מאַטערן. אַרנאָלדס מנחם־אבל־טעלעגראַם האָט ביי איר אַרויסגערופן אַ פּאַרעכטלעכן שמייכל. זי האָט זיך נאָר אָנגעכאַפּט אָן זיין פאַרלאַנג צו זען זי. אָ, ער קומט דאָך צוריק!

זי האָט אַרנאָלדן פאַר דער גאַנצער צייט נישט פאַרגעסן. אַלע אירע איבערלעבענישן זיינען געווען צייט־פאַרטרייב, אַרנאָלד איז געווען תכלית. דער רייכער, יונגער מענטש איז פאַרשיכורט פון איר — איז עס מעגלעך, אַז ער וועט זיך מער קיינמאָל נישט באַווייזן צו איר און זי וועט נישט האָבן די געלעגנהייט צו גע־ברויכן אירע בעסטע מיטלען אויף צוצובינדן אים צו זיך? זי האָט געוווּסט, אַז שרייבן אים נאָך יענעם אָוונט איז אַרויסגעוואָר־פענע אַרבעט. האָט זי געוואַרט. געהאָפט אויף אַ צופאַל. און ווען דער צופאַל וועט זיי צוזאַמענברענגען, וועט דער סם, וועלכן זי האָט אַריינגעגאָסן אין אים, ווידער אָנהייבן צו ווירקן...

און אָט איז דער צופאַל. דער ברודער, וועלכער האָט זי אַזוי פיינט געהאַט, האָט איר אַ גרויסע טובה געטאָן מיט זיין טויט... איז עס אַ צופאַל? זי האָט געקוקט אויף דער טעלעגראַם פאַר זיך. ניין, לעווענבערג האָט זי געוואָלט זען, געזוכט אַ געלעגנהייט, דער אָנזאָג פון אַ מנחם־אבל־באַזוך איז נאָר אַן אויסרייד. ער מוז דאָך וויסן, אַז זי האָט געהאַסט איר ברודער. דער סם זיצט אין אים. ער וויל זי, ער באַגערט זי. זי האָט טריאומפירט, געדריקט מיט די ציינער, געשאָקלט די פויסטן אין דער וויַיטער ריכטונג, וווּ אַרנאָלד האָט זיך איצטער געדאַרפט געפינען, און אַראָפּגענו־מען דאָס טעלעפאָן־טרייבל, אויפצורופן אים און איינצולאַדן אים, ער זאָל גלייך אַריבערקומען.

די אַלטע מוטער אַרנאָלדס האָט זיך נאָך נישט גענוג אָנגע־קוקט אויף אים, נאָך נישט גענוג אָנגערעדט זיך מיט אים. זי האָט זיך געפרייט אויף דעם גאַנצן אָוונט, וועלכן זיי וועלן פאַר־ברענגען צוזאַמען. און ער וועט שפּילן פּיאַנאָ — זי האָט אים שוין אַזוי לאַנג נישט געהערט, און געבענקט אַזוי נאָך זיין שפּילן.

פּלוצלונג אַ טעלעפאָן, וואָס האָט אַריינגעטריבן איר זון דאָס גאַנצע בלוט אין געזיכט און אָנגעפילט אים מיט אומרואַי־

קייט. ווען ער האָט אויפגעהאַנגען דעם הערער, איז ער אויפגע־שטאַנען און אָנגעזאָגט איר, אַז ער מוז גלייך אַוועקגיין.

„אַז דו מוזט, מוזטו,‟ האָט די אַלטע געזאָגט אַנטוישט און פֿרויערדיק. זי האָט איצטער געוווּסט, אַז איר זון איז געקומען פֿון וואַשינגטאָן נישט צוליב איר. ער האָט זיך פֿאַרבענקט נאָך עמעצן אַנדערש. ווער איז דער עמעצער אַנדערש? ווער איז זי? איר איז עס נישט אָנגעשטאַנען צו פֿרעגן. „זאָל עס נאָר נישט זיין קעט־רין שופּראַ!‟ האָט זי תּפֿילה געטאָן.

קעטרין האָט אים געלאָזט וואַרטן אין גרויסן זאַל. מיט אַ כּיוון. זאָל ער וואַרטן! זי האָט גאָרנישט געטאָן אויבן בײַ זיך אין צימער. זי איז געשטאַנען בײַם פֿענסטער הינטער דער גאַרדין, ווען זיין אויטאָמאָביל איז צוגעפֿאָרן, און איז געשטאַנען אין איר טיר און צוגעהערט זיך, ווי מערי האָט אים אויפֿגעמאַכט די גאַס־טיר און איינגעלאַדן אין זאַל און געבעטן וואַרטן. זי האָט אַרויסגעשטעקט די צונג, געסקריעט מיט די ציינער, געפּאַטשט מיט דער פֿויסט. ענדלעך דורכגעטאַנצט זיך איבערן צימער אַ בויך־טאַנץ. געשטעלט זיך פֿאַרן שפּיגל, אויסגעבויגן איר קערפּער, ווילד, ליידנשאַפֿטלעך — אַ וואַמפּיר, אויסגעגלאָצט די אויגן — שאַרפֿ־דיקע, פֿאַרצערנדיקע, פֿאַרשלינגענדיקע אויגן. אַרומגעקוקט זיך אַביסל, ווי זי איז אָנגעטאָן. אַ קורץ בלוי סאַמעט קליידל, דורכזיכ־טיקע, לאַנגע, פֿלייש־פֿאַרביקע זאָקן, די ברוסט טיף אויסגע־שניטן, אָר־אָ! איצטער איז זי אַראָפּגעגאַנגען צו אים. זי האָט אויף זיך נישט אַרויפֿגעזעצט קיין אַבל־געזיכט. זי האָט אַפֿילו פֿאַרגעסן, אַז איר ברודער איז געשטאָרבן.

ווען אַרנאָלד האָט געהאַלטן איר האַנט און אויסגעדריקט איר זיין מיטגעפֿיל, דערציילט, וואָס פֿאַר אַן איינדרוק די ידיעה האָט אויף אים געמאַכט, ווען ער האָט זי אינדערפֿרי איבערגע־לייענט אין דער צייטונג, האָט זי אים נישט געהערט. זי האָט גע־קוקט אויף אים און געחידושט זיך, ווי אַנדערש, ווי קרעפֿטיקער, ווי מענלעכער און אַ סך שענער ער זעט אויס אין דעם מיליטע־רישן אָנצוג. ווען ער האָט געענדיקט, האָט זי אים נישט געדאַנקט.

„איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז איר דינט,‟ האָט זי גע־זאָגט. דאָס איז געווען נישט אמת. זי האָט עס יאָ געוווּסט, ווייל

זי האָט זיך גוט פאַנאַנדערגעפרעגט וועגן אים. און ער האָט זיך געלאָזט נאַרן. עס האָט אים פאַרדראָסן, פאַרוואָס זי האָט זיך נישט אינטערעסירט אויסצוגעפינען וועגן אים.

„האָט אירווירקלעך נישט געוווּסט?” האָט ער געפרעגט.

„און איר האָט געוווּסט וועגן מיר?”

„געוווּסט.”

„וואָס האָט איר געוווּסט?”

„אַז איר זייט געוואָרן אַ שאָפערין.”

„פונוואַנען האָט איר עס געוווּסט?”

„איך האָב געוואָלט וויסן, האָב איך זיך עס דערוווּסט.”

דאָס האָט ער שוין געלייגט, אָבער זיין האַרץ איז צוגאַנגען אין אים פאַר בענקעניש נאָך איר, און ער האָט זיך געוואָלט צולאַסטשען צו איר, איינקויפן זיך ביי איר. און אין דער אייגע־נער צייט האָט ער געדענקט, אַז איר ברודער איז געהרגעט גע־וואָרן, אַז זי איז אַן אבל, אַז ער וויל זיך באַנעמען איינגעהאַלטן און רואיק. ער האָט זיך נישט געכאַפּט, אַז זי האָט אַפילו מיט אַ וואָרט נישט אָפּגערופן זיך אויפן טויט פון איר ברודער. ער האָט אַרויפגעפירט דעם געשפּרעך אויף דעם ברודער. ער האָט געפילט, אַז ער מוז דאָס. ווען האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז ער איז געהרגעט געוואָרן? וואָס ווייסן זיי מער? וועלכע איינצלהייטן פון זיין טויט?

זי האָט גאָרנישט געוווּסט. האָט אויך נישט געוואָלט רעדן וועגן דעם. עס האָט אים דאָך נישט געבראַכט צו איר דער טויט פון איר ברודער! נישט צוליב דעם איז ער דאָך געקומען! זי האָט געפילט, אַז ער האַלט זיך שטייף. און דאָס איז געוויס, ווייל ער דענקט, אַז אַזוי דאַרף מען זיך האַלטן מיט איינער, וועלכע האָט גאָר־וואָס פאַרלאָרן איר ברודער. און זי האָט אים געוואָלט לאָזן וויסן, אַז זי מאַכט זיך נישט אויס פון דעם טויט פון דעם יונגן מענטשן, וועלכער האָט געהייסן בען שופרא און געהאַט דאָס אומ־גליק אויסגעטראָגן צו ווערן פון דער־זעלביקער געבערמוטער, וואָס זי: זי האָט אים געהאַסט און גאָרנישט פאַרלאָרן מיט זיין טויט.

„ניין,” האָט מעריאַן געלאַכט און איז אויפגעשטאַנען.

„אָ!” האָט זי אויסגערופן, „לאָמיר אים לאָזן רוען אין

פרידן — אָדער זאָל ער דאָרטן טאָן, וואָס ער וויל! — דערציילט מיר בעסער וועגן זיך.״

זי האָט זיך צוגערוקט צו אים, אוועקגעלייגט אירע צונויפֿגעלייגטע הענט אים אויף די קני, אריינגעקוקט אים אין די אויגן.

אירע ווערטער וועגן דעם טויטן ברודער און דער טאָן פֿון זיי זיינען אים דורכגעגאַנגען, ווי אַ קעלט איבערן קערפּער. אָבער אירע הענט אויף זיינע קני און איר דורכדרינגענדיקער בליק זיינען אים דורכגעגאַנגען, ווי אַ הייסער עלעקטרישער שטראָם.

וואָס זאָל ער וועגן זיך דערציילן? ער דינט, געפינט זיך אין וואַשינגטאָן — טערעזע און ליליען, וועלכע געפינען זיך אין וואַשינגטאָן, זיינען אויפגעשטיגן אין זיין זכרון. ער האָט אַרויפֿגעלייגט זיינע הענט אויף אירע הענט, און דאָס מאַרך־קעסטל, וואָס האָט זיך געהאַט אויפגעעפנט און אַרויסגעלאָזן ביידע אַנדערע מיידלעך, האָט זיך צוריק צוגעמאַכט איבער זיי. זיי האָבן זיך מער נישט באַוויזן.

האָט ער אַמאָל געטראַכט וועגן איר? יאָ, ער האָט. אָפט? גאַנץ אָפט. און ער האָט איר דערציילט, ווי אין איין אָוונט איז ער אַרומגעגאַנגען הין און צוריק פֿאַר איר טיר און עס איז געווען ליכטיק אין איר צימער. און ער האָט געוואָלט, זי זאָל אַרויסקוקן און אים דערזען. אָבער ער האָט נישט געפונען אין זיך קיין מוט אָנצוקלינגען אין טיר, כאָטש ער האָט דאָס זייער שטאַרק געוואָלט.

,,האָסט געוויס געוואָלט אַרויפֿקומען און אויסגעפינען, וואָס פֿאַר אַ סיורפּריז איך האָב פֿאַר דיר געהאַט יענעם אָוונט, ווען דו ביזט אַזוי העסלעך אַנטלאָפן,״ האָט זי געזאָגט און צוגעגעבן: ,,דו ווייסט, דו זעסט זייער גוט אויס אין דיין אָפיצירישן קאָסטיום.״ און געדריקט אים דערביי דעם שענקל פֿון זיין פוס מיט אירע הענט.

ער האָט פֿאַרגעסן, וואָס ער האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך. פֿאַרגעסן, ווי ער דאַרף אַ זיגער זיין. עס האָט אים געצויגן אַרומצונעמען זי, קושן זי. עס האָט אים נאָר געשטערט דאָס גרויסע צימער, די פּרעמדקייט פֿון די ווענט, די אומבאַקאַנטקייט.

קעטרין האָט זיך פּלוצלונג אַ צי געטאָן צו אים און אַ קוש געטאָן אים אויף די ליפּן. ער איז געווען איבערראַשט, האָט קוים

אָפּגעענטפערט אויף איר קוש. ער האָט איר נאָר שטאַרקער גע־דריקט די הענט, צום דאַנק פאַרן קוש. ער איז שוין געווען פאַר־שיכורט. איצטער האָט ער געוואָלט וויסן, וואָס פאַר א סיורפּריז זי האָט געהאַט פאַר אים. ער האָט עס געפרעגט מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם, קלאַפּנדיקן האַרץ, אויפגערעגט.

זי האָט אים דורכגענומען מיט איר שטים, וועלכע זי האָט דורכגעלאָזן דורך א האַלב־אָפענעם מויל. זי וועט אים נישט זאָגן. אָבער ווען ער וועט ווידער זיין גוט און פרום, וועט זי עס ווידער אָנגרייטן פאַר אים.

אָ, ער איז שוין גוט און פרום!

„ביזטו עס?"

זי האָט זיך צוגעצויגן צו אים, מויל נאָנט צו מויל. ער האָט זי אַרומגעכאַפּט און אַרויפגעדריקט זיין קוש, ווילד, פאַרגעסן, פאַרשיכורט.

„קום, מיר וועלן אַרויפגיין צו מיר אין צימער," האָט זי קוים אַרויסגעשעפּטשעט. זי האָט אים געהאַלטן פאַר דער האַנט; אויפגעהויבן אים. זיי האָבן געמאַכט א פּאָר שריט.

פּלוצלונג דער טעלעפאָן. זי האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט, געגאַנגען ווייטער, צו די טרעפּ. דער טעלעפאָן הערט נישט אויף דעם גאַנצן טאָג.

מערי איז צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן. מען האָט געוואָלט מרס. שופּרא. מרס. שופּרא איז קראַנק. ליגט אין בעט. קאָן צום טעלעפאָן נישט קומען. קאָן זי איבערגעבן איר, אָדער זאָל זי צו רופן מיס שופּרא? יאָ, מיס שופּרא, זייער נויטיק.

„מיס קעטרין, מען וויל אייך צום טעלעפאָן."

„איך וויל נישט," האָט זי קאַפּריזיק געענטפערט און איז ווייטער געגאַנגען, נאָכגעשלעפּט נאָך זיך אַרנאָלדן. „נעמט איבער, וואָס זיי האָבן דאַרטן."

און מערי ביים טעלעפאָן רעדט אַריין:

„מיס שופּרא קאָן אויך נישט קומען. קאָנט איר מיר זאָגן, וואָס איר דאַרפט?"

און גלייך האָט זי אויפגעשריען נישט מיט איר קול: „וואָס!" און אָנגעהויבן צו ציטערן אין אַלע גלידער.

קעטרין און אַרנאָלד זיינען שוין אַרויף אויף די טרעפּ פון ערשטן שטאָק. ביים פאַרקער צו די טרעפּ פון דעם צווייטן שטאָק האָבן זיי זיך ווידער צונויפגעגאָסן אין אַ פאַרשיכורטן קוש.

„מיס קעטרין! מיס קעטרין!'' האָבן זיי געוועקט מעריס שרעקלעכע קולות. „מיס קעטרין, אייער פאָטער, מר. שופרא איז טויט! איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד!''

צוויי טעג פאר דעם טויט פון זיין זון האָט מר. שופרא גע־קראָגן פון אים אַ בריוו בזה הלשון:

„מר. און מרס. עדוואַרד שופרא,

וואָס הייסן מיינע עלטערן.

דאָ איז זייער שרעקלעך, און אַלע אַרום מיר זיינען אָנגע־פילט מיט מורא. איך איינער אַליין האָב קיין מורא נישט. נישט ווייל איך בין אַזאַ מוטיקער און נישט־שרעקעדיקער, נאָר ווייל איך האָב דאָס לעבן, ווו איר גייט אַרום אַלס מיין טאַטע־מאַמע. זינט איך האָב באַגריפן די פולע געמיינהייט פון אייער אַרט לעבן, איז מיר דאָס לעבן מיאוס געוואָרן, איז ש׳ דאָס לעבן געוואָרן אַ לאַסט. פאַרוואָס איך בין נישט באַגאַנגען קיין זעלבסטמאָרד, ווייס איך ווירקלעך נישט. איצטער אָבער האָב איך די גרויסע גוטע געלעגנהייט. ביז איצטער האָבן מיך די קוילן נאָך געשאָנעוועט, אָבער איך ווייס באַשטימט, אַז היינט־מאָרגן וועט מיך איינע טרעפן, און זי וועט איר אַרבעט אָפטאָן גוט. ווען איר וועט זיין דערוויסן פון מיין טויט, מאַכט נישט קיין אָנשטעל פון טרויער איר וועט מיך דערמיט שטאַרק באַליידיקן. ווילט מיך נישט כלומרשט באַדויערן. מיין טויט איז מיין ליבפולע באַפרייאונג פו דער שאַנד, אין וועלכער איך האָב זיך געטאָפּטשעט צוליב אייך איך בענטש אין פאָראויס די קויל, וועלכע וועט מיך טרעפן.

בען שופרא.“

מר. שופרא האָט איבערגעלייענט דעם בריוו, ביז אַרויסגע־

רעדט: „נאַר!" צוריסן דעם בריוו אויף גאַנץ קליינע שטיקעלעך און אַריינגעוואָרפן די שטיקעלעך אין דעם פּאַפּיר־קאָרב, וואָס איז געשטאַנען לעבן זיין שרייב־טיש. אָפּטוענדיק דאָס, האָט אים פאַרדראָסן, פאַרוואָס ער האָט צוריסן דעם בריוו. געדאַרפט אים נאָך באַווייזן מרס. שופרא. ער האָט אַרויסגעשלעפּט די שטיקלעך צוריק פון דעם פּאַפּיר־קאָרב, גענומען זיי צוזאַמענצושטעלן, איז מיד געוואָרן פון דער אַרבעט און צוריק אַריינגעוואָרפן די שטיקלעך אין קאָרב אַריין. ער געדענקט אים אויף אויסווייניק. און אויב ער וועט נישט געברויכן דיזעלביקע ווערטער, דעם אינהאַלט וועט ער שוין איבערגעבן קאָרעקט. ער האָט בייז אויפגעלאַכט, נאָכאַמאָל אויסגעזידלט זיך און נאָך שטאַרקער, ווי פריער, און ווידער איינגעבויגן זיך און צונויפגעקליבן די שטיקלעך, אַריינגעלייגט זיי אין קעשענע. זיין ווייב וועט אים נישט וועלן גלויבן, אַז דער נאַר האָט אָנגעשריבן און ווירקלעך צוגעשיקט אַזאַ בריוו. זאָל זי זיך מטריח זיין און צונויפשטעלן די שטיקלעך. אָבער די שטיקלעך אין דער קעשענע האָבן אים געברענט דעם פוס. ער האָט זיי אַריינגעשאָטן אין דעם קאָנווערט, אין וועלכן דער בריוו איז אָנגעקומען, און אַריינגעלייגט דעם קאָנווערט אין זיין פּאָרט־פעל.

אָבער דאָס האָט אים נישט באַפרייט פון דעם אינהאַלט פון דעם בריוו. ער האָט אים גוט געדענקט. דער בריוו איז אים אַריין אין קאָפּ, ווי אַ טשוואָק, נישט אַרויסצורייסן. און ער האָט גאָר־נישט אַנדערש אַריינגעלאָזן אַהין.

ער איז געווען אויפגערעגט, נישט פאַרשטאַנען, וואָס מען רעדט צו אים, און געשריען אויף זיינע אַרומיקע אין דער באַנק. די אַרומיקע האָבן גערעדט צווישן זיך, אַז מסתמא האָט ער דורכ־געלעבט אַ גרויסע אומאָנגענעמלעכקייט מיט זיין טענצערין. אין אמתן האָט אים דער בריוו אַזוי אויפגערודערט, אַז ער האָט אפילו פאַרגעסן זיין טענצערין. אין זיין קאָפּ איז מער גאָרנישט געווען, ווי דער בריוו, דאָס באַוווּסטזיין, אַז ער האָט געקראָגן אַזאַ בריוו. ער האָט נישט געטראַכט, נישט געקאָנט טראַכטן. ער האָט נאָר געוווּסט, אַז ער האָט געקראָגן דעם בריוו, און איז גע־

ווען אויסגעפּילט פון די צוויי ווערטער: דער בריוו... דער בריוו... דער בריוו...

ווען די טענצערין, מיט וועלכער ער האָט געדאַרפט פאַר־ברענגען דעם אָוונט, האָט אים אָפּגערופן איבערצוגעבן אים עפּעס אַ שליחות אויפן וועג צו איר, האָט ער נישט געקאָנט אַריענ־טירן זיך, ווער עס רעדט צו אים און וואָס מען וויל פון אים. ער איז געווען אין פראַנקרייך, געזען זיין זון, געזידלט אים, אָנגע־רופן אים מיט די ערגסטע נעמען, און אפילו געבראַכט זיינע הענט. אַז זי האָט דערהערט איר קול, האָט ער זיך געכאַפּט, ווער עס רעדט מיט אים, דערמאָנט זיך, אַז ער דאַרף ביי איר זיין אין אָוונט, און געלאָזן איר וויסן, אַז ער וועט נישט קומען. ער האָט נישט געוווּסט קלאָר, פאַרוואָס ער טוט עס, אָבער ער האָט עס געמוזט טאָן. זיין צונג האָט געוווּסט, אַז ער מוז עס טאָן.

„וואָס איז דער מער מיט דיר?" האָט די טענצערין גע־פרעגט.

„אַ בריוו פון אַ פאַרדאַמטן נאַר!" האָט ער האַרט אָפּגע־ענטפערט.

ער איז אינדערהיים געווען אַן אומדערוואַרטעטער גאַסט.

„דאָ האָסטו אַ בריוו פון בען שופרא, דעם פאַרדאַמטן נאַר," האָט ער געזאָגט צו מרס. שופרא.

זי האָט אָנגעקוקט די שטיקלעך פון דעם בריוו און אויפ־געהויבן די אויגן אויף איר מאַן, ווי ער וואָלט נישט געווען ביים זינען. ער איז אומגעגאַנגען הין און צוריק, מיט אַ ציגאַר אין מויל, אין גרויסער אויפרעגונג.

„דו וועסט מיר אַנטשולדיקן," האָט ער געזאָגט. „איך האָב זיך צוגעאײַלט און צוריסן אים. עס לוינט זיך אָבער צונויפצו־שטעלן אים. עס וועט ווערט זיין די טרחה."

„קאָנסט מיר נישט זאָגן, וואָס עס שטייט אין בריוו?"

„אוממעגלעך, ווייל אומגלויבלעך. ווען איך וועל דיר זאָגן, וועסטו נישט גלויבן. און, אויסער דעם, וועל איך געוויס קאַליע מאַכן דעם וווּנדערבאַרן סטיל פון דעם פאַרדאַמטן נאַר."

ער האָט געוואָלט געבראַכן נאָך שטאַרקערע ווערטער, אָבער אין אים איז אויפגעשטאַנען דער געדאַנק: „ער מוז שוין זיין

טויט,״ און די צונג האָט זיך נישט באַוועגט צו געבּרויכן שאַר־פערע ווערטער. ענדלעך איז אויך די זידלעריי „פאַרדאַמטער נאַר״ אַרויסגעקומען אומזיכער, ווי ער וואָלט זי געוואָלט צוריקהאַלטן.

מרס. שופּרא האָט אַ פּיר געטאָן מיט די אַקסלען און אַ רוף געטאָן די דינסט: „מערי!״

ער איז געבּליבּן שטיין אין זיין אַרומגיין און האָט אָנגע־קוקט זיין ווייבּ: וואָס קאָן זי וועלן פון דער דינסט?

מערי איז אַריינגעקומען. מרס. שופּרא האָט אויסגעשטרעקט צו איר דעם קאָנווערט.

„דאָ האָט איר אַ צוריסענעם בּריוו, שטעלט אים מיר צו־נויף.״

„ניין!״ האָט ער אויפגעשריען נישט מיט זיין קול און גע־ווענדט זיך צו דער דינסט: „גייט!״ און אַז די דינסט איז אַרויס, האָט ער זיך אַרויפגעוואָרפן אויף מרס. שופּרא:

„פאַרדאַמטער נאַר, פאַרשטייסטו נישט, אַז דאָס איז אַ בּריוו, וועלכן קיינער קאָן נישט זען!״

„איך האָבּ נישט געוווּסט, אַז אין אונזער הויז זיינען פאַראַן סודות פאַר מערין.״

„שטעל צונויף די שטיקלעך און לייען איבּער.״

מערי איז ווידער אַריינגערופן געוואָרן. זי האָט געדאַרפט בּרענגען אַ בּויגן פּאַפּיר און גומי־אַראַבּיקום. און אַז זי האָט עס געבּראַכט, האָט זי באַשמירט דאָס פּאַפּיר מיט גומי־אַראַבּיקום. און מרס. שופּרא האָט זיך גענומען צונויפצוקלעפּן איר זונס בּריוו.

מר. שופּרא איז אָן אָן אויפהער אַרומגעגאַנגען. אויף די איינלאַ־דונגען פון זיין ווייבּ, ער זאָל קומען העלפן, האָט ער אַפילו נישט געענטפערט.

זי האָט לאַנג געזוכט דעם אָנהייבּ, כאָטש זי האָט אים שוין עטלעכע מאָל געהאַלטן אין דער האַנט. ענדלעך האָט זי זיך ווי־דער געווענדט צום מאַן:

„מר. און מרס. עדוואַרד שופּרא קאָן דאָך נישט זיין דער אָנהייבּ!״

„עס איז,״ האָט ער אַרויסגעבּרומט.

איצטער האָט זי זיך גענומען צו דער אַרבּעט מיט גרעסע־

רער נערוועזיטעט, מיט אומגעדולד. די שורות האָבן אָנגעהויבן צו וואַקסן פאַר איר, זייער אינהאַלט האָט איר געריסן די אָדערן. איר האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט. די פאַרב אין געזיכט האָט זיך איר געביטן. עטלעכע מאָל האָט זי היסטעריש אויפגעלאַכט. אירע הענט האָבן זיך איר געטרייסלט. זי האָט קוים געקאָנט קלעפּן. און דער מאַן איז אומגעגאַנגען, אומגעגאַנגען. אָ, וואָס זעצט ער זיך נישט אַנידער? זי האָט געפילט, אַז זי ווערט משוגע. פּלוצלונג איז איר געוואָרן פינסטער פאַר די אויגן. זי האָט געוווסט, אַז זי האָט נאָך אַ פּאָר שטיקלעך אַרויסצוקלעפּן. אָבער די הענט האָבן זיך נישט באַוועגט. און די וואַנט, וועלכע איז געוועזן פאַר איר, איז פּלוצלונג ערגעץ אַוועקגעשוווּמען — עפּעס אַזאַ שנעלן טראַג געטאָן זיך. און דערנאָך עפּעס אַזאַ גרויסע שטילקייט. זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער די גרויסע שטילקייט האָט זיך איר אַרויפגעלייגט אויף מויל און ליפּן. זי איז געפאַלן אין חלשות.

מען האָט זי אָפּגעמינטערט און אַרויפגעטראָגן אין איר צימער. מר. שופּרא האָט אַריינגעוואָרפן דעם כמעט אינגאַנצן צונויפגעשטעלטן בריוו אין דעם פייער פון דעם פייער־פּלאַץ און איז אַרומגעגאַנגען, אַרומגעגאַנגען. דער פאַרברענטער בריוו איז אויסגעוואַקסן, אַרומגענומען אים ווי אַ פייער־ליילעך, געברענט אים, געשרפעט.

ווען ער האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט, האָט ער נישט געקאָנט איינשלאָפן, געדרייט זיך פון זייט אויף זייט. דאָס פייער, וואָס האָט אָנגעכאַפּט דעם בריוו, האָט זיך געצויגן צו אים, און די ווערטער פון דעם בריוו זיינען געווען אין דעם פייער.

שפּעט אין דער נאַכט האָט מען אים גערופן צו מרס. שופּרא.

„ווי האָט ער זיך אונטערגעשריבן?" האָט זי אים געפרעגט מיט אַ שוואַכן קול.

ער האָט זיך אויסגעשפּייט און איז אַרויס, נישט זאָגנדיק קיין וואָרט. אָבער דאָס איז געווען אַביסל צושטרויאונג. קומענדיק צו זיך אין צימער, האָט ער גענומען אַ דאָזע מאָרפין און איז איינגעשלאָפן.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אינדערפרי, האָט ער נישט געוווּסט, ווו ער איז. ווען ער איז געקומען צו זיך, איז ער גלייך ווידער אויסגעפּילט געוואָרן פון דעם בריוו. זיין געזיכט איז גע־וואָרן האַרט, זיינע ציינער האָבן זיך באַוועגט אין אַ נערוועזן צו־זאַמענבייסן. די שטענדיקע פריילעכקייט פון זיינע אויגן איז פאַרשוווּנדן. ער איז צו זיין פרוי נישט אַריין, נישט געפרעגט מערין, אַפילו פון העפלעכקייט וועגן, ווי עס גייט דער מאַדאַם. ער האָט בכלל קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט און איז געפאָרן אין באַנק אין דערוואַרטונג פון אַ טויט־ראַדיאָ.

די טויט־ראַדיאָ איז נאָך נישט געווען, אָבער ער האָט זי דערוואַרט. יעדע מינוט וועט זי קומען. ער האָט געקוקט אַרום זיך, ווי דורך אַ שלייער, גערעדט מיט די אַרומיקע און זיין שטי־מע איז אים אַליין געווען פרעמד. ער האָט נישט געוווּסט, אַז ער האָט גערעדט. עס איז געגאַנגען דורך אים אָן אָן אויפהער: אָט איצטער גייט בען אַרויס פון זיין טרענטש, שטעלט זיך מיט אַ כיוון אונטער אַ קויל, וועלכע ער זוכט, און ווערט געהרגעט. ער האָט עס געזען. קלאָר און דייטלעך. יעדע באַוועגונג, יעדן שריט. אָט פאַלט בען. גיט זיך אַ צאַפּל און בלייבט ליגן טויט.

עס האָט אים געשווינדעלט. ער האָט דערפילט טרערן אין האַלז, די אויגן האָבן אים געברענט. ער האָט פּלוצלונג דערפילט, אַז ער ליבט זיין זון. ער איז אים אַזוי נאָענט געוואָרן. ער האָט אים געזען פאַר זיך: אַ הויכן, שיינעם, מיט וווּנדערבאַר ערלעכע אויגן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט געזוכט די פאָטאָ־גראַפיע פון זיין זון ביי זיך אין אָפיס. זיין בליק איז געפאַלן אויף דעם פּריוואַטן טעלעפאָן — דעם טעלעפאָן, אויף וועלכן עס האָבן צו אים גערעדט דער עיקר זיינע געליבטע. ער האָט זיך עפּעס דערמאָנט. ער האָט געקאָנט דערוואַרטן, אַז די טענצערין וועט אים אויפרופן. ער האָט אַריינגערופן זיין סעקרעטאַרין און געהייסן איר אָפּשטעלן דעם טעלעפאָן. אויף דעם אַנדער טעלע־פאָן זאָל זי אים פאַרבינדן נאָר געשעפטלעך, אָדער ווען מען וועט אים אָפּרופן פון דער היים. איצטער האָט ער געהערט אינ־גאַנצן צו זיין זון.

אַ ווילער יונג געווען. אַ טרייע נשמה. נישט קיין נאַר.

אָ, גאָרנישט קיין נאַר. אַזויפיל פיינס געהאַט אין זיך, אַזויפיל אײדלס. ווי איז גאָר אַזאַ איינער ביי אים אויסגעוואַקסן? ביי אַזאַ טאַטן, ביי אַזאַ מאַמען, מיט אַזאַ שוועסטער?...

וואָס טאָן, אום אָפּצוהאַלטן אים, ער זאָל זיך דעם טויט נישט זוכן? שיקן אַ ראַדיאָגראַם... וואָס שרייבן אים?... שרייבן... שרייבן... דיין בריוו האָט געהאַט אַ וווּנדערבאַרע ווירקונג... אַ וווּנדערבאַרע ווירקונג... דיין מאַמע ליגט קראַנק... איך קאָן גאַראַנטירן פאַר איר און פאַר זיך, אַז מיר וועלן ווערן אַנדערע מענטשן... דו וועסט מער פון אונז נישט ליידן...

ער האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעחזרט דעם טעקסט פון דעם ראַדיאָ. דאָס וועט דערפרייען זיין זון, אַריינגעבן אין אים אַ ווילן צו לעבן... ער האָט זיך צוגערוקט צום טיש, גענומען אַ טעלעגראַם־בלאַנק, אויפגעשריבן דעם טעקסט. געשריבן מיט ברענענדיקע אויגן, מיט אַ ברענענדיקן קאָפּ, מיט פייער אין אַלע גלידער, מיט הייסע טרערן אין האַלז.

אויפגעשריבן — און נישט געאײלט אַוועקצושיקן. גע־לייענט דאָס אויפגעשריבענע און געוואָלט אַליין באַגרייפן זיין טי־פע באַדייטונג. געוואָלט אין עפּעס קלאָר ווערן. אויפגעשלאָסן אַ קעסטל אין זיין שרייב־טיש, אַריינגעלייגט דאָס אויפגעשריבענע און צוריק פאַרשלאָסן. ער וועט נאָך קלערן. ער מוז באַגרייפן, וואָס ער קאָן נאָך נישט באַגרייפן. וועט ער... וועט ער ווירקלעך... אָ, יאָ, ער מוז נאָך איבעררעדן מיט זיין ווייב, מיט דער זונה, מיט דעם אויסוווּרף. ער האָט זי אָנגערופן מיט די שענדלעכסטע נע־מען אין גרויסער בייזקייט, אַקוראַט ווי זי וואָלט געווען די שול־דיקע אין זייער אָרט לעבן, די איינציקע שולדיקע אין דער טראַ־געדיע פון זייער זון. יאָ, ער וועט נאָך מוזן איבעררעדן מיט איר. וועט זי געבן איר אונטערשריפט צו דער ראַדיאָ? וועט זי צושטימען צו איר אינהאַלט?

ער האָט אויפגערופן דאָס הויז. מערי איז צוגעקומען צום טעלעפאָן. ווי גייט עס מאַדאַם? מאַדאַם גייט עס זייער שלעכט. זי האָט נאָך גאָרנישט אין מויל געהאַט. זי האָט אפילו קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. געווען דער דאָקטאָר. אַ קראַנקן־פלעגערין איז איצטער מיט איר.

ווען זי וואָלט זיך געפילט בעסער, וואָלט ער גלייך געפאָרן אַהיים דורכצורעדן זיך מיט איר. איצטער האָט ער אָפּגעלייגט, ביז ער וועט קומען פאַרנאַכט אַהיים. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, צי האָט ער וואָס געהאַט היינט אין מויל. ער האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען. ער איז, דאַכט זיך, געזעסן ביי זיין עס־טיש אין זיין עס־צימער היינט אינדערפרי. עס קאָן אָבער זיין, אַז דאָס איז געווען אַן אַנדערשמאָל, נעכטן. ער האָט אָנגעטאַפּט זיינע באַקן. אָט האָט ער זיך אַפילו נישט ראַזירט.

ער איז אַוועק צום באַרבער אין דער געביידע פון זיין באַנק און נישט געוווּסט, אַז ער ווערט ראַזירט. דער באַרבער האָט אים עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, אַז ער קאָן שוין אַראָפּ פון שטול. ער איז אַוועק צו נעמען עפּעס אין מויל און האָט קוים געגעסן: דער קעלנער האָט געפרעגט, צי געפעלט אים נישט דאָס באַשטעלטע געריכט. זיינע ווערטער אין דער באַנק זיינען געווען גע־ציילטע, און ער האָט נישט געוווּסט, צי האָט ער געזאָגט דאָס ריכטיקע. ביי יעדן קלאַפּ אין זיין טיר האָט ער געזען די אָנקו־מענדיקע קאַבלגראַם מיט דער ידיעה פון דעם טויט פון זיין זון. יעדער טעלעפאָן האָט אים אויפגעשרעקט. ער האָט גאָרנישט גע־קאָנט טאָן, ער האָט זיך אויך גאָרנישט געקאָנט קאָנצענטרירן. ער האָט נאָר געוואַרט אויף דער שרעקלעכער בשורה. ווען די באַנק־שטונדן זיינען אַריבער, האָט ער אַרויסגענומען דעם אויפ־געשריבענעם טעקסט פון אַ ראַדיאָ צו זיין זון, אַריינגעלייגט אים אין קעשענע און איז אַוועקגעפאָרן אַהיים.

ער איז גלייך אַריין צו זיין ווייב. נישט געפרעגט זי, וואָס זי מאַכט, נאָר אַ קוק געטאָן אויף איר פון אונטער דעם שטערן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן, צי זי איז ביים פאַר־שטאַנד. זי האָט זיך צעוויינט. אירע אויגן האָבן עדות געזאָגט, אַז זי האָט אַ סך געוויינט. ווען זי האָט איינגעהאַלטן די טרערן, האָט ער איר אָן ווערטער צוגעטראָגן דעם טעקסט פון זיין ראַדיאָגראַם. זי האָט זיך דערשראָקן און אויפגעשריגן. געמיינט, אַז דאָ האָט זי שוין דעם אָנזאָג וועגן דעם טויט פון איר זון און מורא גע־האַט איבערצונעמען דאָס פּאַפּיר. ער האָט האַרט אַרויסגערעדט:

„לייען! דאָס איז נישט פון אים, דאָס איז צו אים.“

זי האָט אים אָנגעקוקט, נישט פאַרשטאַנען, מיט אַ שוואַכער שטים געבעטן אירע ברילן. די קראַנקן־פלעגערין האָט איר צוגעטראָגן די ברילן.

„איר וועט אונז לאָזן אַליין,‟ האָט ער זיך געווענדט צו דער פלעגערין.

די פלעגערין איז אַרויס.

בשעת זיין ווייב האָט געלייענט, האָט ער זי באַטראַכט. איצטער האָט זי אויסגעזען אירע אַכט און פערציק יאָר און נאָך מער. דאָס געזיכט איז געווען צוקנייטשט, אונטער די אויגן קישעלעך. קנאַפּע סימנים פון איר אַמאָליקער שיינקייט. אַ חורבה.

„און דאָס זינדיקט נאָך!‟ האָט ער געטראַכט פול מיט פאַראַכטונג. אַז ער איז עלטער פאַר זיין ווייב, פאַרבט זיך די וואָנצעס, האָט ער פאַרגעסן. ער האָט אויך נישט געזען זיך דעם גאַנצן טאָג אין אַ שפּיגל און נישט באַמערקט, ווי אַלט ער זעט איצטער אויס.

„האָסט אים געקאַבלט?‟ האָט זי געפרעגט.

„נאָך נישט. איך דאַרף דיין צושטימונג.‟

„געוויס.‟

„דו גיסט זי?‟

„געוויס.‟

„און וועסט האַלטן וואָרט?‟

„ווי דו.‟

„וועסט ק אָ נ ע ן האַלטן וואָרט?‟

„ווי דו.‟

„ווייסטו, וואָס הייסט האַלטן וואָרט?‟

„ווי דו.‟

„האַ־האַ!‟ האָט ער בייז און פאַרעכטלעך אויפגעלאַכט.

„פּונקט ווי דו,‟ האָט זי איבערגעחזרט.

„געדענק־זשע!‟ ער האָט ביי איר צוגענומען דאָס פּאַפּיר.

„געדענק דו אויך!‟

אירע ענטפערס האָבן אים צורייצט. אַמבעסטן וואָלט ער זי איצטער אָנגעפּאַטשט. ער האָט צוזאַמענגעביסן די ציינער.

„אויב דו וועסט זיך ווייטער אויפפירן...״ האָט ער אַרויס־געציטשעט בייז און שטרענג.

„נישקשה,״ האָט זי אַרויסגערעדט, און אירע אויגן האָבן אויפגעבליצט. „לאָז נאָר אָפּ דיינע טענצעריננס און זינגעריננס, הער אויף צו ברענגען דיינע געליבטע אַהיים...״

ער האָט אַריינגעלייגט דאָס פּאַפּיר אין קעשענע און איז בייז אַרויס פון צימער. זי האָט געשאָסן הינטער אים אויגן־בליצן.

איצטער האָט ער געוואָלט אָוועקשיקן דעם ראַדיאָ. האָט ער זיך אָבער געכאַפּט, אַז ער ווייס נישט, וווּהין צו אַדרעסירן אים. ער האָט זיך אַפילו געכאַפּט, אַז ער ווייס נישט, אין וועלכער אָפּ־טיילונג בעז דינט. זיין סעקרעטאַרין האָט עס פאַרשריבן אין דעם אַדרעס־בוך אין זיין אָפיס. ער וועט שוין אָפּשיקן דעם ראַדיאָ מאָרגן אינדערפרי, די ערשטע זאַך, ווי ער וועט קומען אין אָפיס. דערווייל האָט ער שוין אָנגעהויבן זיין אַנדערש לעבן. ער איז געבליבן אינדערהיים, גענומען אַ בוך צום לייענען, נאָכגעפרעגט זיך אַפילו, צי איז קעטרין אינדערהיים, און אויסגעבייזערט זיך, ווען ער האָט דערהערט, אַז זי וועט אַפילו נישט זיין צו וואַנט־ברויט.

ער האָט די נאַכט גוט געשלאָפן. אין זיין אויטאָמאָביל, אויפן וועג צו זיין באַנק, האָט ער געטראַכט, אַז אין אָפיס וואַרט אויף אים אפשר אַ ראַדיאָ וועגן דעם טויט פון זיין זון. ניין, ווען אַזאַ ראַדיאָ וואָלט אָנגעקומען אין דער נאַכט, וואָלט זי אים צו־געשטעלט געוואָרן אַהיים. איז זי נאָך נישטאָ. מערקווירדיק, שוין באַלד פיר וואָכן, אַז בעז האָט אָנגעשריבן זיין בריוו, און די קוילן שאַנעווען אים נאָך. שאַנעווען אים, ווען ער היט זיך נישט פון זיי, זוכט זיי אַפילו. דאָס איז שוין אַ ווּנדער. און אפשר וועלן זיי אים ווייטער אויך שאַנעווען. נישט אַלע סאָלדאַטן וועלן דאָך געהרגעט ווערן. עס ווערט דאָך בכלל געהרגעט נאָר אַ טייל פון דער אַרמיי אין פעלד. איז אפשר בעז פון די גליקלעכע, וועלכע וועלן נישט געהרגעט ווערן, וועלכע ווערן פון די קוילן געשאַנע־וועט? און דאָס ווּנדער איז אפשר גאָרנישט אַזאַ גרויס ווּנ־דער. עס רעדט זיך לייכטער, ווי עס טוט זיך. מען זוכט זיך נישט אויס קיין קוילן... אַ סאָלדאַט קאָן זיך נישט אָוועקשטעלן און

אויסשפרייטן די ברוסט און איינלאָדן די קוילן: קומט, דערשיסט מיך! און ווען אַ קויל טרעפט, מיינט עס נאָך נישט, אַז זי דערשיסט אויף טויט. דער פּראָצענט פון פאַרווונדעטע איז גרעסער, ווי פון געהרגעטע. די קויל קאָן טרעפן בענען און בלויז פאַרוווּנדן אים. ארויסשלאָגן אים פון די שורות, אַוועקשיקן אים אין האָספּיטאַל, ברענגען אים אַהיים, נאָך איידער די מלחמה וועט זיך ענדיקן.

ער האָט דערפילט, אַז אַ גרויסע באַרואיקונג לאָזט זיך אין אים אַריין, אַ דערלייכטערונג, אַן אויפהעלונג. ער האָט ארויסגעקוקט פון פענסטער פון זיין אויטאָ און דערזען, אַז — ער זעט! דער שלייער איז פאַרשוווּנדן פון איבער זיינע אויגן.

ווען ער איז געקומען אין אָפיס, האָט ער זיך נישט אַרומגעקוקט נאָך אַ טויט־ראַדיאָ. ער איז געווען זיכער, אַז אַזאַ זאַך איז נישטאָ. ער האָט דאָך געקוקט אויף די געלע און גרויע טעלעגראַם־פּאַפּירלעך אויפן שרייב־טיש מיט אַ געוויסן ציטער. און האָט איינגאַנצן אויפגעאָטעמט, ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז „אַזאַ זאַך" איז טאַקע נישטאָ. ער וואָלט געקאָנט זינגען.

ער האָט ארויסגענומען דעם טעקסט פון זיין ראַדיאָ צו זיין זון, איבערגעקוקט אים, אַ שמייכל געטאָן, געוואָלט אים צעררייסן און — באַהאַלטן אים אין אַ קעסטל פון שרייב־טיש. צום אָנדענק.

„פאַרדאַמטער נאַר!" האָט ער זיך אָפּגעזידלט, צומאַכנדיק און פאַרשליסנדיק דאָס קעסטל.

ער איז געקומען צו זיך, אָבער זיין פּריוואַטן טעלעפאָן האָט ער נאָך אַלץ נישט געלאָזט פונקציאָנירן. זאָל זי דאָרטן אַביסל אויסקוקן די אויגן. ער האָט געזען, ווי די טענצערין „קוקט נאָך אים אויס די אויגן", און געלאַכט.

דאָך שפּעט נאָכמיטאָג איז אָנגעקומען די טויט־בשורה. אַ סך ווערטער געווען אין דעם געלן צעטל. ער האָט זיי נישט געקאָנט דורכלייענען. ביי די ערשטע שורן איז אים פינסטער געוואָרן אין די אויגן. עס איז אים געווען, ווי ער וואָלט געקראָגן אַ שווערן קלאַפּ אין קאָפּ. באַלד האָט אים אָנגעהויבן צו וואַרפן,

ווי אין א קדחת. די הענט האָבן זיך אים געטרייסלט, עס האָבן זיך אים געוואָרפן די ציינער אין מויל.

אין באַנק איז געוואָרן שטיל, ווי דער טויטער וואָלט דאָרטן געלעגן פאַר זיי. מען האָט זיך צוגעשעפּטשעט: „פּאָרט א טאַ־טע!" מען האָט רחמנות געהאַט אויף דעם אַלטן. כאָטש אַלע האָבן געוווּסט די באַציאונגען צווישן אים און זיין זון. די סעקרע־טאַרין האָט געוויינט ביטערע טרערן.

„זאָל איך טעלעפאָנירן מרס. שופּראַ?" האָט זי געפרעגט. זי האָט געדאַרפט איבערפרעגן צוויי מאָל. ער האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, זי זאָל עס טאָן. זי האָט עס געטאָן מיט א פון טרערן פאַרשטיקטער שטימע. ער האָט אויף איר פאַרוווּנדערט א קוק געטאָן. פאַרוואָס וויינט ער נישט? זיינע אויגן זיינען געווען טרוקן, זיין האַרץ איז געווען טרוקן. ער איז אינגאַנצן געווען אויסגעטריקנט. און א גרויסע שוואַכקייט איז געלעגן איבער אַלע זיינע גלידער.

מען האָט אים אַריינגעהאָלפן אין זיין מאַנטל, אַריינגעזעצט אין אויטאָ, און זיין ברודער, אויך א באַנק־דירעקטאָר, האָט אים אָפּגעפירט אַהיים. אין אויטאָ איז ער געקומען אַביסל צו זיך און האָט זיך צעוויינט. ער האָט באַהאַלטן זיין געזיכט אין די הענט, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן אויף הינטן, און ביטערלעך געוויינט. זיין ברודער, וועלכער האָט שוין פריער טרערן פאַרגאָסן האָט איצטער געקעמפט מיטן וויינען און קיין וואָרט נישט אַרויס־גערעדט. ער האָט נישט געהאַט קיין טרייסט־ווערטער, ער האָט געהאַט פאָרוווּרף־ווערטער. ער האָט עפּעס געפילט, אַז עדוואַרד איז שולדיק אין דעם טויט פון זיין אייגענעם זון.

ווען זיי זיינען אַריין אין הויז, האָבן די דינסטמיידלעך באַגעגנט שופּראַן מיט פאַרוויינטע אויגן און מיט מיטגעפיל־אויס־דרוקן. מערי האָט אים עפּעס געוואָלט נאָך ראַפּאָרטירן וועגן מרס שופּראַ. ער האָט גאָרנישט געוואָלט הערן. ער האָט אויך געבעטן זיין ברודער צו לאָזן אים אַליין.

„וואָלט נישט געווען בעסער, איך זאָל זיין מיט דיר?" האָט יענער געפרעגט.

„ניין," האָט ער קורץ אָפּגעענטפערט.

**ער איז אַרויף צו זיך אין צימער, פאַרשלאָסן הינטער זיך די טיר. אַרומגעקוקט זיך: וואָס וויל ער דאָ אין צימער?**

א גרויס, העל צימער, מיט פענסטער צו דער גאַס. אַ גרויס בעט האָט פאַרנומען דעם גאַנצן מיטן, אַ רויכער־טישל ביי איין זייט פון בעט, מיט אַן עלעקטרישן לאָמפּ אונטער אַ יאַפּאַנישן אַבאַזשור. גרויסע, ווייכע שטולן אין די ווינקלען פון דער פענ־סטער־וואַנט. אַ שיינער געשניצטער שטול — פון דערזעלביקער היסטאָרישער פּעריאָדע, ווי דער טיש — פאַר אים. די ווענט זיי־נען געווען באַהאַנגען מיט פאָטאָגראַפיעס פון פרויען, זיינע דעראָבערונגען און זיינע געקויפטע. אַ סך פון זיי זיינען געווען באַדעקט מיט דער צירונג, וואָס זיי האָבן געקראָגן פון אים. אַלע בילדער מיט אויפשריפטן — אויסדרוקן פון ליבע. צווישן די בילדער זיינען אויך געווען עטלעכע גרויסע באַרימטהייטן פון דער קינסטלער־וועלט. אין דער הינטער־וואַנט, אַנטקעגן די פענ־סטער, איז געווען איינגעמויערט אַ גרויסע קליידער־שאַנק און אַ טיר, וועלכע האָט געפירט צו דעם וואַנע־צימער, צווישן זיין צימער און מרס. שופּרא. ער איז צוגעגאַנגען און פאַרשלאָסן די טיר אויך.

איצטער וועט ער זיין אַליין. ער האָט זיך ווידער אַרומגע־קוקט: וואָס דאַרף ער עפּעס טאָן? האָט ער געוואָלט עפּעס טאָן? ער איז צוגעגאַנגען צו אַ גרויסן שטול אין ווינקל ביי דער פענ־סטער־וואַנט און אַראָפּגעלאָזן זיך אויף אים. אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט ביידע הענט, די עלנבויגנס אויף די קני.

עס איז שוין געווען בין־השמשותדיק, און עס איז געוואָרן טונקעלער און טונקעלער. ער איז געזעסן, געקוקט פאַר זיך, פאַר־גליווערט געוואָרן. אין קאָפּ נאָר אַ פּאָר ווערטער: „בען איז גע־הרגעט געוואָרן." און דערנאָך בילדער, ווי בען איז געהרגעט געוואָרן. דיזעלביקע בילדער, ווי נעכטן. בען טרעט אַרויס פון טרענטש, אַ קויל פליט, שפּרינגט ער אונטער אונטער דער קויל, ווערט געטראָפן און פאַלט, צאַפּלט און בלייבט ליגן טויט.

אַ קלאַפּ אין טיר: עסן. ער האָט נישט געענטפערט, דאָס קלאַפּן איז געוואָרן שטאַרקער, נערוועזער. ער האָט בייז אויסגע־

שריען, מען זאָל אים לאָזן צורו. דאָס קלאַפּן האָט אויפגעהערט און ער הערט, ווי קעטרין זאָגט, האַרט און האַרצלאָז:

„אָך, לאָז אים צורו, מערי. זיי זיינען ביידע משוגע געוואָרן!״

אַ ווילדער כעס איז אויפגעשטיגן אין אים. ער איז אויפגעשפּרונגען. געלאָזן זיך צו דער טיר, אָנגעשלאָגן זיך אָן בעט, פאַרוויטאָג און כעס אַ בריקע געטאָן דאָס בעט, אָבער אַז ער איז צוגעקומען צו דער טיר, האָט ער נישט געוווּסט, וואָס ער האָט געוואָלט. ער האָט פאַרגעסן, וואָס קעטרין האָט געזאָגט, ער האָט אַרויפגעלייגט דעם אָרעם אויף דער טיר און דעם קאָפּ אויף דעם אָרעם, און איז אַזוי געשטאַנען אַ לאַנגע צייט. איצטער האָט זיך אים פאַרוואָלט ווידער וויינען. ער האָט געוויינט זייער לאַנג. ווען די טרערן האָבן זיך אויסגענומען, האָט ער זיך אויסגעווישט די אויגן און אַ דריק געטאָן אַן עלעקטרישן קנאָפּ. דער גרויסער קרישטאָלענער הענגלייכטער מיט אומצייליקע עלעקטרישע לאָמפּן, וואָס איז געהאָנגען אינמיטן צימער, האָט אויפגעלויכטן און אָנגעפילט דאָס צימער מיט מאַט־ווייסער ליכטיקייט. ער האָט זיך דערשראָקן, אָנגעהויבן צו פינטלען מיט די אויגן, שנעל ווידער אַ דריק געטאָן דעם עלעקטרישן קנאָפּ. עס איז געוואָרן פינסטער. געבלענדט האָט ער זיך דערשלעפּט צום בעט און אָנגעצונדן דאָס קליינע עלעקטרישע לעמפּל אויף דעם קליינעם טישל. אַרומגעקוקט זיך: וואָס וויל ער עפּעס? געשטאַנען אַ ווײַלע מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און אָנגעהויבן אויסצוטאָן זיך. אַוועקגעלייגט זיך אין בעט און געקוקט פאַר זיך מיט אָפענע אויגן.

בען איז טויט... בען איז טויט... בען איז טויט... ער האָט זיך דערמאָנט אויף דער ראַדיאָגראַם. אַ סך ווערטער געווען. ער האָט זיי נישט איבערגעלייענט אינגאַנצן. ער האָט זיך אויפגעזעצט, אַריינגענומען צו זיך זיינע קליידער, געזוכט אין אַלע קעשענעס. די ראַדיאָ איז נישט געווען. ער האָט אָנגעקלונגען. איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל, אין גרויסער אומגעדולד. עמעצער האָט אַ שטופּ געטאָן די פאַרשלאָסענע טיר, און דערנאָך מעריס שטימע:

„וואָס ווילט איר, מר. שופּרא?״

„טוט אַ קוק אין מיין אויבערמאַנטל, צי איז נישטאָ דאָרט אַ ראַדיאָגראַם, ברענגט זי מיר.“

אַ וואַרטן, וואָס האָט זיך אים געצויגן צו לאַנג. ענדלעך מעריס שטימע:

„נישטאָ דאָרט קיין ראַדיאָגראַם.“

ער האָט זיך צוריק אַוועקגעלייגט. די אויגן ווייט אָפן. מסתמא זיינען נאָך פאַראַן אין דעם ראַדיאָ די איינצלהייטן פון בענס טויט... די איינצלהייטן פון בענס טויט... ער איז אַרויס פון טרענטש, געזען אַ קויל פליען און אַזוי ווייטער... ער האָט געזען פאַר זיך דאָס שלאַכטפעלד אין פראַנקרייך, די טרענטשעס, די פליענדיקע קוילן און בענען... די גאַנצע נאַכט אַזוי. האָט ער געשלאָפן? ער האָט עס נישט געוווּסט. עס איז אים מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן, אַז דרויסן איז שוין העלער טאָג. האָט ער דאָס איצטער אויפגעעפנט די אויגן אָדער ער האָט זיי געהאַלטן אָפן די גאַנצע נאַכט? ער האָט עס נישט געוווּסט. דאָס עלעקטרישע לעמפּל האָט נישט געברענט. ער האָט עס, דאַכט זיך, געהאַט אָנגעצונדן? ווען האָט ער אויסגעדרייט?

ער האָט דערהערט אַ שעפּטשען הינטער זיין טיר, אַ קראַצן פון פינגער, און באַלד אויך קעטרינס שטימע פון איר צימער אויבן איבער אים, בייז און שניידנדיק:

„לאָזט מיך צורו! לאָזט מיך שלאָפן! אים האָט גאָרנישט געטראָפן! מסתמא שלאָפט ער. געטרונקען דאָרטן די גאַנצע נאַכט!“

„מיין טייערע טאָכטער!“ האָט ער אין זיך בייז געברומט. „זי איז ג ע װ י ס מיין טאָכטער!“

ער האָט זיך אָנגעטאָן און איז אַוועק פון שטוב, נישט גע־ענטפערט אויף מעריס איינלאַדונגען צום פרישטיק, נישט גע־וואָלט אויסהערן איר באַריכט וועגן אַ סך טעלעפאָן־אויפרופן. דרויסן האָט שוין לאַנג געוואַרט אויף אים זיין שאָפער מיט, אויטאָמאָביל.

אין באַנק האָט מען זיך געוווּנדערט, וואָס ער איז געקומען. מען האָט זיך נישט געריכט אויף אים.

„האָסט בעסער געדאַרפט בלייבן אינדערהיים," האָט אים זיין ברודער געזאָגט.

„איך האָב עפּעס צו טאָן און וואָלט געוואָלט נישט גע־שטערט ווערן," האָט ער געענטפערט.

ער איז אַריין צו זיך אין צימער, צוגעכאַפּט זיך צו דער ראַדיאָגראַם. דאָרט איז געשטאַנען, אַז בען איז געווען אַ מוסטער פון מוטיקייט. ער האָט אויף זיך שטענדיק גענומען די שווערסטע און געפערלעכסטע אויפגאַבן. דער יונג איז גאָר געווען אָן מורא. זיין טויט איז אַ גרויסער פאַרלוסט...

אַלזאָ... אַלזאָ... בען האָט געפונען, וואָס ער האָט געזוכט. די קוילן האָבן אים געוואָלט אויסמיידן, אָבער ער האָט זיך נישט געלאָזט אויסמיידן... בענס שרעקלעכער בריוו איז אים אַרויף אויפן זכרון. יאָ, ער האָט זיך נישט געלאָזן אויסמיידן... גענומען אויף זיך די שווערסטע און געפערלעכסטע אויפגאַבן... נישט ווייל ער איז געווען אָן מורא, נאָר ווייל ער האָט געזוכט די קויל... און די קויל האָט איר אַרבעט גוט געטאָן...

ווען האָט עס פּאַסירט? ער האָט אַ קוק געטאָן, ווען די ראַ־דיאָ איז אַרויסגעשיקט געוואָרן. דאָס האָט געמוזט געשען נעכט גאַנץ אינדערפרי אָדער דורך דער נאַכט... ווען ער וואָלט אייער־נעכטן אַוועקגעשיקט זיין תשובה־ראַדיאָ, וואָלט זי אים מסתמא נאָך געפונען אַ לעבעדיקן. ווען ער וואָלט זי געקראָגן, וואָלט ער אויפגעהערט צו זיין אַזוי מוטיק, וואָלט ער די קויל און דעם טויט נישט געזוכט מער...

ער האָט אויפגעשלאָסן דאָס טיש־קעסטל, אַרויסגענומען דעם טעקסט פון זיין ראַדיאָ, איבערגעלייענט. פאַרוואָס האָט ער זי נישט אַוועקגעשיקט אייערנעכטן?... דאָס וואָלט געראַטעוועט זיין זון... אַנשטאָט דעם האָט ער זיך נעכטן אַזוי באַרואיקט... אויס־געזידלט אים נאָך „פאַרדאַמטער נאַר", פיליכט גאָר אין דעם מאָ־מענט, ווען בען האָט געבענטשט די קויל, וועלכע האָט גוט אָפּגע־טאָן איר אַרבעט!...

עס האָט אים געשווינדלט, כאָטש די הויט האָט אויף אים געברענט, זיין האַרץ האָט אים געדריקט, צום צופּלאַצן.

„וואָלט עס מיר געפּלאַצט!" האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיך, רייבנדיק זיך די ברוסט. און ווען ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, האָט ער געוווּסט, וואָס ער האָט צו טאָן. ער איז פּלוצלונג אויפֿ־געלעבט געוואָרן, געוואָרן טעטיק, גענומען לייענען בריוו און ענטפֿערן בריוו. אין דער באַנק איז מען אויך אויפֿגעלעבט גע־וואָרן: דער קריזיס איז אַריבער. ער איז אַפֿילו געגאַנגען עסן און האָט געגעסן מיט זיין געוויינלעכן אַפּעטיט. אַרום אים האָט מען געלאַכט: ווי שנעל דער קריזיס איז אַריבער!

ווען עס איז געקומען די צייט צוצושליסן די באַנק, האָט ער געזאָגט, אַז ער מוז נאָך בלייבן, ער וויל אָניאָגן פֿאַרנאַכלע־סיקטע אַרבעט. דער ברודער און די סעקרעטאַרין האָבן זיך אָנ־געבאָטן צו בלייבן מיט אים. ער האָט זיי געדאַנקט. ניין, נישט נויטיק, אַבסאָלוט נישט נויטיק. דאָך האָט דער ברודער נישט געוואָלט לאָזן אים אַליין. אויפֿגעהאַלטן זיך ביי זיך אין צימער. שפּעטער אַ ווײַלע אָנגעפֿרעגט אים, צי ער איז שוין פֿאַרטיק, און איז ענדלעך אַוועקגעגאַנגען, גאַנץ באַרואיקט פֿון עדוואַרדס אויפֿגעלעבטן טאָן, מיט וועלכן ער האָט אים פֿאַרזיכערט אין דער נויטיקייט פֿון דער אַרבעט, וועלכע ער טוט.

עדוואַרד איז געבליבן אַליין. די פֿרויען, וועלכע זיינען גע־קומען וואַשן די דילן, האָט ער אָנגעזאָגט, זיי זאָלן אין זיין צי־מער נישט אַריין, ביז ער וועט זיי נישט רופֿן. ער האָט געאַרבעט פּיבעריש איבער עטלעכע פּאַפּירן. ענדלעך האָט ער נאָכאַמאָל אי־בערגעלייענט די ראַדיאָ פֿון בענס טויט און זיין אייגענעם תשובה־טעקסט. זאָל ער אים איבערלאָזן נאָך זיך? ער האָט איצ־טער געוואָלט זיין ערלעך מיט זיך? מיט נעכטיקן טאָג האָט ער פֿאַרניכטעט די גוטע כוונה פֿון אייערנעכטן. ווען דער דאָקומענט וועט געפֿונען ווערן, וועט מען אים לויבן פֿאַר אַ גוטער כוונה, וועלכע ער האָט שוין פֿאַרניכטעט.

ער האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און פֿאַרברענט דעם דאָ־קומענט. איצטער האָט ער אַרויסגענומען אַ רעוואָלווער פֿון זיין שרייב־טיש, צוגעשטעלט צו דער ברוסט איבערן האַרץ און אויס־געשאָסן. די פֿון דעם שאָס דערשראָקענע וואַש־ווייבער האָבן אים

געפונען א טויטן. אויך זיין קויל האט גוט געטאן איר אר־
בעט. די פרויען האבן געבראכט דעם סופער־אינטענדענט פון
דעם הויז און שופראס שאפער, וועלכער האט אומגעדולדיק און
בייז געווארט פאר דער טיר אין זיין אויטא. זיי האבן אויפגערופן
די פאליציי, א דערבייאיקן האספיטאל און דאס שופרא־הויז, וו־
מערי האט איבערגענומען דעם טעלעפאן.

## XIII

מערים שרעק־געשרייען האָבן זיך אַרײַנגעריסן צווישן קעטרין און אַרנאָלדן, וועלכע זײַנען געשטאַנען בײַם פּאַרקער צו די טרעפּן פֿון דריטן שטאָק, גאַנץ פֿאַרגעסן אין אַ קוש. זיי האָבן זיך אַרײַנגעריסן צווישן זיי, ווי אַ קלין, פֿאַנאַנדערגעריסן זיי, אָפּגעטײלט זיי איינס פֿון אַנדערן. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט אין גרויסער איבערראַשונג, צוגעהערט זיך צו מערים געשרייען: הערן זיי ריכטיק? זיי האָבן זיך געלאָזן לויפֿן אַראָפּ די טרעפּ. קעטרין פֿאַראויס, אַרנאָלד הינטער איר. זיי זײַנען צוגעלאָפֿן צום טעלעפֿאָן. דער סופֿער־אינטענדענט האָט עפּעס געפֿרעגט, קעטרין האָט אים בשום־אופֿן נישט געקאָנט פֿאַרשטיין. זי האָט איבערגעגעבן דעם טעלעפֿאָן אַרנאָלדן:

„מען פֿרעגט עטוואָס און איך ווייס נישט וואָס.‟

דער סופֿער־אינטענדענט האָט געוואָלט וויסן, צי מען זאָל דעם טויטן ברענגען גלײַך אַהיים.

אַרנאָלד האָט איבערגעגעבן די פֿראַגע קעטרינען, און אײדער זי האָט אים וואָס געזאָגט, האָט ער אַליין געענטפֿערט, אַז זעלבסטפֿאַרשטענדלעך גלײַך אַהיים.

פֿון אויבן האָבן זיך דערהערט די היסטערישע געשרייען פֿון מרס. שופּראַ.

קעטרין האָט אָנגעהויבן צו גיין אַרויף צו דער מוטער, אָפּגעשטעלט זיך און געווענדט זיך צו אַרנאָלדן:

„דו וועסט דאָך איצטער נישט אַוועקגיין?‟

,,געווים נישט,'' האָט ער געענטפערט.

זי איז אוועק צו איר מוטער. אָבער ארנאָלד, וועלכער האָט גאָרנישט געהאַט געטראַכט פון אוועקגיין, איז פּלוצלונג צורו־דערט געוואָרן. פאַר אים וואָלט דאָךווירקלעך געווען די גלייכסטע זאַך אוועקגיין, פאַרשווינדן. וואָס האָט ער צו טאָן מיט מר. שופּראַ און מרס. שופּראַ? איצטער וועט עס ווערן באַקאַנט אין דעם גאַנצן קרייז: ווען מען האָט געבראַכט מר. שופּראַן אַ טויטן אַהיים, איז דאָרטן געווען ארנאָלד לעווענבערג. וואָס וועט זיין מוטער זאָגן? ווי וועט זי פילן? איצטער וועט ער אויף אייביק קאָמפּראָ־מיטירט ווערן מיט די שופּראַס. איצטער ווערט ער מיט זיי פאַריי־ניקט, פאַרבונדן. נישט פרייוויליק, נאָר דורך אַ מאָמענט פון אַן עפנטלעכן סקאַנדאַל. ער מוז אוועקגיין. ער דאַרף דאָ נישט זיין.

אָבער ער וועט נישט אַנטלויפן. דאָס וועט זיין געמיין. ער האָט געזאָגט קעטרין, אַז ער וועט נישט אוועקגיין. ער וועט אָבער נאָך אַמאָל איבעררעדן מיט איר. ער האָט גענומען וואַרטן, ביז זי וועט אַרונטערקומען. געטראַכט פון דער אומאַנגענעמלעכקייט פון זיין לאַנגע און געוואַרט. שפּעטער אַ ווײַלע האָט ער זיך דער־מאָנט אויפמערקזאַם צו מאַכן מערין, אַז אַ צימער דאַרף צוגע־גרייט ווערן פאַרן טויטן. וואָסער צימער? אַ, כאָטש זיין שלאָף־צימער אָדער דער זאַל. מערי האָט זיך גענומען פאַר דער אַרבעט. אָבער קעטרין איז אַלץ נאָך נישט אַראָפּגעקומען. ער איז געוואָרן זייער אומגעדולדיק און נערוועז. יעדן מאָמענט האָט ער געהערט אַ וואָגן צופאָרן מיטן טויטן. און ער איז דעמאָלט אַן אַריינגע־פאַלענער. ווען די צייט איז אים געוואָרן צו לאַנג, האָט ער גע־בעטן מערין, זי זאָל אַראָפּרופן קעטרין צו אים. אָבער קעטרין איז גראָד אַליין אַראָפּגעקומען.

,,אָרעמע מוטער,'' האָט זי געזאָגט, און איר שטימע איז דערביי געווען טרוקן און געפּילאָזן. ,,אָרעמע מוטער, ביידע טויטן אויף איינמאָל.''

אָבער ארנאָלד איז געווען פאַרנומען מיט זיינע געדאַנקען און האָט נישט געהערט, וואָס זי האָט געזאָגט און ווי זי האָט עס געזאָגט.

„איך האָב זיך איבערגעלייגט, קעטרין,“ האָט ער זיך צו איר געווענדט. „איך וועל דאָך אַוועקגיין.“

„ווילסט אַנטלויפן?“

„איך פיל, איך בין דאָ אַן איבעריקער.“

„ווילסט נישט פאַרמישט זיין אין אַ סקאַנדאַל?“

„עס איז פשוט: איך קאָן דאָ גאָרנישט העלפן.“

„שעמסט זיך מיט די שופּראַס?“

„איך בין אַבסאָלוט אַ פרעמדער.“

„ביזטו עס?“

„דו זעץ זיך גלייך אין פאַרבינדונג מיט דיין פעטער און מיט די אַנדערע דירעקטאָרן פון דער באַנק.“

„אַ דאַנק. דאָס וועל איך סיי־ווי־סיי. מסתמא ווייסן זיי שוין. אָבער דו וועסט נישט אַוועקגיין.“

„וואָס דאַרפסטו מיך דאָ?“

„אין אַזאַ מאָמענט זאָל איך דיך נישט דאַרפן?“

איר געזיכט איז געוועזן האַרט און בייז, איר טאָן שאַרף. ער האָט צוזאַמענגעביסן די ציינער.

„איך זע נישט, דו זאָלסט דאַרפן ראַט און שטיצע.“

אירע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן.

„און ווי איז, אַז איך וויל טאַקע, אַז אין אַזאַ מאָמענט זאָל מען דיך זען ביי אונז אינדערהיים, אין אייגענעם, אַ שטוביקן, און איך וועל דיך פאָרשטעלן פאַר אַלעמען, ווי נישט קיין פרעמדן?“

עס האָט אויסגעזען, ווי ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ כאַפּ־שטיינגל. דאָס איז שוין געוועזן זייער מיאוס.

„דאָס איז דיר נישט נויטיק, קעטרין,“ האָט ער פעסט אַרויסגערעדט. „איך בין צו דיר געקומען נישט מיט געוואַלט, נאָר מיט מיין אייגענעם גוטן ווילן, געצויגן צו דיר, דאַרפסטו מיך נישט פאַרהאַלטן מיט געוואַלט.“

זי איז צוגעטראָטן צו אים, אַרויפגעלייגט די הענט אויף זיינע אַקסלען, צוגעלאַסטשעט זיך.

„ווייסט גאָר וואָס,“ האָט זי געזאָגט ווייך, סאַמעטיק, „איך

וועל דיך ארויספירן צו מיר אין צימער, וועסטו דאָרטן זיצן, ביז אַלץ וועט דאָ פּאַריבער.״

„אוממעגלעך, קעטרין,״ האָט ער געענטפערט. „דו ווילסט דאָך מיך נישט לעכערלעך מאַכן.״

„ווילסט דורכאויס אַוועקגיין?״

„דאָס איינציקע ריכטיקע, קעטרין.״

„ווילסט נישט אַנטלויפן פון מיר, וואָס איז באַרייכערט געוואָרן מיט אַ נייעם סקאַנדאַל?״

„איך וועל נישט אַוועקפאָרן צוריק אין וואַשינגטאָן, ביז איך וועל דיך נישט זען.״

„ווען דאַרפסטו אַוועקפאָרן צוריק אין וואַשינגטאָן?״

„אין אַ פּאָר טעג אַרום. דאָס וועט זיין נאָך דער לוויה.״

„טאָ גיב מיר אַ קוש.״

דאָס איז געווען אַ פאַלשער קוש. עס איז אין אים נישט געווען די שיכרות און די פאַרגעסנקייט. זי האָט זיך איינגעזויגט אין זיינע ליפּן — און צוגעהערט זיך צום דרויסן, צי איז נישט צוגעפאָרן דער טויטן־וואָגן. און ער האָט זיך אויך צוגעהערט צום דרויסן און געפילט, ווי ער הערט זיך צו. עס איז געווען אַ פאַר־רעטער־קוש. ער האָט זיך ארויסגעריסן פון אירע אָרעמס, אָפּגע־שטופּט זי פון זיך. זי האָט זיך נאָך געצויגן צו זיינע ליפּן, אירע ליפּן אויסגעשטרעקט אין אַ קוש, געגורגלט נאָך אַ נייער אומאַר־מונג. אָבער ער האָט אַוועקגעאיילט צו הוט און מאַנטל, שנעל אָנ־געכאַפּט זיי, אָנגעטאָן זיי אין שנעלן גאַנג.

„דו וועסט נישט אַוועקפאָרן, ביז דו וועסט מיך זען?״ האָט זי אים געפרעגט, שטייענדיק ביי דער טיר און פאַרשטעלנדיק זי מיט זיך.

„צווייפלסטו אין מיינע ווערטער?״ האָט ער שאַרף אַרויס־געערדט. עס האָט אויסגעזען, אַז ער וועט זי דאַרפן אָפּשטופּן פון דער טיר.

זי האָט זיך ווידער אַ צי געטאָן צו זיינע ליפּן. איצטער איז געווען סם אין איר קוש. אַ געבן זיך, אַ צונויפגיסן זיך. ווי פאַר־שיכורט איז ער אַרויס פון הויז.

זי האָט זיך צוגעדריקט צו דער טיר. נאָכגעקוקט, ווי ער גייט

אַוועק. וועט ער קומען צוריק? וועט ער האַלטן וואָרט? יאָ, ער וועט האַלטן. ער איז באַקאַנט אַלס איינער, וואָס האַלט זיין וואָרט. ער וועט געוויס קומען... מיט זיין אייגענעם גוטן ווילן... „געצוויגן צו מיר!...״

און ער האָט אַראָפּגעאײלט פון די טרעפּ, שנעל, שנעל, אַן אַרויסגעריסענער פון געפענגעניש, אַ באַפרייטער, אַן אַרויסגעראַטעוועטער פון אַ געפאַר. און דערביי געפילט אַ גרויסע בענקעניש, אַ ציעניש צו דעם הויז, פון וועלכן ער האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט. קעטרין! קעטרין!...

אָפּגייענדיק צוויי בלאָק, האָט ער דערהערט און דערזען אַן אים אַנטקעגנאײלנדיקן אַמבולאַנס. ער איז געבליבן שטיין. דער אַמבולאַנס האָט זיך פאַרבייגעטראָגן פאַרביי אים, עטלעכע מענער אין ווייסן אין אים, אַ פּאָליסמאַן און נאָך עמעצער אין ציוויל. געוויס דער סופּער־אינטענדענט. דאָס איז ער, דער טויטער שופּראַ. יאָ, דער אַמבולאַנס האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר דעם שופּראַ־הויז. אַן אויטאָמאָביל, וואָס איז אונטערגעקומען הינטער דעם אַמבולאַנס, האָט זיך דאָרטן אויך אָפּגעשטעלט, אַראָפּגעלאָזן עטלעכע מענער. אַ סך מענטשן האָבן זיך באַוויזן, פאַרבייגייער זיינען שטיין געבליבן. מען האָט אַרויסגענומען דעם טויטן פון דעם אַמבולאַנס, אַרויפגעטראָגן אַרויף, אַריינגעטראָגן אין הויז. איצטער האָבן זיי אים געוויס אַוועקגעלייגט אויף דעם פּלאַץ, וועלכן מער האָט געמאַכט פאַר אים. די ווייסע מענער זיינען צוריק אַרויסגעקומען. דער פּאָליסמאַן און דער מאַן אין ציוויל זיינען געבליבן. אַרנאָלד האָט זיך געווענדט צו גיין. ווי האָט קעטרין אויפגענומען דעם טויטן פאָטער? האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אים? וויינט זי? דער אַמבולאַנס האָט אים אָנגעיאָגט, אַריבערגעיאָגט. די מענער אין אים וואָלטן אים געקאָנט זאָגן, ווי דאָס מיידל מיט די שוואַרצע, ברענענדיקע אויגן האָט אויפגענומען איר טויטן פאָטער. ער האָט זיי נאָכגעקוקט אין דעם פאַרשווינדנדיקן אַמבולאַנס, גלייך ער וואָלט געקאָנט אַראָפּכאַפּן ביי זיי דעם ענטפער.

אין דער טאַקסי, וואָס האָט אים געפירט אַהיים, און שפּעטער אינדערהיים, ביי זיך אין צימער, איז ער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל דורכגעגאַנגען אין קאָפּ אַלץ, וואָס מיט אים איז פאָרגעקו־

מען. האָט ער ריכטיק געהאַנדלט? איז עס נישט געווען גאַנץ שענדלעך זיין אַנטלויפן? האָט ער נישט געדאַרפט בלייבן? ער האָט זיך קיין אַנדערן ענטפער נישט געקאָנט געבן: זיין האַנדלונג איז געווען די איינציק ריכטיקע. וואָס וואָלט ער דאָרטן געטאָן? קעטרין האָט נישט געדאַרפט האָבן זיין הילף, האָט זיך אין איר נישט גענויטיקט. דער טויט פון איר פאָטער האָט אויף איר נישט געמאַכט קיין גרעסערן רושם, ווי דער טויט פון איר ברודער... שרעקלעכע מענטשן די שופּראָס... און שרעקלעך איז קעטרין... איר פאָטער איז ערשט געשטאָרבן, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, און זי האָט גלייך געוואָלט אויסנוצן די געלעגנהייט אַריינצוכאַפּן אים, צובינדן אים, פאַרבינדן אים אויף אייביק...

ער האָט געוואָלט קלאָר ווערן אין זיינע באַציאונגען צו קעטרין. ער קען זי דאָך אַזוי גוט, זעט זי דורך און דורך, און ווערט דאָך אַזוי צוגעצויגן צו איר. וואָס איז עס אַזוינס? ער איז געגאַנגען צו איר מיט דער בעסטער כוונה צו האַלטן זיך וואָס ווייטער. און אַלץ איז פאַרגעסן געוואָרן. זיין גוטער באַשלוס איז געווען ווי נישט געווען. די אָפּגערוקטקייט האָט נישט לאַנג אָנ־געהאַלטן. אונטער אירע הענט אויף זיינע קני איז אַלץ צושמאָלצן געוואָרן.

ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעלעבט די קושן, דאָס גיין אַרויף די טרעפּ, די אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע דערוואַרטונג צו זיין מיט איר ביי איר אין צימער...

ווי מערקווירדיק, וואָס גראָד אין דעם מאָמענט — דער טע־לעפאָן!... ווען ער וואָלט געווען אַ גלויביקער, וואָלט ער געזאָגט, אַז דאָס איז גאָטס האַנט... עפּעס אַ שיצנדיקע האַנט פון אויבן, וועלכע וואָרנט אים און היט אים אָפּ...

לעבערלעך!... ער איז גאָר אומצופרידן מיט דער שיצנדיקער האַנט. זי האָט זיך צוגעאיילט, די שיצנדיקע האַנט. זי האָט אים נישט אָפּגעראַטעוועט, נישט פאַרהיט. ער וועט ווידער זען קעטרין. נישט ווייל ער האָט איר פאַרשפּראָכן, נאָר ווייל ער וויל זי זען, מוז זי זען... ער ליבט זי! ער ליבט זי! וואָס איז זיין געפיל צו טערעזען, אָדער צו מעריאָן, אָדער צו אָלגאַן, אָדער איצטער צו

ליליען, אנטקעגן זיין געפיל צו קעטרין? ער ליבט זי! ער ליבט זי! דווקא זי, די אוממעגלעכע, די שרעקלעכע, די אומריינע, די גע־מיינע!... דאָס איז דאָך ליבע, וואָס ער פילט. די משוגעת פון ליבע, די גליקזעליקייט פון ליבע, דער ענטוזיאזם פון ליבע! אלץ אין אים פאַרלאַנגט קעטרין, שרייט נאָך קעטרין, בענקט נאָך קעטרין... קעטרין! קעטרין!...

אינדערפרי, ווען ער איז אריין צו דער מוטער צו קושן זי „גוט מאָרגן", איז די אַלטע פרוי געלעגן אין בעט מיט איר מאָרגן־צייטונג, שטאַרק אויפגערעגט. די נייעס פון דעם באַנקיר עדוואַרד שופּראַס זעלבסטמאָרד איז געווען אויף דער ערשטער זייט, מיט גרויסע אותיות אין קעפּל און מיט זיין בילד. אַלס אורזאַך פון זיין זעלבסטמאָרד איז געווען אָנגעגעבן זיין פאַרצווייפלונג איבער דעם טויט פון זיין איינציקן זון, וועלכער איז געשטאָרבן מיט אַ העלדישן טויט אויף די פעלדער פון פראַנקרייך. עס איז אויך געווען אָנגעגעבן, אַז מרס. שופּרא איז גאַנץ צושמעטערט פון ביידע קלעפּ, וועלכע זי האָט געקריגן. אין פאַרבייגיין איז געווען אָנגעגעבן, אַז מר. שופּרא איז געווען אַ פריינט פון דייטשלאַנד. דאָס האָט געזאָלט דערקלערן, פאַרוואָס ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, כאָטש זיין זון איז געפאַלן אין קאַמף פאַר זיין פאָטערלאַנד אַמעריקע.

„איך האָב דיך געוואָלט שוין אַריינרופן," האָט די אַלטע אויפגערעגט געזאָגט. „ווייסט שוין די נייעס?"

„יאָ," האָט ער שטיל אַרויסגערעדט. „עדוואַרד שופּרא איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד."

זי האָט אים אָנגעקוקט.

„דו האָסט עס געוווּסט פון דיין צייטונג?"

„פונוואַנעν דען אַנדערש?" האָט ער געלייגנט.

די מוטער האָט אים נישט געגלויבט.

„וואָס קאָן איך וויסן? ביזט דאָך געוואָרן אַ נאָנטער מענטש

דאָרטן...״ האָט זי סאַרקאַסטיש געזאָגט. „אפשר האָט מען עס דיר געלאָזט וויסן ספּעציעל...״

ער האָט זיך געפילט זייער אומבאַקוועם. די אַלטע פרוי האָט עס געזען, אָבער זי האָט געוואָלט אויסדריקן איר פאַרביטערטקייט קעגן די שופּראַס, צו וועלכע ער האָט זיך דערנידעריקט.

„די צייטונג זאָגט, אַז ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אויס פאַרצווייפלונג איבער דעם טויט פון זיין זון. איך גלויב עס נישט. ער האָט זיין זון געהאַסט פאַר זיין ערלעכקייט. זיכער איז עס געשען, ווייל אַ געליבטע האָט אים צו שנעל פאַרלאָזן.״

„איך דערקען נישט מיין מוטער,״ האָט אַרנאָלד אַרויסגערעדט.

„און איך האָב שוין לאַנג אויפגעהערט צו דערקענען מיין זון,״ האָט די אַלטע שאַרף דערווידערט.

ווען ער איז אַרויס פון זיין מוטערס צימער, האָט ער אויפגערופן קעטרין. ער האָט שלעכט אויסגערעכנט די צייט. „מיס קעטרין שלאָפט נאָך.״ ער האָט זיך קוים איינגעהאַלטן אויסצופרעגן ביי מערין, ווי קעטרין האָט זיך באַנומען, ווען דער טויטער איז אַריינגעבראַכט געוואָרן, אָבער ער האָט געפרעגט, ווי עס גייט איר.

מערי האָט געענטפערט: „ווי זאָל איך אייך זאָגן?״ זי האָט איבערגעלאָזן דעם פרעגער אויסצומאַכן זיך פון איר ענטפער, וואָס ער וויל.

ער האָט נאָך געוואָלט אויסגעפינען פון איר, ווען עס וועט זיין די לוויה. אָבער ער וועט עס שוין אויסגעפינען פון קעטרין. ער וועט זי שפּעטער אויפרופן.

ער האָט זי אויפגערופן אַנדערטהאַלבן שעה שפּעטער. זי איז צוגעקומען צום טעלעפאָן.

„ווי גייט עס דיר?״ האָט ער געפרעגט מיט אַן ערנסטן טאָן, פול מיטגעפיל צו איר טרויער.

„גוט,״ האָט זי אָפּגעענטפערט קורץ. „ווי גייט עס דיר?״

איר שטימע האָט נישט איינגעלאַדן צו אַ געשפּרעך. איז זי ברוגז מיט אים? פילט זי זיך ווירקלעך באַדריקט פון דעם טויט פון איר פאָטער?

„ווען וועט זיין די לוויה? האָט מען שוין געמאַכט אַלע פאָרבאַרייטונגען?"

„די פאָרבאַרייטונגען ווערן געמאַכט. די לוויה וועט זיין מאָרגן."

„איך פיל, אַז איך דאַרף דיך נישט לאַנג האַלטן ביים טע־לעפאָן."

„גוד באַי!"

און זי האָט אויפגעהאַנגען דעם הערער. ער האָט נאָך אַ ווײַלע געהאַלטן דאָס טרייבל, נישט ווילנדיק אויפגעהאַנגען עס. געבענקט נאָך דער פאַרשווונדענער. פונקט ווי זי האָט זיך עס דאָרטן פאָרגעשטעלט, ווי זי האָט אויסגערעכנט.

ער האָט גאָרנישט געהאַט וואָס צו טאָן אין ניו־יאָרק. אַרײַנ־געכאַפּט זיך אין געשעפט, געזען זיך מיט אַ פּאָר פריינט און גע־ווּסט, אַז קיינער און גאָרנישט אינטערעסירט אים. דערצו האָבן נאָך אַלע גערעדט וועגן עדוואַרד שופּראַס זעלבסטמאָרד. ער האָט נאָר געוואָלט, אַז די לוויה זאָל פאַראיבער און ער זאָל קאָנען זען קעטרין.

פּלוצלונג איז אים אײַנגעפאַלן אויפצורופן מר. פעלדמאַן און אײַנצולאַדן אים צו מיטאָג־עסן. מיט אים וועט ער נישט דאַרפן רעדן איבער דעם זעלבסטמאָרד פון עדוואַרד שופּראַ. אוי־סער דעם, האָט ער געוואָלט זען, וואָס פאַר אַן אײַנדרוק זיין מילי־טערישער אָנצוג וועט מאַכן אויף דעם סאָציאַליסט.

זיי האָבן זיך געטראָפן אין אַרנאָלדס קלוב. פעלדמאַן איז נישט איבערראַשט געוואָרן צו זען אים אין אַ מיליטערישן אַנצוג. מיט זיין פריינטלעכן, קלוגן שמייכל האָט ער רואיק אַרויסגערעדט:
„די קאָנסקריפּציע האָט געטאָן אירס."

„איך בין נישט פון דעם שטאָף, פון וועלכן עס ווערן גע־מאַכט די געוויסן־מענטשן," האָט ער געזאָגט, ווי ער וואָלט זיך פאַרטיידיקט.

„איך קאָן אייך קיין פאָרוואורף נישט מאַכן," האָט פעלד־מאַן ווידער געשמייכלט. „איך ווייס נישט, וואָס איך וואָלט גע־טאָן, ווען איך וואָלט געוועזן אין דינסט־עלטער."

ארנאָלד האָט דערפילט צו אים גרויסע פרייגטשאַפט פאַר דערדאָזיקער באַמערקונג.

„און מיין געוויסן איז אויך נישט ריין," האָט פעלדמאַן צו־געגעבן.

„אין וועלכער הינזיכט?"

„מיין יוניע האָט געקויפט באַנדס — אויסגעהאָלפן דער רע־גירונג מיט פאָנדס צו דער מלחמה. מיין יוניע, ווי איר ווייסט, איז א ראַדיקאַלע, א סאָציאַליסטישע. די שטימונג אין איר איז קעגן דער מלחמה. אָבער זי האָט געמוזט קויפן די באָנדס, אַז נישט, וואָלט זי אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם כעס פון דער רעגי־רונג און פון דער גאַנצער עפנטלעכער מיינונג, וועלכע איז פאַר־סמט פון דער מלחמה. זי האָט נישט געקאָנט ריזיקירן מיט איר עקזיסטענץ, האָט זי געקויפט קריגס־באָנדס — מיט איין טרייסט, אַז די פאַר טויזנט דאָלאַר, וועלכע זי האָט אויסגעגעבן אויף די באָנדס, וועלן נישט פיל אויפטאָן פאַר דער מלחמה. דאָס איז, נאָ־טירלעך, צבועסטווע, און איך מוז זאָגן, אַז איך בין זייער טרויעריק געוועזן. מיין געוויסן קאָן זיך נישט באַרואיקן."

„מיר גייט עס אויך אַזוי," האָט ארנאָלד געזאָגט און דער־ציילט אים וועגן זיין קריגס־אַרבעט.

„איך ווייס פון א סאָלדאַט," האָט פעלדמאַן אָנגעהויבן, ווען אַרנאָלד האָט געענדיקט, „וועלכער איז אויך אַזוי ווי איר גע־ווען קעגן בלוט־פאַרגיסן און האָט נישט געהאַט דעם מוט צו שטיין און צו ליידן פאַר זיין געוויסן. אַז מען האָט אים אַוועקגע־שיקט אין פראַנקרייך, האָט ער זיך צוגעשוואָרן, אַז ער וועט נישט שיסן. ער איז שוין א פּאָר חדשים אין פעלד און האָט נאָך, ווי וויים איך ווייס, קיין איין שאָס נישט געטאָן. אין אַטאַקעס גע־ברויכט ער זיינע פויסטן, דעם אונטערשטן טייל פון זיין ביקס, און האָט שוין מיט זיינע הענט געכאַפּט א היפּשע פּאַר דייטשן. די הונגעריקע דייטשן מוזן אים זייער דאַנקבאַר זיין, און זיינע הענט זיינען ריין פון בלוט."

נישט אוים מורא, נאָר אוים באַשיידנקייט האָט פעלדמאַן נישט אָנגעגעבן, אַז ער דערציילט עס פון זיין אייגענעם ברודער.

„איז דאָס מעגלעך?" האָט אַרנאָלד אויף דערויף געזאָגט.

ער האָט אַ טראַכט געטאָן, צי וואָלט ער דאָס געקאָנט. מסתמא נישט. אים איז גאָר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז מען קאָן עס טאָן. ווען ער וואָלט געווען אין פעלד, וואָלט ער געוויס געשאָסן און געמאָרדעט, אפילו ווען ער וואָלט ביי זיך אָפּגעמאַכט נישט צו שיסן. ווי ער קאָן זיך נישט קאָנטראָלירן, ווען ער איז לעבן קעטרין.

פעלדמאַן האָט אים פאַרזיכערט, אַז דאָס איז אַ פאַקט, און אַרנאָלד האָט זיך נישט געקאָנט אָפּוווּנדערן און מקנא געווען מענטשן, וועלכע קאָנען טאָן זאַכן...

„דאָס איז אַ געשיכטע, וועלכע וועט מיך פאַרפאָלגן און פאַרפאָלגן. עס איז מיין שוואַכקייט צו באַוווּנדערן מענטשן מיט אַ שטאַרקן ווילן."

ער האָט אַרויפגעפירט דעם געשפּרעך אויף דער באָלשע־וויסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, אויף לענין און טראָצקי, געוואָלט וויסן, וואָס זאָגט פעלדמאַן צו דערדאָזיקער רעוואָלוציע.

פעלדמאַן איז זייער שטאַרק באַגייסטערט געווען פאַר איר.

„זי איז דער איינציקער ליכטיקער שטראַל אין דער איצטי־קער פינסטערניש," האָט ער געזאָגט. „די מיליאָנען לעבנס, וואָס זיינען פאַרניכט געוואָרן אין דער מלחמה ביז איצט, זיינען נישט אומזיסט אומגעקומען: זיי האָבן מעגלעך געמאַכט דידאָזיקע רע־וואָלוציע פון דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט און אַוועקגעלייגט אַ גרונט־שטיין צו דער באַנייאונג פון דער וועלט."

זיינע אויגן האָבן געברענט, זיינע באַקן האָבן זיך פאַר־פלאַמט, עס האָט אין אים געפלאַקערט דאָס פייער פון דער גרוי־סער רעוואָלוציע פאַר אַ נייער וועלט־אָרדענונג.

אַרנאָלד האָט זיך דערשראָקן פאַר זיינע רייד, אומגעקוקט זיך, צי האָט מען זיי נישט דערהערט.

„האָב איך דערהעכערט מיין קול?" האָט פעלדמאַן געפרעגט מיט זיין שמייכל. „איך בין, דאַכט זיך, זייער פאָרזיכטיק. אָדער אפשר — ווען איך הייב אָן צו רעדן וועגן דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, פאַל איך אריין אין עקסטאַז און הער אויף צו ווערן באַלעבאָס אויף מיין שפּרעך־אָרגאַן."

אַרנאָלד האָט נאָר שלעכטס געהערט וועגן דערדאָזיקער

רעוואָלוציע, און אַליין האָט ער אויך מורא געהאַט פאַר איר. נאָר נאָך מער בלוט־פאַרגאָס און די הערשאַפט פון די אומגעבילדע־טע, אומקולטורעלע מאַסן. ער האָט זיך געוווּנדערט, פאַרוואָס פעלדמאַן איז אַזוי באַגייסטערט. ער האָט אַרויסגעזאָגט, וואָס ער דענקט.

„אומגעבילדעטע, אומקולטורעלע מאַסן!" האָט פעלדמאַן אויפגעכאַפּט אַרנאָלדס לעצטע ווערטער. „מיט בילדונג און קול־טור ווערט מען נישט געבאָרן. זיי קריגט מען אין די שולן און אין דער דערציאונג. שיקט די אַרבעטער־קינדער אין די שולן, און זיי וועלן זיין געבילדעט. די באָלשעוויקעס אין רוסלאַנד האָבן טאַקע גלייך אָנגעהויבן מיט אַלגעמיינער בילדונג פאַר קינדער און פאַר דערוואַקסענע. און בכלל דאַרפט איר זיך נישט שרעקן פאַר דער הערשאַפט פון די „אומגעבילדעטע, אומקולטורעלע מאַסן". וואָס האָט איר פון דער הערשאַפט פון די געבילדעטע און קולטורעלע מאַסן? — די איצטיקע בלוטיקסטע, שענדלעכ־סטע מלחמה. די הערשאַפט פון דעם פּראָלעטאַריאַט וועט צוזען, אַז אַזאַ זאַך זאָל זיך מער קיינמאָל נישט איבערחזרן."

„איר ווייסט דאָך, אַז איך גלויב אין דעם נישט," האָט אַר־נאָלד אויפגעלאַכט. „און די באָלשעוויקעס מיט זייער באַנעמונג אפילו קעגן זייערע אייגענע געוועזענע חברים זיינען אַ שוואַכע האָפענונג אויף אייביקן שלום."

„עס איז איצטער רעוואָלוציע," האָט פעלדמאַן פעסט אַרויסגערעדט. „טאַטן, וועלכע ווערן אָפּגעטאָן אין דער צייט פון אַ רעוואָלוציע, אום צו ראַטעווען די רעוואָלוציע, זיינען נישט קיין ביישפּיל. עס איז דונער און בליצן און פאַרוויסטנדיקער שטורעם — דערנאָך רעגן און זון און גרויסע פרוכטבאַרקייט."

„פאַרוואָס זיינען די מענשעוויקעס, וועלכע זיינען, דאַכט זיך, גוטע סאָציאַליסטן, קעגן די באָלשעוויקעס מיט זייער רעוואָלו־ציע?"

„דאָס וואָלט איך אויך געוואָלט וויסן. פאַרוואָס זיינען די־דאָזיקע גוטע סאָציאַליסטן פאַר דער מלחמה און איר פאָרטזעצונג? מענטשן באַלאַנדזשען."

„מיינט איר, אַז די באָלשעוויקעס וועלן זיך טאַקע האַלטן?"

„דאָס ווייס איך נישט. אויב תפילות וואָלטן געקאָנט זיי העלפן, וואָלט איך אָנגעהויבן צו דאַווענען און בעטן גאָט פאַר זיי..."

„וואָלט איר געוואָלט אַזאַ רעוואָלוציע ביי אונז אין די פאַראייניקטע שטאַטן?"

אַרנאָלד האָט עס אַרויסגעשעפּטשעט, צוערשט אַרומקוקנדיק זיך.

„און אַז איך וואָלט געוואָלט, וואָס וואָלט עס מיר געהאָלפן?" האָט פעלדמאַן אויך אַזוי פאַרזיכטיק אָפּגעענטפערט. „מיין גאַנצע טעטיקייט איז געווידמעט דעם אידעאַל פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וועלכע איז איצטער דורכגעפירט געוואָרן אין רוסלאַנד. אָבער איך ווייס, אַז מיין טעטיקייט, ווי די טעטיקייט פון אַלע מיינע גענאָסן, האָט דאָ גאָרנישט דערגרייכט. מיר זיינען דאָ זייער ווייט פון דעם. פּילייכט דורות גאַנצע. ווען איך לייען, אַז די רוסישע באָלשעוויקעס רעדן פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע אין אַמעריקע, וויל איך גלויבן, אַז דאָס איז נאָר ציימונגס־פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע וויל אויפרייצן די אַמעריקאַנער עפנטלעכע מיינונג קעגן די באָלשעוויקעס. איך קאָן זיך נישט פאָרשטעלן, אַז זיי זאָלן אַזוי נישט וויסן די לאַגע אין אַמעריקע. ווי קאָן מען דאָ רעדן פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע, אַז מיר האָבן דאָ גאָר קיין אַרבעטערבאַוועגונג נישט! און די אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע מיר האָבן דאָ כלומרשט, איז דער בעסטער שוץ קעגן אַ רעוואָלוציע. די אַמעריקאַנער בורזשואַזיע קאָן נאָך לאַנג רואיק שלאָפן."

„אויב איר ווילט מיך בארואיקן, מאַכט איר אַ טעות, פעלדמאַן," האָט אַרנאָלד געלאַכט. „איך וואָלט דווקא געוואָלט, אַז עפּעס אַ דונער זאָל איינשלאָגן און אָפּרייניקן די לופט. אויב דאָס איז אייער רעוואָלוציע, זאָל עס זיין אייער רעוואָלוציע. אַז נישט, זאָל זיין עפּעס אַנדערש. אונזער ציוויליזאַציע גייט אונטער. אַלע דערגרייכונגען ווערן פאַרניכט. איין מענטש איז צו דעם אַנדערן אַ וואָלף אין דעם פולסטן זין פון דעם לאַטיינישן שפּריכוואָרט."

אַרנאָלד איז אַריינגעפאַלן אין גרויסער ביטערקייט. עס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס ער איז אַרויסגעשלאָגן געוואָרן פון זיין גלייכגעוויכט, וואָס ער האָט פאַרלאָרן דעם אַמאָליקן בעסערן

מענטש אין זיך. ווייל די גאַנצע צייט פון דעם געשפּרעך האָט ער געדענקט קעטרין, געפילט זיין בענקעניש נאָך איר און געזען זיין מיאוסע שוואַכקייט און ווילנלאָזיקייט.

ווען זיי זיינען אויפגעשטאַנען פון די ערטער, האָט ער געפרעגט, ווי עס גייט מר. מאַרדין און מיס מאַנקאָף. די פראַגע האָט זיך אים שוין לאַנג געדרייט אויף דער צונג. אָבער ער האָט עפּעס מורא געהאַט אַרויסצורעדן מיס מאַנקאָפס נאָמען. דערפאַר האָט ער די פראַגע אַרויסגערעדט ווי צופעליק. און דאָך — ביים קלאַנג פון דעם וואָרט מאַנקאָף, האָט ער דערפילט אַ מין אומבאַקוועמלעכקייט.

ער איז אוועק פון פעלדמאַנען אין אַ שווערן געמיט. ער האָט געטראַכט פון אָלגאַן. אָט איז אַ מיידל, וואָס וואָלט אים געווען אַן אמתער חבר און אַ מאָראַלישע דערהויבונג, האָט ער זיך פון איר באַהאַלטן און איז אוועק נאָך קעטרין, וועלכע קאָן נאָר זיין זיין דערנידערונג.

און ער האָט געטראַכט פון דעם סאָלדאַט, וועלכער האָט נאָך קיין איין שאָס נישט געטאָן, כאָטש יעדן טאָג פילייכט ווערט ער אַרויסגעשיקט צו שיסן און צו מאָרדן. אויב יענער האָט נישט דערגרייכט צו דער מאָראַלישער מדרגה פון איינעם, וועלכער זאָגט זיך אָפּ צו דינען, מיט וויפל שטייט יענער אָבער העכער פאַר אים, וועלכער פילט זיך אַזוי גוט אין זיין מיליטערישער אוניפאָרם און האָט הנאה, וואָס די מיידלעך געפינען, אַז ער זעט אויס שענער און מענלעכער?...

זאָל ער, אָדער זאָל ער נישט זען זיך מיט אָלגאַ מאַנקאָף? יאָ, ער וועט זיך זען מיט איר. אפשר וועט ער ביי איר געפינען שטאַרקונג. שטאַרקונג קעגן וועמען? קעגן קעטרין. אָבער ער ליבט דאָך קעטרין. דאָס איז דאָך ליבע, וואָס ער פילט צו איר. די ליבע, וועלכע רויבט די רו און שלאָגט אַרויס פון גלייכגעוויכט. די ליבע, וועלכע ווערט באַשריבן אַלס פייער־פלאַם. די ליבע, וועלכע פאַרצערט. פאַרוואָס — שטאַרקונג קעגן איר? ער ליבט קעטרין, און קעטרין וואַרט אויף אים. גאָרנישט און קיינער שטייט נישט אין וועג פון זיין ליבע. אויב פון אַלע זיינע באַקאַנטע מיידלעך האָט ער זיך דווקא פאַרליבט אין קעטרין, איז זי מסתמא נענטער ווי אַלע צו זיין וועזן. פאַרדינט זי אים און ער זי, דאַרף ער קיין מורא נישט האָבן פאַר זיין ליבע. דאַרף ער קיין שטאַרקונג קעגן איר נישט האָבן. כדי ער זאָל גליקלעך זיין, מוז ער גיין, וווהין עס ציט אים.

שעה נאָך שעה האָט ער געטראַכט אויף דעמזעלביקן נוסח. אַריינגעאַרבעט זיך אין אַ פאַרצערנדיקן פאַרלאַנג נאָך קעטרין. און דערביי געוווּסט, אַז ער וויל אין זיך פאַרשרייען אַ מורא פאַר קעטרין.

ביים אָונטבערויט האָט זיין מוטער ווידער פאַרפירט אַ געשפּרעך וועגן שופראַס זעלבסטמאָרד. זי האָט געוווּסט עפּעס, וואָס איז נישט געווען אין די צייטונגען און וואָס איר זון דאַרף וויסן, אויב ער ווייס נאָך נישט. עפּעס וועגן קעטרין. אויב איר זון איז

נאָך פון איר נישט אויסגעקורירט, וועט דאָס דאַרפן אים אויס־קורירן.

„ביזטו געווען ביי די שופּראָס?" האָט זי געפרעגט.

„ניין," האָט ער קורץ געענטפערט.

„ווי קומט עס?" האָט זי בייסיק געפרעגט.

„מוטער!" האָט ער שאַרף אָפּגעשניטן.

„איך האָב געהאַט אַ גרוס, אַז די טייערע טאָכטער גייט אַרום אין הויז, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען. זי איז אפילו אַוועק איינקויפן מציאות אָדער עפּעס אַנדערש. האָסט זי נישט געזען?"

ער האָט צונויפגעלייגט די סערוועטקע און איז אויפגעשטאַ־נען פון טיש. די אַלטע האָט זיך דערשראָקן.

„אַרנאָלד!" האָט זי אויסגערופן. „זעץ זיך!"

„ווען דו וועסט מער נישט רעדן וועגן די שופּראָס."

„איך וועל נישט."

ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט.

„דאַרפסט מיר מוחל זיין," האָט די אַלטע גערעדט, בלייך פאַר אויפרעגונג. „גראַד ווי ווען דו וואָלסט זיך דערנענט צו אַן אָפּגרונט, און איך וואָלט קיין אַנדער מיטל נישט געהאַט דיך אָפּ־צושטעלן, ווי נאָר אַ וואָרף צו טאָן אויף דיר אַ שטיין."

אַרנאָלדן האָט עס דורכגעשטאָכן. אַ שווערקייט האָט זיך אים געלייגט אויפן האַרצן. אַ גאַנץ איבעריקער שטיין. ער ווייס אַליין, אַז ער גייט צו אַן אָפּגרונט. ער גייט צו אים מיט אָפענע אויגן. ער ווערט צו אים צוגעצויגן.

ביי דער פּיאַנאָ האָט ער געשפּילט אַלץ אַזעלכע בענקנדיקע און וויינענדיקע זאַכן. אָבער שפּעטער, אין בעט, האָט ער זיך דער־מאָנט, אַז ער האָט איינמאָל געטראַכט, אַז קעטרין איז גאָר קיין אָפּגרונט נישט...

דעם אַנדער מאָרגן האָט ער ווידער באַזוכט זיין געשעפט און דערמאָנט זיך, אַז דער אָפיס פון דער הילפס־געזעלשאַפט, אין וועלכן אַלגאַ מאַנקאָף געפינט זיך, איז נישט ווייט פון זיין גע־שעפט. ווען ער איז אַרויס פון זיין אָפיס, איז ער אַוועק אין דער זייט פון דער הילפס־געזעלשאַפט. ווען ער איז צוגעקומען צו דער געביידע, איז ער אַריין.

אָבער איידער ער איז אַרויפגעפאָרן מיט דעם עלעוויטאָר צו דער ביוראָ, האָט ער אויפגערופן קעטרין: ווי גייט עס? און זי — ווידער קורץ און טרוקן.

„גוט. ווי גייט עס דיר?"

„וויפל אזייגער די לוויה?"

„באלד. אין א פאָר מינוטן."

„וועל איך דיך נישט האַלטן."

„איך וועל דעם גאַנצן אָוונט זיין אינדערהיים," האָט זי אים געלאָזן וויסן.

ער האָט דערפילט איר נאָנטקייט. זיין האַרץ האָט א צאַפּל געטאָן. אָבער ער האָט זיך באַזינגט: די נאָנטקייט פון אָלגאַ מאַנקאָף האָט אים געגעבן שטאַרקונג.

„איך וועל בעסער קומען מאָרגן אין דער צייט. גוט?"

„ווי דו ווילסט." אָבער עפּעס האָט איר פאַרדראָסן, און זי האָט צוגעגעבן קעגן איר ווילן: „פאַרוואָס ווילסטו נישט קומען היינט ביידערנאַכט?"

„איר וועט געוויס האָבן א סך באַזוך."

„איך האָב מיין צימער."

עס האָט אים ווידער א צי געטאָן, אָבער ער האָט זיך ווידער באַזיגט.

„איך וועל דאָך בעסער מאָרגן."

„גוד באַי!" זי האָט אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל מיט א קלאַפּ, האַרט, בייז.

עס האָט אים פאַרדראָסן, אָבער ער האָט זיך דאָך געפילט אַלס זיגער, אַלס געשטאַרקטער. און מיט דעם געפיל איז ער אַרויפגעפאָרן צו אָלגאַס אָפיס. ער האָט געדאַרפט וואַרטן אויף איר אַרויסקומען אין פאָרצימער, און ער האָט געוואַרט מיט האַרצקלאַפּן.

זי איז איבעררראַשט געוואָרן צו זען אים.

„איר קומט פון דער מלחמה?" האָט זי געפרעגט, און איר שטימע איז נישט פריינטלעך געוועזן.

ער האָט זיך צולאַכט. ניין, ער האָט קיין פולווער נישט געשמעקט און וועט נישט שמעקן.

ער האָט האַרציק געדריקט איר האַנט, געוואָלט זי לענגער האַלטן און באַלד אָפּגעלאָזן, ווייל ער האָט דערפילט, אַז אַלגאַן איז עס אומאַנגענעם, געקוקט איר אין די אויגן מיט גרויסער וואַרעמקייט. זיין שטימע האָט זיך געלאַשטשעט, כמעט געבעטלט. ער האָט איר דערציילט, ווי ער האָט זיך דערוווּסט, ווו זי איז, און ווייל זיין געשעפט איז נישט ווייט פון איר אָפיס...

„דערציילט מיר בעסער, ווי איר זייט געקומען צו דער אוניפאָרם,‟ האָט זי אים איבערגעריסן.

ער האָט איר דערציילט.

„עס טוט מיר זייער לייד, אָבער איך מוז אייך פאַרלאָזן,‟ האָט זי פלוצלונג געזאָגט. „איך בין איצטער אַן אָנגעשטעלטע אין אַ צדקה־אַנשטאַלט, און איך געדענק, וואָס פאַר אַ חשבון איר האָט געמאַכט. טאָר איך נישט מיסברויכן די צייט, פאַר וועלכער מען צאָלט מיר פון די געזאַמלטע נדבות...‟

ווי קאַלט! ווי באַליידיקנדיק! וואָס זאָל ער דערויף זאָגן? ווי זאָל ער האַנדלען?

„גייט נישט אַזוי אַוועק פון מיר,‟ האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט.

„ווי לאַנג בלייבט איר נאָך דאָ?‟ האָט זי געפרעגט.

ער האָט דערפילט אין איר פראַגע אַן אויסגעשטרעקטע שלום־האַנט.

„מאָרגן פאָר איך אָפּ צוריק קיין וואַשינגטאָן,‟ האָט ער דערמונטערט געזאָגט. „ווילט איר מיט מיר מיטאָג עסן?‟

זי האָט זיך אַ ווײַלע איבערגעלייגט. זי האָט געדענקט זיין לעצטן בליק ביי זייער צושיידן זיך ביים אַריינגאַנג צו דער אונטערגרונט־באַן. אָבער זי האָט באַשלאָסן נישט אויסצומאַכן זיך. זי האָט אָנגענומען די איינלאַדונג. ער זאָל נאָר אַ ווײַלע אונטערוואַרטן, זי וועט באַלד אַרויסקומען צו אים.

ער איז פריילעך געוואָרן. זיינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן, און עס האָט געזונגען אין אים. ווען זי איז אַרויסגעקומען, האָט זיין געזיכט געשיינט. ער האָט זיך אַפילו דערמאָנט, אַז ער זעט אויס זייער גוט און דער אוניפאָרם. אָבער אויף איר געזיכט האָט ער נישט געזען, צי זי האָט עס באַמערקט.

ביים עסן האָט ער זי פאַנאַנדערגעפרעגט וועגן איר אַרבעט. זי האָט אים דערציילט פון די שווערע אומגליקן, וואָס זיינען באַפאַלן די יידן אין מזרח־אייראָפּע. די אַמעריקאַנער יידן זיינען די איינציקע, וועלכע קאָנען העלפן, און זיי העלפן — „צו בים־לעך".

„עס קומט נישט אַריין קיין סך הילף?" האָט ער איבערגעפרעגט.

„ווייט נישט אין דער פּראָפּאָרץ צו די ליידן פון די געפייניקטע אין מזרח־אייראָפּע. און אויסערדעם — ווידעראַמאָל אייער חשבון פון פאַרשווענדעריי. גרויסע שטאָבן מיט מענטשן, אָפּט גאַנץ איבעריקע, און די אָנגעשטעלטע ווילן אַלע גרויסע געהעלטער און קריגן זיי. עס איז פאַר זיי אַ צייט פון מאַכן היי, און זיי מאַכן עס. און קיינער באַטראַכט נישט, אַז ער נעמט פון די אומגליקלעכסטע פון די אומגליקלעכסטע, ווערט פעט פון זייער הונגער."

„אַזוי זיינען די מענטשן און אפילו אייערע יידן," האָט אַרנאָלד געזאָגט.

„פאַרוואָס אפילו אייערע יידן?"

„האַלט איר זיך נישט פאַר די גרעסטע בעלי־רחמימס? איך האָב אַמאָל געהערט אַ פּרעדיקט פון אַ ראַביי..."

„די מידה פון רחמנות איז טאַקע געווען גרויס ביי אונז," האָט זי אים איבערגעריסן. „דאָס וואָרט רחמנות אַליין האָט ביי אונז, דאַכט זיך, אַ האַרציקערן בייקלאַנג, ווי אין אַלע אַנדערע שפּראַכן, וועלכע איך קען."

„עס קלינגט אַביסל צו שאָוויניסטיש, וואָס איר האָט געזאָגט, מיס מאַנקאָף," האָט אַרנאָלד באַמערקט.

„אפשר," האָט זי געענטפערט, „אָבער איך דאַרף שאָוויניזם קעגן אייער איינזייטיקן, אַלץ פאַרדרייענדיקן אַמעריקאַניזם. איר זייט געווינט צו קוקן אויף אונז, יידן, ווי אויף בעטלער, וועלכע קאָנען און מוזן נאָר נעמען. אָבער מיר האָבן געבראַכט מיט זיך אַ סך קולטורעלע אוצרות. מיר קאָנען אויך געבן. מיר ווילן אויסטוישן ווערטן, געבן און נעמען."

„איר וועט מיך נאָך מאַכן פאַר אַ ייד,‟ האָט ארנאָלד גע־לאַכט.

„אַ קנאַפּער געווינס.‟ זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ באַ־דויערנדיקן בליק.

„אָ, מים מאַנקאַף!‟ האָט ער אויסגערופן כלומרשט באַ־ליידיקט, און זי האָט ערנסט פאָרטגעזעצט:

„מיר דאַרפן האָבן אַקטיווע מענטשן, מענטשן פון טאַט, מענטשן, וואָס קאָנען טאָן זאַכן, מענטשן, וועלכע גלייבן אין אַ צוקונפט.‟

„ליידער... ליידער...‟ האָט ער דערויף געענטפערט.

„יאָ, ליידער... ליידער...‟ האָט זי אָפּגעענטפערט.

„איך טו אייך לייד?‟ האָט ער געפרעגט און געזען שוין אַן עפּענונג צו אַ מער אינטימערן געשפּרעך.

„אַלע, וואָס האָבן געקאָנט זיין נוצלעך און זיינען נישט, טוען מיר לייד.‟

די עפּענונג איז צוגעמאַכט געוואָרן. ער האָט דאָך נאָך גע־פּרוווט:

„אָבי איך האָב געמיינט, אַז א י ך, איך, ארנאָלד לעווענ־בערג, טו אייך לייד.‟

זי האָט דערויף נישט געענטפערט. ווען זי פרעגט אים בלויז, פאַרוואָס זאָגט ער עס, וואָלט ער איר שוין געענטפערט... אָבער זי האָט נישט געפרעגט. אַקוראַט, ווי זי וואָלט געוווּסט דעם גליטשיקן וועג, וועלכער איז געלעגן הינטער אַזאַ פראַגע.

אויף אַ ווײַלע האָט זיך איבערגעריסן דער געשפּרעך־פּאָ־דעם. אום אויפצונעמען אים ווידער, האָט ער געפרעגט, ווי גייט עס מר. מאַרדין. ווען ער האָט עס געפרעגט, האָט ער פּלוצלונג דער־פילט, אַז ער איז אייפערזיכטיק אויף מר. מאַרדין. ער האָט אים נישט געדאַרפט אַריינשלעפּן אין דעם געשפּרעך. אָבער איר ענטפער האָט אים שטאַרק פאַראינטערעסירט: יידן פון אַמעריקע און קאַ־נאַדע האָבן אָרגאַניזירט אַ יידישן לעגיאָן, וועלכער ווערט אַוועקגע־שיקט קיין פּאַלעסטינע, צו העלפן ענגלאַנד אין איר מלחמה מיט די טערקן, און מאַרדין איז צוגעשטאַנען צו דעמדאָזיקן לעגיאָן.

„ווי?‟ האָט ארנאָלד אויסגערופן. „ער איז דאָך געווען

קענן דער מלחמה?" אין דער אייגענער צייט איז עס פריידיק דורכ־געלאָפן איבער אים, אז מארדין וועט פארלאָזן דאָס לאנד. ער וועט דאָ נישט זיין מער.

„איר האָט געהערט פון דער באלפור־דעקלאראציע?" האָט אַלגא געפרעגט.

ארנאָלד האָט געהערט און געלייענט וועגן דער דעקלאראַ־ציע, וועלכע טראָגט דעם נאָמען פון ענגלישן שטאַטסמאַן, אָבער ער האָט נישט גאַנץ גענוי געוווּסט.

„עס איז די דערקלערונג פון פאלעסטינע אלס היימלאנד פון דעם יידישן פאָלק," האָט אַלגא דערקלערט. „מארדין און זיינע חברים ווילן נישט, אז די ענגלישע סאָלדאטן זאָלן זיך שלאָגן און זייערע לעבנס אוועקלייגן אין פאלעסטינע, און מיר, די יידן, זאָלן עס קריגן געשענקט. זיי ווילן עס קויפן מיט זייער בלוט."

„ער איז דאָך אָבער געווען קעגן מלחמה?"

„קעגן אַ מלחמה פאר געשעפטס־דעראָבערונגען, אָבער נישט קעגן א מלחמה פאר באפרייאונג."

„אָ, זייט איר איצטער אויך פאר דער מלחמה?"

„ניין. אויך דער לעגיאָן איז נישט נאָך מיין הארץ. איך האָב שטענדיק געטרוימט פון דער שיינקייט פון א זוניקן היימ־קער."

„ווי האָט איר געוואָלט דערגרייכן דעם זוניקן היימקער?"

„איך ווייס נישט. אָבער איך בין שטענדיק געווען זיכער, אז אונזער פאָלק וועט סוף־כל־סוף מוזן געפינען א היים פאר זיין גייסטיקייט און פאר די גרויסע מענטשהייט־אידעאלן, פאר וועלכע זיינע בעסטע זין האָבן שטענדיק געקעמפט. און אז ער וועט עס מוזן, וועט ער שוין געפינען א וועג, ווי אומצוקערן זיך צוריק אין דער פארלוירענער היים. און עס וועט זיין א זוניקער וועג..."

ארנאָלד האָט באמערקט, אז זי איז געווען זייער שיין, ווען זי האָט גערעדט. ער האָט נישט געקאָנט פאָרטזעצן דעם גע־שפרעך.

זי האָט זיך פלוצלונג געכאפט, אז איר צייט איז שוין פאָריבער, און איז אויפגעשפרונגען פון איר זיץ. ער איז אויך אויפגעשטאנען.

„איך וואָלט געוואָלט געבן אייך אַ טשעק — אַ קליינעם צו־גאָב צו אייער הילפס־פאָנד — וועט איר אים ביי מיר צונע־מען?‟ האָט ער זי געפרעגט, העלפנדיק איר אָנצוטאָן איר מאַנטל.

„איר וועט אַזוי גוט זיין און אַריינשיקן אים אין אָפיס,‟ האָט זי קורץ געענטפערט.

ער האָט זיך ווידער געפונען צו פרעגן, פאַרוואָס רעדט זי צו אים אָנגערוקט און ברוגזדיק.

„אָ, איך וועל אַזוי רעדן מיט יעדן איינעם, פון וועמען איך ווייס, אַז ער פאַרשווענדט זיין לעבן אויף גאָרנישט,‟ האָט זי לאַנגזאַם אַרויסגערעדט.

„איר זייט אַ מיסיאָנערין.‟

„פיליכט.‟

„אָבער מיסיאָנערינס דאַרפן רעדן מיט ליבע.‟

„איך בין אַ פאַנאַטיקערין.‟

ער האָט זי באַגלייט צו איר אָפיס.

„זעט נישט ניו־יאָרק שרעקלעך אויס מיט אַזויפיל סאָל־דאַטן,‟ האָט זי געזאָגט.

„אָ, איר באַליידיקט מיין אוניפאָרם!‟ האָט ער אויפגעלאַכט. זי האָט אים אָנגעקוקט פון דער זייט.

„איך גלויב, אַז איר זייט טאַקע שטאָלץ אויף אייער אוני־פאָרם.‟

„פאַרוואָס גלויבט איר אַזוי?‟

„זי גיט צו עטוואָס צו אייער מענערשן זעלבסטבאַוווּסט־זיין.‟

„האַלט איך זיך אַזוי?‟ האָט ער פאַרלעגן געפרעגט. „איר זייט שלעכט.‟

זי האָט גאָרנישט געענטפערט. אָבער ער האָט געוווּסט, אַז זי האָט באַמערקט, אַז די אוניפאָרם קליידט אים. דאָס האָט אים אַביסל געקיצלט. ער האָט שיר נישט צוגעגעבן צו זיין האַלטונג מער אָפיצירישקייט.

שטייענדיק פאַר דעם עלעוויטאָר, וואָס האָט געדאַרפט אַרויפ־נעמען זי צו איר אָפיס, האָט ער זי ווידער געפרעגט, צי וועט זי

אָננעמען אַ טשעק. אויף איר אָפּזאָג האָט ער איצטער נעפרעגט, פאַרוואָס אייגנטלעך וויל זי נישט אָננעמען.

„ווייל איר זייט זיך צו באַוווּסט פון דעם חלק פון די אָנ־געשטעלטע אין אייער נדבה," האָט זי געענטפערט, אויסגע־שטרעקט אים די האַנט: „גוד באַי!", איז אַריין אין עלעווייטאָר און נישט געוואָרן.

ער איז געבליבן שטיין, ווי אויסגעפּאַטשט און אַוועק מיט אַ ביטערן געשמאַק אין מויל. ניין, דאָס האָט ער ווירקלעך נישט פאַרדינט. די מיידל פאַראַכט אים אייגפאַך. האָט ער עס ווירק־לעך נישט פאַרדינט? זי זעט אים דורך און דורך. און ווען זי וואָלט נאָך געוווּסט...

פאַרוואָס איז זי צו אים נישט געווען פריינטלעך? פאַר־וואָס האָט זי נישט געפונען פאַר אים קיין וואַרעמערן טאָן? אפשר וואָלט זי דעמאָלט אויפגעטאָן עפּעס פאַר אים...

איז וואָס ,זאָגט ער פון דער נייער באַגעגעניש מיט מיס מאַנקאָף? צו וואָס האָט ער זי געדאַרפט?

אָ, יאָ, ער האָט אַ סך מער קלאָרקייט וועגן זיך. וועגן זיין ווערטלאָזיקייט. וועגן זיין גאָרנישטקייט.

ער האָט דאָך אָבער געוואָלט פון איר שטאַרקונג קעגן קעט־רין...

יאָ, אויך ד י האָט ער. אויך די שטאַרקונג. זי ליגט אין אַ פאַרשטאַרקטן באַוווּסטזיין פון זיין ווערטלאָזיקייט, פון זיין דערנידערונג. ער וועט זיך מוזן אָפּשטעלן, ראַטעווען זיך, כּל־זמן עס איז נאָך צייט.

אָבער ער ליבט דאָך קעטרין! דאָס איז דאָך ליבע, וואָס ער פילט צו קעטרין!

ער האָט זיך צוגעהערט צו זיין האַרץ. געוואָלט איבער־צייגן זיך אין זיין ליבע. און אין דער אייגענער צייט האָט אין אים געשריען: ווערטלאָזער! ווערטלאָזער!

אויף מאָרגן, קורץ נאָך עלף, איז ער געקומען צו קעטרין מיט בלומען. ער האָט פאַרשפּראָכן צו קומען און געהאַלטן וואָרט. ווען ער וואָלט נישט פאַרשפּראָכן, וואָלט ער זי מער נישט באַזוכט. אָבער איצטער וועט ער זען נישט צו פאַרגעסן זיך מער. ער וועט אויפשטעלן צווישן זיך און איר דאָס פאַרשטאַרקטע באַוווסטזיין פון זיין ווערטלאָזיקייט און כאַראַקטער־שוואַכקייט און דעם שאָטן פון איר זעלבסטמערדערישן פאָטער.

קעטרין איז געווען אָנגעטאָן אין שוואַרץ און ווייס — א זייער רייצנדיק און זייער קורץ טרויער־קליידל, וואָס האָט איר גרויסאַרטיק געקליידט מיט דעם הויכן ווייסן קראַגן, וועלכער האָט פּראַכטפול אַרומגעראַמט איר געזיכט, און די לאַנגע אַרבל, וועלכע האָבן זיך אַזוי רייצנדיק פאַרענדיקט מיט אירע ווייסע, גוט געפּלעגטע הענט, מיט די מאַניקורירטע נעגל. זי האָט גלייך באַמערקט, אַז ער איז געקומען מיט א באַשלוס צו זיין אָפיציעל און צו האַלטן זיך ווייט און קאַלט. זי האָט זיך געמאַכט נישט באַמערקנדיק און געלאַכט אין זיך איבער זיין באַשלוס. זי האָט איבערגעגעבן די בלומען מערין און געהייסן אַריינשטעלן זיי אין איר צימער.

ער האָט געפרעגט, ווי עס גייט איר און געפונען אויך פאַר נייטיק צו פרעגן, ווי עס גייט דער מוטער. און זי האָט אים גענומען אונטערן אָרעם, צוגעדריקט זיך צו אים: דער מוטער גייט זייער נישט גוט, אָבער איר גייט עס גוט, ווי ער קאָן עס באַמערקן.

נאָר זי מוז איצטער איבערנעמען דער מוטערס פונקציעס און זיין באַלעבאָסטע אין שטוב און קאָמאַנדעווען מיט די דינסטן און אויפנעמען אַלע געסט און טרייסטער און אינטערוויוערס — און דאָס איז לאַנגווייליק און שטערט.

ער האָט געפילט די וואַרעמקייט פון איר קערפּער, געוואָלט זיך באַפרייען פון איר באַרירונג און באַשלאָסן, אַז נאָר בעסער איז, ווען ער באַמערקט זי נישט אָדער מאַכט זיך, אַז ער באַמערקט זי נישט. ער האָט אפילו אָנגענומען איר האַנט, וועלכע איז געלעגן אונטער זיין אָרעם, געלאַשטשעט זי, ווי ער וואָלט געוואָלט טרייסטן קעטרין, באַרואיקן זי, זי זאָל נישט נעמען איר לאַגע צו שווער. עס וועט אַלץ באַלד אַריבער. זי האָט אים אָוועקגעזעצט אין זאַל אויף אַ גרויסן שטול און צוגעזעצט זיך אויף דער זייט פון שטול, מיט די הענט אַרום אים, איר קאָפּ אויף זיין קאָפּ.

„דיין מוטער איז דאָך נישט ערנסטלעך קראַנק?‟ האָט ער געזאָגט.

„זייער ערנסט. זי האָט נישט צוגעלאָזן צו זיך ראַדזשערסן און ליסאון.‟

זי האָט געשמייכלט. ער האָט אויפגעהערט צו לאַשטשען איר האַנט און אָנגעקוקט זי גאַנץ פאַרחידושט.

„שאָקינג, ווי?‟ האָט זי געלאַכט און גלייך צוגעגעבן: „זאָג נאָר, ביזטו געקומען צו מיר מיט דעם באַזוך, וועלכן דו האָסט מיר פאַרשפּראָכן, אָדער ביזטו געקומען מיך מנחם־אָבל זיין?‟

„איך בין געקומען צו געזעגענען זיך מיט דיר פאַר מיין אָפּפאָר.‟

„איז דיין צייט אויסגערעכנט?‟

ער האָט זיך נישט געפונען צו זאָגן אַ ליגן.

„ווי זאָל איך זאָגן...‟ האָט ער אָנגעהויבן.

„זאָג, ווי מיר איז אָנגענעמער.‟

„און ווי איז דיר אָנגענעמער?‟

„דו זאָלסט מיר אָוועקגעבן די גאַנצע צייט, וועלכע איז דיר געבליבן ביז דיין צוג. ווען גייט אָפּ דיין צוג?‟

ער האָט זיך ווידער נישט געפונען צו זאָגן אַ ליגן.

„מיין צוג... מיין צוג...‟ האָט ער געשטאַמלט.

„זאָג נאָר, פֿאָרסטו היינט באַשטימט, אָדער אפשר...״

„געוויס פֿאָר איך.״

„איז וואָס שטאַמלסטו וועגן דיין צונג?״

„איך האָב זיך געוואָלט דערמאָנען.״

„איז ווען גייט ער אָפּ? מוזט מיר זאָגן דעם אמת...״

„איך בין געוווינט צו זאָגן דעם אמת...״

„איך קאָן עס נישט זאָגן וועגן זיך... איז ווען גייט אָפּ דיין צונג?״

„ביידערנאַכט.״

„גרויסאַרטיק! איז קום אַרויף צו מיר אין צימער.״

ער האָט זיך דערשראָקן. ער האָט דאָס געוואָלט אויסמיידן.

„דו דאַרפסט'אָך זיין דאָ, אויפנעמען געסט, אינטערוויוערס,״ האָט ער געזאָגט.

„מערי וועט עס שוין באַזאָרגן.״

זי האָט אָנגעהויבן צו שלעפּן אים פון שטול.

„קום. איך האָב צו זיצן דאָ אין גרויסן צימער.״

„אָבער, ווירקלעך, קעטרין...״ ער האָט נישט געוווּסט, וואָס צו זאָגן.

„דו ווילסט נישט? האָסט מורא?״

„מורא? פאַרוואָס מורא?״ האָט ער געשטאַמלט. „אָבער דאָס הויז שטייט אונטער דעם שאָטן פון צוויי טויטע, ערשט פאַרשטאָרבענע... קאָן איך עפּעס נישט...״

„אָ, אומזין!״ האָט זי אויסגעשריען. „אַז מיך אַרן נישט די צוויי טויטע, וואָס דאַרפן זיי דיך אַרן?״

ער האָט געמיינט, אַז ער האָט געפונען אַ טעמע זי צו פאַרהאַלטן.

„דיך אַרן ווירקלעך נישט די צוויי טויטע?״ האָט ער געפרעגט.

„אויבן וועל איך דיר ענטפערן,״ האָט זי געזאָגט און ווידער אַ שלעפּ געטאָן אים.

ער האָט געמוזט אויפשטיין און גיין נאָך איר. ער האָט זיך געשעמט און איז געגאַנגען. אָבער אַוועקגיין וואָלט געהייסן אַנטלויפן, און דאָס וואָלט נאָך העסלעכער געוועזן. האָט ער אַזוי

מורא פאַר זיך? ווייס ער געוויס, אַז ער וועט זיך נישט קאָנען קאָנטראָלירן, אַז ער האָט אויפגעהערט צו קאָנען באַהערשן זיך? און פון וואָס זאָל ער אַנטלויפן? ער וויל דאָך זיין מיט איר, לעבן איר.

זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי מר. שופּראָס שלאָפצי־מער.

„דאָס איז געווען מיין טאַטנס שלאָפצימער," האָט קעטרין געזאָגט. „ווילסט אַ קוק טאָן? אַ בילדער־גאַלעריע פון שיינע מיידלעך."

זי האָט געוואָלט אויפעפענען די טיר. ער האָט זי נישט דער־לאָזן.

„דו ביזט שרעקלעך," האָט ער געזאָגט.

„איך האָב עס באַוויזן אַ פּאָר אינטערוויוערס," האָט זי געזאָגט, גייענדיק העכער אַרויף.

„פאַרוואָס האָסטו עס געטאָן?" האָט ער כמעט אויסגע־שריען.

„יאָ, כדי די וועלט זאָל זיך נישט וווּנדערן, פאַרוואָס ער איז געשטאָרבן אַן אָרעמאַן.

„איז ער...?"

„און די גוטע צייטונגס־לייט האָבן נישט געוואָלט גלויבן, אַז אַ גוטער אַמעריקאַנער זאָל באַגיין זעלבסטמאָרד צוליב דעם העלדישן טויט פון זיין זון אויפן שלאַכט־פעלד. זיי האָבן געוואָלט אַן אַנדער אורזאַך."

זיי זיינען שוין געווען אין איר צימער. אַ גרויס צימער אי־בער דעם צימער פון איר פאָטער. העל־געלע זייד־באַצויגענע ווענט, אַ גרויסער אָראַנזש־פאַרביקער טעפּיך איבער דער גאַנצער דיל. אַנטקעגן דער טיר אַ ווייס בעט, איבערגעצויגן מיט אַן אָראַנזש־פאַרביקער שפּיצן־דעקע און איבערגעדעקט מיט אַן אָראַנזש־זיידע־נער חופּה, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן צעלטאַרטיק פון דעם באַלקן; פאַרן בעט די גרויסע פעל פון אַ ווייסן בער. ביים צוקאָפּן פון בעט אַ ווייס געשניצט טישל, צוגעדעקט מיט אַ שטיקל קירכן־אַנטיק פון פּורפּור־זייד און גאָלד דורכגעאַרבעט. אויפן טישל אַ טעצל מיט אַ געלער טערמאָס־פלאַש און עטלעכע גלעזלעך. אויך

עטלעכע ביכער. לינקס פון דער טיר — די פאָדערשטע וואַנט מיט צוויי גאַרדינען־באַפּוצטע פענסטער צו דער גאַס. פון דעם רעכטן ווינקל צום מיטן צימער איז געשטאַנען אַ ווייכע אָראַנזש־פּאַרביקע רו־באַנק, באַליגט מיט אַ סך קליינע שפּיצן־קישנס. פון בײדע זײַטן פון דער רו־באַנק זײַנען געווען אָנגעוואָרפן לאַנגע אָראַנזש־פּאַרביקע פּוס־קישעלעך, צוקאָפּן פון דער רו־באַנק אַ גרויסע העל־ראָזע שטיי־לאָמפּ, צווישן בײדע פענסטער אַ טואַלעט־טישל, באַצירט מיט זייד, צוגעדעקט מיט אַ דיקן גלאָז און אָנגעשטעלט מיט אַלערליי קאָסמעטיקן. בײַ דער הינטער־וואַנט אַ טישל, אויף וועלכן עס האָט זיך געפונען דער טעלעפאָן, איבערגעדעקט מיט אַ פראַנצויזישער קוקלע. אויף דעמדאָזיקן טישל פאַר דער קוקלע זײַנען איצטער געשטאַנען אין אַ רויטער וואַזע אַרנאָלדס בלומען. די ווענט, ווי די ווענט פון איר פאָטערס צימער, זײַנען געווען באַהאַנגען מיט בילדער פון פאַרשיידענע באַרימטהייטן פון דער קינסטלער־וועלט פון בײדע געשלעכטער, אָבער אויך מיט בילדער פון יונגע מענער פון דער געזעלשאַפט. צווישן זיי אויך דאָס בילד פון ענדריו קעלערמאַן. אויף איר טואַלעטן־טישל זײַנען געשטאַנען אַ פּאָר בילדער פון אָפיצירן — נייע פריינט און באַוווּנדערער צווישן די, וועלכע זי האָט אַדורכגעפירט אַלס שאָפּערין. דאָס צימער, אָנגעפילט מיט דעם ריח פון איר פּאַרפיום און די פרישע בלומען, איז געווען זייער ריין און ציכטיק — עטוואָס, וואָס אַרנאָלד האָט נישט דערוואַרט בײַ קעטרין, אַ טאָכטער אין דעם הויז שופרא, און איז געווען זייער אָנגענעם איבערראַשט. עס איז אים דורכגעלאָפן אויפן געדאַנק, אַז ווען אַ מיידל האַלט איר צימער זייער ריין, איז זי נישט אַזוי שלעכט, ווי מען מאַכט זי, אָדער ווי זי מאַכט זיך אַליין.

זי האָט אים איינגעלאַדן אַוועקצוזעצן זיך אויף דער רו־באַנק.

„אָדער ווילסטו אַ פריער אָנקוקן מײַנע בילדער?" האָט זי צוגעגעבן.

ער איז צוגעגאַנגען צו אַ פּאָר בילדער, אָן חשק, נישט פאַראינטערעסירט. זי איז געשטאַנען בײַ זײַן זײַט.

„ביזט דאָך נישט איפערזיכטיק?" האָט זי געזאָגט, ווען

ער איז פֿאַרבײַגעגאַנגען פֿאַרבײַ די בילדער פֿון די אַפּיצירן אויף איר טואַלעטן־טישל.

ער האָט אַ וואָרף געטאָן אויף זיי אַ פֿאַרגנבעטן קוק. אויף זיי איז ער דאָך טאַקע איפּערזיכטיק געוועזן.

„איך זע, אַז דו אינטערעסירט זיך נישט," האָט זי געזאָגט.

„קום, זעץ זיך."

זי האָט אים אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפֿע, אַליין אַראָפּגעלאָזן זיך צופֿוסן אויף אַ קישן.

„געפֿעלט דיר מײַן צימער?" — זי האָט געוווסט, אַז דאָס צימער האָט געמאַכט אויף אים אַ גוטן אײַנדרוק.

„יאָ, עס געפֿעלט מיר."

ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און דערגרייכט אַ בוך פֿון דעם בעט־טישל. עס איז געווען איינער פֿון די גוטגייענדיקע ראָמאַנען. ער האָט צוריק אַוועקגעלייגט דאָס בוך, אָפּגעשטעלט די אויגן אויף קעטרין, געקוקט אין איר שיינקייט.

„ווייסט, האָסט מיך היינט נאָך נישט געקושט?" האָט זי אַרויסגערעדט און צוגעטראָגן צו אים אירע ליפּן.

און עס איז אים געווען, ווי ער וואָלט פּלוצלונג אַרײַנגענומען אין זיך אַ שטאַרקן געטראַנק.

ער האָט זי געקושט לאַנג און ליידנשאַפֿטלעך, מיט דער האַנט אויף איר האַלז, אַרויפֿגעצויגן זי אויף דער סאָפֿע, איבערגעבויגן זי, אויסגעצויגן זי, אַרומגעבלאָנדזשעט מיט דער האַנט איבער איר קערפּער.

זי האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אויף דער אַנדער זײַט סאָפֿע, באַפֿרייט זיך פֿון אים, געברענט אים מיט אירע אויגן, געלאַכט צו אים מיט אירע ציינער.

ער האָט אויסגעצויגן צו איר די הענט, פֿאַרגעסן, פֿאַרשיכורט.

„וועסט מיר אַוועקגעבן היינט דײַן גאַנצע צײַט, יאָ?"

„מיך אינגאַנצן," האָט ער ליידנשאַפֿטלעך אַרויסגעאָטעמט.

„וועסטו מיט מיר אַראָפּפֿאָרן דאַון־טאַון אין סיטי האָל..."

ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען, נישט באַגריפֿן.

„צו וואָס?"

„אַרויסנעמען לייסנס..."

„לייסנס?"

„חתונה־לייסנס."

דאָס איז געווען אַ גאַנץ קאַלט וואַסער. ער איז געקומען צו זיך. ער האָט זי אָנגעקוקט — אַן אָפּגעקילטער, באַהאַלטן זיין געזיכט אין די הענט, זיך איבערגעלייגט. אַלס אָנשטענדיקער מענטש דאַרף ער עס טאָן. ער האָט זיך מיט איר צופיל דערלויבט. ער מוז עס גוט מאַכן מיט חתונה. אָבער מיט דער דאָ פאַר אים, מיט דער האַלב־מיידל?!... ער האָט נישט געוואָלט דערטראַכטן דעם געדאַנק ביזן סוף. ער האָט נאָר געזען פאַר זיינע צוגעמאַכטע אויגן די מענער־בילדער אויף אירע ווענט, די יונגעלייט פון דער געזעלשאַפט, די שווישפּילער, די אָפיצירן, און געפילט, אַז ער טראַכט דאָס ערגסטע פון איר, פון דער האַלב־מיידל.

וואָלט זי אים כאָטש געליבט! אָבער זי ליבט אים נישט. ער איז עס זיכער. ער וועט עס זי נישט פרעגן. זי וועט ליגן, ווען זי וועט זאָגן, אַז זי ליבט אים. זי וויל אים נאָר אַריינכאַפּן, ווייל איר פאָטער איז געשטאָרבן אַן אָרעמאַן. איז דאָס אמת? אָ, ווען ער וואָלט געוווּסט, אַז דאָס איז אמת!... און ווען?... ער ליבט זי דאָך. ליבט ער זי? ער מוז זיך שאַפן קלאָרקייט. ער מוז נאָך האָבן צייט...

און ווערליג ער איז געזעסן אַזוי און געוואָלט זיך שאַפן קלאָרקייט, איז זי געשטאַנען הינטער אים אויף די קני מיט אַ בייזן, האַרטן געזיכט. אירע אויגן האָבן אים געשמיסן מיט פייער־ריטער, איר גאַנץ וועזן האָט זיך צוזאַמענגענומען, ווי זי וואָלט אים געוואָלט היפּנאָטיזירן, צווינגען אים צו דעם שריט, צו וועלכן זי האָט אים אויפגעפאָדערט. און ווען די צייט איז איר געוואָרן צו לאַנג, האָט זי זיך צוגעדריקט צו אים פון הינטן מיט דער גאַנצער וואַרעמקייט פון איר קערפּער, נעגלעט זיינע האָר, די שטעלן אויף זיינע באַקן, וועלכע זיינען געווען פריי פון זיינע הענט. און ווען די צייט איז איר נאָך לענגער געוואָרן, איז זי אַריבערגעקראָכן אויף דער אַנדערער זייט, געשטעלט זיך פאַר אים אויף די קני, אַראָפּגענומען זיינע הענט פון זיין געזיכט און צוגעצויגן זיך צו אים מיט אירע ליפּן.

„קום, לאָמיר חתונה האָבן!"

ער האָט זי א ווײַלע אָנגעקוקט. די לעצטע מינוטן פון אַנט־שיידונג. יאָ, אָדער ניין.

„ניין," האָט ער פעסט אַרויסגערעדט.

„ניין?" האָט זי נאָכגערעדט מיט א טאָן פון איבערקלערן, ווי זי זאָל זיך באַנעמען: גוט, אָדער בייז.

„נאָך נישט."

„פאַרוואָס נאָך נישט?" האָט זי געפרעגט מיט דעמזעלביקן טאָן.

„איך קאָן נאָך נישט, קעטרין."

זײַן שטימע איז געווען פול מיט לײַדן. זי האָט גוט פאַר־שטאַנען זײַן נישט־קאָנען. אָבער זי האָט זיך געמאַכט, ווי זי פאַר־שטייט נישט, און גערודונגען אין אים:

„פאַרוואָס קאָנסטו נאָך נישט?"

„איך וויל אין עפּעס קלאָר ווערן... אין מיר אַליין קלאָר ווערן..."

„ליבסט מיך?"

„איך ווייס נישט... איך ווייס נאָר, אַז איך פאַרלאַנג דיך משוגעדיק."

„ווייסטו, ווי ווײַט דו האָסט זיך דערלויבט מיט מיר? ווייסטו, ווען איך וואָלט זיך נישט אַראָפּגערוקט?..."

ער האָט ווידער צוגעדעקט זיך דאָס געזיכט.

„איך ווייס..."

„וואָלסטו דעמאָלט אויך זיך נאָך איבערגעלייגט?"

ער האָט אַראָפּגענומען די הענט פון געזיכט.

„א דאַנק דיר, קעטרין."

ער האָט געמאַכט א פאַרזוך אויפצושטיין. זי האָט אים נישט געלאָזן. איר געזיכט איז געוואָרן האַרט. זי האָט געטראַכט וואָס צו טאָן.

ער האָט אַרײַנגענומען איר געזיכט אין זײַנע הענט.

„קוק נישט אַזוי אויף מיר, קעטרין."

„פאַרוואָס זאָל איך נישט קוקן אַזוי?" האָט זי שאַרף אַרויסגערעדט. זי האָט אָנגעהויבן אין כעס צו ווערן. אַראָפּגע־

וואָרפֿן זיינע הענט פֿון איר געזיכט. „פֿאַרוואָס ביזטו געקומען צו מיר? וואָס האָסטו געוואָלט פֿון מיר? ווער בין איך עפּעס?"

„איך בין געקומען צו דיר געזעגענען זיך. געקומען צו דיר מיט די ערלעכסטע אַבזיכטן. געקומען, צו זיין ווייט פֿון דיר ווי מעגלעך. מיטן פֿעסטן באַשלוס נישט צו לאָזן זיך פֿאַר־שיכורן."

„קום און לאָמיר חתונה האָבן," האָט זי זיך ווידער גע־לאַטשטשעט צו אים. „און איך וועל דיך האַלטן פֿאַרשיכורט, וועסט אויסלעבן דיין משוגעת. וועסט ברענען און נישט פֿאַרבאַרענט ווערן."

„איך ווייס, עס וועט זיין נישט גוט," האָט ער טרויעריק געזאָגט. „עס וועט קיין גליק נישט זיין אין אַזאַ חתונה האָבן."

„האָסטו ווען געקושט אַ מיידל, אַזוי ווי מיך?"

„קיינמאָל נישט."

„זעסטו, דורך מיר ביזטו מאַן געוואָרן. איך בין דיין זיווג."

„איך האָב עס מיר אויך אומצייליקע מאָל געזאָגט."

„טאָ קום דאָך, וועלן מיר חתונה האָבן."

„איך קאָן נישט, קעטרין."

בייזקייט האָט אויפגעכוואַליעט אין איר.

„ביזט אַ נאַר!" האָט זי אויפגעשריגן.

„עס קאָן זיין," האָט ער געענטפערט, אויפגעהויבן זיך פֿון אָרט.

„אַז איך וויל, קאָן איך דיך צווינגען," האָט זי געזאָגט אין איר כעס, נישט הערנדיק, וואָס זי זאָגט.

„האָסטו אויך די אַנדערע דאָ" — ער האָט אָנגעוויזן אויף די בילדער — „אויפגעפּאָדערט און געוואָלט צווינגען, זיי זאָלן פֿאָרן מיט דיר אַרויסנעמען לייסנס?"

איר בייזקייט איז געוואָרן פֿלאַם־פֿייער. זי האָט אויפגעהויבן די האַנט און אַראָפּגעלאָזן אים אַ פּאַטש. אַליין זיך אָבער דער־שראָקן פֿאַר דעם קלונג, מיט וועלכן דער פּאַטש האָט אָפּגעהילכט, האָט אויפגעשריען, געכאַפּט זיך פֿאַר איר געזיכט, אָנגעקוקט אים מיט גרויסן שרעק.

ער האָט איר צוגעוואָרפן אַ קורצן קוק. ער האָט דערזען איר דערשראָקנקייט, און אין איר איז געווען נישט בייזקייט, נישט כעס, נאָר איבערראַשונג און באַדויערונג, אפילו רחמנות — און ער האָט זיך געווענדט צו דער טיר און איז אוועק.

זי האָט אויפגעשריען הינטער אים: „ארנאָלד!" אַ וואָרף געטאָן זיך אויף דער ערד, געצויגן זיך צו אים: „גיי נישט אוועק!" און זיך צעוויינט. איז עס געווען עכט? איז עס געווען געמאַכט? זי האָט אַליין נישט געוווּסט. עס איז געווען מורא אין איר הארצן, און די טרערן זיינען געווען צאַלרייך.

און ער איז אַראָפּגעגאַנגען אַראָפּ ווי מבולבל, ווי מטושטש. זיין באַק האָט אים געברענט. ער איז געווען זיכער, אַז מען קאָן זען אירע פינף פינגער. ער האָט זיך ווי אַרויסגעגנבעט פון הויז. און אין גאַס איז ער געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן. די באַק צוגעהאַלטן, געגלעט: ציינער־ווייטאָג. ער האָט נישט געקאָנט טראַכטן, צונויפנעמען זיך מיט געדאַנקען. ער האָט נאָר געחזרט אין זיך: „איך האָב עס פאַרדינט... איך האָב עס פאַרדינט..." און די באַק האָט אים געברענט, געברענט... וווהין זאָל ער גיין מיט דער ברענענדיקער באַק? ער קאָן מיט איר נישט קומען צו זיין מוטער. ער קאָן זיך מיט איר נישט באַווייזן צווישן לייטן. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ער דאַרף זיך אונטערוואַרפן אונטער אַ פאַרביילויפנדיקן אויטאָמאָביל אָדער טראַמוויי.

ער איז אַריין אין צענטראַל־פּאַרק און געלאָזן זיך שפּאַנען וועג־איין וועג־אויס, אין דער גאַנצער לענג און אין דער גאַנצער ברייט, אַרויף־שטאָט און אַראָפּ־שטאָט. ער האָט געפילט דאָס ברענען אין זיין באַק, און עס איז אים געווען, ווי ווען דאָס ברענען וואָלט געלאָפן פאָראויס, און ער לויפט נאָך, וויל עס אָניאָגן, אַריבעריאָגן, אוועקלויפן פון אים. ער האָט זיך צוגעהערט צו זיין באַק, און ווען ער האָט זיך געוואָלט צוהערן צו די געדאַנקען אין זיך, האָט ער נאָר געהערט, ווי ער זאָגט זיך: „איך האָב עס פאַרדינט!" ערגעץ־ווו אין זיך האָט ער געזען קעטרין פון דעם לעצטן מאָמענט: די אין־כעסדיקע, די דערשראָקענע, די אויפשרייענדיקע, די וויינענדיקע. ער האָט זי אַרומגעטראָגן מיט זיך, נישט געוווּסט,

וואָס צו טאָן מיט איר. זאָל ער אין כעס זיין? זאָל ער בענקען? זאָל ער מיטווייינען מיט איר? זאָל ער ליבן? זאָל ער האַסן?

איז אים אויפגעקומען דער געדאַנק: אויב ער האָט פאַרדינט דעם פּאַטש, דאַרף ער אומקערן זיך צו קעטרין און בעטן מחילה פון איר און לאָזן טאָן מיט זיך, וואָס זי וויל. דאָס וועט זיין ערלעך. דאָס וועט זיין דאָס איינציק ריכטיקע. דאָס וועט אים באַפרייען פון ווייטערדיקע יסורים, וועט אים באַרואיקן. קעטרין איז אים ווידער אַזוי נאָנט געוואָרן. ער האָט זי דערפילט אין איר גאַנצער פאַרפירערישקייט. אָבער ער האָט זיך געריבן דעם שטערן, געטריבן פון זיך דעם געדאַנק, געזוכט אַנדערע געדאַנקען אין קאָפּ, און איז געגאַנגען, געגאַנגען. אין דער לענג פון דעם פּאַרק און אין דער ברייט, אַראָפּ־שטאָט און אַרויף־שטאָט, וועג־איין, וועג־אויס, ביז עס האָט אָנגעהויבן טונקל צו ווערן, און ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער איז זייער מיד, אַז ער האָט מיטאָג נישט געגעסן, אַז ער מוז שוין אַהיים, ווייל זיין מוטער וועט אויף אים וואַרטן צו אָוונטברויט. אָבער ווי וועט ער זיצן מיט זיין מוטער ביי איין טיש — מיט דער געפּאַטשטער באַק? ער האָט זי אָפּגערופן, זי זאָל אים נישט דערוואַרטן צו אָוונטברויט: עפּעס אומפאַרגעזעענס איז געשען. ער האָט דאָס איבערגעגעבן דער דינסט. אָבער די מוטער האָט אויך געוואָלט מיט אים רעדן. זי האָט געוואָלט וויסן, וואָס איז דאָס אומפאַרגעזעענע. ער האָט עס איר נישט געקאָנט זאָגן. ער האָט איר נאָר פאַרזיכערט, אַז ער וועט קומען צייטיק גענוג צו געזעגענען זיך, און געהערט, ווי די אַלטע האָט שווער אויפגעזיפצט ביים טעלעפאָן.

איצטער איז ער אַריין אין אַן איטאַליענישן רעסטאָראַן און געהייסן זיך געבן אָוונטברויט. ער האָט פיל געגעסן און פיל געטרונקען — שנאַפּס און וויין — אָבער זיין קאָפּ איז נישט געווען ביים עסן און טרינקען. ער האָט אַלץ אַרומגעבלאָנדזשעט מיט קעטרין, אַלץ נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט איר, דערנענטערט זי און אָפּגעשטופּט זי, געשריען נאָך איר און געווידערט זיך פון איר.

ערשט ווען ער איז געקומען אַהיים און געדאַרפט אַריין צו זיין מוטער, קורץ פאַר זיין אָפּפאָר, האָט ער זיך אויפגעטרייסלט,

אַנטדעקט אין זיך פרייל עכקייט און אַ שמייכל, אַרויפגעזעצט זיי אויף זיין געזיכט, ווי אַ מאַסקע, און איז אַריין צו דער אַלטער מיט אַ לעבעדיקייט, וועלכע האָט געדאַרפט פאַרבאָרגן פון איר די גאַנצע אומרואיקייט פון זיין נשמה. ער האָט נאָך פריער אַ קוק געטאָן אין שפיגל אויף זיין באַק און אָפּגעוואַשן זי, געבאָדן זיין געזיכט אין קאַלטן וואַסער, נישט געוואָלט אַוועקנעמען עס פון דעם קאַלטן וואַסער. און דאָך האָט ער געפילט די באַק. און עס האָט זיך אים געדוכט, אַז די מוטער וועט וואָס דערקענען אויף דער באַק.

אָבער די מוטער האָט אויף דער באַק גאָרנישט דערקענט. זי האָט נאָר דערפילט, אַז זיין פריילעכקייט איז אַ געמאַכטע, אַז ער איז צושטרייט, אַז דער שמייכל אויף זיינע ליפּן איז נישט זיין שטענדיקער שמייכל. עפּעס איז מיט אים געשען. גאָט! מען שיקט אים דאָך נישט אַוועק אין דער מלחמה?!

ער האָט זי באַרואיקט, געלאַכט, געריסן זיך מיט געוואַלט פון זיין אומרואיקייט און באַשלאָסן, אַז עס איז גלייכער, ער זאָל וואָס שנעלער צוזעגענען זיך מיט איר, כאָטש ער וועט נאָך דאַרפן וואַרטן אויפן וואָקזאַל. ביים אָפּשייד־קוש האָט ער אונטערגעשטעלט די נישט־געפּאַטשטע באַק. אָבער מיט דער געפּאַטשטער האָט ער זיך צוגעדריקט צו דער מוטערס באַק און געהאַלטן זי אַזוי אַ לאַנגע ווײַלע. מוטער־וואָרעמקייט וועט זי אויסהיילן, באַפרייען פון דעם בזיון.

אויף זיין בעט, אין דעם שלאָף־וואַגאָן, איז ער געלעגן און געטראַכט: אָט פאָרט ער צוריק אין וואַשינגטאָן. צוליב וואָס האָט ער פאַרלאָזן וואַשינגטאָן? וואָס איז ער געפאָרן קיין ניו־יאָרק? ער איז געפאָרן צו קעטרין, צוליב קעטרין. געוואָלט וואָס פון איר: איר נאָנטקייט, איר ליידנשאַפט, זי אינגאַנצן. און אַז ער איז געקומען צו איר, געהאַט זי אַזוי נאָנט, געקאָנט האָבן זי אינגאַנצן, האָט ער זיך דערשראָקן, און פאָרט איצטער צוריק, מיט וואָס ער איז געקומען! ער האָט זיך צולאַכט. געלאַכט פון זיך אַליין.

---

קעטרין איז לאַנג געלעגן אין דער ווייכקייט פון דער פעל, אין וועלכער זי איז אַריינגעפאַלן, און איז אויפגעשטאַנען אַ ביי־

זע, אַן אײן־כעסדיקע. זי איז געװעזן אין כעס אויף אַרנאָלדן. אָבער אויך אויף זיך אַליין. נישט פאַר דעם פּאַטש, װאָס זי האָט אים גע־געבן. ד ע ם איז ער װערט געװעזן. און װאָס איז בכלל אַ פּאַטש? װאָס איז, אַז מען צושלאָגט זיך אַמאָל? דערויף האָט מען דאָך הענט. װערן דען נישט געטראָגן לאַנגע נעגל, מען זאָל קאָנען עמעצן אויסקראַצן די אויגן? דער נאַר האָט איר געדאַרפט געבן צוריק אַ פּאַטש, אַפילו גוט זי אָנשלאָגן און פאָרן מיט איר דאָון־טאָון אַרויסצונעמען „לייסנס”. איר טאַטע־מאַמע האָבן אָפט גע־שלאָגן זיך... עס איז געװעזן אויך נאַריש פון איר, װאָס זי האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם פּאַטש, װאָס זי האָט זיך צעװיינט...

אָבער זי איז געװעזן אויף זיך אין כעס, װאָס זי האָט גע־מאַכט אַ טעות. אין עפּעס זיך פאַררעכנט. זי איז געװעזן צו שנעל, האָט זיך צוגעאײלט, צו פרי אַרויסגעגליטשט זיך פון זיין אומ־אַרמונג. געקאָנט אים אַזוי גוט אַריינגענעמען אין די הענט. ער װאָלט שוין נישט געקאָנט אַנטלויפן. זי האָט זיך אַליין געמאַכט פּויסטן פאַר איר טעות. דאָס מיטאָג־עסן איז איר נישט איינגעגאַנגען. דער עיקר: זי האָט זיך געדאַרפט דערטראַכטן, צי איז שוין אַלץ פאַר־לאָרן. פאַרשײדענער באַזוך האָט געשטערט צו דערטראַכטן זיך. עס איז אויך געקומען צו פאָרן אַ באַקאַנטער אָפיציר, איינער פון די, װעמעס בילדער זיינען געשטאַנען ביי איר אויפן טיש. אַ יונ־גער, אַ שיינער. ער איז געקומען מנחם־אבל זיין און געװעזן זייער גוט צו איר. ער האָט געמאַכט זי כמעט צו פאַרגעסן איר פאַרדראָס. ער האָט זי אַרויסגענומען פון הויז, געבראַכט אין אַ רעסטאָראַן צו אָװנטברויט, פאַרפירט זי ענדלעך צו זיך אַהיים, אום צו דער־טרינקען, װאָס זיי האָבן נישט דערטרונקען ביים עסן. װען ער האָט זי געבראַכט צוריק צו איר אַהיים, נאָך צװעלף אַזייגער ביי־נאַכט, האָט זי זיך געהאַט דערטראַכט, װאָס זי האָט צו טאָן מיט אַרנאָלדן: זי האָט זיך אָװעקגעזעצט און מיט פון אַ שנאַפּס נישט זיכערער האַנט, אָבער מיט אַ קלאָרן קאָפּ אָנגעשריבן אים אַ בריװ.

---

אין דעמזעלביקן אָװנט איז מאַרדין געקומען מיט אַ באַזוך

צו אָלגאַ מאַנקאָף. ביי אַ גלעזל טיי, וואָס זי האָט געמאַכט, האָט זי אים דערציילט פון אַרנאָלדס באַזוך.

„דער מענטש מוז אין אייך פאַרליבט זיין,“ האָט מאַרדין באַמערקט.

„גאַנץ מעגלעך,“ האָט זי ערנסט אַרויסגערעדט. „כאָטש... האָט ער דען אין זיין קרייז אַזאַ שיינהייט נישט געפונען?“

„ער האָט געוויס דאָרטן אַזעלכע שיינע געפונען און אפשר נאָך שענערע,“ האָט מאַרדין געזאָגט. „אָבער וואָס ער האָט אין קיין איינער פון די מיידלעך פון זיין קרייז נישט געפונען און נישט געקאָנט געפינען, איז אַ מאָראַלישן אָנהאַלט. דאָס האָט ער גע־קאָנט געפינען און געפונען נאָר אין אייך.“

„יאָ, ער נויטיקט זיך אין אים זייער שטאַרק,“ האָט אָלגאַ פאַרטראַכט אַרויסגערעדט, די בלויע אויגן אָנגעשטעלט אין דער ווייט.

זיי האָבן געשוויגן. מאַרדין האָט געמישט דעם צוקער אין זיין טיי, און זיין האַרץ האָט אים מאָדנע אַזוי געקלאַפּט, און אין פּנים איז אים געוועזן היים. ער האָט אויפגעהערט צו מישן און שטיל אַרויסגערעדט:

„אָבער ער וועט דיך ביי מיר נישט אַוועקנעמען.“

ער האָט אויסגעשטרעקט צו איר די האַנט איבערן טיש. זי האָט אָנגעקוקט די אויסגעשטרעקטע האַנט, איז רויט און בלייך געוואָרן, האָט אָנגענומען די וואַרטנדיקע האַנט און אַוועקגעלייגט אויף איר קאָפּ, פאַרבאָרגן איר געזיכט.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, געגלעט איר אירע געקרייזלטע האָר. צולעצט איינגעבויגן זיך און אַ קוש געטאָן זי אויפן קאָפּ.

אַ ציטער איז דורך איבער איר קערפּער — זי האָט לייכט באַרירט מיט אירע ליפּן זיין האַנט, אין וועלכער זי האָט געהאַלטן פאַרגראָבן איר געזיכט.

דאָס איז געוועזן זייער ערשטע ליבעס־דערקלערונג.

## XVII

אין וואַשינגטאָן האָט אַרנאָלד אויסגעפונען, אַז ליליען בּרענד און אירע עלטערן זיינען אין דעם פרימאָרגן, ווען ער איז אָנגעקומען, אַוועקגעפאָרן צוריק קיין ניו־יאָרק: מר. בּרענד איז אַרויסגערופן געוואָרן אַהין טעלעגראַפיש.

אַרנאָלדן איז אַראָפּ אַ יאָך פון קאָפּ. ער האָט געפילט, אַז ער וועט מער נישט קאָנען זיצן פאַר ליליען און לאָזן זיך מאָלן. דאָס, וואָס ער האָט איבּערגעלעבּט מיט קעטרין, האָט אים געמאַכט פאַר אַן אַנדערן. זי, די מאָלערין, וועט, דאַכט זיך, קאָנען דערקענען, אַז עפּעס איז געשען מיט איינער פון זיינע בּאַקן. ער האָט שוין געטראַכט פון פאַרשיידענע אַנטשולדיקונגען און אויסריידן פאַר נישט קאָנען זיצן פאַר איר. און זי איז גאָר אַוועקגעפאָרן! ער איז געווען צופרידן. הלוואי וואָלט קעטרין אויך געווען אַוועקגעפאָרן! ער האָט דאָס געזאָגט אין זיך און דערבּיי געפילט, אַז עס פאַר־דריסט אים נישט שטאַרק, וואָס קעטרין איז יאָ געווען אינדערהיים, און ער האָט זי געזען, געהאַט זי אַזוי נאָנט, איבּערגעלעבּט עפּעס שטאַרקס. ער האָט געפילט, אַז ער איז מיט עפּעס רייכער געוואָרן.

אויף מאָרגן נאָך זיין אָנקום אין וואַשינגטאָן האָט ער געקריגן צוויי בּריוו. בּיידע פון פרויען־הענט געשריבּן. בּיידע פון ניו־יאָרק. ער האָט דערקענט, אַז איין בּריוו איז פון קעטרין. פון וועמען איז דער צווייטער? ער האָט אים אויפגעעפנט. ער איז געווען פון לי־

ליען ברענד. ער האָט אים אָפּגעלייגט אַן אַ זייט און גענומען זיך צו קעטרינס בריוו. מיט האַרץ־קלאַפּן.

„טייערער אַרנאָלד,

„דו האָסט געזען מיין שרעק איבער דעם, וואָס איז געשען. אַז דו ביזט אַוועק, בין איך נאָך לאַנג געלעגן אויף דער ערד, געוויינט, געריסן זיך די האָר, געביסן זיך די האַנט — די מיאוסע, בייזע, פאַררעטערישע האַנט, האָב געפילט, אַז איך דאַרף נאָכטאָן מיין פאָטער.

נאָכדעם איז מיר איינגעפאַלן, אַז איך מוז דיך זען, אָבער האָב נישט געוווּסט, וווּהין צו לויפן צו דיר. איך האָב מורא געהאַט אָנצורופן דיין הויז, טאָמער וואָלט דיין מוטער צוגעקומען צום טעלעפאָן, און דער אויפגערעגטער טאָן פון אַ מיידלשער שטימע וואָלט זיכער אַריינגעוואָרפן די טייערע אַלטע דאַמע אין אַ גרויסער אויפרעגונג..."

עס איז אים אומאָנגענעם געווען צו לייענען אין איר בריוו וועגן זיין מוטער. ער האָט זיך פאַרקרימט. אָנגערוקט דעם שטערן און ווייטער געלייענט:

„שפּעטער אין אָוונט בין איך אַוועקגעפאָרן אויפן פּענסיל־ווייניאַ־וואָקזאַל, האָפנדיק צו טרעפן זיך מיט דיר דאָרטן. איך האָב זיך לאַנג אַרומגעדרייט, ביז איך בין מיד געוואָרן אַריבערצוטראָגן די בליקן פון אַלעמען, וואָס האָבן זיך געוווּנדערט, וואָס די איינזאַמע מיידל דרייט זיך דאָ אַרום אַזוי לאַנג. איך בין זיכער, אַז מען האָט דערפון געדרונגען פאַרשיידענע זאַכן. אָבער מיר איז עס נישט געווען אינטערעסאַנט. איך בין מיד געוואָרן און אַוועקגעפאָרן צוריק אַהיים. מיט וועלכן צוג ביזטו דען אָפּגעפאָרן?

„בין זייער אַנטוישט, וואָס איך האָב דיך נישט געזען און מיט דיר נישט גערעדט, ביי דיר נישט אויסגעבעטן קיין פאַרצייאונג פאַר דאָס געשעענע. טו איך עס איצטער, אַ מידע, שפּעט נאָך האַלבער נאַכט — עס איז שוין נאָך צוועלף.

„פאַרוואָס ביזטו אַנטלאָפן? פאַרוואָס האָסטו מיט מיר נישט געטאָן, וואָס איך האָב מיט דיר געטאָן? (איך וויל עס נישט אָנרופן). פאַרוואָס האָסטו מיך נישט גוט אָנגעשלאָגן? איך וואָלט זיך איצטער נישט געפילט אַזוי אומגליקלעך און אַזוי דערשלאָגן.

„איך בעט דיך טויזנטער מאָל אום דיין פארגעבונג. דו וועסט דאָך מוחל זיין דיין משוגענער, דיין צולאָזענער קעטרין? יאָ? ענטפער מיר, אַז דו האָסט מיר מוחל געווען, און שרייב מיר, ווען וועסטו ווידער זיין אין ניו־יאָרק. קאָן עס זיין באַלד? קאָנסטו ווי־דער אָפּבעטן זיך אויף אַ פּאָר טעג? וועסט קיין חרטה נישט האָבן. איך וועל גוט מאַכן, וואָס איך האָב שלעכט געמאַכט, און איך קאָן דיר פאַרזיכערן, אַז איך וועל שוין מער אַזוי זיך נישט באַ־נעמען.

„פאַרגיב מיר די קורצקייט. איך בין מיד פון היינטיקן טאָג און עס איז שוין שפּעט.

„מיט חרטה און תשובה,

דיין קעטרין.״

אַרנאָלד האָט געלייענט דעם בריוו זייער לאַנגזאַם, קוים פאַנאַנדערקלייבנדיק זיך אין דער צודרייטער האַנטשריפט און אין די פאַרגרייזטע ווערטער. און אפשר אויך דערפאַר, וואָס עס האָט אים געשווינדלט פאַר די אויגן פון קלאַפּנדיקן האַרץ און פאַר־כאַפּטן אָטעם. ווען ער איז אים דורכגעקראָכן, האָט ער אים דורכ־געלייענט נאָכאַמאָל, פּליסיקער, אומגעשטערט. דערנאָך האָט ער געלייענט פאַרשיידענע שטעלן — ער האָט אים נישט געקאָנט אַרויסלאָזן פון האַנט. עס איז געווען קערפּערלעכע באַרירונג, ער האָט געפילט קעטרין. ער האָט געגלויבט, וואָס זי האָט געשריבן. עס האָט אים געקיצלט, וואָס זי איז אַרויסגעגאַנגען אויפן וואָקזאַל און אויסגעקוקט נאָך אים די אויגן. ווען עס איז אויפגעשטיגן אין אים אַ צווייפל, האָט ער אַ קוק געטאָן אויף דעם פּאָטשט־שטעמפּל אויף דעם קאָנווערט. דער בריוו איז אַרויסגענומען געוואָרן פאַרטאָג. זי האָט אים אַריינגעוואָרפן אין בריוו־קאַסטן נאָך צוועלף אַזייגער. זי האָט אים געשריבן שפּעט, ווען זי איז געקומען צוריק פון וואָק־זאַל. עס איז אמת, וואָס זי שרייבט. ער האָט דאָך געזען איר שרעק, געזען, ווי זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דר׳ערד... ער האָט זיך פּלוצלונג דערפילט האַר און הערשער. איצטער איז זי אין זיינע הענט. איצטער דאַרף ער נאָר אויסמאַכן אַ פּלאַן, ווי איינ־צוצוימען אָט דידאָזיקע צולאָזענע הייליקע קאַטערינע. איצטער

האָט ער געלאַכט איבער איר וווּנדערן זיך, פאַרוואָס ער האָט זי נישט אָנגעשלאָגן, געלאַכט איבער דעם, וואָס זי, די העזהדיקע, חוצפּהדיקע, האָט נישט געקאָנט מער אריבערטראָגן אויפן וואָקזאַל די בליקן פון די נייגיריקע. אָבער עס האָט אים פאַרדראָסן, פאַר־וואָס ער האָט זי אויסגעפעלט, נישט אָנגעטראָפן זיך מיט איר. וואָס וואָלט ער געטאָן, ווען ער וואָלט זי אָנגעטראָפן אויפן וואָק־זאַל? יאָ, וואָס וואָלט ער געטאָן? עס איז דאָך בעסער, אַז ער האָט זי נישט אָנגעטראָפן. ער וואָלט מסתמא פאַר איבערראַשונג אָדער בייזקייט באַגאַנגען עפּעס אַ פעלער. איצטער, נאָך דעם בריוו, האָט ער צייט... ווען וועט ער טאַקע זיין נאָכאַמאָל אין ניו־יאָרק? זאָל ער זיך באַלד ווידער אָפּבעטן?

אַז ער האָט צום וויפלטן מאָל איבערגעלייענט איר אונטער־שריפט, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז זי האָט זיך נישט אונטערגע־שריבן „דיינע מיט ליבע"... אָ, יאָ, ער דאַרף זיך נישט נאַרן. זי ליבט אים נישט. זי ליבט אים נישט... איז געוועזן אָנשטענדיק און ערלעך געווען נישט צו געברויכן דאָס וואָרט, ווען זי האָט נישט דאָס געפיל. ניין, זי ליבט אים נישט. ער איז פאַר איר אַ גוטער שידוך. איצטער נאָכמער, ווי פריער. איצטער, ווען איר פאָטער איז געשטאָרבן אָן אָרעמאָן. אָבער זי האַנדלט אָפן. זי מאַכט נישט קיין אָנשטעל. זי ליגנערט נישט. דאָס איז דאָך שיין פון איר. דאָס איז דאָך ערלעך פון איר.

און איצטער האָט ער עס קלאָר און דייטלעך דערזען: קעט־רין איז גערעכט אין יעדער באַציאונג. דאָס האָט ער זיך זייער מיאוס באַנומען, נישט זי. טאַקע, וואָס איז ער געקומען צו איר? וואָס האָט ער געוואָלט פון איר? ער ווייס, ווער און וואָס זי איז. זי איז פאַר אים קיין סוד נישט. זי האָט לכתחילה ארויפגעבראַכט אים צו זיך אין צימער מיט דער אויסשטעלונג פון אַזויפיל מע־נער־בילדער: אָט דאָס זיינען דיינע קאָנקורענטן. זיי זיינען דאָ און וועלן זיין. אויב דו ווייסט עס און ביזט אין מיר אַזוי שטאַרק פאַר־ליבט, טאָ קום און נעם ארוים „לייסנס"... יאָ, דאָס דאַרף ער גוט מאַכן, וואָס ער האָט שלעכט געמאַכט. ער דאַרף נאָר שרייבן אַ בריוו און בעטן אום פאַרצייאונג. אָדער טאַקע גלייך פאָרן צוריק קיין ניו־יאָרק.

ער האָט זיך אוועקגעשטעלט ביים פענסטער פון זיין צימער, צוגעדריקט דעם הייסן שטערן צום קאַלטן גלאָז, געזוכט אָפּקילונג, קלאָרקייט, אַן עצה, אַנאַליזירט, צוגעפירט צו קורצע פאָרמולעס.

ער ווייס, ווער קעטרין איז? ער ווייס. — איז עס נישט אַ פּאַקט, אַז נאָכדעם, ווי ער האָט זי אין זיין גייסט דערזען אויפן שענדלעכסטן אופן מיט די פאַרשיידנסטע אָפּיצירן, וועלכע זי פירט אַרום אַלס שאָפערין, איז ער אַוועקגעפאָרן צו איר? דאָס איז אַ פּאַקט. — ער איז משוגע נאָך איר? משוגע. פאַרוואָס האָט ער זיך דערשראָקן און איז אַנטלאָפן, ווען זי האָט אים אָנגעבאָטן חתונה צו האָבן? פאַרוואָס? פאַרוואָס? פאַרוואָס?

דער ענטפער אויף דער לעצטער פראַגע איז אים אָנגעקומען שווער. ער האָט די פאָרמולע נישט געפונען.

ענדלעך האָט ער זי דאָך אַרויסגעקריגן: ער האָט אינסטינקטיוו געפילט, אַז ער טאָר נישט נאָכגעבן זיין לײדנשאַפט און פאַרמיאוסן זיך דאָס גאַנצע לעבן. דאָס איז עס. חתונה האָבן מיט קעטרין הייסט: נאָכגעבן דער לײדנשאַפט און פאַרמיאוסן זיך דאָס גאַנצע לעבן. דאָס איז גאַנץ באַשטימט. ווײַל ער דערויף איינגיין?

און ווערליק ער האָט אַזוי געטראַכט, פאַנאַנדערגעקליבן זיך, גענומען זיך אַליין אויפן פאַרהער, איז ליליענס בריוו געלעגן אויפן שרייב־טיש פאַרגעסן, פאַרשעמט. ערשט, ווען אַרנאָלד איז צוגעגאַנגען צום שרייב־טיש, נאָכאַמאָל אויפצונעמען קעטרינס בריוו און איבערלייענען געוויסע שטעלן, איז זיין בליק געפאַלן אויף ליליענס בריוו. ער האָט אים אויפגענומען אָן אינטערעס. אַ בריוו, געשריבן מיט אַ רואיקער האַנט, מיט שיינע, קיילעכדיקע אותיות. ער איז געוועזן זיכער, אַז זי שרייבט אים וועגן זיין בילד. גאַנץ נישט וויכטיק אין זיין איצטיקער שטימונג. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין שטול, ביים שרייב־טיש, איין פוס פאַרוואָרפן אויפן הענטל פון שטול, און געלייענט:

„טייערער מר. לעווענבערג, —

„עס טוט מיר זייער לייד, וואָס פּאַפּאַ געשעפטן האָבן אים אומדערוואַרט אַוועקגערופן פון וואַשינגטאָן, און מיין אַרבעט אויף אייער בילד, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן דורך אייערע פליכטן

(ארנאָלד האָט אויפגעלאַכט), וועט איצטער אָפּגעלייגט ווערן אויף אַ זייער אומבאַשטימטער צייט. עס טוט מיר נאָך דערפאַר זייער לייד, וואָס איך פיל, אַז דער פאָרטרעט איז איינע פון מיינע גע־לונגענסטע ארבעטן, און איך האָב נאָך דעם פאַרדראָס פון דעם קינסטלער, וואָס איז געשטערט צו דערפירן ביז צו אַ סוף זיין גע־לונגענסטע ארבעט, זיין מייסטערווערק. אָבער איך דאַרף אויך נישט לאָזן אומדערמאָנט דעם פאַקט, אַז אייערע זיץ־שטונדן זיינען געווען די אָנגענעמסטע, וועלכע איך האָב געהאַט אין וואַשינג־טאָן. און דער פאַרדראָס איז אַ טאָפּלטער, וואָס איך וועל די־דאָזיקע זיץ־שטונדן נישט האָבן פאַר אַ לאַנגער צייט. איך ווייס נישט, צי זיי וועלן אייך פעלן, אָבער איך קאָן נישט באַהאַלטן דעם פאַקט, אַז זיי האָבן מיר געפעלט און וועלן מיר פעלן. אפשר האָב איך אייך דאָס נישט געדאַרפט שרייבן. אָבער עס וואָלט געווען נישט ריכ־טיק פון מיר נישט צו שרייבן, וואָס איך פיל אין דעם מאָמענט און וואָס עס בעט זיך אונטער דער פען.

„זאָגט מיר צו, אַז ווען עס וועט זיך אייך מאַכן צו זיין אין ניו־יאָרק אין דער נעכסטער צוקונפט, וועט איר זיך דערמאָנען, אַז אויף אייך וואַרט אַן אָרעמע פענזל־האַלטערין, וועלכע מיינט, אַז זי געפינט איר שטיקל נשמה אין אירע פאַרבן. דערווייל אַרבעט איך טעגלעך אויף אייער בילד, און דאָס איז מיר נישט שווער, ווייל אַלע אייערע זיצונגען זיינען מיר זייער פריש אין זכרון.

„איך וויל אייך נאָך בעטן, אַז איידער איר וועט פאָרן אין ניו־יאָרק, זאָלט איר מיר לאָזן וויסן, ווען איר וועט מיך באַזוכן, אויב איר וועט מיך וועלן באַזוכן, ווייל איך וועל זיין זייער טרויעריק, אויב אייער אומדערוואַרטעטער באַזוך וועט מיך געפי־נען נישט צוגעגרייט אָדער גאָרנישט געפינען אינדערהיים.

„האָפנטלעך וועט איר געפינען די געלעגנהייט צו קומען אין ניו־יאָרק נאָך איידער מיר וועלן אַוועקפאָרן אויף אונזער זומער־פּלאַץ אין די אַדיראַנדייקס. אייער בילד וועל איך נעמען מיט זיך אין די בערג.

אייער מיט אַן אמת

ליליען בערענד.״

דער בריוו האָט נישט געמאַכט אויף אים קיין שום איינ־דרוק. ער האָט פון אים גאָרנישט אַרויסגעלייענט. ער האָט אים אַ וואָרף געטאָן צום שרייב־טיש, אומגעקערט זיך צו קעטרינס בריוו. וואָס זאָל ער איר ענטפערן? ניין, זאָל ער איר איבערהויפּט ענטפערן? נישט ענטפערן הייסט ברעכן מיט איר — איז אים גע־וואָרן טרויעריק ביי דעם געדאַנק. ניין, נאָך נישט ברעכן. וואָס שטערט עס, ווען ער וועט נאָך אויפהאַלטן מיט איר די פאַרבינ־דונג? ער דאַרף איר ענטפערן. אָבער אַזוי... אָבער אַזוי... אַז עס זאָל נישט זיין קיין בראָך און נישט קיין צוזאָג.

ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט, צוזאַמענגעשטעלט זיך דעם בריוו אין קאָפּ, גענומען זיך פאַר דער פען. איידער ער האָט נאָך אויפגעשריבן דאָס ערשטע וואָרט, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז ער דאַרף פאָרזיכטיק זיין מיט אַ בריוו צו קעטרין. דאָס וועט שטענדיק זיין אַ דאָקומענט אין אירע הענט. און שטענדיק אַ קאָמ־פּראָמיטירנדיקער דאָקומענט. אָט שוין אין אָנהויב: ווי זאָל ער זי טיטולירן? „מייערע קעטרין" — איז נישט „טייערע קעטרין" אַ טיטל פון נאָנטקייט? אָבער ער קאָן נישט שרייבן: „טייערע מיס שופּרא" — נאָך אָט דעם טיטל קאָן ער נישט שרייבן, וואָס ער האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט אין קאָפּ, און דאָרטן זיינען פאַראַן פראַזן... ניין!

און פּלוצלונג איז אים העל געוואָרן אין קאָפּ: ער האָט אויפ־געשריבן אַן אַנזיכטס־פּאָסטקאַרטע. אויף איין זייט דער אַדרעס, אויף דער אַנדער זייט אַ פּאָר שורות אָן אַ טיטל.

„ווען איך וועל זיין אין ניו־יאָרק, וועלן מיר זיך זען. ווען איך וועל זיין אין ניו־יאָרק, ווייס איך נאָך נישט. מעגלעך, אַז אינ־גיכן. אייער א. ל."

ווייל ער האָט שוין געהאַלטן אין שרייבן, האָט ער אויך לי־ליען ברענד אָנגעשריבן אַ קאַרטל. מיט דערזעלביקער וואַשינגטאָ־נער אַנזיכט און כמעט מיט דעמזעלביקן נוסח.

און נאָך אַ בריוו האָט ער אָנגעשריבן, ווייל ער האָט גע־האַלטן שוין אין שרייבן צו מיידלעך: אַ גרעסערן בריוו צו אָלגאַ מאַנקאָף. אין דעם טאָג, ווען ער האָט זי געזען, האָט ער אַרויס־געשיקט אַ גרעסערן טשעק צו דער הילפס־געזעלשאַפט, ביי וועל־

כער זי איז געווען אָנגעשטעלט. איצטער האָט ער זיך געפונען אָנגעצווּנגען צו שרייבן איר:

„טייערע מיס מאַנקאָף —

„איך האָב אַרויסגעשיקט א טשעק, ווי איר האָט מיר גע־ראָטן. די נדבה וועט בלייבן אַנאָנים, אָבער איר וועט זיכער פון איר וויסן, ווייל איר וועט מסתמא זען דעם טשעק און מיין אונ־טערשריפט און ווייל איך האָב אים באַלײַטנדיקן בריוו געשריבן, אַז די נדבה איז אינספּירירט געוואָרן פון אייך. איך האָב עס געשריבן, נישט ווייל איך האָב געוואָלט פאַרשטאַרקן אייער שטעלונג אין דער הילפס־געזעלשאַפט, נאָר ווייל מיר איז אָנ־גענעם געווען צו שרייבן וועגן אייך.״

ער האָט געוואָלט שרייבן נאָך. א גאַנץ גרויסן בריוו. ער האָט געפילט, אַז דורך רעדן צו אָלגאַ מאַנקאָף וועט ער עפּעס אָפּריי־ניקן פון זיין נשמה דאָס גאַנצע העסלעכע, וואָס ער האָט אוועק־געטראָגן פון קעטרין. אָבער ער האָט עס נאָך נישט געקאָנט. קעטרין האָט אויף אים געדריקט. ער איז פון איר נישט פריי גע־ווען. ער האָט לאַנג געטראַכט און ענדלעך געפונען, אַז ער קאָן מער גאָרנישט שרייבן.

קעטרין איז געווען צופרידן מיט דעם קאַרטל. דאָס האָט איר געבראַכט פאַרצייאונג, כאָטש דאָס וואָרט איז נישט אויסגע־שפּראָכן געוואָרן. ער האָט פאַרשפּראָכן צו קומען צו איר, און דאָס איז אַלץ, וואָס זי האָט געוואָלט. ער וועט געוויס קומען. או־זי וועט שוין וויסן, וואָס צו טאָן, ער זאָל שוין מער פון איר נישט אַנטלויפן — דער פאַרדאַמטער נאַר!

אָבער ליליען איז געווען שטאַרק אַנטוישט. זי האָט גע־האַלטן דאָס קאַרטל, געדרייט און געוווּנדערט עס, געזוכט מער ווער־טער, אַנדערע ווערטער. איז דאָס אַלץ, וואָס ער האָט איר געהאַט צו זאָגן אויף איר בריוו און אויף אַלע שעה, וואָס זיי האָבן פאַר־בראַכט צוזאַמען? — זי איז טרויעריק געוואָרן.

אָלגאַ האָט געזען אין די פּאָר שורות א באַקרעפטיקונג פון דעם חשד, וועלכן מאַרדין האָט אויסגעשפּראָכן. ער מוז אין איר פאַרליבט זיין. זי האָט באַוויזן דעם בריוו מאַרדינען, מאַרדין האָט אָפּגעשמייכלט:

„ער ווערט מוטיקער!"

און באַלד איז אוועקגעגאַנגען צו ארנאָלדן א בריוו מיט דעמ־דאָזיקן אינהאַלט:

„ליבער מר. לעווענבערג:

„איך וויל אייך נישט דאַנקען פאַר דער נדבה — דאָס האָבן מסתמא שוין געטאָן די פירער פון דער געזעלשאַפט. איך וואָלט עס פיי־ווי־סיי נישט געטאָן, ווייל איר האָט מיט איר, מיט אייער נדבה, כאָטש זי איז אַ גאַנץ נישקשהדיקע, בלויז דערפילט אַ טייל פון אַ גרויסער פליכט.

„אָבער פאַר אייער פריינטשאַפט צו מיר וועל איך אייך אָפּ־דאַנקען מיט דעם, וואָס איך וועל אייך איינלאַדן צו זיין אונטער־פירער אויף מיין חתונה, ווען מארדין וועט קומען בשלום צוריק פון פאַלעסטינע, אויב איך וועל נישט אוועקפאָרן צו אים אהין. איך האָף, אז איר וועט זיך נישט אָפּזאָגן.

מארדין לאָזט אייך גריסן."

ארנאָלדן איז געווען ווי איינעם, וועלכער קלייבט זיך צו צו שפּילן אין אַ לאָטעריע און געפינט אויס, אז דער גרויסער געווינס, צוליב וועלכן ער האָט געוואָלט שפּילן, איז שוין אויסגעשפּילט. אַ מיאוסער פאַרדראָס און עפּעס אַ פוסטקייט.

# XVIII

אַרנאָלד איז קיין ניו־יאָרק נישט געפאָרן. דעם גאַנצן זומער דאָרט נישט געווען. די מלחמה האָט זיך פאַרצויגן, און ער האָט זיך אָנגעהויבן מער צו אינטערעסירן מיט זיין אַרבעט. עס איז אים געווען, אַז ער העלפט צו פאַרקירצן זי. די ענדערונג אין דער באַציאונג צו זיין אַרבעט איז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך זיין באַגייסטערונג פאַר ווילסאָנס באַרימטע פערצן פונקטן. אַ מלחמה אָן אַ זיג. עס לאָזט זיך דאָך טאַקע אויס, אַז פרעזידענט ווילסאָן האָט געמיינט די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט געזאָגט. די מלחמה וועט זיכער מאַכן די וועלט פאַר דעמאָקראַטיע און וועט זיין די לעצטע מלחמה. די מלחמה, וועלכע וועט אָפּשאַפן מלחמה. די פערצן פונקטן זיינען די בעסטע גאַראַנטיע. ער האָט אַ טעות געהאַט אין פרעזידענט ווילסאָן און ער מוז אים איצטער געטריי דינען, כאָטש ער איז קעגן מלחמה און בלוטפאַרגאָס איבערהויפּט. ער מוז העלפן פרעזידענט ווילסאָן וואָס גיכער און גלענצנדער דורכפירן די גרויסאַרטיקע פערצן פונקטן. אַלע מוזן עס טאָן, און אַלע מוזן טאָן זייער בעסטס ערלעך און טריי.

איצטער האָט ער געאַרבעט פאַר אַן אידעאַל און איז געווען צופרידן. עס האָט זיך אים אפילו אויסגעדוכט, אַז ער הויבט אָן זיך צו געפינען. ער וועט ווערן ווידער ער. וועט אומקערן זיך צו זיין גלויבן.

ער האָט אפילו קעטרין פאַרגעסן, נישט מער פאַרלאַנגט נאָך

איר. ווען ער פּלעגט זיך דערמאָנען אויף איר, האָט זיין האַרץ נישט געצאַפּלט. —

איז האַרבסט האָט ער זיך נאָכאַמאָל אָנגעטראָפן מיט טערעזען. ווידער צופעליק, אויף אַ באַל אין גרויסער געזעלשאַפט. מרס. קעלערמאַן האָט זיך דערפריים צו זען אים, גלייך געמאַכט אים אַ פאָרוואורף, פאַרוואָס ער לאָזט זיך נישט זען. האָט ער דען נישט געוווּסט, אַז זיי זיינען ווידער אין וואַשינגטאָן? טערעזע אָבער האָט זיך געהאַלטן קאַלט. אַ קאַלטע, גלייכגילטיקע האַנט, אַ קאַלט, גלייכגילטיק „ווי גייט עס?" זי האָט אויך געפונען פּאָר נויטיק צו רייצן אים, צו מאַכן אים אייפערזיכטיק. האָט צוזאַמענגענומען דאָס ביסל קאָקעטעריע, וואָס זי האָט געהאַט אין זיך, אַן אויגן־שפּיל, צו וועלכן אירע שיינע אויגן זיינען גאַרנישט געווען גע־וועזן, און אויסגעגעבן עס אויף אַ יונגן אָפיציר, וועלכער איז, קענטיק, זייער אַנטציקט געוועזן פון דער בלאָנדער שיינהייט.

אַרנאָלד האָט דעמאָלט געמאַכט די אַנטדעקונג, אַז ער איז גאַנץ גלייכגילטיק צו טערעזען. זיין באַגריסונג איז געווען אַ וואַ־רעמע. עס איז געווען צוגעלאָזנקייט אין איר. עס וואָלט אים אָנ־גענעם געווען, ווען טערעזע וואָלט אים געענטפערט מיט פריינדל־עכער וואַרעמקייט. אָבער ווען זי האָט זיך אָפּגערוקט, האָט ער זיך נישט געקימערט. ער האָט אַפילו געקאָנט פאַרגעסן, אַז זי איז דאָ.

טערעזע האָט זיך געמוטשט פרעגן: שפּילט ער מיט איר? מאַכט ער אַן אָנשטעל אָדער איז עס זיין ווירקלעכקייט? זי האָט אָנגעהויבן צו ווערן נערוועז.

ביים טיש זיינען זיי געזעסן ווייט איינס פון אַנדערן. אָבער נאָך דעם טיש האָט מען געטאַנצט. אַרנאָלד איז נישט געווען אין קיין טאַנץ־שטימונג. געוואָלט פאַרבאָרגן זיך. מרס. קעלערמאַן האָט אים אויסגעזוכט און איינגעלאַדן צו אַ טאַנץ. ווען זיי האָבן אָפּגעטאַנצט, האָט זי אים צוגעפירט צו טערעזען מיט אַן אויסרוף:

„ער איז אַ גרויסאַרטיקער טענצער!"

„פילייכט וועט איר געפינען, אַז איך בין נישט אַזאַ גרויס־אַרטיקער טענצער," האָט ער געזאָגט צו טערעזען.

מרס קעלערמאַן האָט אַנגעקוואָלן, ווען זיי האָבן זיך אוועק־

געלאָזט אין טאַנץ. וואָס איז דען אַ גרעסערער דערנענטערער און צונויפבערענגער, ווי טאַנץ? אַך, ווען טערעזע זאָל עפּעס אַרויס־טאַנצן פון זיך איר בלאָנדע קאַלטקייט! איר מוטערס האַרץ האָט תפילה געטאָן.

די תפילה איז געקומען נישט אין דער ריכטיקער צייט. טע־רעזע איז געווען גרייט אַרויסצוטאַנצן פון זיך איר בלאָנדע קאַלטקייט. זי איז געווען גרייט אויסצוהערן פון אים דאָס עפּעס, וואָס ער האָט איר נישט אַרויסגעזאָגט מיט אַ יאָר צוריק אין אָנקל ריינהאַרדטס איטאַליענישן גאָרטן. זי האָט אים גענוג געררייצט. מער וועט זי נישט. די מאַמע האָט זי אַזוי געבעטן מיט די אויגן... איצטער וועט זי שוין זיין גוט...

אָבער אַרנאָלד האָט געהאַלטן אין זיינע אָרעמס די מיידל, וועלכער ער האָט מיט אַ יאָר צוריק געוואָלט זאָגן ווערטער פון גרויסער וויכטיקייט, געפילט די נאָענטע וואַרעמקייט פון איר קער־פּער, געפילט די צונעלאָזנקייט, וועלכע ער האָט נישט געפונען ביי דער באַגעגענונג, געפילט, אַז טערעזע האָט אויסגעטאָן פון זיך דעם פּאַנצער, אין וועלכן זי האָט אים קריגעריש באַהאַנדלט — און געוווּסט, אַז זי איז אים גאָרנישט. די ווערטער פון גרויסער וויכטיקייט, וועלכע ער האָט געוואָלט זאָגן — וועלכע ווערטער זיינען דאָס געווען? ער האָט זיי נישט געהאַט אין זיך. ער האָט זיך גאָר גערארפט אָנשטרענגען, אום איבערהויפּט צו רעדן וואָס מיט איר.

גאָט זיי דאַנק! ער איז דער אַלטער אַרנאָלד. ער איז ווידער באַלעבאָס איבער זיך אַליין. ער האָט זיין רואיקייט געפונען. וואָלט ער אַזוי רואיק געווען, ווען ער וואָלט דאָ איצטער גע־האַלטן קעטרין אין זיינע אָרעמס? זיין האַנט האָט אַ ציטער גע־טאָן. ער האָט נישט ווילנדיק נענטער צוגעדריקט צו זיך זיין מיט־טענצערין. אָבער גלייך זיך באַהערשט. ער וואָלט... ער וואָלט!...

טערעזע האָט דערפילט די שטאַרקערע אומאַרמונג און דער־נאָך דאָס אָפּלאָזן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַזוי אָנגע־שראָקן פון איר קאַלטקייט, אַז ער דערוועגט זיך נישט אַפילו צו רעדן. זי מוז מאַכן דעם אָנהייב.

„דער צופאַל איז גוט צו אונז,“ האָט זי געזאָגט.

ער האָט זיך נישט געכאַפּט, וואָס זי וויל דערמיט זאָגן.

„וואָס מיינט איר דערמיט?" האָט ער געפרעגט.

„ער ברענגט אונז צוזאַמען." זי איז רויט געוואָרן.

„אָ, יאָ," האָט ער קאַלט אַרויסגערעדט.

זי האָט גערעכנט, אַז זי וועט אים צוגעבן מער מוט, ווען זי וועט אויסרעכענען, ווען און אונטער וועלכע אומשטענדן האָט דער צופאַל זיי צוזאַמענגעבראַכט: די זאַמלונג פאַר די בעלגישע קינדער, ביידערנאַכט אויף מעדיסאָן עוועניו, אָנקל ריינהאַרדטס געבורטסטאָג... און איז נישט וואַשינגטאָן ריינער צופאַל? זי האָט אים געוואָלט אויספירלעך דערמאָנען וועגן דער ביינאַכטיקער באַגעגעניש אויף מעדיסאָן עוועניו. אָבער זי האָט זיך פאַרכאַפּט: דאָס וועט ברענגען צו קעטרין שופרא, וועגן וועלכער זי וואָלט אים געקאָנט דערציילן אַ פּאָר זייער פּיקאַנטע מעשיות. דער עיקר מאַקע אַ גאַנצע געשיכטע צווישן איר און ברודער ענדריו. דאָך — זי וועט נישט רעדן וועגן קעטרין. קעטרין דאַרף פאַרגעסן ווערן. אָבער אויף אָנקל ריינהאַרדטס איטאַליענישן גאָרטן מעג זי זיך לענגער אָפּשטעלן. אַרנאָלד האָט אויף דעם נישט רעאַגירט, פאַרבייגעלאָזן פאַרביי זיינע אויערן. זי האָט זיך אָנגעהויבן צו וווּנדערן. ענדלעך האָט זי געמאַכט אַ שריט ווייטער. ער איז איר אָנגעקומען שווער. אָבער זי האָט באַשלאָסן, אַז זי מוז אים מאַכן. זי האָט די גאַנצע צייט שלעכט באַהאַנדלט מר. לעווענבערג, וועלכער טאַנצט ווירקלעך אויסגעצייכנט. ער האָט דאָס רעכט צו פילן זיך באַליידיקט און האַלטן זיך צוריקגעצויגן. מוז זי מאַכן דעם שריט.

„איר זייט אויף מיר אין כעס, אַרנאָלד?" האָט זי שטיל אַרויסגערעדט.

אַרנאָלדס האַרץ האָט אַ צאַפּל געטאָן. אין זיינע אָרעמס האָט ער דערפילט נויטווענדיקייט אַ דריק טאָן זי צו זיך. קוים איינגעהאַלטן זיך. דאָך זי האָט עס דערפילט.

„אין כעס? פאַרוואָס?" האָט ער געפרעגט, אויפגעהויבן צו איר די אויגן, אָנגעקוקט זי.

„איך האָב אייך שטענדיק באַהאַנדלט ווי אַ שונא," האָט זי געשמייכלט.

„איצטער זיינען מיר געאייניקט אויף די פערצן פונקטן.‟

„ניין. נישט דאָס מיין איך. איך בין גאָר קעגן די פערצן פונקטן.‟

„אָ!‟

„איך האַלט, אַז דער פּרעזידענט איז צו גוט צו די הור־נען.‟

„אָ!‟

„זיי מוזן דערדריקט און פאַרניכטעט ווערן.‟

„זיינען מיר ווידער נישט אייניק,‟ האָט ער געלאַכט. „ווי־דער שונאים.‟

„אָ!‟ האָט זי אויסגעאָטעמט און שפּילעריש אָנגעשטעלט אירע ליפּן. „איך האָב גאָרנישט געוואָלט רעדן מיט אייך פּאָלי־טיק.‟

„און נישט באַהאַנדלען מיך מער ווי אַ שונא.‟

„ניין. נישט מער.‟ זי האָט זיך צוגעדריקט צו אים, פאַר־לעגן, פאַרשעמט.

ער האָט זי ווידער אָנגעקוקט, געפילט, אַז זי איז אים פרעמד. נישט דערווידערט איר שטילע, פאַרשעמטע לאַסקע.

גראָד האָט דער טאַנץ אויפגעהערט. ער האָט זי צוגעפירט צו איר מוטער.

„איך האָב ערשט דערקלערט מר. לעווענבערג, אַז איך וויל אים נישט מער באַהאַנדלען ווי אַ שונא.‟

„כאָטש מיר זיינען נישט אייניק אויף די פערצן פונקטן.‟

„עס פרייט מיך דאָס צו הערן,‟ האָט די מוטער געזאָגט איבערגליקלעך.

אָבער ער האָט איצטער דערזען אַ פאַרבייגייענדיקן באַ־קאַנטן, געזאָגט „אַנטשולדיקט‟ צו מוטער און טאָכטער, געווענדט זיך צו דעם באַקאַנטן, גענומען אים אונטערן אָרעם, איז אוועק מיט אים. ער האָט דעם באַקאַנטן גאָרנישט געהאַט וואָס צו זאָגן. די ווענדונג צו אים איז געווען אַן אויסרייד. ווען ער איז אַרויס מיט דעם באַקאַנטן פון דעם טאַנץ־זאַל, האָט ער זיך באַלד צו־זעגנט מיט אים און איז אוועק פון דעם באַל. ער האָט געוווּסט, אַז ער איז געווען זייער נישט העפלעך צו טערעזען, אַז ער איז

געוועזן הארט. ער האָט נישט געוווּסט, אַז טערעזע האָט אים באַגלייט מיט טרערן־פאַרלאָפענע אויגן און שווער אָטעמענדיק. אָבער ווען ער וואָלט עס געוווּסט, וואָלט עס אים אויך נישט גע־אַרט. ער האָט געוואָלט זיין פריי פון די שוואַכקייטן, וועלכע האָבן אים אַזוי לאַנג פאַרפאָלגט. און ער האָט זיך איצטער געפילט פריי. ווייל ער האָט געקאָנט זיין הארט.

צוריק דער אַלטער אַרנאָלד, וועלכער האָט די וועלט גענאָסן אויף זיין אופן. געזען אין איר דאָס גרויסע ווונדער פון אַנט־וויקלונג. פון אַ „תוהו־ובוהו", פון אַ כאָאָס האָבן זיך ארויסאַנט־וויקלט ווונדערבאַרע וועלטן פון ליכט און לעבן, און איבער אַלץ דער אויסגעוויילטער פון אַלע באַשעפענישן — דער מענטש. דער מענטש מיט זיין פעאיקייט צו פאָרשן און צו פאַרשטיין און צו וויסן און צו טאָן גוט און שלעכט, און מיט זיין באַשטרעבן צו טאָן נאָר גוטס — אַ באַשטרעבן, וואָס צו דערגרייכן קעמפט ער שוין טויזנטער יאָרן און קומט אַלץ נענטער און נענטער צו דער דערגרייכונג.

די מלחמה איז געוועזן אַן אָראָפּ פון וועג, אָבער ווילסאָן האָט צוריק געפונען דעם וועג.

קעטרין און די אַנדערע זיינען געוועזן זיין אייגן אַראָפּ פון וועג. איצטער איז ער גענעזן. פריי פון איר. פריי פון אַלעמען.

# פערטער טייל

# I

ענדלעך איז געקומען דער טאָג פון דער גרויסער פרייד מיט דעם סוף פון דער מלחמה. ווער עס האָט יענע פרייד נישט געזען, האָט נישט געזען, ווי אַ גאַנץ פאָלק, מיליאָנען און מיליאָנען מענטשן פרייען זיך פון דער טיפסטער טיפעניש פון זייער נשמה.

די בשורה, אַז די בלוטיקסטע פון אַלע בלוטיקע מלחמות האָט זיך געענדיקט, האָט אַרויסגערופן אין אַמעריקע די מענטשלעכסטע מענטשלעכקייט. די אומענדלעכע פרייד, וועלכע די אַמעריקאַנער בירגער האָבן אַרויסגעשטורעמט פון זיך אין דעם טאָג פון דער בשורה אין די גאַסן פון די אַמעריקאַנער שטעט, איז נישט געווען די פרייד מיט דעם בלויז, וואָס די מלחמה האָט זיך געענדיקט. אַזוי טאַנצן אין די גאַסן, אַזוי זינגען, אַזוי לאַכן, אַזוי אומאַרמען איינע די אַנדערע, אַזוי ליב האָבן איינע די אַנדערע, האָבן געקאָנט נאָר מענטשן, וועלכע האָבן באַפרייט זייערע נשמות פון אַ מיאוסן קאָשמאַר, פון אַ העסלעכער באַליידיקונג. דער זיג האָט קיינעם נישט אינטערעסירט — עס האָט דאָך געדאַרפט זיין אַ מלחמה אָן אַ זיג. און ער איז נישט געווען אין קיינעמס באַוווּסטזיין. אָבער אַלע זיינען פול געווען מיט דעם באַוווּסטזיין פון דעם סוף, מיט דער שיכורער שמחה פון דעם סוף. נישט מער מאָרדן, נישט מער שיקן די בעסטע מאַנהייט צו דער שחיטה, נישט מער דערנידעריקן און פאַרמיאוסן די מענטשהייט, אַז מען האָט זיך געמוזט אָנהייבן צו שעמען מענטש צו זיין און צו לעבן אין אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אויף וועלכן

די מענטשן־קינדער האָבן ארויסגעקוקט, ווי אויף דעם יאָרהונ־דערט פון גרעסערער און בעסערער מענטשלעכקייט.

קיינמאָל האָט נאָך די פרייד מיט אַ זיג נישט ארויסגערופן די בעסערע מענטשלעכע געפילן אין דעם זיגער. אָבער די פרייד פון יענעם טאָג האָט דערהייבן די אמעריקאַנער. עס איז געוועזן אַן אויפּאָטעמען אין איר, אַן אָפּלייגן די בלוטיקע קליידער, אַ בענקעניש נאָך אייביקן שלום. מען האָט דאָך געווײנט פאַר פרייד — ווײנען דען זיגער פאַר פרייד? אום צו קאָנען ווײנען פאַר פרייד, מוזן אָנגערירט ווערן מענטשלעכערע סטרונעס.

אַזוי האָט אַרנאָלד אין יענעם טאָג געוויינט. געוויינט און געלאַכט, און נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט זיינע הענט, וועל־כע האָבן געוואָלט אַרומנעמען יעדן אײנציקן, וועמען ער האָט אָנ־געטראָפן אין וועג. זיין פרייד איז געוועזן אַ טאָפּלטע. ער האָט זיך געפרייט, וואָס די מלחמה האָט זיך געענדיקט. אָבער ער האָט זיך אויך געפרייט מיט דעם, וואָס ער האָט אַנטדעקט די בעסערע מענטשלעכע נשמה אין דער אַלגעמיינער פרייד. די בעסערע מענטשלעכע נשמה, אין וועלכער ער האָט געגלויבט, איז אויפגע־צויגן געוואָרן צו גלויבן. די פרייד מיט דעם סוף פון דער מלחמה און נישט מיט דעם זיג איבער דעם שונא האָט אים באַוויזן, אַז ער איז געוועזן גערעכט. די אַמעריקאַנער האָבן די מלחמה נישט געוואָלט. מען האָט זיי אין איר אַריינגעצאַרט. זיי האָבן זיך גע־שלאָגן, אָבער זייער האַרץ איז נישט געוועזן אין דעם שלאָגן זיך. די מלחמה האָט נישט אויפגעהערט צו זיין פאַר זיי איינפאַכער מאָרד. דערפאַר האָבן זיי זיך אַזוי געפרייט מיט איר סוף. נאָר די, וועלכע האָבן געוואָלט די מלחמה און געטריבן צו איר, האָבן זיך נישט געפרייט, וואָס זי האָט אַזוי „פּלוצלונג" אויפגעהערט. זיי האָבן געוואָלט נאָך און נאָך קרבנות. די מלחמה זאָל אַריבער־געטראָגן ווערן קיין דייטשלאַנד, די זיגרייכע אַרמייען זאָלן אַריינ־מאַרשירן אין בערלין. דאָס זיינען אָבער געוועזן די ווייניקע. איבער דער אַלגעמיינער פרייד האָט מען זייערע שטימען נישט גע־הערט.

ווען די ערשטע בשורה פון דעם סוף פון דער מלחמה האָט זיך אויסגעלאָזן אַ פאַלשע בשורה, האָט אַרנאָלד שיר נישט גע־

קראָגן אַ האַרץ־פּעלער. די פּאָר טעג ביז צום אמתן סוף פון דער מלחמה איז ער אַרומגעגאַנגען, ווי איינער, וואָס האָט געקראָגן אַ שווערן קלאַפּ איבערן קאָפּ. אָבער אין דער אייגענער צייט האָט ער געפונען אַ טרייסט אין דער האַלטונג פון זיינע מיטבירגער. אויך זיי האָבן געפילט אַזוי ווי ער. נישט אויס מורא און זאָרג פאַר דעם זיג, וועלכן זיי האָבן שוין געהאַלטן אין די הענט און וועלכער קאָן נאָך, חס־ושלום, פאַרלאָרן גיין, נאָר אויס האַס צו דער מלחמה, אויס עקל צו איר, אויס ווידערווילן און פּראָטעסט. און אַלע זיינען געווען זיכער, אַז די ערשטע בשורה איז נישט געווען קיין פאַלשע. עפּעס האָט זיך געמאַכט אַ פאַרהאַלט אין דער פּראָצעדור פון שלום־מאַכן, אָבער ער וועט נישט לאַנג אָנ־האַלטן. די אַמעריקאַנער רעגירונג וועט זיכער אַלץ אָנווענדן צום שלום. ווייל קיין איין פאָלק קאָן נישט איבערלעבן אַזוי די פרייד מיט דעם סוף פון דער מלחמה און גיין ווייטער שלאָגן זיך, מאָרדן און ווערן געמאָרדעט.

די אַמעריקאַנער זיינען אין יענע טעג געווען מענטשלעכע־רע מענטשן, ווערט דעם יחוס־נאָמען, וועלכן די פאָטערס פון דער רעפּובליק האָבן איבערגעלאָזן זייער לאַנד. און אַרנאָלד איז גע־ווען גליקלעך דערמיט. דער טאָג, ווען די אמתע בשורה פון דעם סוף פון דער מלחמה איז אָנגעקומען, האָט אים געפונען פּונקט אַזוי גרייט צו פרייען זיך, ווי אין דעם ערשטן טאָג. ער האָט אָנגע־שיכורט אַלעמען אין זיין ביוראָ, געזונגען אַ לויב־געזאַנג די פּערצן פּונקטן, געטרונקען איין טאָסט נאָך דעם אַנדערן פאַר פּרעזידענט ווילסאָן. דער פּרעזידענט איז געווען מער ווי דער רעטער פון דער מענטשהייט. ער איז געווען דער רעטער פון דעם כ ב ו ד פון דער מענטשהייט. ער איז געווען דער רעטער פון דער מענטשלעכ־קייט.

זיין גלויבן אין דער מענטשהייט און אין איר פּראָגרעס, וועלכער האָט זיך אים אומגעקערט צוריק מיט דעם געוויינטעם גלויבן אין דעם אידעאַליזם פון פּרעזידענט ווילסאָן, איז איצטער פאַרשטאַרקט געוואָרן. אַרנאָלד איז אַרומגעגאַנגען אין געהויבע־נער שטימונג, ווי איינער, וועלכער האָט צוריק געוואונען זיין פאַר־לאָרענעם קאַפּיטאַל נאָך מיט גרויסן פּראָצענט פאַרדינסט.

ער איז געווען שלום מיט זיך און שלום מיט דער גאַנצער מענטשהייט. די פיר יאָר פון דער מלחמה זיינען געווען יאָרן פון משוגעת — פון משוגעת פאַר דער וועלט און פאַר אים פערזענ־לעך. די וועלט און ער האָבן געטאָן זאַכן, וועלכע זיי האָבן נישט געדאַרפט טאָן, וועלכע זיי זיינען געלערנט געוואָרן נישט צו טאָן. די משוגעת איז אַוועק. איצטער הייבט זיך אָן דער מענטשהייטס אויפשטייג. אין יענע טעג פון גרויסן גלויבן און פולן שלום מיט זיך און דער וועלט, האָט ער אָנגעשריבן און אַוועקגעשיקט צוויי בריוו: צו אָלגאַ מאַנקאָף און צו אפרים פעלדמאַן. אין ביידע בריוו האָט ער אויסגעדריקט זיין גרויס גליק מיט דעם סוף פון דער מלחמה און מיט זיין צוריקגעוווּנענעם גלויבן.

„איך פיל איצטער אויך, ווי די אַלטע כינעזער,״ האָט ער געשריבן צו אָלגאַן. „און די צוקונפט איז פאַר מיר דאָס לאַנד פון דער אויפגייענדיקער זון. איך וועל זען איצטער באַפרייען זיך פון דער קרענק, וועלכע מר. מאָרדין האָט אָנגערופן אַ „פּריצישע״. איך וועל אָננעמען אייער עצה: איך וועל טאָן. און איך וויים, וואָס איך האָב צו טאָן: העלפן דער מענטשהייט צו פאַרהיילן די וווּנדן, וועלכע זי האָט אָנגעמאַכט מיט דער מלחמה.״

צום סוף נאָך האָט ער אָנגעזאָגט, אַז ער וועט זיין גליקלעך צו זיין אונטערפירער ביי איר, געפרעגט, ווו מאָרדין איז איצטער און געלאָזט אים גריסן.

פעלדמאַנען האָט ער כמעט דאָסזעלביקע געשריבן. נאָר האָט ער זיך דאָרטן מער צושריבן וועגן פּרעזידענט ווילסאָן. קוים געפונען ווערטער אויף אויסצודריקן זיין באַגייסטערונג פאַר דעם רעטער פון דעם כבוד פון דער מענטשהייט.

ביידע האָבן אים געענטפערט. אָלגאַ האָט אים גראַטולירט, וואָס ער האָט געפונען אַ גלויבן, און געוווּנטשן אים גליק אין זיין ווייטערדיקער טעטיקייט.

פעלדמאַן אָבער האָט אים אָפּגעגאָסן מיט קאַלטן וואַסער. ער האָט נישט געגלויבט אין דעם פּרעזידענט ווילסאָן, פאָראויסגע־זאָגט, אַז פון די פערצן פונקטן וועט זיך גאָרנישט אויסלאָזן; ווייל זיי זיינען בלויז אַ שיינע פראַזע ביים פּרעזידענט ווילסאָן, און נישט מער. מיט גרויסער קלאָרקייט האָט ער אָנגעוויזן, אַז פראַנק־

רייך און ענגלאַנד, וועלכע האָבן געהאַט אַ באַשטימטן אימפּעריאַ־ליסטיש־קאָמערציעלן צוועק מיט דער מלחמה, וועלן אַלץ אָנ־ווענדן, אַז פון די פערצן פּונקטן זאָל גאָרנישט ווערן. פּרעזידענט ווילסאָן, וועלכער איז אויסגעקליבן געוואָרן אויף אַ צווייטן טער־מין אויף אַ שלום־פּלאַטפאָרם און האָט באַלד די פּלאַטפאָרם אומ־געוואָרפן, וועט אויך זיינע פערצן פּונקטן אומוואַרפן, ווי ער וועט נאָר קומען אין באַרירונג מיט דער אימפּעריאַליסטישער ווירק־לעכקייט. ער וועט זיך איר לייכט אונטערגעבן, ווייל ער, ווי זיינע פאָרגענגער און זיינע נאָכפאָלגער אין אַמט, מוזן זיין אירע קנעכט. דער בעסטער באַווייז — זיין פאַרהאַלטונג צו סאָוויעט־רוסלאַנד: די אַרמיי, וועלכע ער האָט אַהין געשיקט אָן קיין שום אורזאַך. די בלאָקאַדע, וועלכע ער העלפט אויפצוהאַלטן.

„איך וויל אייך נישט צושטערן אייער גלויבן,” האָט פעלד־מאַן געשריבן. „האַלט זיך אין אים שטאַרק. די צוקונפט פון דער מענטשהייט מוז זיין דאָס לאַנד פון אַן אויפגייענדיקער זון. אָבער ווען איר ווילט היילן ווונדן פון דער מענטשהייט און פאַרהעלפן איר צו איר ליכטיקער, געזונטער צוקונפט, מוזט איר זיך ערשט אַריינוואַרפן אין קאַמף, מוזט איר ערשט אַ סך, זייער אַ סך צו־שטערן. קודם־כל טאַקע צושטערן די וועלט, וועלכע פּרעזידענט ווילסאָן וויל דערהאַלטן אין נאָמען פון אידעען און אידעאַלן, וועלכע עקזיסטירן שוין לאַנג נישט.”

פעלדמאַנס בריוו האָט אים ווי־געטאָן, דערשראָקן אים. פעלדמאַן האָט אַ סך זאַכן ריכטיק פאָראויסגעזאָגט — זאָל ער איצטער אויך גערעכט זיין? דאָס וועט זיין שרעקלעך. אָבער ער וועט נישט גערעכט זיין. די ווירקלעכקייט, די נאָענטע ווירקלעכקייט וועט עס אים באַווייזן.

אָבער די ווירקלעכקייט האָט באַוויזן, אַז די פעלדמאַנס זיי־נען געווען גערעכט. די טעג פון די ווערסאַלער פאַרהאַנדלונגען זיינען געווען טעג פון אַגאָניע פאַר אַרנאָלדן. ער איז געווען זי־כער, אַז קיין איין דייטש האָט אַזוי נישט געליטן. דאָס, וואָס פּרע־זידענט ווילסאָן האָט אָפּגעלאָזן פּונקט נאָך פּונקט פון זיינע פערצן פּונקטן, איז געווען אַ פּערזענלעכע קאַטאַסטראָפע פאַר

דעם יונגן מענטש, וועלכער האָט זיך געהאַט געפונען דורך זיין גלויבן אין זיי.

אָנהויב 1920 האָט ער זיך אומגעקערט צוריק קיין ניו־יאָרק. ארויס פון זיין מיליטערישן אַנצוג, אריין צוריק אין ציוויל. און גרינטלעך: גאָרנישט אויף אים האָט נישט געטאָרט דערמאָנען מי־ליטערישעם, כאָטש דער מיליטערישער אַנצוג האָט אים אַזוי גוט גע־קליידט, אַ סך בעסער, ווי דער ציווילער. אין דעם צוג קיין ניו־יאָרק צוריק צו זיין אַלטן לעבן האָט ער געטראַכט וועגן די פערצן פונקטן און די ווערסאַלער פאַרהאַנדלונגען און זיין גרויסער אַנטוישונג. עס איז אים זייער טרויעריק געווען, שווער אויפן האַרצן. ער האָט דאָך שוין ווידער געזען די ליכטיקע צוקונפט, דאָס לאַנד פון דער אויפגייענדיקער זון — און וואָס איצטער? ווידער פעסימיזם, ווידער ציוויליזאַציע. ער האָט געפילט, אַז ער איז מיד אפילו צו אַן אינערלעכן פּראָטעסט. מיד — דאָס איז דאָס וואָרט. אַ גרויסע מידקייט האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אים. וואָס וועט ווייטער זיין? ווי וועט זיך איצטער לעבן? האָט ער נישט געפּלאַנעוועט צו טאָן עפּעס? „העלפן דער מענטשהייט צו פאַרהיילן די וווּנדן"?... וואָס אַזוינס האָט ער דעמאָלט געפּלאַנע־וועט?

ווען דער צוג איז צוגעקומען נענטער צו ניו־יאָרק, האָט ער זיך דערמאָנט קעטרין. די דערמאָנונג האָט אים געלאָזן קאַלט. גאָרנישט אָנגערירט אין אים. פולשטענדיקע געגעזונג. ער וועט בלייבן, וואָס עס איז אים פאַרגעשריבן געוואָרן ביי זיין געבורט: אַן אייביקער בחור, דער נזיר, דער אַסקעט, וועמען די פרויען־וועלט איז פרעמד.

פאַר דער צייט האָט ער געקריגן פון איר אַ פּאָר בריוו — זי האָט אָנגעפרעגט, ווען קומט ער שוין, ווען וועט מען אים באַ־גריסן. ער האָט יעדעס מאָל קורץ געענטפערט, פאַרשפּראָכן נאָכאַ־מאָל און נאָכאַמאָל, אַז ווען ער וועט קומען קיין ניו־יאָרק, וועט ער זי באַזוכן. וועט ער זי באַזוכן? ניין, ער וועט עס נישט קאָנען. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, אַריינגעקוקט אין זיך און געזען, אַז ער קאָן זי נישט באַזוכן. עפּעס איז אים צווידער. עפּעס אין אים וויל זי נישט זען. זיין האַנט וועט זיך נישט אויפ־

הייבן אַ דריק צו טאָן דאָס טיר־גלעקל; זיין מויל וועט נישט קאָ־
נען אַרויסברענגען קיין וואָרט. בעסער בלייבן אַ ליגנער, נישט
האַלטן וואָרט, איידער דורכצולעבן דעם קורצסטן באַזוך ביי קעט־
רין. זיין נשמה איז צו מיד.

אין זיין געוויסנהאַפטיקייט האָט ער באַשלאָסן אָנצושרייבן
איר אַ פּאָר ווערטער. אָבער אויך אום צו פאַרכאַפּן איר דעם וועג. זי
וועט דאָך זיכער דערוויסן זיך, אַז ער איז אין ניו־יאָרק און וועט
אים דערמאָנען זיין פאַרשפּרעך, מאָנען פון אים דעם באַזוך.

ער האָט איר אָנגעשריבן, און דאָס מאָל מיט דעם טיטל:
„ליבע מים שופרא.‟ ער איז אין ניו־יאָרק, אָבער ער קאָן זי נישט
זען. ער געפינט זיך איצטער אין אַזאַ צושטאַנד, אין וועלכן ער וויל
ייך צוריק באַהאַלטן אין זיין אַמאָליקער וועלט־פרעמדקייט.

נאָך דעם אָנשרייבן האָט ער אַ טראַכט געטאָן, צי זאָל ער
אָפּשיקן דעם בריוו. וועט ער נישט זיין אַ קאָמפּראָמיטירנדיקער
דאָקומענט אין קעטרינס הענט? אָבער ער האָט געפילט, אַז עס
איז אים איצטער אַלץ איינס. ער האָט דעם בריוו אָפּגעשיקט. און
אָפילו נישט פאַרטראַכט זיך, וואָס פאַר אַ געזיכט זי וועט מאַכן,
ווען זי וועט אים קריגן.

## II

אָבער ליליען ברענד וועט ער באַזוכן, ווי ער האָט איר פאַרשפּראָכן אין אַ פּאָר בריוו — ענטפערס אויף אירע בריוו און אָנפרעגן. דאָך — ער וועט נישט קאָנען „זיצן" פאַר איר, נישט קאָנען לאָזן זיך מאָלן. זי האָט אים אָנגעהויבן צו מאָלן אין זיין מיליטערישן אַנצוג, און ער וועט אים איצטער פאַר קיין געלט נישט אָנטאָן. ווי אַ גענעזענער פון משוגעים־הויז וואָלט נישט געוואָלט אָנטאָן דאָס משוגעים־העמד כאָטש אויף דער קלענסטער ווײַלע. און, אויסער דעם, האָט ער איצטער קיין געדולד נישט. עס וועט זיך אים נישט „זיצן". זיין קאָפּ איז אים נישט דערבײַ. זיין געמיט איז אים שווער. און ווידער אַמאָל, אויסער דעם — אויסער דעם, וויל ער אויסווייכן פּרויען־געזעלשאַפט. דאָס „זיצן" וואָלט אים צו אָפט צונויפגעבראַכט מיט ליליען.

ער האָט געהאַלטן וואָרט — ער האָט ליליען באַזוכט. אין דעם טאָג, ווען ער האָט אָפּגעשיקט זיין בריוו צו קעטרין. די אָפּשיקונג פון דעם בריוו איז געווען פאַר אים באַפרייאונג, פולשטענדיקע באַפרייאונג. איצטער האָט ער אָראָפּגעטרייסלט פון זיך אַלע שטעכעלעך פון דער ליידנשאַפט, מיט וועלכער ער איז געווען אָנגעשטעקט. פרויען־געזעלשאַפט וועט אים גאַנץ גלייכגילטיק זיין.

די ברענדס האָבן געוווינט אויף ריווערסייד דרייוו. אַ באַשיידענע וווינונג פון אַן אַדוואָקאַט, וועלכער פאַרדינט אַ סך און פאַרלעבט, וואָס ער פאַרדינט.

ליליען האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט זיין באַזוך־אָנזאָג,

מיט אומגעדולד געוואַרט אויף זיין קומען, נישט געמאַכט קיין סוד פון איר פרייד. זי איז געלאָפן צו דער טיר, ווען ער האָט אָנגע־קלונגען, פאַרכאַפּט דער דינסט דעם וועג און אַליין אויפגעעפנט די טיר, און אויסגעשטרעקט אים אַ וואַרעמע, אַנטציקטע האַנט. ווען די טיר וואָלט איצטער אַריינגעלאָזן אַן אַנדערן, נישט אַר־נאָלדן, וואָלט זי געוועזן זייער אומגליקלעך.

זי איז געוועזן אַביסל אַנטוישט צו זען אים אין ציוויל. עפּעס האָט איר געפעלט אין זיין דערשיינונג און עפּעס האָט ער מיטגעבראַכט פרעמדס. אָבער זי האָט עס פאַרשריען אין זיך, נישט אַרויסגעוויזן עס אים אַפילו מיט אַ באַוועגונג פון אַ ברעם, און איז געוועזן אמת גליקלעך צו זען אים ווידער.

ווי לאַנג איז עס שוין? אָ־וואָ! עפּעס אַ גאַנצע אייביקייט! און איז עס נישט מערקווירדיק, ווי אומדערוואַרט דאָס נישט זען זיך מער איז געקומען? עפּעס ווי מיט אַ מעסער אָפּגעשניטן געוואָרן. אָבער איצטער איז ער געקומען צו בלייבן אין ניו־יאָרק? ער וועט דאָך נישט אַוועקפאָרן? ער איז שוין אַרויס פון דינסט, ווי? דאָס זעט זי אין זיין אַנצוג. און פּלוצלונג האָט זי זיך געכאַפּט:

„איז ווי וועט עס זיין מיט מיין מאַן?״

זי האָט גערעדט אַ סך און אויפגעלעבט. גאָרנישט די לי־ליען, וועלכע איז געוועזן אַזוי שטיל, רואיק, איינגעהאַלטן. ער איז געוועזן וואָרט־קאַרג, געענטפערט מיט יאָ און ניין. און דאָס אויך נאָך לענגערע פּויזעס. אויף איר לעצטער פראַגע האָט ער נאָר אָפּגעשמייכלט. ער וועט נאָך צייט האָבן צו זאָגן איר, אַז ער וועט מער נישט זיצן פאַר איר.

זי האָט וואָס דערפילט. דער ליכטיקער שמייכל אויף איר געזיכט האָט זיך פאַרטונקלט, איז אַראָפּ פון די ליפּן, פאַרשלאָסן געוואָרן הינטער אַ שטייף צוגעמאַכטן מויל. דאָס פייער פון די אויגן האָט זיך באַהאַלטן אונטער אַן אַבאַזשור; די אויגן זיינען געוואָרן אומבאַוועגלעך. עס איז איר דורכגעלאָפן, אַז „עפּעס איז נישט דאָס״... אַן אַנדערער, אַן איבערגעביטענער... עפּעס איז מיט אים געשען.

עס זיינען אַריינגעקומען אירע עלטערן. דער געשפּרעך איז

געוואָרן אַלגעמיין. איבער פּאָליטיק, די פאַרהאַנדלונגען אין ווערסאַל, די טעג אין וואַשינגטאָן. ליליען האָט ווייניק גערעדט, די אויגן נישט אַראָפּגענומען פון אַרנאָלדן. געזוכט דעם אַלטן, נישט איבערגעביטענעם, דעם אַרנאָלד, וועלכן זי האָט געקענט און געמאָלט אין וואַשינגטאָן. דעם אַרנאָלד... זי האָט נישט גע־וואָלט דערטראַכטן.

זי האָט זיך געוווּנדערט, פאַרוואָס ער דערמאָנט נישט דאָס בילד. ווייל ער עס גאָרנישט זען? פון העפלעכקייטס־וועגן האָט ער געדאַרפט נאָכפרעגן זיך. אָבער אויב ער, דער העפלעכער, פרעגט נישט, מסתמא האָט ער זיין אורזאַך. זי האָט ענדלעך נישט אויסגעהאַלטן. ווען עס האָט זיך געמאַכט אַן איבעררייס אין גע־שפּרעך, האָט זי געפרעגט:

„ווילט איר גאָר אייער בילד נישט זען?"

ער האָט דערויף געענטפערט:

„איך שלאָג זיך די גאַנצע צייט מיט דער דעה, צי זאָל איך אָדער זאָל איך נישט."

„פאַרוואָס זאָלט איר נישט?"

„איך האָב מורא אַ קוק צו טאָן אויף זיך אין דעם מילי־טערישן אַנצוג."

„אָ, ניין!" האָט זי אויסגערופן.

„דאָס איז אַזוי. איך האָס..."

„אָ, ניין, ניין!... איר וועט אַ קוק טאָן."

זי האָט אים איינגעלאַדן אין איר סטודיע. די עלטערן זיי־נען נאָכגעגאַנגען, פאַרזיכערט אים, אַז ער מוז זען דאָס בילד. דער פּאָרטרעט איז זייער געלונגען. ער זעט אויף אים גאַנץ גרויסאַרטיק אויס.

„מעגלעך, מעגלעך..." האָט ער געלאַכט. „אָבער איך האָס דאָך מיין מיליטערישע דערשיינונג."

זיין בילד איז געשטאַנען אויף איר מאָל־שטאַפּל. צוגע־גרייט פאַר אַרנאָלדן, אָדער אפשר האָט זי נאָך געאַרבעט איבער אים. אַרנאָלד איז געוועזן זייער שיין אויף דעם בילד. קרעפטיק, מיליטעריש. נאָר האָבן די בלויע אויגן געקוקט טרוימעריש, און דאָס מויל איז געוועזן ווייך און שוואַך. זי האָט דערקלערט, אַז זי

דאַרף נאָך אַרבעטן אויפן מויל. אָנגעקוקט אים דערבײַ מיט צו־דריקן אַביסל דאָס לינקע אויג. די מאָלערין איר מאָדעל. דעם בילד האָט נאָך געפעלט אַטמאָספערע, די לופט אַרום דער גע־שטאַלט, אַ הינטערגרונט.

אַלע דרײַ, ליליען און אירע עלטערן, וועלכע זײַנען געשטאַ־נען באַגײַסטערטע פאַר דער אַרבעט פון זײער טאָכטער, האָבן געוואַרט אויף אַ וואָרט פון אַרנאָלדן. און ער האָט נישט גע־ווּסט, וואָס צו זאָגן. ער איז זיך געפעלן געוועזן אויף דעם בילד און געשעמט זיך, פאַרוואָס ער איז זיך געפעלן. דער שמײכל, וועלכער האָט זיך באַוויזן, איז פאַרשווּנדן. זײַן געזיכט איז גע־וואָרן ערנסט. די מיליטערישע אוניפאָרם האָט אים געשטאָכן אין די אויגן. דער ליגן, אין וועלכן ער האָט געלעבט צוויי יאָר צײַט. דער אַנצוג, וועלכער האָט באַהאַלטן זײַן שוואַכקײט. ער האָט אַוועקגעטראָגן זײַן בליק אויף אַן אַנדער בילד, וואָס איז געהאַנ־גען נישט ווײַט אויף דער וואַנט, ווי ער וואָלט אים אַוועקגעטראָגן פון אַ שרעק־געשטאַלט.

„ער ליבט עס נישט,“ האָט ליליען אַרויסגערעדט, געווענדט צו די עלטערן גאַנץ אומגליקלעך, גאַנץ פאַרצווײפלט.

„אָ, נײן,“ האָט אַרנאָלד דערווידערט. „ווי ווײַט איך פאַר־שטײ מאָלערײַ, איז אײַער אַרבעט אויסגעצײכנט. אָבער איך ליב ז י ך נישט אויף דעם בילד. ווי איך האָב אײַך געזאָגט: איך האָס זיך אין דער מיליטערישער אוניפאָרם.“

„פאַרוואָס,“ האָט מרס. בּרענד געזאָגט. „איר זעט אַזוי גוט אויס.“

„אָבער פאַלש.“

„ווי הײסט פאַלש?!“ אַלע דרײַ האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם וואָרט.

„איך מײן עס נישט פון דעם קינסטלערישן שטאַנדפּונקט אָדער פון דעם שטאַנדפּונקט פון ענלעכקײט. איך מײן עס פון מײַן אײגענעם, פון מײַן אינערן שטאַנדפּונקט. א י ך בין גע־וועזן פאַלש אין דעמדאָזיקן אַנצוג. איך, וועלכער איז געוועזן קעגן דער מלחמה...“

„אָ, ווען מיר דאָס בילד נישט קאָנען פאַרטזעצן!" האָט ליליען געזאָגט אין גרויסער אַנטוישונג.

„יאָ, איר האָט מיר פאַרשפּאָרט עס אייך צו זאָגן. איך וועל די מיליטערישע אוניפאָרם מער נישט אָנטאָן אויף זיך."

ליליען איז געבליבן שטיין פאַרן בילד מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, פאַרטרויערטע אויגן. איר מייסטערווערק, וואָס וועט נישט פאַרענדיקט ווערן. אַ שיינער חלום, וואָס איז נישט דערחלומט געוואָרן ביז צום סוף.

„וועל איך ווייטער פון זכרון," האָט זי אַרויסגעפּליסטערט.

„אין דעם קאָן איך אייך נישט אָפּהאַלטן."

זיי זיינען אָפּגעטראָטן פון דעם בילד אין שווערער שטימונג.

„קוקט נישט איצטער אויף מיינע אַנדערע בילדער," האָט ליליען געזאָגט.

אַרנאָלד האָט אויפגעלאַכט.

„אָ, יאָ," האָט מר. ברענד געזאָגט מיט לאַכן. „נאָך אַזאַ באַהאַנדלונג פון אייער אייגענעם בילד, פאַרדינט איר נישט צו קוקן אויף די אַנדערע."

„איך באַדויער זייער שטאַרק אַזוי באַשטראָפט צו ווערן".

זיי זיינען אַרויס פון דער סטודיע. ליליען האָט קוים געקאָנט אָפּווענדן אירע אויגן פון זיין בילד.

„איך קום אייך זייער מאָדנע אויס," האָט ער איר געזאָגט, ווען זיי זיינען צוריק אַריין אין זאַל.

„ניין, איך פאַרשטיי, אַז דאָס איז ביי אייך נישט קיין קאַפּריז."

„פאַרוואָס־זשע האָט איר מיך באַשטראָפט, איך זאָל נישט קוקן אויף אייערע אַנדערע בילדער?"

„מיין פאָטער האָט שלעכט פאַרטייטשט. איך האָב אייך נישט געוואָלט באַשטראָפן. אָבער איך האָב געזען, אַז דער אָנבליק פון אייער פּאָרטרעט האָט אויף אייך געמאַכט אַ שווערן איינדרוק, פאַרזעצט אייך אין אַ שלעכטער שטימונג. אונטער אַזאַ איינדרוק און אין אַזאַ שטימונג האָב איך נישט געוואָלט, איר זאָלט צוגיין

צו מיינע בילדער — אַ רחמנות אויף די בילדער. ווילט איר אפשר מוזיק?"

„אָ, איך וועל אייך זייער דאַנקבאַר זיין!"

„אייך וועל איך נישט בעטן."

„אונטער אַזאַ איינדרוק און אין אַזאַ שטימונג," האָט ער געלאַכט.

זי איז געגאַנגען צו דער פּיאַנאָ, אויפן וועג שטיין געבליבן.

„ניין, איך וועל היינט אויך נישט קאָנען."

„אַ שאָד."

„און ווייסט איר, וואָס איך טראַכט? איך וועל דעם פּאָר־טרעט נישט מער פּאָרטזעצן. איך וועל עס פאַרניכטן."

די עלטערן האָבן זיך אָנגעכאַפּט:

„וואָס?!"

אַרנאָלד האָט געשוויגן. וואָס זי האָט געזאָגט, איז געוועזן נאָך זיין אינוויניקסטן ווונטש. ער האָט זי אפילו געוואָלט בעטן צו פאַרניכטן זיין פּאָרטרעט, אָבער נישט דערוועגט זיך.

„איר זעט דאָך," האָט ליליען געענטפערט אירע עלטערן.

„מר. לעווענבערגן איז עס אָנגענעם."

„אָ, ניין," האָט מר. בּרענד געזאָגט. „דו וועסט דאָס בילד נישט פאַרניכטן. מר. לעווענבערג קאָן נאָך ענדערן זיין מיינונג. די שטימונג וועט זיך בייטן."

„איך גלויב קוים," האָט אַרנאָלד געזאָגט.

ער האָט זיך צורעדט, אויסגערעדט זיין האַרץ, מתוודה גע־וועזן זיך, רואיק, געלאַסן. ער האָט זיך אַליין צוגעהערט צו זיי־נע ווערטער. צום ערשטן מאָל הויך אַרויסגערעדט זיין כאַראַקטער־לאָזיקייט און מוטלאָזיקייט, און אַליין זיך גוט צוגעהערט צו זיין שאַנד. ער האָט גערעדט, און דער עיקר געקוקט אויף ליליען. אָבער אָפּט האָט ער געקוקט בלויז אויף דער אַש, וואָס איז געשטאַנען הויך איבער דעם פייער פון זיין ציגאַר. דעמאָלט האָט ער גערעדט צו זיך אַליין. און ער האָט זיך געפילט גוט, וואָס ער רעדט זיך אַזוי אויס. זיין אוניפאָרם איז נישט געוועזן קיין פליכט־דערפּי־לונג, נאָר אַ באַהאַלטעניש, אַ קליינלעכע, פּחדנישע אַרויסדרייעניש פון שווערערע זאַכן — ווי קאָן ער זיך זען אין איר?

אמת, עס איז געווען אַ מאָמענט, ווען ער האָט שיִר נישט שלום געמאַכט מיט איר. אָבער דער מאָמענט איז אַוועק. ער האָט זיך אויסגעניכטערט. זיין גרעסטער שמאַרץ איז זיין אַנטוישונג אין פּרעזידענט ווילסאָן. ער פילט זיך אַזוי אָפּגענאַרט.

מר. ברענד האָט פּראָטעסטירט. ער דאַרף אַזוינס נישט זאָגן. פּרעזידענט ווילסאָן!... אָ, פּרעזידענט ווילסאָן!... דער אַדוואָקאַט וועלכער איז געווען איינער פון די הויפּט פיר־ און מער־מינוטן־רעדנער אין דער מלחמה, האָט זיך צורעדט וועגן דער גרויסקייט פון פּרעזידענט ווילסאָן און גענומען זיך דערוויזן, אַז ער, דער פּרעזידענט, איז זיך געבליבן טריי, און ער האָט געטאָן, וואָס ער האָט געמוזט טאָן. ער איז נאָכגעגאַנגען נאָך די אומשטענדן... געמוזט אַביסל נאָכגעבן... קלעמאַנסאָ און ללאָיד־דזשאָרדזש...

„איך גיב צו, אַז ער האָט געטאָן מסתמא, וואָס ער האָט געמוזט," האָט אַרנאָלד אים איבערגעריסן. „אָבער ער האָט געוויס נישט געטאָן, וואָס ער האָט פאַרשפּראָכן. ער האָט מיר געהאַט אומגעקערט מיין גלויבן אין דער מענטשהייט. דערנאָך האָט ער אים אַזוי..."

ער האָט נישט געענדיקט, אַראָפּגעשאָרט די אַש פון דעם ציגאַר אין דעם אַש־בעכער לעבן אים, אַנטשוויגן געוואָרן.

„אָ!" האָט מרס. ברענד אויסגערופן מיטליידנדיק און דאָך אומגלויביק. זי האָט אים אויך נישט גאַנץ פאַרשטאַנען.

„איר דאַרפט אַזוי נישט רעדן," האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט און איז נישט געוואָרן אין כעס.

ליליען האָט אויף אים געקוקט מיט אויגן, אין וועלכע טרערן האָבן אויפגעשיינט.

„איך וועל איצטער שפּילן," האָט זי געזאָגט און איז צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנאָ. זי האָט אָנגעהויבן צו שפּילן די אַלעגרעטאָ פון בעטהאָווענס זיבעטער סימפאָניע.

„מיר וועלן עס שפּילן אין פיר הענט," האָט אַרנאָלד געזאָגט.

„ליא־ליא!" האָט זי אַנטציקט אויסגערופן.

די עלטערן האָבן זיך באַדייטונגספול איבערגעקוקט.

אַרנאָלד און ליליען האָבן איצטער געהערט אינגאַנצן דער

מוזיק. זיי האָבן געשפּילט איין שטיק נאָך דעם אַנדערן, אַלץ, וואָס זיי האָבן געקאָנט אין פיר הענט. ביז ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין זייגער — עס איז שוין געווען שפּעט.

„איך וועט דעם פּאָרטרעט מער נישט זען," האָט זי אים געזאָגט ביים צושיידן זיך. ער האָט איר דאַנקבאַר געדריקט די האַנט.

ער איז אַוועק פול פון דעם אייגענעם ווידוי און פול פון דער מוזיק, וואָס זיי האָבן געשפּילט. ער האָט איבערגעטראַכט זיין ווידוי און אונטערגעזונגען שטיקלעך פון דער מוזיק. אָבער ער האָט נישט געטראַכט פון ליליען. אַז ער האָט אַ גאַנצן אָוונט פאַר־בראַכט אין דער געזעלשאַפט פון איינער, וועלכע האָט פון אים אירע אויגן נישט אַראָפּגענומען, וועלכע האָט אים באַגעגנט מיט אַן אַנטציקטער האַנט און באַגלייט מיט אַ לאַשטשענדיקער, אַ זיך איינבעטנדיקער האַנט — דאָס האָט אויף אים גאָר קיין איינ־דרוק נישט געמאַכט. ער האָט די יונגע מיידל נישט געפילט, כאָטש זי איז געווען שיין אין אירע איבערלעבונגען.

אָבער ליליען איז אַריין צו זיך אין סטודיע, געשטאַנען מיט פאַרטרערטע אויגן פאַר דעם פּאָרטרעט, וואָס האָט געזאָלט זיין איר מייסטערווערק, לאַנג, לאַנג געקוקט. דערנאָך אומגעקוקט זיך אויף דער טיר: צי קומט נישט עמעצער אַריין — און צוגעלייגט אירע ליפּן צו אַרנאָלדס געזיכט, וואָס איר פּענזל האָט אַרויסגעגלעט. געשטאַנען אַזוי פאַרדבקהט, מיט דעם אויסדרוק פון גרויסער בענ־קעניש. און אַז זי האָט אַוועקגענומען די ליפּן, האָט זי אַראָפּגע־נומען דאָס בילד פון שטאַפל, נאָכאַמאָל אָנגעקוקט עס און אַרויס־געטראָגן פון צימער. אַוועקגעגעבן עס איר מוטער — אויף צו באַהאַלטן.

„נישקשה," האָט די מוטער געזאָגט. „ער וועט עס נאָך ליב קריגן און וועט נאָך זיצן פאַר דיר..."

„דו האָסט אים נישט פאַרשטאַנען," האָט ליליען אַרויסגע־שעפּטשעט.

אין איר בעט האָט זי זיך צוגעדריקט צו איר קישן און גע־וויינט:

„איך ליב אים! איך ליב אים!"

## III

צוויי טעג שפּעטער, ווען ער איז געקומען אין זיין געשעפט, האָט ער געפונען אין וואַרט־צימער — קעטרין.

עס איז געווען אַ זייער קאַלטער מערץ־טאָג, און זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ מאַנטל פון פיינסטן לאַבראַדאָר־ביבער. די באַהענטשיקטע הענט אין די קעשענעס, אָבער אַ לייכט שטרוי־היטעלע מיט בלומען איבער אירע אָפּגעשאָרענע האָר. דער פראָסט האָט שטאַרק באַרויטלט די שוואַרץ־חנעוודיקייט פון אירע באַקן. די לאַנגע צייט, וואָס זיי האָבן זיך נישט געזען, האָט זי נישט על־טער געמאַכט. זי האָט אַפילו יינגער אויסגעזען.

ער איז איבערראַשט געוואָרן. עס האָט אין אים אַ צאַפּל גע־טאָן. שיר נישט אַרויסגערעדט אַ באַגייסטערטן „העלאָו!״, אָבער פאַרכאַפּט זיך, אַרויסגערעדט אַן אַביסל איבערראַשטן „העלאָו!״ און אַנטקעגנגעטראָגן איר אַ גלייכגילטיקע, גאָרנישט זאָגנדיקע האַנט.

זי איז אויפגעשטאַנען פון איר אָרט. לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צו אים — גאַנץ נאָנט, ווי זי וואָלט אַרויפגעטרעטן אויף אים. די ברוינע אויגן אָנגעשטעלט אויף אים אומבאַוועגלעך, ווי דורכ־צושטעכן. האָט לאַנגזאַם אַרויסגענומען די האַנט פון קעשענע — עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז זי נעמט אַרויס אַ רעוואָלווער. אַריינגעלייגט די האַנט אין זיינער, אָנגעהאַנגען זיך אָן אים מיט די אויגן, און נישט געוואָלט אַוועקנעמען די האַנט. איר שטימע איז געווען טרוקן:

„העלאו! ווי גייט עס דיר?"

„ווען ביזטו געקומען?"

„ווען דו האָסט געגעסן."

„איך מיין, ווי לאַנג ביזטו שוין דאָ?"

„אַ האַלבע שטונדע. ביי אַ האַלבע שטונדע, ווי?" האָט זי זיך געווענדט צו דער טעלעפאָן־מיידל.

„יאָ, ביי אַ האַלבער שטונדע," האָט די מיידל אָפּגעענטפערט.

„פאַרוואָס האָסטו מיר נישט געלאָזט וויסן?"

„כדי דו זאָלסט אהער נישט קומען?" האָט זי האַרט אַרויס־געזייט פון צווישן די ציינער.

ער האָט זיך אומרואיק אומגעקוקט אויף דער טעלעפאָן־מיידל. יענע האָט איבערגעקוקט פאַרשידענע קוויטונגען און גע־וויזן באַשעפטיקט. גראָד האָט זי טעלעפאָנירט.

„איין מאָמענט," האָט די מיידל אַריינגערעדט אין טעלע־פאָן און געווענדט זיך צו אַרנאָלדן. אָנגערופן אַ נאָמען און גע־פרעגט, צי זאָל זי אים פאַרבינדן אין זיין צימער.

„גיט מיר אים," האָט אַרנאָלד געזאָגט און איבערגענומען ביי איר דאָס טרייבל.

„ווילסט מיך נישט אַריינגעמען צו זיך אין צימער?" האָט זי ווידער אַרויסגעזייט פון צווישן די ציינער, ווען ער האָט אָפּגע־רעדט.

„איך לייג זיך עס איבער, צי זאָל איך עס וועלן," האָט ער שטיל אַרויסגערעדט.

„דו באַשליס בעסער, אַז דו זאָלסט וועלן."

„איך האָב עס שוין באַשלאָסן."

„איז גוט."

מיט אַ האַנט־באַוועגונג האָט ער זי איינגעלאַדן צו גיין פאַ־רויס אין זיין צימער. דאָרטן האָט ער איר אָנגעוויזן אויף אַ שטול, געוואָלט זיך אַליין זעצן, אָבער זי איז צוגעגאַנגען גאַנץ נאָענט צו אים, צוגעדריקט זיך צו אים, אַריינגעקוקט אים אין די אויגן.

„ביזט ברוגז אויף מיר?"

„ניין."

„זאָגסט אמת?"

„יאָ."

„פאַרוואָס האָסטו מיך נישט באַזוכט, ווי דו האָסט מי־ פאַרשפּראָכן אין דיינע קאַרטלעך?"

„האָב איך דיר פאַרשפּראָכן, ווען איך וועל דיך באַ־ זוכן?"

„ווען דו וועסט קומען אין ניו־יאָרק."

„אָבער ווען?"

„דאָס האָסטו נישט געשריבן."

„זעסטו."

„דו ביזט ברוגז."

„ניין."

„פאַרוואָס גיסטו מיר נישט קיין קוש?" זי האָט זיך אַ צו־ געטאָן צו אים מיט די ליפּן.

„איך בין נישט געוווינט צו קושן מיידלעך אין מיין אָפיס."

„דיין צוקונפטיקע ווייב מעגסטו."

„האַ־האַ!..."

„פאַרוואָס לאַכסטו?"

„ווי דו האָסט עס געזאָגט."

„וואָס האָב איך געזאָגט?"

„מיין צוקונפטיקע ווייב."

„בין איך עס נישט?"

„איך ווייס עס נאָך נישט."

זי האָט זיך אָפּגערוקט פון אים, אַוועקגעזעצט זיך, פאַנאַנ־ דערגעעפנט דעם וואַרעמען מאַנטל, אָפּגעדעקט איר שיינעם שטאָלצן האַלדז, אַ שטיק פון איר נאַקעטער ברוסט.

„ווען וועסטו עס וויסן?" האָט זי טרוקן געפרעגט.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, גענומען זיין פּאַפּיראָס, קוים אַ קוק געטאָן אויף איר האַלדז און ברוסט.

„גיב מיר אויך אַ סיגאַרעט," האָט זי געזאָגט און אויסגע־ שטרעקט די האַנט.

זיי האָבן פאַררויכערט. ווען ער האָט איר אונטערגעטראָגן

די שוועבעלע, האָט זי מיט איר קליינעם פינגער געגלעט זיינע פינ־גער.

„אַלזאָ, ווען וועסטו עס וויסן?" האָט זי איבערגעפרעגט.

„דאָס קאָן איך דיר איצטער נישט זאָגן."

„ווען וועסטו מיר קאָנען זאָגן?"

„ווען איך וועל זיין גרייט דערצו, וועל איך קומען צו דיר."

„האָסטו נישט איבערגעטראַכט ביז איצטער?"

„דו זעסט'אָך."

„איך זע מער, וויפל דו זאָגסט מיר."

„פאַרוואָס פרעגסטו דען?"

„איך וויל עס פון דיר אַליין הערן."

דער טעלעפאָן האָט זיך אַריינגעמישט, נישט געלאָזן אים ווייטער פרעגן און ענטפערן. ווען ער האָט גערעדט אין טעלעפאָן, האָט זי מער אַראָפּגערוקט דעם מאַנטל, פאַרריסן דעם קאָפּ, גע־ברענט אים מיט אירע אויגן. עס איז געווען אַ לענגערער גע־שפּרעך. ער האָט זיך נישט געאיילט אים אָפּצוקירצן. אַ געשפּרעך וועגן געשעפטן, און נאָך מער וועגן אַלץ אין דער וועלט. עס האָט געשיינט, אַז ער האָט פאַרגעסן די אָנוועזנהייט פון קעטרין. ווען זיינע בליקן האָבן זי באַרירט, איז עס געווען אַ פאַרבייגיין פאַר־ביי אַ גאַנץ פרעמדער. דער שמייכל, מיט וועלכן ער האָט זי אָנ־געקוקט, האָט געהערט נישט איר.

זי איז געווען אומגעדולדיק, דער בליק ביין און בליציק, די ציינער האָבן זיך איר צונויפגעדריקט ביז ווייטאָג. ווען ער האָט געענדיקט זיין טעלעפאָן־געשפּרעך, האָט זי אַ ווײַלע געוואַרט, געוואָלט אַן ענטפער אויף דעם, וואָס זי האָט געזאָגט. ער האָט געשוויגן. ווי ער וואָלט פאַרגעסן, וועגן וואָס זיי האָבן גערעדט. האָט זי אָנגעהויבן:

„פאַרוואָס האָסטו מיר נישט געשריבן, אַז צווישן אונז איז אַלץ אויס? פאַרוואָס האָסטו מיר געענטפערט?"

ווידער דער טעלעפאָן. זי האָט אַ טופּע געטאָן מיטן פוס. האָט אויפגעלאַכט. דאָסמאָל איז דער געשפּרעך געווען זייער קורץ.

„דער אָפּיס איז נישט קיין פּלאַץ אויף אויסצושפּרעכן זיך," האָט ער איר געזאָגט.

„טאַ קום אוועק פון אַפּים.‟

„פאַרוואָס האָסטו נישט געוואַרט, ביז איך וועל קומען צו דיר?‟

„מיין בעסטן דאַנק, מיין חכם,‟ האָט זי געענטפערט מיט איראָניע. „איך וויל ווייסן, ווו איך האַלט מיט דיר. איך וויל געוויסהייט.‟

„געוויסהייט? גוט, איך וועל זי דיר געבן.‟

„שוין לאַנג צייט געווען.‟

„עס איז אמת, וואָס איך האָב געזאָגט: איך בין אויף דיר נישט ברוגז. איך האָב פאַרגעסן דאָס געשעענע. נאָר אין מיר גופא איז עפּעס פאַרגעקומען, וואָס האָט מיך דערווייטערט פון יעדן געדאַנק פון חתונה האָבן.‟

„פאַרוואָס־זשע האָסטו מיר נישט געשריבן, אַז צווישן אונז איז אַלץ אויס?‟

„איך האָב דיר געשריבן, וואָס איך האָב דיר איצטער געזאָגט.‟

„איך האָב עס דאָרטן נישט פאַרשטאַנען און פאַרשטיי דיך איצטער אויך נישט. איך פאַרשטיי נישט, וואָס קאָן פאַרקומען אין איינעם, ער זאָל זיך פּלוצלונג דערווייטערן פון יעדן געדאַנק פון חתונה האָבן — אַזוי האָסטו עס דאָך געזאָגט? — איך מוז האָבן אַ באַזונדערע אינטעליגענץ, אַז איך האָב עס דיר געקאָנט נאָכזאָגן נישט פאַרשטייענדיקערהייט. איך פאַרשטיי קלאָרע דיבורים. האָסט געדאַרפט מיר שרייבן און איצטער מיר זאָגן: צ ו ו י ש ן א ו נ ז א י ז א ל ץ א ו י ס.‟

„וואַרט אַ ווײַלע: איז צווישן אונז וואָס געווען?‟

„ווי? דו פרעגסט?‟

„געווים פרעג איך. איז צווישן אונז געווען עפּעס אַ פאַרשפּרעך, אַ פאַרשטענדניש? האָסטו פון מיר געהערט אַ וואָרט פון פאַרבינדונג?‟

„און דו הייסט אַן ערלעכער מענטש, מר. אַרנאָלד לעווענבערג?‟

„איך באַדויער שטאַרק, וואָס דו ביזט אַנטוישט, מיס קעמרין שופּרא.‟

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן, געדריקט די צײַנער, איבערגע־לייגט עפּעס.

„איז צווישן אונדז אַלץ אויס?"

„אויס — אויב דו ווילסט עס הערן."

„דאַרף איך עס טאַקע וועלן."

ער האָט אויפגעקוקט צו איר.

„וואָס מיינסטו מיט דעם?"

„איך מיין, אַז איך דאַרף וועלן: עס זאָל זײַן א ו י ס."

ער איז אויפגעשפּרונגען.

„וואָס איז עס — דראָאונגען, סטראַשונקעס?"

זײַן געזיכט איז געוואָרן האַרט, זײַנע אויגן האָבן אויפגע־פלאַמט. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ער דאַרף אויפעפענען די טיר און הייסן איר אַרויסגיין. וואָס צערעמאָניעט ער זיך מיט איר? פאַרוואָס איז ער געווען אַזוי קליינמוטיק? פאַרוואָס האָט ער איר גלייך נישט געזאָגט, אַז זי איז געקומען אומזיסט? וואָס האָט ער פאַר איר מורא?

זי האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם אויסדרוק פון זײַן גע־זיכט און אין מאָמענט באַגריפן, אַז מיט די סטראַשונקעס, וועל־כע זי האָט זיך אויסגעאַרבעט, וועט זי נאָך קאַליע מאַכן. איז איר איינגעפאַלן, אַז איצטער איז פּאַסנדער צו צעוויינען זיך. זי האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, דערנאָך אָפּגעקערט אים, אָנגעהויבן שווער צו אָטעמען און פּלוצלונג באַהאַלטן דאָס געזיכט אין די הענט און אָנגעהויבן צו וויינען. פּונקט אַזאַ סצענע האָט זי נישט לאַנג צוריק געזען אין אַ „מוווי".

ע ר האָט דידאַקטיק סצענע אין אַ „מוווי" נישט געזען — און האָט זיך פאַרלאָרן. ער האָט געקאָנט דערוואַרטן פון איר אַלץ אין דער וועלט: געשרייען, אויגן־אויסקראַצעניש, אַ קינזשאַל, אַ רעוואָלווער, אָבער נישט טרערן. אָבער טרערן נישט פון כעס און בייזקייט, טרערן נישט פון מאַכטלאָזיקייט, נאָר טרערן פון בענקעניש, פון נישט־פאַרשטאַנען־ווערן, פון פאַרלאָרנקייט, שטיל און איינגעהאַלטן און פאַרשעמט. טרערן, וועלכע ווערן גע־מריקנט מיט אַ גלעט און אַ קוש און אַן אומאַרמונג. ער האָט דאָס נישט געטאָן. אָבער ער האָט פאַרלאָרן זײַן האַרטקייט און כעס.

און ער האָט באַדאַרפט באַקעמפן אין זיך דאָס אויפשטייגנדיקע געפיל, אַז דידאָזיקע רייצנדיקע שיינקייט האָט ער אַמאָל געהאַלטן אין זיינע אָרעמס און משונהדיק געקושט. ער האָט עטלעכע מאָל אַ קוק געטאָן צו דער טיר פון זיין אָפיס — הערט מען דאָרטן, הינטער דער טיר, דעם שטילן געוויין? — נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן, צוזאַמענגעקניטשט אַ שטיקל פּאַפּיר און געדריקט, גע־דריקט עס, ענדלעך אַ שמייכל געטאָן עס און אַרויסגעצישט:

„אַ, הער אויף צו וויינען."

זי האָט אויפגעהערט צו וויינען, אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַרויפגערוקט דעם מאַנטל אויף זיך, גענומען צוקנעפּלען אים, צוריק אויפגעעפנט און אַראָפּגערוקט אים און צוגעדרייט איר קאָפּ צו אַרנאָלדן. אירע אויגן זיינען טאַקע געווען פאַרוויינט, אָבער דער אויסדרוק פון איר געזיכט איז נישט ווייכער געוואָרן. זי האָט געקאָנט אַרויסרופן ביי זיך טרערן, נאָכקרימען אומגליק־לעכקייט, אָבער נישט נאָכמאַכן ווייכקייט.

„קאָנסט זיך נישט פאָרשטעלן, אַז מען זאָל זיך אין דיר פאַרליבן?" האָט זי שאַרף אַרויסגערעדט.

ער האָט זי צוערשט נישט פאַרשטאַנען, האָט זי אָנגעקוקט. זי האָט אויסגעצויגן דעם האַלז—דעם האַלז, וועלכן ער האָט אַמאָל געדריקט אין גרויסער פאַרגעסנקייט, אויסגעשטעלט די ליפּן — די ליפּן, וועלכע ער האָט אַמאָל ליידנשאַפטלעך, פאַרשיכורט גע־קושט, פאַנאַנדערגעעפנט זיי, געבליבן זיצן, די אויגנדעקלעך אַראָפּגערוקט אין פאַרשמאַכטקייט.

„דו ביזט פאַרליבט אין מיר?" האָט ער געפרעגט איראָניש, אָפּלאַכנדיק.

„אַרנאָלד!" האָט זי אויסגערופן און איז אויפגעשפּרונגען גרייט אַריינצוּוואַרפן זיך אין זיינע אָרעמס, אַרויפוואַרפן זיך אים אויפן האַלז, ווידער פאַנאַנדערוויינען זיך.

טעלעפאָן. קאַליע געמאַכט איר אַ סצענע. זי האָט שיר נישט אויסגעזידלט זיך הויך אויפן קול. זי איז געוואָרן בייז. אָבער ביז וואַנען ער האָט אַראָפּגענומען דאָס טרייבל, האָט זי זיך געפונען. ווען ער האָט צוגעווענדט צו איר די אויגן, מיטן מויל ביים אויפ־

נעמער, האָט ער געזען אַן אויסגעצויגענעם האַלז, אויסגעשטעלטע ליפּן און אויסגעצויגענע בעטלענדיקע הענט.

די מיידל ביים טעלעפאָן האָט אים אָנגעזאָגט, אַז דרויסן שטייען צוויי הערן, ווילן אים זען. ער האָט געענטפערט, זיי זאָלן וואַרטן אַ ווײַלע.

„איך באַדויער," האָט ער זיך געווענדט צו קעטרין. „וועסט מיך מוזן פאַרלאָזן."

„אָ, ניין, נישט איצטער. זאָלן זיי דאַרטן לאַנג וואַרטן. שיק זיי אַוועק. איך האָב דיר נאָך נישט געזאָגט..."

„ניין, דו וועסט איצטער אַוועק."

„ביזט צופרידן, וואָס דו קאָנסט מיך אַוועקשיקן."

„גיי, קעטרין!"

„ווען וועלן מיר זיך זען?"

„איך האָב דיר געשריבן, געזאָגט דיר."

„קיינמאָל נישט?"

ער האָט געשוויגן.

„דו האָסט מיר געשריבן, איך זאָל האָבן געדולד. ווען איך וועל ווידער פאַרלירן די געדולד, וועל איך ווידער קומען."

ער האָט געשוויגן. אין איר האָט עס געקאָכט. וואָס האַלט זי אָפּ צו מאַכן אַ סקאַנדאַל? אָבער זי האָט אינסטינקטיוו געפילט, אַז דעם סקאַנדאַל מאַכן וועט זי קיינמאָל נישט אָנווערן. זי וועט נאָך אָנגיין מיט איר ליבע־שפּיל — און זי נעמט זיך צוזאַמען, ציט אויס האַלז און ליפּן.

„וועסט מיך אַ קוש טאָן?"

און ער האָט געענטפערט האַרט און אומגעדולדיק:

„איך האָב דיר שוין איינמאָל געזאָגט."

„אַ קליינעם קוש."

„גיי, קעטרין!"

„קום, באַגלייט מיך."

ער האָט אָנגעקנייטשט דעם שטערן.

„גוט."

אין וואַרט־צימער זיינען געווען די צוויי הערן אין אונטער־האַלטונג מיט אַ פּאָר אָנגעשטעלטע, און די טעלעפאָן־מיידל.

אַרנאָלד האָט זיך באַגריסט מיט די צוויי הערן און צוגעפירט קעט־רין צו דער טיר, געשטאַנען אַזוי, אַז זי זאָל זיך נישט קאָנען אַרויפוואַרפן אים אויפן האַלז. ער האָט זיך געריכט אויף דעם. אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט פאַרוואָרענען קעגן איר צונג.

„ווּעסטו קומען צו מיר די טעג, יאָ, טייערער?" האָט זי אַרויסגערעדט אַזוי, אַז אַלע האָבן געמוזט הערן.

אַרנאָלד האָט זיך פאַרלאָרן, נישט געענטפערט. געעפנט איר די טיר, אָפּגעטראָטן.

„יאָ?" האָט זי איבערגעפרעגט און נישט געמאַכט קיין באַ־וועגונג אַוועקצוגיין.

„איך וועל שוין קומען," האָט ער שוואַך אַרויסגערעדט.

זי האָט טריאומפירנדיק אַ שאָס געטאָן אויף אים אירע אויגן. אַ וואָרף געטאָן אַ בליץ־בליק אויף די איבעריקע מענער אין דעם צימער, קאָקעטיש אויפגעלאַכט און — די הענט אין די זייטן — אַוועקגעטענצלט.

ארנאָלד האָט געוווּסט, אַז ער וועט האָבן אויסצוטאַנצן מיט
געטרין אַ שווערן טאַנץ, אָבער ער האָט נישט געטראַכט וועגן
דעם, נישט געוואָלט אָפּגעבן זיך מיט טראַכטן וועגן דעם. עס האָט
אים נאָר שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס ער איז נישט געוועזן שטאַרק
גענוג אָפּצוּוענדיקן מיט איר, ווען זי האָט אים באַזוכט אין זיין
אָפּיס. ער איז געוועזן שוואַך, און דאָס באַוווּסטזיין דערפון האָט
אים גענאָגט און שווער געמאַכט דאָס האַרץ. אָבער ער איז גע־
וועזן פריי פון איר, אינערלעך פריי. ער האָט זיך געקאָנט דערמאָ־
נען אויף איר מיט דער גרעסטער קאַלטבלוטיקייט. און גאָרנישט
דערמאָנען זיך אויך.

ער האָט געפונען פאַרגעסנקייט אין זיין געשעפט, וואָס איז
געגאַנגען זייט נאָך דער מלחמה נישט ווי עס דאַרף צו זיין. אָבער
אויך אין דער אויפרעגונג, אין וועלכער דאָס אַרומיקע לעבן, דאָס
לעבן פון דעם לאַנד, האָט אים פאַרזעצט.

ער האָט געזען, ווי אַ וואָלקן פון שוואַרצער רעאַקציע לאָזט
זיך אַראָפּ אויף דעם לאַנד פון דער אומאָפּהענגיקייטס־דערקלע־
רונג, וואַקסט אַלץ דיקער און דיקער און דראָט צו פאַרשלינגען
דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן.

און די געזעלשאַפט — די געזעלשאַפט, וועלכע האָט ערשט
נישט לאַנג שטאָלצירט מיט איר דעמאָקראַטיע און געחזרט הויך
און זעלבסטבאַוווּסט די שיינע ווערטער פון דעם רעוואָלוציאָנערן
אידעאַליזם פון די בויער פון אַמעריקע, — דידאָזיקע געזעלשאַפט

האָט איצטער אויפגענומען די רעאַקציע, ווי עטוואָס זעלבסטפאַרי־שטענדלעכס, אויסגעשטרעקט צו איר די האַנט, ווי די דריי וואַנ־דערער אין דער ביבל צום מזרח־שטערן, צוגעדריקט זי צו איר בוזעם, אַריינגענומען זי אין זיך און דערביי נישט אויפגעהערט היפּאָקריטיש צו רעדן מיט דעם לשון פון די אַלע פרייהייטן און גייסטיקע דעראָבערונגען, וועלכע די רעאַקציע האָט זיך צוגעקליבן צו פאַרניכטן.

די סימנים האָבן זיך געמערט.

קודם־כל, דער מיליטאַריזם. עטוואָס, וואָס די מלחמה האָט געזאָלט פאַרניכטן, איז אַרויסגעקומען דער גרעסטער זיגער.

די מלחמה איז אַריבער. מיט קליינעם מענטשן־פאַרלוסט און גרויסן מאַטעריעלן געווין פאַר אַמעריקע. דער פיינט, אין וועלכן די פאַרייניקטע שטאַטן האָבן גאָר קיינמאָל קיין פיינט נישט געזען און נישט פאַרמוט און וועלכער איז קיינמאָל נישט געווען פאַר זיי קייןווירקלעכע געפאַר, איז געלעגן צושמעטערט און פאַרניכט. אויב אין דער ווייט־ווייטסטער צוקונפט איז געווען די קלענסטע מעגלעכקייט, אַז דייטשלאַנד זאָל ווערן געפערלעך פאַר אַמעריקע, איז זי איצטער אַבסאָלוט פאַרשוווּנדן.

און דאָך! און דאָך האָט אַמעריקע באַשלאָסן נישט אויסצו־כאָן פון זיך דעם באַוואָפענונגס־פאַנצער. ווי זי וואָלט טאָג־טעגלעך געדאַרפט מורא האָבן פאַר דעם פיינט. נישט בלויז האָט דער קאָנ־גרעס אָפּגעשטימט אויסצוהאַלטן אַ גרויסע שטייענדיקע אַרמיי, עס איז געשען עטוואָס אַ סך ערגערס. מען האָט אָנגעהויבן צו פאַרמיליטאַריזירן דעם גייסט פון דעם פאָלק, אַריינגעבן אין דעם בלוט פון יונג און אַלט — דער עיקר פון יונג — דעם סם פון מיליטאַריזם. דאָס, וואָס איז פריער געווען אַ שרעק פאַר די קינ־דער אין די וויגן — דער פּרייסישער מיליטאַריזם — איז פּלוצ־לונג געוואָרן אַן אָפּגאָט. פריער געשלאָגן און באַשפּיִט, איצטער געבוקט זיך. אין ווילהעלמס פּרייסן דעם קייזערס ראָק, אין וויל־כאָנס אַמעריקע דעם סאָלדאַטס מונדיר — הייליק! הייליק! היי־ליק! קינדער, יונגע קינדער, קוים זייערע פּיסלעך געשטאַרקט — און שוין אין סאָלדאַטן־קליידער און סאָלדאַטן־מאַרש, אונטער פּויקן־געפּויק און פּיפּל־געפּייף.

איינמאָל אין אַ זונטאָג בייטאָג, ווען ארנאָלד איז געזעסן ביי זיך אין צימער און געלייענט אַ בוך, האָט ער דערהערט אונטן אין גאַס פויקן־קלעפּ און פייפל־געפייף און מאַרש־שריט. אום זונ־טאָג, דעם טאָג, ווען קירך און קלויסטער הילכן אָפּ מיט גאָטס־פאַרכטיקע און מענטשן־ליבנדיקע פּסוקים פון דער ביבל.

ארנאָלד איז געוואָרן נייגעריק, צוגעגאַנגען צום פענסטער, ארויסגעקוקט.

דאָס האָבן מאַרשירט קליינע יינגלעך, אין עלטער פון צען ביז דרייצן. אָנגעטאָן סאָלדאַטיש, אין סאָלדאַטישן מאַרש, רעכטס־לינקס, רעכטס־לינקס, אונטער די קלאַנגען פון סאָלדאַטישער מו־זיק. די אַמעריקאַנער צוקונפט אין פּרייסישער פאַרגאַנגענהייט.

ער ווייס נישט, ווי דאָס איז געשען, אָבער אים איז פּלוצ־לונג ווייך געוואָרן ביים האַרצן. אַ געוויין איז אים אָנגעשטיגן צום האַלז. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן פענסטער־ברעט און זיך צעוויינט.

שפּעטער אין טאָג האָט אים באַזוכט זיין קוזין דזשאָן און דערציילט אים פאַרשיידענע מלחמה־דערפאַרונגען. צווישן זיי אויך אַ מעשה וועגן אַ פראַנצויזישן סערזשאַנט, וועלכער האָט זיך פאַר אים באַקלאָגט, אַז אין איין אַטאַקע האָט ער פאַרלאָרן זיין באַיאָ־נעט. אַריינגעשטאָכן אים אין אַ „באָש" און נישט געקאָנט ארויס־נעמען. צו טיף אַריינגעשטאָכן. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיטן פוס אין דעם באָשס בויך. געשלעפּט, געשלעפּט און נישט געקאָנט ארויסשלעפּן. פאַרדאַמטער באָש! ווי ער וואָלט צוגעהאַלטן דעם באַיאָנעט... געמוזט איבערלאָזן דעם באַיאָנעט ביים באָש אין בויך, אָבער דערפאַר אַ גוטן בריקע געטאָן אים מיטן פוס...

לאָזט זיך אויס, אַז דערדאָזיקער סערזשאַנט איז געוועזן אַ פעלד־גלח. נאָך דער אַטאַקע, אין וועלכער ער האָט געמוזט איבערלאָזן זיין באַיאָנעט אין דעם באָשס בויך, האָט ער אָנגעטאָן אויף זיך זיין גלח־מאַנטל און אָפּגעדאַוונט מיט די סאָלדאַטן. גע־לייענט פאַר זיי פּסוקים פון דער ביבל.

„ווייסטו אפשר, וועלכע פּסוקים ער האָט דעמאָלט פאָרגע־לייענט?" האָט ארנאָלד געפרעגט.

דזשאָן האָט דערציילט דעמדאָזיקן גלח־סערזשאַנט פון אַן

אנדער פראַנצויזישן גלח־סאָלדאַט, וועלכער האָט נישט געוואָלט טויטן. ער האָט זיך געבעטן זיין אַ סאַניטאַר. האָט מען אים אויס־געזידלט. אין דעם ערשטן געשלעג, אין וועלכן ער האָט אָנטייל־גענומען, איז ער שווער פאַרווונדעט געוואָרן. פאַרן טויט האָט ער געדאַנקט, וואָס ער שטאַרבט, איידער ער האָט עמעצן דערהרגעט.

„ער איז געווען אַ שלעכטער פראַנצויז,‟ האָט דערויף באַ־מערקט דער גלח־סערזשאַנט.

„וואָס דאַרף זיין אַ פרומער קריסט: אַ גוטער פּאַטריאָט אָדער אַ גוטער קריסט?‟ האָט דזשאָן אים געפרעגט.

„די מלחמה איז דער ענטפער,‟ האָט דער פראַנצויז געענט־פערט.

יאָ, די מלחמה איז געווען דער ענטפער. רעליגיע האָט באַנקראָטירט, אַלע הויכע אידעאַלן האָבן באַנקראָטירט. שטאַט און האַנדל און אייגנטום האָבן זיך אַרויסגעוויזן די הייליקסטע דריי־אייניקייט, און דריי מאָל הייליק זייער באַשיצער — דער מיליטאַ־ריזם.

דערפאַר סאָלדאַטן־פּאַראַדן פון קליינע קינדער אין הייליקן זונטאָג.

דערפאַר שמאַכטן אין די געפענגענישן פון אַמעריקע הונ־דערטער יונגע מענטשן, וועלכע האָבן נישט געוואָלט אָנערקענען די הייליקייט פון דעם מיליטאַריזם און געוואַגט אָפּצוזאָגן זיך צו דינען אים. די מלחמה איז פאַרביי, דער פיינט איז פאַרניכטעט. אַמע־ריקע איז געוואָרן דאָס שטאַרקסטע און רייכסטע לאַנד. אָבער די־דאָזיקע יונגע מענטשן מוזן געהאַלטן ווערן אונטער שלאָס און גראַטע. מען מוז זיך נוקם זיין אָן זיי, פאַרוואָס זיי האָבן נישט געוואָלט איינריכטן זייערע הענט אין בלוט אין נאָמען... אין נאָ־מען פון וואָס?... פון וועמען?...

אין נאָמען פון אַ שטאַט, וועלכער וויל שטאַרק זיין און זאָגט זיך אָפּ פון אַלע אידעאַלן, וועלכע האָבן אים געמאַכט שיין און דערהויבן און הייליק.

אָ, בלוטיקע רעאַקציע!

און די גרויסע שאַנד פון דער פאַרפאָלגונג פון די סאָציאַ־ליסטישע אַסעמבלימען אין דעם גרעסטן און פּראָגרעסיווסטן

שטאַט אין לאַנד! זיי זיינען אויסגעקליבן געוואָרן פון פאָלק, זיי האָבן פאַרטראָטן דאָס פאָלק, זיי האָבן זייערע ווײַלער מיט קיין איין וואָרט נישט פאַרראָטן. זייערע ווײַלער האָבן זיי נישט אויפ־געפאָדערט צוריקצוטרעטן. אָבער די שענדלעכע רעאַקציע האָט זיך נישט געקימערט וועגן די רעכט פון פאָלק. זי קען נאָר מאַכט. איז שיכור פון מאַכט. און היפּאָקריטיש, רעדנדיק אַמעריקאַניזם, איז זי אַרויסגעטרעטן צו פאַרניכטן אַלדאָס שיינע און גוטע, וואָס מען איז געוווינט געוואָרן צו פאַרמוטן הינטער דעם וואָרט „אַמע־ריקאַניזם״.

אַ גרויסע טרויעריקייט האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַרנאָלדן. ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעלעבט דאָס, וואָס ער האָט איבערגע־לעבט אין אָנהייב פון דער מלחמה.

אין זיין קרייז זיינען געוועזן זייער ווייניק מענטשן, וועלכע האָבן געטראַכט אַזוי ווי ער. דאָס רוב גאַנץ גלייכגילטיק צו דעם, וואָס עס קומט פאָר, און אַ סך, וועלכע זיינען געוועזן צופרידן מיט דעם, וואָס עס קומט פאָר. די רעאַקציע איז נישט געקומען פון אויבן, פון אַן אויטאָקראַטישער רעגירונג. זי האָט זיך גע־שפּאַרט פון אַלע זייטן. ווי פון אומצייליקע ריסן אויף אַ קאָכיקן ווולקאַן שפּאַרט זיך אַרויס פאַרניכטנדיקע לאַווע און שטיקנדיקער דאַמף און שוועבל־געריך.

ווען עס האָט זיך אים פאַרוואָלט גוט אויסרעדן זיך, האָט ער זיך געזען מיט פעלדמאַנען, באַזוכט אים אין זיין אָפיס. אין אים האָט ער געפונען אַ מיטפילער. געפונען אין אים דעמזעלביקן טרויער. און געוווּנדערט זיך, ווען פעלדמאַן האָט אים דערקלערט, אַז יעדער קאַמף קעגן דער רעאַקציע איז אוממעגלעך און אויס־זיכטלאָז. נישטאָ וועמען אַנטקעגנצושטעלן, האָט דער אַרבעט־פירער געקלאָגט זיך. נישטאָ קיין אָרגאַניזירטע מאַכט. ווען אין אַמעריקע וואָלט געוועזן אַן אַרבעטער־באַוועגונג, אָרגאַניזירט אויף די פּרינציפּן פון קאַמף פאַר אַ בעסערער און פרייערער מענטש־הייט, וואָלטן מיר דאָ די רעאַקציע נישט געהאַט. די פּראָגרעסיווע אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט וואָלט געקאָנט דערפאָלגרייך באַ־קעמפן זי. אָדער אפילו נישט צולאָזן זי. ווי זי איז איצטער, איז זי אפילו אַן אונטערשטיצונג פון דער רעאַקציע. גיט זי איך צו־

שטימונג און ברכה צו אַלץ, וואָס די רעאַקציע טוט. דער סאָציאַ־ליזם איז אַ גרויסער אמת און אַ ווירקלעכע דערלייזונג פון דער לײַדנדיקער אַרבעטנדיקער מענטשהייט, אָבער, ליידער, האָט ער נאָך נישט געפונען דעם וועג צום קאָפּ און האַרץ פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער.

ווי אַזוי־זשע וועט פאָרט קומען די ישועה?

אפשר דורך דער רעאַקציע אַליין. די רוסישע באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע האָט נערוועז געמאַכט די אַמעריקאַנער געזעלשאַפט. זי האָט אָנגעהויבן צו זען רויט. דאָס נוצן אויס די פירער פון דער רעאַקציע. זיי זאָגן, אַז זיי מוזן דערשטיקן די שלאַנג פון דער רעוואָלוציע, איידער זי איז נאָך געבאָרן געוואָרן. אַרויפלייגן שטיינער אויפן לאָך, וואָס קאָן ווערן אַ שלאַנגען־נעסט. זיי ווייסן נישט, אַז אָנגעוואָרפענע שטיינער זיינען ערשט דאָס ריכטיקע שלאַנגען־נעסט. די אומזיניקע רעאַקציע וועט סוף־כל־סוף פירן צו דער רעוואָלוציאָניזירונג פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער־מאַסן, און דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט בכלל.

און ביז דעמאָלט — דאַרף מען גאָרנישט טאָן?

ניין, טאָן דאַרף מען שטענדיק. דאָס טאָן איז דער טראָפּן וואַסער, וואָס קאָן אָפּשלייפן אַ גרויסן שטיין דורך אומאויפהערלעכן פאַלן אויף אים. און עפּעס ווערט שטענדיק געטאָן. דאָ און דאָרטן אַ פּראָגרעסיווע צייטונג, דאָ און דאָרטן אַ פּראָגרעסיווע געזעלשאַפט; דאָ און דאָרטן פאַלט אַ פּראָגרעסיוו וואָרט.

„וואָלט איר נישט געוואָלט זיין אַזאַ טראָפּן?"

„ווי?" האָט אַרנאָלד לאַנגזאַם אַרויסגערעדט.

„די רעאַקציע געפינט די קעשענעס פון די אַמעריקאַנער מיליאָנערן ווייט אָפן. דער קאַמף מיט איר מוז אויך האָבן געלט־מענטשן."

„ליידער איבערשאַצט איר מיך," האָט אַרנאָלד געזאָגט. „איך געהער נישט צו די מיליאָנערן. אָבער איך בין וויליק מיט וואָס איך קאָן. זאָגט מיר, וואָס קאָן איך טאָן."

„וואָלט איר געקאָנט גרינדן אַ טעגלעכע צייטונג?"

„אָ, ניין. אַ טעגלעכע צייטונג פאָדערט אַ סך מער, וויפל איך קאָן פאַרווענדן."

„גרינדן אָדער אונטערשטיצן אַ וועכנטלעכע?"

„מעגלעך."

פעלדמאַן האָט אים אויסגעלייגט אַ גאַנצן פּלאַן. אין אַר־נאָלדן האָט זיך עפּעס אָנגעצונדן. ער האָט זיך דערזען אַקטיוו און נוצלעך. און אַ וואַרעמקייט האָט זיך איבער אים צוגאָסן, צו־שמאָלצן אין אים דאָס אייז פון דעם טרויער.

„איר געדענקט אונזער געשפּרעך דעם אָוונט ביי דר. מע־ריאַן דייוויס?" האָט ער געזאָגט. „איך האָב אויסגעדריקט די פּע־סימיסטישע געדאַנקען וועגן דער צוקונפט פון דער מענטשהייט. איך בין דעמאָלט געווען אין אַזאַ שטימונג. אָבער עס איז מעג־לעך, אַז איך האָב געטראָפן דעם אמת. דאָך אונזער רעאַקציע דאַרף באַקעמפט ווערן. איבעריקנס, וואָס מאַכן אונזערע פריינט, מיס מאַנקאָף און מר. מאַרדין?"

„מר. מאַרדין איז אין פּאַלעסטינע..."

„יאָ, דאָס ווייס איך."

„און מיס מאַנקאָף איז אַוועקגעפאָרן צו אים."

„אַוועקגעפאָרן? ווען?"

„אָ, שוין אַ לענגערע צייט צוריק."

„און איך האָב פאַרשפּראָכן צו זיין אונטערפירער!"

„איך האָב דאָס אויך געדאַרפט ביי זיי זיין."

„אַ ווויל מיידל."

„און ער איז אַ ווױלער בחור."

„און מיר ביידע האָבן אָנגעווירן אונטערפירערשאַפט," האָט ער זיך צולאַכט מיט אַן אומרואיקן געוואָלטן געלעכטער.

פאַרן אַוועקגיין האָט ער זיך נאָך דערמאָנט צו פרעגן, וואָס איז געוואָרן מיט דעם סאָלדאַט, וועלכער האָט נישט געוואָלט שיסן.

„אויב איר ווילט אים זען, קאָנט איר אים גלייך זען."

ער האָט אַראָפּגענומען דאָס טרייבל פון טעלעפאָן און גע־בעטן, מען זאָל אים אַריינשיקן בענען.

באַלד איז אַריינגעקומען אַ הויכער זעקס־פוסער מיט ברייטע פּלייצעס און אַ דיקן, פולן געזיכט, מיט זייער גוטע, בלויע אויגן. פעלדמאַן האָט פאָרגעשטעלט:

,,מיין ברודער.''

אַרנאָלד האָט אויסגערופן: ,,אָ!'' און זייער וואַרעם געדריקט די האַנט דעם ריז.

,,איך ווייס אייער געשיכטע,'' האָט ער געזאָגט. ,,און איך האָט טאַקע נישט געשאָסן ביז צולעצט?''

,,נישט איין קויל,'' האָט בען געזאָגט. ,,מיינע הענט זיינען ריין.'' ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט, באַטראַכט זיי מיט ליבע און שטאָלץ.

,,דערלויבט מיר צו פרעגן, פאַרוואָס זייט איר נישט געוואָרן קיין ,,קאָנשיענשאַס אבדזשעקטאָר''?''

,,צופיל רעש. איך האָב אים פיינט. אַזוי האָב איך ביי מיר אָפּגעמאַכט: איך וועל זיין אַ סאָלדאַט, אָבער טויטן וועל איך נישט.''

,,זייט איר געוועזן אַ סך אַזעלכע?''

,,שווער צו וויסן. מען קאָן קיינמאָל נישט וויסן, ווער עס שיסט און ווער עס שיסט נישט. אָבער איך האָב געקענט נאָך עט־לעכע...''

,,אויך מענטשן, וועלכע האָבן פיינט געהאַט רעש?''

,,ניין. דאָס זיינען דווקא געוועזן אַזעלכע, וועלכע זיינען שטאַרק באַגייסטערט געוועזן פאַר דער מלחמה. זיי האָבן געגלויבט אַלץ, וואָס איז געזאָגט געוואָרן אין דער מלחמה־פּראָפּאַגאַנדע. אָבער אַז זיי זיינען געקומען אין פראַנקרייך, האָבן זיי אַנטדעקט די ליגנס, וואָס מען האָט זיי אָנגעזאָגט. דעמאָלט האָבן זיי ביי זיך אָפּגעמאַכט נישט צו מאָרדן.''

,,און האָבן נישט געשאָסן?''

,,קיין איין קויל נישט.''

אַרנאָלד האָט דערציילט דעם פאַקט מיט דעם פראַנצויזישן גלח־סאָלדאַט, וועלכער האָט נישט געוואָלט שיסן און איז דאָך געגאַנגען שיסן.

,,איך בין גאָרנישט רעליגיעז,'' האָט גוטמוטיק געשמייכלט דער ריז. ,,מיך האָט נישט גאָט אָפּגעהאַלטן פון צו שיסן און צו מאָרדן, אָבער די ליבע צום מענטש. איך האָב געהאַט אַ סך צו־זאַמענשטויסונגען מיט דייטשן. איז ווען איך האָב געמוזט, האָב

איך געברויכט מיינע פויסטן. איך האָב צוגעזען, אַז דער דייטש זאָל אויך קיין מאָרד נישט באַגיין און זיך נישט פאַרשולדן אין מיין טויט. אין די פּאַפּירן פון מיין אָפּטיילונג וועט איר געפינען, וויפל דייטשן איך האָב געפאַנגען גענומען. איך האָב זיך גערעכנט פאַר איינעם פון די בעסטע סאָלדאַטן.״

ארנאָלד האָט געמוזט דענקען וועגן דעם פראַנצויזישן גלח־פערזשאַנט, וועלכער האָט, נעבעך, נישט געקאָנט אַרויסשלעפּן זיין באַיאָנעט פון דעם דייטשס בויך.

## V

ארנאָלד איז אוועק פון פעלדמאַנען אין אַ בעסערער שטי־מונג. ער וועט עפּעס טאָן. ער וועט ווערן נוצלעך.

עס האָט אים אויך געפרייט די באַגעגענונג מיט דעם סאָל־דאַט, וועלכער איז געגאַנגען אין דער מלחמה אוים פיינטשאַפט צו דעם רעש פון רעקלאַמע און האָט נישט געשאָסן אוים ליבע צו זיינע מיטמענטשן. ער איז געווען אַנטציקט, וואָס עס זיינען פאַ־ראַן אַזעלכע מענטשן אויף דער וועלט. די וועלט איז דאָך נאָך אַלעמען נישט אַזוי שלעכט. און ווען די, וועלכע האָבן גוטסקייט און גרויסע מענטשלעכקייט אין זיך, זאָלן נאָך אונטערשטעלן דעם רוקן, זיין אַקטיוו, טאָן עפּעס, קאָן מען ווירקלעך וואָס דערגרייכן, איז יעדע רעאַקציע אַ פאַרבייגייענדיקער וואָלקן.

עס האָט געזונגען אין אים, און דערביי האָט ער געפילט, אַז עפּעס פעלט אים, אַז אין אים, טיף ביי אים אין האַרצן, זיצט אַ בענקעניש. ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ טראַכט צו טאָן וועגן דער בענקעניש, האָט ער באַמערקט, אַז זי פירט צו דער אוועקגעפאָרענער אָלגאַ מאַנקאָף.

„אַ שאָד,” האָט ער אַ זאָג געטאָן אין זיך. דערנאָך אויך אַ טראַכט געטאָן: „אַפילו קיין זיי־געזונט נישט געשריבן!” עס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס ער האָט אַזוי ווייניק איינדרוק געמאַכט אויף דערדאָזיקער „ווילער מיידל”.

עס וואָלט געווען אַזוי גוט, ווען ער וואָלט געקומען צו איר אין זיין איצטיקער שטימונג. זי איז געווען די ערשטע, וועלכע

האָט אים דערמאָנט, אַז מען דאַרף „טאָן”. ער איז דורכגעגאַנ־גען אין קאָפּ די פּאָר געשפּרעכן מיט איר, געזען זי לעבן זיך אין אויטאָמאָביל. פיליכט, ווען ער וואָלט דעמאָלט געווען אין דער איצטיקער שטימונג פון וועלן טאָן, וועלן נוצלעך זיין — ווער ווייס?... אָדער ווען זי וואָלט איצטער געווען אין ניו־יאָרק און נישט מאַרדינס כלה, און ער וואָלט איצטער געקומען צו איר... אַך, יאָ! נאַריש!...

ער האָט גענומען פאַרשרייען אין זיך די בענקעניש, אַראָפּ־דריקן זי טיפער אין האַרצן, פאַרטרייבן זי אין די געגנטן פון דעם אונטערבאַוווּסטזיין. אָבער פון דיזעלביקע געגנטן איז אַרויס־געקומען אין פולער קלאָרקייט, אַז ער וואָלט איצטער געוואָלט האָבן לעבן זיך אַ פרויען־וועזן און דורכרעדן זיך מיט איר וועגן דעם, וואָס ער לעבט איצטער דורך. עס איז דאָך גוט דער פריינט־לעכער ליבפולער בליק פון די פרויען־אויגן! ווי שטאַרקנדיק ווירקט דער דרוק פון אַ פרויען־האַנט! ער האָט קיינעם נישט. דאָך נישט די בעסטע קעטרין! זי קאָן אָפּטויטן יעדע אויפלעבונג. גאָט באַוואָר, נאָר נישט טראַכטן וועגן איר! פאַרוואָס האָט ער וועגן איר אַ טראַכט געטאָן?!... ער וועט נאָך האָבן פון איר — קאָלט און וואַרעם... ווי וועט ער טאַקע אָפּטרייסלען זי פון זיך? זי איז אַנטשלאָסן אויף סקאַנדאַלן... זי וועט געוויס מאַכן סקאַנדאַלן... זי וועט... אַך, ער וויל דאָך נישט טראַכטן וועגן איר!... וואָס קאָן זי אים טאָן? זי קאָן אים גאָרנישט טאָן!... זי וועט אים גאָרנישט טאָן... און פאַר וועמען האָט ער מורא צו האָבן?... אין וועמעס אויגן קאָן זי אים קאַליע מאַכן?... ער האָט קיינעם נישט, קיינעם נישט... אָלגאַ מאַנקאָף איז ווי אַ מעטעאָר דורכגעגאַנגען. אויפ־געשיינט און אַוועק. און ווי דער מעטעאָר האָט זי אפילו נישט געוווּסט, אַז זי האָט עמעצן אויפגעשיינט, עמעצן עפּעס באַ־לויכטן... מעריאָן, טערעזע — גאָרנישט צו אים... ווען מעריאָן וואָלט געווען אין שטאָט, וואָלט ער צו איר אַריין, דורכגערעדט זיך מיט איר. זי איז טאַקע אים גאָרנישט, אָבער עס וואָלט געווען אָנגענעם מיט איר צו רעדן. זי וואָלט אים פאַרשטאַנען, וואָלט אים צוגעגעבן מוט. זי איז אַן אָפּשיין פון אָלגאַ מאַנקאָף. מיט טערעזען איז נישטאָ וואָס צו רעדן. זי וואָלט זיך נאָר דערשראָקן

פאר זיינע אידעען. דידאָזיקע מיידל און איר גליכן זיינען דאָך די שפּייז, מיט וועלכער די רעאַקציע נערט זיך. די פּערצן פּונקטן זיינען איר געווען צווידער, האַ־האַ!...

ער האָט זיך דערמאָנט אויף ליליען ברענד. זי איז אים גאָר פון קאָפּ אַרויס, און פּלוצלונג אַרויסגעקוקט ווי פון אַ באַהאַלטע־ניש. ער האָט איצטער דערזען אירע פאַרטרערטע אויגן, מיט וועלכע זי האָט אים אָנגעקוקט, ווען ער האָט אַרויסגערעדט זיין ווידוי. און ערשט איצטער, דאַכט זיך, האָט ער באַגריפן די פיינ־קייט, מיט וועלכער זי האָט אַרויסגעזאָגט, אַז זי גייט שפּילן. און ווי צאַרט זי האָט אַרויסגעפּילט, וואָס זי זאָל שפּילן.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. פיר נאָכמיטאָג.

ער איז אַריין אין אַ טעלעפאָן־ביידל און אָפּגערופן די ברענדס. מר. און מרס. ברענד זיינען נישט געווען אינדערהיים, אָבער מיס ברענד. ליליען איז צוגעקומען צום טעלעפאָן, איבערגליקלעך צו הערן זיין שטימע. ווען ער האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט געוואָלט זי באַזוכן, האָט איר שטימע פאַרראָטן איר פרייד. ווען זאָל ער? — אָ, אויב ער איז איצטער פריי, קאָן ער אפילו גלייך.

„איז קום איך גלייך.‟

זי האָט אים אויפגענומען אין איר סטודיע. אַ גוטער, גליק־לעכער שמייכל אויף איר געזיכט. אין איר באַגריסונג איז געלעגן אַ גליקלעך אויפלאַכן. אָבער באַלד האָט זי זיך צוזאַמענגענומען, באַהאַלטן זיך, פאַררוקט זיך אין זיך. זי זאָל זיך נישט פאַרראָטן.

זי האָט נאָכגעקוקט זיין בליק, מיט וועלכן ער האָט געזוכט זיין בילד.

„נישטאָ דאָס בילד,‟ האָט זי געזאָגט.

„גרויסאַרטיק!‟ האָט ער אויסגערופן. „איצטער וועל איך קאָנען רואיקער באַטראַכטן די אַנדערע בילדער.‟

„אָבער נישט איצטער. שפּעטער.‟

„פאַרוואָס?‟

„ווייל איצטער, ווי איך, זאָלט איר זיך זעצן אָט־אָ־דאָ

לעבן מיר," — זי האָט אים אָנגעוויזן לעבן זיך אויף דער קור־שעטקע — „און מיר וועלן אַביסל רעדן."

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר אויף דער קושעטקע און דערציילט פון זיינע איבערלעבענישן, ווי אַ פּאַרטעזע־צונג פון זיין ווידוי. זי האָט זיך צוגעהערט זייער אויפמערקזאַם, אַ פּאָר מאָל נאָר צוגעדריקט דאָס לינקע אויג — דערזען עפּעס מאָלערישעס. אָבער גלייך אַוועקגעטריבן עס פון זיך. צוגעהערט, געוואָלט גאָרנישט דורכלאָזן.

„און אין אָט דער שטימונג בין איך געקומען צו אייך — אויסרעדן זיך!" האָט ער פריילעך געענדיקט.

און זי האָט דערויף געזאָגט, שטיל און געלאַסן:

„דאָס איז געווען פיין, און איך בין דאַנקבאַר אייער שטי־מונג, וועלכע האָט אייך געבראַכט. אָבער, לײדער, האָב איך אייך נישט גאַנץ פאַרשטאַנען."

דאָס איז געווען ווי אַן אָפּקילונג.

„פאַרוואָס? וואָס האָט איר נישט פאַרשטאַנען?" האָט ער פאַרוווּנדערט געפרעגט.

„איך האָב אייך געזאָגט אַמאָל, ביי אונזער ערשטער באַ־געגעניש, אַז איך פאַרשטיי נישט מלחמה. וואָס איר האָט מיר איצטער דערציילט, שמעקט אויך מיט מלחמה."

ער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, אָנגענומען איר האַנט, האַר־ציק געפּעטשלט, געדריקט.

„דאָס איז געווען גוט. איצטער פאַרשטיי א י ך."

„איך האָב נישט קיין וויטן אויסבליק — אויף פעלקער און לענדער. אַפילו נישט אויף דאָס, וואָס קומט פאָר אין איין פאָלק. איך האָב עס נישט אין מיר. איך האָב גאָר מורא דערפאַר. ווען איך הער רעדן פּאָליטיק, וווּנדער איך זיך און פאַרשטיי גאָרנישט. עס איז אפשר נאַריש און ווייניק אַנטוויקלונג, אָבער אַזוי בין איך. קאָן מיר נישט העלפן. בין מ י ר א ל י י ן גענוג — איר פאַרשטייט דאָס? ווי איך וואָלט געמאַכט אַרום זיך אַ קליינעם קרייז: אָט אין אים שטייסטו, לעבסטו דיין לעבן, גייסטו נאָך דיי־נע ליבשאַפטן, דיינע קאַפּריזן, דיינע קליינינקייטן, וועלכע זיינען

פֿאַר דיר די גרעסטע זאַכן. דאָס רוף איך: בין מ י ר אַליין גע־נוג. איר פֿאַרשטייט דאָך."

ער האָט ווידער געפּעטשלט איר האַנט.

„איך פֿאַרשטיי. איך טראַכט אפֿילו: אפֿשר וואָלט גוט גע־ווען, ווען אַלע וואָלטן אַזוי געווען. אפֿשר וואָלט דאָס דעמאָלט געווען דאָס אידעאַלע מענטשלעכע לעבן."

„זעט איר, און איך האָב דאָס קיינמאָל נישט אַ טראַכט געטאָן, און וועל עס נישט אַ טראַכט טאָן."

„גערעכט. ווען איר וואָלט דאָס אַ טראַכט געטאָן, וואָלט איר שוין געקוקט אַריבער דעם צירקל, וועלכן איר האָט געמאַכט אַרום זיך."

„דערפֿאַר, פֿאַרשטייט איר, האָב איך אייער איצטיקע איבערלעבעניש נישט געקאָנט..."

„איך פֿאַרשטיי. און האָב נישט קיין חרטה, וואָס איך האָב אייך דערציילט. איר האָט אַזוי גוט געהערט, אַז מיר האָט זיך געדוכט, אַז איר סימפּאַטיזירט מיט יעדן וואָרט, וואָס איך זאָג אַרויס."

„אייערע אויגן האָבן אַזוי געלויכטן, און איך האָב גע־זען..."

ער האָט זיך צולאַכט:

„די מאָלערין!"

„איר האָט דאָך אויף מיר קיין פֿאַראיבל נישט," האָט זי שטיל אַרויסגערעדט. „אָבער איך האָב אויך גוט געהערט, יעדעס וואָרט, יעדן געדאַנקען־קנייטש, אַזוי צו זאָגן."

„יאָ, יאָ. דאָס זיינען געווען פֿאַר איך קנייטשיקע געדאַנ־קען."

„אָ, ניין, אַזוי האָב איך עס נישט געמיינט!"

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אומרואיקע אויגן. ער האָט גע־לאַכט, באַרואיקט זי מיט פּעטשלען די האַנט.

„איך ווייס, אַז איר האָט עס אַזוי נישט געמיינט. אָבער פֿאַרוואָס פֿאַרדריסט מיך, וואָס איר קאָנט מיך נישט גאַנץ פֿאַר־שטיין?"

זי האָט אראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ:

„עס טוט מיר זייער, זייער לייד."

זיי זיינען געזעסן א ווײַלע שטיל. דערנאָך האָט זי אויפגע־הויבן; אויף אים אירע אויגן, גאַנץ טרויעריקע אויגן, א קוק גע־טאָן, ווי זי וואָלט אָפּגעשלאָסן מיט דעם קוק אירע געדאַנקען, און ארויסגערעדט:

„ווילט איר אָנקוקן מיינע ארבעטען?"

„אָ, יאָ! איר וועט אנטשולדיקן!" האָט ער געזאָגט, אנט־שולדיקנדיק זיך, וואָס ער האָט עס שוין לאַנג נישט געטאָן, און איז אויפגעשפּרונגען פון זיין זיץ. ער האָט אָנגעהויבן ארומצוגיין פון בילד צו בילד: פּאָרטרעטן, פּייזאַזשן, שטיל־לעבנס אין אייל־פארבן, און וואַסער־פארבן, מיט בליישטיפט. אלץ קליינע זאַכן, דער אויסדרוק פון איינער, וועלכע האָט איינגעענגט איר נשמה אין א קליינעם קרייז. אלע שיין איינגעראַמט. זי האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט: אויך די ראַמען האָט זי אליין געמאַכט. די ראַם איז א טייל פון דעם בילד, האָט זי דערקלערט, זיין אָפּ־גרענעצונג און דערגאַנצונג. דערפאַר דענקט זי, אז דער קינסטלער אליין מוז זי מאַכן. ער וועט זי בעסער צופּאַסן, אריינטאָן אין איר מער ליבע. יאָ, מער ליבע. דאָס איז זייער נויטיק. א זייטיקער ראַ־מען־מאַכער קאָן עס נישט.

„דאָס איז א גוטער געדאַנק," האָט ער געזאָגט. ער האָט הנאה געהאַט פון אים. איצטער האָט ער געקוקט אויף בילד און ראַם. געוואָלט דערקענען די דערגאַנצונג פון דעם בילד און די ליבע.

זי האָט פארשטאַנען, וואָס ער זוכט.

„דאָס ליגט אין דער ליניע," האָט זי געזאָגט. „אין דער ליניע, ווי איך פיר צו די ראַם צום בילד. איך מוז אָבער זאָגן, אז אפשר איז די גאַנצע געשיכטע מיינע איין איינבילדעניש. קיי־נער האָט נאָך קיינמאָל נישט באַמערקט אין מיינע ראַמען, אז זיי זיינען עפּעס ספּעציעל געמאַכט געוואָרן. אָבער איך זע אזוי דייט־לעך."

„אויב מען זאָגט אייך גאָרנישט, איז א סימן, אז איר האָט דערגרייכט," האָט ארנאָלד זי געטרייסט. „ווען אייערע ראַמען

וואָלטן זיך נישט ענג צוזאַמענגעגאָסן מיט אייערע בילדער, וואָלט מען עס גלייך באַמערקט, און איר וואָלט געהערט קריטיק.״

זי איז דאַנקבאַר געווען פאַר די טרייסט־ווערטער, אָבער זיינע ווערטער וועגן קריטיק האָבן ארויסגערופן ביי איר אַ טרויעריקן שמייכל.

„אָ, דאָס דערוואַרט איך נישט, אַז מען זאָל מיר ווען עס איז זאָגן אַן ערלעכע מיינונג. ווען איך זאָל גלויבן, וואָס איך הער זיך אָן וועגן מיינע בילדער, האָב איך זיך געדאַרפט רעכענען פאַר אַ ראַפאַעל. איך וואָלט געוואָלט וויסן, וואָס מען רעדט הינטער מיין רוקן. דער טאַטע האָט איינמאָל אַראָפּגעבראַכט אַ באַרימטן, זייער באַרימטן קונסט־קריטיקער. ער איז געשטאַנען פאַר די בילדער מיט דעם ערנסטסטן געזיכט, גערעדט זייער וויסנשאַפטלעך און פאַכמעניש, געלויבט מיך זייער שטאַרק, געפונען קליינע, גאַנץ קליינע אויסזעצונגען, נישט ווערט גאָר צו דערמאָנען. אַזוי האָט ער זיך אויסגעדריקט. איך האָב אים קיין איין וואָרט נישט געגלויבט. איך האָב געזען אין זיינע אויגן דעם ליגן. אָבער לויב אָדער נישט לויב, גוט אָדער שלעכט, מיך גייט עס גאָרנישט אָן. ווי געזאָגט, איך בין מיר אַליין גענוג. און ווידער אַמאָל מיין קרייז, מיין צירקל, אין וועלכן איך האָב זיך אַריינגעשטעלט. איך מאָל פאַר זיך אַליין. מיינע בילדער וועלן מיך קיינמאָל נישט פאַרלאָזן. זיי זיינען מ י י ן ראַם, ווי די ראַמען, וועלכע איך מאַך צו זיי. זיי זיינען מיין אָפּגרענצונג און דערגאַנצונג.״

עס איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן, וואָס זי האָט געזאָגט און ו ו י זי האָט דאָס געזאָגט. אַזוי ווייך, אַזוי צאַרט. און אַזוי טיף פון דער נשמה אַרויס. איצטער האָט ער געוווּנען צו די בילדער אַ וואַרעמע באַציאונג. זיי זיינען אים נענטער געוואָרן. ווען ער האָט געענדיקט דאָס אַרומקוקן, האָט ער איר געדריקט די האַנט מיט זיין רעכטער און צוגעפּעטשלט מיט דער לינקער.

„פון אייך דערוואַרט איך נישט קיין קריטיק,״ האָט זי געזאָגט און אָנגענומען זיין לינקע האַנט מיט איר לינקער. „איר האָט מיר שוין געזאָגט, אַז איר האָט נישט קיין מיינונג וועגן

מאָלעריי. פון אייך וועל איך אפשר וועלן און דערוואַרטן עפּעס אַנדערש.״

„וואָס?״

„זאָל איך זאָגן?״

„אַז איר האָט שוין אָנגעהויבן.״

זי איז גאַנץ רויט געוואָרן אין געזיכט.

„איר זאָלט מיינע בילדער ליבן.״

„די ראַם בלויז?״

ער האָט עס אַרויסגעזאָגט און אַליין זיך דערשראָקן. געוואַרט אין גרויסער שפּאַנונג, וואָס זי וועט ענטפערן, וועט זי עס אָננעמען אַלס ערנסט אָדער אַלס פלירט?... זי ווייס, דאַכט זיך, נישט קיין פלירט...

זי האָט געקוקט אויף אים, געקוקט אים טיף אין די אויגן. געוואָלט לייענען אין אים. האָט ער עס געפרעגט אין וואָרט־שפּיל אָדער אין ערנסט? זאָל זי אים זאָגן, אַז זי וויל, ער זאָל ליבן אירע בילדער — איר ראַם, ווייל נאָכמער וויל זי, ער זאָל טאַקע ליבן זי אַליין?...

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. זיי האָבן זיך אָפּגעלאָזן די הענט.

„אַריין!״

מרס. ברענד איז אַריינגעקומען. זי האָט שוין געהערט פון דער דינסט־מיידל, פון העטין, אַז מר. לעווענבערג איז דאָ, און איז שטאַרק דערפרייט. זי האָט צו אים אויסגעשטרעקט ביידע הענט. אָבער איר מוטער־אויג האָט עפּעס באַמערקט.

„האָב איך געשטערט?״

ליליען איז עס דורכגעלאָפן, אַז אויב אין זיין פראַגע איז געלעגן מער ווי וואָרט־שפּיל, וועט ער ענטפערן דער מוטער. זי האָט געשוויגן.

אָבער ער האָט אויך געשוויגן. געוואַרט, אַז די באַלעבאָסטע פון דעם צימער וועט ענטפערן.

איצטער האָט מרס. ברענד געוווּסט, אַז זי האָט געשטערט.

„אָבער איך וועל אייך סיי־ווי־סיי פאַרלאָזן,״ האָט זי געזאָגט. „איך מוז נאָך וואָס באַזאָרגן מיט ליוסין, מיט אונזער קע־

כין. איך בין נאָר אַריינגעקומען, צו פרעגן אייך, וואָס איר מאַכט.״

„זייער ליבנסווירדיק,״ האָט אָנגעהויבן אַרנאָלד. די טיר האָט זיך אויפגעעפנט, און מר. ברענד איז אַריין. פריילעך, גוט אויפגעלייגט, קענטיק, זייער צופרידן.

„ווי גייט עס, לעווענבערג?״

גערדריקט אים שטאַרק די האַנט, אַ קוש געטאָן די פרוי, אַ קוש געטאָן די טאָכטער, דערביי אויך פּאַטערלעך און ליבפול געצערטלט איר באַק.

מרס. ברענד האָט זיך נישט איינגעקערט אָנצוזאָגן אים ביים קוש, אַז זייביידע זיינען דאָ איצטער איבעריקע אין צימער. האָט זי אים אָנגעהויבן צוצווינקען. געביטן איר שטעלונג, ווען ער האָט געביטן זיין שטעלונג, געוואָלט זיין קעגן אים, ער זאָל כאַפּן איר ווינק. צום סוף האָט זי זיך געשטעלט הינטער אים, אַ פּאָר מאָל פאַרגנבעט אַ צי געטאָן אים פאַרן רעקל. אָבער מר. ברענד האָט נישט געזען און נישט געהערט. ער איז געווען אַנטציקט, וואָס ער האָט געטראָפן אַרנאָלדן ביי זיך אינדערהיים, און האָט נאָר געהערט די אינערע פרייד, וועלכע האָט אים אָנגעפילט.

„דאָס איז אַן אָנגענעמע איבערראַשונג,״ האָט ער גערעדט.

„אַ זייער אָנגענעמע איבערראַשונג נאָך אַזאַ טאָג, ווי איך האָב היינט געהאַט.״

און ער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן פון אַ צוזאַמענשטויס אין געריכט מיטן ריכטער.

„פּיטער, ווייסט נאָך לאַנג דערציילן?״ האָט אים איבערגעריסן מרס. ברענד. „איך האָב מיט דיר וואָס איבערצורעדן.״

זי האָט נאָך צוגעווונקען אים, ווען ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר ביים אויסרוף פון זיין נאָמען.

אָבער ער האָט דעם ווונק נישט באַמערקט, ווייל ער איז געווען טיף אין זיין דערציילן. און אויף אירע ווערטער האָט ער געזאָגט, אַז ער קאָן אפילו טרעפן, וואָס זי האָט מיט אים איבערצורעדן.

„דו ווילסט דאָך מיט מיר איבעררעדן, צי זאָלסטו זיך אָנ־

נעמען מיט מוט און איינלאַדן מר. לעווענבערגן אומגעריכטערהייט צו אָוונטברויט. איז אָט האָב איך דיר שוין פאַרשפּאָרט די טרחה, און מר. לעווענבערג איז שוין דערמיט איינגעלאַדן. און איך האָב דיר שוין דעם ענטפער אויך. מר. לעווענבערג האָט אָנ־גענומען די איינלאַדונג. איר וועט דאָך בלייבן ביי אונז אויף אָוונטברויט, לעווענבערג?"

„האָסט אפילו נישט אינגאַנצן געטראָפן," האָט מרס. ברענד געזאָגט. „איך האָב מיט דיר נאָך עפּעס אַנדערש אויך צו באַ־שפּרעכן. אָבער איך באַוווּנדער דיין שאַרפזין סיי־ווי־סיי, האַ־האַ־האַ... נישט אומזיסט ביזטו אַ באַרימטער אַדוואָקאַט. איז קודם־כל שטיי איך צו צו דער איינלאַדונג. מיר האָבן זיך אפילו נישט געריכט. אָבער..."

„איך וועל טיילן מיט מר. לעווענבערג דעם ביסן," האָט ליליען געזאָגט מיט אַ שמייכל.

„דאָס שטעלט מיך אין אַן אומאָנגענעמער לאַגע," האָט אַר־נאָלד געלאַכט.

„מיר וועלן צוזען, אַז די צאָל פון ליליענס ביסנס זאָלן קו־מען אויף איר טעלער פאַרפילפאַכט," האָט געלאַכט ברענד.

„און איידער וואָס־ווען האָב איך אַ ווונק געטאָן ליוסין וועגן דער מעגלעכקייט," האָט געלאַכט מרס. ברענד.

„איך ווייס ווירקלעך נישט," האָט אַרנאָלד אָנגעהויבן אין ערנסט. „מיין מוטער."

„אָ, די מוטער!" האָט מרס. ברענד אַרויסגערעדט מיט רעס־פּעקט, גרייט שוין נישט צו באַשטיין אויף דער איינלאַדונג אין נאָמען פון אַרנאָלדס מוטער.

„זאָגט דעם אמת, לעווענבערג," האָט געזאָגט ברענד, וועל־כער איז נישט אומזיסט געווען אַ באַרימטער אַדוואָקאַט, „האָט איר נאָך קיינמאָל נישט איבערראַשט אייער מוטער מיט אַ טעלע־פאָן, אַז איר וועט נישט קומען צו אָוונטברויט, ווייל עפּעס האָט זיך געמאַכט און אַזוי ווייטער?"

„נישט, זייט איך בין געקומען פון וואַשינגטאָן."

„איז איצטער לאָזן מיר עס איבער צו אייך," האָט ברענד געזאָגט. „ווען איר וועלן בלייבן, וועט אייער לעבן נאָך וואַשינג־

טאָן זיין פאַרטזעצונג פון אייער לעבן פאַר וואשינגטאָן. ווער איר נישט וועלן בלייבן, וועט מיט וואשינגטאָן אָנהייבן זיך א נייע עפּאָכע אין אייער לעבן.״

„עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז מיט וואשינגטאָן, אָדער, ריכטי־קער, מיט נאָך־וואשינגטאָן וועט זיך אָנהייבן א נייע עפּאָכע אין מיין לעבן, אָבער פונדעסטוועגן וועל איך וועלן און בלייבן.״

„גוט!״ האָבן אויסגערופן די ברענדס, פאָטער און מוטער. זיי האָבן ביידע פאַרשטאַנען די נייע עפּאָכע אין דעם זין, אַז אַר־נאָלד קלייבט זיך חתונה צו האָבן און זיין אויסגעוויילטע איז זייער טאָכטער.

ליליען האָט אָנגעקוקט אַרנאָלדן פון אונטערן שטערן מיט אומבאַוועגלעכע אויגן. זי האָט פאַרשטאַנען די עלטערנס אויסרוף און געוואָלט, זיי זאָלן נישט מאַכן קיין פאַלשע אויסטייטשונג.

„מר. לעווענבערג גייט אויפעפענען א ניי קאַפּיטל אין זיין לעבן,״ האָט זי געזאָגט, נישט אָפּווענדנדיק איר בליק פון אַר־נאָלדן. „ער וויל זיך אַריינוואַרפן אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, קעמפן און פאַרניכטן די פּילקעפּיקע שלאַנג „אַמעריקאַנער רע־אַקציע״. דאָס איז זיין נייע עפּאָכע.״

פאָטער און מוטער האָבן געקוקט אויף אַרנאָלדן, צי האָט די טאָכטער ריכטיק אויסגעטייטשט.

„ריכטיק,״ האָט געזאָגט אַרנאָלד, מיט באַוואונדערונג געקוקט אויף ליליען. „דאָס איז זי, מיין נייע עפּאָכע.״

„וועגן דעם איז דאָ א סך צו רעדן,״ האָט געזאָגט מר. ברענד נאָך א גאַנץ קליינער פּויזע, ווי אַרויסגעריסן פון א חלום. „איך דאַרף נאָך הערן, וואָס איר פאַרשטייט אונטער „אַמעריקאַ־נער רעאַקציע״, אָבער דאָס וועלן מיר שפּעטער. איצטער וועלן מיר גיין מאַכן זיך טיש־גרייט, אַרומוואַשן זיך... איך וויל זיך נאָך אַרומראַזירן... איר, ווי איך זע, דאַרפט עס נישט.״

„איר וועט מיך מוזן צולאָזן צו אייער טיש, ווי איך שטיי און גיי.״

„און אַזוי וועלן מיר אַלע זיין ביים טיש.״

„גיי שוין און הייב אָן, ווען דו ווילסט זיך נאָך אָפּראַ־

זירן,״ האָט מרס. בּרענד אָנגעכאַפּט זיך, צופרידן, וואָס ענדלעך וועלן די יונגע מענטשן בּלייבּן אַליין.

ווען אַרנאָלד און ליליען זיינען געבּליבּן אַליין, איז צווישן זיי געווען אַרנאָלדס פריערדיקע פראַגע. אָבּער זיי האָבּן זיך נישט אומגעקערט צו איר. אַרנאָלד האָט זי נישט איבּערגעפרעגט, ליליען האָט זי אים נישט דערמאָנט מיט איר ענטפער. זי האָט איצטער געוווּסט, אַז זיין פראַגע, צי זאָל ער ליבּן בּלויז די ראַס, איז געווען אַ צופעליקע, אַראָפּגעגליטשט זיך פון דער צונג, דאָס האַרץ איז נישט געווען דערבּיי. אַ פלירט־פראַגע, אַ שפּיל מיט ווערטער. און עס האָט איר פאַרדראָסן, פאַרוואָס ער האָט אָנגענומען, אַז ער קאָן מיט איר פלירטן. אָ, אפשר האָט ער אָנגענומען פאַר פלירט איר פאַרלאַנג, אַז ער זאָל ליבּן אירע בּילדער? דאָס האָט זי שטאַרק בּאַאומרואיקט. אָבּער זי וועט מער גאַרנישט זאָגן. הלוואי פאַרגעסט ער אַלץ...

אַרנאָלד איז געווען צופרידן, וואָס זי קערט זיך נישט אום צו זיין פראַגע. ער האָט זי עטלעכע מאָל אָנגעקוקט מיט פרוּווּנדיקע אויגן. געדענקט זי זיין פראַגע און וויל נישט ענטפערן, אָדער זי האָט זי פאַרגעסן? אָבּער ווי די מעשה איז — זי דערמאָנט זי נישט. און ער האָט גערעדט, צו פאַררעדן יעדע מעגלעכקייט פון אַן אומקער צו דער פראַגע. אויך אויף איר בּקשה, ער זאָל ליבּן אירע בּילדער, וועט ער נישט ענטפערן מער. ער האָט קורץ בּאַמערקט, אַז זי האָט זייער פריינטלעכע עלטערן. אַזוי זיך געזאָגט עס, פון העפלעכקייט וועגן. און ווייל ער האָט אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט געפילט, אַז ער דאַרף עפּעס זאָגן אין זייער אַליין־זיין, נישט געפונען וואָס צו זאָגן. אָבּער ווען ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, האָט ער נישט געוואָרט אויף קיין ענטפער, נישט געוואָלט גאָר קיין געשפּרעך וועגן אירע עלטערן. איז גלייך אַריבּער אויסצודריקן זיין בּאַוווּנדערונג, ווי גוט און קורץ זי האָט דערקלערט זיין נייע עפּאָכע. און דערנאָך מיט בּאַגייסטערונג גערעדט, אַז ער האָפט, אַז דאָס וועט טאַקע זיין אַ נייער קאַפּיטל אין זיין לעבּן. און דאַן... דאַן האָט מען געדאַרפט גיין צום טיש.

מרס. בּרענד האָט צייט געהאַט איבּערצוגעבּן איר מאַן.

אַז זי איז זיכער, אַז זי איז אַריינגעקומען צו ליליען אין צימער ניט אין דער ריכטיקער צייט. די יונגע מענטשן האָבן געהאַלטן אין אויסרעדן זיך, און זי האָט זיי געשטערט.

„צו וויסן, ווען אַריינצוקומען, איז אַ קונסט," האָט געלאַכט מר. ברענד.

„אָדער אַ נבואה. אָבער ניט צו זען און ניט צו פאַרשטיין אַ ווונק, מוז מען געשלאָגן ווערן מיט בלינדעניש אָדער זיין אַ ליימענער גולם. און איך ווינק און ווינק צו דיר..."

„ווי? דו האָסט מיר געווונקען?"

„אפילו פאַר דער פּאָלע געשלעפּט. און דו — גאָרניט..."

„מילא, וועלן זיי איצטער דערדערן."

ווען זיי זיינען זיך צוזאַמענגעקומען, האָבן טאַטע־מאַמע אָנגעקוקט די יונגע מענטשן מיט פרעגנדיקע בליקן. האָבן זיי דער רעדט? זיי האָבן זיך איבערגעקוקט. דאָס האָט באַדייט, אַז זיי ווייסן, אַז די יונגע מענטשן האָבן נאָך ניט דערדערט.

דער געשפּרעך ביים טיש איז געווען די „נייע עפּאָכע" אין אַרנאָלדס לעבן.

„אַלזאָ, אַ נייע עפּאָכע," האָט אָנגעהויבן דער אַדוואָקאַט. „קאַמף מיט דער הידרע רעאַקציע... וואָס פאַרשטייט איר אונטער רעאַקציע?"

אַרנאָלד האָט אַרויסגעלייגט אין גרויסער קורצקייט זיין געדאַנקענגאַנג.

„סיידן איר האַלט די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע פאַר פּראָגרעס, קאָנט איר דערקלערן די פאַרטיידיקונגס־אַרבעט קעגן איר אַלס רעאַקציע," האָט געזאָגט מר. ברענד.

אַרנאָלד איז געווען איבערראַשט. ער האָט ניט דערוואַרט אַזאַ באַמערקונג פון מר. ברענד.

„אָ," האָט ער געזאָגט מיט לאַכן, „מוז איך, הייסט עס, אָנהייבן דעם קאַמף גלייך דאָ..."

„אָ, ניין, ניין," האָט דערשראָקן געבעטן זיך מרס. ברענד.

„איך האָב קיינמאָל נישט געוווּסט, אַז איך בין אַ רעאַקציאָ־נער," האָט ברענד געלאַכט.

„און איך האָב נישט געוווּסט, אַז איך בין אַ באָלשעוויק."

„וואָלט איר געוואָלט, אַז אַמעריקע זאָל זיין אין דער אייגע־נער לאַגע, ווי רוסלאַנד?"

„איך וואָלט געוואָלט, אַז אַמעריקע זאָל זיך אויסלעבן אין די אידעען פון פרייהייט, עס מאַכט נישט אויס, וווהין דאָס זאָל זי ברענגען."

„אָבער די באָלשעוויקעס, וועלכע ווילן זיך דאָ אָנפלאָדיען, ווילן קיין ציבעלע נישט געבן פאַר אייערע אידעען פון פרייהייט, ווי זיי מאַכן זיך פון זיי נישט אויס אין רוסלאַנד."

„אויב די אידעען פון פרייהייט ווילן אָנפלאָדיען די באָלשע־וויקעס, וועט די אונטערדריקונג פון פרייהייט זייער צאָל נאָך פאַר־מערן. רוסלאַנד איז געווען די אומפרייעסטע לאַנד און האָט דער־פאַר די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע, כאָטש זי איז אינדוסטריעל די אָפּגעשטאַנענסטע. די פרייע ענגלאַנד און די פרייע אַמעריקע, כאָטש אינדוסטריעל די אַנטוויקלטסטע, האָבן קיין שפּור נישט פון באָלשעוויזם. וואָס באַדייט עס? פאַרקירצט דאָ די פרייהייט, און איר וועט האָבן דעם רוסישן סוף."

„מען וויל דאָ נישט אונטערדריקן די פרייהייט. מען וויל זי דאָ באַשיצן. זי זאָל נישט פאַרגוואַלטיקט ווערן, ווי זי איז פאַרגוואַלטיקט געוואָרן אין רוסלאַנד פון די באָלשעוויקעס."

„אָ, איך זע," האָט אַרנאָלד געלאַכט. „איידער באָלשעווי־קעס זאָלן זי פאַרגוואַלטיקן, זאָלן מיר זי בעסער אַליין פאַרגוואַל־טיקן — און איבערלאָזן זי פאַר די באָלשעוויקעס אַ פאַרגוואַלטיק־טע."

„מיר שפּילן מיט ווערטער."

„אמת, דאָס האָט איר אַ גרויסן אמת געזאָגט. מיר שפּילן מיט שיינע ווערטער און טוען אָפּ די מיאוסטע מעשים. וואָס באַ־דייט צום ביישפּיל?..."

אַרנאָלד האָט גענומען אויסרעכענען דעם צעטל פון דעם, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר פרייהייטס־פאַרגוואַלטיקונג. ער האָט

גערעדט מיט היץ, געגעסן שלעכט. מרס. ברענד האָט געדאַרפט א פּאָר מאָל דערמאָנען אים, ער זאָל עסן און געניסן זיין עסן. ליוּ־סי וועט זיין אויסער זיך, ווען זי וועט באַקומען פון אים צוריק פולע טעלער.

„און פאַרגעסט נישט,״ האָט זי צוגעגעבן, „אַז איר עסט די ביסנס, וועלכע ליליען טיילט זיך מיט אייך.״

„טויזנטער מאָל אַנטשולדיקונג,״ האָט אַרנאָלד געלאַכט.

„איצטער הער איך אויף צו רעדן און עס מיט קאָפּ.״

מר. ברענד האָט געוואָלט פאָרזעצן דעם געשפּרעך, אָבער ער האָט אויפגעכאַפּט זיין ווייבס ווונק. דאָסמאָל האָט ער אים פאַרשטאַנען.

„אין דער אָנוועזנהייט פון דעם אַלטרואיזם פון אַ געטיילטן ביסן, וועלן מיר דעם קאַמף לאָזן רוען,״ האָט ער ערנסט אַרויס־גערעדט און זיך צולאַכט.

נאָך דעם עסן האָט מרס. ברענד געוואָלט פאַרכאַפּן יעדע מעג־לעכקייט פון א ווייטערדיקן קאַמף־געשפּרעך און פאָרגעשלאָגן לי־ליען, זי זאָל עפּעס שפּילן. אַרנאָלד האָט אונטערשטיצט איר פאָרשלאַג.

„אין מיין גאַנצער מוזיק,״ האָט ליליען געזאָגט, „ווייס איך נישט קיין איין שטיק, וואָס זאָל אויסדריקן דעם קאַמף מיט רעאַקציע.״

„אַלע גרויסע מוזיקער זיינען געוועזן רעאַקציאָנערן: רעלי־גיעז און ראָיאַליסטיש,״ האָט באַמערקט מר. ברענד.

אַרנאָלד האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן.

„דאָס איז טאַקע אמת,״ האָט ער געזאָגט, „כאָטש איך וואָלט מיין בעטהאָווען נישט געוואָלט אָנרופן רעאַקציאָנער — פאַר זיין ניינטער סימפאָניע אַליין. אָבער בכלל איז עס אמת, און דאָך האָט זייער מוזיק אַ באַפרייענדיקע ווירקונג.״

„טאָמער וועלן עס דערגרייכן אויך אונזערע רעאַקציאָ־נערן?״

„יאָ, אויב זיי וועלן שרייבן גוטע מוזיק, נישט דורפירן שלעכטע געזעצן.״

ליליען האָט אָנגעהויבן צו שפּילן בעטהאָווענס „עקאָ־סעזן".

„זעט איר," האָט ארנאָלד געזאָגט, „בעטהאָווען איז נישט געווען קיין פּאָליטישער ראַדיקאַל, אָבער פון זיין מוזיק ווערט אַזוי גוט און פריילעך און פריי, אַז עס ווילט זיך טאַנצן, און עס בענקט זיך אין דער ווייטער, פרייער וועלט אריין."

ער איז צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנאָ, געבליבן לעבן ליליען. שטיק האָט געביטן שטיק, אויך אין פיר הענט האָבן זיי גע־שפּילט. האָבן אויך נישט באַמערקט, ווי מר. און מרס. ברענד זיינען ארויס פון צימער, געלאָזן זיי אליין. זיי האָבן גערעדט וועגן דער מוזיק, וועלכע זיי האָבן געשפּילט, אַנאַליזירט זי, פּאַכ־מעניש און פילאָזאָפיש. ארנאָלד האָט אויך דערציילט פּאַרשיי־דענע אַנעקדאָטן, וועלכע די ביאָגראַפיעס דערציילן איבער געווי־סע שאַפונגען.

ווען זיי האָבן אויפגעהערט צו שפּילן און ארנאָלד האָט א קוק געטאָן אויפן זייגער, האָבן זיך באַוויזן די עלטערן.

„איך וועל עס נאָך מיט אייך אויסקעמפן," האָט געזאָגט מר. ברענד ביים געזעגענען.

„עס רעדט זיך אזוי," האָט דערווידערט מרס. ברענד. „דו און לעווענבערג וועלן נישט קעמפן."

פאַר דער עלעוויטאָר־טיר זיינען זיי ווידער געווען אליין, ארנאָלד און ליליען, און די נישט־געענטפערטע פראַגע צווישן זיי. זיי האָבן זי ביידע געפילט. זי איז געלעגן אין די אויגן, מיט וועלכע זיי האָבן זיך אָנגעקוקט. און ארנאָלד האָט זיך געפילט שולדיק. ווען דער עלעוויטאָר איז ארויפגעקומען, איז ליליען פּלוצלונג גאַנץ רויט געוואָרן. ווען ארנאָלד האָט איר געדריקט די האַנט צום אָפּשייד, שטייענדיק אין ליפט, האָט זי שטיל ארויס־געשעפּטשעט, דער עלעוויטאָר־באָי זאָל נישט הערן:

„ווען איך האָב אייך געזאָגט, איר זאָלט ליבן מיינע ביל־דער, האָב איך נישט געפּלירט."

זי האָט שנעל באַפרייט די האַנט און איז אריין אין איר אַפּאַרטמענט. דער עלעוויטאָר־באָי האָט צוגעמאַכט די טיר און אַראָפּגעפירט דעם פאַרוואונדערטן ארנאָלד.

וואָס האָט זי געמיינט מיט דעם? ער האָט געוואָלט זאָגן דעם עלעוויטאָר־באָי, ער זאָל אים אַרויפנעמען צוריק. אָבער ער האָט זיך גלייך געכאַפּט, וואָס זי האָט געמיינט. זי האָט זיין פּריוואַטע פראַגע אויסגעטייטשט אַלס פלירט.

„איך בין אַ הונט!" האָט ער זיך בייז אויסגעזידלט.

אַרנאָלד איז געוואָרן אַ מיטגליד פון אַ געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיך געשטעלט אַלס אַ ציל צו פאַרטיידיקן די פרייהייט פון אַמעריקע, האָט באַזוכט מיטינגען, געמאַכט באַקאַנטשאַפט, געלייענט, געשטודירט, געלאָזט זיך אַ סך פירן פון די אָנווייזונגען פון אפרים פעלדמאַן. זיי זיינען זייער באַפריינדט געוואָרן און אָפט זיך געזען.

אָבער ווען ער האָט זיך שוין אויסגעאַרבעט אַ גאַנצן פּלאַן פון טעטיקייט און דעם בודזשעט, האָבן זיך אין דעם געשעפט „ברידער לעווענבערג און קאָ.‟ אָנגעהויבן טעגלעכע זיצונגען הינטער פאַרשלאָסענע טירן. דער רעזולטאַט פון די זיצונגען איז געוועזן די געוויסהייט, אַז די פירמע האָט פאַרלאָרן עטלעכע מיליאָן דאָלאַר און איז באַנקראָט. אַרנאָלדס רייכטום איז רעדוצירט געוואָרן צו אַ גאַנץ קליינעם קאַפּיטאַל. פאַר גרעסערע אויסגאַבן וואָלט ער שוין געדאַרפט אָנקומען צו זיין מוטער.

אין דעם לעצטן טאָג פון די שווערע חשבונות, ווען דער באַנקראָט איז געוואָרן אַ געוויסהייט, האָט ער געהאַט אַ פּאַראָפּרעדונג מיט פעלדמאַנען. ער האָט געוואָלט אָפּלייגן דעם באַזוך, אָבער ער איז דאָך געגאַנגען. האָט אים אויך דערציילט פון זיין קאַטאַסטראָפע.

„מיט מיין ניצלעכקייט איז איצטער אויס,‟ האָט ער געזאָגט. „איך האָב געקאָנט זיין ניצלעך מיט מיין ביסל געלט. איצטער, ווען איך האָב עס נישט, צו וואָס טויג איך?‟

פעלדמאַן האָט פּרינציפּיעל נישט רחמנות געהאַט אויף רייכע, וועלכע האָבן פאַרלאָרן זייער רייכטום. אַרנאָלדס לאַגע איז אים אָבער געווען אַביסל נענטער צום האַרצן. דאָך האָט ער געזאָגט:

„וואָס איר האָט פאַרלוירן דאָס געלט, אַרט מיך נישט. איך קום אויס מיין גאַנץ לעבן אָן עשירות, וועט איר זיך אויך אויסלערנען צו באַגיין אָן דעם. אָבער וואָס די באַוועגונג פאַר פרייהייט וועט פאַרלירן אַ גוטן איינקום, פאַרדריסט מיך גראָד.”

אַרנאָלדן האָט אַ שטאָך געטאָן פון זיינע ווערטער, אָבער ער האָט געזאָגט:

„מיך פאַרדריסט דאָך אויך דער עיקר, וואָס איך האָב פאַרלוירן מיין ניצלעכקייט.”

„איר וועט זיך אויסלערנען צו מאַכן זיך ניצלעך אָן געלט. דער מענטש אַליין איז אויך נויטיק.”

„ניין, דאָ קען איך זיך שוין בעסער.”

פעלדמאַן האָט אים אויסגערעכנט פאַרשיידענע טעטיקייטן. ער האָט זיי קוים אויסגעהערט, און איז אַוועק פון פעלדמאַנען אַן אומצופרידענער, אָנגערוקטער. פאַרוואָס האָט פעלדמאַן נישט געוואָלט איינזען, ווי טיף געקרענקט ער איז, וואָס ער האָט פאַרלאָרן זיין ניצלעכקייט? פאַרוואָס האָט ער גערעדט, פעלדמאַן? פאַרוואָס האָט ער נישט פאַרשטאַנען, אַז מיט שטילן האַנט־דרוק וואָלט ער אים מער געטרייסט, מער דערמוטיקט? אָך, אַ פריינט, אַ שטילן פריינט, ווו נעמט מען? איינעם, וועלכער זאָל נאָר אַ דריק טאָן די האַנט, וואַרעם אַ קוק טאָן אין די אויגן און נישט מער.

ער האָט אַ טראַכט געטאָן פון ליליען. זי וואָלט עס געטאָן. אָבער וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער צו גיין צו איר מיט זיין וויטאָג? נאָך דעם לעצטן באַזוך האָט ער זיך אַליין אָפּגעשניטן דעם וועג.

און גראָד האָט קעטרין פון זיך געלאָזן הערן. זי האָט אים געשריבן. זי איז מיד פון וואַרטן. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער באַשלאָסן נישט צו האַלטן וואָרט. אויב ער וועט נישט קומען, וועט זי קומען, און וועט שוין נישט אַזוי לייכט אַוועקגיין. אונטערגעשריבן איז געווען דער בריוו: „מיט ליבע, דיין קעטרין.”

ער האָט אויפגעלאַכט, צוריסן דעם בריוו און באַשלאָסן נישט צו ענטפערן. אָבער גלייך איז אים עפּעס איינגעפאַלן. ער האָט איר געענטפערט, אַז ער וועט קומען. אָנגעגעבן אַן אָוונט.

אין יענעם אָוונט האָט ער זיך אויסגעפּוצט, ווי אַ חתן, וועלכער האָט אין זיין קעשענע דעם קנס־רינג. אָבער אין זיין האַרץ איז געווען אַ מין בייזע פרייד. ער איז געווען זיכער, אַז דאָס וועט זיין זיין לעצטע באַגעגעניש מיט קעטרין.

זי איז געשטאַנען נישט ווייט פון דער אַריינגאַנגס־טיר, ווען מערי האָט אים אַריינגעלאָזן. אָנגעטאָן אין איר שפּאַניש טוך, פליצעס און בריסט גאַנץ נאַקעט. זי האָט אַרויפגעלייגט אויף אים אירע נאַקעטע אָרעמס, אַ קוש געטאָן אויפן מויל. אין דער טיר פון זאַל איז געשטאַנען מרס. שופּרא, געעלטערט פון די צוויי טויטן, וועלכע זי האָט דורכגעלעבט, דערפאַר מער אָנגעפּאַרבט.

אַרנאָלד האָט רואיק אויפגענומען קעטרינס אומאַרמונג און קוש. ער איז געווען זיכער, אַז אַזוי וועט זי אים באַגעגענען. ער איז אויך נישט געווען איבעראַשט, וואָס מרס. שופּרא און מערי זיינען געווען עדות פון דעמדאָזיקן ליבע־אויסדרוק. ער האָט זיך אפילו געריכט אויף מער עדות.

ער איז צוגעגאַנגען צו מרס. שופּרא, געפרעגט, וואָס זי מאַכט, און געוואַרט, וואָס קעטרין וועט ווייטער טאָן. וועט זי אים איינלאַדן אַרויף צו זיך אין צימער אָדער האָט זי עפּעס צו־געגרייט און אָפּגעפּלאַנט פאַר דאָ אונטן?

קעטרין האָט אים גענומען אונטערן אָרעם און איינגעלאַדן צו גיין מיט איר אַרויף אין איר צימער.

גוט. איצטער וויים ער שוין אַלץ, ווי עס וועט צוגיין.

גייענדיק אויף די טרעפּ, האָט ער אַראָפּגעקוקט צו מרס. שופּרא. זי איז געשטאַנען און האָט געקוקט אַרויף נאָך קעטרין און אַרנאָלד, מיט אַ צינישער אויסבויגונג פון איר קערפּער, אַ שפּאָט־גרימאַסע אויף איר געזיכט. ווען אַרנאָלד האָט זיך אומגעקוקט, האָט זי זיך שנעל אויסגעגלייכט. די שפּאָט־גרימאַסע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פריינטלעכן שמייכל.

„איר וועט נישט אַוועקגיין אָן טיי!״ האָט זי אים צוגעד רופן.

מיט וועלכן נאָמען ארנאָלד האָט זי אָנגערופן אין זיינע גע־דאנקען, האָט זי, נאַטירלעך, נישט געהערט. ער איז נישט געוועזן איבערראַשט פון דעם, וואָס ער האָט באַמערקט. ער האָט זיך דאָך דערפאַר אומגעקוקט, ווייל ער האָט זיך געריכט דאָס צו זען.

און קעטרין האָט אים געפירט און אַלץ ענגער צוגעדריקט זיך צו אים. ביים פאַרקער צום צווייטן שטאָק האָט זי ארויפגע־לייגט זיין אָרעם ארום זיך. ווען זיין האַנט איז געבליבן ליגן אָן א באַוועגונג, האָט זי זי צוגעדריקט צו זיך, געגעבן אים צו פילן, אַז צווישן אים און איר קערפּער איז מער גאָרנישטאָ, ווי דאָס דינע שפּאַנישע טוך. און געדריקט זיך צו אים אַלץ ענגער און ענגער, און געלאַכט דערביי מיט קורצן אויפלאַכן, אַזוי פאַרשייט, אַזוי פאַרפירעריש.

ווען זי האָט אים אריינגעפירט צו זיך אין צימער, האָט זי זיך געשטעלט מיטן רוקן צו דער טיר, ווי זי וואָלט זי פאַרשלאָסן הינטער זיך, און אָנגעקוקט ארנאָלדן מיט א תאווהדיקן בליק, אויפגעלאַכט און א שפּרונג געטאָן צו אים, א וואָרף געטאָן זיך אים אויפן האַלז און שיר נישט אומגעפאַלן מיט אים אויפן סאָפע.

„ענדלעך ביזטו געקומען!"

ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דער סאָפע, זי ביי אים אויף די קני, אירע נאַקעטע אָרעמס ארום זיין האַלז.

דאָס אָראַנזש־פאַרביקע צימער איז אויך באַלויכטן געוועזן אָראַנזש־פאַרביק, און עס איז געוועזן עפּעס אין אים פון דער פאַרשמאַכטקייט פון א פאַרנאַכטיקער זומער־זון אין א זאַמדיקער וויסטע. מען האָט זיך געדאַרפט פאַרקומען ווי א זון פון דער וויס־טע מיט דעם גאַנצן פייער אין דעם בלוט פון א ווילדן שייק. אָבער ארנאָלד האָט געוווּסט, אַז דאָסמאָל וועט ער זיך נישט פאַרלירן. ער האָט זי געהאַלטן ארומגענומען, געפילט איר נאַ־קעטקייט און וואַרעמקייט, אָבער ער האָט זיין האַרץ נישט גע־לאָזן אויפקלאַפּן. ער האָט געטראַכט זיין געדאַנק, געהאַלטן קאָפּ. ער וועט אפשר לאַכן פון זיך אַליין, אָבער ער וועט זיינס דער־גרייכן.

„ענדלעך ביזטו געקומען!" האָט זי איבערגעחזרט און צו־געדריקט זיך צו אים.

„האָסטו דען גערעכנט, אַז איך וועל נישט קומען?"

„עס האָט שוין אַזוי אויסגעזען. די צייט איז מיר געוואָרן צו לאַנג. איז זי דיר נישט?"

„דו ווייסט דאָך. איך האָב געמוטשעט."

„וואָס איז עס אַזוינס געווען?"

„איך קאָן עס דיר גלייך זאָגן."

זי האָט אים אַרויפגעלייגט איר האַנט אויפן מויל.

„ניין, איך האָב מורא פאַר דאָס. דו רעדסט מיר צו קאַלט און צו טרוקן. דו קושט מיר אַפילו נישט די האַנט, וועלכע ליגט דיר אויפן מויל. דו האָסט מיך, דאַכט זיך, איבערהויפט נאָך נישט געקושט."

זי האָט אַראָפּגענומען איר האַנט פון זיין מויל, אויפגעהויבן אים דעם קאָפּ, אַריינגעקוקט אים אין די אויגן, אַרויפגעלייגט אירע ליפּן אויף זיינע, זיין האַנט אויף איר נאַקעטער ברוסט. אָבער באַלד האָט זי זיך אָפּגעריסן.

„וואָס איז מיט דיר?"

„איך וויל עס דיר זאָגן."

„ביזט קראַנק?"

„געזונט."

„דיינע אויגן זיינען רואיק. לאָז מיך פילן דיין האַרץ."

זי האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין האַרץ. ער האָט בלויז אויפגעלאַכט.

„דו — דו ביזט עפּעס געקומען מיט... מיט..."

„איך וויל עס דיר דאָך זאָגן."

„ניין, איך וויל עס נאָך נישט הערן. דו וועסט עס זאָגן טרוקן, ניכטער. איך וויל, דו זאָלסט עס מיר זאָגן פאַרשיכורט, נישט קאָנענדיק אַרויסרעדן די ווערטער, ווייל אָטעם וועט דיר פעלן. איך וויל דיך זען גאַנץ ווילד, ווי איך האָב דיך שוין גע־זען. אומגעזעטיקט אין קושן, דיין האַנט אויף מיין האַלז."

„און דאָס וויל איך היינט נישט."

„ווילסטו באַווייזן, אַז דו ביזט שטאַרקער פון מיר?"

„אפשר.“

„גוט. דער אָוונט איז נאָך לאַנג.“

„דיין מוטער וועט וואַרטן מיטן טיי.“

„פאַרוואָס ווילסטו עס?“

„וואָס וויל איך?“

„באַווייזן, אַז דו ביזט שטאַרקער פאַר מיר.“

„איך האָב נישט געזאָגט, אַז איך וויל עס.“

„וואָס דען ווילסטו?“

„לאָז מיך עס דיר זאָגן.“

„ניין. נאָך נישט. דו וועסט עס שוין מיר זאָגן, ווי איך וויל.“

זי האָט ווידער אַרויפגעדריקט אירע ליפּן אויף זיינע, גע־דריקט זיך צו אים מיט איר גאַנצער נאַקעטקייט, געהאַלטן זיך לאַנג אַזוי און פּלוצלונג אָפּגעריסן זיך און אַ שטויס געטאָן זיין קאָפּ אויף הינטן.

„איצטער וועל איך זאָגן,“ האָט ער געזאָגט.

„ניין!“

זי האָט אַרומגעכאַפּט זיין קאָפּ, באַגראָבן אים אויף איר נאַ־קעטער ברוסט.

„דו געדענקסט דיין ערשטן אָוונט ביי מיר?“ האָט זי גע־רעדט. „איך האָב פאַר דיר געהאַט אַ גרויסן סיורפּריז. ווילסטו וויסן, וואָס דאָס איז געוועזן פאַר אַ סיורפּריז?“

„פאַרוואָס זאָל איך נישט וועלן?“

זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון זיינע קני, אויפגעשטעלט זיך. ער איז אויך אויפגעשטאַנען.

„עפן נאָר אויף אָט די זיכערהייט־נאָדל,“ האָט זי געזאָגט.

ער האָט אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף איר אַקסל, שאַרף אַריינגעקוקט איר אין די אויגן.

„איידער איך טו עס,“ האָט ער פעסט אַרויסגערעדט, „מוז איך דיר אויפדעקן מ י י ן סיורפּריז.“

„ד י י ן סיורפּריז?!“

„יאָ!“

„האָסט שוין חתונה געהאַט?“

„ניין, נאָך ערגער.“

זי האָט אויפגעלאַכט, און ער האָט ווייטער פעסט גערעדט:

„מאָרגן אינדערפרי וועט זיין אין אַלע צייטונגען, אַז די „ברידער לעווענבערג און קאָמפּאַניע“ האָבן זיך דערקלערט באַנקראָט נאָכדעם ווי זיי האָבן לעצטנס פאַרלאָרן איבער דריי מיליאָן דאָלאַר. עס וועט אָבער נישט שטיין אין דער צייטונג, אַז דער יינגסטער מיטגליד פון דער פירמע, ארנאָלד לעווענבערג, האָט דערביי פאַרלאָרן כמעט זיין גאַנצן קאַפּיטאַל“.

ווען ער האָט געענדיקט, זיינען זיינע הענט אויף איר פּלייצעס אויפגעקומען איר, ווי זייער שווערע משאות. זי האָט זיך געוואָלט באַפרייען פון זיי. אָבער זי האָט זיך נאָך איינגעהאַלטן. זי האָט געוואָלט זיכערקייט אין דעם, וואָס זי האָט געהערט.

„דאָס וועט זיין אין אַלע צייטונגען? מאָרגן אינדערפרי?“

„יאָ, אין אַלע צייטונגען. מאָרגן אינדערפרי. איצטער וועל איך אויפעפענען דיין נאָדל...“

„נישט נויטיק.“

„דיין סורפּריז?“

„און דו האָסט אָנגעוווירן דיין גאַנצן קאַפּיטאַל?“

„ביז אויף אַ גאַנץ קליינער סומע. גענוג אויף צו לעבן מיט אַ געליבטער ווייב אַ גאַנץ באַשיידן לעבן. מיט דערדאָזיקער געוויסהייט בין איך איצטער ביי דיר...“

„האָסט זי מיר געמעגט שרייבן.“

„האָסט דאָך מיך געוואָלט זען. ביזט דאָך אין מיר פאַרליבט.“

„דו ווייסט בעסער.“

ער האָט אויפגעלאַכט. דערנאָך אָנגעקוקט זי. זי האָט זיך אָפּגעדרייט, פאַררויכערט. אים האָט זיך שטאַרק געוואָלט באַליידיקן זי. אפשר אומקערן איר דעם פּאַטש. אפשר אַ בריקע טאָן זי מיטן פוס. אפשר אַראָפּרייסן פון איר דעם שאַל און אַ וואָרף טאָן זי אויף דער סאָפע. זיין בלוט האָט אין אים געקאָכט. אָבער ער האָט זיך געלאָזט גיין צו דער טיר, אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַרויסגעאָטעמט: „פריי!“

זי האָט זיך שנעל אַ דריי געטאָן צו אים.

„ארנאָלד לעווענבערג," האָט זי ארויסגערעדט בייז און שארף מיט אָנגעצונדענע אויגן, „אויב די גאַנצע מעשה מיט דעם באַנקראָט איז אַן אויסגעטראַכטע, אום נאָר אויסצופּרוּוון מיך..."

ער האָט זיך צולאַכט און איז שנעל ארויס. די טרעפּ האָט ער אַראָפּגעשפּרייזט צו דריי אויף אַמאָל. ווען ער איז געווען אונטן, האָט זיך מרס. שופּרא באַוויזן אין דער זאַל־טיר.

„טיי, ארנאָלד?"

ער האָט נישט געענטפערט, נישט אומגעקוקט זיך אויף איר, אַ כאַפּ געטאָן הוט און מאַנטל און איז אוועק.

אויף מאָרגן איז טאַקע געווען אין אַלע צייטונגען, אַז די מיליאָנען־פירמע „ברידער לעווענבערג און קאָמפּאַניע" האָט באַנ־קראָטירט. עטלעכע צייטונגען האָבן דאָס שטיקל נייעס געהאַט אַפילו אויף דער ערשטער זייט.

אויף דעם צווייטן טאָג האָט אַרנאָלד געקראָגן אַ בריוו פון ליליען. מיט גרויסן ווייטאָג האָבן זיי, זי און אירע עלטערן, גע־לייענט די בשורה פון דעם באַנקראָט פון זיין פירמע. זיי ווילן האָפן, אַז ער וועט זיך עס נישט נעמען שטאַרק צום האַרצן. נישט אין געלט איז די גאַנצע פרייד פון לעבן.

„איך האָב מורא," האָט זי געשריבן, „אַז איך וועל ווערן באַנאַל און אָנזאָגן אַזעלכע אמתן, וועלכע געפינען זיך אין יעדן שולבוך. אָבער מיין נאַריש האַרץ וויל אייך זאָגן עפּעס גוטס, עפּעס שטאַרקנדיקס, און טראַכט גאָרנישט אויס. לייענט דערפאַר צווישן די שורות מער ווי אין די שורות."

אַרנאָלד איז געווען גערירט פון דעם בריוו. ער האָט אים שיר נישט צוגעטראָגן צו די ליפּן. ער האָט איר גלייך געענט־פערט, געדאַנקט איר און אירע עלטערן, פאַרזיכערט איר, אַז ער איז ביי זיך נישט אַראָפּגעפאַלן, און ער האָפט, אַז גאָר אינגיכן וועט ער קומען צו באַזוך, און זי וועט זיך איבערצייגן, אַז ער איז ביי זיך נישט אַראָפּגעפאַלן. ער האָט נאָך צוגעגעבן, אַז ער פילט זיך איינפאַך שטאַרק.

און אַזוי האָט ער זיך ווירקלעך געפילט, זינט ער האָט

אוועקגעשפּרייזט פון קעטרין דריי טרעפּלעך אויף אַמאָל. עס איז אים געווען, ווי אַ נייע הויט האָט זיך אויף אים אָנגעצויגן. ער האָט פון זיך נישט געלאַכט פאַר זיין באַנעמען זיך ביי קעטרין. ער האָט זיך גראַטולירט. ער האָט אין זיך אַנטדעקט נייע כוחות. ער איז געוואָרן זיכערער אין זיך. צווישן די געזונקענע קעפּ, אויפגעלאָזענע נעזער און טרויעריקע אומרואיקע אויגן פון די מיטגלידער פון דער פירמע אין די ערשטע טעג נאָך דער באַנקראָט־דערקלערונג איז ער דער איינציקער אַרומגעגאַנגען מיט אַ שמייכל און מיט וואַרעמקייט אין בליק, ווי גאָרנישט איז געשען. זיין האַלטונג איז שוין געווען צופיל פאַר זיי, און אָפּט האָט מען אים אַרויסבאַגלייט הינטער זיין רוקן מיט אַקסל־צוקן און מיט שטילן אַרויסשעפּטשען „דער נאַר!"

דער באַזוך צו די ברענדס האָט זיך פאַרצויגן, און באַזוכט האָט ער זיי ערשט, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו מאַכן זיינע הכנות צו אַן אייראָפּע־רייזע. דער געדאַנק וועגן אַן אייראָפּע־רייזע אָבער איז אים געקומען דורך אַ צופעליקער באַגעגעניש.

איינמאָל, אין דער מיטאָג־שעה אויפן וועג צו אַ רעסטאָראַן האָט ער אָנגעטראָפן אַ מאַן מיט לאַנגע האָר און צוויי טונקעלע טיף־זיצנדיקע אויגן. ווען זיי זיינען זיך פאַרביי־געגאַנגען, האָבן זיי זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן. אַרנאָלדן איז דער מאַן אויסגעקומען באַקאַנט. ווו האָט ער אים געזען? ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו דערמאָנען. נאָך אַ פּאָר שריט ווייטער גיין האָט ער זיך געכאַפּט. דאָס איז דער דיכטער ראָטמאַן, וועלכער האָט אים איינמאָל דערעסן אויף אַ באַנקעט פון יידישע אינטעליגענטן און אַרבעטער. אים איז איינגעפאַלן אָפּצושטעלן דעם דיכטער און פאַרפירן מיט אים אַ געשפּרעך. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דער מענטש האָט דעמאָלט אַרויסגעזאָגט אַ פּאָר אָריגינעלע געדאַנקען. ער האָט זיך אומגעקערט, געלאָזן גיין נאָך אים, אַריבערגעיאָגט אים, אָנגעקוקט אים. יאָ, ער מאַכט נישט קיין טעות. דאָס איז דער דיכטער ראָטמאַן. ער האָט אים אָפּגעשטעלט:

„אַנטשולדיקט, איר זייט דאָך מר. ראָטמאַן? דער דיכטער?"

אויף דעם דיכטערס געזיכט האָט זיך דורכגעטראָגן אַ כוואַליע

פון צופרידנקייט דערמיט, וואָס זיין פּאָפּולאַריטעט און באַרימט־קייט האָט דערגרייכט אפילו צו די געלט־גאַסן פון ניו־יאָרק — די כוואַליע האָט אויפגעשלאָגן אין די אויגן, אָנגעבלאָזן די נאָז־לעכער, צושפּרייט זיך איבער דער אויבערשטער ליפּ.

„יאָ, איך בין ראָטמאַן, דער דיכטער," האָט ער געזאָגט מיט שטאָלץ אין זיין שטים און אָנגעשטרענגט זיך צו דערקענען דעם רייכן מאַן, וועלכער האָט אים אָפּגעשטעלט. „ווער זייט איר?"

ארנאָלד האָט אים דערציילט, ווען און ווו זיי זיינען באַקאַנט געוואָרן.

„אָ, דאָס איז שוין אַ מעשה פון איבער דריי יאָר," האָט ראָטמאַן געזאָגט. „און איר האָט מיך דערקענט? דאָס איז טאַקע אַ קונץ. איך האָב אייך נישט דערקענט. איך דערקען טאַקע שלעכט. איך זע צופיל מענטשן..."

„זייט איר איצטער געגאַנגען ערגעץ מיט אַ ציל?" האָט אים ארנאָלד איבערגעריסן.

„ציל? איך גלויב נישט אין אַ ציל און גיי קיינמאָל נישט מיט אַ ציל."

„דאָך, ווען איר גייט צום באַרבער, צום ביישפּיל?" האָט ארנאָלד זיך געוויצלט.

„ווייס איך קיינמאָל נישט, אַז איך וועל אַהינצו אָנקומען. איך לאָז זיך גיין מיט דעם געדאַנק, אַז עס וואָלט גוט געווען, ווען איך גיי איצטער אריין צום באַרבער. אָבער איך בין נישט זיכער, אַז ביי דער טיר פון דעם באַרבער זאָל איך נישט דער־זען אַ שיין געזיכט פון אַ מיידל און אַוועקגיין נאָך איר, געצויגן ווי מיט קייטן..."

„איך האָב נישט באַמערקט, אַז איר זייט איצטער נאָכגע־גאַנגען נאָך אַ שיינער מיידל," האָט ארנאָלד געלאַכט. „איז דער־לויבט מיר צו פרעגן: האָט איר שוין געגעסן?"

לאָזט זיך אויס, אַז דער דיכטער איז איצטער געגאַנגען און האָט געטראַכט, אַז עס וואָלט געווען גוט, ווען ער גייט איצטער אריין אין אַ רעסטאָראַן...

ביים עסן האָבן זיי גערעדט וועגן דער מלחמה, וועגן דעם שלום, וועגן פאַרשיידנס.

„געפינט איר נישט," האָט ראָטמאַן געזאָגט, „אַז עס איז איצטער זייער אומעטיק צו לעבן?" ער האָט פאַררויכערט צווישן איין געריכט און דעם אַנדערן, מיט איין האַנט אַרומגעשריבן אויף דעם ווייסן טישטוך און זיינע אויגן האָבן אַנגעקוקט אַר־נאָלדן טיף טרויעריק. „אייך איז עס אפשר נישט, אָדער מסתמא נישט, אָבער איך געפין, אַז עס איז זייער אומעטיק. אָט נעמט כאָטש „פּראָהיבישן". איך בין קיין טרינקער נישט, קיינמאָל נישט געוועזן. איך האָב זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט פון אַ גלעזל ווײַן אָדער ביר, אָבער קיינמאָל נישט געזוכט עס. אָבער „פּראָהיבישן" האָט מיך טרויעריק געמאַכט. ווי קאָן מען נעמען און אַרויפלייגן אויף אַ גאַנצן פאָלק אַזאַ זאַך? נעמען און וועלן אויסטריקענען אַ גאַנץ פאָלק! מאַכן פון זיין נשמה אַן אויס־געטריקנט, אויסגעדאַרט שפּענדל! אַ פאָלק אָן דער פריילעכקייט פון הארץ, וואָס וועט נאָר ציילן די מטבעות, וועלכע עס האָט אָפּ־געשפּאָרט דורך נישט טרינקען!"

אַרנאָלד האָט נישט אינגאַנצן איינגעשטימט מיט אים אין דער פראַגע פון פּראָהיבישן. דער שנאַפּס־טייוול איז אַ קללה אין דעם לעבן פון אַ פאָלק.

„פונדעסטוועגן איז נאָך קיין פאָלק נישט אונטערגעגאַנגען דורך שיכרות," האָט ראָטמאַן בייז דערווידערט, ווי ער וואָלט אין אַרנאָלדן דערפילט אַ שונא. „די הויכע ציוויליזאַציע, צו וועלכער מיר האָבן דערגרייכט, איז די פרוכט פון טרינקענדיקע פעלקער. וואָס ווילט איר אַריינפירן נייע פאַרבאָטן אין אונזער לעבן? די מענטשהייט האָט נאָך אירע אַלטע נישט דורכגעפירט און געפינט זיך אין שטענדיקן קאַמף מיט אַזוי־צו־זאָגנדיקע זינד און פאַר־ברעכן. צוליב דעם, וואָס איינער פאַרשיכורט אַלץ, וואָס ער האָט, און מאַכט אַן סקאַנדאַל, ווען ער איז שיכור, זאָלט איר ביי מיר אוועקנעמען די פרייד פון הארצן? האָט איר דאָך נישט פאַרבאָטן פּריוואַט־אייגנטום דערפאַר, ווייל עס איז פאַראַן גנבה! האָט איר דאָך נישט געהייסן דערטרינקען אַלע נייגעבוירענע מיידלעך, ווי פּרעה אַלע נייגעבוירענע יונגלעך, דערפאַר ווייל עס איז פאַראַן

זנות... איז פאַרוואָס זאָלט איר צוליב דעם שיכור אוועקנעמען ביי מיר מיין ווייַן?"

אַרנאָלד האָט אים פאַרזיכערט, אַז ער האָט קיין שום טייל נישט אין דעם שנאַפּס־פאַרבאָט און אין די אַלע אַנדערע פאַר־באָטן. ראָטמאַן האָט אים אָנגעקוקט אומגלויביק, דערנאָך זיך צולאַכט.

„און בכלל איז עס טרויעריק," האָט ער געזאָגט, איבער־רייסנדיק זיין לאַכן. „דער סקאַנדאַל מיט די אַסעמבלימען פון ניו־יאָרק, די אַראָפּזעצונג פון פּראָפעסאָרן, וועלכע האָבן זיך דערוועגט צו האָבן אַן אייגענע מיינונג... איך דאַרף דאָך אייך נישט דערציילן... איר ווייסט עס אַזוי גוט, ווי איך... איך האָב עס אויסגעדריקט אין אַ ליד, וואָס הויבט זיך אָן: „אַמעריקע, ביזט ליכט געווען פאַר אַלע פרייהייטס־זוכער"... איך קאָן עס אייך נישט גוט איבערזעצן... איך זאָג איר דאָרטן, אַז די גרויסע דערפאָלגן האָבן איר דעם קאָפּ פאַרדרייט. זי האָט פאַרגעסן איר מיסיע פון אַ קעמפערין פאַר פרייהייט און באַפרייאונג. איצט דענקט זי, אַז איר מיסיע איז אַ סך געלט צו מאַכן און צו זיין די הויפּטבאַשי־צערין פון פּריוואַט־אייגנטום... און איך האָב נאָך לידער גע־שריבן. ביטערע לידער. און גלויבט מיר, אוים ליבע צו אַמעריקע. איך קאָן אייך שווערן, אַז ווען איך האָב געשריבן די לידער, האָב איך געליבט אַמעריקע אַ סך מער, ווי די פאַרשיידענע באַצאָלטע באַאַמטע פון די כלומרשט פּאַטריאָטישע געזעלשאַפטן. זיי זיינען ביי מיר געווען דער אויסדרוק פון גרויסער אַכטונג און ליבע. אָבער איך האָב זיי נישט יעקאָנט דרוקן. מיין רעדאַקטאָר האָט מורא יעהאַט. איר פאַרשטייט, אין אַמעריקע איז געקומען דערצו, אַז מען האָט מורא צו דרוקן אַ פריי וואָרט. איך זאָג אייך דעם אמת, ווען איך וואָלט געהאַט געלט, וואָלט איך איצטער אוועקגעפאָרן פון אַמעריקע. איך וואָלט, ווי דער העלד פון אַ באַרימטער רו־סישער קאָמעדיע, „אוועק צו זוכן אין דער וועלט אַ ווינקל פאַר דעם באַליידיקטן געפיל"... פאַרוואָס זאָל אַזאַ מענטש, ווי איר, נישט מאַכן קיין רייזע איבער דער וועלט און נעמען מיך מיט?"

דידאָזיקע ווערטער האָבן עפּעס אָנגערירט אין אַרנאָלדן. זיי זיינען אים אַלץ עפטער אַרויפגעקומען, איבערגעחזרט זיך, צו־

שפּרייט זיך אין אים. „אַוועק צו זוכן אין דער וועלט אַ ווינקל פאַר דעם באַליידיקטן געפיל"... פאַרוואָס זאָל ער טאַקע נישט מאַכן אַ רייזע? זען, וואָס טוט זיך איצטער אין אייראָפּע...

„איר ווייסט, איר האָט מיר אויפגעטאָן אַ גוטן געדאַנק," האָט ער געזאָגט ראָטמאַנען ביים צוזעגענען זיך. „איך וועל טאַקע מאַכן אַן אייראָפּע־רייזע, וועל פאָרן זוכן אַ ווינקל פאַרן באַליידיקטן געפיל."

„גוט צו זיין אַ גביר," האָט ראָטמאַן דערויף דערווידערט. „איך טראַכט שוין דערפון לאַנג און די רייזע ווערט מיר אַלץ ווייטער און ווייטער. איך האָב איך זי נאָר געדאַרפט דערמאָנען, און איר פאָרט שוין. נו, און ווי איז וועגן נעמען מיך? אַמאָליקע הארן פון דער ערד פלעגן שטענדיק נעמען מיט זיך זייערע נאַרן אויף זייערע רייזעס. די נאַרן זיינען געווען, ווי געוויינלעך, פּאָעטן. ווילט איר נישט נעמען מיט זיך קיין נאַר?"

„איך בין נישט קיין האר פון דער ערד," האָט אַרנאָלד דערווידערט. „און ווען איך פאָר צו זוכן אַ ווינקל פאַר דעם באַליידיקטן געפיל, פאָר איך אַליין ווי אַ נאַר."

„זאָל אייך גאָט העלפן, איר זאָלט נישט קליגער ווערן," האָט ראָטמאַן געזאָגט, געגעבן אַרנאָלדן די האַנט און איז אַוועק, דעם קאָפּ פאַרריסן, די אויגן אָנגעשטעלט אין דער ווייט, און טרויער אין יעדן גליד, אין יעדער באַוועגונג.

ווען אַרנאָלד האָט אָוועקגעשיקט נאָך אַ פּאַספּאָרט און באַ־שטעלט זיין שיפסקאַרטע, איז ער אַוועק מיט אַ באַזוך צו די ברענדס. זיי האָבן אים אָפּגעוואַרט מיט אַ באַזונדערער פריינט־לעכקייט און מיט טרייסטווערטער. געריכט זיך צו זען אַן אָראָפּ־געפאַלענעם ביי זיך, פאַרזאָרגטן, כאָטש ער האָט אין בריוו פאַר־זיכערט, אַז ער איז ביי זיך נישט אַראָפּגעפאַלן. אָבער ער איז אַריינגעקומען מיט אַ שיינענדיקן שמייכל און אַ האַרציקער פריי־לעכקייט. ער האָט זיך געפילט גוט ביי די ברענדס, און ער איזווירקלעך געווען פריילעך, ווען ער האָט אַריבערגעטראָגן זייער שוועל. די ברענדס האָבן גלייך באַגריפן, אַז זיי דאַרפן אויף אים נישט פאַרלירן קיין איין וואָרט פון טרייסט. דער געלט־פאַרלוסט האָט אויף דעם יונגן מענטשן ווירקלעך קיין שום איינדרוק נישט געמאַכט.

ליליען איז געווען איבערגליקלעך צו זען אים. האָט עס פון אים אויך נישט באַהאַלטן. און דעם טאָג, ווען דער פאָטער האָט איר אָנגעזאָגט פון דעם באַנקראָט פון אַרנאָלדס פירמע — זי אַליין איז געווען אַ קנאַפּע צייטונגס־לעזערין — האָט זי אַרויסגעגעבן ביי דער מוטער אַרנאָלדס נישט פאַרענדיקט בילד, און איז לאַנג געזעסן פאַר אים. זי האָט געפילט, אַז ווען זי וועט אַזוי זיצן און קוקן, וועט זי בעסער קאָנען מיטפילן און מיטליידן מיט אים. זי האָט נישט געוויינט, אָבער איר האַרץ האָט גע־קרעמפּט און וויי געטאָן, און זי איז געווען זייער אומעטיק. ווען

זי האָט גענומען דעם פּענזל און אין אַ פּאָר ערטער אַ פּיר געטאָן איבער דעם פּאָרטרעט, איז עס געווען נישט דערפאַר, וואָס די מאָלערין האָט זיך אויפגעכאַפּט אין איר. דאָס האָט זי אים גע־לאַשטשעט, געטרייסט, באַרואיקט. זי וואָלט אפילו געקאָנט רעדן צו דעם בילד. זאָגן אים גוטע, דערמונטערנדיקע, באַרואיקנדיקע ווערטער. אָבער זי האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין צו רעדן אויפן קול. האָט זי זיי געטראַכט אין זיך און ארומגעפירט מיטן פּענזל איבער זיינע ליפּן. דאָס האָט זי אים געקושט און איז פון אים געקושט געוואָרן. באַלד אָבער האָט זי געמוזט געבראָכן פאַרב און פּענזל אין פולן ערנסט, ווייל זי האָט קאַליע געמאַכט זיינע ליפּן מיט אירע פּענזל־קושן. דאָס בילד איז שוין געבליבן אַזוי שטיין אויפן שטאַפל. זי האָט געהאַט חשק צו פאַרשמירן די מיליטערישע אוניפאָרם. כדי עס זאָל נישט אויסזען עפּעס ווי אַן אָפּגעשניטענער קאָפּ, האָט זי געמאַכט אַ בליישטיפט־סקיצע פון דעם קאָפּ מיט אַ גרויסן בלומען־קוסט אונטער אים. עס זאָל אויסזען, ווי אַרנאָלד שטייט ביזן קאָפּ הינטער דעם בלומען־קוסט. דאָס איז איר געפעלן געוואָרן, אָבער זי האָט נאָך נישט געפונען קיין מוט צו פאַרשמירן דעם מיליטערישן אנצוג. אין דעם טאָג פון זיין באַזוך האָט זי אַרויסגעטראָגן דאָס בילד פון איר צי־מער, אָבער איבערגעלאָזן דאָרטן די סקיצע און אַ גאַנצן טאָג גע־ווען איבער־פריילעך, וואָס אין אָוונט וועט זי אים זען. אירע ערשטע ווערטער צו אים זיינען געווען:

„דאָס הייסט ביי אייך ‚גאָר אינגיכן?‘“ ווען וואָלט איר גע־קומען, ווען נישט גאָר אינגיכן?“

„פיל לענגער וואָלט עס נישט געקאָנט זיין,“ האָט ער גע־זאָגט מיט זיין לאַכן. „איך פאָר נאָך אייראָפּע.“

„וואָס?!“ האָט אויסגערופן מרס. ברענד.

אַ גרויסע שטילקייט איז אַריינגעטראָטן. זיי האָבן געקוקט אויף אים, און זייערע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בענקעניש. אָבער ער האָט געענטפערט זייערע בליקן מיט לאַכנדיקע אויגן.

„יאָ,“ האָט ער געזאָגט, „איך האָב באַשלאָסן אָפּצוטרייסלען פון מיינע שיך דעם שטויב פון מיין פאָטערלאַנד און אוועק־וואַנדערן איבער אייראָפּע.“

„און אָנצונעמען אויף זיך אייראָפּעאישן שטויב?‟ האָט מר. ברענד אַרויסגערעדט מיט אַן ערנסטן געזיכט און געענדיקט מיט אַ מין פּאַרדראָס: „איז שוין דער שטויב פון מיין פאָטערלאַנד מיר ליבער.‟

און אַרנאָלד האָט ווייטער געלאַכט:

„דער שטויב פון אייראָפּע וועט קריכן בלויז אין נאָז, דער שטויב פון דעם פאָטערלאַנד ליגט זיך אויף די לונגען. ווער איז אַ גרעסערער פּאַטריאָט? איך וויל, אַז מיין פאָטערלאַנד זאָל גאָר קיין שטויב נישט האָבן.‟

„איז ווען פאָרט איר?‟ האָט ליליען געפרעגט.

„אין אַ חודש אַרום.‟ ער האָט אָנגערופן די שיף.

„זייט איר, הייסט עס, געקומען זעגענען זיך?‟ איר שטי־מע איז געווען טרויעריק.

„אָ, ביזן אָפּפאָר קאָן לעווענבערג זיין דאָ נאָך עטלעכע מאָל,‟ האָט די מוטער געטרייסט.

„איך האָב מורא, אַז דאָס וועט נישט קאָנען זיין דער פאַל,‟ האָט ער נאַאיוו געזאָגט. ער האָט זיי אויסגערעכנט, ווי ער וועט זיין פאַרנומען.

„אָבער געזעגענען זיך וועל איך גאַנץ באַשטימט אַריינקו־מען,‟ האָט ער געענדיקט. „עס איז גוט אַוועקצופאָרן אין אַ וויי־טער רייזע מיט דעם האַנטדרוק פון נאָנטע פריינט נאָך פריש אין דיין האַנט.‟

„עס איז זייער שיין פון אייך צו האַלטן אונז פאַר אַזעלכע פריינט,‟ האָט געזאָגט מרס. ברענד. איר שטימע איז געווען אַזוי גוט און לאַשטשענדיק.

אַרנאָלדן איז געוואָרן גאַנץ מאָדנע פון דעם טאָן פון די אַרויסגעזאָגטע ווערטער. ער האָט אָנגעקוקט די געזיכטער פון טאָכטער און עלטערן. ליליען האָט, קענטיק, געוואָלט באַקעמפן איר אומעטיקייט. די עלטערן האָבן זיך איבערגעקוקט. ער האָט אויפגעכאַפּט זייער איבערקוקן זיך. פלוצלונג האָט ער באַקומען געוויסהייט: ליליען ליבט אים. אירע עלטערן ווייסן עס און וואָלטן איר גערן געהאָלפן, זי זאָל קומען צו איר האַרץ־פאַרלאַנג. ער איז

געוועזן זיכער, אז די עלטערן וועלן באַלד געפינען אַ געלעגנהייט צו לאָזן זיי אַליין.

ער האָט פאַרפירט אַ געשפּרעך איבער זיינע פּלענער אין אייראָפּע. גערעדט און צוגעהערט זיך צו זיך אַליין. וואָס פילט ער צו ליליען? ער איז נישט פאַרליבט אין איר. גאַנץ באַשטימט נישט. אָבער עס איז אים אַזוי גוט מיט איר, אַזוי אָנגענעם. עס איז אים, ווי ער וואָלט זי געקענט פון זיין קינדהייט אָן, ווי ער וואָלט מיט איר אויפגעוואַקסן. אַזוי היימיש מיט איר — ווי מיט אַ שוועסטער. אָדער ווי ער וואָלט מיט איר שוין לאַנג פאַרהייראַט געוועזן. ער קאָן זי אַרומנעמען, גלעטן, קושן. אָבער דאָך נישט פאַרליבט. איר נאָענטקייט מאַכט אים נישט אומרואיק, ער האָט קיין שום פאַרלאַנג נישט, צו ווערן מיט איר נענטער.

מרס. ברענד האָט זיך פּלוצלונג דערמאָנט, אַז זי דאַרף עפּעס אָנזאָגן ליוסין.

באַלד וועט ער בלייבן מיט ליליען אַליין, איז עס פאַרבײַגע־גאַנגען דורך אַרנאָלדן.

מר. ברענד האָט פאַררויכערט אַ ציגאַר, געגעבן אַ פּאָר שווע־רע ציי.

„וועניציע, וועניציע איז אַ וווּנדערשטאָט," האָט ער אַרויסגערעדט, ווען אַרנאָלד האָט אויסגערעכנט די איטאַליענישע שטעט, וועלכע ער רעכנט צו באַזוכן. אַרויסגערעדט און אַרויס־געגאַנגען פון צימער.

אַרנאָלד האָט נישט געקאָנט מער רעדן. מען דערוואַרט עפּעס פון אים, און ער קאָן עס נישט טאָן. עס האָבן אים זייער לייד געטאָן די גוטע עלטערן. ווי איידל און צאַרט זיי האָבן אויסגע־מיטן צו רעדן וועגן זיין באַנקראָט. זיי ווייסן דאָך געוויס, אַז ער האָט פאַרלאָרן זיין קאַפּיטאַל. אָבער דאָס, ווייזט אויס, אינטערע־סירט זיי נישט. זיי ליבן אים. זיי ווילן אים, נישט זיין רייכטום. און זיי האָבן אים לייד געטאָן. ער קאָן זיי נישט דערפרייען, די איידעלע מענטשן. און נאָכמער האָט אים לייד געטאָן ליליען. אָבער איר געזיכט האָט איצטער גאָרנישט אַרויסגעצייגט, פאַרוואָס זי זאָל דאַרפן עמעצן לייד טאָן. זי האָט זיך נאָר אויפמערקזאַם צו־געהערט צו דעם, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן.

„פאַרוואָס זייט איר אַנטשוויגן געוואָרן?" האָט זי געפרעגט.

„עפּעס האָט זיך מיר אַרויפגעלייגט אויפן צונג," האָט ער געענטפערט.

„סימבאָליש, נאַטירלעך." זי האָט אים דורכגעדרונגען מיט אירע אומבאַוועגלעכע אויגן.

„יאָ, אַ געדאַנק."

זי האָט אים געלאָזן שווייגן. געזעסן און געקוקט אויף אים, ווערדליק זיינע אויגן האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט. ער האָט געטראַכט:

מוז עס זיין ליבע? וואָלט זי נישט געוועזן פאַר מיר די ווייב, וועלכע גאָט האָט פאַר מיר באַשאַפן? וואָלט איך מיט איר, וועלכע זיצט דאָ אַזוי ליב און געטריי פאַר מיר, נישט גליקלעך געוועזן? זי ליבט דאָך מיך. און איר ליבע איז די אמתע ליבע. די דאָ האָט גאָרנישט פון געמאַכטקייט, פון אַרויפלאָזן אויף זיך. אַלץ איז עכט אין איר.

ליליען איז פּלוצלונג אויפגעשטאַנען:

„איך האָב אייך וואָס צו צייגן אין מיין סטודיע."

ער איז אויפגעשטאַנען, נאָכגעגאַנגען נאָך איר. זי איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און לייכטע שטילע טריט. ווי זי וואָלט נישט געוואָלט שטערן די געדאַנקען פון דעם, וואָס איז געגאַנגען הינטער איר.

אין איר סטודיע האָט זי אים באַוויזן איר סקיצע: זיין קאָפּ איבער אַ הויכן בלומען־קוסט.

ער איז געוועזן איבעראַשט, האָט באַוווּנדערט די אַרבעט. געפילט, אַז ער דאַרף איר עפּעס זאָגן, עפּעס גוטס. עפּעס דערפרייענדיקס. אויב ער האָט געדאַרפט אַ באַוויז פון אירע געפילן צו אים, איז דידאָזיקע אַרבעט דער בעסטער באַוויז. און אָט שטייט זי לעבן אים, וואָלט זיך געוואָלט צודריקן צו אים און דערוועגט זיך נישט. און איז רויט אין געזיכט, און איז אומרואיק. אָבער ער האָט איר גאָרנישט געקאָנט זאָגן. ער האָט געקוקט אויף דער סקיצע, לאַנג געקוקט.

„געפעלט עס אייך ווירקלעך?" האָט זי געפרעגט.

„מיר געפעלט, וואָס איר האָט מיר פאַרדעקט מיין מונ־דיר,“ האָט ער לאַנגזאַם אַרויסגערעדט.

„און די אַרבעט אַליין?“

„וואָס איר האָט געהאַט די באַדערפעניש צו טאָן זי...“

ער האָט זיך פּלוצלונג צוגעווענדט צו איר, אָנגענומען פאַר דער האַנט:

„ליליען!“

זי האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, איז בלאַס געוואָרן, שווער געאָטעמט. און ער האָט פאַרטגעזעצט:

„עס ווילט זיך מיר אייך עפּעס זאָגן. אָבער איך פיל, אַז איך טאָר נאָך נישט. איך וועל עס זאָגן — אפשר — ווען איך וועל קומען צוריק. וועט איר וואַרטן?“

„איך וועל וואַרטן אַפילו ווען א פ ש ר,“ האָט זי אַרויס־געשעפּטשעט, איינגעבויגן זיך און אַ קוש געטאָן זיין האַנט, און געפילט דעם ציטער, וועלכער איז דורכגעגאַנגען דורך אים. איצ־טער האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אָנגעקוקט אים מיט אירע אויגן — גרויסע, קלאָרע אויגן, אין וועלכע עס האָט געשיינט די גליקזעליקייט, וועלכע האָפנונג גיט אַריין.

„איצטער איז מיר אַראָפּ פון צונג,“ האָט ער געלאַכט.

ווען זיי זיינען אַרויסגעקומען צוריק אין זאַל, האָבן זיי דאָרטן געפונען די עלטערן. פון דעם פרייליכן, אויפגעלעבטן אָנ־בליק פון זייערע געזיכטער האָבן די עלטערן געמוזט באַשליסן, אַז זיי האָבן זיך „אויסגערעדט“. זיי האָבן געקוקט אַרנאָלדן אין מויל אַריין, געוואַרט פון אים די געווינלעכע ווערטער, מיט וועלכע אַ יונגער מענטש ווענדט זיך צו די עלטערן פון דער מיידל, וועל־כע ער האָט אויסגעוויילט, און געוווּנדערט זיך, פאַרוואָס ער זאָגט זיי נישט אַרויס. זיי האָבן זיך נאָכמער געוווּנדערט, און אין זייערע הערצער איז אַריין גרויסע אַנטוישונג, ווען ביי אַרנאָלדס אַוועקגיין האָט ליליען אים דערמאָנט, ער זאָל נישט פאַרגעסן קו־מען צו געזעגענען זיך. וואָס זאָל דאָס באַדייטן?

אָבער אויך אַרנאָלד האָט זיך געוווּנדערט, פאַרוואָס ער האָט נישט געזאָגט די ווערטער, אויף וועלכע מר. און מרס. ברענד האָבן

אזוי געוואַרט, ער האָט זיך געפילט אזוי דערנענטערט צו ליליען. וואָס פעלט נאָך? פאַרוואָס זאָל ער זי לאָזן וואַרטן?

די פראַגן זיינען אים אויפגעקומען גאַר אַ סך מאָל אין אַלע די טעג פאַר זיין אָפּפאָר. עטלעכע מאָל האָט ער געפילט, אַז ער וויל זי זען. און דאָך אפילו נישט אָפּגערופן זי אין טעלעפאָן צו הערן איר שטימע.

אָבער אויך ביים געזעגענען זיך האָט ער די ווערטער נישט געזאָגט. ער האָט אפילו נישט איבערגעחזרט איר זיין בקשה, זי זאָל וואַרטן. דאָך דאָס האָט ער נישט געדאַרפט. ער האָט דאָס געזען אין אירע אויגן, געפילט אין דעם ציטער פון איר האַנט. און אין די רייד פון מר. און מרס. ברענד.

„פאַרזאַמט זיך נישט צו לאַנג אין איראָפּע," האָבן זיי אים געזאָגט אין אַ דורכאַנאַנדער. „מיר וועלן דאָ אויף אייך וואַרטן מיט דער גרעסטער אומגעדולד."

ליליען, הייסט עס, האָט זיי דערציילט. ליליען האָט נישט קיין סודות פון אירע עלטערן. און ער האָט זיי מיט אַ באַזונדער וואַרעמקייט פאַרזיכערט, אַז זייער וואַרטן וועט זיין די גרעסטע, אויב נישט די איינציקע צוציאונג, וועלכע וועט אים קאָנען ברענגען צוריק אין אַמעריקע וואָס גיכער.

ליליען איז געווען ביים אַוועקגיין פון שיף, אָבער אַרנאָלד האָט דערפון נישט געוווּסט. זי האָט אים אַנטדעקט ביי דער פּאַרענטשע פון שיף, ווו ער איז געשטאַנען מיט אַ דזשענטלמאַן מיט גרויליכע האָר. אַרנאָלד האָט געהאַט ווייניק באַגלייטער, אָבער דערפאַר דער דזשענטלמאַן, וועלכער, ווייזט אויס, איז געווען אַרנאָלדס אַ פריינט, איז באַגלייט געוואָרן פון אַ גרויסער מאַסע מענטשן, וועלכע האָבן זיכער באַלאַנגט צו מענער און פרויען פון אַרבעט. די מאַסע האָט גערוישט, געשריען, געליאַרעמט, איטלעכע ווייַלע אַרויפגעשריען אַ הוראַ צו אַרנאָלדס פריינט און אויך לידער געזונגען אין כאָר. זי האָט זיך נישט פאַרגונען אָפּצורייסן די אויגן פון אַרנאָלדן און, מיט די אויגן אָנגעשטעלט אויף אים, האָט זי געפרעגט איינע פון די שרייערקעס און זינגערקעס, וועמען זיי באַגלייטן עס.

„אונזער יוניע־פירער אפרים פעלדמאַן,‟ איז געווען דער באַגייסטערטער, שטאָלצער ענטפער. עס איז אויך געווען ליבע צום פירער אין דעם טאָן פון דער ענטפערין.

ליליען האָט זיך נישט פאַרוואונדערט איבער איר טאָן. דער אפרים פעלדמאַן איז אַ פריינט פון אַרנאָלדן, מוז ער, נאַטירלעך, געליבט זיין.

ווען די שיף האָט זיך גערירט, האָבן זיך איר געשטעלט טרערן אין די אויגן. זי האָט אים אָנגעהויבן צוצוּוואַרפן קושן. איצטער האָט איר פאַרדראָסן, פאַרוואָס ער האָט נישט געוווּסט, אַז זי איז צווישן די באַגלייטער. אויב זיי וואָלטן זיך נישט צו־קושט, וואָלט ער איר צוגעוואָרפן קושן. און אפשר וואָלטן זיי זיך צוקושט... אָבער דאָס האָט זי נישט געוואָלט. דערפאַר איז זי געקומען צום שיף בסוד. זי האָט פאַרשפּראָכן צו וואַרטן, וועט זי וואַרטן.

טרערן זיינען איר גערונען. הייסע, זודיקע טרערן.

„פאָר געזונט,‟ האָט זי געשעפּטשעט, „פאָר געזונט און קום געזונט. קום וואָס שנעלער צוריק. וואָס שנעלער, מיין טייערער, מיין ליבער!... אַרנאָלד! אַרנאָלד!... וואָס שנעלער צוריק, אַרנאָלד! איך וועל וואַרטן!...‟

און ווען די שיף האָט זיך אַוועקגערוקט, און אַרנאָלד איז נאָר געוואָרן אַ שוואַרץ פּינטל ביי דער דעק־פּאָרענטשע, האָט זי זיך דערלויבט און אריינגעשריען אין דעם גרויסן אַרומיקן רעש: „גוד באַי, אַרנאָלד! גוד באַי, טייערער!‟ און היסטעריש צוכליפּעט זיך.

ביי סענדי הוק האָט מען אַרנאָלדן איבערגעגעבן אַ ראַדיאָ־גראַם. פון ליליען. זי האָט זיך נאָכאַמאָל צוזעגנט מיט אים און אָנגעזאָגט אים, אַז זי איז געווען צווישן די באַגלייטער אויפן פּיר. אויב עס האָט זיך דערטראָגן צו אים אַ ברכה — זי האָט נישט געקאָנט פועלן ביי זיך צו שרייבן „קוש‟ — זאָל ער וויסן, אַז דאָס איז פון איר. אַרנאָלד האָט אַ קוש געטאָן די ראַדיאָ־גראַם.

צווישן די בריוו און טעלעגראַמען, וועלכע ער האָט געפונ־

נען אין זיין קאַיוטע, איז געווען אַ בריוו, וועלכער האָט ארויסגע־רופן ביי אים אַ געלעכטער־שאָס.

דאָס איז געווען אַ חתונה־אָנזאָג.

„קעטרין שופרא און ענדריו קעלערמאַן געהייראַט.“

ווען ער האָט זיך אויסגעלאַכט, האָט ער צוריסן דאָס קאַרטל און אַוועקגעוואָרפן די שטיקלעך אויף די כוואַליעס פון דעם אָקעאַן. און עס איז געווען, ווי זיי וואָלטן זיך אויך צולאַכט...

IX

ער האָט באזוכט ענגלאנד, פראנקרייך, דייטשלאנד, עס־טרייך, איטאליע. ער האָט נישט געפונען קיין אָפּפרישונג און נישט קיין צושטרויאונג. דער שטויב פון דער אומגליקלעכער, נאָך־מלחמהדיקער אייראָפּע האָט זיך אים אויך געלייגט אויף די לונגען.

ער האָט געהאט אביסל אָפּגעאָטעמט אין ענגלאנד. די קלוגע, סאָלידע בריטאניע איז אויסערלעך שנעל געקומען צו זיך נאָך דער מלחמה. די אַלע לעכער, וועלכע די דייטשע צעפּעלינס האָבן געמאכט מיט זייערע באָמבעס אין די גאסן פון לאָנדאָן, זיינען שנעל צוגעדעקט געוואָרן. מיט זיי זיינען אויסערלעך צוגע־דעקט געוואָרן אַלע אנדערע סימנים פון דער מלחמה. ער האָט גאָר באלד באמערקט, אז די ענגלענדער האָבן נישט גערן גערעדט וועגן דער מלחמה. ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט מיט איר. און ווי אנדערש? זיי האָבן פארניכט זייער גרעסטן און געפערלעכסטן קאָנ־קורענט אויף דעם וועלטמארק, אוועקגענומען זיינע קאָלאָניעס אין אזיע און אמעריקע, זיינען געוואָרן מער ווי אַלעמאָל די הערשער איבער אַלע ימים. די מלחמה איז פאר זיי געווען די ריינסטע רויב־מלחמה. די רויב־רעזולטאטן האָבן לעכערלעך געמאכט אַלע זייערע פראזן פון אידעאליזם און מענטשלעכקייט, מיט וועלכע זיי האָבן באגלייט די מלחמה. וואָס האָבן זיי איצטער געקאָנט רעדן און נישט שעמען זיך? האָבן זיי נישט גערעדט. אָבער זייערע אויגן און זייער האלטונג האָבן ארויסגעגעבן, אז זיי פּלאצן שיר

נישט אויס באַוווּסטזיין פון זייער זיג און גרויסקייט. ווען ער האָט דאָס אַנטדעקט אין די ענגלענדער, מיט וועלכע ער האָט פאַרקערט, האָט ער מער נישט געקאָנט איינזיצן אין ענגלאַנד.

אָבער פראַנקרייך, דאָס לאַנד, וואָס ער האָט שטענדיק געליבט, איז אים אויסגעקומען, ווי אַ בעטלער, וועלכער וויל רירן די גוטהאַרציקייט פון די פאַרבייגייער מיט אויסשטעלן פאַר זיי זיינע בלוטיקע ווונדן, זיינע פאַרקריפּלטע גלידער, זיין קרעץ און זיין שמוץ. שוין אויף דער פראַנצויזישער שיף, מיט וועלכער ער איז אַריבערגעפאָרן דעם אָקעאַן, האָט ער עס געמערקט. אין די פאַרשיידענע סאַלאָנס פון דער שיף זיינען געווען אויסגעלייגט בילדער און בראָשורן פון און וועגן די חרוב־געוואָרענע געגנטן פון פראַנקרייך — מיט די פּרייזן, וויפל עס דאַרף איינעם קאָסטן צו באַזוכן זיי. פראַנקרייך האָט געמאַכט געשעפט מיט אירע ווונדן. זי האָט זיי אויסגעשטעלט פאַר דער צאָלונגספעאיקער מענטשהייט, איינגעלאַדן צו באַקוקן זיי און צו צאָלן פאַר דאָס באַקוקן. אַרנאָלד האָט גלייך אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז ער וועט נישט פאָרן אַהין און נישט באַקוקן. ער וואָלט עס געוויס געטאָן, אָבער ער וועט נישט פאָרן אויף אַן איינלאַדונג, וועלכע איז אַ דערנידערונג פאַר דעם ליבלינגס־פאָלק פון אַלע מוזעס. דאָך אויך דאָס וווּנדערבאַרע, לעבנסלוסטיקע פּאַריז האָט אויף אים געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. דאָס איז נישט געווען מער דאָס פּאַריז, וואָס ער האָט געקענט פאַר דער מלחמה, דאָס פּאַריז מיט די ווייט פאַנאַנדערגעעפנטע אָרעמס פאַר דער גאַנצער וועלט, דאָס פּאַריז פון זאָרגלאָזיקייט און גרויסער ליבנסווירדיקייט. אויך איצטער האָט פּאַריז געטאַנצט און געטאַננאָט, אָבער אין דער אייגענער צייט אויסגעשטרעקט אַ בעטלערהאַנט, געמאַכט געשעפט מיט אירע ווונדן. קאַפעטעריעס און שענקען האָבן פאַררופן קונדן אונטער נעמען פון געפּלאַצטע באָמבעס און אַראָפּגעפאַלענע גראַנאַטן, אין האָטעלן און רעסטאָראַנען האָט מען געלטגיריק אַריינגעקוקט אין די קעשענעס פון די פרעמדע מיט דער מינע פון מלחמה־געליטענע. אויב דורות פראַנצויזן זיינען אויפגעצויגן געוואָרן מיט דעם געדאַנק פון נקמה און באַפרייאונג פון עלזאַס־לאָרען, פאַרוואָס יובלען זיי נישט?

פאַרוואָס ווילדעווען זיי נישט אין גרויסער פרייליכקייט? זיי האָבן דאָך דערגרייכט, וואָס זיי האָבן געוואָלט! ער איז אַוועקגעפאָרן פון פראַנקרייך אַן אַנטוישטער, אַן אָפּגעעקלטער.

דייטשלאַנד און עסטרייך, וועלכע ער האָט באַזוכט נאָך פראַנקרייך, האָבן אויף אים געמאַכט דעם שווערסטן איינדרוק מיט דער אָראָפּגעקומענקייט פון זייערע איינוווינער. אין די קרייזן, אין וועלכע ער האָט פאַר דער מלחמה געהערט געשפּרעכן וועגן קונסט און ליטעראַטור, טעאַטער און מוזיק, האָט ער איצטער געהערט גאָר געשפּרעכן וועגן וואַליוטע און וועגן די זאָרגן פון דעם טעג־לעכן לעבן. דאָס זיינען געווען איצטער לענדער אָן מילך און פּוטער און מיט אַ הונגעריקער אינטעליגענץ. די טרעגער און פאַר־שפּרייטער פון דער דייטשער קולטור, די פּראָפעסאָרן און שריפט־שטעלער האָבן נישט געהאַט גענוג אויף טינט און פּאַפּיר. אַר־נאָלד האָט זיך געשעמט אַרומצוגיין צווישן זיי אַלס זייער וווילטע־טער, זייער העלפער.

אין ווין האָט אויף אים געוואַרט אַ קליינע איבעראַשונג. ער האָט באַזוכט אַ פאַרזאַמלונג פון יידישע אַרבעטער און אין דעם עולם דערזען אָלגאַ מאַנקאָף. ער האָט צו איר צוגעאיילט, אַן אויפגעלעבטער, אַן אויפגערעגטער.

„איר דאָ?!"

זי האָט אים אָנגעקוקט זייער איבעראַשט, איז רויט גע־וואָרן, ווי זי וואָלט זיך געפילט שולדיק אין עפּעס קעגן אים.

„איר דאָ?" האָט זי איבערגעחזרט זיין פראַגע. זיי האָבן אָבער אין דער פאַרזאַמלונג נישט געקאָנט רעדן, זיינען זיי אַרויס, אַוועק אין אַ קאַפע.

„איר האָט דאָך גאָר געדאַרפט זיין אין פּאַלעסטינע?"

„איך בין געווען אויף באַזוך אין וואַרשע און איצטער בין איך עם אויפן וועג קיין פּאַלעסטינע. און איר? איר זייט שוין לאַנג דאָ?"

„ניין, ערשט אַ פּאָר טעג," ער האָט איר דערציילט פון זיין רייזע.

„איז פעלדמאַן אויך דאָ?" האָט זי געפרעגט.

„ניין, מיר האָבן זיך צוטיילט אין פּאַריז. ער איז אַוועקגע־

פאָרן אין רוסלאַנד. מיך, איך ווייס נישט פאַרוואָס, האָט מען אין רוסלאַנד נישט געוואָלט אַריינלאָזן.״

„מיך האָט מען אויך נישט אַריינגעלאָזן.״

„פאַרוואָס אייך נישט?״

„ווייל איך בין אַ ציוניסטין.״

„די אויסריידן אויף צו פאַרשליסן פון איינעם אַ לאַנד זייַנען אומצייליק,״ האָט ער געלאַכט. „און איר פאַרלאָזט טאַקע אַמעריקע אויף שטענדיק?״

„איך וועל מסתמא קומען אַמאָל צו באַזוך, אויב מען וועט מיך אַריינלאָזן.״

„און איר וועט גאָר נאָך אַמעריקע נישט בענקען?״

„דאָס וועל איך וויסן שפּעטער. אָבער מיר דאַכט, אַז נישט. מיר האָבן אַזויפיל צו טאָן אין פּאַלעסטינע.״

„וואָס וועט איר דאָרטן טאָן?״

„איר פרעגט נאָך אַלץ, וואָס וועט איינער טאָן? ווען מען קלייבט זיך אויס אַ נישט באַאַרבעט און נישט באַבויט שטיק לאַנד פאַר אַ צוקונפטיקער היים, קאָנט איר פרעגן: וואָס וועט איר דאָרטן טאָן? עס איז דאָ אַרבעט איבערן קאָפּ, און ווו איר וועט צולייגן די הענט, וועט איר ניצלעך זיין.״

„ניצלעך זיין,״ האָט ער געזאָגט מיט אַ טרויעריקן שמייכל. „שמעלט אייך פאַר, אויך איך האָב עס שוין געוואָלט זיין...״

ער האָט איר דערציילט, ווי ער האָט געוואָלט זיין ניצלעך און וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזן.

„קומט אין פּאַלעסטינע,״ האָט זי געזאָגט. „דאָרטן וועט איר קאָנען זיין ניצלעך מיט דעם קאַפּיטאַל, וואָס אייך איז געבליבן. און וואָס קאָן זיין אינטערעסאַנטער, ווי אויפצובויען אַ פאָלק?״

„איך בין נישט קיין ציוניסט.״

„דאָס פאַרשליסט פאַר אייך נישט אונזער לאַנד. און איז עס נישט ווונדער אינטערעסאַנט צו זיין דערביי, ווי אַ פאָלק, וואָס האָט שוין לאַנג נישט געפירט קיין אייגן פאָלקס־לעבן, שטרענגט זיך אָן ווידער צו פאַרפירן זיך מיט אייגענער באַלעבאַטישקייט און צו לעבן זיין אייגן לעבן?״

„מיר איז עס גאַנץ פּרעמד.‟
„וואָס איז אייך גאַנץ נאָנט?‟
„ווייס איך ווירקלעך נישט.‟
„גייט שלאָפן!‟ האָט זי שאַרף אַרויסגערעדט.
„וואָס מיינט איר, פאַר אַזעלכע, ווי איך, וואָלט טאַקע גוט געווען אַוועקצולייגן זיך שלאָפן און אַזוי שלאָפן, ביז די וועלט וועט ווידער ווערן אַ וויפל עס איז אָנגענעמער פּלאַץ צו לעבן אין איר.‟
„אַנדערע זאָלן זי צוגרייטן פאַר אייך, ווען איר וועט שלאָפן.‟
„אַנדערע האָבן עס פריער געטאָן, אַנדערע וועלן עס איצ־טער טאָן. מיר קאָנען נאָר קרעכצן און שלאָפן.‟
„שעמט איר זיך נישט?‟
„פאַרוואָס? אונזער שלאָף איז אומרואיק. מיר קרעכצן אויך אין שלאָף. מיט דעם וועקן מיר די טוער און דערגרייכער. דאָס איז אונזער חלק אין דער אַרבעט פון די אַנדערע.‟
ער האָט זיך צולאַכט. זי האָט אויף אים געקוקט מיט רחמנות.
„אָט זעט איר,‟ האָט ער געזאָגט. „איר האָט מיך איצטער אָנגעקוקט מיט רחמנות. דאָס געפיל וועקן מיר אויף אין די הער־צער פון אַלע טוער. און זיי וואַרפן זיך אַריין אין דער אַרבעט, צו העלפן אונז, אומצופרידענע, קרעכצנדיקע שלאָפער, וואָס גי־כער.‟
„איר לאַכט מיט קרעמעניעס. דאָס רופט מען תליה־הו־מאָר,‟ האָט זי געזאָגט. „אייך איז זייער טרויעריק, מר. לעווענ־בערג.‟
„זייער, מיס מאַנקאָף. איז ווען פאָרט איר אָפּ אין פּאַלעס־טינע?‟
זי האָט נאָך געדאַרפט זיין אין ווין אַ גאַנצע וואָך. אין פּאַ־לעסטינע האָט זי געדאַרפט פאָרן איבער ווענעציע.
ער האָט זיך אָנגעכאַפּט: ער וועט מיט איר פאָרן אין ווע־נעציע.
„איך האָב אַפילו פאַרשפּראָכן פעלדמאַנען אָפּצוּוואַרטן דאָ

אויף אים און צוזאַמען פאָרן נאָך איטאַליע, אָבער איך האָב איך נאָך פריער פאַרשפּראָכן צו זיין אייער אונטערפירער אויף אייער חתונה. איך וועל אים אָפּוואַרטן אין ווענעציע.״

אָבער אויפן דריטן טאָג איז אָנגעקומען פעלדמאַן פון רוס־לאַנד. ער איז געווען באַגייסטערט און האָט געהאַט טויזנט און איין נאַכט צו דערציילן.

דער רעפרען צו זיינע דערציילונגען איז געווען:

„רוסלאַנד איז אַ גרויסער כאַאָס. די נויט און עלנט זיינען אומבאַשרייבלעך. אָבער דאָס זיינען די געבורטסווייען פון אַ נייער געזעלשאַפטס־אָרדענונג, און יעדע נייע וועלט קומט אַרויס פון כאַאָס.״

„וועט איר זיך אומקערן איצטער צוריק אין אַמעריקע, אום אַריינצוּוואַרפן זי אין כאַאָס?״ האָט אַרנאָלד געפרעגט.

„איר פרעגט עס, ווי יעדער גוטער מיטגליד פון דער נעשאָ־נעל סעקיוריטי ליג,״ האָט פעלדמאַן געלאַכט. „אָבער איך קאָן אייך באַרואיקן. איך וועל איבערלאָזן אייער נעשאָנעל סעקיוריטי ליג און אירע מיטקעמפער אין אונזער הייליקער רעאַקציע אַריינ־צוּוואַרפן אונזער לאַנד אין כאַאָס.״

די וואָך אין ווין האָט אַרנאָלד אָפט געזען זיך מיט אָלגאַן. אויף דער רייזע נאָך איטאַליע און צוויי טעג אין ווענעציע, ביז דעם אָפּגאַנג פון דער שיף, וואָס האָט אַוועקגעפירט אָלגאַן נאָך פּאַלעסטינע, זיינען זיי די גאַנצע טעג געווען צוזאַמען. אָבער ווען זי איז אַוועקגעפאָרן, האָט ער זיך געפילט באַפרייט פון אַ געוויסער אָנגעשטרענגטקייט. ער האָט געמוזט טראַכטן, אַז דאָס שיקזאַל איז דאָך געווען פריינטלעך צו אים. ווען זיי וואָלטן זיך פאַרליבט איינס אין אַנדערן און חתונה געהאַט, וואָלט דאָס געווען די חתונה צווישן אַ לויפער און אַ קריכער. גאָט זיין דאַנק, וואָס דאָס איז נישט געשען. אָבער דאָך האָט ער זייער לאַנג נאָכ־געקוקט דער אַוועקגייענדיקער שיף מיט אַ געוויסער בענקעניש. און פּלוצלונג האָט ער זיך דערמאָנט אויף אַ מיידל, וועלכע האָט אים באַגלייט אומגעזעענערהייט. ער איז פריילעך געוואָרן. ער האָט אפילו גלייך אָנגעשריבן יענער מיידל אַ לאַנגן בריוו.

## X

די צייט אין איטאַליע איז געווען אַ זייער אומרואיקע. דער געזעלשאַפטלעכער ווערזיווי האָט געקאָכט. די צייטונגען זיינען געווען פול מיט באַריכטן וועגן קאַמפן צווישן סאָציאַליסטן און פאַשיסטן. מען האָט זיך געדאַרפט ריכטן אויף אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע אָדער אויף אַ בירגער־קריג.

אַרנאָלד האָט זיך געפילט אומגעמיטלעך. ער האָט נישט געקאָנט געניסן מער די קונסט־גאַלעריעס, נישט געקאָנט פאַרגעסן זיך. אים האָט זיך געדוכט, אַז ווען ער וועט אַרויסקומען פון דער הייליקער שטילקייט פון דעם קונסט־טעמפּל, וועט ער אַריינפאַלן אין אַ גאַסן־שלאַכט, ווו ברודער וועט מאָרדן ברודער. ער האָט געציטערט דערפאַר. אַ פּאָר אַזעלכע סצענעס האָט ער דורכגעלעבט — גאַסן־שלאַכטן צווישן פאַשיסטן און סאָציאַליסטן, און דאָס געזעענע, די ברוטאַליטעט און די מאָרד־לוסט, האָט אַזוי געווירקט אויף אים, וועלכער האָט קיינמאָל נישט אויפגעהויבן אַ האַנט אויף אַ מיטמענטש, אַז ער האָט טעגלאַנג נישט געקאָנט קומען צו זיך.

אָבער אין דער אייגענער צייט האָט ער קיין חשק נישט געהאַט אומצוקערן זיך צוריק אַהיים אין אַמעריקע. די גרוסן, וועלכע ער האָט פון דאָרטן געקראָגן, די באַריכטן, וועלכע ער האָט געלייענט אין די אַמעריקאַנער צייטונגען, האָבן אים אָנגעפילט מיט שרעק און טרויער. די פאַרשיידענע, אַזויצוזאָגנדיקע, פּאַטריאָטישע געזעלשאַפטן, וועלכע האָבן געהאַט די העזה אָנצורופן

זיך הונדערטפּראָצענטיקע אַמעריקאַנער, די פינסטערע לאָסק־גע־זעצן אין שטאַט ניו־יאָרק, דער ווּקס פון דעם צבועציש קריסט־לעכן קיו קלאָקס קלען, די „אָפּן־שאָפּ" באַוועגונג, די אינדזשאָנק־שאָן־הערשאַפט, און אַזוי ווייטער — בכלל, די אַמעריקע, וועלכע האָט געקאָנט אויסקלייבן אַלס איר פּרעזידענט אַ מאַן ווי וואָרן גמליאל האַרדינג — ווי וועט ער דאָרטן קאָנען אָטעמען?

ער האָט אָפט באַשפּראָכן די לאַגע מיט פעלדמאַנען, וועל־כער האָט אויך נישט געהאַט קיין איבעריקע לוסט אומצוקערן זיך.

„קאָנסט איר מיר נישט זאָגן, וואָס איז דער אַמעריקאַניזם פון די, וועלכע דערוועגן אָנצורופן זיך הונדערטפּראָצענטיקע אַמעריקאַנער?" האָט פעלדמאַן איינמאָל געפרעגט אים.

ארנאָלד האָט גראָד געשפּילט זיך מיט אַ נוס, וועלכע איז באַקאַנט אַלס פּוסטע נוס, ווייל זי האָט אַ פון ווערעם אויסגע־געסן לאָך אין איר שאָלעכטס, און איר קערן אינעווייניק איז נאָר אַביסל שוואַרצער שטויב.

„אָט," האָט ער געזאָגט און באַוויזן פעלדמאַנען די פּוסטע נוס.

פעלדמאַן האָט אויפגעלאַכט.

„ריכטיק! און קאָנט איר מיר זאָגן, וואָס איז בכלל אַמערי־קאַניזם?"

ארנאָלד האָט אָנגעשטעלט אַ פאַרטרוימטן בליק אין ערגעץ אַ ווייטקייט.

„אַמעריקאַניזם," האָט ער געזאָגט, „איז אַמאָל געוועזן פאַר מיר דער באַגריף פון אַלע בירגערלעכע פרייהייטן און פון דער גרעסטער מענטשלעכער איידלקייט. אַמעריקאַניזם האָט ביי מיר געהייסן: די פּלייצעס ברייט, דער קאָפּ אויפגעהויבן צו דער זון, דאָס העמד אויפגעעפנט אויף דער שטאַרקער ברוסט, און פון האַלז אַ הימן צום גרויסן מענטשלעכן פּראָגרעס. עטוואָס וואָלט וויטמאַנישעס. איצטער — איצטער האָבן מיר הונדערטפּראָצענ־טיקע און קיו קלאָקס קלען, וועלכע זיינען די ווערים, וועלכע האָבן אויסגעגעסן אָט דאָס לאָך אין דער נוס און פאַרניכט דעם קערן."

ער האָט אַ ווײַלע באַטראַכט די פּוסטע נוס און ווײַטער געזאָגט:

„די פּוסטע נוס האָט נאָך אַ באַזונדערקייט. ווען מען טראָגט אונטער דאָס לאָך צום מויל, קאָן מען פּייפן. איר זעט?״ ער האָט אָנגעהויבן צו פּייפן אויפן לאָך פון דער פּוסטער נוס. עס זײַנען אַרויסגעקומען אומאָנגענעמע פאַרשטיקטע פּייפן. „אונזערע הונדערטפּראָצענטיקע,״ האָט ער געזאָגט, ווען ער האָט אָפּגעשטעלט זײַנע פּייף־עקספּערימענטן, „פּייפן אויף זייער פּוסטער נוס און ווילן אײַנרעדן די וועלט, אַז זיי מאַכן וווּנדערלעכע מוזיק.״

און איין אָוונט אין נעאַפּאָל, ווען אַרנאָלד און פעלדמאַן האָבן זיך צוגעוווּנטשן אַ גוטע נאַכט נאָך אַ שווערן טאָג פון אַרומשפּאַצירן איבערן וועזוווי און אין די גאַסן פון פּאָמפּעי און הערקולאַנום און זײַנען זיך צוגאַנגען אין זייערע צימערן, האָט אַרנאָלד אָנגעקלאַפּט ביי פעלדמאַנען, אַרויסגעריסן אים פון זײַן שלאָף און אַרײַנגעקומען צו אים מיט אַן איטאַליענישער ביבל אין דער האַנט:

„אַנטשולדיקט, אָבער איר וועט דערשלאָפן מאָרגן אינדערפרי. איצטער וויל איך רעדן. הערט אַ פּסוק אין ישעיה.״

פעלדמאַן האָט געמאַכט גרויסע אויגן.

„די ביבל נאָך? זײַט ווען לייענט איר די ביבל? קלייבט איר זיך פרום צו ווערן?״

אַרנאָלד האָט גערעדט אין אַ מין אויפגערעגטקייט:

„ערשטנס, צוליב איטאַליעניש. צווייטנס, איז די ביבל מיר ליטעראַטור. דריטנס, מאַכט איר אַ טעות. די ביבל האָט קיינמאָל קיינעם נישט פרום און גוט געמאַכט. אומגעקערט, צוליב איר און אין איר נאָמען זײַנען באַגאַנגען געוואָרן די שווערסטע, די גאָטלאָזעסטע פאַרברעכנס. אויב איר האָט עפּעס צו דערווידערן, לייגט עס אָפּ אויף שפּעטער. איצטער הערט דעם פּסוק: „גיי, מײַן פאָלק, קום אין דײַנע צימערן און פאַרשליס די טירן הינטער זיך; באַהאַלט זיך אויף אַ קליינער ווײַלע, ביז דער גרימצאָרן וועט אַריבער.״ איז עס נישט אַ וווּנדערבאַרע פּראָגראַם פאַר מיר און אַזעלכע, ווי איך? באַהאַלטן זיך, פאַרשליסן די טירן הינטער

זיך און אָפּוואַרטן ביז דער גרימצאָרן, די רעאַקציע וועט אַרי־בער.״

פעלדמאַן האָט אינגאַנצן אַרויסגעריבן דעם שלאָף פון זיי־נע אויגן און מיט אַ רואיקן טאָן געזאָגט:

„און וואָס האָט איר געטאָן פ אַ ר דער רעאַקציע? און וואָס וועט איר טאָן נ אָ ך דער רעאַקציע? זייט איר נישט שטענ־דיק געווען פאַרשלאָסן הינטער טירן?״

אין צימער איז געווען שטיקיק־היים, און ביידע פריינט זיינען אַרויס אויפן באַלקאָן. פאַר זיי איז געלעגן דער האַפן פון נעאַפּאָל אונטער אַ וווּנדערבאַר־בלויען, אויסגעשטערנטן הימל. אין דערווייטנס האָבן געפינקלט פייערלעך פון קאַפּרי און פון די שטעטלעך ביים ברעג. הינטער די פייערלעך האָט דער וועזוווי געוואָרפן זיינע שטיקער פייער און זיין אייביקער רויך האָט זיך געצויגן צום הימל. און אונטן, ביים האַפן, איז אַ גרופּע נעאַפּאָ־ליטאַנער געזעסן ביים וויין און האָט פריילעך געזונגען.

אַרנאָלדס אויגן זיינען זיך צולאָפן איבער דער שיינקייט פון דער סוף־זומער־נאַכט אונטער דעם נעאַפּאָלער הימל. עס האָט זיך אים געוואָלט אויפאָטעמען פריי און ברייט, אָבער זיין האַרץ איז אים געווען שווער, און אין קאָפּ האָט זיך אים אַרומגעדרייט אַ מין רעזיומע פון זיין יונגן לעבן.

„מיין זיידע איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער,״ האָט ער אָנ־געהויבן, געצויגן די ווערטער, די אויגן צום וועזוווי, „אַן אַק־טיווער רעוואָלוציאָנער, וועלכער האָט געמוזט אַנטלויפן פון דער פּרייסישער פּאָליציי. מיין טאַטע האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ טיף־עמישע וועלטאַנשויאונג, זיין רעליגיע, וועלכע ער האָט געוואָלט פאַרשפּרייטן צווישן זיינע מעטמענטשן און געלאָזן זיך קאָסטן אַ סך געלט אויף דעם. אָבער איך האָב אין מיר געהאַט דעם שניט פון אַן איינפאַכן אַמעריקאַנער פּיליסטער — אויך אַן אייניקל פון רעוואָלוציאָנערן, און דער שניט איז: די גרויסע צופרידנקייט. פ אַ ר דער פאַרשאָלטענער מלחמה און פ אַ ר דער גרוייזאַמער רעאַקציע, וועלכע זי האָט געבראַכט מיט זיך, האָב איך אַרומגע־טראָגן אין זיך די צופרידנקייט און פרייד מיט דעם מענטשלעכן פּראָגרעס. אַלץ איז גוט און אַלץ איז שיין, און עס וועט נאָך

ווערן בעסער און שענער. איך האָב הנאה געהאַט, וואָס איך בין געבוירן געוואָרן, און עס האָט מיר אימפּאָנירט, וואָס איך בין אַן אַמעריקאַנער: שטאָלץ געוועזן אויף מיין געבורט אין גאָט־געבענטשטן לאַנד. איצטער האָב איך די פרייד און די צופרידנקייט פאַרלוירן. די מלחמה און די רעאַקציע האָבן זי געטויט אין מיר און באַשעמט אין מיר דעם פּיליסטער. איצטער ווערט מיר אָפט אַזוי טרויעריק, אַז איך קאָן וויינען. איך האָב אייך קיינמאָל נישט דערציילט, אַז אין יענעם זונטאָג, ווען דער מאַרש פון די קליינע יינגלעך אין מיליטערישער פאָרם און אוניפאָרם האָט מיך צוגעצויגן צו מיין פענסטער אין מיין ניו־יאָרקער צימער, האָב איך זיך צעוויינט. און פון דעמאָלט אָן האָב איך א סך מאָל אַזוי געפילט. יעדער נייער אויפטו פון דער רעאַקציע איז פאַר מיר א נייער ווייטאָג. איך פיל זיך באַליידיקט מיט יעדער נייער שאַנדטאַט...״

„מיר, סאָציאַליסטן, האָבן דאָס אַלץ פאָראויסגעזען,״ האָט פעלדמאַן אַרויסגערעדט.

„ווען איך לייען,״ האָט אַרנאָלד פאָרטגעזעצט, „ווען איך לייען וועגן דער שרעקלעכער כוואַליע פון רויב און מאָרד, וועלכע האָט זיך צוגאָסן איבער אַמעריקע, ברענט אויף מיר מיין הויט. דאָס איז דער פולשטענדיקער באַנקראָט פון יעדער מאָראַל דורך דער מלחמה. שטעלט אייך פאָר, מען האָט גערופן אונזער יוגנט אין דער מלחמה אריין, אין נאָמען פון גאָט וויים וואָס פאַר א הויכע פרינציפּן, נאָר באַלד האָבן די יונגע מענטשן אַנטדעקט, אַז מען האָט זיי באַשווינדלט. זיי האָבן אויסגעפונען, אַז מען האָט זיי געשיקט צו מאָרדן און טויטן און אויפגעהאַלטן פאַר זיי מיידלהייזער, כדי עמעצער זאָל זיך באַרייכערן. ווי האָט אויף זיי אַזאַ אַנטדעקונג געקאָנט ווירקן? וואָס עס איז דערלויבט געוועזן צו טאָן פאַר די צבועקעס און היפּאָקריטן אין נאָמען פון שטאַט, דערלויבן זיי זיך איצטער צו טאָן פאַר זיך אַליין, פאַר זייער אייגענער באַרייכערונג, פאַר זייער אייגענעם פאַרגעניגן.״

„מיך אַרט נישט צו זען די מלחמה אַנגעקלאָגט אין דעם פּרט אויך,״ האָט פעלדמאַן געזאָגט. „אָבער מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז פאַר דער מלחמה האָבן מיר אויך געהאַט מאָרד און

רויב. דאָס גייט מיט אונזער וועלט־אָרדענונג, מיט פּריוואַט־אייגנ־טום, מיט רייכטום און אָרעמקייט.״

„איך וויים עס,״ האָט אַרנאָלד דערווידערט. „איך באַהויפּט אָבער, אַז די איצטיקע כוואַליע קומט פון דעם אָקעאַן פון פאַר־ברעכן, וואָס האָט געהייסן „די מלחמה פאַר דעמאָקראַטיע״. יעדע מאָראַל איז אונטערגעגראָבן געוואָרן, רעליגיע איז אַראָפּגעשווענקט אָדער שטאַרק פאַרוואַסערט געוואָרן, און איבער אַלץ שווימט און שוימט געמיינע היפּאָקריטסטווע. איז גלייכער אָפּצושליסן זיך, פאַרמאַכן הינטער זיך די טירן און פאַרשליסן זיי. נישט זען און נישט הערן, וואָס עס קומט פאָר. ביז דער גרימצאָרן וועט אַרי־בער. ביז וואַנען עס וועט קומען די גליקלעכע צייט, איך וועל קאָ־נען אויפשליסן די טירן און אַרויס פון מיינע צימערן אין דער פרייער וועלט אַריין, פריי אויפאָטעמען, אָננעמען זיך ווידער מיט דער פרייד, וועלכע איידעלע און שיינע מענטשלעכקייט קאָן אונז געבן...״

פעלדמאַן האָט שיר נישט אַרויסגערעדט: „הלוואי קאָן איך זיך אַזוי אָפּשליסן!״ איז דען נישט די גאַנצע אַרבעט פון אים און זיינע חברים געווען אַן אַרויסגעוואָרפענע? אפילו אין זיין אייגענער יוניע איז אַלץ געגאַנגען קאַפּויר. אַ גייסט האָט זיך אַריינגעריסן צווישן אַרבעטער און פירער, וועלכער האָט געדראָאָט אָפּצוטויטן אין דער יוניע יעדן אידעאַליזם און אַראָפּצודריקן זי צו אַן איינפאַכער קאַמף־אַגענטור פאַר שכירות און שטונדן פאַר די אַרבעטער און פאַר גוטע שטעלעס פאַר די פירער. אַ געלט־גייסט און אַ מאַכט־גייסט. אַ גייסט פון געפערלעכער און געמיי־נער קאָרופּציע. זיין גאַנצער קאַמף פאַר אַ רעוואָלוציאָנערן אינ־האַלט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג איז אים באַלד פאָרגעקומען, ווי דער קאַמף פון דעם גריכישן גענעראַל לעאָנידאַס ביי די טער־מאָפּילן. אַ קליינע טרופּע סאָלדאַטן האָט געוואָלט פאַרהאַלטן דעם מאַרש פון דער גרויסער פּערסישער אַרמיי. זיי האָבן אַלע געמוזט פאַלן און דער פיינט איז אַריבער איבער זייערע טויטע קערפּער. דער עיקר נאָך, ווייל שטענדיק געפינען זיך פאַררעטער, וועלכע מאַכן דעם שונא לייכטער זיין קאַמף.

ער האָט אויפגעטרייסלט זיין קאָפּ, אַראָפּגעשאָקלט פון זיך

די אַלע שווערע געדאַנקען, ווי ער וואָלט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך אַ בייזן חלום. און מיט דעם שמייכל, וועלכער איז די גאַנצע צייט געלעגן אויף זיינע ליפּן, האָט ער געפרעגט:

„און ווער זאָל פאַר אייך אויסקעמפן אָט די גליקלעכע צייט?"

„מסתמא איר," האָט אַרנאָלד אויפגעלאַכט, און אין ערנסט צוגעגעבן: „די צייט וועט דאָך מוזן קומען." —

אין יענער נאַכט האָט אַרנאָלד נישט געקאָנט איינשלאָפן. דער געדאַנק פון איינשליסן זיך האָט אים שטאַרק פאַראינטערע־סירט. ער איז אים נאָכגעגאַנגען טיף אין זיך, אויסגעאַרבעט, אַנט־וויקלט. אינדערפרי האָט ער דערקלערט פעלדמאַנען, אַז ער וועט מער נישט אַרומוואַנדערן איבער דער וועלט צו זוכן אַ ווינקל פאַר דעם באַליידיקטן געפיל. ער וועט זיך אומקערן אַהיים.

פעלדמאַן, וועלכער איז שוין געשטאַנען אויפן וועג אַהיים, איז געוועזן צופרידן צו האָבן אים ווייטער אַלס מיטרייזער.

## XI

פון פיר נאָך האָט אַרנאָלד אויפגערופן די ברענדס.

מרס. ברענד האָט אויפגעשריען פאַר איבערראַשונג, ווען זי האָט דערהערט זיין שטימע, און מיט אימפעט צוגערופן צום טע־לעפאָן ליליען.

„ליליען, שנעל, אַרנאָלד ביים טעלעפאָן! לעווענבערג!"

ליליען פון איר פּלאַץ האָט אויסגעשריען:

„וואָס רעדסטו דאָרטן!"

און איז געלאָפן צום טעלעפאָן, נישט זעענדיק דעם וועג, ווייל עס האָט איר געשווינדלט פאַר די אויגן.

אַרנאָלד איז געווען קורץ, טעלעגראַפיש.

„איך בין ערשט אָנגעקומען. היינט אין אָוונט קום איך צו אייך. אייך גייט דאָך גוט, ווי? אַדיע!"

ליליען איז געפאַלן דער מוטער אויפן האַלז, פאַרגראָבן דאָס געזיכט און איז אַזוי געבליבן שטיין מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרץ.

מרס. ברענד האָט זיך געווישט די נאַסע אויגן.

אַרנאָלד האָט דעם גאַנצן נאָכמיטאָג געהאַט באַזוך. די פּע־טערס און מומעס זיינען געווען, אַ פּאָר קוזענס און קוזינען. אָבער דאָס וויכטיקסטע שטיקל נייעס האָט אים דערציילט די מוטער: ענדריו קעלערמאַן און קעטרין שופראַ צוגטן זיך שוין. ער איז נישט געווען איבערראַשט, אָבער ער האָט געלאַכט זיין האַר־ציקסטן געלעכטער.

ווען אין אָוונט האָט ער זיך אויסגעפּוצט אַוועקצוגיין, האָט די אַלטע מוטער זיך דערשראָקן.

„דעם ערשטן אָוונט ווילסטו מיך שוין פאַרלאָזן?" האָט זי זיך געקלאָגט.

זי איז געוועזן זיכער, אַז ער גייט צו קעטרין, און דאָס האָט זי אָנגעטאָן מיט אויספּלוידערן דאָס שטיקל נייעס וועגן דעם גט. האָט זיין קומען עפּעס צו טאָן מיטן גט?...

„וויכטיק, מוטערל," האָט ער געענטפערט. „און דו וועסט זיין צופרידן."

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט צווייפל: וועט זי ווירקלעך זיין צופרידן? און שווער אויפגעזיפצט: „הלוואי!"

ביי די ברענדס האָבן אים באַגעגנט ביי דער טיר טאַטע, מאַמע און טאָכטער, אויפגערעגטע, פרייליכע, גליקלעכע. ער האָט געדריקט די האַנט מר. ברענד, מרס. ברענד. אָבער ליליענס האַנט האָט ער געדריקט צולעצט און נישט אַרויסגעלאָזן פון זיינער.

„פאַרבענקט זיך נאָך דעם שטויב פון פאָטערלאַנד, האַ?" האָט זיך גוטמוטיק גערייצט מר. ברענד.

„איך וועל אייך ענטפערן, ווען איך וועל פריער זיך דורכרעדן מיט ליליען," האָט ער געענטפערט. „איר וועט אַנטשולדיקן, ווען איך וועל זי צוערשט בעטן, זי זאָל מיך איינלאַדן אין איר סטודיע."

זי האָט גוט געוווּסט, וואָס ער וועט איר זאָגן, און איר האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט. נאָך עטלעכע שריט האָט זי אים אָפּגעשטעלט אין דעם ליידיקן פאָיע, אַריינגעקוקט אים טיף אין די אויגן, אַרויפגעלייגט די אָרעמס אויף זיינע אַקסלען און צוגעצויגן זיך צו אים. ער האָט זי אַרומגענומען. ליפּן האָבן זיך צונויפגענאָסן מיט ליפּן אין אַ לאַנגן קוש. און דאַן האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט:

„אָבער אין דיין סטודיע וויל איך דאָך מיט דיר."

הינטער דער טיר פון דער סטודיע האָבן זיך איבערגעחזרט אומאַרמונג און קוש, און דאַן האָט זי געשעפּטשעט:

„זאָג מיר, וואָס דו האָסט געוואָלט מיר זאָגן."

און האַלטנדיק זי פאַר די הענט און אַריינקוקנדיק איר טיף אין די אויגן, האָט ער גערעדט:

„איך ליב דיך. דאָס האָב איך זיך דערוווּסט, וואָס ווייטער איך בין אַוועקגעפאָרן פון דיר און וואָס לענגער די צייט איז געוואָרן...”

„און איך האָב דיך שוין לאַנג געליבט,” האָט זי אים איבערגעריסן. „אָבער וואָס לענגער די צייט, האָב איך דיך געליבט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער — אויב אַזאַ זאַך איז מעגלעך.”

„דו האָסט געליטן?”

„ניין, איך האָב געוווּסט, אַז דו וועסט צו מיר קומען.”

ער האָט זי אַ קליינע ווײַלע אָנגעקוקט.

„פונוואַנען האָסטו עס געוווּסט?”

„ווײַל איך האָב אין דיר דערקענט אַ געוויסע בענקעניש געדענקסט, ווען דו ביזט איינמאָל געקומען צו מיר מיט דיינע פּלענער וועגן ווערן טעטיק, אַריין אין קאַמף מיט דער שלאַנג רעאַקציע? איך האָב דיר דעמאָלט דערציילט וועגן מיין אָפּגעשלאָסנקייט אין אַ צירקל, וועלכן איך האָב אַרומגעצויגן אַרום זיך. און ווען איך האָב גערעדט, האָב איך דערקענט אָן דיר, אַז דו בענקסט נאָך אַזאַ אָפּגעשלאָסנקייט...”

„איך האָב זי, דאַכט זיך, אַליין נישט באַמערקט.”

„עס מאַכט נישט אויס. דו ביזט געווען צו פאַרטאָן מיט דער קאַמף־אידעע, און איך האָב נישט געוואָלט אויפמערקזאַם מאַכן דיך, אַז אין אמתן בענקסטו נאָך אַן אַנדער לעבן.”

אַרנאָלד האָט פאַנאַנדערגעריסן די אויגן, אָנגעקוקט זי מיט גרויסער באַוואונדערונג, צוגעצויגן זי צו זיך, געקושט זי.

„ווי קלוג! ווי זעעריש!” האָט ער אַרויסגערעדט אין התפּעלות. „יאָ, איך בין געקומען צו דיר, אָפּצושליסן זיך מיט דיר. דו זאָלסט דערוווייטערן דיין לעבנס־צירקל אויף אַזויפיל, אַז איך זאָל קאָנען אַריינטרעטן אין אים...”

„ביזט שוין אין אים אַ היפּש שטיקל צייט. ביזט שוין אין אים פון די וואַשינגטאָנער טעג.”

„זיך אַליין געגנוג זיין, ווי דו האָסט עס דעמאָלט געזאָגט, ליליען. לעבן האַנט אין האַנט, נשמה אין נשמה, מיט אונזער

ביסל קונסט, מיט אונזער ביסל בענקעניש נאָך שיינקייט, מיט אונזער וועלטפּרעמדקייט. אויסבויען זיך אַ שטיבל אויף אַן אינזל אינמיטן שטורמישן ים, אַריין אין דעם שטיבל, פאַרמאַכן הינטער זיך די טירן, און זאָל דאָרטן שטורעמען און רעשן און ברעכן...״

„דו מיינסט עס דאָך סימבאָליש?״

„האַ־האַ!... איך רעד דאָך אין דיין שפּראַך פון „צירקל״ און זיך אַליין געגוג זיין.״

„און עס וועט זיין גוט, אַרנאָלד.״

„דאָס גלויב איך מיט מיין גאַנצער נשמה.״

זיי האָבן זיך ווידער ענג אַרומגענומען אין זייער ליבפולן קוש. דאָס געפיל, אַז „עס וועט זיין גוט״, האָט זיי אויסגעפּילט און אָנגעגאָסן זייערע אויגן מיט טרערן. ליליען האָט באַהאַלטן איר קאָפּ אויף זיין אַקסל, געקעמפּט, נישט צו צוויינען זיך. ווען זי האָט געקאָנט רעדן, האָט זי געזאָגט:

„איצטער, ליבער, וועלן מיר אויף אַ ווײַלע אויפעפענען אונ־זער קרייז, אויפמאַכן די טירן און אַרוים צו די עלטערן.״

די עלטערן האָבן געוואַרט אין דער גרעסטער אויפרעגונג. ווען אַרנאָלד און ליליען זיינען צו זיי אַריין, האָט אין האַנט, גליקלעכע, פריילעכע, לאַכנדיקע, האָט מרס. ברענד נישט געקאָנט איינהאַלטן מער אירע פריידן־טרערן.

ווען די קושן און די ברכות פון די עלטערן האָבן אויפ־געהערט, האָט אַרנאָלד געוואָנדט זיך צו מר. ברענד:

„איצטער, פאָטער, זאָגט מיר, וואָס האָט איר געוואָלט וויסן...״